STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07433

DI LETSTE GETO

A. Weitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם ווייץ

די לעצטע נעטאָ

בוך

47

אברהם ווייץ

די לעצטע נעטאַ

פֿאַרלאַג „ייִדבוך"

ביי דער

„געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"

בוענאָס-אײַרעס

1961

אינהאַלט

ערשטער טייל

מנחם מרגליות — 9
דאָס פאַרלוירענע בלעטל — 18
דער ייִד מיט דער לאַמטערנע — 24
די אַלטשטאָטישע שול ברענט — 32
ר׳ איטשקעס הויז — 44
דער פאַרהאָנגענער שפּיגל — 58

צווייטער טייל

דער בית־עולם פון לעבעדיקע מתים — 73
דבורהס דערוואַכונג — 89
די ייִדישע קאָמענדאַטור — 105
דער שפּיטאָלנע בונקער — 116
די ליבע פון פאַראורטיילטע — 124
ליכט אין תהום — 132
ברונאָ קאַכאַנאָווסקי — 145
צווישן צוויי וועלטן — 157
אונטערערדלער — 173
די בלומען־פאַרקויפערין — 184
לידאָ קאַרינסקאָ — 193
נאָכן באַזוך ביים מאַיאָר ראַדעצקי — 210
אין אַלטן בית־המדרש — 224
דער היסטאָריקער פאַרן געשטאַפּאָ־טיש — 236
באַראַטונג אין שטאַב — 253

דריטער טייל

דער סדר — 265
אין מאַרישאַס קעלער — 279
דער קאָשמאַר — 293
וועסטאָ האָט זיך אויסגעלאָשן — 322
פאַרוואַנדלונג — 336

גם כי אלך בגיא צלמות לא אירע רע
כי אתה עמדי שבטך ומשענתך המה
ינחמוני — — —

תהילים כ״ג

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

מנחם מרגליות

די האַנט, וואָס האָט זיך אויסגעשטרעקט צום טיש־קאַלענדאַר און אָפּגעריסן אַ בלעטל מיט דער דאַטע פון 24סטן אויגוסט 1939, האָט געהערט צום דיכטער מנחם מרגליות.

ער איז געזעסן ביים שרייבטיש פון זיין ביבליאָטעק־צימער. אויפן שרייבטיש זענען געווען אָנגעהויפט אַ היפש ביסל ביכער, וואָס דער פּאָעט האָט אין פּראָצעס פון שאַפן תמיד געמוזט האָבן פֿאַר די אויגן. די ביכער מיט גאָלד־געלײשטע רוקנס זענען געלעגן אויף זיין טיש ווי אַ גאָלדענע קייט, וואָס האָט אַריינגערינגלט דעם ביבלישן און וועלטלעכן עפּאָס; די אגדות פון תלמוד און מדרשים; די ווערק פון ר׳ סעדיה הגאון, ר׳ יהודה הלוי; די וועלט־פּאָעזיע פון שעקספּיר, געטע, בייראָן, וואָלט וויטמאַן און פּושקין; זאַמלונגען, קינדער־מעשיות פון אַנדערסען און פון די ברידער גרים; אינדאָ־גערמאַנישער פֿאָלקלאָר; גריכישע מיטאָלאָגיע און מאָדערנע אויסגאַבעס פון דער יידישער און העברעיִשער פּאָעזיע.

מנחם מרגליות איז שוין געווען אַריינגעוועבט אינעם זעכציקסטן לעבנס־יאָר. ער איז געווען הויך און אויסגעדאַרט ווי אַן אַסקעט. זיינע לאַנגע האָר האָבן אין די לעצטע יאָרן דערמאָנט אין פּליסיקע, דינע שטראָמען פּערלמוטער איבערן שאַרבן פון אַן איינדרוקספולן קאָפּ. ער האָט געהערט צו דער כיתה פון שטילע, באַשיידענע מענטשן וואָס האָבן ליבער די יחידותדיקע אָפּגעשלאָסנקייט ווי דעם קהלישן געטומל. ער האָט זיך תמיד געפלעגט אָפּזאָגן אַרויסצוטרעטן מיט אַ פּאָרטראַג. און בעת ער האָט אַמאָל מסכים געווען, איז ער געשטאַנען ביים שטענדער מיט דער פֿאַרלוירנקייט פון אַ חדר־יינגל, וואָס האָט אויסגעצייכנט געקענט דעם שיעור און האָט זיך פֿאַר אימתא־דציבורא פונדעסטוועגן געפּלאָנטערט. זיינע גרויסע פּקחותדיקע אויגן האָבן בשעת־מעשה געצאַפּלט ווי בלויע טויבן, אַרומשוועבנדיק אין רוים. זיין נאָז וואָס האָט געווירקט פֿאַרן אויג ווי איבער־

געבראָכן אין דער מיט, האָט ער נאָכאַנאַנד געווישט מיט אַ שפּיץ פון אַ ווײַסן טיכל. אָבער זײַן שטים איז געווען וואַרעם, מעלאָדיש־אַנגענעם און האָט געווירקט אויף די צוהערער ווי אַ ווידערקול פון דער נביאים־תקופה.

ס'איז געווען אַרום זיבן אַזייגער אין דער פרי. דער מזרח־הימל האָט שוין געהאַט אויסגעשפּילט זײַן פאַרבן־סימפאָניע און צעוואָרפן קאָלירטע, פּיסטרע שטרײַפן זונענליכט אויף די ביכער־פּאָליצעס וואָס האָבן אינעם פּאָעטס ביב־ליאָטעק־צימער, פאַרכאַפּט די ווענט ביז אַרויף צום סופיט־צו.

הגם דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ הייסער, האָט זיך מנחם מרגליות ווי תמיד צוגעזעצט צום שרײַבטיש אין זײַן שוואַרצן אויסגעריבענעם אנצוג. אַ שטײַפער קאָלנער מיט צוויי אויסגעלייגטע שפּיצן, פאַרמירט ווי צוויי דריבנע קלאַפּעלעך פון אַ מלבוש, האָט אַרומגענומען זײַן דינעם האַלדז מיט דעם שאַרף־אַרויסגעזעצטן קראַפּ. אין זײַן שוואַרצן קראַוואַט האָט אויך איצט פונקט ווי בעת אַ פײַערונג, געשטעקט זײַן קליינטשיק גאָלדן האַרפעלע מיט די אויסגע־קריצטע אותיות „הזמיר".

אַ ראַזעווער פלעק האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף זײַן אַנגעהויבענער פּאָע־מע „איפיגעניע". ער האָט האַסטיק גענומען די פעדער אין דער האַנט אַרײַן מיט דער כוונה אויפצושרײַבן בנשימה־אחת עטלעכע סטראָפעס, וואָס ער האָט שוין אין אײַנע פון זײַנע „ווײַסע נעכט" געהאַט אויסגעחלומט און אויספאָרמירט, אָבער ער האָט די פעדער נערוועז צוריק אַוועקגעלייגט. ער האָט זיך תחילת נישט געקענט דערקלערן די סיבה פון זײַן אינערלעכער צעריסנקייט. ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט דערווײַטערט פון דער טעמע און ער איז געבליבן זיצן מיט אַן אויסגעלאָשן התלהבות אין האַרצן.

„אפשר שרײַבן זיך מיר נישט קיין מיטאָלאָגישע סוזשעטן? אפשר שרעק איך זיך, ווײַל געטע און שילער האָבן שוין די טעמע באַרירט? וואָס האָט מיך דאָ אייגנטלעך פאַרכאַפּט? דער גורל פון דער וווּנדערשיינער איפיגעניע. דער בייזער צעשטורעמטער ים וועט זיך פריִער נישט אײַנשטילן ביז ער וועט האָבן פאַר אַ קרבן דעם גראַציעזן, מאַרמאָר־ווײַסן קערפּער פון דער יונגער, בליִענדי־קער איפיגעניע. איר פאָטער, דער קעניג אַגאַמעמנאָן האָט זי צוליב זײַנע מי־ליטערישע אַמביציעס מקריב געווען, גלייבנדיק אַז דער צעבושעוועטער ים וועט זיך אײַנשטילן האָבנדיק באַקומען איפיגעניע פאַר אַ קרבן, און ער, דער קעניג הייסט עס, וועט גיכער קענען פירן זײַנע באַוואָפנטע שיפן צו די ברעגעס פון טראָיאַ? און אפשר לאָקט מיך דאָס טראַגישע געשטאַלט קליטעמנעסטראַ, וואָס קען אָן נקמה אין איר מאַן נישט אויסלייזן איר געוואַלדיקן צער? אייגנטלעך ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צום תנך־מאָטיוו — יפתחס טאָכטער. ביידע טעמעס — צוויי לײַבלעכע שוועסטער. טאָ וואָסזשע שרעקט מיך דאָ דער פרעמדער

קוואַל? כ׳קען דאָך גיין צו מיין אייגענעם קוואַל? אפשר שטאַמט גאָר מיין אומרו פון די מלחמה־שטימונגען? קענען טאָקע אַלע מענטשישע שאַפונגען אַ ליאַדע טאָג פאַרוואַנדלט ווערן אין שטויב?״ — — —

***

— אַ מלחמה? — האָט מנחם מרגליות אַ צאַפּל געטאָן און זיך אַרומגע־קוקט.

ער איז געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט; ס׳האָט אים מיטאַמאָל גענומען זשומען אין מוח און קלינגען אין אַן אויער. באַלד האָט אים אַן אויסדאַכטעניש אויפגעטרייסלט. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז זיין ביבליאָטעק האָט פּלוצלינג גענומען ברענען. אַ פּאַסמע פייער וואָס האָט פון ערגעץ־ווו אַרויסגעזעצט מיט אַ געקראַך, האָט אים אַ פּאַטש געטאָן איבערן פּנים. זיין ביבליאָטעק איז פול געוואָרן מיט ווייסע צעשלענגלטע רויך־קנוילן איינגערעמט אין שוואַרצן, וואָס האָבן אים ממש גענומען קרעלן און ווערגן אין דער קעל.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געוואָלט אַרויסלויפן. אָבער אויף דער שוועל איז געשטאַנען זיין פרוי׳ס שוועסטערן־טאָכטער, דבורה.

דאָס יונגע מיידל אין אַ ווייסער ריפּסענער בלוזקע, אין אַן אונטערקליידל פון שוואַרצן סאַמעט, מיט אַ צעלאָזענעם קאָפּ גאָלדענע האָר ביז צו דער טאַליע, האָט אים איצט אַזאַ שטאַרקן בלענד־געטאָן פאַר די אויגן, אַקוראַט ווי ער וואָלט גאָרנישט דערזען דבורהן, נאָר איפיגעניע — דאָס אויסגעחלומטע געשטאַלט פון דער גריכישער לעגענדע. ער האָט אָבער גלייך דערזען ווי פון דבורהס אַלאַ־באַסטער־האַלדז האָט אַראָפּגעפינקלט אַ גאָלדן מגן־דודל. קוקנדיק אויף איר האָט זיך דעם פּאָעט אויסגעוויזן, אַז דער זעלביקער פּרימאָרגן־שמייכל, וואָס האָט נאָר וואָס געהאָנגען אין וועלט־רוים ביים זון־אויפגאַנג, האָט זיך איצט באַזעצט אין די מויל־ווינקלען פון דבורהס איידל־געשניצטע ליפּלעך.

— גוט מאָרגן, פעטער מנחם! וואָס זעט דער פעטער עפּעס אויס אַזוי צע־רודערט?

— גאָרנישט, דבורהלע. — האָט מנחם מרגליות זיך צוריקגעזעצט צום שרייבטיש. ער האָט זיך אַ וויש־געטאָן איבערן פּנים, ווי ער וואָלט פון זיך אַראָפּ־גענומען אַ שוואַרצע שפּין. — וואָס ביסטו עפּעס אַזוי פרי אויפגעשטאַנען, דבורהלע?

— כ׳פאַר אַהיים. ס׳בענקט זיך. כ׳האָב מורא... דער פעטער ווייסט דאָך.

— וואָס, דבורהלע?

— נו, די נעכטיקע גאַסן־פינצטערונג. אַ געלויף, אַ געקוויטשעריי ווי די באָמבעס וואָלטן שוין ממש... פאַרבראַכט אַ נאַכט... קאָשמאַרן... די מאַמעשי

וועט איבערקלערן. דוד אין דער קאַזאַרמע, כ׳האָב נישט קיין בריוו. כ׳וועל באַלד נאָכמיטאָג אַהיימפאָרן. אפשר וועט אויך דאָס מאָל געשען אַזאַ נס ווי פאַראַיאָרן? די מלחמה וועט נישט אויסברעכן? — האָט דבורה אַ צאַפּל־געטאָן, ווי אַ שלאַנקע איידעלע פלאַנץ אין אַ שטורעם.

מנחם מרגליות איז געבליבן זיצן אַן אַנטשוויגענער. ער האָט אַריינגעקוקט אין דבורהס גרויסע בלוי־גרויע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט שוין דאָרט געלייענט די זכרונות פון דעם מיידלס צוקונפט. פון זיין שטילקייט האָט אַרויסגעשריגן אַ ניי־דערוואַכטער אומרו. ער האָט אַליין נישט באַנומען פאַרוואָס גראָד אין דער רגע איז אים געקומען אויפן געדאַנק די לעגענדע וועגן בעש״ט.

ויהי היום, איז אַ שד, אין געשטאַלט פון אַ מענטשן, געקומען צום בעש״ט און געזאָגט: איך ווייס ווי גרויס עס איז דיין תשוקה צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. איך בין זיכער, אַז ווי נאָר דו וועסט אַהינקומען, וועט זיך גאָט אַנטפּלעקן צו דיר, ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט צו די נביאים. אָך ווי גרויס איז די ברכה צו זען די שיינקייט פון לאַנד! יעדעס זאַמד־קערנדל, יעדער שטיין איז באַצויבערנדיק. אויב דו ווילסט גיין אַהין, וועל איך דיר מגלה זיין אַ סוד: גאָט האָט מיר געוויזן אַ טונעל וואָס פירט פון דאַנען קיין ירושלים.

מחמת זיין גרויסער תשוקה צו זיין אין ירושלים, האָט דער בעל־שם־טוב פאַרגעסן איינצוקוקן זיך אין דעם געשטאַלט, וואָס האָט צו אים גערעדט. ער האָט זיך מקדים געווען אַנצונעמען דעם שדס פאָרשלאָג. ער איז מיט אים גלייך געגאַנגען צום טונעל.

במשך אַ גאַנצן טאָג איז דער בעש״ט נאָכגעגאַנגען דעם שד. אָבער וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען אין טונעל, אַלץ פינצטערער איז געוואָרן.

— נאָך ווייט? — האָט דער בעש״ט געפרעגט. — כ׳בין פאַרמאַטערט, כ׳וויל אַ ביסל אָפּרוען.

רעדנדיק אַזוי האָט אים דער שד געוויזן — איבער אַ תהום — אַ הילצערנע שטאַנג. דער שד איז אַרויף אויפן שטאַנג און געוואָרט אויפן בעל־שם־טוב, ער זאָל אויך אַרויף אויפן שטאַנג, כדי אים אַריינוואָרפן אין אַ תהום אַריין, אָבער אין יענעם לעצטן מאָמענט איז געקומען אליהו הנביא.

— דבורהלע! — האָט מנחם מרגליות אויסגערופן, און ער האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז ער האָט ממש נישט באַמערקט ווען דאָס מיידל איז פאַרשוווּנדן.

— איך מאַך מיר די וואַליזע, פּעטער — האָט דבורהס שטים זיך אַרויסגעהערט פונעם שכנותדיקן צימער.

דאָס וואָרט וואַליזע האָט איצט מנחם מרגליותן אַ שטאַרקן שלאָג־געטאָן אין האַרצן אַריין... ער האָט זיך מיט אַ צעשטרייטן, מבולבלדיקן בליק אַרומגעקוקט און האַסטיק אַריינגעשפּרייזט צו דבורהן. דערבליקנדיק דבורהס אָפענע

וואַליזע, איז אים געקומען אויפן געדאַנק זיין פרוי שרה, וואָס קרענקט שוין אַזוי יאָרן־לאַנג און ליגט צו בעט אויף אַ שווערן אַרטרעטיזם. ער האָט זיך במחשבה געפרעגט: „ווי אַזוי וועל איך מיט איר גאָר קענען לויפן?"...

באַמערקנדיק דעם פעטער האָט דבורה אין דער גיך פאַרשטעקט אַ שטיקל וועש. מנחם מרגליות האָט זיך געטראַכט — „בשעת אַ סכנה ווערט פון מענטש קודם־כל אָפּגעטאָן די בושה... דאָס איז דער ערשטער צוריקגאַנג צו דער נאַקעטער חיה"...

ער האָט זיך שווייגנדיק איינגעקוקט ווי דבורה פּאַקט נערוועז אירע זאַכן. ביי איר גאַנצער נערוועזיטעט פאַרגעסט זי נישט אין יעדן קלייד אַריינצושטעלן אַ שטעקעלע וואָס גלייכט אויס די שטאָפּענע אָקסלען... ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און צום צווייטן מאָל זינט ער וווינט אין דער וווינונג, האָט ער גענומען באַטראַכטן די שווערע, ברוין־פּאָלירטע, מאַסיווע שענק מיט די געשניצטע, מייסטערהאַפט־געדרעקסלטע געזימסן... ער האָט זיך גענומען באַוועגן מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך געפינען אין אַ פרעמדער דירה... ער האָט דערבליקט זיין פּראָפיל אין אַ גרויסן שפּיגל. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער שאָטן זיינער איז באותו־רגע עלטער געוואָרן מיט יאָרן...

פון דער גאַס האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט. מ'האָט אויסגעקלעפּט גרויסע אַפישן, אַ פאַרשידנאַרטיקער המון האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ וואַנט און פאַרשטעלט דעם אַפיש. שוואַרצע שורות האָבן, ווי אויף אַ באַוועגלעכער צייכענונג, גענומען בלינצלען פאַר זיינע אויגן. ער האָט גערן געוואָלט צורופן דבורהן צום פענצטער און זי הייסן איבערלייענען דעם אַפיש, אָבער ער האָט זי נישט געוואָלט איבערשרעקן...

גראָד אין דער מינוט האָט דבורה פאַרקלאַפּט דעם שלאָס פון איר וואַליזע.

מנחם מרגליות האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט... ער האָט אַ שטאַרקן ציטער געטאָן...

—די מומע שלאָפט נאָך?

— יאָ, פעטער.

ער איז מיט שווערע, נאָכשלעפּנדיקע טריט צוריקגעגאַנגען אין זיין ביבליאָטעק־צימער און זיך צוריקגעזעצט צום שרייבטיש, קוקנדיק אַ געקרענקטער אויף זיין אָנגעהויבענער פּאָעמע. נאָך אַ ווײַלינקע, האָט ער אויפגערוקט דעם שופלאָד און אַריינגעלייגט זיין אָנגעהויבענע אַרבעט. ער איז ביים אָפענעם שופלאָד געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער.

— אפשר וויל דערווייל דער פעטער אַ וואַרעמען טרונק? — האָט דבורהס שטים אים ווידער אַ קלינג־געטאָן אין די אויערן.

מנחם מרגליות האָט פאַרמאַכט דעם שופלאָד און אָנגעקוקט דבורהן.

— כ׳האָב נאָך צייט... כ׳דערוואַרט מיט אומגעדולד אַ פּרימאַרגן־צייטונג, מיין קאָרעספּאָנדענץ...

— ס׳וועט באַלד אַלץ זיין... — האָט דבורה געשמייכלט און געוואָרפן אַ בליק אויף איר האַנטזייגערל, — כ׳וואָלט דעם פעטער געוואָלט עפּעס פרעגן...

— האָט זיך זיך ווי פאַרשעמט באַוויגן — אָבער ס׳איז אפשר אַן אומזין...

— פרעג, פרעג דבורהלע!

דבורה האָט אָנגעקוקט איר פעטער מיט אַ פּאָר בעטנדיקע אויגן.

— דער פעטער האָט שוין איבערגעלייענט מיין דודס מאַנוסקריפּט? ער בעט ביים פעטער אַ הקדמה, כ׳וויל אים היינט שרייבן... ס׳בענקט זיך... כ׳וואָלט אים מיט עפּעס געוואָלט דערפרייען... אַז מען ליגט אין אַ קאַזאַרמע און מ׳וואַרט אויף אַ טרייסט...

מנחם מרגליותעס שטול האָט זיך אַ רוק־געטאָן אויף צוריק. ער האָט זיך אַליין איבערגעפרעגט:

— איצט אַ הקדמה?...

ער האָט אייגנטלעך געוואָלט צוגעבן אַז סוף מיט הקדמה גראַמט זיך נישט... אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן... דבורהס רייד האָבן אים שטאַרק גערירט. אַ טיף רחמנות־געפיל האָט אים אַרומגענומען צו דעם יונגן שיינעם מיידל. אַ רגע האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דבורה איז צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קינד. זי שטייט פאַר אים מיט אַ ליאַלקע אין דער האַנט און שפּילט זיך... ער האָט אָבער באַלד דערזען איר רייפע שיינקייט, וואָס האָט אים איצט גאָר שטאַרק וויי געטאָן... אין אירע אויגן איז געלעגן אַן אומעט, וואָס האָט געמאַכט וויברירן די דינע סטרונעס פון זיין האַרץ.

„וואָס זאָגט מען אַזאַ פאַרליבטער נשמה?״...

ער האָט ווידער אויפגערוקט דעם שופלאַד, אַרויסגענומען אַ מאַנוסקריפּט פון עטלעכע הונדערט זייטן. ער האָט אַ גלעט־געטון דאָס שער־בלעטל צו וועלכן ס׳זענען געווען צוגעקלאַמערט בלעטלעך פון אַ נאָטיץ־ביכל, געכאַפּט אַ בליק אויף דבורהן, און הגם אין דער ערשטער מינוט איז מנחם מרגליות געווען זיכער, אַז צוליב רחמנות וועט ער דעם פאַרליבטן מיידל זאָגן אַ ליגן, האָט זיך אים פונדעסטוועגן אַרויסגערעדט:

— כ׳ווייס נישט צי כ׳וואָלט אין אַ בעסערער צייט יאָ געשריבן אַ הקדמה... זאָל דיר דאָס נישט צופיל וויי־טאָן, דבורהלע! אַ קאָמפּילאַציע... אַפילו כראָנאָלאָגיש זענען די עסייען באַענט צו אַ פראַנצויזישער ליטעראַטור־געשיכטע... ס׳איז נישט קיין חידוש... ער האָט שטודירט אין פראַנקרייך... אָנגעהויבן ביי מאַרגעריט דע נאַוואַר און קלעמענט מאַראָט. זיי זענען דען, אַ חוץ ליטעראַטור־פאָרשער, פאַרשטייט זיך, ווער מען באַקאַנט אין פוילן?... ווייניק אָריגינעל... אָבער

אויב ס'וועט זיין שלום אויף דער וועלט, וועל'ך זיך מיט אים אָפּגעבן. דאָ און דאָרט — אַ מעטאַפאָר. אפשר דאַרף ער גאָר שרייבן פּאָעזיע? עסייען? כ'ווייס? קאַפּיעס, קלישעס... פאַרקראַכן אַזש צום 15טן יאָרהונדערט. — האָט מנחם אַ צוק־געטאָן מיט די אַקסלען, גלייך ווי ער וואָלט זיך ערשט איצט געכאַפּט, אַז ער האָט זיך אוממיטלבאַר פאַררעדט.

דבורה האָט געגעבן אַ טראַט פאַרויס, אַקוראַט ווי עפּעס אַ טייערער חפץ וואָלט איר אַרויסגעפאַלן פון די הענט. זי איז געבליבן שטיין מיט אַ מינע פון אַ דערוואַכטער פון שלאָף, ביי וועמען דאָס טאָג־ליכט האָט פאַרלאָשן אַ זעלטן־שיינעם חלום... ווי גרויס איר ליבשאַפט און דרך־ארץ צום פעטער איז נישט געווען, האָט זי זיך אויף אים אינערלעך געברוגזט. איר פאַרליבט האַרץ האָט זיך שטאַרק געקלעמט.

„וואָס וועל איך אים וועגן דעם שרייבן?"

זי האָט אויסגעשטרעקט איר ווייסע, איידעלע האַנט און געזאָגט:

— איך וועל דעם מאַנוסקריפּט איינפּאַקן אין מיין וואַליזע. דער פעטער מוז זיין אין אַ שלעכטער שטימונג.

— מעגלעך, מיין קינד! ווי קען מען איצט זיין אין אַ גוטער שטימונג? כ'וואָלט געדאַרפט נאָכאַמאָל איבערלייענען. אפשר האָט מיר דאָס מאָל געפעלט דער רוח־הקודש, וואָס איז אומבאַדינגט נייטיק בכדי צו קענען אַריינדרינגען אין יענעמס וועלט. נעם זיך נישט איבער, דבורהלע! — האָט זיך מנחם מרגליות אויפגעשטעלט. ער האָט דבורהן אַ צאַרטן גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געהאַט אַ געפיל ווי ער וואָלט באַרירט גאָלדענע סטרונעס, וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט אַ מינאָרטאָניקן קלאַנג.

מיטאַמאָל האָט זיך דערטראָגן אַ צעשפּליטערט קראַכעניש, גלייך ווי אַ שטיינערנע וואַנט וואָלט בשכנות איינגעפאַלן.

— וואָס איז דאָס? — האָט מנחם מרגליות אויסגעשריגן און זיך אָנגעכאַפּט אין דבורהס אַקסל.

דבורה איז אַרויסגעלאָפן אַן איבערגעשראָקענע, אָבער נאָך אַ ווייל־ינקע איז זי צוריקגעקומען מיט אַ שמייכעלע.

— דער פעטער וועט לאַכן. די שכנים לייגן זיך גאָר אָפּ קאַרטאָפל און קוילן.

— קאַרטאָפל און קוילן? — האָט מנחם מרגליות לענגער ווי געוויינטלעך אָנגעקוקט דבורהן. — אפשר זענען גאָר די פשוטע מענטשן גערעכט? זיי האָבן געזונטע חושים. זיי זעען זיך, הייסט עס, צום ווינטער־צו אין זייערע היימען. איך? ווער האָט געעפנט די טיר?

— די דינסט האָט געבראַכט די קאָרעספּאָנדענץ.

מנחם מרגליות האָט זיך צוריקגעזעצט צום שרײַבטיש. ער האָט מיט אַ געוואַלדיקער נײַגעריקייט אויפֿגעריסן דעם ערשטן בריוו און גענומען לייענען: איך דאַרף היינט אין לאָדזש האַלטן אַ פֿאָרטראָג „די גריכישע טראַגיקער און זייער איינפֿלוס אויף אונדזער צײַט". דער זאַל, ווי איר ווייסט, איז שוין לאַנג געדונגען, די אַנאָנסן לויפֿן, אָבער איך געפֿין זיך אין אַ זייער סקעפּטישער שטימונג. איך בעט אײַך, ליבער קאָלעגע מרגליות, מיר תיכּף טעלעפֿאָנירן, צי מ׳קען נישט דעם פֿאָרטראָג אָפּלייגן?

— אַזוי... איידער וואָס־ווען פֿאַלט שוין די אינטעליגענץ פֿון די פּיס. טאָ ווער־זשע וועט האָבן מוט און גלויבן צו טרייסטן דאָס פּשוטע פֿאָלק, וואָס פֿאַרנעמט נישט קיין וועלט־פּראָבלעמען? און צוריקגעשמועסט, אפֿשר דאַרף איך אים נישט באַשולדיקן. אַ מענטש קען דאָך אַפֿילו אין אַ נאָרמאַלער צײַט אויך זיך געפֿינען אין אַ סקעפּטישער שטימונג. — האָט ער געזעדט מיט די אויגן געווענדט צו דבֿורהן, וואָס איז געשטאַנען אַן אַנטשוויגענע, אַ פֿאַרטראַכטע.

ער האָט דערווײַל אַוועקגעלייגט דעם בריוו און מיט געענדערטע באַוועגונגען אַראָפּגעריסן אַ באַנדראָל פֿון אַ טאָג־צײַטונג, צעעפֿנט דאָס בלאַט און דערבליקט אַ גרויסן קאָפּ: „דער באַלטישער באַראָן אַלפֿרעד ראָזענבערג און זײַן גיפֿטיקע ראַסן־טעאָריע".

ער האָט אַ צוק־געטאָן מיט ביידע אַקסלען. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דבֿורהן, וואָס איז האַסטיק צוגעשפּרונגען צום טיש און מיט איבערגעשראָקענע אויגן אַרײַנגעקוקט אין דער צײַטונג.

מנחם מרגליות האָט מיט אַ צאַפּלדיקן אָטעם געלייענט:

די ייִדישע סכּנה שפּאַרט פֿון אַלע זײַטן. די ייִדן האָבן נישט בלויז פֿאַרכאַפּט דעם האַנדל און די אינדוסטריע, די קולטור און די פּאָליטיק, נאָר זיי האָבן אויך באַשלאָסן צו גרינדן צוויי מעכטיקע מלוכות אין צוויי וויכטיקע ערד־פּונקטן.

די אותיות נעמען זיך מיטאַמאָל הוידן. די שורות פֿון אונטן שווימען אַרויף אין דער הייך. און באַלד פֿליִען אַלע ווערטער אַוועק. דאָס פּאַפּיר ווערט אַ רגע ווײַס; אַ רגע רויט און ברייט ווי אַ ים, וואָס זידט, קאָכט און שטורעמט. מעכטיקע כוואַליעס ווי לײַבן־קעפּ מיט שוים אין די מאָרדעס, מיט צעפּלאָשעטע גריוועס, גיבן זיך אַ ריס און אַ הייב, אַרויסלאָזנדיק אַ דזשונגלישן געמרוטשע און אָפּדעקנדיק אַ שוואַרצן תּהום. ער כאַפּט קוים אויף אָפּגעריסענע זאַצן:

באַזעצן די ייִדן ערגעץ אויף אַ וויסטן אינדזל מיט אַ טויט־ברענענדיקן קלימאַט. מאַדאַגאַסקאַר אָדער גוויאַנע. ווי מצורעים איזאָלירטע פֿון דער וועלט. די שעדלעכע ייִדישע ראַסע איזאָלירט אין אַ רעזערוואַט. קיין צוריקקום איז נישטאָ. נאָר איין אויסוועג — טויט.

דבֿורה איז מיט גאַנץ לאַנגזאַמע טריט צוריקגעגאַנגען צו דער טיר. ביי דער

שוועל האָט זי זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צום פעטער. זי האָט געזען ווי ער האָט מיט עקל און רוגזא אָוועקגעשמיסן די צייטונג. זי האָט צוגעדריקט איר ברוסט צו איר דודס מאַנוסקריפּט און מיט אַ שטילן זיפץ אַרויסגעשלייכט.

מנחם מרגליות האָט זיך ביידע הענט צוגעלייגט צו די שלייפן. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די שטויסן ביכער, און צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ האָבן זיינע ליפּן בלחש גענומען פליסטערן:

— אומעכטיקע געטער! — האָט ער גערעדט צו די ביכער. — איין גרויזאַם וואָרט פון אַ וואַמפּיר צעטרעט און צעשטויבט אייער שיינקייט, אייער עטיק, אייער מאָראַל, אייער הומאַניזם. אויב נאָך אייך האָט געקענט געבוירן ווערן אַזאַ ראַסן־האַס, איז דאָך אַ באַווייז, אַז אייער מיסיע איז לגמרי איבעריק.

און אַרויסשלעפּנדיק אַ בוך, האָט ער גראָד אָנגעטראָפן אויף געטעס „דיכטונג און ווירקלעכקייט". ער האָט געעפנט דאָס בוך און מיט אַ פאַרקלעמטער שטים געפרעגט:

— נו, זאָג מיר, וואָס איז שטאַרקער, דיכטונג אָדער ווירקלעכקייט? דו זעסט כאָטש, גרויסער מייסטער פון „פאַוסט", וועמען דיינע ווערק האָבן דערצויגן? זענען מיר נישט אַ מאָל אויך ביים לעבן טויטע גייסטער?

מנחם מרגליות איז געבליבן זיצן ביים טיש אַפּהענטיק, אומבאַהאָלפן. זיין קאָפּ איז ביסלעכווייז אַראָפּגעזונקען אויף דער ברוסט. ער האָט עפּעס געטראַכט מיט פאַרמאַכטע אויגן.

קאַפּיטל צוויי

דאָס פאַרלוירענע בלעטל

— אָנבייסן! באַלעבאָס־לעבן!

מנחם מרגליות האָט געעפנט די אויגן. פאַר אים איז געשטאַנען זיין דינסט מלכה, אַ מיטליאָריקע דיקלעכע פרוי אין אַ ווייס קאָפּ־טיכל אויף אַ שוואַרץ־זילבערנעם קאָפּ האָר. אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט געטריישאַפט און בטחון.

— וואָס, אָנבייסן? —— האָט זיך מנחם מרגליות אַרומגעקוקט מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך מער נישט אַריינגעפּאַסט אין אַ געמיטלעך, רויִק לעבן.

— די באַלעבאָסטע האָט זיך שוין געוואַשן?

— יאָ, באַלעבאָס־לעבן, זי וויל אייך זען.

דאָס טונקל־ברוינע מעבל אין מנחם מרגליותס שלאָפצימער האָט זיך גיך בער דערנענטערט צו שוואַרץ ווי צו ברוין. דער אַרומיקער טונקעלער טאָן האָט איינגעשלונגען אַ העלפט פון שרה מרגליותס טרויער, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט פון איר קרענקלעך פנים מיט די צוויי טיפע האַלב־רעדער אַרום אירע מויל־ווינקלען, וואָס האָבן געווירקט ווי אַן אויסדרוק פון אַן אומאויפהערלעך געשריי. אין אירע שוואַרצע גוטמוטיקע אויגן איז דער טיפער ווייטיק פון איר קרענק שוין געלעגן אַן איינגעשטילטער. איר בליק האָט ווי גערעדט: „כ׳וואָלט שוין מסכים געווען אָוועקצוגיין פון דער וועלט, בתנאי ס׳זאָל כאָטש איין מענטש מנחמען אַזוי ליב האָבן ווי איך האָב אים ליב“.

זי איז געלעגן אין בעט אין אַ ברייט, טונקל־בלוי נאַכט־העמד. אַ צוויי־דריי האָר־רינגלעך, שוואַרצע אַדורכגעפּעדעמט מיט זילבער, זענען געלעגן אויף איר שטערן מיטן טיפן לענגלעכן גריבל, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער ערשטער ליניע פון איר שפּיציקער נאָז. אויף איר נאַכט־טישל זענען געשטאַנען אַ היפּש ביסל פלעשלעך, וואָס האָבן פאַרשפּרייט אַ שאַרפן טערפּאַטין־ריח. ביי אַ פּיסל פונעם נאַכט־טישל איז געלעגן אַן עלעקטרישער אַפּאַראַט, וועמענס דיקע שוואַרצע שנור האָט זיך געצייכנט אויפן גלאַנציקן דיל, ווי אַ געשלענגלטע ליניע וואָס פירט ערגעץ־אַוועק.

— גוט־מאָרגן, שרה! — איז מנחם אַריינגעקומען מיט האַסטיקערע טריט ווי געוויינטלעך. — וואָס מאַכסטו, ווי פילסטו דיך? — האָט ער אַרומגענומען זיין פרויס קאָפּ מיט ביידע הענט.

שרה האָט אַרומגעקושט איר מאַנס אויסגעשטרעקטע הענט.

— כ׳בין נאָך די עלעקטרישע מאַסאַזשן איינגעשלאָפן. אַ ביסל חלומות אויך. אָבער באַלד אינדערפֿרי האָבן דאָ פּאָר די פֿענצטער פֿאַרביימאַרשירט זעלנער. מסתמא רייטער אויך, כ׳האָב געהערט פּאָדקאָוועס. עס האָט זיך געצויגן ווי להבדיל מלחמה־צייט. וואָס זאָגסטו צו דעם, מנחם?

מנחם מרגליות האָט אַ ציטער געטאָן. דערביי האָט זיך אים נאָך אויסגעוויזן אַז זיין פּרויס שטים האָט זיך געענדערט.

— מסתמא איבונגען, שרה. נעם דיך נישט איבער! — האָט זיך מרגליות צוגעשפּאַרט אויפֿן ראַנד פֿון בעט. — געדענקסט דאָך פֿאַראַיאָרן האָבן דאָ אויך פֿאַרביימאַרשירט זעלנער. און כמעט יעדן זומער אין דער צייט.

— טאָ צו וואָס האָבן זיי נעכטן געמאַכט אַ פֿאַרפֿינצטערונג, פֿינצטער זאָל זיין אונדזערע שונאימס לעבן! די שכנות הערן נישט אויף צו רעדן, אַז דאָס מאָל...

— ווער בעט דיך זיך צוצוהערן צו זייערע פּלאַפּלערייען? דו קענסט נישט קיין פּרויען? זיי הערן אַז היטלער סטראַשעט, מיינען זיי, אַז אַט־אַט.

— און אפֿשר טאַקע, כ׳זאָל נישט מיין מויל צו בייזן ברענגען.

— ס׳קען נישט זיין. — האָט זיך מרגליות אַ הייב־געטאָן און צוריק אַראָפּגעזעצט. — דו הערסט, שרה! — האָט ער זיך גענומען פּלאָנטערן און ער איז געווען שטאַרק צופֿרידן וואָס גראָד אין דער רגע איז די דינסט אַריינגעקומען מיט דער באַלעבאָסטעס אָנבייסן.

— ווו איז דבורהלע? — האָט שרה זיך אַרומגעקוקט, נעמענדיק דעם ערשטן ביסן צום מויל.

— זי גרייט זיך אַהיימצופֿאָרן.

— שוין, אַזוי גיך?

— זי בענקט.

— יאָ, אַ חתן. איך אין אירע יאָרן — האָט זי אויפֿגעהויבן אירע אויגן און אָנגעקוקט איר מאַן, גלייך ווי זי וואָלט אים איצט געזען אין דער פּאָזע פֿון זייער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט.

מרגליות איז אָבער איצט געזעסן אַזאַ נידערגעשלאָגענער, אַז דער אומעט זיינער האָט גלייך אַראָגעשווענקט אירע פֿריידיקע יוגנט־זכרונות. זי האָט מיט־אַמאָל דערפֿילט, אַז עפּעס־וואָס פֿאַרבאַהאַלט מען פֿון איר. זי האָט אָבער נישט געוואָגט דאָס צו זאָגן איר מאַן.

„איך וויל אים נישט אָנטאָן קיין עגמת־נפֿש. זאָל ער מיינען אַז איך פֿיל גאָרנישט אַז עפּעס שרעקלעכעס דערנעענטערט זיך".

— גיי אָנבייסן, מנחם! דו זעסט מיר עפּעס אויס פֿאַרשמאַכט. כ׳וועל זיך אפֿשר אַ ביסל אָנטאָן, כאַפּן אַ בליק אויף דער גאַס. די ביינער, אוי, די ביינער!

מנחם מרגליות האָט זיך אויפגעשטעלט האַלבלעך איינגעבראָכן. ער האָט געוואָרפן אַרומיקע בליקן צו די פענצטער. ער האָט אָנגעקוקט זיין פרוי און זיך געטראַכט, אַז אין גאַס קען זי זיך דאָך דערוויסן און אַליין דערזען דעם מלחמה־געשפּענסט זיך דערנעענטערן.

— גלייב מיר, שרה, אַז פּאָר דיינע נערוון וועט זיין פיל געזונטער נישט אָנצוקוקן די גאַס. דו ווייסט דאָך אַז מיר יידן זענען היפּערעמפּינדלעך. נו, איז דערווייל די מהומה גרעסער ווי די סכנה...

— וועל איך זיך אָנטאָן און אַוועקזעצן ביים פענצטער. די זון וועט באַלד צוקומען. אוי, דאָס ביסל זון! אַ כפּרה אַלע רעצעפּטן און וואַסערן פון די קור־ערטער!

דאָ האָט זיך מנחם מרגליות עפּעס דערמאָנט. ער איז אַרויס פון שלאָפצי־מער און גערופן:

— דבורהלע!

די דינסט איז אים אַקעגנגעקומען און געזאָגט:

— זי איז געגאַנגען קויפן אַ מתנה פאַר דער באַלעבאָסטע.

— אַ מתנה? ס׳לאַכט זיך עפּעס נישט. אַ מתנה הערסטו.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אָנבייסן, און איידער ער האָט גענומען צום מויל דעם ערשטן ביסן, איז דבורה אָנגעקומען פון גאַס אַ צעפלאַמטע.

— די געשעפטן זענען נאָך פאַרמאַכט. כ׳וועל נאָכאַמאָל מוזן אַרויסגיין. דער פּעטער הערט! יידן שמועסן פאַרן טויער, אַז די יידישע סוחרים האָבן שוין אַוועקגעשטעלט ערדענע טעפּ און קעסטלעך אַריינצולייגן דאָס לייזעכץ. די שופּ־לאָדן האָבן זיי אויסגעליידיקט. זיי האָבן מורא פאַר אַן איבערפאַל פון די פּאָ־ליאַקן.

— יאָ, זיי האָבן אַ רעכט מורא צו האָבן. די געשיכטע האָט אונדז עפּעס געלערנט. און דער תנ״ך האָט אונדז אויך עפּעס געלערנט, אַז מ׳דאַרף בויען די תיבה פאַרן מבול. ס׳איז שוין איצט צו שפּעט — האָט מרגליות אָנגעקוקט דבורהן. — זעץ דיך און עס עפּעס, דבורהלע!

דבורה האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, ברייט צעעפנט דעם „גלאָס פּאָראַנני“ און אַ זאָג געטאָן צום פּעטער:

— רידז שמיגליס ליד גייט ווייטער.

— וואָס פאַר אַ ליד?

— אַז פּוילן וועט אַפילו נישט אַוועקגעבן קיין קנעפּל. באַלד נאָכן היטלער־סטאַלין אָפּמאַך, האָט מען גיכער אַרויסגעהערט פון דער פּוילישער פּרעסע אַ טאָן פון שרעק ווי איצט, בעת ס׳האַלט שוין ממש...

— מ׳רופט נייע יאָרגענג?

— רעזערוויסטן.

— לויטן לייט־אַרטיקל פון מיין צייטונג איז שוין דאָס פייער ממש אויפן דאַך. ס׳קען זיך פונדעסטוועגן אפשר פאַרציִען לאַנגע חדשים? — האָט מרגליות אַרויסגעזיפצט. — דו וועסט מיר גיין אַ גאַנג, דבורהלע. כ׳דאַרף טעלעפאָניש רעדן מיט ד״ר יעקב אייכנער פון וואַרשע. דו וועסט אים אין מיין נאָמען הייסן קומען האַלטן זיין פאַרטראַג. נאָדיר דעם בריוו מיטן טעלעפאָן־נומער — האָט מרגליות אָוועקגעלייגט דעם בריוו אויפן טיש און איז געבליבן שטיין מיט אַ פּאָר צעפינטלטע אויגן, וואָס האָבן דערמאָנט אין צוויי זיך־וויגנדיקע טאַצן פון אַ וואָג־שאָל. — כ׳ווייס נישט צי כ׳בין באַרעכטיקט אים צו הייסן קומען. אָבער מיין שליחות איז דאָך נישט אָפצושטעלן דאָס ייִדישע לעבן. נאַר... יאָ, יאָ, כ׳הייס אים טאַקע קומען.

דבורה איז געבליבן זיצן מיטן ביסן אין מויל. אירע קייענדיקע בעקלעך זענען אַ רגע געבליבן אומבאַוועגלעך. זי האָט מיט גרויס חידוש אָנגעקוקט איר פֿעטער.

— ס׳וועט דען היינט ווער האָבן געדולד אויסצוהערן אַ פאַרטראַג? די פּאָליאַקן הייבן שוין באַצייטנס אויף די קעפּ. כ׳וויל נישט דעם פעטער איבער־שרעקן. כ׳האָב אַ פּאָליאַק אָקאָרשט אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. ער האָט זיך געמאַכט שיכור און מיך אָנגעכאַפּט ביי אַ צאָפּ.

— אַ פּאַטש?! — האָט מרגליות אַ ציטער־געטאָן — האָסט נישט געהאַט קיין מורא?

— מיך האָט נישט באַהערשט קיין שום מורא. אָבער די אַרומיקע ייִדישע פּרויען און מענער האָבן ממש געציטערט. זיי האָבן מיך געזידלט, אַז צוליב אַזאַ פּאַטש קען עפּעס אויסברעכן.

דאָס טיר־גלעקל האָט זיך צעקלונגען. מנחם מרגליות האָט אַ שטאַרקן צאַפּל־געטאָן. ער האָט געהערט ווי די דינסט פירט וועמען אַריין אין זיין ביבליאָטעק. באַלד איז זי אַריינגעקומען אָנזאָגן מרגליותן אַז מ׳וואַרט אויף אים.

אַריינקומענדיק אין זיין ביבליאָטעק, האָט מרגליות געטראָפן זיצן ביים טיש דעם ביבליאָטעקאַר, אהרן ליובאָוויטש. אַ מענטש אין די דרייסיקער יאָרן מיט אַ פּאָר איינגעפאַלענע באַקן־פעלדער, אין אַ פּאָר קאַנטיקע ברילן דורך וועלכע ס׳האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר מידע, רויט־געליאַמעוועטע אויגן.

— וואָס פאַראַ נייעס ברענגט איר, אהרן ליובאָוויטש? — האָט זיך מרגליות אַראָפּגעזעצט און מיט שרעק אָנגעקוקט זיין פרימאָרגן־גאַסט.

אהרן ליובאָוויטש האָט זיך פאַרקוקט אויף די דריי ביכער וועגט. ער האָט במחשבה אָפּגעשאַצט וויפל ביכער דאָ קענען זיך געפינען. ער האָט זיך מיט אַ שטיקל זאַמש איבערגעווישט די ברילן גלעזער, מיט צוויי פינגער זיך אַ ווײַלע געקלעמט דעם שטערן און מיט אַן אָפּזיפץ אַרויסגערעדט:

— מיר גרייטן זיך צו באַהאַלטן אונדזער ביבליאָטעק אין אַ קעלער, עט־לעכע טויזנט ייִדישע און העברעיִשע ביכער.

מנחם מרגליות האָט, נישט פילנדיק וואָס ער טוט, אַרייַנגענומען אַ פינגער אין מויל אַריין און אים געגומען בייסן. ער האָט זיך מיט אַ נשמה־ציטער איינ־געהאָרכט.

—מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַן עקסטרע זיצונג. היינט נאָכמיטאָג נעמען מיר זיך צו דער אַרבעט. ד״ר מאיר פרידלאַנד האָט מיך אָנגעבעטן אייך קומען פרעגן, צי איר זענט מסכים אויך אויף אייער ביבליאָטעק.

מנחם מרגליות איז געבליבן זיצן אַ פאַרשטומטער. ער האָט אויפגעהויבן אַ בוך און עס שווער אַראָפּגעלאָזט, גלייך ווי ער וואָלט אַנידערגעוואָרפן אַ ווערט־פולע מטבע און זיך איינגעהערט אין דעם אָפּקלאַנג. זיינע ברעמען האָבן נערוועז געצוקט.

— כ׳בעט אייך, ליובאָוויטש, — האָט מרגליות מיט אַ פאַרקלעמטער שטים גערעדט, — פאַרוואָס הייבט מען קודם אָן ביי ביכער? האָט איר שוין באַשיצט די קינדער, קראַנקע און זקנים? ביכער? יאָ! אָבער מען דאַרף דאָך גוט אָפּקלייבן. מילא אין אַ נאָרמאַלער צייט האָבן טאַקע אַלע ביכער אַ רעכט צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ. אָבער בשעת־הסכנה? מעגן שלעכטע ביכער פאַרנעמען די שוץ־פּלעצער פון פּשוטע, ערלעכע מענטשן?

און נאָך אַ פּויזע:

— אונדזערע רעליגיעזע ספרים זעט איר, מהיכא־תיתי, אָבער סתם ביכער. כ׳זאָל נישט מיט מיין מויל צום בייזן ברענגען, קען מען דאָך אין אַ קעלער, טאַקע צווישן הייליקע ספרים, באַהאַלטן קינדער.

— מיט קינדער קען מען לויפן, אָבער מיט ביכער — האָט אהרן ליובאָוויטש אָנגעקוקט מיט חידוש דעם געוויסנהאַפטן פּאָעט, וועמענס איינשטעלונג ער האָט עפּעס נישט קלאָר תופס געווען.

דאָס טיר־גלעקל האָט זיך ווידער זשומזשענדיק צעקלונגען. און באַלד איז מיט דרייסטע, היימישע טריט אַריינגעקומען ד״ר מאיר פרידלאַנד, אַן עלעגאַנטער שלאַנקער מאַן פון אַ יאָר פינף־און־דרייסיק מיט אַן איידל ראָזעווע פּנים, בלי־ציקע שוואַרצע אויגן, גריכישע נאָז, צעשמייכלטע ליפּן. פון זיין אָנגענעם־קליינ־גענדיקער שטים, האָט מען נאָך דערוויל נישט אַרויסגעהערט דעם מינדסטן אָפּ־קלאַנג פון שרעק פאַר דער קומענדיקער שעה.

— גוט־מאָרגן, מרגליות! אַה, איר ליובאָוויטש! געוויס וועגן דעם וואָס מיר האָבן נעכטן... — האָט ער זיך גענומען אַ שטול, אַוועקגעזעצט און זיך גענומען אַרומקוקן אין אַלע ווינקעלעך.

— אונדזער דיכטער מרגליות איז אָבער מסופק צי אַלע ביכער זענען ראוי

צו פֿאַרנעמען אַ שוץ־פּלאַץ פֿאַרן מענטש און איבערהויפּט — פֿאַר קינדער.

ד״ר מאיר פֿרידלאַנד האָט אַ לענגערע ווײַלע אָנגעקוקט מרגליותן. ער האָט עפּעס נאָכגעטראַכט און געזאָגט:

— יאָ מרגליות, מיר האָבן שוין וועגן דעם אַמאָל גערעדט. אײַך זענען נישט שטאַרק צום האַרצן די ווערק אין וועלכע מלחמה־קרבנות ווערן נישט הויך־קינסטלעריש געשטאַלטיקט, נאָר ווערן צוליב דער אַרײַנגעבראַכטער פֿאַרנאַגראַ־פֿיע פֿאַרוואַנדלט אין אַ גאַנגבאַרער סחורה אויפֿן ביכער־מאַרק. אַזעלכע מחברים רופֿט איר קברנים וואָס זענען גרייט צו מאַכן אַ לעבן פֿון טויט. ס׳זענען אויך פֿאַראַן אַנדערע ווערק און דווקא פֿון גרויסע נעמען צו וועלכע איר האָט זיך אײַע־רע רעזערוון און באַרעכטיקטע פֿאַרוואָרפֿן. אָבער ווי קען מען זיך איצט אַוועק־שטעלן אָפּקלײַבן. דאָ האַנדלט זיך דאָך, פֿאַר אַלעמען, אין דער אומשולד פֿון די יידישע אותיות.

— אפֿשר זענט איר גערעכט, פֿרידלאַנד. טוט ווי איר פֿאַרשטייט! מײַן ביבליאָטעק לאָז איך דערווײַל אומבאַרירט. הייסט עס, אַז דאָס מאָל מוז עס שוין טאַקע געשען?

— מיר האָבן דאָך קלאָרע באַווײַזן — האָט ד״ר פֿרידלאַנד געזאָגט מיט אויסגעשפּרייטע הענט — די ערשטע „פּרווו־מלחמה״ צווישן ראַטנפֿאַרבאַנד און יאַפּאַן, וואָס איז פֿאָרגעקומען פֿאַראַיאָרן, אין 1938 הייסט עס, ווערט מצד די בעסטע הײַנטצײַטיקע פּאָליטיקער פֿאַררעכנט פֿאַרן אָנהייב פֿון אַ וועלט־מלחמה. די יאַפּאַנער פּרוּוון צו פֿאַרכאַפּן אַ שטיק סאָוויעטישע טעריטאָריע לעבן דער אָזערע כאַסאַן מיטן אויסרייד, אַז דאָס איז אַ טייל פֿונעם יאַפּאַנישן מאַנדזשוריע, האָט צוגעפּירט צו דער הײַנטיקער לאַגע. און היטלערס אַפּעטיטן? אָבער איך בין נישט געקומען אײַך נאָך שווערער מאַכן אויפֿן האַרצן. איר וועט מיך אפֿשר אָנקוקן ווי משוגע. מרגליות. כ׳בין געקומען זוכן אַ בלעטל פֿון מײַנס אַ היס־טאָרישער פֿאָרשונג. אָפּגעזעסן אין אַמסטערדאַם איבער צוויי חדשים. כ׳האָב אײַך די וואָך געוויזן דעם מאַנוסקריפּט. און הגם איך בין נאָך דערווײַל גאַנץ ניכטער, מוז איך פֿונדעסטוועגן דאָ בײַ אײַך האָבן פֿאַרלוירן אַ בלעטל.

מנחם מרגליות איז געבליבן זיצן אַן אַנטשוויגענער. ער האָט מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן אָנגעקוקט ד״ר מאיר פֿרידלאַנד.

— מאָדנע, סתרי־תורה, סתרי־לעבן. מיר שטייען בײַ דער האַמלעטישער פֿראַגע פֿון זײַן אָדער נישט־זײַן. מיר רעדן כסדר פֿון סוף און האַלטן תמיד בײַם אָנהייב. גילגול החוזר. פֿאַרלוירן אַ בלעטל. מיר באַגראָבן גאַנצע ביבליאָטעקן און זוכן גלײַכצײַטיק איין בלעטל. לאָמיר זיך פֿונדעסטוועגן גוט אַרומקוקן!
— האָט זיך מרגליות האַסטיק אויפֿגעכאַפּט און גענומען זוכן דאָס פֿאַרלוירענע בלעטל.

קאַפּיטל דריי

דער ייִד מיט דער לאַמטערנע

באַלד נאָכמיטאָג איז מנחם מרגליות אַריין אין קאָרידאָר, צוגעגאַנגען צום הענגער און אויסגעשטרעקט די האַנט צום שטעקן. ער האָט זיך געגרייט אַרויס־צוגיין אין גאַס אַריין זיך זען מיט פּען־מענטשן. אָבער זיין אויסגעשטרעקטע האַנט איז ווי אַן אונטערגעבראָכענע צוריקגעפאַלן. ס׳האָט אים מיטאַמאָל אַזוי שטאַרק גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, אַז ער האָט זיך קוים אין עפּעס אָנ־געכאַפּט, אַריינגעשלייכט זיך אין אויפנאַם־צימער און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע.

פאַרשיידענע מחשבות האָבן גענומען עגבערן זיין מוח. ס׳האָט אים עפּעס־וואָס נישט געלאָזט דערליגן, אָבער ס׳איז אים פיל שווערער געווען זיך אויפצו־הייבן. ער האָט דערהערט דבורהס טריטלעך אָפּהילכן אין קאָרידאָר. זי האָט זיך דערנעענטערט צו דער פאַרמאַכטער טיר און זיך איינגעהאָרכט. זי האָט זיך עפּעס געשושקעט מיט דער דינסט און זיך שטילינקע אַוועקגעשלייכט. די קאַנאַפּע איז אים מיט יעדער רגע אַלץ האַרטער און ענגער געוואָרן. אָבער געפעלט האָט ער, אַז דאָס ליגן ביחידות, בלחש אין אַ צימער, איז פאַר אים פיל געזונטער ווי די גאַס.

אַ גאָלד־בלויער נאָכמיטאָג האָט אַריינגעזוניקט דורך די צוויי האַלב־גע־עפנטע פענצטער, פאַרצויגן די גאַרדינען אויף וועלכע עס האָבן געשוועבט אויסגעהאַפטענע מלאכימלעך. אַ גרויסע פילפאַרביקע פליג האָט דאָ געזשומעט, אַרומקרייזנדיק דעם זשיראַנדאָל. איר געברום האָט געווירקט פאַרן אויער, ווי סטרונעס פון אַ וויינענדיקער וויאָלענטשעל.

„מ׳וועט אַ ליאַדע טאָג דאַרפן זיין פלינק ווי אַ הירש. אַזוי דאַכט זיך. כ׳וועל נאָך דאַרפן מיטשלעפּן מיין שרהן. און דאָ פיל איך זיך אַזוי מיד. אויסגעשעפּט, אָפּגעלעבט. מיינע לידער, אויסגעזונגען. כ׳וויס נישט צי כ׳האָב נאָך עפּעס וואָס צו זאָגן? אויב נישט, וואָלט איך געקענט האָבן גענוג. אָבער ס׳וויל זיך דאָך דווקא לעבן בעת מ׳ווערט באַהערשט פון אַ טויט־שרעק״.

ער האָט זיך אַ טרייסל־געטאָן און דערבליקט אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט זיין יוגנט־פּאָרטרעט. זיינע יונגע לעבנסלוסטיקע אויגן אויפן פּאָרטרעט האָבן צו אים גענומען רעדן: „ווען איך בין געבוירן געוואָרן האָט מען נאָך גע־

צווייפלט אין דיין טאַלאַנט, אָבער דו האָסט פאַרמאָגט אַ יוגנט און אַ צוקונפט. היינט איז קיינער נישט מספק אין דיין טאַלענט, אָבער דיין יוגנט איז לאַנג שוין פאַרביי און פון דיין צוקונפט איז געוואָרן פאַרגאַנגענהייט, פאַרוואַנדלט אין אַ בינטל זכרונות וואָס ליגן אין שופלאָד און וואַרטן אויפן פאַרלעגער. נישט דו ליגסט איצט אויף דער קאַנאַפּע, נאָר דו שטייסט אויף דער פּאָליצקע פון דיין ביבליאָטעק, אַ צעשטיקלטער אויף אַכט חלקים — אַכט בענד פּאָעזיע און דראַמע".

דאָ איז זיין בליק געפאַלן אויף דער עטאַזשערקע. אַ בלוי־ווייסע קרן־קימת־פּושקע האָט זיך אים שאַרף אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגן.

„וויפל מאָל האָב איך זיך געגרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. און תמיד האָט מיך עפּעס אָן אַרבעט אַן אַרבעט אָפּגעהאַלטן. די תאווה צו דערשייגען מיט אַ ניי ווערק איז ביי מיר אַפילו גרעסער געווען ווי דער אהבת־ציון! איצט פּייניקט אַ חרטה־געפיל. וואָלט איך כאָטש געווען אויף אייגענער ערד! די מורא דאָרט איז שוין אַזוי אַלט ווי אונדזער געשיכטע. מ׳פילט זיך עפּעס ווי אַ בלאַט פון תנ״ך וואָס קיין שום שונא קען נישט פאַרניכטן. אפשר איז איצט אויך נאָך נישט צו שפּעט? וואָס איז דאָס, כ׳הער דאָך עפּעס מיין שרהס טריט? אָן אויסדאַכטעניש?".

ער האָט זיך ראַפּטום אויפגעכאַפּט און אַריינגעשפּרייזט אין שלאָף־צימער. זיין פרוי איז טאַקע געשטאַנען אַן אַנגעטוענע אין אַ שוואַרץ־ווייס זומער־קליידל און איז געווען יום־טובדיק אויפגעקעמט. אין איר גרעק — אַ נייער קאָלירנרייכער קאַם וואָס דבורה האָט איר מסתמא געקויפט במתנה. איר פּנים — אויפגעפרישט פון אַ דינעם שיכט פּודער. געשטאַנען איז זי אַנגעלענט אויף אַ שטעקן לעבן פאַרענטש פון אַ פאָטעל, האַלטנדיק איר פּנים קעגן דער זון.

בעת מרגליות איז אַריינגעקומען איז אים דבורה אַקעגנגעשפּרונגען, און פאַטשנדיק אין די הענט אַריין, האָט זי פריידיק אויסגערופן:

— פעטער מנחם, די מומע שרה קען שוין גיין אויף די פיס!

— יאָ, מנחם! — האָט שרה אַ שמייכל־געטאָן. — האָסט שוין אַ געזונט וויבל.

— לאָמיך טאַקע זען!

ער האָט זיך מיט אַ ציטער צוגעקוקט ווי דבורה און די דינסט פירן זיין פרוי אונטערן אָרעם. זי וואַקלט זיך, אָבער זי האַלט מיט אַלע כוחות אויף איר גלייכגעוויכט. און אָט־אָט שפּאַנט זי טאַקע גאַנץ־אַליין מיט אויסגעשפּרייטע הענט, אַקוראַט ווי זי וואָלט זיך ערשט געלערנט גיין.

מרגליות האָט תחילת אויסגעזען צו זיין איבערראַשט, אָבער ער האָט זיך גלייך עפּעס דערמאָנט. און ס׳איז אים ווידער באַפאַלן אַ טיפער טרויער.

דבורה האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן האַנט־זייגערל און איז גלייך אַריינגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער זיך איבערטאָן צום אָפּפאָרן.

— כ׳האָב נאָך גענוג צייט צום צוג, אָבער כ׳האָב עפּעס מורא אַז כ׳זאָל נישט פאַרשפּעטיקן. — האָט זי געזאָגט אָפּגייענדיק.

שרה האָט זיך לאַנגזאַם אַריינגעזעצט אין אַ פאָטעל. די דינסט איז אַריין באַדינען דבורהן.

מרגליות האָט נערוועז געגומען שפּאַנען אַרויף און אַראָפּ. ער האָט זיך נאָכאַנאַנד אויסגעקנאַקט די פינגער.

— האָסט געכאַפּט אַ דרימל, מנחם?

— יאָ, זייער אַ פיינעם דרימל...

— זאָל עס דיר זיין צום געזונט! ס׳דאַכט זיך מיר אַז דו ביסט עפּעס לעצטנס גאָר שטאַרק נערוועז.

— ס׳דאַכט זיך דיר, שרה.

— שרייבסט גאָרנישט?

— כ׳וויל שוין איבערוואַרטן דבורהס אָפּפאָרן.

— ס׳איז מיר אַ שאָד וואָס זי פאָרט שוין אַוועק! אַבי מיין שוועסטער וועט זיין צופרידן פון איר אַהיימקומען. כ׳ווייס דאָך אַז ווען דבורה רירט זיך אַרויס גייט זי אַרום ווי אָן אַ קאָפּ.

וואָלסט אפשר אַ ביסל געפאָרן קיין וואַרשע, שרה?

— און דו, מנחם?

איך? כ׳וויל דאָ אַרבעטן.

— איך שטער דיר, מנחם, האָ?

— וויפל מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט, שרה, אַז וואָס־מער צרות דו טוסט מיר אָן, אַלץ מער ביסטו מיך משפּיע צו שאַפן.

— אויב אַזוי לוינט זיך מיר צו ליידן.

זיי זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן. מרגליות האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער און זיך איינגעקוקט אין דער גאַסן־באַוועגונג. שרה איז געבליבן זיצן אין איר פאָטעל מיט פאַרמאַכטע אויגן. זי האָט דער שיינענדיקער זון נישט געקענט קוקן אין פּנים אַריין.

דבורה איז אַריינגעקומען אַ לאַכעדיקע, אָבער אירע אויגן זענען געווען פייכטלעך. זי האָט געטראָגן אַ נעט־אויסגעפּאַסטן טונקל־גראַנאַטענעם קאָסטיום. אַ ווייסע בלוזקע מיט אַן אויסגעלייגט קעלנערל האָט אַראָפּגעפּעכלט פון איר געטאָקטן ביוסט. דאָס גאָלדענע מגן־דודל האָט אַראָפּגעפינקלט פון איר שוואַנענהאַלדז. אירע צוויי גלאַנציקע צעפּ, דריי פערטל אויסגעפלאָכטן, איין פערטל צע־

לאָזן, האָבן זיך פון אַן אינערלעכער שרעק געטרייסלט אויף אירע יונגע רייפע ברוסטן.

— שיין קינד מיינס! — האָט שׂרה אַרויסגעכליפּעט בעת דבורה איז צו איר צוגעפאַלן און זי געגומען קושן. — פאַרגעס נישט קיינעם צו גרוסן! לאָמיר זיך זוכה זיין באַלד און גיך בשלום ווידער צו זען! שרייב באַלד אַ בריוו!

אַ גערירטע איז דבורה צוגעפאַלן צו איר פעטער. זי האָט איר קאָפּ לאַנג און לענגער ווי געוויינלעך געטוליעט אויף זיין ברוסט. מרגליות האָט זיך מיט אַ צאַפּ איילִיק אויסגעווישט אַ טרער. ער האָט געקושט דבורהס שטערן איינמאָל און נאָכאַמאָל. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ און גענומען דבורהס מגן־דודל אין דער האַנט אַריין און עס אַ ווײַלע געוויגן. ער האָט איר גערן געוואָלט זאָגן, אַז איצט איז אפשר גלייכער נישט צו טראָגן דאָס מגן־דודל וואָס קען וועמען אויס־שטעכן די אויגן. ער האָט אָבער געקוקט אויף זיין פרוי שרה און האָט זיך צו־ריקגעהאַלטן.

— פאָר געזונטערהייט, דבורהלע! — האָט ער זי באַגלייט ביז צו דער טיר.

און בעת דבורה מיט דער דינסט זענען אַרויסגעגאַנגען, איז מרגליות גע־בליבן שטיין מיט אַ מינע פון איינעם וואָס האָט נאָר־וואָס אָפּגעזעגנט דעם ערשטן אַנטלאָפענעם פאַרן מלחמה־פייער.

**
*

אויף די געבלימלטע ווענט פון מרגליותעס עסצימער האָט זיך אָפּגעשפיגלט אַ קאָלירנרייכע בין־השמשות.

ביים טיש אויבנאָן איז געזעסן ד״ר יעקב אייכנער. ער האָט אויף איין קני געהאַלטן זיין לעדערנעם אַקטן־טאַש; אויף דער צווייטער — זיין רעגנמאַנטל, גרייט אַוועקצוגיין באַזוכן נאָך אַ צוויי־דריי פון זיינע אינטימע קאָלעגן, וועלכע ער האָט תמיד געפלעגט אָפּשטאַמען אַ וויזיט בעת ער איז אַראָפּגעקומען קיין לאָדזש מיט אַ פאָרטראָג.

ד״ר יעקב אייכנער האָט נאָר־וואָס געהאַט אַריינגעשפּאַנט אין זעכציקסטן לעבנס־יאָר. זיין מילך־ווייסער געדיכטער קאָפּ האָר האָט שאַרף אָפּגעשלאָגן אויף זיינע שוואַרצע בגדים. זיינע גרוי־בלויע אויגן זענען נאָך געווען אָנגעגאָסן מיט אַ ברענענדיקן לעבנסלוסט. אינעם גריבל פון זיין אויבערשטער ליפּ, האָט זיך כמעט ווי אַריינגעפּאַסט די פאַרשפיצטקייט פון זיין ברייטער, לענגלעכער נאָז. גערעדט האָט ער תמיד מיט די שפּיצן פון זיינע עלנבויגנס, האַלטנדיק ביידע הענט אין די מאַרינאַרקע־טאַשן. ער האָט קוים מסכים געווען, צוליב מאַנגל אין צייט, אויסצוטרינקען אַ גלעזל טיי ביי מרגליותעס טיש.

— וואָס הערט מען אין וואַרשע, מיין ליבער אייכנער?

— אַ פינצטערע מלחמה־שטימונג. אין יידישע הייזער איז תשעה־באב. אָבער מ׳זיצט נישט אין די זאָקן. מ׳לויפט אַרום ווי משוגע אין גאַס. מ׳שמעקט, מ׳לייגט צו אָן אויער צו דעם און יענעם רעדל יידן. טייל לויפן שוין באַצייטנס קיין ראַטנפאַרבאַנד. אַנדערע מאַכן זיך פאַלשע פעסער. מ׳האָט אויפגעהערט צאָלן חובות. ס׳איז הפקר־פיעטרושקע און נאָך עפעס ערגערס.

און נאָך אַ שלוק טיי, קוקנדיק אויפן האַנט־זייגערל, האָט ער גערעדט ווי צו זיך:

— דעריבער האָב איך זיך בשום־אופן נישט געקענט צוזאַמענעמען און אַרויספאָרן רעפערירן. כ׳בין שטאַרק מסופק צי כ׳וועל האָבן אָן עולם? ווער האָט איצט אַ קאָפּ צו מיינע פּראָבלעמען? — האָט זיך ד״ר אייכנער אויפגעשטעלט. און נאָך עטלעכע שפּאַן איבערן צימער האָט ער צוגעגעבן:

— ווען נישט אייער טעלעפאָן, מרגליות, וואָלט איך טאַקע נישט אַרויסגע־פאָרן. אין וואָסערע תקופה מיר גייען אַריין, איז זיך לייכט אָנצושטויסן. כ׳וואָלט געדאַרפט ענדערן די טעמע און רעדן וועגן ביירעאַנס „מאַנפרעד״ וואָס האָט אַרויסגערופן גייסטער. הלוואַי וואָלטן מיר געקענט אַרויסרופן גייסטער וואָס זאָלן אונדז אויסגעבן די סודות פון דער צוקונפט — האָט ד״ר אייכנער פאַרבי־טערט געשמייכלט. — יאָ, מ׳דאַרף איצט אויפסניי רעפערירן וועגן וועלט־שמערץ.

— ד״ר פרידלאַנד, זעט איר, גייט גאָר אַרום און זוכט אַ פאַרלוירן בלעטל פון זיינס אַ פאָרשונג. לויט אים קומט אויס, אַז אונדזער קולטור־לעבן וועט זיך ביי אַלע באַדינגונגען נישט איבערשניידן.

— הלוואַי זאָל זיין אָפּטימיזם מיך באַזיגן! איך האָב פאַר אַלעמען מורא, אַז אונדזער לעבן זאָל זיך נישט איבערשניידן. כ׳האָב אַ פאַסקודנע פאָרגעפיל. די נאַצישע הענקער זענען גאָר געוואָרן פילאָסאָפן. זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין ביטשען, אויף זיין חשבון געשאַפן אַ נייע פעלשונג וועגן אַ ראַסע־טעאָריע. ווען מ׳וואָלט נישט אונדז געמיינט, וואָלט מען געקענט לאַכן אין די פויסטן אַריין פון זייערע אומזיניקע טענה. אָבער, כ׳בעט אייך, מרגליות, אפשר וואָלט איר מיטגעגאַנגען אויף מיין רעפעראַט. כ׳האָב באמת נישט קיין קוראַזש איצט צו רעדן וועגן די אַלטע גריכישע טראַגעדיעס. אפשר ווערן איצט געבוירן גרעסערע טראַגעדיעס?

— ס׳איז מיר באמת שווער מיטצוגיין, אייכנער. איבערלאָזן מיין קראַנקע פרוי אַליין. זי ווייסט נעבעך גאָרנישט. כאַפּט אייך חלילה נישט אַרויס מיט אַן איבעריק וואָרט!

— אויב אַזוי, נעמט פאַר ליב מיין קורצן וויזיט. זייט מיר געזונט און שטאַרק, מרגליות! כאַפּט אייך אַביסל אַריבער קיין וואַרשע! כ׳גיי אַריין געזע־געגען אייער פרוי. לאָמיר זיך צעקושן. מיר ווייסן דאָך היינט נישט...

נאָך ד"ר אייכנערס אַוועקגיין האָט זיך מרגליות געגומען אַרומדרייען אין זיין וווינונג, צימער־איין, צימער־אויס. ער האָט זיך מער קיין אָרט נישט געקענט געפינען. ס׳האָט אים אַרומגענומען אַ טיפע ווייטיקפולע בענקשאַפט נאָך עפּעס וואָס איז פון אים אַזוי ווייט ווי זיין שלווהדיקע יוגנט. אין יעדן צימער איז אים ביים עפענען די טיר אַקעגנגעגאַנגען אַ געשפּענסט מיט טויזנטער פּנימער, ער האָט זיך געשעמט צו מאַכן אַ געוואַלד און דערמיט איבערשרעקן זיין פרוי.

ער האָט זיך אַריינגעשלייכט אין שלאָף־צימער, אַוועקגעזעצט זיך אויפן ראַנד פון זיין פרויס בעט. זי האָט געגלעט זיינע אייז־קאַלטע הענט. ער האָט אָנגעהויבן עפּעס רעדן וועגן ד"ר אייכנערס וויזיט, אָבער ס׳האָט זיך אים גאַנץ שווערלעך גערעדט. קוקנדיק איצט אויף זיין פרוי האָט ער זיך במחשבה פאָרגע־וואָרפן פאַרוואָס ער האָט אויסגעמיטן איר צו זאָגן דעם אמת.

„אויב עס געשעט עפּעס פלוצלינג". — האָט זיך אים געטראַכט — „וועט דאָך דאָס פיל שרעקלעכער ווירקן אויף אירע צעטרייסלטע נערוון".

— וואָס זיצסטו עפּעס אַזוי פאַרחלומט, מנחם?

— יאָ, כ׳האָב זיך עפּעס דערמאָנט. דבורהלע האָט דאָך אונדז געקויפט אַ מתנה אַ נייעם דיסק. כ׳גיי אַריינברענגען דעם פאַטעפאָן. כ׳האָב שוין לאַנג נישט געהערט קיין מוזיק. לאָמיר זיך אַביסל אויפפרישן דאָס געמיט!... מוזיק באַפליגלט די נשמה, מאַכט פאַרגעסן אין אַלע דאגות. דער מענטש ווערט אויפ־געלייזט, צערינען אין קאָסמאָס. מיר זענען כמעט נישט אין דער היים.

— אפשר וואָלסטו פריער אָפּגעגעסן?

— כ׳האָב עפּעס נישט קיין וואַזשנע אַפּעטיט. אפשר שפּעטער? — איז ער איילנדיק אַרויסגעגאַנגען און צוריקגעקומען מיטן פאַטעפאָן.

ער האָט דעם פאַטעפאָן אַוועקגעשטעלט אויף אַ זייטיק טישעלע ביים פענצ־טער. ער האָט באַטראַכט דעם דיסק.

— איז געווען אַמאָל אַ פאַסטעכל — האָט מרגליות זינגענדיק איבערגע־לייענט. און מיט אַ ציטער אַז דער ניגון זאָל זיך חלילה נישט צעברעכן אין זיי־נע הענט, האָט ער פאָרזיכטיק אַרויפגעלייגט דעם דיסק.

און ווי נאָר די ערשטע טענער פון דעם האַרציקן ניגון האָבן זיך צעגאָסן איבערן צימער, האָט אַ סירענע זיך צעוואָיעט, אַקוראַט ווי עטלעכע לאָקאָמאָ־טיוון מיטאַמאָל וואָלטן זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן דער שטאָט און גענומען רעווען מיט אָפּהילכנדיקע קולות, וואָס האָבן געעגבערט די לופט און די מענטשי־שע מוחות.

דאָס שטאָט־ליכט האָט זיך כהרף־עין פאַרלאָשן. פענצטער האָבן זיך באותו רגע פאַרמאַכט. בינטלעך שליכלען, אַרויסגעפאַלענע פון מענטשישע הענט, האָבן פון דער הויך און פון דער נידער גענומען קלימפּערן. ס׳איז געוואָרן אַ מהומה־

דיק געלויף און אַ געדרעפּטשע פון אַלע שטאָקן אַראָפּ. הונדערטער טריט האָבן מיטאַמאָל גענומען פויקן איבער די שטיגן. ווייבערישע געוואָלדן, קינדערישע קוויטשערייען, מענערישע נאָכגעשרייען, האָבן פאַרטויבט די לופט. פּאָליציייִשע פייפלעך האָבן אינדרויסן נאָכאַנאַנד געזשומעט. פון די גאַסן האָט זיך דערטראָגן אַ מוראדיקער געהאַמער פון שיך און אַ געשקרימפּל פון פערדישע פּאָדקאָוועס. קולות האָבן זיך געטראָגן אין דער דרויסנדיקער לופט:

— פראָבע־אַלאַרם! קיינער טאָר נישט בלייבן אין שטוב!

אין געציילטע רגעס אַרום האָט זיך די גאַנצע בהלה איינגעשטילט. די שטאָט איז געבליבן שטיין ווי אַן אויסגעלאָשענער אָטעמלאָזער בית־עולם.

שרה מרגליות איז געבליבן ליגן אין איר בעט און האָט שטיל, מיט אַ מורא אַז מ׳זאָל נישט דערהערן איר קול, אַריינגעכליפּעט אין איר קישן, פליסטערנדיק ווערטער אָן אַ צוזאַמענהאַנג.

פלוצלינג האָט זיך די טיר געעפנט. אויף דער אַרומיקער פינצטערניש איז געפאַלן אַ גאָלדענער פלעק פון אַ פלעמל. לייכטע מענער־טריט האָבן קוים באַרירט די פּאָדלאָגע.

— ווער איז דאָס?! — האָט שרה מיט אַ צאַפּל פון שוידער אויסגעשריגן.

— שרעקט אייך נישט, פרוי! — האָט זי געהערט אַ קול פון אַ ייִדן. — איך קען אייך נאָר ברענגען ברכות, אָבער קיין שום שלעכטס נישט חלילה.

— אין אַזאַ חשכות קריכט איר אַרום?

— שרייט נישט! — אויף געציילטע רגעס האָט גאָט אונדז דערמאָנט, אַז איידער ער האָט באַשאַפן דאָס ליכט, האָט די וועלט אַזוי אויסגעזען. נאָר אין אַזאַ פינצטערע רגע, דערמאָנט מען זיך אין גאָט און אין זיין ליכטיקייט וואָס ער האָט געבראַכט אויף דער וועלט.

אין דער רגע האָט זיך די סירענע ווידער צערעוועט. דאָס ליכט האָט זיך צוריק אָנגעצונדן. און איידער דער ייִד האָט באַוויזן עפּעס צו דערציילן, איז מרגליות אַריינגעקומען מיט אַן איינגעקאַלכטן קאָפּ האָר. דערזעענדיק ביי זיך אין שטוב אַ ייִדן מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט, האָט ער אַ דערשראָקענער אויסגערופן:

— ווער זענט איר?

— אַ ייִד מיט אַ לאַמטערנע, אַן אורח, אַ מדינה־גייער וואָס בלאָנקעט פון שטאָט צו שטאָט, עסט ביי פרעמדע טישן, שלאָפט אויף דער האַרטער באַנק ביים בית־המדרש־אויוון. און כ׳וועל זיך אַזוי לאַנג אַרומבלאָנקען ביז כ׳וועל ס׳מייניקע זיין אָפּגעקומען...

מרגליות האָט מיט אַן אָפן מויל באַטראַכט דעם ייִדן. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן זעקל אויף די פּלייצעס. די לאַמטערנע אין זיין לינקער האַנט האָט

נאָך געברענט. דאָס הענטל פון זיין שטעקן האָט דערמאָנט אין אַן אויסגעבוי־גענעם האָרן פון אַ יונגן הירש. מרגליות האָט אַלץ נאָך געקוקט אויף דעם ייִדן מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש און צעטומלעניש.

— ווי קומט איר דאָ אַריין?

— כ׳בין אַריינגעקומען אין אַ פינצטערער שטאָט. מיין לאַמטערנע האָט מיר געוויזן דעם וועג צו אייער אָפענע הויז־טיר. קיין מורא באַהערשט נישט קיין ייִדן וואָס האָט גאָט אין האַרצן. ס׳שטייט דאָך בפירוש אין תהילים: וגם כי אליך בגיא צלמות לא אירע רע כי אתה עמדי שבטך ומשענתך המה ינחמני.

— אויב אַזוי — האָט מרגליות אָפּגעזיפצט — זעצט אייך אַוועק אָפּרוען! איר וועט זיך אַרומוואַשן, עסן אָוונטברויט און איר וועט שוין דאָ איבערנעכ־טיקן. נו, איצט קענט איר דאָך שוין אויסלעשן די לאַמטערנע.

— זייט מיר מוחל! די לאַמטערנע וועל איך דווקא לאָזן ברענען און לייכטן. פאַר ליכט האָבן נאָר מורא גזלנים און חיות.

קאַפּיטל פיר

די אַלטשטאָטישע שול ברענט

דער פוילישער גאָלדענער האַרבסט, ווי אַ סימפאָניע אין שטילע פאַרבן מיט אַ טיף־לירישער שטימונג, וואָס האָט פון תמיד אָן אַזוי שטאַרק באַצויבערט די פּאָעטן און ראָמאַניסטן פון לאַנד, איז איצט געפאַלן אומגעהויער שווער אויף מנחם מרגליותעס דיכטעריש געמיט.

הגם צוויי מעת־לעת זענען שוין געווען פאָריבער ווי די דייטשע חיילות האָבן מיט פאַראַדנע „געגנדזן־שריט" און מיט שאַלנדיקע אָרקעסטערס, פויקנדיקע באַריבאַנטשיקעס, געהאַט באַטראָטן דעם באָדן פון לאָדזש, האָבן זייערע באַנעגלטע שטיוול נאָך אַלץ געגרילצט אין זיין מוח. די אַש־גרויע קאָסקן אויף זייערע קעפּ זענען אים נאָך ביז איצט שאַרף און בולט געשטאַנען אין די אויגן.

ער קען זיך גאָרנישט שענקען, וואָס ס׳איז אים גראָד דעמאָלט, מעשה־שטן, אויסגעקומען צו זיין אין גאַס. ווייניק איז אים דען געווען דער האַרץ־ווייטיק און טויט־שרעק פון דערווייטנס? האָט ער דען נאָך מיט זיינע אייגענע אויגן געמוזט זען ווי די „פאָלקס־דייטשן" האָבן זיך מאַסנווייז אַרויסגעכוואַליעט פון די פאַבריקן, דערפרייטע אַקעגנגעלאָפן די דייטשע סאָלדאַטן, זיי באַוואָרפן מיט בלומען און אויסגעשריען: „הייל היטלער!"? דאָס אַלטע גערמאַנישע בלוט וואָס האָט זיבנט דורות געריזלט אין זייערע אָדערן, האָט זיך אין דער רגע אָפּגערופן, אויפגעקאָכט און זיך צונויפגעמישט מיט זייערע „פאָלקס־גענאָסן", וואָס זענען געקומען פאַר זיי אויסקעמפן מער „לעבנס־רוים".

די פאָליאַקן זענען געשטאַנען אין די גאַסן, געקרענקטע. און דאָס קליינע הייפעלע יידן, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דער פוילישער באַפעלקערונג, איז געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט און פאַרשטומט, אַקוראַט ווי די דייטשע שטיוול וואָלטן נישט געטראָטן אויף שטיינער, נאָר ממש אויף זייערע גאָלע שאַרבנס.

פון דעמאָלט אָן, הערט מנחם מרגליות פון אומעטום אַרויס דעם אָפּהילך פון שטיוול. אין די ליידיקע צימערן — שפּאַנען שטיוול. איבער קאָפּ — שטיוול... אין פאָדערהויז — שטיוול... פאַר די פענצטער — שטיוול...

די יידישע שכנים האָבן גלייך אויף צומאָרגנס גענומען פּאַקן זייערע וואַליזקעס און פּעקלעך מיטן ביסל בעבעכעס... אַ גאַנצן טאָג, ביז אין די שפּעטע אָוונט־שעהן אַריין, האָבן זיי מיט פאַרצווייפלטע קולות נישט אויפגעהערט צו

לויפן איבער די שטיגן אַראָפּ־אַרויף, אַראָפּ־אַרויף, פּונקט ווי דאָס הויז וואָלט געשטאַנען אין פלאַמען...

די שכנים, לרוב אויסגעהאָרעוועטע בעלי־מלאכות מיט ווייבער און קינדער, האָבן באַכאַנאַנד געקלונגען אין מנחם מרגליותס טיר. זיי זענען אים געקומען פרעגן עצות, זוכן אַ טרייסט.

— אַזאַ באַרימטער מענטש, ווי איר, זאָל גאָרנישט וויסן?... — האָבן די שכנים צו אים ממש געהאַט טענות.

מנחם מרגליות איז אַרומגעגאַנגען אַ צעמישטער, אַן אומבאַהאָלפענער מיט צוויי צעשפּרייטע הענט. נאָך מער ווי ער האָט זיך גופא עפּעס געוואָלט זאָגן האָט ער גערן מיט עפּעס־וואָס געוואָלט בייהילפיק זיין זיינע שכנים, וואָס זענען פאַר אים געשטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט און אויפגעריסענע אויגן ווי פאַר אַ געטלעכן מענטשן און האָבן אויף עפּעס געוואַרט...

— ביאַליסטאָק, אָדער וואַרשע? האָלט נישט אַלץ פאַר זיך! מיר האָבן דאָך קינדער... — האָבן די פרויען גענומען שלוכצן און זיך ווישן די אויגן מיט די קינדער־הענטשלעך...

— גלויבט מיר, מיינע ליבע שכנים, אַז כ׳ווייס אַליין נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. די יידישע רעדאַקציעס — פאַרמאַכט ווי קברים. די פוילישע פרעסע שיט זאַלץ אויף אונדזערע ווונדן. מען ראַבירט יידישע געשעפטן. דייי־טשע מחבלים מיט טויטן־קעפּ אויף די לאַצן פאָרן אויף אויטאָמאָבילן און שיסן אויף יידן מיט בערד. אַנדערע שניידן בערד. מ׳האַקט שויבן און ציין, מ׳יאָגט און מ׳כאַפּט. פאַליאַקן ווייזן אָן, און דאָס אַלץ איז קוים ערשט דער אָנהייב. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? וואָס ווייס איך? כ׳קען דען וועמען הייסן לויפן דאָ אָדער דאָרט? כ׳קען דען אויף מיר נעמען די אחריות און איינשטעלן וועמענס לעבן? זאָל יעדער פון אייך נאָכגיין נאָך דער שטימע פון זיין אייגן האַרץ! — האָט זיך מנחם מרגליות שווער אַראָפּגעזעצט און מיט דער רעכטער פויסט זיך גענומען פויקן אין אַ קני אַריין.

דערנאָך, בעת די שכנים זענען אַוועק, האָט ער זיך ערשט דערמאָנט אין זיך.

כ׳וואָלט אויך באַדאַרפן ערגעץ לויפן. האָב איך אַ פרוי אין פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל. נערוון־אַטאַקעס. געליימטע פיס. ווער ווייסט ווי לאַנג? און דאָ ברענט שוין אַזוי שטאַרק דאָס פייער פון גיהנום.

אַ פיל טיפערער רחמנות־געפיל ווי תמיד האָט אים איצט אַרומגענומען צו זיין קראַנקער פרוי. ער האָט געקוקט אויפן זייגער. די שעה פון שפּיטאָל־באַזוך איז נאָך געווען ווייט.

— מנחם — האָט זי נעכטן געזאָגט — אפשר זאָלסטו אויך ערגעץ לויפן?

איך בעט דיך, לאָז מיך איבער אַליין! איך וועל שוין סיי־ווי קיין לייט נישט זיין. מילא אין אַ רויִקער צייט, אַז דו האָסט דיך מיט מיר געמוטשעט, אָבער איצט, ווען מ׳איז פריש און געזונט און האַלב־טויט? וואָס ווייַנסטו, מנחם, וואָס ביסטו, אַ קינד?

איצט האָבן אירע רייד אַרויסגערופן ביי אים נאָך אַ טיפערן שוידער ווי נעכטן. ער האָט ווי געפילט, אַז דער דינער געשאַרך פון איר פאַרליבטער נשמה, רוישט איצט שטאַרקער אין זיין געמיט, אַקוראַט ווי פון איר לעבן און ליבשאַפט וואָלט אים חלילה נישט מער פאַרבליבן ווי דער דאָזיקער נאָכקלאַנג.

— און אפשר ביידע אַרויספאָרן? דער פּראָפעסאָר שאָר האָלט דאָך, אַז זי מוז האָבן דעם וואַרשעווער פסיכיאַטאָר גרוזמאַן, וואָס קען אפשר? אָבער ווי קען איך מיך מיט איר אַוועקלאָזן קיין וואַרשע ערב שלאַכט? ווער ווייסט וואָס דאָרטן וועט פאַרקומען ווען די דייטשן וועלן, נישט דערלעבן זאָלן זיי, אַריינקומען? — האָט ער כמעט הויך, אויפן קול גערעדט צו זיך.

דערנאָך איז ער געבליבן זיצן פאַרטראַכט. ער האָט זיך גופא געפאַרשט, צי זיין פרויס פאַרלאַנג זי איבערצולאָזן אַליין, האָט נישט חלילה אָנגערירט זיינס אַ שוואַכן פּונקט פון אייגנליבע? אפשר האָט אין אים נאָר געוויינט די נשמה פון געפיל? אָבער דער ניכטערער שכל?

„וואָס טראַכט איך? — האָט ער אַ שטאַרקן ציטער געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט — „אפשר איז דאָס גאַנצע לעבן טאַקע נישט מער ווי אַ מורא פאַרן טויט?״

— אָנבייסן, באַלעבאָס לעבן!

פאַר אים איז געשטאַנען די געטרייע דינסט.

ער האָט אויף איר געוואָרפן אַ לאַנג־דויערנדיקן בליק.

— וואָס זאָגט איר עפּעס, מלכה, צו דעם חורבן?

די דינסט איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע. זי האָט געוווּסט, אַז איר באַלעבאָס האַלט מען פאַר אַ גרויסן מענטשן און מ׳קומט אים פרעגן עצות. און דאָ, מיט אַמאָל פרעגט ער גאָר ביי דער דינסט און זעט אויס אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד.

— וואָס ווייס איך? — האָט מלכה פונדעסטוועגן געוואָגט עפּעס צו זאָגן.
— זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, הער איך נישט מען ווי מלחמה, אַז אויסגיין זאָל אונדזערע שונאים די נשמה! אין יענער מלחמה בין איך כאָטש נאָכגעלאָפן טאַטע־מאַמען און געשריגן עסן, היינט בין איך אַ ווייסטע אלמנה און האָב נישט צו וועמען אויסצושטרעקן די הענט. כ׳האָב צוויי זין און בין אַליין... — האָט זי זיך אויסגעווישט אַ טרער מיטן שפּיץ פאַרטוך.

מנחם מרגליות איז אַ ווײלע געבליבן זיצן שטיל און זיך אײנגעהערט אין מלכהס פאַרביטערטע רײד.

— וואָס הערט מען אין גאַס?

— מ׳וועט דאַרפן גײן אין מאַגיסטראַט נאָך ברויט־קאַרטן. אויסגעקלעפּט גרויסע און קלײנע אַפישן. כ׳קען נישט לײענען. מען כאַפּט יונגע מענטשן אָפּצו־ראַמען די חורבות. אויף דער נײ־שטאָט דאַכט זיך, לײגט מען עפּעס אײן און יידן ראַמען אָוועק די שטײנער. מענטשן רימען זיך דאָך אין שפּײז־געוועלבל, אַז זײ זענען נעכטן געווען אין גאַס ביז צוועלף. די קינאָס האָבן געשפּילט. יידן לויפן שוין אַרום צו פּוילישע מאַכערס זיך מאַכן פאַלשע פּאַפּירן, אַז זײ זענען געבוירענע קריסטן.

— וואָ־עס?

— יאָ, באַלעבאָס־לעבן! מ׳שמועסט, אַז גאַנץ שײנע באַלעבאַטים ווילן זיך מאַכן פאַר גויים. מ׳זאָגט, אַז דערנאָך וועט זײן צו־שפּעט.

— אַזוי? — האָט מנחם מרגליות אַ זיפץ געטאָן און איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט, מיט בײדע הענט אויפן שטערן.

מלכה איז אַרײן אין קיך און ווי תמיד אַרײנגעבראַכט דעם אָנבײסן אויף אַ טאַץ. איבערן וועג איז איר אַראָפּגעפאַלן אַ לעפעלע.

מנחם מרגליות האָט אַ ציטער געטאָן.

— כ׳ווײס נישט, פאַרוואָס ס׳פאַלט מיר היינט אַלץ פון די הענט?

— אָבער, ענדערט דען דאָס שטיקל פּאַפּיר דעם געפיל? פאַררוקט אײך נישט, מלכה, אין אַ קיכן־ווינקל! איר קענט צוקומען צום טיש.

מלכה איז צוגעגאַנגען צום טיש. זי האָט באַמערקט ווי איר באַלעבאָס זיצט פאַרטראַכט מיט אַ לעפעלע זאַלץ אין האַנט און גרײט זיך עס אַרײנצו־שיטן אין דער קאַפע. בײם אַרויסנעמען דאָס לעפעלע זאַלץ פון זײן האַנט, האָט דאָס טיר־גלעקל זײ בײדן איבערגעשראָקן.

ד״ר מאיר פרידלאַנד איז אַרײנגעקומען אַ צעבראָסטעטער.

— די אַלטשטאָטישע שיל ברענט!

מנחם מרגליות האָט זיך אַ פאַרצאַפּלטער אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך צוריק אַרויסגענומען דעם ביסן ברויט פון מויל.

— נאָכן שײטערהויפן פון ביכער — שילן. מען גײט צוריק צום מיטלאַל־טער, צו דער שוואַרצער מגפה.

— רבונו של עולם, אונדזער שיל! — האָט זיך מלכה הויך אויפן קול צע־וויינט און האָט איר קאָפּ פאַרוואָרפן אויף אַ וואַנט.

איך גײ אין גאַס אַרײן! — האָט זיך מנחם מרגליות אַ ריס געטאָן — ראַ־

טעווען קען מען נישט. לאָמיר זיך כאַטש שטיקן מיט אַביסל רויך. קומט פּריד־לאַנד!

און איידער מלכה האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט זיך די טיר פאַרהאַקט.

די גאַס רוישט מיט עפּעס אַ נייעם מאָדנעם אָפּקלאַנג. אַפילו דער געגריליץ פון די טראַמווייען־רעדער און דער גלאָק אין קאָנדוקטאָרס האַנט, שלאָגט עפּעס פרעמדלעך־אַנדערשדיק אָפּ אין דער לופט. די טראַמווייען וואָס קומען אָן פון „גייערס מאַרק" און די וואָס שניידן זיך אַריין אין דער קאָנסטאַנטינאָווסקאַ־גאַס, שינעווען זיך אַראָפּ צום קאַלישער באַנהויף, זענען אַזוי איבערגעפּולט און איבערגעשטאָפּט, אַז מענטשן הענגען ממש אויף די טרעפּלעך. דער האָקן־קרייץ פלאַטערט אַראָפּ פון די רעגירונגס־געביידעס. אויסגעלאָשענע פענצטער אָן פאַרהאַנגען. אויף דער ביי־שטאָט ווערט צעשמעטערט דער קאָשטשושקאָ־מאָנו־מענט. אַ געשפּאָלטענער קאָפּ פון שטיין קוקט מיט אָפענע אויגן. אַ ברוך־שטיק פון אַ האַנט און אַ רונדיקע פאָרעם פון אַ קני, רייסט זיך אַרויס פון אַ באַרג צע־מורשטשעטע שטיינער. אויפן שאָסיי — שווערע מיליטערישע לאַסט־אויטאָס. דער פאַרקער ווערט אָפּגעשטעלט. דייטשע סאָלדאַטן מאַרשירן פאַרביי זינגענ־דיק, זעלנערישע מענאַשקעס קלינגען אָפּ, אויף די טראָטואַרן — אַ געגיי, אַ געלויף. אַ גערײַדערײַ מיט קורצע אָפּגעהאַקטע זאַצן. אַ דראָזשקע ווערט באַ־פאַלן פון אַ מחנה מענטשן מיט געפּעק אין די הענט. פון דער געדיכטער מענטשן־מאַסע, טיילן זיך אויס איינגעהויקערטע פּלייצעס, באַגלייט מיט רוק־זעק, פּעקלעך, וואַליזקעס, זעקעלעך און קינדער שפּילעוודיקע, וואָס הוידען זיך אויף פאַטערישע אַקסלען.

דער בעטלער אין ראָג, אויף וועמען מ'האָט זיך זעלטן־ווען אומגעקוקט, קלימפּערט איצט מיט אַ פול היטל קליינגעלט און פרישע מטבעות רייפלען זיך נאָכאַנאַנד צו זיינע אַרומגעפּאַסמעוועטע הילצערנע פיס...

די יידישע האַלעס און געשעפטן אויף דער נאַוואָמיעיסקאַ־גאַס זענען פאַר־האַמערט. אויף די טראָטואַרן וואַלגערן זיך שטיקער שויבן און צעבראָזגעטע קרישקעס גלאָז סוויסטשען אונטער די פיס. אין די טויערן — גרופּקעלעך איינ־געקאָרטשעטע יידן. זיי שטעקן פון צייט־צו־צייט אַרויס די קעפּ און ציִען זיך גלייך צוריק.

אויפן אַלט־שטאָטישן מאַרק איז טומלדיק. מענטשן לויפן אַהין און צוריק. מ'שטופּט זיך צו עפּעס צו. מ'צעיאָגט און מ'כאַפּט אונטער דייטשע, פּוילישע און יידישע קולות, טראָגן זיך אין דער לופט. אין מיטן מאַרק שטייען אויסגע־שטעלט אין עטלעכע שורות אונטערגעכאַפּטע חסידישע יידן, לרוב מיט האַלב־אַרומגעשניטענע בערד, אויסגעטאָן אין די בלויזע לייבלעך. דאָ און דאָרט פלאָ־טערט אַ טלית־קטן. אַ גרויסע מחנה נאַציס מיט געווער אין די הענט, קרייזט

אַרום די צום־טויט איבערגעשראָקענע ייִדן. אין דער מיט — אַ דייטשער אונ־טער־אָפיציר, וואָס קאָמאַנדעוועט מיט אַ פול מויל ציניש געלעכטער:

— העכט הויך! העכט אויף אַקסל! העכט באַרירן די שיך־שפּיצן! קריכן אויף אַלע פיר און בילן ווי הינט!

אַ ווייט־אָפּהילכנדיק נאַציש געלעכטער פאַרטויבט דעם אַלט־שטאָטישן מאַרק. פאָליאַקן שטייען אַרום און קראַכן פאַר געלעכטער. אַנדערע דרייען זיך אַוועק שווייגנדיקע...

מנחם מרגליות און ד״ר פרידלאַנד האָבן זיך קוים אַריינגעדרענגט אין דער מאַסע, וואָס איז געשטאַנען מיט פאַרריסענע קעפּ עטלעכע מעטער ווייט פון דער ברענענדיקער שיל.

די אַרומיקע געגנט איז געווען איינגעהילט אין שוואַרצע פאַסמעס רויך, וואָס האָבן זיך פון דער שיל גאַנץ לאַנגזאַם אַרויסגעקנוילט, שפּייענדיק מיט פונקען אין דער פאַרנעפּלטער לופט אַריין.

ס׳זענען דאָ אַרומגעשטאַנען די ,געזונטע, פּולבלוטיקע פישער־יונגען קצבים, פלייש־העקער, אָקסן־טרייבער און „פּאַסערס״ פון דער וואָסקאַדניע־גאַס; די גנבים וואָס האָבן געגעסטיקט אין „שייע פּיפּקעס״ שענק און אויף אַ „ווענט״ אַראָפּגעלאָזט פּופּצן האַרטע אייער; די שמאַטשאַזשעס פון דער בזשעזשינער־גאַס; די בלאַטע פון „באַלוט״; די פּעקל־טרעגער מיט גראָבע שטריק אויף וואַ־טאָווע לייבלעך און אויף נאַקעטע שעפּסן־פּעלן; אַרבעטער פון פאַרמאַכטע זאַקן־פאַבריקן, וועבער־וואַרשטאַטן, בוכהאַלטערס, פריזירערס, שניידער, שוסטער, מעקלערס, „שטעקעלע־דרייערס״, פאַצעטישע פאַרטענצער, אָפּגעזאָגטע דינסט־מיידלעך און פראָווינצער יונגעלייט.

דער איבערגעשראָקענער עולם איז דאָ געשטאַנען ווי אויף אַ בית־עולם, פאַראייניקט אין אַן אַבלדיקן שווייגן...

עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַלטיטשקע אין אַ באַקרעלטער קופּקע, איינ־געהילט אין אַ שוואַרצער פאַטשיילע. די אַלטינקע האָט געפירט ביי דער האַנט אַ צעשמייכלט אייניקל פון אַ יאָר אַכט.

— באָבינקע, די שיל ברענט דאָך! — האָט דאָס קינד אויסגעשריגן.

— כ׳ווייס... אונדזער בראָך...

— פאַרוואָס לעשט מען נישט דאָס פייער, באָבינקע?

— די פייערלעשער האָבן מסתמא פאַרשפּעטיקט, מיין קינד... — האָט די באָבינקע אַרויפגעצויגן די פאַטשיילע אויף איר אַלטינקן קאָפּ און האָט זיך צע־כליפּעט מיט ביידע הענט אויפן פּנים.

ערשט דעמאָלט האָט אייגער פון די ווילדע יונגען אַ זאָג געטאָן:

— זעטץ וואָס פאַרא „ראַזבוּיניקעס" זיי זענען! אונדז צעיאָגן זיי נישט, ווייל זיי ווילן, אַז מ'זאָל דאָ שטיין און זיך קרענקען...

— טאָ לאָמיר זיך טאַקע צעגיין!

— פון ווען אָן, בענקאַרטעס, האָבן מיר בלאַטע מורא פאַרן טויט? — האָט זיך פון דער מאַסע אַרויסגערוקט אַ ברייטביינעדיקער יונג, ביי וועמען דאָס לינקע אויג איז געווען גענצלעך פאַרמאַכט, אויסגעזען ווי אַ שניט באַוואַקסן מיט ברעמען.

דאָס איז געווען דער קעניג פון די בלאַטע, משה פויטע. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ נאָז־טיכל און זיך גענומען שנייצן די נאָז...

— איר האָט שוין אַמאָל געהערט משה פויטען וויינען?... — האָט ער זיך פעסט געבוכניעט אין האַרץ אַריין און דאָס רעכטע אויג האָט ביי אים געטרערט... קומט! מ'מוז עפּעס טאָן. ראַטעווען די שיל קען מען נישט, אָבער לאָמיר זיי כאָטש נישט אַרויסווייזן קיין פּחדנות.

אין דער רגע איז אָנגעקומען דער ייִד מיט דער לאַמטערנע. ער האָט זיך דערנענטערט צו משה פויטע, אים אָפּגערופן אין אַ זייט, און מאַכנדיק עטלעכע קרייזן מיט זיין שטעקן אין דער לופטן, האָט ער עפּעס געזאָגט און פאַרשוונדן.

פלוצלינג איז געקומען צולויפן אַ שגץ, וואָס האָט זיך דערצויגן צווישן ייִדן און האָט אויף ייִדיש אַריינגעוואָרפן אַ געשריי אין דער מאַסע אַריין:

— דריי געהאָנגענע אויפן באַלוטער פּלאַץ!...

אין איין אויגנבליק האָט זיך די צונויפגעהאָפטענע מאַסע צעריסן און עס איז געוואָרן אַן אימהדיקער געלויף.

— אַלע טויבן־כאַפּערס בלייבן מיט מיר! — האָט משה פויטע נאָכגעשריגן די אַנטלויפנדיקע. עטלעכע יונגען האָבן זיך אומגעקערט.

מנחם מרגליות און ד"ר פרידלאַנד זענען עפּעס ווי מיטגעריסן געוואָרן מיטן מענטשן־שטראָם, וואָס האָט אין געלויף געררעוועט מיט איבערגעשראָקענע און צאָרנדיקע קולות.

די מאַסע האָט זיך, ווי מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם, אָפּגעשטעלט ביי אַ תליה, אויף וועלכער עס האָבן זיך גאַנץ־לאַנגזאַם געהוידעט און געדרייט דריי טויטע געשטאַלטן: אַ ייִד מיט אַ ברייטער קופּערנער באָרד, קענגאַיבער דעם ייִדן — אַ גלח אין אַ שוואַרצער סוטאַנע, און אַ חסידישער יונגערמאַנטשיק מיט צוויי צעפּלאָשעטע, געקרייזלטע פּיאות. דריי שוואַרץ־בראַנדיקע פּנימער האָבן אַ שלאָג געטאָן איבערן מוח. די דריי אַרויסגעשטעקטע צינגער האָבן אויפגעשוידערט.

— אָט זע איך די ערשטע קרבנות, וואָס האָבן זייער גורל אַרויסגעשטעקט

די צונג... — האָט מנחם מרגליות אַ שטאַרקן ציטער געטאָן און קראַמפּהאַפּט אָנגעגריפן פרידלאַנדס אַקסל.

די פּאָליאַקן דאָ האָבן זיך אַראָפּגענומען די היטלען און זיך איבערגע־צלמט. די יידן זענען געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך און פאַרשטומט.

פון ביידע תליה־פּיס האָבן זיך אַוועקגעקייקלט די פון ווינט אָנגעיאָגטע, טויטע, האַרבסט־בלעטער. די זון איבער דער תליה האָט איר פּנים איינגעהילט אין אַ שיטערן נעפּל.

ד״ר מאיר פרידלאַנד האָט זיך פאַרנורעט אין מרגליותעס אויפגעפּראַלטן פּעלץ און האָט עפּעס פאַרשריבן אין אַ נאָטיץ־ביכל.

— וואָס טוט איר?

כ׳הייב אָן זאַמלען מלחמה־מאַטעריאַל.

— און דערמיט וועט שוין דער וועלט־שגעון ווערן באַרעכטיקט?

ד״ר מאיר פרידלאַנד האָט מרגליותן גענומען אונטערן אָרעם און אַוועק־געפירט.

צוקומענדיק צום ראָג פון דער לאַגעווניצקער־גאַס, האָבן זיי מיט אַמאָל דערהערט אַ געשיסעריי. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט.

זיי האָבן פאַרריסן זייערע קעפּ צום הימל און דערזען ווי עטלעכע מחנות ווייסע טויבן שוועבן אין די שוואַרצע קנוילן רויך, וואָס וויקלען זיך שלאַנגיש איבערן קאָפּ פון דער ברענענדיקער שיל.

מנחם מרגליות איז עפּעס אַריינגעפאַלן אין אַן אַנדער שטימונג.

— ווייסע טויבן, ווייסע טויבן! מסתמא די יידישע טויבן־כאַפּערס. אַ סימבאָליש בילד... זיי שיסן אין די טויבן. קיין יידישע נקמה איז דאָס טאַקע נישט, אָבער עפּעס טרייסטנדיקס ליגט פאָרט אין דעם.

— מ׳מוז איצט זיין פאָרזיכטיק! — האָט ד״ר פרידלאַנד זיך אַרומגע־קוקט, ווי ער וואָלט געזוכט אַ וועג אויף צוריק. — לאָמיר בעסער נעמען אַ דראָזשקע!

— כ׳ווייס?... — האָט מרגליות געצויגן מיט די אַקסלען. — אַ דראָזשקע קען אַמאָל זיין געפערלעכער. לאָמיר זיך בעסער אויסמישן מיט דער מאַסע! קומט, פרידלאַנד, לאָמיר נישט שטיין!

און בעת זיי האָבן זיך גענומען אַריינדרענגען אין דער טומלדיקער אַי־בערגעשראָקענער מאַסע, האָט מרגליות זיך אָנגעהאַנגען אין פרידלאַנדס אָרעם און פאַר שרעק גענומען ריידן פויליש.

ד״ר פרידלאַנד האָט מרגליותן אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר פאַרזשמורעטע אויגן... ער האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז מ׳דאַרף זיך איצט אָנהייבן צוצוגעוויי־נען צו שרעק, ווי אַ בלינדער געוויינט זיך צו צו דער פינצטערניש. און פונקט

ווי דער בלינדער זעט אין שוואַרץ כלערליי קאָלירן, אַזוי וועלן מיר מוזן אין די שרעק דערזען די רואיקייט, בכדי זיך צו קענען דערהאַלטן. אָבער ער האָט גאָר־נישט געזאָגט, נאָר האַסטיק געשפּאַנט און מיטגעשלעפּט מרגליותן, וואָס האָט ממש גענומען פּרייכן, גלייך ווי ער וואָלט נישט געגאַנגען אויף אַ באַקאַנטן טראָטואַר, נאָר אויף אַ פרעמדן באַרג, וואָס נאָך יעדן טראָט איז פאַראַן אַ טיף גרוב.

אויף דער ניי־שטאָט האָט זיך דער פאַרקער אָפּגעשטעלט. ס׳האָט פאַרביי־געצויגן אַ לאַנגע שורה מיליטערישע לאַסט־אויטאָמאָבילן, וועמענס גרינע לייַ־ווגטענע ווענט האָבן זיך ווי בלאָז־זעק אויפגעוויכערט און איינגעגריבלט. דער המון וואָס האָט זיך צוזאַמענגעקליבן ביי די ראָגעס, איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער און נאָכגעקוקט די מיליטערישע וועגענער. מענטשן האָבן זיך אי־בערגעקוקט, אָבער איינער האָט מורא געהאַט ביים צווייטן עפּעס צו פרעגן.

אריינקומענדיק אין מרגליותעס וווינונג, האָט די דינסט אַ פאַרצאַפּלטע אויסגערופן:

— די שיל ברענט טאַקע?

— ס׳זאָל אַזוי ברענען אויף אונדזערע שונאימס הערצער! — האָט מר־גליות פאַרביטערט געזאָגט און האָט פרידלאַנדן אַריינגעפירט אין זיין אויפ־נעם־צימער.

זיי האָבן זיךביידע צוגעזעצט צום טיש און אָפּגעאָטעמט. זיי האָבן געזען ווי די דינסט וואַרפט אויף זיך אַרויף די פאַטשיילע און לויפט אַרויס, ריידנדיק צו זיך.

ד״ר פרידלאַנד האָט עפּעס פאַרשריבן אין זיין נאָטיץ־ביכל. ער האָט זיך נערוועז געקראַצט די גאָמבע, פאַרקריטשעט די ציין, ווי ער וואָלט עפּעס צע־ביסן, און אַ זאָג געטאָן:

— פאַזאַנענשטראַסע!...

— וועגן וואָס רעדט איר, פרידלאַנד?

— וועגן דער גרויסער סינאַגאָגע פון די דייטשע ליבעראַלע יידן, אויף דער פאַזאַנענשטראַסע 78. איך שטעל זיך גאָרנישט פאָר אַז פון אייערע פיל־מאָליקע באַזוכן בערלין זאָלט איר נישט זיין געווען אין דער פאַזאַנענשטראַסע און געזען די סינאַגאָגע.

— דער מוח איז מיר טעמפּ געוואָרן — האָט זיך מרגליות גענומען רייבן דעם שטערן. — נו, גוט, וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?

— אַז דאָס איז געווען איינע פון די וווּנדערלעכסטע סינאַגאָגעס וואָס כ׳האָב אין מיין לעבן געזען. דער וואָס האָט נישט געהערט דעם פרויען־כאָר, באַגלייט פון אָרגל, האָט זיך קיינמאָל נישט באַהאָפטן מיט דער גאָטהייט דורך

מוזיק און געזאַנגען. דאָס איז געווען אַ שיל און גלייכצייטיק די ערשטע אָפענע טיר פאַר אימיגראַנטן. זיי האָבן דאָ באַקומען די ערשטע שטיצע און אַ ברודער־לעכע הילף ביים איינאָרדענען זיך ווי לעגאַלע איינוווינער.

— וואָס איז אייך עפּעס געקומען אויפן געדאַנק די דאָזיקע סינאַגאָגע?

— ווייל מיט איר האָבן זיי אָנגעהויבן ברענען אונדזערע הייליקייטן. איר האָט דען נישט געלייענט אין די צייטונגען, אַז די דאָזיקע סינאַגאָגע איז אין דער נאַכט פון 9טן אויפן 10טן נאָוועמבער 1938 אונטערגעצונדן געוואָרן דורך די נאַצי־האָרדעס און פאַרברענט געוואָרן ביז אין גרונט. דאָס איז מסתמא גע־ווען די ערשטע סינאַגאָגע וואָס די וואַנדאַלן האָבן אונטערגעצונדן. יענע פלאַ־מען האָבן זיך מכלומרשט שוין לאַנג איינגעלאָשן, אָבער פאַקטיש האָבן זיי זיך אַריבערגעטראָגן צו אונדזערע שילן... איצט האַלט עס ביי אונדזער שיל, אָבער כ׳זע ווי די פלאַמען טראָגן זיך איבער אויך...

מרגליות האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן.

— יאָ, כ׳דערמאָן זיך טאַקע עפּעס אין דער פאַזאַנענשטראַסע. דאַכט זיך אַז זי האָט זיך געפונען אין איינע פון די שענסטע בערלינער קוואַרטאַלן.

— אין מערב־בערלין. איך זע זי איצט פאַר מיינע אויגן פאַרברענטערהייט — האָט פרידלאַנד מיט ביידע הענט זיך אַ וויש געטאָן איבערן פּנים. — איך דערקען אַפילו דעם סטיל: אַ געמיש פון איטאַליעניש־טערקיש און אָריענטאַ־ליש. אין דרויסן דריי גרויסע קופּאָלן; אינעווייניק — גאָלד־מאָזייאיק און פאַר־ביקע אָרנאַמענטן. אַ רוים פאַר אַ פּופּציק־פּערזאָניקן כאָר און צוויי טויזנט פּלע־צער פאַר מענער און פרויען.

— איך באַוווּנדער אייער זכרון, פרידלאַנד.

— איר מיינט, מרגליות, אַז איך ציטיר פון זכרון? — האָט ד״ר פריד־לאַנד פונדעסטוועגן אַ שמייכל געטאָן. — איך האָב אַלץ נאָטירט. כ׳האָב אַפילו אויסגעפונען אַן אַרכיוו וואָס דערגאַנצט מיינע נאָטיצן. דעם 26סטן אויגוסט 1912 איז פאָרגעקומען דער חנוכת־הבית. אַלע פּראָמינענטע מענטשן פון קייזערלעכן דייטשלאַנד זענען דעם טאָג געווען אויף דער פאַזאַנענשטראַסע. מי־ניסטאָרן, דעפּוטאַטן, גלחים פון אַלע רעליגיעס, אָפיצירן און דער גענעראַל־אַדיוטאַנט פון קייזער ווילהעלם דעם צווייטן. דער אָרגל האָט געשפּילט באַכס אַ קאָמפּאָזיציע, און דער כאָר האָט געזונגען אַ קאַפּיטל תהילים. די ייִדן וואָס זענען דעמאָלט געקומען צו ד׳ער צערעמאָניע אין שוואַרצע צילינדערס, האָבן זיך זיכער נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז די קינדער און אייניקלעך פון די דייטשן וואָס באַערן איצט די סינאַגאָגע וועלן זי שפּעטער אונטערצינדן... דאָס איז אייגנטלעך די מענטשלעכע קאָמעדיע... מ׳בויט און מ׳מאַכט חרוב... מיר זענען ערשט אַריין אין דער ערשטער רינג פון דאַנטעס „גיהנום״...

— הייסט עס, פרידלאַנד, אַז איר זאַמלט שוין לאַנג מלחמה־מאַטעריאַל?
— האָט מרגליות אַ בליק געטאָן אויף זיין טאַשן־זייגערל.

— כ׳האָב אָנגעהויבן, ווען אין אַ מינכענער ביר־האַלע האָט אַן אומבאַ־קאַנטער גערופן אַראָפּצוואַרפן די רעפּובליק און די ייִדן. אין די שפּעטערדיקע נאַטיצן רופט איך שוין אָן דעם אומבאַקאַנטן — אַדאָלף היטלער, ימח שמו!

מרגליות האָט אַ שטאַרקן ציטער געטאָן. ער האָט זיך מיט אַ צעשטרייטן בליק אַרומגעקוקט. ער האָט ווידער אַרויסגענומען דאָס טאַשן־זייגערל און זיך פאַרקוקט אויפן ציפער־בלעטל.

— וואָס קוקט איר עפּעס כסדר אויפן זייגער? איר גלויבט אַז אונדזער טראַגעדיע וועט געדויערן שעהן?

— יאָ, יאָ... כ׳ווייס ס׳הייבט זיך ערשט אָן. איך דערוואַרט אומגעדולדיק דעם שפּיטאַל־וויזיט. מיין פרוי הייסט מיך אָוועקפאָרן. אייער פרוי האָט זיך באַצייטנס אַריינגעכאַפּט צו איר שוועסטער אין דער שווייץ. איך האָב מיך נאָך ביז איצט נישט דערלויבט אייך צו פרעגן פאַרוואָס איר זענט נישט מיטגע־פאָרן? און נאָך מער אומפאַרשטענדלעך איז מיר, וואָס אייער פרוי האָט געקענט אָוועקפאָרן און איבערלאָזן איר געראָטענעם ווונדערבאַרן זון, נתן. אַ וווּנדער־קינד! מ׳קען דאָך שוין מיט אים ריידן ווי מיט אַ קלוגן דערוואַקסענעם מענטשן. זייט מיר מוחל, פרידלאַנד, וואָס איך האָב דאָ באַרירט אייער פּריוואַט־לעבן.

ד״ר פרידלאַנד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון טיש און גענומען שפּאַנען, גלייך ווי ס׳וואָלט אים ווער אונטערגעיאָגט. ער האָט זיך אויפגעשנאַלט דאָס גאָלדענע האַנט־זייגערל, זיין פּרוס מתנה, און האָט עס געמאַכט לויזער, אָוועקגערוקט פון דופק. ער האָט זיך צוריק געזעצט צום טיש אַ שווייגנדיקער, אַרויסגענומען זיין פּרוס פאָטאָגראַפיע, געכאַפּט אַ בליק און זי צוריק אָוועק־געלייגט.

— המ... פאַרוואָס כ׳בין נישט מיטגעפאָרן? כ׳האָב עפּעס נישט געקענט פועלן ביי זיך, אַז כ׳זאָל געהערן צו די אַנטלאָפענע פון אַ שלאַכט. כ׳האָב אַפילו געקוקט קרום אויף יוליאַן טובים, בעת ער איז זיך געקומען מיט מיר געזעגענען. איך רעד מיר איין, אַז דער ייִדישער גורל האָט מיך אויסגעקליבן, באַנאַנד מיט עטלעכע היסטאָריקער, צו זאַמלען מאַטעריאַל לדורות. ס׳קען זיין אַז די מאַטעריאַלן וועלן מיך איבערלעבן! אָבער איך בין איצט געבליבן צו אַ פלאַטערל וואָס ציט צום פלאַם. און הגם פליגל וועלן פאַרברענט, קומען פונ־דעסטוועגן אונטער אַנדערע. מיין פרוי איז געבענטשט מיט שיינקייט, אָבער זי איז ווייט פון מסירת־נפש. זאָל זי זיין געזונט און זיך אָפּראַטעווען! מיין נתן? ער גייט ב״ה אין מיינע וועגן. איך מוז טאַקע אַהיימגיין. כ׳האָב נתנען איבער־געלאָזט ביי קריסטלעכע שכנים. היינטיקע צייטן. כ׳רעכן אַ ליאַדע טאָג איינ־צופּאַקן דאָס סאַמע נויטיקסטע און זיך אַריבערצוכאַפּן קיין וואַרשע.

מרגליות האָט פרידלאַנדן לאַנג אָנגעקוקט.

— און דאָרט, אַהין, וועלן די פלאַמען נישט דערגרייכן?

— זיי וועלן, בין איך צום באַדויערן זיכער, אַרומכאַפּן גאַנץ פּוילן. אָבער כ׳וויל זיך געפינען אין אַ צענטער. וואָס עס וועט זיין מיט כל ישראל וועט זיין מיט ר׳ ישראל.

דאָ האָט מען געהערט אויפשליסן די טיר און די דינסט איז אַריינגעקומען מיט אַ קיישל איינקויף. נאָך דער דינסט האָט זיך אַריינגעשלייכט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פון אויפ־נעם־צימער, אַרומגענומען מיט אַ רחמימדיקן בליק דעם פּאָעט און דעם היסטאָ־ריקער און ער האָט מיט אַן אָפּזיפץ געזאָגט:

— מ׳טרויערט, זע איך, מ׳טרויערט... און מ׳וויל באַנעמען דעם משפט און דין פון אונדזער אל רחום וחנון... מ׳שטויסט זיך אָן אויף סתירות. איר האָט זיך געוויס באַנוצט מיט איובס טענות צו גאָט, און געקומען צו דער מסקנא: נוח לו לאדם שלא נברא משנברא! איר קענט איצט נישט תופס זיין דעם „כי טוב״ פון בראשית... איר האַלט זיך אַלע פאַר צדיקים און איר וואָלט געוואָלט אַז דאָס גרויסע ליכט וואָס איז זיך מתפשט פון דער מרכבה עליונה, זאָל פאַר אייך אויפשיינען. אָבער איר פרעגט זיך גאָרנישט: פאַרוואָס דער מענטש נעמט אויף מיט פרייד דעם „ועל כרחך אתה חי״ און וואַרפט אָפּ דעם „ועל כרחך אתה מת״?... ביידע אויפגעצווונגענע באַפעלן געהערן דאָך צו גאָטס געזעצן פון לעבן. און מעסט דען גאָט אונדזערע מעשים מיט דער זעלבער מאָס וואָס מיר מעסטן? אוודאי איז דער איצטיקער נסיון אַ שווערער און אַ לאַנג־דויערנדיקער, אָבער איר גלייבט אים גובר צו זיין מיט עצבות און יאוש? הערט וואָס עס האָט נאָר־וואָס פּאַסירט! אַ וואַסער־טרעגער וואָס האָט אָנגענומען אַז אין דער ברענענ־דיקער שיל געפינען זיך ספרי־תורות, האָט זיך אַריינגעריסן מיט צוויי עמערס וואַסער אויף דער נאַשידלע. ער האָט געגאָסן וואַסער אין די פלאַמען אַריין און אַזוי אַרום זיך געמאַכט אַ וועג צום אָרון־קודש. אַרויסגעקומען איז ער אָן ספרי־תורות. די מלבושים האָבן אויף אים געברענט. דערביי האָבן אויף אים נאָך די רשעים צוגעשאָסן. ווען ער איז געפאַלן, האָבן אַרום זיין גוף געגומען שוועבן שטיקער שוואַרצער פּאַרמעט. די אותיות האָבן אַוועקגעשוועבט צוזאַמען מיט זיין נשמה... האותיות פורחות באויר... דער שטורעם וועט אויך פאַרביי. איך ציטער נאָר אַז אין נחס תיבה זאָל זיך נישט, ווי אַמאָל בעתן מבול, אַריינכאַפּן דער שקר און זיך אָפּראַטעווען... אָבער אויב מיר וועלן אָפּראַטעווען די קדושה, וועלן מיר אויפשטעלן אַנדערע שילן. איר האָט דאָך ביידע אַ גרויס שליחות אויסצופירן. פאָלגט מיך, הויבט אייך אויף און גייט אַקעגן אייער גורל!

דער ייִד מיט דער לאַמטערנע איז נעלם געוואָרן.

אַ וואַנט־זייגער האָט גענומען שלאָגן, גלייך ווי אָרגלען וואָלטן געשפּילט...

קאַפּיטל פינף

ר׳ איטשקעס הויז

אין דער ערשטער רגע בעת מנחם מרגליות האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער זיך אַרומגעקוקט מיט אַ מטשטושדיקן, ווילד־פרעמדן בליק. ער האָט ממש נישט געוווּסט וווּ ער געפינט זיך. אייַנציקווייז, בעת די נאַכטיקע קאָש־מאַרן האָבן ביים שיין פון פרימאָרגנליכט געגומען צערינען, האָט ער זיך אָקאָרשט געכאַפּט, אַז ער געפינט זיך אין הויז פון זיין שוואָגער, ר׳ איטשקע הערצבערג.

אַ זילבערנער דעצעמבער־פרימאָרגן, גלייך ווי אין די הימלען וואָלט זיך נישט אָפּגעשפּיגלט דאָס גרויליקע בילד פון דער ערד, האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף דער טונקל־גרינער פאָרהאַנג, וואָס האָט אָפּגעטיילט די תוהו־ובוהודיקע מלחמה־גאַס פון דעם שלווהדיקן צימער. דאָס עלעקטרישע אייוועלע האָט גע־ברענט. די טיפע קאַרבן, צעגליט פון אַ זילבער־קאָלירק פייער, האָבן געוואָרפן העלע פלעקן אויפן פערסישן דיוואַן, וואָס איז דאָ געלעגן אויסגעשפּרייט אי־בער דער גאַנצער פאָדלאָגע. דער צימער האָט זיך נאָך געשאָטנט צווישן נאַכט און טאָג־אויפגאַנג.

מנחם מרגליות האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביי זיין דיוואַן־בעט. דער לאָמפּ האָט געטראָגן אַ העל־בלויען אַבאַזשור, גרויס ווי אַ געעפנטער שירעם. די טונקל־גרינע ווענט, אַקוראַט ווי אַ געשפּריצטער מאַרמאָר, האָבן געגומען פינקלען מיט אַ גאָלדענעם אָפּשיין, זיין בליק איז צופעליק געפאַלן אויף די צוויי קונסט־בילדער: „עקדת יצחק״ און „אַ וויכוח צווישן תלמידי־חכמים ביי אַן אָפן ספר״. ביידע בילדער זענען דאָ געהאַנגען אין גאָלד־געבראָנ־דזטע ראַמען. אויף אַ טישל איז נאָך פון חנוכה־צייט געבליבן שטיין דער מעשע־נער מנורה־לייכטער, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ נס. פון דער ספרים־שאַנק האָט דאָ איצט ווי תמיד, אַרויסגעקוקט דער ש״ס, געבונדן אין העל־ברוין לעדער; דער „מורה־נבוכים״, „חושן־משפּט״, „יורה־דעה״, „ספר־היצירה״, רבנו בחיי״ס „חו־בות־הלבבות״, אברהם אבולפיהס „סוד־האותיות״ און אַנדערע מוסר־ און קבלה־ספרים.

אינמיטן צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער פירקאַנטיקער אַנטיקוואַרישער טיש, געדעקט מיט אַ גלעזערנער פּלאַטע, וואָס האָט איבערגעצויגן אַ גרויסע פּיל־פאַרביקע צייכענונג פון וואַרשע מיט אַלע אירע מיטלאַלטערלעכע שלעסער, מאָ־

נומענטן, יידישע גאַסן, קריסטלעכע גאַסן, סינאַגאָגן, שולן און להבדיל קלויס־טערס, יידישע און קריסטלעכע בית־עלמינס.

דערבליקנדיק די דאָזיקע צייכענונג, האָט עס מנחם מרגליותן אַ הייב געטאָן פון בעט אַרויס. דאָס בילד חורבן־וואַרשע, וואָס ער האָט דערזען בעת זיין אָנקו־מען פון באַן־הויף, האָט איך אים אַרויסגערופן אַ בענקשאַפט צו דערזען די שטאָט, זאָל אַפילו זיין אויף אַ צייכענונג, אַבי אַ גאַנצע, אַן אומבאַרירטע.

ער האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפן אַ שלאָפראָק, אַריינגעשטעקט די פיס אין אַ פּאָר שטעקשיך, און איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום טיש באַטראַכטן די צייכע־נונג. די גאַסן ווו ס׳האָבן זיך געפונען יידישע רעדאַקציעס, טעאַטער־זאַלן, פאַר־לאַגן, ביבליאָטעקן, ליטעראַטן־פאַראיין, אַרטיסטן־פאַראיין, סטודיעס, „צישאָ״־שולן, יתומים־הייזער און קאָפּע־הייזער פון דער יידישער אינטעליגענץ, האָבן אים אַ שטאַרקן שלאָג געטאָן איבערן מוח. אַ דינע נאָדל, האָט ער געפילט, האָט אים אַ טיפן שטאָך געטאָן אין האַרצן אַריין. אַ רגע האָבן פאַר אים אויפגעטויכט באַלויכטענע זאַלן, אין וועלכע מ׳האָט אים בעת יעדן באַזוך מקבל־פנים געווען מיט גרויס כבוד און ליבשאַפט. אָבער באַלד האָבן זיך די זאַלן פאַרלאָשן און זיי זענען זיך צעפאַלן מיט אַ געקראַך, וואָס האָט איצט אָפּגעהילכט אין זיינע אויערן.

„און אפשר איז דאָס אַלץ נישט מער ווי אַ קאָשמאַר?״

ער איז צוגעשפרונגען צום פענצטער און נערוועז אויפגערוקט די פאַר־האַנגען.

די שטאָט איז טאַקע געלעגן אַן אויפגעריסענע, באַדעקט און פאַרוואַליעט מיט אומצאָליקע חורבות. אין די פיין־געפלאַסטערטע שאָסייען — ברייטע, טיי־פע, תהומות־פאַרמיקע גריבער, אין וועלכע גאַנצע אַרמייען אומבאַקאַנטע סאָל־דאַטן און ציווילע מענטשן האָבן דאָ, ביים פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט, געפונען זייערע מאַסן־קברים. לעבן די טיפע קברים־טאָלן — הויך־אויפגעטורעמטע בערג פון פונאַנדערגעשאָטענע געביי־דעס. אַן אַרויסגעריסענער, האַלב־פאַרסמאַליעטער בוים, וועמען דער פאָעט זעט אין זיין דמיון פליען אין דער הויך, ליגט אויסגע־צויגן אויף אַן אָראָפּגעזונקענעם דאַך. מרגליותן דאַכט זיך, אַז פון דעם האַלב־פאַרבליבענעם קוימען, שלענגלט זיך נאָך, אַפילו ליגנדיק אויף דער ערד, אַ דין פאַסמעלע רויך. פון קופּעס שטוביקע חפצים, שטאַרצן אַרויס שוואַרץ־פאַררוי־כערטע בעלקעס, וואָס פאַררייסן זיך צום ווינטער הימל. דאָ און דאָרט — הויפנס צעטראַסקעטע גלאָז; שטיקער פון אָפּגעקילטע אייזערנע שטאַנגען און פאַרזשאַ־ווערטע מעשענע קליאַמקעס. די חורבות און די אויסגעהוילטע סקעלעטן־הייזער וואַרפן נאָך מער אַן אַן אימה בעת אויף זיי פאַלט דער אָפּשיין פון די שכנות־דיקע, אומבאַשעדיקטע בנינים, וואָס זענען ווי תמיד אין די ווינטערדיקע פריי־

מאָרגן־שעהן באַלויכטן, און די באַלקאָנען זענען, ווי קיינמאָל גאָרנישט; באַהאָנ־גען מיט קאָסטבאַרע דיוואַנען צו לופטערן· און באַקוקנדיק דאָס אַלץ, טראַכט זיך דער פּאָעט, אַז געביידעס האָבן כמעט די זעלבע גורלות ווי מענטשן. און דאָס וואָס ער דערזעט איז נאָך מסתמא נישט דאָס גאַנצע חורבן־בילד. אַ סך געשעע־נע זאַכן דערזעט ער נישט. און דאָס, וואָס איז נאָך נישט געשען?...

מנחם מרגליותן איז קאַלט געוואָרן אין די ביינער. באַמערקנדיק, אַז ס'איז ערשט זיבן אַזייגער, איז ער צוריקגעגאַנגען אין בעט אַריין.

„יאָ, ס'איז טאַקע געשען און ס'וועט נאָך געשען. אָבער וואָס איז דער זין פון דעם אַלעמען? דאַרף מען אויף דעם זוכן אַ תשובה אין די רעליגיעזע ספרים, וואָס שטייען דאָ אַזוי שווייגנדיק ביי מיין שוואָגער אין שענקל, אָדער אין וועלט־לעכע פילאָסאָפישע שיטות, וואָס זענען פאַר דעם שענקל — טריפה? אפשר טאַ־קע דער רעליגיעזער געדאַנק: לתקן עולם במלכות שדי, איבערבויען און נאָכאַ־מאָל איבערבויען די וועלט ביז זי וועט דערגיין צו דער מדרגה פון אַ גאָטס־קע־ניגרייך? און אפשר איז גאָר דער פילאָסאָף גערעכט, אַז דער תוך פון דער וועלט איז אַן אומבאַוווסטזיניקער, אַן אומזיניקער, אַ בלינדער ווילן צו עקזיסטענץ? אויב אַזוי איז דאָך דאָס מענטשלעכע לעבן נאָך טראַגישער, מחמת מיר האָבן נישט וועמען צו באַשולדיקן און צו וועמען אויסשטרעקן די הענט נאָך הילף".

זיין האַרץ איז געוואָרן איבערפולט מיט אַ טיפן געפיל פון רחמים צום טראַגישן מענטשלעכן גורל. זיין דיכטעריש געמיט האָט אין דער רגע עפּעס אויס־געוויינט אָדער גאָר אויסגעזונגען אויף די סאַמע דינסטע סטרונעס פון זיין פאַר־וווּנדעט האַרץ. טענער פון אינערלעך־אויסגעשפּילטע עלעגיעס האָבן גענומען אַריינריזלען אין זיין פּאָעטיש בלוט און עס אויפגעקאָכט, צערוישט און צעכוואַ־ליעט. ס'איז אים מיטאַמאָל געוואָרן אלולדיק אויף דער נשמה. אַ יאָושדיקע שטי־מונג האָט אים וואָס אַמאָל אַלץ טיפער און טיפער אין זיך אַריינגעזאַפּט. זיין קאָפּ האָט זיך אַ הייב געטאָן און איז צוריקגעפאַלן. ס'האָט זיך אים געטראַכט, אַז ווען ער זאָל זיך איצט קענען צוזעצן צו אַ שרייבטיש וואָלט ער אפשר געקענט זאָגן אַ ניי גרויס וואָרט? ער איז אָבער געבליבן ליגן ווי אַ קאַלטער אויסגעהויל־טער שטיין, וואָס ווערט איבערן קאָפּ געשלאָגן מיט שווערע האַמערס און ענט־פערט נישט מיט אַ געשריי, נאָר מיט קוים־זעבאַרע פונקען. אַ באַרג מיט סתירות וועגן אייביקן פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס, האָט זיך פאַר אים אַוועקגע־שטעלט. ער האָט זיך געזען אַרומקלעטערן אויף אַ פעלדזנרוקן ווי אַ קליין אומ־באַהאָלפן קינד מיט אַ פאָר פאַרריסענע אויגן צו פאַרשלאָסענע הימלען. עס איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז דער בלינדער האַמער האָט זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז, ווייל ער האָט נישט געקענט פאַרדינען אויפן לעבן.

„אָט באַלד וועל איך אויך מוזן אָנקומען צו קצבה. דערביי בין איך נאָך

בישט בלינד, כ׳וועל מוזן זען מיין אייגענע בושה און די שאַנדע, שפלות און אַב־דערע באַרויבטע. כ׳האָב דאָך שוין געזען יידן אין לאָדזש קריכן אויף אַלע פיר. אָבער דער תהום, וואָס זיי האָבן פאַר אונדז אויסגעגראָבן איז נאָך פיל טיפער. זיי טרייבן אונדז אַראָפּ שטאַפּלווייז״.

ס׳האָט זיך אים איצט געוואָלט הערן דאָס קול פון זיין פרוי שרה, וואָס ער האָט נעכטן נאָך פיל שווערקייטן איבערגעלאָזט אין טשיסטאַ־שפּיטאָל, אונטער דער אויפזיכט פון זיין לאַנגיאָריקן פריינד און פאַרערער, פּראָפעסאָר צבי גרוזמאַן.

שעהן נאָכאַנאַנד האָט ער מיט דבורהן זיך נעכטן אינדערפרי אַרומגעפּלאָנ־טערט אין די לאַנגע, געשלענגלטע, צערוישטע שפּיטאָל־קאָרידאָרן, וואַרטנדיק אויף פּראָפעסאָר צבי גרוזמאַן.

אַ שפּיטאָל איז ווידער אַ וועלט פאַר זיך. דער מענטש וואָס דרייט זיך דאָרט אַרום אין אַ דייטשן אָדער אין אַ פּוילישן מונדיר, ווער מיט אַן אַרומגעבונדענע באַנדאַזשירטע האַנט, ווער מיט אַ קוליע אונטערן אָרעם; אַ דריטער — דעם קאָפּ געוויקלט אין ווייסער גאַזע, אַז מען זעט אים קוים די אויגן אַרויס, האָט אַ גאַנץ אַנדערן בליק ווי דאָס געזונטע מיליטער אין גאַס.

אָט שטייט דאָרט אין וואַרט־זאַל אַ דייטשער מיליטערמאַן מיט איין פוס אין אַ שטיוול; דעם צווייטן, אַ באַנדאַזשירטן — אין אַ שטעקשוך, און שיט אַריין אַ שפּרייעלע טאַבאַק אין אַ פּליסל וואָס אַ פּוילישער פאַרוווּנדעטער האַלט אין די הענט. קראַנקן־שוועסטערס אין ווייסע רויטגעקרייצטע צעפּלאַטערטע קאַ־פּושאָנען, שוועבן אַהין און צוריק, אַריין און אַרויס.

פונעם אָפּעראַציע־זאַל פירן סאַניטאַרן אַרויס אויף צוויי־רעדלדיקע וועגע־לעך אָפּערירטע, וואָס ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן אומבאַוועגלעך ווי גיפּס־מאַס־קעס. די דאָזיקע אָפּערירטע געפינען זיך נאָך אויף דער דינער שייד־ליניע צווישן לעבן און טויט. אַ שאַרפער ריח פון שלאָף־געטראַנק טראָגט זיך אַרום אין דער לופט, שטיקט אין דער קעל, מאַכט הוסטן און ניסן. פרויען און מענער דרייען זיך אַרום מיט אויגן פון משוגעים, טייל מיט געבראָכענע הענט ווי בעת אַ תפילה און וואַרטן אויף אַ ידיעה.

דער רחבותדיקער קולטיווירטער גאָרטן מיט זיינע געפּלעגטע ביימער און בלומען־דיוואַנען, וואָס גאַרטלט אַרום די שפּיטאָל־געביידע, איז היפּשלעך איבער־פולט מיט וואַרטנדיקע מענטשן. טייל זיצן אויף די בענק און דזשאָביען ווי בעט־לערס עפּעס אַרויס פון די טאַשן; אַנדערע שפּאַנען אומגעדולדיקע אַרום, קריגן זיך סתם אַזוי מיט די וואָס זיי שטויסן זיך צונויף אין גאַנג, לויפן אַלע ווײַלע אַריין און אַרויס פון די שפּיטאָל־אָפּטיילונגען.

די זון, וואָס באַגילדט דעם שפּיטאָלנע בליך־אָפּלייטער, גייט זיך איר גאַנג

אויף אַ בלוי־ווייסער סטעזשקע, איבערלאָזנדיק אַ זוניקן, העל־בלענדנדיקן אָפּ־שיין, פאַרבליבענע האַרבסט־בלעטער, ווי גופים פון טויטע פייגל, ווערן געשליי־דערט פון ווינט, פאַרפלאָנטערן זיך דאָ אין אַ בלומען־בעכער; דאָרט אין אַ פּלי־סיקן רינשטאָק, וואָס שווענקט זיי ערגעץ ווו אַוועק.

נאָך לאַנגע, אומרויִקע שעהן, האָט אַ קראַנקנשוועסטער ענדלעך אויסגע־רופן מנחם מרגליותעס נאָמען און אים אַריינגעפירט צום פּראָפעסאָר צבי גרוזמאַן.

דער זקן איז געזעסן ווי אַ געליימטער, באַגאָסן מיט שווייס. בעת מנחם מרגליות איז אַריינגעקומען, האָט זיך דער אַלטיטשקער אויפגעשטעלט, אַראָפּ־געצויגן די געלע גומענע הענטשקע פון זיין רעכטער האַנט און מיט אַ ברייטן שמייכל אויסגערופן:

— שלום, מרגליות! וואָס מאַכט איר? זייט מיר מוחל וואָס כ׳האָב אייך אַזוי לאַנג געלאָזט ווערטן. זיצט, זיצט!

דער פּראָפעסאָר גרוזמאַן האָט זיך אַ גלעט געטאָן זיין מילך־ווייסן קאָפּ האָר. ער האָט זיך מיט צוויי פינגער באַרירט זיין קליינטשיק ווייס בערדעלע אויף דער שפּיץ גאָמבע. זיינע קליינע בלוי־גרויע אויגן הינטער גרויסע אַנראָמיקע ברילן־גלעזער, פון וועלכע ס׳האָט זיך געשלענגלט אַ דין שוואַרץ שנירעלע אויף זיין ווייסן כאַלאַט אַרויף, האָבן אַנגעקוקט מרגליותן מיט אַ מינע פון אַ פאַר־שולדיקטן. דאָס דערשיינען פון דעם באַרימטן פּאָעט האָט דעם פּראָפעסאָר אויף געציילטע מינוטן גענצלעך אַרויסגענומען פון דעם קראַנקהויז און אים אַריינ־געפירט אין דער וועלט פון ייִדישער פּראָבלעמאַטיק. דעם פּראָפעסאָר האָט זיך ממש אויסגעוויזן, אַז מרגליות איז אים גאָר געקומען פאַרוואַרפן פאַרוואָס ער אַרבעט אַזוי געטריי פאַרן דייטשן און פוילישן מיליטער.

— יאָ, מיין ליבער פריינד מרגליות! — האָט דער פּראָפעסאָר אַרויסגע־זיפצט. — מיר האָבן זיך געטראָפן אין בעסערע ציימן. אויף ציוניסטישע קאָנ־גרעסן אין דער שווייץ. אויף באַנקעטן פאַר אייער כבוד. אויף אַ פּרעמיערע ביי דער „הבימה״. ביי מיר אין מיין סאַלאָן. געהאַט וויכוחים וועגן די אַלטע העב־רעיִשע אוצרות. דאָס לעצטע מאָל, אויב מיין זכרון דינט מיר נאָך — וועגן דעם מיטלאַלטערלעכן פּיטן אליעזר הקליר ביז צו ביאַליקן. כ׳פאַרשטיי, אַז איצט וואָלט איר מיך נישט געקענט קומען זען, ווען נישט אייער קראַנקע פרוי — האָט זיך דער פּראָפעסאָר צוריק אָנגעטאָן די הענטשקע. — אָבער כ׳האָב צום באַדויערן, פאַר איר נאָך נישט קיין פריי בעטל. קוקט אויף מיין מגן־דוד, וועט ער מיך פאַרענטפערן. מיר האָבן אַ באַפעל קודם צו באַהאַנדלען מיליטערישע קראַנקע. ציווילע קראַנקע זענען איצט... כ׳קען אייך נישט קיין סך העלפן. איך בין דאָך איצט נישט מער ווי אַ געשטעמפּלט פערד — האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעוויזן אויף דעם מגן־דוד און האָט זיך אויפגעשטעלט.

— וואָס טוט מען, פּראָפעסאָר גרוזמאַן? — האָט מרגליותעס האַלדז אַ קריי געטאָן. — זי איז אַ שטיק פון מיין גלויבן אין אייך, אָט האָב איך זי דאָ אַהערגעבראַכט.

— וואָס מ׳טוט? — האָט זיך דער פּראָפעסאָר צוריק אַראָפּגעזעצט און זיך געבראָכן די פינגער. — כ׳האָב מורא אַרויסצוזאָגן דאָס וואָרט אַטוואַצק.

— אַט־וואַצק? — האָט זיך מרגליות אָנגעכאַפּט ביים האַרץ. — איר האָט דען נישט געלייענט אין „קוריער וואַרשאַווסקי״, אַז זיי האָבן דאָרט אַרויסגע־נומען קראַנקע אין די שפּיטאַלנע מלבושים און זיי דערשאָסן. איר וואָגט דאָס מיר פאָרצולייגן, פּראָפעסאָר גרוזמאַן? — האָט זיך מרגליות גענומען רייבן די אויגן און אַרומקוקן ווי ער וואָלט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז ער איז פּלוצלינג בלינד געוואָרן.

— נו, האָב איך נישט קיין אַנדערע עצה ווי זי הייסן איבערפירן אין יידישן שפּיטאָל. כ׳וועל באַלד אָנקלינגען צו ד״ר באַכראַך, ער קען אייך זייער גוט.

— מ׳זאָגט דאָך, אַז דאָרט פאַנעוועט דער פלעק־טיפוס און אַנדערע אַנ־שטעקנדיקע קראַנקייטן. — האָט מרגליות אָנגעקוקט דעם פּראָפעסאָר.

— מ׳זאָגט טאַקע, מיין ליבער מרגליות, אָבער דערווייל איז עס נאָך נישט אמת. וואָס מ׳זאָגט אַלץ היינט. דער יידישער געדאַנק לויפט פאָרויס פאַרן גע־זעץ. זעט איר, מרגליות, די קלאַנגען וועגן אַ געטאָ, אַז מ׳וועט אונדז אַ ליאַדע טאָג אַרומצוימען ווי די מצורעים, אָפּזונדערן פון דער „אַרישער וועלט״, דאָס איז פאַר מיר כמעט ווי אַ פאַקט. לאָמיר נישט רעדן צו פיל! — האָט דער פּראָ־פעסאָר זיך אַרומגעקוקט. — כ׳האָב צום באַדויערן מער קיין צייט נישט זיך מיט אייך אונטערצוהאַלטן. זייט מיר געזונט און שטאַרק, מיין ליבער מרגליות! נאָך מיטאָג וועט איר אייער פרוי שוין קענען באַזוכן אין יידישן שפּיטאָל. שלום, שלום! — האָט דער פּראָפעסאָר מרגליותן דערלאַנגט די האַנט און אים אַרויס־באַגלייט.

אַ צעשטרייטער, ווי אַ מענטש אָן זכרון, האָט זיך מרגליות אַרויסגעשלייכט פון פּראָפעסאָרס קאַנצעלאַריע.

דבורה איז צו אים צוגעפאַלן מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם:

— וואָס הערט מען, פעטער מנחם?

— ס׳איז נישטאָ קיין פּלאַץ, מ׳פירט זי איבער אין יידישן שפּיטאָל.

— אפשר זאָל מען זי בעסער אַהיימנעמען?

— יאָ, מיין קינד! ס׳איז מיר שווער דיר צו זאָגן, אַז דיין היים וועט אַ ליאַדע טאָג ווערן אויס היים. דו זעסט נישט, אַז אַלץ ווערט אויספאַרקויפט. מ׳וועט דאָך די גרויסע וווינונגען סיי־ווי צונעמען. סיידן די קהילה זאָל עפּעס האָבן אַ דעה?

— אָבער וואָס מאַכט די מומע שרהטשע?

— כ'ווייס דערווייל גאָרנישט. לאָמיר נעמען אַ דראָזשקע, דבורה! כ'קען ממש נישט גיין אויף די פיס.

זיצנדיק אין דער דראָזשקע מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ, האָט זיך מרגליות אויסגערעדט:

— אָטוואָצק, אין דער אָפּטיילונג פון משוגעים.

— וואָס, פעטער מנחם?

— גאָרנישט, מיין קינד, גאָרנישט. — איז מרגליותעס קאָפּ צוגעפאַלן צו דבורהס אַקסל און ער האָט זיך מיט צוויי פינגער פאַרשטעלט זיינע פייכט־געוואָרענע אויגן. ס'האָט זיך אים געטראַכט:

„די דראַמע פון יחיד פאַרלירט זיך היינט, ווערט פאַרווישט אין דער גרויסער פאָלקס־דראַמע. און אפשר איז נאָך דערווייל נישט פאַראַן קיין פאָלקס־דראַמע, נאָר דורכאויס די דראַמע פון יחיד? יעדער זעט דאָך דערווייל נאָר זיין פּערזענלעך אומגליק. אַ פאָלקס־דראַמע וואָלט ביי מיר געהייסן, אַן אויפשטאַנד. נעמען דעם פאָלקס גורל אין די הענט אַריין און פירן אַ קאַמף. לכל־הפחות — אַ היסטאָרישן נקמה־אַקט. גאָט מיינער, וואָס טראַכט איך?! איז דען דאָס מעגלעך?" — האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם געדאַנק. ער האָט אָנגעקוקט דבורהן גלייך ווי ער וואָלט זיך געפרעגט, צי זי וואָלט אים נישט אָנגענומען פאַר אַ משוגענעם, ווען ער אַנטפּלעקט איר זיינע איצטיקע געדאַנקען.

איצט, איבערטראַכטנדיק די נעכטיקע געשעענישן, האָט עס מרגליותן אַ הייב געטאָן פון בעט אַרויס. ער האָט זיך איילנדיק גענומען אָנטאָן, גלייך ווי זיין ביי־דערוואַכטער אומרו, וואָלט אים ערגעץ־ווו אָוועקגעיאָגט.

אַרויסגייענדיק פון צימער איז אים אַקעגנגעקומען זיין שוועגערין טאָבטשע, וועמענס ענלעכקייט צו זיין פרוי שרה, האָט אים איצט, מער ווי תמיד, אַ שניט געטאָן ביים האַרצן.

— גוט־מאָרגן, מנחם, ווי פילסטו זיך?

— איך? דער עיקר איז דאָך מיר ווי שרה פילט זיך. אַ גאַנצע נאַכט האָט אין מיר געדרוישט אַ קול: וואָס ברענגט איך זיך, מיינע טייערע, פאַר מיר אַוועק? איז דען נישט בעסער אויף אייביק צו פאַרמאַכן די אויגן, איידער צו זען וואָס עס קומט היינט פאַר אויף דער וועלט.

— כ'ווייס נישט ווי מ'האַלט דאָס אויס? — האָט זיך טאָבטשע צעוויינט.

— פאַרן אַריינגיין אין שפּיטאָל, האָט זי געוואָלט כאַפּן אַ בליק אויף מיין וווינונג. היינט איז עס נאָך מיין וווינונג און מאָרגן קען שוין דאָ וווינען אַ שונא. היינט בין איך נאָך אַ ווירטין פון אַן אייגן שווער־אויסגעהאָרעוועט הויז, און מאָרגן קען איך זיך דאַרפן אַרומבלאָנקען צוזאַמען מיט אַ באַנדע בעטלערינס.

און דאָס באַקעטע לעבן איז דען יאָ זיכער? אפשר, מנחם, קענסטו מיר זאָגן וואָס איך זוך? — האָט זיך די פרוי געגומען אַרומקוקן. כ׳האָב עפּעס פאַרגעסן און כ׳ווייס נישט וואָס.

— האָסט שוין אַ היינטיקע צייטונג?

— נאָך נישט, מנחם. די דינסט וועט באַלד אונטערקומען. האָסט נאָך צייט צו זען אונדזער גיהנום. גיי דיך אַרומוואַשן! דיינע צוויי וואַליזקעס פּאַק נישט אויף! דו זעסט דאָך, אַז מען פאַרפּאַקט. לאָמיר כאָטש פאַרקויפן וואָס עס לאָזט זיך. — האָט טאָבטשע איבערגעלאָזט אַ זיפץ און איז אַריינגעגאַנגען אין דער קיך אַריין.

מנחם מרגליות איז אַ היפּשע ווײַלע געשטאַנען ביים שפּיגל פון טואַלעטן־צימער און קוקנדיק אויף זיין גרויער אָנגעוואַקסענער באָרד, וואָס האָט אַרומ־געקראַנצט זיין פּנים ווי מיט אַ אויסגעריבענער באַרשט, האָט ער זיך מיט זיין אייגענעם שאָטן באראָטן, צי ער זאָל זיך ראַזירן צי נישט.

— אפשר וועט עס מיין שוואָגער אויפרעגן ווען כ׳וועל קומען צום טיש אַזאַ פריש־ראַזירטער? — האָט ער במחשבה צו זיך גערעדט. — ער וואָלט פאַר־שטייט זיך גאָרנישט געזאָגט, אָבער ווער האָט איצט רויקע נערוון זיך צו קראַצן אַ באָרד?

אַריינקומענדיק, נאָכן אַרומוואַשן זיך און איבערטאָן, איגעם האַלב־אויסגע־ליידיקטן עס־צימער, האָט מרגליות דערזען דעם „קוריער וואַרשאַווסקי״ אויפן טיש. ער האָט זיך שווער אַראָפּגעזעצט און מיט צאַפּלדיקע אויגן זיך גענומען איינקוקן אין די ידיעות.

ביי זיבעציק מתים יעדן טאָג. ס׳זענען אָפּגעשלאָסן געוואָרן צוויי שפּיטע־לער פאַר עפּידעמישע קראַנקייטן, פון וועלכע די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועס־טער טאָרן נישט אַרויסגיין. דער שוועדישער קאָנסולאַט האָט ביז דאָ לעצטנס אָנגענומען גרוסן קיין אַמעריקע; מ׳האָט אַ רעכט צו ענטפערן פינף־און־צוואַנציק ווערטער נאָר פון פערזענלעכן כאַראַקטער. באַגרענעצט דעם יידישן גאַסן־האַנדל. קאָנפערענץ פון נייטראַלע מלוכות: שווייץ, טערקיי, איטאַליע און בעלגיע און־טערן פּאַטראָנאַזש פון די אַליאַנטן? די פּוילישע פּליטים אין ענגלאַנד ווערן פּו־נאַנדערגעשיקט איבער די דערפער. יעדע פאַמיליע, וואָס האָט איבער צען מאָרגעס ערד, מוז אויפנעמען איין משפּחה.

מנחם מרגליותן האָט גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. צווישן די געדרוקטע שורות האָט ער אויך דערזען די שוידערלעכע ידיעות, וואָס טראָגן זיך פון מויל צו מויל, און קענען איצט נישט פאַרעפנטלעכט ווערן.

„יאָ, ווען נישט מיין שרה, וואָלט איך איצט געקענט זיין אין ניו־יאָרק,

אָדער לאָנדאָן. דער לאָדזשער „דזשאָינט״ האָט מיר געוואָלט העלפֿן. איצט איז אפשר שוין צו שפּעט? און מײַן פרוי?״

מרגליות האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט געעפנט די טיר פון צווייטן צימער. ביי דער מזרח־וואַנט איז אין טלית און תפילין געשטאַנען זיין שוואָגער ר׳ איטשקע און האָט געדאַוונט מיט אַ יום־כיפּורדיקן ניגון:

כי הוא לבדו מרום וקדוש פועל גבורות עושה חדשות בעל מלחמות זורע צדקות מצמיח ישועות בורא רפואות.

„בורא רפואות״... האָבן די ווערטער מרגליותן גענומען זשומען אין מוח.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז אין דעם אַמאָליקן עלעגאַנטן אויפנאַם־צימער, פעלן שוין אַ העלפט זאַכן.

ער האָט זיך אַריינגעשלייכט אין אַ דריטן צימער און אים דערזען אַן אויס־געליידיקטן. די פּוסטע ווענט מיט די העלע פלעקן, וואָס האָבן זיך איצט אַרויס־געזען נאָכן אַוועקנעמען די מעבל־שטיקער, האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה. אינמיטן צימער — צוויי גרויסע קופערטן און אַ דריי־פיר קאַנטיקע קוישן מיטן טייערסטן געפעס, פּאָרצעליי, פּאַיאַנס, זילבערוואַרג און גלאָזוואַרג, וואָס האָבן אין אַ נאָרמאַלער צייט באַצירט די מאַהאָגענע קרעדענצן אין ר׳ איטשקעס הויז. איצט זענען די קרעדענצן געשטאַנען האַלב־אויסגעליידיקטע מיט געעפנטע טירלעך און שופלאָדן.

אין איינעם פון די קוישן האָט מרגליות באַמערקט דאָס פסחדיקע געפעס באַזונדער. די אַנטיקוואַרישע טעלער מיט געמאָלענע סצענעס פון סדר־צערעמאָ־ניעס, האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיינע אויגן. ער האָט דערבליקט אליהו הנביאס כוס מיטן גאָלדענעם שטרייפעלעביים ראַנד; די פּאַלמען־בלעטלעך אַרום די גאָלד־קאָלירטע העברעיִשע אותיות. ס׳האָט אים אַ שטאָרקן צופּ־געטאָן ביים האַרצן. ער האָט גוט געדענקט, אַז דער כוס איז זיינער אַ געשאַנק. ער האָט זיך איינגעבויגן און מיט אַ האַרץ־קלעמעניש אַרויסגענומען דעם כוס און אים לאַנג באַטראַכט.

„ס׳האַרץ וויינט טאַקע. אָבער גיי באַדויער איצט אַזאַ כוס, בשעת אונדזער לעבן ברעכט זיך לייכטער ווי גלאָז. אָבער דער מענטש איז נאַריש. וואָס קען דען מיין שוואָגער איצט אָפּנעמען פאַר די אַלע ווערטפולע זאַכן?״.

ער איז מיט געהאַמעוועטע טריט אַריין אין אַן אַנדער שטוב. אַ שווערע אייזערנע קאַסע מיט אויפגעפּראַלטע טירלעך און הפקר־געוואָרענע שליסעלעך, האָבן אים אַ שלאָג־געטאָן ווי מיט אַ האַמער איבערן מוח.

אַ קאַלטער ווינט האָט אים אַדורכגענומען. אַ שטימונג פון אַ פאַרפאַלגטן בע״ונדניק, וואָס וואַלגערט זיך יעדע נאַכט אויף אַן אַנדערן באַרג מיסט, האָט אים געמונען באַהערשן.

שפּאַנענדיק איז ער צוגעקומען צו דער האַלב־אָפענער טיר פון דבורהס סטודיע.
— דבורהלע?!

ס׳האָט אים קיינער נישט געענטפערט. ער איז מיט שטילע אומדרייסטע טריט אַריין אין דבורהס צימער. אַלצדינג איז נאָך דאָ געשטאַנען אויפן אָרט. דאָס נאַכט־לעמפּעלע האָט נאָך געברענט. אויפן טיש האָט ער באַמערקט אַן אָנגעשריבענעם בריוו. פאַר שרעק האָט ער אַ כאַפּ־געטאָן דעם בריוו און גענומען לייענען:

„מיין ליבער דוד!

כ׳האָב דערהאַלטן דיין קאַרטל, וואָס איז צו מיר דערגאַנגען דורכן רויטן קרייץ. ביסט פאַרשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד ווי אַ קריגס־געפאַנגענער. דערווייל האָסטו נישט קיין אַדרעס. כ׳האָב נישט וווהין צו שיקן מיינע ליבע געפילן, וואָס מאַכן צאַפּלען מיין האַרץ בייטאָג און ביינאַכט. טרויעריקער גורל מיינער! ווער ווייסט ווי לאַנג די מלחמה קען אַזוי געדויערן? ווער ווייסט ווי לאַנג איך וועל דיר נישט קענען זען! ס׳ווילט זיך מיר פון דיר, דוד כאָטש איינאונאיינציקן קוש, וואָס זאָל דערוועקן אין מיר אַביסל לעבנס־לוסט.

דער טרויער און די בענקשאַפט וואָס באַהערשן מיך, מאַכן מיך אַזוי מיד און אַלט, אַז כ׳גלייב נישט מער מיין שפּיגל בעת ער ווייזט מיר מיין יוגנט. אונדזער הויז ליידיקט זיך איינציקווייז אויס. דיין דבורה קען אַ ליאַדע טאָג זיך דאַרפן אַרומבלאָנקען פון איין מלינה צו דער צווייטער. מ׳האָט אונדז גענומען יאָגן און פאַרפאָלגן. יעדן טאָג זינקען מיר אַראָפּ אַ שטאַפּל נידעריקער. אונדזער שטאַלץ איז איינגעבראָכן. עס ווילט זיך צו וועמען שרייען און אויסשטרעקן אַ האַנט. וואָלט איך כאָטש, ווי מיין מאַמעשי, געגלייבט אין אַ גאָט אין הימל. אָבער וואָס וועט העלפן דאָס שרייען, בעת גיפטיקע שלאַנגען וויקלען זיך אַרום אונדזערע העלדזער און ציִען פון אונדז טראָפּנווייז אַרויס דאָס בלוט. אַ שרעק הענגט איבער אונדז ווי אַ מעכטיקער באַרג און אַ מוראדיק־פינצטערער תהום, ברייט ווי דער ים, האָט געעפנט זיין שוואַרץ געשפּענצטער־מויל, אונדז איינצושלינגען.

איך שרייב דעם בריוו ביינאַכט. אַן אומרו פאַרצוקט מיך ווי אַ חיה. ווען, ליבער דוד, זע איך דיינס אַ וואָרט? איך קען נישט לאָזן קיין טרער, ווייל מיין ווייטיק איז צו־גרויס, אַז אין אַ טרער זאָל זיך קענען אָפּשפּיגלען מיין בענקשאַפט.

ס׳איז מיר איינגעפאַלן אָנצושרייבן אַ טאָג־בוך. מעגלעך, אַז דאָס וועט אַמאָל מוזן ווערן דיין טרייסט־בוך. איך פיל, אַז די נשמה פון מיין ליבע, איז שטאַרקער ווי די נשמה פון מיין לעבן. כ׳האָב מיך נעכטן אָוונט געזעגנט מיט דער פאַרקויפטער פּיאַנאָ. כ׳האָב געשפּילט שאָפּענס „אומעט”. מיר האָט זיך

אויסגעדאַכט, אַז כ׳האָב פון די מינאָר־טענער אַרויסגעהערט דיין שטימע: לאָז דיך נישט באַהערשן פון יאוש! אין ליידן ווערן מיר שטענדיק געלייטערטע מענטשן. נאָך אַ שוואַרצער כמאַרע — אַ העלע גאָלדענע מזרח־זון.

איך ווייס, אַז כ׳טאָר דיר דעם בריוו נישט אַוועקשיקט. כ׳האָב זיך נאָר בלויז אָראָפּגעשריבן פון האַרצן. כ׳וואַרט מיט אַ ברענענדיקן אומגעדולד אויף דיינס אַ וואָרט״.

מרגליות האָט מיט אַ וויינענדיק האַרץ אַוועקגעלייגט דעם בריוו, און איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער.

ער האָט דערהערט דבורהס לייכטע טריטלעך. זי איז אַריינגעקומען אין אַ העל־בלויען פעניואַר. אַ בלוי־גומענער קאַפּושאָן איז געזעסן אויף איר קאָפּ ווי צוגעקלעפּט צו אירע נאַסע צעלאָזענע האָר.

— גוט־מאָרגן, פעטער מנחם! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ זינגענדיקע שטימע, און אַ שמייכל האָט אויף איין אויגנבליק אויסגעשטעלט אַ חן־גריבעלע אויף איר לינקער באַק. — דער פעטער מנחם איז געקומען זען וואָס כ׳מאַך? אַ דאַנק! כ׳בין גוט געשלאָפן. און וואָס מאַכט דער פעטער? מ׳וועט באַלד אָנ־קלינגען אין שפּיטאָל. די מאַמעשי גייט היינט באַזוכן די מומע שרהטשע. מ׳זאָל אונדז נאָר אַלע אַריינלאָזן!

מרגליות איז ביי דער טיר געבליבן שטיין אַן אַנטשוויגענער. ער האָט גע־קוקט אויפן בריוו. ער האָט גערן געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ס׳האָט זיך אים איצט נישט גערעדט.

— מנחם, מנחם!

— אוי, די מאַמעשי רופט דאָך שוין צום פרישטיק.

ר׳ איטשקע איז געזעסן אויבנאָן ביים טיש פון זיין עס־צימער. זיין איידל, בלייך פּנים, איז געווען ווי פאַרצויגן מיט אַ טונקעלער כמאַרע. ער האָט זיך מיט דער לינקער האַנט נערוועז געקנייטשט זיין לאַנגע, שפּיציקע באָרד, פּעך־שוואַרץ אַרום דער גאָמבע און ווייס ביי די ראַנדן, ממש צוויי צעשפּרייטע טויבן־פליגל.

— גיי דיך וואַשן, מנחם! — האָט ר׳ איטשקע שטיל געזאָגט, און נאָכ־געקוקט זיין שוואָגערס שווערע טריט, וואָס האָבן זיך אַריינגעשלייכט אין דער קיך.

אַ היפּשע ווײַלע איז ר׳ איטשקע געזעסן ביים פרישטיק־טיש אַ שווייגנ־דיקער. ער האָט גאַנץ לאַנגזאַם און שווערלעך אַראָפּגעשלונגען יעדן ביסן. דאָ האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף זיין פרוי; דאָ — אויף זיין שוואָגער. קייענדיק האָט ער געקוקט אויף די ווענט און אויפן סופית. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַלץ שווימט אַוועק.

בעת דבורה איז אַרײַנגעקומען, האָט ר׳ איטשקע אָנגעקוקט זײַן טאָכטער און אַ צוק־געטאָן מיט בײדע אַקסלען:

— האָסט נישט קײן אַנדערן סוועטער ווי אַ שוואַרצן? — האָט ר׳ איטשקע געפרעגט אָפּנעמענדיק זײַן טאָכטערס קוש.

— כ׳וועל זיך באַלד איבערטאָן אין אַ ווײסן סוועטער, טאַטעשי! — האָט זיך דבורה צוגעזעצט צום פרישטיק־טיש.

— יאָ, מנחם, אַזוי איז עס — האָט ר׳ איטשקע געזאָגט מיט אַ זיפץ. — כל דעביד רחמנא לטב עביד. ווי אַזוי גאָט פירט, אַזוי מוז גוט זײַן. וואָס טראַכ־סטו, מנחם?

— וואָס איך טראַכט? — האָט מרגליות אויפגעהויבן זײַנע אויגן צום פענצטער און זיך אַ רגע אײַנגעהאָרכט אינעם גאַסן־גערויש. — איך זעסטו, מײַן ליבער שוואָגער איטשקע, טראַכט נישט פון אונדזער מאַטעריעלער ירידה. כ׳טראַכט נישט און פרעג זיך נישט פאַרוואָס אונדזערע היימען צעפאַלן זיך, נאָר כ׳טראַכט וועגן אונדזער חשבון מיט אַנדערע פעלקער. שוין קאַרגע צוויי טויזנט יאָר. וואָס רעד איך? — האָט מרגליות זיך גענומען רײַבן דעם שטערן מיט דער לינקער האַנט — פאַרוואָס עפּעס קאַרגע צוויי טויזנט יאָר? פאַרוואָס אַדורכלאָזן דעם גלות בבל? יאָ, נאָך פאַר ישוס געבורט האָבן מיר שוין געהאַט חשבונות מיט אַנדערע אַרומיקע פעלקער און מ׳ר האָבן זיך אַלץ נאָך נישט אָפּ־גערעכנט. זײערע מזבחות מאָנען זיך כסדר פון אונדז קרבנות. די אַלע קרײַץ־צוגן, אינקוויזיציעס, געטאָס, פּאָגראָמען און קידוש־השם־קרבנות, איז אונדז, ווײַזט אויס, געווען באַשערט. אָבער היות ווי מ׳האָט די אַלע שווידערלעכע עינוים־קשים נישט געקענט אַרויפוואַרפן אויף איין דור, האָט מען דאָס צעטײלט אויף חלקים און במילא אויף יעדן דור אַרויפגעלײגט זײַן חלק. אויב, איטשקע קרוין, דו ווילסט מיך פרעגן וואָס מיך מאַטערט אַמשטאַרקסטן, איז עס נישט עפּעס אַנדערש ווי דער שיבת־ציון־פּראָבלעם.

— זײַ מיר מוחל, מנחם, וואָס כ׳רײַס דיר איבער! — האָט ר׳ איטשקע געזאָגט מיט אַ זיפץ. — דו רעדסט וועגן אונדזער חשבון מיט אַנדערע פעלקער, אָבער האָסטו אויך אַ טראַכט־געטאָן וועגן אונדזער חשבון מיט גאָט?

— איך קום באַלד דערצו. שטעל דיר פאָר ווען מיר וואָלטן איצט געהאַט אַ צוויי מיליאָן ייִדן אין ארץ־ישראל, וואָלטן מיר במילא מער געווען באַהאַפטן מיט גאָט און מיט דער הייליקער ערד פון אונדזערע אבות, מיט אַלע תנ״ך־געשטאַלטן, מיט די גײַסטער פון אונדזערע נביאים, און אַנדערע פעלקער וואָלטן אויף אונדז געקוקט. נישט ווי אויף הפקר־ייִדעלעך, נאָר ווי אויף אַ פאָלק וואָס איז צוריקגעקומען צו זײַן ערד, צו זײַן הימל און מיט דער צײַט צו זײַן מלכות. וואָס זענען מיר איצט? ווער וועט זיך פאַר אונדז אָננעמען? מ׳דאַרף קודם־כל

זיך אַליין באַשולדיקן! מיר האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ווי די אייזלען ביי די קאַ־ריטעס. מיר האָבן זיך פון דער דאָזיקער ערד נישט געוואָלט אָוועקרירן. וויפל במיעלניצקיס האָבן אונדז שוין פון דאַנעט געיאָגט? אונדז איז לייכטער געווען איבערצוטראָגן אַלע גזירות, רדיפות און שחיטות, אויסוויינען זיך אין אַ נייער מגילת־איכה, אויפשטעלן חורבן־מאָנומענטן, אָבער דער שיבת־ציון איז אונדז געווען צו־שווער. דאָס איז ווידער דער חשבון מיט גאָט. כ׳גיי אַרום אַ צעטומל־טער, כ׳קען זיך עפּעס גאָרנישט דערמאָנען קיין שום ציטאַט. כ׳גיי אַוועק זיך זען מיט קאַלעגן. לאָמיר הערן וואָס אַנדערע פּען־מענטשן טראַכטן. — האָט זיך מרגליות אויפגעשטעלט. — כ׳דאַרף זיין אין דער גמינע.

פון דער קיך איז אַרויסגעקומען דאָס דינסט־מיידל מיט אַ וואַליזקע אין דער רעכטער האַנט און מיט אַ פּעקעלע אונטערן לינקן אָרעם.

ביים אַוועקשטעלן די וואַליזקע, האָבן זיך אַלע קעפּ אויסגעדרייט אין איר ריכטונג.

— כ׳האָב זיך געוואָלט געזעגענען — האָט דאָס דינסט־מיידל געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

כ׳איז געוואָרן שטיל און שטילער. אַלע האָבן זיך איינגעקוקט אין דעם יונגן קרעפּטיקן געלהאַריקן דינסט־מיידל אין אַ פּאָר שוואַרצע שטיוועלעד. אַ ווייסער וואָלענער שאַל איז געווען פאַרוואָרפן אויף אירע אַקסלען. אירע גרויסע קאַשטאַן־אויגן האָבן אויסגעדריקט טרויער און שרעק.

— ס׳קומט דיר ביי מיר גאָרנישט, פייגע? — האָט ר׳ איטשקע געפרעגט מיט אַ געבראָכענער שטימע און האָט זיך מיט צוויי פינגער געקלעמטביידע מוח־ווינקלען.

— ניין, באַלעבאָס, מיר האָבן זיך דאָך נעכטן אָפּגערעכנט. אפשר וויל מען איבערזען מיינע זאַכן צי כ׳האָב נישט עפּעס מיטגעגנבעט? דאָס פּעקל וועש האָט מיך די באַלעבאָסטע געהייסן טראָגן אין דער גמינע אַריין. אין דער וואַ־ליזקע זענען מיינע זאַכן.

— זיי געזונט, פייגע, און רעד נישט קיין נאַרישקייטן! מיטגעגנבעט הער־סטו, — האָט זיך טאַבטשע אויפגעשטעלט און האָט דעם דינסט־מיידל דערלאַנגט די האַנט. — ביסט אַן ערלעך אָרנטלעך קינד. זאָל דיך גאָט היטן! זיי אין גאַס פאָרזיכטיק, פייגע! היינטיקע צייטן, אַזאַ יונג, געזונט מיידל. לאָמיר האָפן, אַז מיט גאָטס הילף, וועלן מיר זיך נאָך זען.

דבורה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון טיש, און איז צוגעפאַלן צום דינסט־מיידל ווי צו אַ חברטע.

— אַנטשולדיק מיר, פייגע, וואָס כ׳האָב דיר טיילמאָל אַביסל געפּייניקט מיט מיינע קאַפּריזן. איך האָב געשפּילט די פּרינצעסין און דו — דאָס קאַמער־

מיידל. איצט זענען מיר ביידע גלייך. מיר וועלן זיך נאָך טרעפן. זיי געזונט, פייגע! — האָט זיך דבורה מיט דעם מיידל צעקושט און זיך אויסגעווישט די אויגן.

דערנאָך איז דאָס דינסט־מיידל צוגעגאַנגען צו ר׳ איטשקען און איז פאַר אים געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן:

— זייט געזונט, באַלעבאָ־עס!

פּלוצלינג האָבן זיך פון דער גאַס דערטראָגן הילכיקע קולות. ס׳איז געוואָרן אַ מהומהדיק געלויף. מאַסן מענטשן האָבן זיך מיטאַמאָל אַריינגעריסן אין די טויערן. אַ ווייס קאָפּ־טיכל און אַ שוואַרצער קאַפּעליוש איז אויף אַן אָפּגעליי־דיקטן טראָטואַר, געיאָגט געוואָרן פון ווינט. אַ גערויש פון אַ שורה אָפענע אוי־טאָמאָבילן, וואָס האָבן אויפן ברוק אָפּגעשלאָגן ווי טאַנקען, האָט גענומען טרייס־לען די שויבן אין די ייִדישע הייזער. אויף די אָפענע אויטאָמאָבילן זענען גע־שטאַנען אַ מחנה דייטשע מחבלים פון דער גוואַרדיע „טויטן־קעפּ״, זייערע מע־פיסטאָפעלישע פרצופים האָבן פאַיאַציש געלאַכט. אייניקע שאָסן האָבן אָפּגע־הילכט. דאָ האָט אַ טויטע האַנט אָפּגעלאָזט אַ וואַליזקע; דאָרט — אַ טלית און תפילין־זאַק. אַ ייִנגל מיט אַ פאַרשיפּט קאַסקעטל צום לינקן אויער, איז געבליבן ליגן אַן איינגעקאָרטשעטער, איינגערעמט אין אַן אייזערן רייפל, מיט וועלכן ער האָט זיך אָקאָרשט געהאַט געשפּילט.

דבורה האָט זיך אַ ריס־געטאָן צום פענצטער; די מוטער האָט זי צוריק־געהאַלטן.

ר׳ איטשע האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך צוריק אַראָפּגעזעצט ווי אַן אָבל מיט ביידע הענט אויפן פּנים.

קאַפּיטל זעקס

דער פאַרהאָנגענער שפּיגל

אין מנחם מרגליותעס צימער, וואָס האָט נאָך דערווייל געהערט צו זיין שוואָגער ר׳ איטשקע, האָט אַן אַנטיקוואַרישער זייגער אויסגעשלאָגן די שעה. דריי האַרמאָנישע לאַנג־צעצויגענע קלאַנגען מיט אַ ווידערקול פון אַ ווייט־פאַרגאַנגענער צייט, האָבן ווי צאַרטע אָרגל־טענער וויברירט אין דער לופט.

מנחם מרגליות וואָס איז שוין אַ קאַרגע נאָכמיטאָג־שעה געזעסן ביי אַ קליין נאַקעט טישל האַרט ביים פענצטער, אומבאַוועגלעך און שטום ווי זיין שאָטן אויף דער וואַנט, האָט זיך אַ שטאַרקן טרייסל־געטאָן און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום זייגער. זיין פּנים האָט זיך פאַרקרומט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרימאַסע פון אַ נערוון־קראַנקן. די דריי האַרמאָנישע קלאַנגען, וואָס האָבן אַזוי פּלוצלינג־אומגעריכט אַ שפּיל־געטאָן אין דער שטילקייט אַריין, האָבן אים איצט שרעקלעך אויפגערעגט. און צום ערשטן מאָל זינט ער וווינט דאָ אין דעם צימער, האָט אים דעם זייגערס גלייכמעסיקער, רויִקער טיק־טאַק, אויף אַזוי ווייט גענומען ערגערן און אויפרייצן די נערוון, אַז ער האָט זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט פונעם טישל און מיט אַ ווילדן שפּרייז איז ער צוגעשפּרונגען צו דער עטאַזשערקע, אַ כאַפּ־געטאָן דעם זייגער אין ביידע הענט אַריין, געזוכט אַ מיטל אָפּצושטעלן זיין ריטמישן גאַנג. ער האָט גענומען דרייען ביי די אונטערשטע אָנשטעלערס מיט גרויס רוגזא. ס׳האָט זיך אים דווקא פאַרוואָלט, אַז עפּעס אַ שפּרונגפעדער זאָל אין דעם געוועדק פּלאַצן. ער האָט זיך אָבער גלייך דערמאָנט, אַז דער זייגער ווי אויך אַלע מעבל־שטיקער אין דעם צימער זענען פאַרקויפט צו אַ קריסט.

ער האָט אַ ציטער־געטאָן און געבליבן שטיין אָפּהענטיק. אין זיין מוח האָבן זיך עפּעס גענומען פּלאָנטערן פערזן פון לאָנגפעלאָוס ליד וועגן אַ זייגער, אָבער ער האָט איצט נישט געקענט צוזאַמענברענגען איין איינציקע גאַנצע שורה. עס האָט אין זיין זכרון נאָר גערוישט דער ריטמישער אָפּקלאַנג פון לאָנגפעלאָוס איינדרוקפול ליד, וואָס רעדט, דאַכט זיך, וועגן צייט און אייביקייט.

דאָס וואָרט „אייביקייט“ האָט אים, ווי אַ שווערער האַמער, אַ שלאָג געטאָן איבערן מוח. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און דערזען, אַז דער שפּיגל איז פאַרהאָנגען מיט אַ ווייס געוואַנד. אין דער אַרומיקער טונקלקייט האָט זיך זיין שאָטן בולט געצייכנט אויף דער ווייסער לייוונט. און ס׳האָט זיך אים אויסגע־

וויזן, אַז ער דערזעט זיין פרויס שאָטן אויף יענער זייט פון דער לייוונט. אין ביידע שאָטנס גיסן זיך צונויף און ווערן אָדער איין שאָטן פון צוויי לעבנס, אָדער איין שאָטן פון צוויי מתים.

ער האָט געקוקט צום פענצטער, וואָס איז איצט אין שיינעם העלן טאָג געווען פאַרהאָנגען מיט די שווערע טונקל־גרינע טאָפּלט־פאַרהאַנגען. אויפן טישל האָט געברענט אַ חלב־ליכט, וואָס האָט זיך געהאַט זיין שאָטן אויף דער וואַנט און געוואָרפן אַ בלאַסלעך־גאָלדענעם אָפּשיין אויף די פאַרהאַנגען. אויפן טישל איז געלעגן אויפגעבלעטערט דער ספר „איוב" און אַ פּראַכט־באַנד פון יהודה הלוים העברעיִשע שירים, וואָס מרגליות האָט זיי ווי אַ שנור פּערל מיטגעטראָגן איבער אַלע סכנותדיקן וועגן.

ער איז פּאַוואָלינקע צוגעגאַנגען צום טישל, האָט זיך שווערלעך אַראָפּגע־זעצט און זיינע ליפּן האָבן שטיל געפּליסטערט:

— געמיינט אַז מיין פרויס טויט; דאָס צונויפגיסן זיך מיטן קאָסמישן וועלט־טרויער, וועט מיך אָנרעגן צו שאַפן דאָס סאַמע גרעסטע ליד פון צער. אָבער ס׳וועבט זיך גאָרנישט, גלייך ווי אַלע האַרמאָנישע קלאַנגען וואָלטן אָפּגעשטאָרבן אין רוים און איבערגעלאָזט בלויז כאַאָטישע טענער. די מוזיק פון וואָרט איז פאַרשטומט געוואָרן. די אייגנליבע איז גרויס. כ׳געפין אין גאָרנישט קיין טרייסט. כ׳דערהייב זיך נישט צו איובס טענות צו גאָט און נישט צו זיין גלויבן. גיי און רעד צו זיך מיט דער שפּראַך פון דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט, וואָס טיילט דעם מענטש אויס פון אַלע אַנדערע באַשעפענישן דווקא דערפאַר, וואָס ער איז פון דער נאַטור באַשאָנקען מיט נשמה רייכקייט, מיט שפּירעוודיקייט פון ווייטיק און מיט דעם געפיל פאַר יסורים און געניינט אַרויסצופילן פון זיינע יסורים אויך דעם לעבעדיקן קוואַל פון הנאה? אָבער ווי נעמט מען די איבערמענטשן וואָס זאָלן הנאה האָבן פון יסורים? איוב איז טאַקע געווען אַן איבערמענטש.

און קוקנדיק אויף יהודה הלויס אַ שיר האָט ער שטיל גענומען באַוועגן מיט די ליפּן ווי בעת אַ פרומער תפילה.

די קולות, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון די אַרומיקע גאַסן; דער גערויש פון אויטאָמאָבילן און דראָזשקעס; דער געהעמער פון לאַסט־וואָגנס; דער גע־קלאַנג פון טראַמווייען; דער גליך־גליגגענער געגלעקל פון סאַנקעס, וואָס האָבן דערמאָנט אין די „ראָמאַנטישע יאָרן", האָבן אים אַ הייב־געטאָן פון אָרט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, באַרירט אינדערמיט די ברעגעס פון די טאָפּלט־פאַרהאַנגען און געבליבן שטיין אַ וואַקלדיקער.

„זאָל איך עפענען די פאַרהאַנגען און זען דעם המשך פון דער „מענטש־לעכער קאָמעדיע", צי זאָל דער פאַרהאַנג בעסער זיין אַראָפּגעלאָזט? דער טראַגיזם פון דער גאַסן־בינע קען אַמאָל איינשלינגען מיין יחידישן טרויער? אָבער וואָס

שפילט מען היינט אין גאַס? עסכילעס „דער געשמידעטער פּראָמעטעוס״? סאָ־פאָקלעס „אַנטיגאָנע״? שעקספּירס „קעניג ליר״? דאַנטעס „גיהנום־״? — דאָס אַלץ קען דאָך איצט דערטרונקען ווערן אין איין גרויזאַמער סצענע פון אונדזער היינטיקער פאָלקס־טראַגעדיע, וואָס גייט פון שטוב אין גאַס אַרויס, פון גאַס אין שטאָט אַריין, פון שטאָט איבער לענדער, און פון אומעטום — אין אַ טיפן שוואַרצן תהום אַראָפּ״.

די רינגען אויף דער שטאַנג האָבן אַ קלונג־געטאָן. דער פאָרהאַנג האָט זיך געעפנט.

אַ שניי האָט געווירבלט און זיך געקאַראַהאָדעוועט אין דער לופט. אין דעם שניי־געווירבל, גלייך ווי די שטאָט וואָלט געווען אָנגעטאָן אין געלעכערטע תכ־ריכים, שוועבן גאַנצע בערג פון מעבל־שטיקער, וואָס שווימען אַהין און צוריק. מאַסן מענטשן לויפן ערגעץ ווי אין געאייל. אַ הויך פאַרשנייט געשטאַלט גליטשט זיך אויס, פאַלט אַנידער, אָבער קיינער שטרעקט אים נישט אויס קיין האַנט. ביי אָפענע קלייטן — שלענגלען זיך לאַנגע, לאַנגע רייען. אין די ראָגעס — — מחנות בעטלערס און בעטלערינס מיט אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס רייסן ממש די דורכגייער ביי די פאָלעס. טייל פאַרבייגייענדיקע פאָליאַקן וואַרפן די בעטלערס צו קוילן שניי, צעהירזשען זיך פאַר געלעכטער און פאַרשווינדן. ברייטע שוואַרצע שירעמס איבער די אַראָפּגעזונקענע קעפּ. פאַר די טויערן — הויכע שניי־ווענט. אין די טויערן — שאָטנס וואָס הוידען זיך אַרויף און אַראָפּ, אויטאָ־מאָבילן ראָלן זיך אַרויס פון זייטיקע געסלעך, זיי ווירקן פאַרן אויג ווי שניי־רייניקערס, ס׳ווערט אַ ווילד־טייוולאָניש געלויף. מענטשלעכע גופים רייסן זיך אַריין אין די שניי־ווענט, פאַלן, הייבן זיך און לויפן. די גאַס ווערט בליץ־שנעל אָפּגעליידיקט. דער האַקנקרייץ ווי אַ גרויסע שוואַרצע קראָ, וואָס קראַקעט מיטן קול פון דייטשע אויטאָמאָביל־טרובעס, פלאָטערט אַרום, שפּייט מיט פייער אַריין אין דעם שניי־ווייסן גאַסן־בילד. דאָ און דאָרט ווערט דער ווייסער שניי געפלעקט מיט טונקעלע בגדים פון אָן אָוועקגעפאַלענעם גוף. אַ דערשאָסענער איז געבליבן ליגן מיטן פּנים אַרויף. אַ פרוי — מיטן פּנים אַראָפּ. אַ יונג מיידעלע — מיט אַ קיישל קאַרטאָפל אין האַנט. די ריטשקעלעך בלוט צייכענען זיך אויפן שניי ווי פייערדיקע אותיות.

שטייענדיק אַזוי ביים פענצטער, דערטראָגן זיך צו מרגליותעס אויערן פאַר־צווייפלטע קולות פון יידישע שכנות, וואָס זענען מסתמא אַראָפּגעקומען זיך אויסשרייען די הערצער פאַר זיין שווערן טאַבטשע.

— ווײ און ווינד איז אונדז, באַלעבאָסטעשי קרוין! מ׳האָט דאָך שוין אָנגעהויבן צו פאַרזיגלען די רייכע וווינונגען פון אונדזער גאַס. באַלד קומט אויף אונדז די רייע. רבונו־של־עולם, דו קענסט דאָס אַלץ צוקוקן און שווייגן? אוי,

טאָבטשע קרוין, מ׳איז דאָך אַזוי פאַרדרייט, אַז כ׳האָב איהן פאַרגעסן צו טרייסטן, אַז זי זאָל מער נישט וויסן פון קיין צער, אָבער גלייבן זי מיר, אַז כ׳בין איהנס שוועסטער מקנא. ס׳איז איר ווילער פון אונדז.

מרגליות האָט אָפּגעלאָזט דעם פאָרהאַנג און האָט גענומען שפּאַנען איבערן צימער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פּעקל בגדים, וואָס ער האָט צוריקגע־בראַכט פון שפּיטאָל. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ צעקנוידערט שטאָפן קלייד, אַ ליידיקער אַרבל האָט זיך אַ וויג־געטאָן אין זיינע אויגן. ער האָט אָנגענומען אַן אַרבל ווי מ׳נעמט אַן אַ האַנט וואָס מ׳האָט קאַרגע דרייסיק יאָר באַרירט, גע־גלעט און געקושט. ס׳האָט זיך אים גערן געוואָלט עפּעס רעדן צו זיין פּרויס קלייד, אָבער ס׳האָט זיך פון זיין האַרצן נישט מער אַרויסגעריסן ווי איין וואָרט:

— שרה!

איגעם שכנותדיקן צימער האָבן גענומען אָפּהילכן פעסטע מענער־טריט. די טיר פון מרגליותעס צימער האָט זיך געעפנט און אַ פרויען־האַנט האָט אַריינ־געלאָזט אַ מאַן, וועמענס בגדים זענען נאָך היפּשלעך נאָס געווען פון צעגאַנגענעם שניי.

מרגליות וואָס האָט זיך שוין געהאַט צוריקגעזעצט צום טיש, האָט אויפ־געהויבן זיינע אויגן און דערזען ד״ר מאיר פרידלאַנד, וואָס האָט זיך אַליין גע־נומען אַ שטול און זיך שטילינקערהייט אַראָפּגעזעצט. אויף זיינע קני׳ען האָט ער אַרויפגעלייגט זיין שווערן אָנגעפּראָפּטן אַקטן־טאַש און ער איז געבליבן זיצן אַן אַנטשוויגענער, קוקנדיק מיט אַ פּאָר רחמימפולע אויגן אויף מרגליותן.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן, האָט ד״ר פרידלאַנד אַרויסגעפּליסטערט:

— מרגליות, כ׳בין אייך געקומען מנחם־אבל־זיין.

— מנחם־אבל־זיין? — האָט מרגליות געשאָקלט מיטן קאָפּ. — ס׳קלינגט היינט ווי אַ חוזק פון שטן. מיר לעבן דאָך איצט אין אַ צייט פון אַ מאַסן־מיתה, טאָ ווי קען מען מנחם־אבל־זיין אַ יחיד? כ׳האָב זיך אויך אַרומגעריסן מיט אַ היפּש ביסל פּאַך־קאָלעגן. כ׳האָב מער ווי איינעם פאַרשעמט בפרהסיא. כ׳וואָלט היינט אַ יידישן שונא ממש אויסגעקושט! — האָט מרגליות אָנגעקוקט זיין בוז־זעם־פריינד. — וואָס הערט זיך עפּעס, פרידלאַנד?

ד״ר פרידלאַנד האָט זיך מיטן נאָזטיכל אַרומגעווישט דאָס פייכטע פּנים, און אויפהייבנדיקביידע הענט אין דער לופט, האָט ער אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— כ׳ווייס נישט ביי וואָס מ׳הייבט פרי׳ער אָן. לאָמיר אָנהייבן ביים בזית ברויט וואָס ד׳ערהאַלט, משטיינס־געזאָגט, דאָס בידנע מענטשלעכע לעבן. אַ קילאָ דערגייט שטופּנווייז צו אַכציק זלאָטעס. דערביי טאָר מען נישט האַנדלען און פאַרדינען אויפן לעבן. אַ שווידערלעכע תוכחה — אויף אונדזער קעפּ. יעדע שעה — נייע גזירות. דעם רובריק „יידיש לעבן״, וואָלט מען היינט רחמנא־לצלן גע־

דאַרפט פּאַרטווישן אויף „יידישע מיתות־משינות". ווער קען זיי דערציילן? ווער קען אַלץ נאָטירן? יעדע רעטונגס־גאַרטל איז פאַר אונדז פאַרבאָטן. פאַרן מינדסטן אָפּנייג — טויט־שטראָף. און אַפילו אָן אַן אָפּנייג שיסט מען ווייניק יידן אין די גאַסן, אין די הייף? זיי אַרבעטן מיט אַ זייער גוט־צוגעטראַכטע מעטאָדע. קודם דערנידעריקן דעם מין מענטש. דערפירן אים צו דער מדרגה פון אַ מאַלפּע, וואָס ווייסט נישט פון קיין בושה, פון קיין מענטשלעכער ווירדע, נאָר דאַרף זיך באַוועגן לויטן דרעסיר־שטעקעלע פון מאַכט־האָבער. הייסט מען די מאַלפּע טאַנצן, טאַנצט זי. הייסט מען זי קריכן אויף אַלע פיר, קריכט זי. איינער דערקענט איצט נישט דעם צווייטן. זיי האָבן אונדז צוריקגעפירט צו דער אור־תקופה, ווען איין מענטשלעך פנים האָט נאָך נישט דערזען דאָס צווייטע.

דאָ האָט ד"ר פרידלאַנד געעפנט זיין טאַש, אַרויסגענומען אַ נאָטיץ־ביכל, געכאַפּט אַ בליק און ווייטער גערעדט:

— צוגענומען אַלע ווינונגען מיטן גאַנצן האָב־און־גוטס ביי יידישע אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים. ביי די דאָקטוירים האָבן זיי אַפילו די מכשירים אויך צוגערויבט. זיי ווען אין קיינעם נישט פאַרגעסן — האָט זיך ד"ר פרידלאַנד אַרומגעקוקט איבערן צימער. — אונטערגעכאַפּט יידישע יונגעלייט און זיי אַוועקגעשיקט אין אַרבעטס־לאַגערן. לויט דער געהיימער ראַדיאָ־סטאַנציע, האַלט בעלגיע אין האַמעוועז אירע אַנגריפן און אַפילו די שלאַכטן ביי דער מאַזשינאָ־ליניע צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד זענען עפּעס צו מילדע. די אַטאַקעס מצד ענגלאַנד און אַמעריקע זענען פאַרלייפיק גאַנץ שוואַכע. היטלער האָט שוין כמעט גאַנץ אייראָפּע אין זיינע גיפטיקע לאַפּעס. אָבער ס'איז לייכט פאַרצוזען, אַז דאָס סאַמע שוידערלעכסטע וועט זיך ערשט אַנהייבן ווען מ'וועט אונדז אַרומצוימען מיט אַ געטאָ־מויער. די משומדים האָבן זיך שוין געוואַנדן צו דער מאַכט מיט ביטעס, אַז מ'זאָל זיי אָפּזונדערן. אויב טרייבט מען זיי אין אַלגעמיינעם געטאָ אַריין, וועלן זיי ביי די יידן זיין גויים, און ביי די גויים — יידן. זיי איז אפשר נאָך ערגער. אָבער אונדז איז אויך זייער „גוט". כ'קען מיר נישט שענקען וואָס כ'האָב נישט מיין נתנען מיטגעשיקט מיט דער מוטער קיין שווייץ — האָט זיך ד"ר פרידלאַנד נערוועז געריבן דעם שטערן. — כ'האָב לעצטנס נישט קיין בריוו פון מיין פרוי.

מנחם מרגליות האָט ביידע הענט אַרויפגעלייגט אויפן פנים און זיין קאָפּ איז גאַנץ פּאַמעלינקע אַראָפּגעזונקען, וואָס אַמאָל אַלץ נידעריקער, נידעריקער.

ד"ר פרידלאַנד איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס דערמאָנען זיין לעבעדיקע פרוי קען אַמאָל שלעכט ווירקן אויף מרגליותס פרישער וווּנד.

— אפשר, פרידלאַנד, איז אין דער קהילה פאַראַן פאַר מיר אַ בריוו פון אויסלאַנד?

— כ׳בין היינט געווען אין דער קהילה. מ׳האָט מיר גאָרנישט געזאָגט וועגן אייערע בריוו. די קהילה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רינג פון דאַנטעס „גהינום״. אינטעלעקטואַלן פון אַלע קונסט־צווייגן, ערשט נעכטן געווען פּרינצן פון פּאָעזיע, מוזיק, פּלאַסטיק, בינע און שוישפּיל, שטויסן זיך איצט אין די רייען צווישן אויפגעקומענע בעטלער. ווער קען דאָס צוזען? אין קעלער פון „פּי־קאַדילי״ זיך געטראָפן מיט פּען־מענטשן. אָבער ווער האָט מיט מיר געוואָלט רעדן וועגן קולטור. זיי זוכן פּאָסטנס פון קעלנערס, סטרוזשקעס, פּעקל־טרעגערס און אַנדערע בכבודיקע פּרנסות.

— יאָ! — האָט מרגליות אַרויסגעזיפצט. — איך בין שוין פאַרזאָרגט. די איינזאַמקייט וועט מיך איצט אויפפרעסן. פאַרן פאַרלאָזן לאָדזש, אַוועקגעשיקט אין די „צוקונפט״ אַ גרויסע פּאָעמע: „לוציפערס נייע מזבחות״. ריינע ליריק? כ׳האָב מסתמא צו הויך געשריגן. אַז מ׳באַקומט אַזאַ שווידערלעכן קלאַפּ, קען מען דאָך גישט ענטפערן מיט קיין קול דממה דקהדיקע טענער. זאָלן זיי מיך אַלע דאָרט אין ניו־יאָרק האָבן פאַרגעסן? כ׳האָב זיך דאָך קאָרעספּאָנדירט כמעט מיט אַלע אונדזערע מזרח־וואָנט־שרייבער. מיר קענען זיך אַפילו נישט שטעלן די האַמלעטישע פראַגע: „זיין אָדער נישט זיין?״. מ׳לאָזט אונדז דען זיין? דאַרפט מען, הייסט עס, דערגיין צו דער מדרגה פון „ביטול היש״, אויסמעקן זיך פון ערדישן לעבן ווי מ׳מעקט אויס אַ זאַמדיקן שטריק, וואָס ווערט פאַרווישט פון אַ שטיוול. אָבער וואָס בין איך אַ דוב־בער מעזריטשער, אַ נחום טשערנאָבילער, אַ זישע אַניפּאָלער, וואָס האָבן געקענט דערגיין צו „ביטול־היש״.

ד״ר פרידלאַנד האָט געכאַפּט אַ בליק אויף זיין זייגערל און זיך אויפגע־שטעלט.

— איר לויפט שוין?

— כ׳האָב אַ זיצונג מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער פּאָלקס־קיך, טויזנטער הונגעריקע ייִדן וואַרטן אויף אונדזער ביסל זופּ. כ׳האָב נאָך אַנדערע געזעל־שאַפטלעכע אַרבעטן. כ׳גרייט זיך צו אָרגאַניזירן אַ דאָקומענטאַציע־צענטער.

— ד״ר פרידלאַנד איז דאָס מאָל אַוועק אָן באַגריסונג. ער האָט זיך בלויז איבערגעקוקט מיט מרגליותן און זיך הינטערווייַלעכץ אַרויסגעשלייכט.

— אויב אַזוי, גייט טאַקע און זייט מצליח?

מרגליות איז געבליבן זיצן מיט ביידע עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויפן טישל און זיין קאָפּ, שווערער ווי אָנגעגאָסן מיט בליי, איז געלעגן אַ פאַרקלעמטער אין זיינע האַנט־פלאַכן.

ער האָט געהערט ווי די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט. דבורה איז אַריינ־

געקומען מיט אַ טאַץ אין דער רעכטער האַנט. אונטערן אָרעם האָט זי פּעסט צונויפגעקלאַמערט אַ בוך.

— דער פעטער מנחם וועט טרינקען אַ הייסן טיי און צובייסן אַ פּאָר קאַלטע קיכלעך. — האָט זי אַוועקגעשטעלט די טאַץ מיטן ווייס־גרינעם טשייניקל, פון וועמענס שנאָבל עס האָט זיך אַרויסגעקרייזלט אַ דין פּאַרעלע. דאָס געקאַרבטע קליאַשל מיט די פיין־געשפּיצלטע קיכעלעך, האָבן עפּעס אויף מרגליותן געווירקט ווי דער לעצטער „איבערבייס״ פון אַ פאַראורטיילטן צום טויט. אָבער בעת ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דבורהן, באַטראַכטנדיק איר וואונדערבאַרע פיגור אין אַ ווייסן סוועטער, די טאַליע איינגעצויגן מיט אַ שוואַרץ־לאַקירט פּאַסיקל, די האָר צעלאָזן, גלייך ווי אַ שאַל פון גאָלד־קאַליר, וואָלט אַרומגעהילט איר געטאַקטן ביוסט, איז ער במחשבה צוריקגעגאַנגען צום ווילן פון לעבן.

ער האָט געזען ווי דבורה האָט זיך מיט אַ טרויער אין די אויגן אַראָפּגעזעצט.

— איך לייען די יידישע געשיכטע. איך האָב זי ביז איצט נישט געקענט. איך האָב נאָר געקענט די פּוילישע געשיכטע פון אויסנווייניק. די יידישע — אפילו פון אינעווייניק אויך נישט.

— זייער גוט, דבורה! דאָס טרייסט מיך זייער. ביי וועלכן קאַפּיטל האַלט־סטו?

—ביים אויפשטאַנד פון די חשמונאים.

מרגליות האָט זיך פאַרטראַכט.

— ביים אויפשטאַנד פון די חשמונאים, בעת אַ קליין הייפל דאָרפסלייט האָט געגעבן דעם ערשטן צייכן צום אויפשטאַנד?

— יאָ, פעטער מנחם! — האָט דבורה געעפנט דאָס בוך און זיך אַראָפּגעבויגן אויפהייבן די אַרויסגעפאַלענע פאָטאָגראַפיע.

— ווער איז דאָס?

— מיין דוד.

— דו האַלטסט אים צוזאַמען מיט אונדזערע היסטאָרישע העלדן?

— דער פעטער ווייסט, אַז כ׳האָב פון אים באַקומען אַ קאַרטל דורכן שווייצאַרישן רויטן־קרייץ? ער געפינט זיך אין סטאַלאַג ב. 11. ער איז געזונט. ער גריסט דעם פעטער.

— דו האָסט מיר שוין עטלעכע מאָל געזאָגט. דו האָסט, אַפנים, פאַרגעסן.

— כ״ געדענק נישט, פעטער. כ׳דערוואַרט פון אים אַ גרויסן בריוו. כ׳וועל אים שרייבן, אַז ער זאָל אַנטלויפן. כ׳האָב שוין אַן אידייע ווי אַזוי צו שרייבן: מאַך דיר גומענע זוילן!

— אפשר איז אים בעסער אין אַ מיליטערישן מונדיר ווי אין אַ ציווילנעם

אַנצוג? וואָס קען מען וויסן? דאָס סאַמע גרויזאַמע האָט זיך דאָך נישט אָנגע־הויבן. דאָרט איז ער דאָך אַ געפאַנגענער סאָלדאַט; דאָ וועט ער דאָך זיין אַ גע־פאַנגענער ייִד: כ׳קען דיר גאָרנישט זאָגן, מיין קינד. טו אַזוי ווי ס׳האַרץ זאָגט דיר. פרעג נישט ביי קיינעם!

— כ׳וואָלט געוואָלט דעם פעטער פרעגן ווי מ׳רעדט אַרויס די נעמען פון אונדזערע העלדן? — האָט דבורה צוגעטראָגן דעם באַנד פון דער ייִדישער גע־שיכטע צו מרגליותעס אויגן און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער.

— יוחנן פון גוש־חלב, שמעון בר־גיורא, אליעזר בן יאור, בר־כוכבא. דאָס איז געשען אין די יאָרן 132 ביז 135 פון דער איצטיקער צייט־רעכענונג. זיי האָבן געקעמפט קעגן די בעסטע לעגיאָנערן פונעם רוימישן קייסער אַדריאַן. הלוואי, טאַטע זיסער אין הימל, האָבן מיר היינט אַזעלכע העלדן, וואָס זאָלן דורך זייער מסירת־נפש דערהייבן די ספירה „כתר״, די קרוין פון דער ייִדישער נשמה!...

און נאָך אַ ווײַלע שווייגן:

— כ׳בעט דיך, דבורה, דער טאַטעשי איז דאָ אינדערהיים?

דבורה האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט דאָס געעפנטע בוך צוגעדריקט צום האַרצן, אָנגעקוקט איר פעטער מיט אַ פּאָר גרויסע טרערן־פּאַרלאָפענע אויגן.

— וואָס שווייגסטו, דבורה?

— כ׳קען נישט רעדן וועגן טאַטעשי. אונדזער געשעפט איז אָפן. אַ ווילד־פרעמדער פּאָלקס־דייטש פאַרוואַלטעט דערמיט. זיי ברענגען גאַנצע וואַגאָנען אָנגערויבטע סחורות פון לאָדזש, טאָמאַשאָוו און פון אומעטום, דער טאַטעשי האַנדלט אין גאַס אין די אומלעגאַלע האָלעס מיט אַ פּאָר רעשטלעך סחורה הינ־טער די פּאָלעס פון פעלץ. כ׳בין אַדורכגעגאַנגען האָב איך אים דערזען. איך האָב זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, אַז ער זאָל מיך נישט באַמערקן. איך וואָלט אים געוואָלט צוהעלפן. ער וויל אָבער נישט, אַז איך זאָל זיך דרייען צו פיל אין גאַס. ער לויפט אַרום צו מעקלערס. ער וויל עפּעס מאַכן מיטן הויז אונדזערן, ער וויל עס פאַרטוישן אויף אַ באַקוועמער וווינונג. ער איז מסכים אויף דער סאַמע נישטיק־סטער סומע. אַבי עפּעס אָפּנעמען, אַז ס׳זאָל זיין מיט וואָס צו פאַרטרייבן די נויט, וואָס קומט אונטער. כ׳ווייס נישט צי ער האָט עפּעס אויפגעטאָן? אפילו די מאַ־מעשי, האָט אים מורא צו פרעגן.

— און דו זעעסט דאָך, דבורה, אַז ס׳זענען פאַראַן אַ וועלט מיט אָרעמעלייט, וואָס האָבן נישט וואָס צו פאַרקויפן, האָבן נישט מיט וואָס צו האַנדלען אין דער גאַס, זיי פאַרמאָגן נישט מער ווי דאָס נאַקעטע לעבן, זענען באַוואָרפן מיט קליינע קינדער, דערנערן זיך בלויז פון די באַנעס; פונדעסטוועגן ווילט זיך זיי אויך לעבן און איבערלעבן. מיר דאַכט זיך טייל מאָל אויס, אַז דערווייל איז מיר ממש, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע, צו גוט. כ׳קען ממש נישט אַראָפּשלינגען דעם

גוטן ביסן. ס'דאַכט זיך מיר נאָר, אַז כ'האָב אים ביי וועמען צוגערויבט. ער איז נישט גלייך פאַרטיילט געוואָרן.

אין דער רגע האָט זיך די פאַראַדנע טיר צעקלונגען. דבורה האָט זיך איינ־געהאָרכט אין אַ קלינגענדיקער מיידלשער שטימע. זי האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט מיט אַ פריידיקן צאַפּל.

— מיין קוזינקע האַלינקאַ! — האָט זי אויסגערופן און איז אַריינגעלאָפן.

מרגליות איז ווידער געבליבן אַליין. ער האָט געהערט ווי דבורה פירט איר קוזינקע אַריין צו זיך אין דער סטודיע. און ער האָט זיך שטאַרק געחידושט, וואָס אַזעלכע יונגע מיידלעך וואַגן היינט אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין. ער האָט ווידער געוואָרפן אַ בליק אויפן פאַרהאַנגענעם שפּיגל, אָבער דאָס מאָל האָט ער נישט בלויז דערזען דעם שאָטן פון זיין פרוי, נאָר אַ מאַסע געדיכט צונויפגעדרענגטע שאָטנס פון באַבערדטע ייִדן און באַשייטלטע פרויען. איין שאָטן איז ממש אַריינ־געוואַקסן אין צווייטן, אַקוראַט ווי אַלע צוזאַמען וואָלטן געהערט צו איין גוף. זיצנדיק אַזוי מיטן פּנים געוואַנדן צום שפּיגל, האָט זיך די טיר געעפנט און עס האָט זיך ווי מיט באַרוועסע פיס אַריינגעשליכט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע.

— איר? — האָט מרגליות פאַרריסן דעם קאָפּ.

— איך! — האָט זיך דער ייִד מיט דער לאַמטערנע אַראָפּגעזעצט.

— פאַרוואָס האָב איך ווייניקער רעכט ווי אַן אַנדערער אייך צו קומען טרייסטן? איך וויל אייך דערמאַנען, אַז משה רבינו האָט געזאָגט צו די בני כפר, דאָס מיינט צו די קינדער פון דער ערד, וואָס האָבן די טויטע באַווײנט: קינדער זענט איר ביי גאָט דעם אַלמעכטיקן — לא תתגודדו, זאָלט איר אויף אייער קער־פּער קיין טרויער־צייכן נישט מאַכן צוליב דעם געשטאָרבענעם. וואָלטן וועגן דעם געוווּסט אַלע צדיקים, — מיט וואָס פאַראַ פרייד וואָלטן זיי דעם טאָג באַגעגנט, בעת זיי דאַרפן מיט דער וועלט צעשיידן. צי איז דען נישט דער גרעסטער כבוד, וואָס די מטרוניתאַ אַליין לאָזט זיך צוליב אייך אַראָפּ, פירט אייך אַריין אינעם מלכס פּאַלאַץ, ווו דער מלך גופא פרייט זיך מיט אייך טאָג־טעגלעך.

— כ'בעט אייך ווו בלאָנקעט איר זיך אַרום אין אַזאַ וועטער? — האָט מרגליות געפרעגט דעם ייִד מיט דער לאַמטערנע.

— אין בתי־מדרשים.

— ס'איז געהייצט?

— מ'שלעפּט צונויף אַ ביסל געהילץ פון חורבות. מיר האַלטן אָקאָרשט ביים ערשטן נסיון. דער לעצטער איז נאָך ווייט. דערוויל ביז די גאולה וועט קומען וויל איך אייך טרייסטן מיט אַ מעשהלע. וואָרעם ווען דער מענטש וויינט איז ער דאָך געגליכן צו אַ קינד.

— מיט אַ מעשהלע? המ... יאָ, נו, דערציילט! טרינקט צוערשט אַ גלעזל טיי!

— גיסט טאַקע אַריין, וועל איך טרינקען און דערציילן. דאָס מעשהלע איז לחלוטין נישט סותר אונדזער חומש.

ער האָט אָפּגעפּאָטשט און גענומען דערציילן:

— ביי בריאת־העולם האָט גאָט גלייך באַשאַפן צוויי מלאכים — דעם מלאך החיים און דעם מלאך המוות.

דעם שטח פון דער וועלט האָט דער בורא־עולם צעטיילט אין צוויי חלקים. צווישן ביידע חלקים — אַ טייך מיט מים־חיים. דער טייך האָט געדינט ווי אַ מחיצה צווישן די צוויי וועלט־טיילן. אויף איין זייט האָט געהערשט דאָס לעבן, דאָס מלכות פון מלאך־החיים; אויף דער צווייטער זייט טייך האָט געוועלטיקט דער טויט, דאָס מלכות פון מלאך־המוות. קיינער האָט נישט איבערגעטרעטן די גרענעץ, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס לאַנד פון לעבן פון דעם לאַנד פון טויט.

זענען אַזוי אָפּגעפלאָסן הונדערטער יאָרן. די מענטשן פון לעבן האָבן גע־נאָסן פון גאָטס ברכה ביד רחבה, אָבער זיי זענען אַלע פאַרבליבן קדמונימדיק־באַיוו. זיי זענען נישט געווען קלוג און נישט גייסטיק אַנטוויקלט, אָבער דער־פאַר גליקלעך אין זייער באַשיידנקייט און האָבן זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס דאָס אַרומיקע לעבן האָט זיי געשאָנקען. זיי האָבן געלעבט צווישן זיך אין שלום ושלווה.

במשך פון טויזנטער יאָרן איז דער מענטש פון לעבן אַביסל רייכער געוואָרן אין חכמה און דערפאַרונג און ער האָט אָנגעהויבן זוכן מער רחבות.

דאָס געפיל פאַר שענערס און בעסערס איז אויפגעגאַנגען אין זיין האַרצן, צוזאַמען מיט תשוקה צו עפּעס אַנדערש. ס׳האָט אים גענומען באַהערשן אַן אומ־רו און ער האָט, טאַפּנדיק אין דער פינצטער, אָנגעהויבן זוכן דעם מאָרגן, וואָס ער האָט נאָך זיין באַשייד נישט געוווסט.

מיט חשד האָט ער אָנגעהויבן נאָכקוקן זיינע שכנים, נאָכשפּירן זיינע פריינד און די קנאה, געבוירן פון זיין אייגענע אויסדאַכטענישן, האָט אים גענומען פרעסן. אין בלינדן פאַרדאַכט האָט איינער דעם צווייטן גענומען פיינט האָבן, זאָרגן האָבן זיך פאַרגנבעט אין די הערצער פון די לעבעדיקע מענטשן.

פאַריאושטע און מידע פון לעבן, די הערצער איבערפולט פון לעבנס־שווע־ריקייטן, האָבן אין איינעם אַ טאָג עטלעכע מענטשן אַראָפּגעשליידערט פון זייערע גופים די לאַנגיאָריקע שמוציקע קליידער און מיט אַ באַנייטן לעבנסלוסט זיך געוואָרפן אין די וואַרעמע, אַנגענעמע וואַסערן פון ווונדערלעכן טייך. און זיי האָבן זיך פלוצלינג דערפילט פריש און אויפגעמונטערט. מיט אַ פאַרכאַפּטן

אָטעם און מיט אַ ווילדער פרייד זענען זיי צוגעשווומען צום צווייטן ברעג פון טייך, ווו עס הייבט זיך אָן די ממשלה פון מלאך־המוות.

בעת זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אויף יענעם שטח האָבן זיי דערזען בליענדיקע, פרוכטבאַרע גערטנער, וווּנדער־שיינע ביימער מיט כלערליי פּירות, וואָס האָבן פאַרשמעקט און פאַרבלענדט די לופט; גרינע לאָנקעס מיט אַלערליי דופטיקע בלומען.

פאַרחלשטע פון תענוג זענען זיי אַוועקגעפאַלן אויף די ווייכע גראָז־טעפּיכער אונטער די וווּנדערבאַרע ביימער און זיך געזעטיקט מיט זייערע זאַפטיקע און געשמאַקע פרוכטן.

די אַרומיקייט מיט זיין זיסן אַראָמאַט און גרין־גאָלדענעם ליכט האָט זיי פאַרשיכורט — אַ גליקלעכע מידקייט האָט זיך צעגאָסן איבער זייערע גלידער און אַ געשמאַקער ערדישער שלאָף האָט זיי איינגעוויגט. זיי האָבן אָבער מער נישט געקענט אויפשטיין. זיי זענען אַזוי געבליבן ליגן, פאַרזונקענע אינעם אייביקן שלאָף פון דער אייביקייט — — —

און פון דעמאָלט אָן איז מיט יעדן טאָג געוואַקסן די צאָל מענטשן, וואָס זענען אַריבערגעשווומען דעם טייך צום טויטנלאַנד. מחנותווייז זענען זיי געזעסן אויף די גרינע ברייטע פעלדער און געגאָסן פון די פאַרכישופטע ביימער די עפּל פון אייביקן שלאָף. דאָס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיט דער צייט זענען גאָר ווייניק מענטשן פאַרבליבן אין לאַנד פון לעבן.

דער מלאך־החיים איז געוואָרן נידערגעשלאָגן און באַהערשט פון אַ געוואַלדיקער מרה־שחורה, זעענדיק ווי זיינע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט אַזוי פיל יאָרן פאַרבראַכט און זיי אָפּגעהיטן, פאַרלאָזן אים מאַסנווייז. דעמאָלט איז דער מלאך־החיים צוגעקומען צום כסא־הכבוד און האָט זיך געשטעלט פאַר זיין באַשאַפער.

— וואָס מאַכט דיך אַזוי מרה־שחורהדיק און פאַרוואָס שטייסטו מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ, מלאך־החיים? — האָט דער בורא־עולם מילד און רחמנותדיק געפרעגט.

— מלך־העולם, באַשאַפער מיינער, — האָט דער מלאך פון לעבן שטיל און טרויעריק געענטפערט — דו האָסט מיר איבערגעגעבן דאָס לאַנד פון לעבן און די מאַכט מיינע מענטשן צו פאַרשאַפן שלום ושלוה. ביז איצט האָב איך דערפילט דיין הייליק געבאָט, אָבער ווייטער קען איך עס נישט ממלא־זיין, ווייל דאָס אייביקע לעבן, דיין געטלעכע מתנה, איז פאַר די מענטשן געוואָרן אַ צו גרויסע לאַסט. זיי זענען פול געוואָרן מיט זוכענישן און קנאה. זיי זענען אַנטלאָפן פון מיר. יאָ, גרויסער גאָט, איך קען מער מיינע התחייבותן ווי דער מלאך־החיים נישט דערפילן. דאָס לעבן לויפט אַריבער צום טויט — — — סיידן, באַשאַפער

מיינער, דו וועסט געבן אַ בעסער און שענער לעבן פאַר די מענטשן פון מיין חלק וועלט; און אויפן שטח פון טויט זאָלן אויפקומען צרות און שלעק, יסורים און מגפות, כדי דער מענטש זאָל מער נישט גאָרן צו גיין אַהין.

— יאָ, מיין מלאך פון לעבן, די מענטשן האָבן זיך אַליין פאַרשניטן פון זייער לעבעדיקער וועלט. אָבער היות איך האָב שוין באַשאַפן די צוויי וועלטן, טאָ זאָלן זיי שוין אַזוי פאַרבלייבן אויף אייביק! פון היינט אָן וועט דאָס מענטש־לעכע לעבן דורך מיין האַנט פאַרקירצט ווערן, און דער איבערגאַנג צום אייביקן לעבן וועט זיין אויף דער צווייטער וועלט, ווו ס׳וועט פאַרן מענטשן זיין אָנגע־גרייט פון כל טוב. דער דאָזיקער איבערגאַנג וועט פון היינט אָן זיין דורך אַ שוואַרצע, שרעקלעכע און פינצטערע וואַנט. אַ שווידערלעכע אימה וועט עס אָנ־וואַרפן אויף די מענטשן, וואָס וועלן גיין זייער לעצטן וועג. נאָך היינט נעם איך אָוועק דאָס וווּנדער־טייכעלע, וואָס טיילט אָפּ דיין לעבעדיקע וועלט מלאך־החיים, פון אייביקן טויט. אָבער דו בלייבסט דער הערשער איבערן קורצן מענטשלעכן לעבן אויף דער ערד.

און גאָט האָט באַפוילן, אַז דער טייך זאָל פאַרטריקנט ווערן און ער איז פאַרשוווּנדן. און דאָס קורצע לעבן מוז אויך פאַרשווינדן הינטער דעם פינצטערן פאָרהאַנג — האָט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע מיטן שטעקן אָנגעוויזן אויפן פאָרהאַנגענעם שפּיגל.

מרגליות איז געבליבן זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן ווי אַ גרויס גרוי קינד וואָלט זיך געלאָזט פאַרוויגן פון אַ מעשהלע. ער האָט געהערט ווי די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן. און בעת ער האָט געעפנט די אויגן איז שוין דער ייִד מיט דער לאַמטערנע געווען פאַרשוווּנדן.

אויף זיין שטול איז איצט געזעסן אַן עלטערער מאַן, וועמענס לאַנגע ווייסע האָר האָבן שאַרף אָפּגעשלאָגן אויף זיינע שוואַרצע בגדים. דער מענטש איז גע־בליבן זיצן מיטביידע הענט אין די מאַרינאַרקע־טאַשן.

— ד״ר אייכנער! — האָט מרגליות אויסגעשריגן.

— יאָ, מרגליות! זייט מיר מוחל וואָס כ׳האָב נישט געקענט זיין אויף אייער פּרוויס לוויה. היינטיקע צייטן. כ׳בין זייער פאַרנומען — האָט ד״ר אייכנער באַ־וויזן מיט די עלנבויגנס.

מרגליות האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף ד״ר אייכנער, און ס׳האָט זיך אים עפּעס אויסגעוויזן, אַז דאָס פּנים וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן געקענט, איז אים אין איין רגע עפּעס פרעמד געוואָרן.

— פאַרנומען? — האָט מרגליות איבערגעפרעגט. — וואָס שפּילט מען דען היינט טעאַטער? אייער סטודיאָ איז דען אָפן? יאָ, ד״ר אייכנער! זינט איר זענט ביי מיר געווען אין לאָדזש מיט אייער פאָרטראָג וועגן די גריכישע טראַגיקער,

זענען שוין אָפּגעפּלאַסן חדשים. מיר האָבן דורך דער צייט עפּעס געוווּנען אויך. מיר דאַרפֿן זיך מער נישט פּלפּולן צי די מלחמה וועט אויסברעכן. אָבער וואָס האָבן מיר דורך דער צייט פֿאַרלוירן און וואָס וועלן מיר נאָך פֿאַרלירן?

— יאָ, מרגליות, די ברוינע מגפה איז פיל געפֿערלעכער ווי די שוואַרצע. אָבער איך וועל אייך נישט לאָזן פֿאַלן. — האָט ד״ר אייכנער אַ צוק געטאָן מיטביידע עלנבויגנס.

— איר וועט מיך נישט לאָזן פֿאַלן? — האָט מרגליות אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעקוקט ד״ר אייכנער. — זענט איר דען ווייניקער געפֿאַלענער ווי איך? וואָס זענט איר דען נישט די זעלבע „געלע־לאַטע״ וואָס איך? סיידן איר האָט זיך עפּעס איינגעשאַפֿן אַן אַרישן נאָמען?

— ניין, מיין ליבער מרגליות, איך בין פֿאַרבליבן ד״ר אייכנער, אָבער כ׳האָב זיך דערשלאָגן צו אַ וויכטיקן דאָקומענט.

— פֿון דער קהילה?

ד״ר אייכנער האָט מיט די ליפּן איינגעביסן אַ שמייכל.

— נישט פֿון דער קהילה, נאָר פֿון גובערנאַטאָר גופא.

— וואָ־עס? — האָט זיך מרגליותעס שטול אַ רוק געטאָן הינטערווײַלעכץ.

— פֿון גובערנאַטאָר גאָר?

— יאָ, איך וועל פֿאַר אייך עפּעס קענען טאָן, מרגליות.

— וואָס קענט איר פֿאַר מיר טאָן? איך האָב דאָך מיין גורל באַהאַפֿטן מיטן גורל פֿון גאַנצן פֿאָלק. איך וויל גאָרנישט איצט זיין קיין אויסנאָם. יעדער וועט דאָך אויף מיר קוקן ווי אויף אַ פֿאַרעטער חלילה. איך מיין נישט אייך ד״ר אייכנער, נאָר אַנדערע. ווייסט איר דען נישט, אַז ווען זיי גיבן אייך אַן אָנדייטונג פֿון פֿרייהייט און מאַכט, מוזט איר זיי צושטעלן קרבנות. אָן דעם זענט איר פֿאַר זיי גאָרנישט. איר זענט העכסטנס אַ ציפֿער צום אויסשטרייכן. דעריבער פֿאַרשטיי איך אייך טאַקע נישט. גראָד איר מיט אייער היפּערעמפּינדלעכקייט, האָט זיך צו זיי געקענט דערשלאָגן. — איז מרגליות געבליבן זיצן מיט פֿאַרבראָכענע הענט. — גאָט מיינער, מ׳ווייסט דאָך שוין היינט נישט מיט וועמען מען רעדט...

— מרגליות, — האָט זיך ד״ר אייכנער אויפֿגעכאַפּט — וואַרפֿט אָוועק די נאַיִוויטעט וואָס איז אייך אַמאָל געווען נייטיק צו אייער פּאָעזיע. פֿאַרגעסט נישט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט מען דאָ אייער שוואַגערס ווינונג פֿאַרזיגלען און איר וועט בלייבן אויף דער גאַס. אויב איך האָב אָנגעוואָנדן מיין גאַנצע ענערגיע בכדי צו זיי צו האָבן אַ צוטריט, איז עס נאָר צו קענען טאָן טובות אַזעלכע פֿריינד ווי איר און אייערס גלייכן. איך נעם פֿאַר קיין שום טובה נישט קיין געלט. און כ׳וויל אייך בעטן צו האַלטן שטרענג בסוד דאָס וואָס כ׳האָב אייך אָנפֿאַרטרויט. איר זעט דאָך, אַז ווי טראַגיש די ייִדישע לאַגע זאָל נישט זיין, קענט איר נישט

נאָטירן קיין איינציקן זעלבסטמאָרד. צו פּסיכאָלאָגישע סטודיעס האָב איך איצט קיין צייט נישט, כל־זמן איר זענט אין טרויער דאַכט זיך אייך, אַז איר זענט ממש אַן איבערמענטש. אָבער ווי נאָר איר וועט זיך אויסטאָן פון טרויער, וועט איר זיך ווי יעדער איינער מיט אַלע מיטלען רייסן לעבן צו בלייבן. אפשר וועט איר זיך גאָר ווען אַריבערראַטעווען קיין ראַטנפאַרבאַנד? איר האָט דאָך דאָרט אַ גרויסע שרייבער־משפחה. דאָ האָט איר קודם מיין נייעם אַדרעס וואָס איר דאַרפט גוט פאַרשטעקן, אַז קיינער זאָל אים נישט באַמערקן. וואָס איז עפּעס דאָרט אין יענע צימערן אַזאַ געוויש? — האָט ד״ר אייכנער אַ ציטער געטאָן.

מרגליות האָט זיך אַ ווײַלע איינגעהאָרכט אין די פרעמדע טריט, וואָס האָבן דערינען שווער געשפּאַנט. ער האָט געהערט ווי מ׳לאָזט עפּעס מיט אַן אָפּהילך אַראָפּ אַ שווערע משא און מ׳הייבט זי צוריק אויף. פרעמדע פּוילישע שטימעס, האָבן געשריגן, אַז מ׳זאָל ברייטלעך עפענען די טיר.

— כ׳בין משער, אַז די פּאָליאַקן טראָגן אַרויס די מעבל־שטיקער וואָס זיי האָבן ביי מיין שוואָגער אָפּגעקויפט. זיי האָבן, ווייזט אויס, מורא געקריגן, אַז די דייטשן זאָלן זייערע זאַכן נישט פאַרהאַלטן.

— פּאָליאַקן קויפן גאָר זאַכן? — האָט אייכנער זיך צוריקגעהאַלטן נישט צו שמייכלען. — זיי האָבן ווייניק אָנגערויבט? זיי דאַרפן נאָך קויפן פאַר געלט?

און איידער מרגליות האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָט זיך די טיר ברייטלעך געעפנט. ס׳זענען מיט דרייסטע טריט אַריינגעקומען צוויי פּאָליאַקן אַן מאַרי־נאַרקעס, און איינער האָט צום צווייטן אַ זאָג געטאָן:

— קאַזשעק, דאָ האָבן מיר נאָך צו נעמען דעם טיש, אַ זייגער און דעם גרויסן שפּיגל.

און באַמערקנדיק, אַז דער שפּיגל איז פאַרהאָנגען, האָבן ביידע אַרויסגעזעצט אַ געלעכטער.

— כאַ־כאַ־כאַ, אַן אָרנטלעכער זשידעק! ער גיט נאָך צו צום שפּיגל אַ ליי־לעך. פאַר דעם געלט! כאַ־כאַ־כאַ! — האָט איינער דעם צווייטן געקלאַפּט אויף דער פּלייצע.

מרגליות איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטומטער.

— פּאַנאָוויע! — האָט אייכנער געזאָגט. — וואַרט נאָך מיטן שפּיגל עט־לעכע טעג! מיין קאָלעגע איז אין טרויער. זיין פרוי איז געשטאָרבן. ביי אונדז יידן פאַרהענגט מען דעם שפּיגל. איר האָט דאָך נישט געקויפט קיין שפּיגל מיטן שאָטן פון אַ טויטער פרוי.

— שיבקאָ, שיבקאָ! — האָט איין פּאָליאַק אַ געשריי געטאָן צום צווייטן.
— מיר קענען זיך אויף די זשידאָווסקע שאַכער־מאַכער־שטיק. מיר זענען דער־

צויגן צווישן יידן. יוזשעק, ראַז, דוואַ, טרזשי, העפ! — האָבן זיי אַ הייב געטאָן דעם שפּיגל.

דבורה איז אַריינגעקומען מיט גאַלאָפּירנדיקע טריט און האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש:

— רירט נישט אָן דעם שפּיגל! — האָט זי די פּאָליאַקן דרייסט אָנגעכאַפּט ביי די הענט. אָבער דאָס ליילעך האָט זיך אין דער רגע אַראָפּגעגליטשט. דער שפּיגל האָט אַ פינקל געטאָן מיט זיין נאַקעטן גלאַנץ.

מרגליות האָט מיט אַן אויסגעשריי זיך פאַרשטעלט ס׳פּנים. ער האָט מער קיינעם נישט געזען. ער האָט נאָר געהערט דבורהס קול. דאָס ציינישע געלעכטער פון די צוויי פּאָליאַקן, האָט אים גענומען ווערגן אין דער קעל. ר׳איז אַריינגעפאַלן אין אַ פאָטעל און זיך אַרומגעקוקט. דאָס ליכט אויפן טישל איז ביים אַרויסטראָגן דעם שפּיגל פאַרלאָשן געוואָרן. אין צימער איז מער קיינער נישט געווען. אַ גרויסער שאָטן האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער די ווענט. דער זייגער האָט מער נישט געטיקטאַקעוועט. מרגליות גופא האָט זיך איצט דערזען ווי אַ שוואַרצער ווייזער, וואָס הענגט און הוידעט זיך צווישן צייט און אייביקייט.

צווייטער טייל

קאַפּיטל זיבן

דער בית־עולם פון לעבעדיקע מתים

אַ טונקעלער געדיכטער נעפּל אַז מ'האָט אים ממש געקענט שניידן מיט מעסערס האָט זיך שלאַנגיש געוויקלט און געקנוילט אין דער לופט, גלייך ווי שוואַרץ־בלויע כמאַרעס וואָלטן אַראָפּגענידערט פון די הימלען און זיך באַהאַפטן מיטן פּראָסטיק סוף־נאָוועמבערדיקן ערדישן באָדן, פון וועלכן ס'האָבן זיך געצויגן דינע שנירעלעך פּאַרע, וואָס האָבן זיך אויף אַ לענגלעכן אויגנבליק האַלב־רונדיק געקרייזלט ווי געעפנטע רינגען פון אַ קייט און באַלד געוואָרן פאַרשלונגען.

די זון האָט זיך אַרויסגעשיילט פון אַ מזרחדיקן וואָלקן און איז דערשינען ווי אַ צעטריפטע בלוט־רויטע ווונד, איינגעהילט אין אַ טונקל־בלויער גאַזע. די זונען־שטראַלן האָבן אויף געציילטע רגעס, ווי מיט גאָלדענע שפּיזן, אַדורכגעשטאָכן דעם דיקן געדיכטן נעפּל־שיכט, אָבער באַלד פאַרשוווּנדן באַנאַנד מיט דער זון, וואָס האָט איר פּנים פאַרנורעט אין אַ וואָלקן באַשפּריצט מיט בלוט.

און הגם דער חושך־טעמנער טומאַן, ברייט און צעשויבערט ווי ים־כוואַליעס, האָט פאַרווישט די קאָנטורן פון די שטאָטישע געביידעס, האָט זיך פונדעסטוועגן שאַרף־רעליעף אַרויסגעשניטן דאָס גרויסע שווערע שוואַרצע טויער, וואָס פירט אַריין אין געטאָ.

אַ גרויסע געדיכט־באַזעצטע שטאָט וואָס שלענגלט זיך אַוועק, קרייזט אַרום אַ שטח פון זעכצן קילאָמעטער מיט אירע גאַסן און געסלעך; מיט אירע הויכשטאָקיקע און נידערשטאָקיקע געביידעס; מיט אירע גרויסע הילכיק־צערוישטע מלחמה־שאָפּן און מיט אירע קליינינקע שטילע סודותפולע וואַרשטאַטלעך; מיט אירע וויינענדיקע חורבות און לאַכנדיקע נאַכט־לאָקאַלן; מיט אירע זאַטע קאַפעהייזער און הונגעריקע פאָלקס־קיכן; מיט אירע איבערגעפּאַקטע פאַרלאָזענע שפּיטאָלן און פריי־געוואָרענע פאַבריק־האַלעס.

אין דער מיט — די ציגל־רויטע „פּאַוויאַק"־תפיסה וואָס שרייט כמעט אַ גאַנצן טאָג מיט באַנומענע קולות פון טאָרטורירטע, און הילכט ביים ערשטן גע־שאַריע אויף טאָג — מיט קראַכעדיקע שאָסן און מיט די לעצטע נקמה־רופן פון געהאָנגענע, וואָס באַצאָלן מיטן לעבן פאַרן קענען אַרויסשטעלן די צונג דעם דייטשן שטן.

פון ביידע זייטן געטאָ־שטאָט — צוויי בית־עלמינס, אַ ייִדישער און אַ קריסטלעכער. עס דאַכט זיך אַז די צוויי אַנטשוויגענע, אומבאַוועגלעכע און אויס־געלאָשענע וועלטן, קוקן זיך אַפילו טויטערהייט איבער מיט שנאה. די צלמים ווי שוואַרצע ראָבן, רייסן זיך אַריבער צו די אַלטע ווייסע און שוואַרץ־מאַרמאָרנע מצבות וואָס פינקלען מיט גאָלדענע אותיות און מיט כלערליי אויסגעהאַמערטע „קרוינען". טייל ייִדישע מצבות שטייען איצט אַראָפּגעזונקענע. די האַלב־אָפּגע־קרישלטע מצבה־נעמען קוקן ווי אויגן פון ווייטע דורות אַראָפּ צו די פרישע מאַסן־קברים, ווו עס ליגן פאַרשאָטן ייִדישע מתים נאַקעטע, פאַרשעמטע אַפילו פאַרן טויט.

די געטאָ־שטאָט איז אַרומגעצוימט מיט אַ פעסטער מויער פון אַ דריי־מע־טערדיקער הויך און געדיכט באַשאָטן מיט צעמורשטע, שפּאַציק־שאַרפע גלאָז־קרישקעס.

אויף יענער זייט מויער וואַכט און לויערט, ווי בלוט־דורשטיקע חיות אויף זייער רויב, אַ ריזיקע פינצטערע קליקע מחבלים פון פאַרשיידענע גיהנום־אָפּטיי־לונגען. אין זייערע מוראדיק־שוואַרצע בגדים, טויכן זיי אויף ווי מיטלאַלטערלע־כע הענקערס מיט בלאַנקענדיקע שאַרפע העק אין די הענט. פון באַגינען ביז צו דער פאָליציי־שעה, קוקן זיי, שמעקן און נורקעווען מיט גיריקע בלוט־פאַרלאָפענע אויגן אין געטאָ אַריין.

בעת מנחם מרגליות איז אינעם פּראַסטיקן נאָוועמבער־פרימאָרגן צוגע־שטויסן געוואָרן צום געטאָ־איינגאַנג, האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן און מיט אַן אינערלעכן צאַפּל דערזען, אַז דאָס גרויסע שווערע טויער האָט זיך איבערגע־דרייט. דער אויבערשטער טייל איז אַראָפּ צום באָדן; און דער אונטערשטער טייל איז אַרויף אין דער הויך. און נישט בלויז דאָס טויער האָט זיך פאַר זיינע אויגן איבערגעקערט, נאָר אַפילו די וואַכמייסטערס וואָס האָבן מיט די קאָלבעס אַזוי אכזריותדיק־רציחהדיק אַריינגעשטויסן די צום טויט־איבערגעשראָקענע באָ־באָרדטע און געגאָלטע ייִדן; פרויען און וויינענדיקע קינדער — האָבן זיך איבער־געשטאָרצט מיט די קעפּ אַראָפּ און מיט די באַנעגלטע שטיוואַלעס — אין דער הויך. זייערע ריטשענדיקע קולות האָט ער דערהערט פון דער נידער, גלייך ווי זיי וואָלטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הינט מיט אָפענע מיילער וואָס שטשירען נאָכאַנאַנד מיט שאַרפע ציינער און בילן, היקען אַרויף צום ייִדישן באַפעקלטן,

באַזעקלטן און באַטאַרבעטן עולם. די איבעריקע געשטאַפּאָווצעס, וואָס האָבן די ייִדישע באַפּעלקערונג צוגעטריבן צום געטאָ־טויער, האָט ער עקשנותדיק געזען מיט פּרצופים אויף די הינטערקעפּ, איבערן קאַרג. די פּנימער זייערע האָט ער גע־זען פאַרוואַנדלט אין פאַרמלאָזע שטיינער, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן זיך אָקאָרשט אָפּגעקרישלט פון מעכטיקע סקאַלעס.

און חידוש איבער חידוש! בעת מ׳האָט אים נאָך דער שטרענגער בדיקה, ענד־לעך אַריינגעקאָלבעוועט אין געטאָ, האָט ער ביים שטעלן דעם ערשטן טראָט, אויך דערזען די געביידעס פון באַקאַנטע גאַסן און געסלעך — מיט די דעכער אַראָפּ און מיט אויסגעריסענע פונדאַמענטן אין דער הויך...

דער געטאָ־באָדן איז געווען אַ גליטשיקער. דער שטעקן אין זיין רעכטער האַנט האָט מער געטראָגן זיין שווער־געוואָרענעם גוף — ווי זיינע אָנגעפּרוי־רענע פיס. ס׳איז אים גלייך, קוים עטלעכע שפּאַן פון מויער, אַקעגנגעקומען אַ שוואַרץ־חנעוודיק ייִנגעלע פון אַ יאָר זעקס. אַ לאַנגע ליידיקע טאָרבע וואָס איז פיל גרעסער געווען ווי דער בעטלער אינגאַנצן, האָט דעם קינד געהאָנגען אויפן לינקן אַקסל און אים נאָכגעבאַמבלט ביז צו די פיסלעך אַראָפּ. און פאַררייסנדיק זיין שוואַרץ־געלאָקט קעפּל צו די שטומע אוממעכטיקע ווינטער־פענצטער און ווייסטע באַלקאָנען, האָט דאָס ייִנגעלע אויסגעשטרעקט אַן אויסגעדאַרט הענטל, און מיט אַ דיניטשקע שניידיק קולעכל אַרויפגעזונגען:

אַ קרישעלע ברויט, אַ קרישעלע ברויט!
האָטס רחמנות אויף אַ קינד מיט אַ לאַטע!
שפּייזן דאַרף איך קלייניקע שוועסטערלעך צוויי
און אַ מאַמע מיט אַ טאַטע — — —

די דאָזיקע פיר פּרימיטיווע פערזן, האָבן מרגליותן מיט געוואַלדיקער קראַפט אַ שלאָג געטאָן אין האַרצן אַריין. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז קיין שום געטאָ־בילד וועט שוין מער נישט קענען איבערשרייען דעם ייִנגלס אויפגעריסענע אויגן פון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעקוקט די שרעק פאַר אַ הונגער־טויט.

באַלד אָבער האָט זיך פונעם האַלב־צעשוווּמענעם נעפּל־בויגן גענומען אַרויס־שיילן אַ גרויס ברייט מאַסן־בילד, וואָס האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ משונהדיקער און ווילדער, אָנגעהויבן באַוועגן.

ביי טויזנטער סקעלעטן־פּנימער מיט טיף־אַריינגעזעצטע אויגן־לעכער, האָבן זיך די מיילער, גרויסע און אויסגעקרומטע, גענומען מיטאַמאָל עפענען. צו זיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן אַ שטורמישער יללהדיקער געוויש, אַ געוואַלדעווען פון ייִנגערע און עלטערע קולות, אַ קוויטשענדיק געוויין פון עופהלעך אין מאַ־מישע אָרעמס. דער געשאָרעווע פון הונגעריקע שטימעס האָט דערמאָנט אין אַ ים

אין אַ „בייזער־שעה" וואָס שוריעט, שרייט מיט שוים אויף די ליפּן, הייבט־אויף הויך און העכער צעפּלאָשעטע צעשויבערטע כוואַליעס, וואָס בלייבן אויף אַ רגע הענגען אין דער לופטן פאַרמירטע ווי אומגעהייער־גרויסע אויסגעשטרעקטע בעטלער־הענט מיט נאָכהענגענדיקע טאָרבעס, און לאָזן זיך גלייך אַראָפּ, אַקוראַט ווי אַ פינצטערער תהום וואָלט זיי איינגעשלונגען.

מיט יעדן טראָט ווייטער האָט מרגליות דערזען אַן אַנדערע מחנה אסורי־הגעטאָ, פאַרשיידנטיפּיקע ייִדן און פרויען, ייִנגלעך און מיידלעך, הפקר־געוואָרענע קינדער מיט פּעקלעך, זעקלעך אָנגעהאָנגענע טאָרבעס. די ווייסע בענדער מיט געלע מגן־דודס, וואָס האָבן געשטעמפּלט די קליינע ייִדעלעך פון צוועלף יאָר אָן, האָבן אים גענומען שווינדלען אין די אויגן. ער האָט זיך איינגעקוקט ווי עס שווימלט און גריבלט דאָ מיט ייִדישע מיליציאַנטן אין בלויען היטלעך, באַצייכנט מיט אַ מגן־דוד. זיי מישן זיך דאָ אויס מיט כלערליי נאַצישע וואַמפּירן אין גרינע, ברוינע, בלויע און שוואַרצע מונדירן. אַ פערד־טראַמוויי באַדעכלט מיט אַ גרויסן מגן־דוד, באַהאָנגען און באַלאַגערט פון ייִדן, ווייבער און קינדער, שלעפּט זיך אויפן אייז־גליטשיקן ברוק, ווי אַ פאַרצייטישע בויד. אַ דינע געקניפּלטע בייטש גיט אַ פייף איבער אַ פערדישן קאָפּ; און אַ דיקע שפּיצרוט גיט אַ סוויסטשע איבער מענטשן־קעפּ. אַ ייִדיש היטל גיט אַ פלי אין דער לופט. בשכנות מיטן פערד־טראַמוויי פאָרט אָן אַן אַרישע „ריקשע" אויף וועלכער ס׳זיצט מיט פאַרריסענער גאווה און מיט אַ ציניש[ן] שמייכל אויף די ליפּן, אַ גראָבע דייטשע מיליטאַריסטקע, זי קען זיך ממש נישט אָנזעטיקן מיט דעם טראַגישן געטאָ־בילד וואָס קומט איר גאָר פאַר קאָמיש.

דער גאַנצער ביטערער געוואַי פון גלות נעמט אָפּשלאָגן אין מרגליותעס מוח. אין די ערשטע רגעס מוז ער זיך ממש פאַרשטאָפּן די אויערן מיט זיין שוואַרץ שאַליקל. ער בלייבט אַ ווילע שטיין מיט אַ מינע פון אַן אַראָפּגעזונקענעם ביז צום האַלדז אין אַ שליימיקער, געדיכטער זומפּ אַריין. דאָס לשון איז ביי אים אָפּגענומען. דאָס מויל איז אָפן, אָבער ער קען נישט רופן נאָך הילף און נישט שטעלן קיין טראָט ווייטער. ער קען נישט מער ווי שטופּנווייז זינקען און זינקען אַלץ טיפער און טיפער. ער זעט ממש ווי די גאַנצע עדה ייִדן זינקט מיט אים צוזאַמען אַראָפּ. די מאַסן־בילדער נעמען פאַר זיינע אויגן אויפטויכן פון דער טיף אַרויס.

די אַלע לעבעדיק־צערוישטע גאַסן מיט די פיין־אויסגעשטאַטע שויפענצטער, קלינגענדיקע קינאָס, פאַרווײַלנדיקע טעאַטער־זאַלן און פריילעכע הינטערגעסלעך, וואָס ער האָט דאָ במשך פון לאַנגע יאָרן אַזוי גוט געקענט, ווערן איצט ביי אים פאַרוואַנדלט אין אָפּטיילונגען פון אַן אומענדלעכן משוגעים־אַנשטאַלט. ס׳דרייען זיך דאָ אַרום מענטשן ווי געריר[ט]ע פון זינען, וואָס האָבן באַקומען אַן אומנאָר־

מאָלן גאַנג, אומנאַטירלעכע באַוועגונגען און אויפגעריסענע אויגן. זיי זעען מסתמא די וועלט איינגאַנצן אַן אַנדערע. אַ שרעק פאַרן לעבן, אַ פיל גרעסערע ווי דער אימת־המות, האָט אים געגומען אַרומיאָגן פון איין געטאָ־גאַס אין דער אַנ־דערער, און ער האָט זיך דערפילט ווי אין אַ גיהנום אָן אויסגאַנג. ער האָט נאָכאַ־נאַנד דערבליקט די אַרומגעצוימטע געטאָ־מויער.

איינציקווייז, בהדרגה איז די זון אויפגעגאַנגען. און הגם די זונען־שטראַלן האָבן שטיפמוטעריש געוואַרעמט, האָבן זיי פון די איבערגעפאַקטע, פינצטערע ווילגאָטנע דירות, פאַרעיפושטע קעלערס און פאַרמיסטיקטע בוידעמס, אַרויסגע־לאָזט פרישע מחנות געטאָ־יידן וואָס האָבן זיך ביים אַוועקשטעלן מיטן פנים צו דער זון, אויסגעגלייכט די אויסגעמאָרעטע ביינער, און דערביי מיט זייער נער־וועזן צוקן און געפּאַכע מיט די ווייעס טאַקע דערמאָנט אין משוגעים באַפרייטע פון די צוואַנגס־יאַקעס. דערפילנדיק ווי די זונען־שטראַלן נעמען אַדורכריזלען דורך זייערע אויסגעמאַרכטע ביינער, האָבן זיי זיך מיט אַ באַנייטן כוח גענומען באַוועגן, שפּאַנען און לויפן ווי פון וועמען אָדער פון עפּעס נאָכגעיאָגט.

די געטאָ־גאַסן און הייף זענען געוואָרן אַלץ מער איבערפולט מיט נייע, משונהדיקע טשובעוואַטע געשטאַלטן. די מגן־דודס אויף זייערע אַרבל און פּליי־צעס, האָבן דערמאָנט אין אָפּצייכענונגען פון קאַטאָרזשניקעס, וועמענס גזר איז שוין אַ געחתמעטער...

דערווייל קריכן זיי נאָך אַרום די צונויפגעטריבענע וואָס שטאַרבן איינציק־ווייז אָפּ... טייל זענען שוין ביז גאָר ענלעך צו אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע בעטלער אין לויזע אָפּגעשיינדענע מלבושים, וואָס קוקנדיק אויף זיי דאַכט זיך, אַז ביים מינדעסטן ריר וועלן פון זיי די ביינער אַרויספאַלן... ס׳בלאָסקען זיך דאָ ווי־דער אַרום אַנדערע, וואָס להיפוך צו די אויסגעדאַרטע, זענען זיי געשוואָלן, אויפ־געבלאָזן פאַר הונגער, אַז די בגדים אויף זייערע אויפגעלאָפענע גופים — פּלאַצן... ביי־געבאַקענע לאָמע אויף צוויי שטעקנס, אָפּגעקומענע גבירים וואָס האָבן אָקאָרשט אונטערגעהאַלטן צעגדליקער פאַמיליעס, מישן זיך דאָ אין דער פינצטע־רער בהלה צונויף, מיט לאַנג־יאָריקע קאַליקעס אויף קוליעס, בעת די צוויי מינים לאָמע שטויסן זיך צונויף אויף די אַלטע, מיינענדיק אַז זיי רופן אַרויס מער רחמנות; און די אַלטע קאַליקעס קוקן ווידער אויף די פרישע מיט שנאה, מיינענ־דיק אַז דערמיט וואָס זיי זענען נאָך לייטישער געקליידט וועלן זיי באַקומען גרעסערע נדבות...

טויבע וואָס דערהערן נישט דעם אַרומיקן טומל, לויפן ווילד אַרום מיט דער רעכטער האַנט הינטערן אַנגעשפּיצטן אויער. זיי קוקן מיט תמעוואַטע אויגן אין דער מאַסע אַריין און שרייען מיט הוילע, טעמפּע קולות: „שענקט עפּעס יידן, דערבאַרעמט אייך און שענקט עפּעס!“.

און שטומע וואָס האָבן נישט קיין קול צו שרייען, גייען אַרום וואַיענדיקע, בולבלענדיק מיט דער צונג, רייסנדיק די פאַרבייגייער ביי די אַרבעל... זיי רעדן מיט די הענט, צייכענענדיק בערגלעך ערד אין דער לופט...

אַ בלינדע פרוי מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר, אין אַ פּאָר שוואַרצעברילן, געפירט פון אַ פרעמד מיידעלע, גייט אַרום און שרייט:

— קויפט יידן אַ טלית און תפילין!

און כלערליי קולות נעמען זיך צונויפמישן:

— ווער קויפט? אַ נדבה! דערבאַרעמט אייך! געדענקט אין גאָט! שענקט אַ פּאָר גראָשן! לאָזט נישט שטאַרבן! וואַרפט עפּעס אַריין! וואַרפט עפּעס אַראָפּ! אַ קינד אין וויגל און צוויי ביי די הענט! מיין מאַן שוין אָוועקגעפירט... ווער זאָל שפּייזן די קליינע שוועלבן?! גאָט באַוויז אַ נס!

אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, די באָרד פון רעכטס מיט חוזק אַרומגעפליקט; די באָרד פון לינקס — געשפרענקלט מיט שטיקער שטרוי, שפּרינגט דאָ ווילד אַרום אויף אַלע פיר, מאַכנדיק דערביי פאַרשיידענע מאָדנע העוויות...

מרגליות קוקט זיך איין אין די אויסטערלישע אויגן פון דעם יידן, וואָס איז דאָ אין דעם „עמק־הבכא" געווירט געוואָרן פון זינען...

ס'טראָגן זיך דאָ פאַרביי ווייבער מיט געשוואָלענע נאַקעטע פיס, אַדורכ־געשטרייפטע מיט דיקע בלאָע אָדערן, האַלטנדיק אויף די הענט האַלב־נאַקעטע קינדער מיט גראָבע אויפגעלאָפענע בייכלעך און דינע פיסלעך ווי שטעקעלעך.

מרגליות בלאָנקעט זיך דאָ אַרום מיט אַ גאַנג, פּונקט ווי ער וואָלט זיך נאָכאַנאַנד גערוקט אויף צוריק — נענטער צום טויער... ער גייט אָנגעלענט אויף זיין שטעקן, הילט זיך איין, קאָרטשעט זיך אין שוואַרצן פעלץ מיטן האַלב־אויסגעקראָכענעם פוטער־קאָלנער, שאָקלט מיטן קאָפּ, קוקט אין הימל אַריין, בליקט אַריין אין יידישע פאַרפרוירענע פענצטער, וואָס זעען איצט אויס ווי קאַלטע מצבה־שטיינער...

— שענקט עפּעס זיידעשי! — זעט ער זיך פּלוצלינג אַרומגערינגלט פון אַ מחנה קינדערישע בעטלער.

די דאַרינקע אויסגעשטערקטע קינדערישע הענטלעך גיבן אים אַ טיאָכקע אין האַרצן אַריין... ער פאַרמאַכט די אויגן... ער קען נישט פאַרטראָגן די קינ־דערישע בעטנדיקע בליקן... ער נעמט אַרויס פון טאַש אַ זשמעניע קליינגעלט.

אָבער ווי־נאָר ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום אויסטיילן, זענען אים פון פאָרנט און פון הינטן אויסגעוואַקסן צוויי גרופּעס עלטערע בעטלער און בעטלערקעס און האָבן געגומען בולבלען מיט די מיילער ווי דערטרינקענע:

— מיר, פריץ לעבן! אַ מאַמע פון פיר קליינע ווערעם! מיר, אַ ייד אַ תלמיד־

חכם, אַן אייניקל פון חפץ־חיים! — איז ער געשטויסן געוואָרן פון צענדליקער עלנבויגנס, אַז ער האָט זיך קוים מיטן לעבן צוריק אַרויסגעפּלאָנטערט פון דעם המון בעטלערס, וואָס איז מיט יעדער רגע אַלץ געדיכטער אָנגעוואַקסן.

„קונסט, צו וואָס ברויכט מען דאָס?״ — האָט מרגליות צו זיך גענומען רעדן. — „איז דען דאָס רויע נאַקעטע לעבן נישט ווירקזאַמער... וועלכער גאון וואָס האָט אַפילו זיינע לייוונטן הענגען אין די סאַמע גרעסטע וועלט־מוזייען, וועט זיך אונטערנעמען מיט זיין פאַרבן־פּאַלעטע איבערצוגעבן איין איינציק שרייענדיק אויג פון אַ געטאָ־קינד?... קוק זיך איין אין די פּרויען וואָס האָבן אָקאָרשט געפירט אַן אָנשטענדיק פאַמיליע־לעבן, געשענקט נדבות, געגאַנגען אויף שמחות, געזונגען און געטאַנצט, געוואָרן באַוווּנדערט פון פרעמדע מענער, געהאַט קאַפּריזן און זיך באַליידיקט פונעם מינדסטן וואָרט וואָס האָט געוואָרפן אַ שאָטן אויף זייער ווירדע... גאָט מיינער, וואָס האָט מען פון זיי געמאַכט!״...

„קוק זיך איין אין די וווּנדערשיינע יונגע מיידלעך, אין די באַרימטע וואַר־שאַוויאַנקעס, פאַר וועלכע עלעגאַנטע בחורים האָבן אָקאָרשט געקניט און גע־בעטן זייער האַנט... איצט האָבן זיי אויס מורא אַז זייער שיינקייט זאָל נישט אויפרייצן דעם טייוול, פאַרשטעלט זיך פאַר קריפּלען״...

„קוק זיך איין אין די קינדער ביי וועלכע מ׳האָט צוגערויבט זייער שפּילעווו־דיקע זאָרגלאָזע יוגנט... מ׳האָט אויף די יונגע שוואַלבן אַרויפגעוואָרפן אַזאַ עול וואָס איז אַפילו אומדערטרעגלעך פאַר דערוואַקסענע״...

„קוק זיך איין אין די זקנים וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומבאַ־האָלפענע קינדער און וואָרטן מיט אויסגעשפּיזטע אויגן, אַז זייערע אייניקלעך מיט קלענערע קעפּלעך ווי דאָס אונטערגעגראַבענע געטאָ־לאַך, זאָלן זיי באַזאָרגן מיט אַ כזית ברויט... טאָ ווו זוכט מען פאַר דעם אַלעמען אַ תשובה?... ביי יענעם פילאָזאָף וואָס זאָגט, אַז יעדע געשעעניש טראָגט אין זיך זיין היפּוך און איז גע־צווונגען זיך צו ענדערן?... וועלן דען די אסורי־הגעטאָ לעבן בלייבן ביז צו דער ענדערונג?... ס׳פּלאָנטערט זיך מיר עפּעס אַ וואָרט: „אַלץ פליסט אַוועק״ און ברענגט אַן ענדערונג... און אפשר איז גאָר קאָנט גערעכט, אַז מיט אונדזערע חו־שים קענען מיר קוים דערגיין צו די דערשיינונגען, אָבער בשום אופן נישט צו דער סובסטאַנץ גופא... אפשר באַנעם איך נישט מיט מיינע חושים וואָס כ׳זע דאָ פאַר די אויגן?... אָבער ווי אַזוי עס זאָל נאָר נישט זיין, איז אַזעלכע מענטשן ווי איך בין, ערגער פון אַנדערע... מיר האָבן זיך מיט אַלע גייסטיקע כוחות גע־ריסן אַרויף־צו, העכער און העכער... מיר האָבן געבענקט און געלעכצט צו הויכע מדרגות... און איצט, בשעת ירידה, דאַרפן מיר אַראָפּגיין פון אַזוי פיל שטייגן, אַנהייבן זינקען טיפער, טיפער״...

דער גאַנצער מין מענטש איז מרגליותן איצט פאַרגעקומען עפּעס מאָדנע אומפאַרשטענדלעך. דאָס פּויזן זיך אויף דער ערד ווי האַלב־צעטראָטענע ווערעם מיט מענטשישע קעפּ, האָט אין אים אַרויסגערופן אַ געפיל פון עקל.

„דאָס אַלץ איז אָבער נאָך נישט דער סוף, נאָר דער אָנהייב. און נישט דער גאַנצער ים, נאָר אַ טראָפּן פון אַ ים. מיין שוואָגערס וווינונג איז פאַרנומען פון „שישקעס" וואָס אַרבעטן אין „דרייצנטל". ער מיט זיין בני־בית האָבן זיך אַרויפ־געצויגן אויפן פערטן שטאָק אין אַן ענגער וווינונג וואָס אַ פּאָליאַק האָט פאַרלאָזט און איז אַריבער אויף „יענער־זייט". דאָרט וועל איך איצט באַקומען אַ מלינה. לייענען קען איך איצט נישט; שרייבן — אַוודאי נישט. וועל איך זיצן בייםּ פענצטער און קוקן ווי דורך ברילן אויף די גרוילן פון די געטאָ־גאַסן. כ'וועל זען ווי מ'פירט אַוועק דאָס וואַרשעווער און פּראָווינצער ייִדנטום צום אומשלאַגס־פּלאַץ. די געוואַלדן וועלן לעכערן מיין שאַרבן. דערביי וועט מיר דאָס געוויסן פרעגן: פאַרוואָס בין איך עפּעס נישט צווישן זיי? וועל איך מיר גופא זאָגן דעם אמת: די קהילה דעקט מיך. וועט דאָך מיך דאָס געוויסן פרעגן: אויב מ'דעקט דיך, מוז מען דאָך אַריינשטעלן אַן אַנדערן נאָמען. האָסטו אַ רעכט צו לעבן יענעמס לעבן? און ביסטו מסכים צו לעבן יענעמס לעבן?".

דאָ האָט זיך מרגליות אַרומגעקוקט און דערזעענדיק פון אַלע זייטן די געטאָ־מויער, האָט ער זיך אויפסניי דערפילט ווי אין אַן אָפּגעשלאָסענעם טויטן־קאַסטן וואָס האָט נישט קיין פענצטער און קיין טירן. ס'איז נישט פאַראַן קיין אַרויס־גאַנג, נאָר אַן אַראָפּגאַנג.

און הגם מ'האָט דאָך אים אָקאָרשט געהאַט צוריקגעבראַכט פון דער „אַרי־שער זייט", האָט ער איצט פון דער גאַנצער אַרומיקייט אַמשאַרפסטן און אַמ־בולטסטן דערבליקט די בריק, וואָס פאַרבינדט די געטאָ מיט דער פרייער וועלט פון „יענער זייט" די הילצערנע בריק וואָס איז אים עפּעס פאַרגעקומען ווי אַ דעק פון אַ שיף, צעהוידעט צווישן צוויי וועלטן, האָט אים ווי מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט צוגעצויגן צו זיך. ער האָט אין זיך דערפילט אַ געוואַלדיקן דראַנג אויפ־צוהייבן זיך, אַפילו אויף געציילטע רגעס, איבער דעם געטאָ־באָדן.

ער האָט גאַנץ־האַסטיק צוגעשפּאַנט צום בריקל. ער האָט עפּעס לחלוטין־גאָרנישט דערפילט די ווייטקייט פון שטח, אַן אומרו און אַ קאַלטער ווינט האָט אים אונטערגעיאָגט.

אויפן בריקל איז ער שטיין געבליבן אין אַ פּאָזע פון אַ טויט־פאַראורטיילטן אויף שטיגעלעך פון אַ תליה. אָט־באַלד וועט אַ שטריק פאַרשלייפן זיין האַלדז און מ'וועט אים אַרויפציִען. וואַרטנדיק אויף די לעצטע מינוטן, קוקט ער דער־וויַיל אַריבער צו יענעם שטיק לעבן וואָס פליסט כמעט מיט אַזאַ נאָרמאַלן ריטם ווי אין די גוטע צייטן.

אַריבערקוקנדיק צו דער „אַרישער־זייט״, שטעלט זיך אים בולט אַוועק פאַר די אויגן די וווינונג פונעם אַמאָליקן וואַרשעווער מעצענאַט משה מאַזור.

דעם מעצענאַטס שוועסטער אירקאַ, וואָס האָט געשמט פאַר אַ סאַלאָן־שיינ־הייט; האָט תמיד אונטערגעשריבן פוילישע און יידישע פּאָעמעס; פאַרקערט אינעב יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע דרייצן, און איז געווען אויס־געקאַכט מיט אַלע רעדאַקטאָרן פון „נאַש פּשעגלאָנד״, איז דאָרט אויף „יענער זייט״ געווען זיין געטרייע דינסט. אַפילו איצט, בעת דער שענסטער נאָמען איז נישט מער ווי אַ וואָרעם וואָס קריכט פון איין גרוב אַרויס און אין צווייטן — אַריין, האָט זי דאָס באַדינען אַ פּאָעט, געהאַלטן פאַר אַ גרויסער זכיה.

דאָס דאָזיקע מעצענאַטישע הויז איז באמת געווען טרייסטנדיק. מ׳האָט אי־נעווייניק פאַרגעסן וואָס אין דרויסן קומט פאָר. אַלע מעבל־שטיקער, קונסט־ביל־דער, בראָנדזענע מאַסקעס, אַנטיקוואַרישע מנורות, לייכטערס, בשמים־ביקסלעך, כלערליי געשניצטע שענקעלעך, שאַך־טישלעך, ביכער־שאַפעס, גרויסע לוסטע־רעס, קליינע שפּיגלען, שפּאַנישע ווענטלעך אויף וועלכע ס׳איז געווען אויסגע־מאָלן אַ שטיק אַריענט, פּערסישע דיוואַנען, שאַפּענס מאַסקע, מיצקעוויטשעס ביוסט — דאָס אַלץ איז נאָך פאַרבליבן אויפן אָרט ווי פאַרן מלחמה־אויסברוך.

אין די דאָזיקע סאַלאָנען איז נאָך געווען מיט ווערמען צו האָבן אַ וויכוח אויפן געביט פון קונסט און פּאָליטיק. ס׳זענען געקומען אויסגעוואָרצלטע קינסטלער, פּאָליטישע טאָן־געבערס, אַקטיאָרן מיט גרויסע נעמען און פוילישע פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער וועלט.

הגם די מאַזורס האָבן ביז צום מלחמה־אויסברוך געפירט אַן אַסימילאַנטיש לעבן, ליב געהאַט נאָר דעם פוילישן טעאַטער און אָפּערע, האָבן זיי יעדן פרייטיק אָוונט, להכעיס אונדזערע שונאים, דווקא איצט געפירט טיש, געבענטשט ליכט, אַרומגערינגלט זיך מיט אַ גאַנצן שטאַב אורחים, וואָס יעדער פאַר זיך האָט אין תוך־גענומען פאַרגעשטעלט אַן אונטערגעגאַנגענע וועלט, אָבער ביים שייז־גע־דעקטן שבת־טיש האָט זיך כמעט יעדער באַמיט צו פאַרגעסן זיין איצטיקן מצב און זיך ליבערשט באַהאַפטן מיטן עבר. אַזוי־אַרום האָט מען דאָרט נאָך בלחש פאַרצויגן ניגונים, דעקלאַמירט לידער אין פויליש, רוסיש, העברעיש און יידיש, אַרויסגעצויגן פונעם פאַרשטעקטן קלאַוויר אַ שטיקל שאָפּען, טשייקאָווסקי, באַך, דערציילט וויצן פון יידישן פאָלקלאָר.

יעדן נאָכמיטאָג כמעט זענען זיך צוזאַמענגעקומען די גרינדער פון „נאַ־ציאָנאַלן קאָמיטעט״ מיט ד״ר מאיר פרידלאַנד בראש. באַדייטנדיקע סומעס פון פרייוויליקע מנדבים האָבן גלייך געגומען אַריינפליסן. און אויב אַפילו אַ גביר, וועמען ס׳האָט זיך אַלץ־נאָך־נישט געלאָזט צוגלייבן אַז אַ יאַדע מינוט וועט ער זיין פאַרמעגן מוזן איבערלאָזן אויף הפקר, האָט זיך לכתחילה געהאַט אָפּגעזאָגט

און שפּעטער איז ער געקומען צו לויפן זיך ממש איינבעטן מיט דער שפּענדונג, האָט מען מיט אַזאַ ס'גאַל ייִד אויך געקענט מיטפּילן.

און הגם מרגליות האָט זיך במחשבה שוין פיל מאָל געהאַט פאַרגעוואָרפן פאַר וואָס ער האָט גענצלעך איבערגעריסן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט; בעת אַ גאַנצע מחנה אומשרייבער האָבן זיך דווקא איצט געכאַפּט צו דער פעדער, האָט ער זיך תמיד פאַרענטפערט, אַז דאָס מיטהעלפן שאַפן דעם „נאַציאָנאַלן קאָמי־טעט" וואָס וועט בסתר אונטערטראָגן הילף די פאַרשטעקטע ייִדישע משפּחות, האָט מער באַדייטונג און הומאַניזם ווי די סאַמע שטאַרקסטע פּאָעמע.

מרגליות דערמאָנט זיך איצט, אַז בעת מ'איז אים געקומען אַריינשלעפּן אין געטאָ, איז ער גראָד געזעסן אַ פאַרטיפטער ביים רמב"מס קאַפּיטל „שלטון השכל" וואָס איז די פשרה צווישן תורת משה און אַריסטוטס שיטה. דאָס ספר איז געבליבן אָפן. זיינע אויגן האָט מען דאָ אַהערגעפירט אים ווייזן און איבער־צייגן, אַז דער מענטשלעכער שכל איז אוממעכטיק.

ביי דעם געדאַנק האָט זיך מרגליות אַ וואַקל־געטאָן. זיינע פיס האָבן זיך עפּעס אַזוי אומגעריכט אַ גליטש־געטאָן, אַז ער האָט זיך געמוזט אָנכאַפּן אינעם בריק־פּאַרענטש. אָבער ער האָט גלייך דערפילט, אַז נישט זיין גוף האָט פאַר־לוירן דעם גלייכגעוויכט, נאָר דורכאויס — זיין גייסט. אין זיין מוח האָט זיך עפּעס גענומען פלאָנטערן אַ פראַזע:

„ווער ווייסט? ס'קען דאָך זיין, אַז דאָס לעבן איז דער טויט און דער טויט — דאָס לעבן".

פּלוצלינג האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט וואָס האָט אים מיט אַ גע־הודזשעריי פאַרפּראַשעט די אויגן. ער האָט מער לחלוטין־גאָרנישט געזען וואָס אַרום אים טוט זיך. ער האָט זיך מיט אַ שמוציק נאָזטיכל גענומען אויסרייבן די אויגן. און בעת ער האָט זיי ווידער געעפנט, איז ער ממש נשתומם־געוואָרן.

ביידע וועלטן, הן די „אַרישע" מיט איר קאָכעדיקן, פאַרבנרייכן לעבעדיקן אויסבליק, הן די „געטאָ־וועלט" מיט איר קאַלטער מאָנאָטאָנער גרויקייט פון טויט, האָט ביי אים איצט אויסגעזען אַנדערש. ס'איז אים ממש פאַרגעקומען, אַז דער מלאך־המות וואָס האָט זיך צו אים שוין פיל מאָל געהאַט באַוויזן, האָט אים איצט בעתן דערשיינען אויפן בריקל, אַריינגעזעצט אַ פּאָר אַנדערע אויגן.

די געטאָ־ייִדן האָט ער מיט די נייע אויגן געזען אַרומגיין אין פלאַמען. ער הערט ממש ווי זיי זינגען סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע לידער מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו מזרח. און די פרייע מענטשן פון דער „אַרישער־זייט" זעט ער גאָר — אַרויסקומען פון טיפע שוואַרצע גריבער. זייערע פּנימער זעען אויס ווי מוראדיקע ביינערדיקע שאַרבנס אָן פלייש. דער ווינט צעבלאָזט זייערע גופים ווי שטויב. און כהרף־עין — האָט ער שוין ווידער אַ פּאָר אַנדערע אויגן, וואָס באַווייזן אים

אַז אויף דער „אַרישער־זייט" באַוועגן זיך אויטאָמאָבילן, טראַמווייען אָן פערד, דראָזשקעס, אַרישע „ריקשעס", ראָווערן, באַלויכטענע שויפענצטער, קינאָ־רעקלאַמעס, אַפּישן פון באַלעטן און קאָנצערטן, אַ לאַנגע שורה פרייע, ציכטיק־געקליידעטע שול־קינדער. אַלצדינג דרייט זיך רונד אַרום, רונד אַרום, גלייך ווי ער וואָלט געפאָרן אויף אַ קאַרוזעלע. דערביי קומט נאָך דער קאַלטער שכל און גיט אים אַ פרעג:

— וואָס טוסטו מיט אַזוי פיל סתירות?

ער האָט אַ געוואַלדיקן ציטער געטאָן און זיך ווידער־אַמאָל אָנגעכאַפּט אינעם פאַרענטש. ער האָט אַראָפּגעקוקט אויפן ברוק און אויסגעמאָסטן מיטן אויג ווי ווייט מ'דאַרף פאַלן. ס'האָט זיך אים געגרן פאַרוואָלט אַז דער מוח זיינער זאָל אַפילו טויטערהייט נישט בלייבן ליגן קיין געשפּאָלטענער.

„אָט־באַלד, אין איין אויגנבליק קען עס געשען. דער מוח וועט אויפהערן שטעלן פראַגעס. דאָס האַרץ וועט אויפהערן פילן. און די אויגן וועלן מער נישט דערזען דאָס שווידערלעכע קאָנטראַסטן־שפּיל. דער שוואַרצער קאָליר פון טויט, וועט אין מיינע אויפן אויסלעשן אַלע פאַרבן פון לעבן. אָבער ווו נעמט מען כוח פאַר דער איינער רגע פון אויפלייזן זיך?"

ער האָט דערזען נאָך אַ ייִדן, אַ יראת־שמים־פּנים אַרומגעקראַנצט מיט אַ שוואַרץ־גרויען מעך. די צוויי ייִדן אויפן בריקל, האָבן זיך אַ מאָל צוויי־דריי שטומערהייט געקוקט אין די אויגן אַריין, גלייך ווי איינער וואָלט ביים צווייטן דערזען זיין אייגענע שוואַרצע מחשבה, נאַקעט ווי אַ ייִדישן מת.

דער ייִד האָט עפּעס אין דער שטיל געגומען שעפּטשען מיט די ליפּן, און ווי נאָכגעיאָגט פון אַ געשפּענסט, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פון בריקל.

מרגליות איז אים נאָכגעגאַנגען, אַקוראַט ווי די מחשבה וועגן טויט, וואָלט זיי ביידע פאַרבונדן אין לעבן. אָבער ווי נאָר זיי זענען צוריק אַריין אין דער געטאָ־בהלה, האָבן זיי זיך צווישן די לעבעדיקע מתים — פאַרלוירן.

מרגליות שטעלט זיך אויף אַ ווײַלע אַוועק אָפּטעמען. ער הוסט זיך אויס, קוקט זיך ווידער אַרום און נעמט שפּייען מיט אַ מינע, ווי דער טעם פון טויט וואָלט אים שוין ממש געזעסן אויף דער שפּיץ צונג.

מיטאַמאָל באַמערקט ער עפּעס אַן אָנגעלויף. געדיכטע מאַסן שטראָמען אַריין אין אַ הויף. עטלעכע ייִדן גייען האַסטיק און יונגערע — לויפן, גלייך ווי מ'וואָלט דאָרט עפּעס אויסגעטיילט צום עסן.

אויף אַ באַלקאָן פון אַן איינשטאָקיקער הילצערנער געביידע, שטייט אַ גאַסן־זינגער, אַ נידעריקער, ברייטביינערדיקער ייִד, מיט אַ פעך־שוואַרצער פאַרונדיקטער באָרד, און זינגט מיט אַ געבראָכענער שטימע:

ס׳ברענט ייִדעלעך ס׳ברענט !
אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט !

די שטיגן וואָס פירן צום באַלקאָן זענען איבערפולט מיט ייִדן און ווייבער, ייִנגלעך הענגען אויף די פּאַרענטשעס. דער עולם שטייט פאַרגאַפט, האָרכט זיך איין מיט האַלב־אָפענע מיילער.

בייזע ווינטן מיט ירגזון,
רייסן ברעכן און צעבלאָזן
שטאַרקער נאָך די ווילדע פלאַמען
אַלץ אַרום שוין ברענט !

פאַרשטעקט אין אַ געהיים וואַרשטאַטל מיט אַ פּאָר אַלטמאָדישע ברילן אויף דער שפּיץ־נאָז, זיצט אַ שוסטערל ביי אַ קאָפּטשענדיקער קאַרביד־לאָמפּ, און פאַרריכטנדיק אַן אַלטן שוך, קלאַפּט ער אין די זויל אַריין, צוברומענדיק צום טאַקט:

— אונדזער שטעטל ברענט !...

קעגנאיבער דעם שוסטער זיצט אינעם בשותפותדיקן וואַרשטאַטל אַן על־טערער שניידער מיט אַ גראָ שפּיציק בערדעלע, און פאַרלאַטעטנדיק אַ בורקע אויף דער האַנט, שאָקלט ער מיטן קאָפּ:

— אַלץ אַרום שוין ברענט !...

אין די זעלבע מינוטן בעת דער עולם שטייט אַזוי פאַרכאַפּט פונעם גאַסן־זינגערס ליד, לאָזן זיך אין הויף אַריין עטלעכע ייִדן פון דער חברה „נושא־המטה" און קלייבן צונויף די מתים, וואָס ליגן פאַרלאָזטע ביי די קאַמערן פון די שמאַטע־קלייבער.

אַן עפּילעפּטיקער וואָס איז אַפּנים אַנידערגעפאַלן בעתן אַריינלויפן צום גאַסן־זינגער, ליגט ביים טויער מיט אַ פּאָר פאַרגלייזטע אויגן און מיט אַ ווייַ־סער שוים אויף די ליפּן. ער צאַפּלט ווי אויף שפּרינגפעדערן מיט הענט און פיס, דערמאָנט אין אַ פיש מיט אַן איינגעשניטענעם האַלדז.

מרגליות שענקט דעם עפּילעפּטיקער אַ שווערן זיפץ און שלייכט זיך אַרויס פון הויף.

ס׳קומט אים גלייך אַקעגן אַ חסר־דעהניק אין איין שטיוול, איין שוך, אַ העל ספּאָרט־היטל אויף אַ שוואַרץ סאַמעטן קאַפּל, אַ טלית־זאַק אונטערן אָרעם.

— משיחס צייטן! — שרייט דער ייִד לויפנדיק און שטעלט זיך אָפּ — משיח וועט אָבער נישט קומען פריִער ווי אַלע ייִדן וועלן ווערן זכאי. איינער איז אָבער אַ קרבן עולה אויפן מזבח; דער צווייטער לעקט עמלקס שטיוול און לעבט

אין ווילטאָג, ווו איז אַ ירמיהו וואָס זאָל באַווייגען אונדזער בראָך? ווו אַ נביא אונדז צו טרייסטן? באַשאַפן די וועלט מיטן אות „בית" ווייל ס׳האָט אַ טויער אַרויסצוגיין, אָבער די רשעים לאָזן דאָך נישט אַרויס פון טויער! — איז דער ייִד אַ שפּרונג־געטאָן ווי אַ קאַץ. — ווער האָט דיך גאָט פון די „ריש" געהייסן מאַכן רחמים און רשעות, קדושה און טומאה? די זעלבע סתירות פון דיינע אותיות ליגן אין דיינע בני־אדמס. קוק אַראָפּ און זע! פאַרשטעל דיר נישט דאָס פּנים מיט קיין וואָלקן־שלייער! אונדזערע קולות וועלן דעם שלייער צעפליקן ווי שפּינ־וועבס. אָ יאָ דו ביסט געוואָרן אַן אל נקמות! אָבער ווו איז דיין רחמים? מילא אויף אונדז גיס אויס דיין צאָרן! אָבער וואָס ווילסטו פון די יונגע עופהלעך? זיי האָבן אויך קעגן דיר געזינדיקט?

און פאַררייסנדיק דעם קאָפּ צום הימל, האָט זיך דער ייִד צעשריגן מיט אַ וויינענדיקער שטימע:

— רבונו־של־עולם, כ׳וועל אויפהערן צו דאַוונען! זאָל עס צו אַלדע שוואַרץ יאָר איינמאָל פאַר אַלעמאָל נעמען אַ סוף! גיב אַ מנוחהדיקע היים אָדער אַ קבר!

מרגליות איז ווי פאַרשטיינערט געבליבן שטיין און האָט געקוקט אין הימל אַריין. דער וואָלקן איבער זיין קאָפּ איז כהרף־עין טונקעלער און סומנער געוואָרן. די זון איז געווען פאַרנורעט אין שוואַרצע כמאַרעס. ער האָט אין דער רגע דער־פילט דאָס פּנים פון וועלט־טרויער, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַלץ און אַלעמען און די לופט — אָנגעפילט מער מיט שאָטנס ווי מיט ליכט־פלעקן. אַפילו אינעם געקרויש פון ווינט הערט ער טרויער־לידער. און ער האָט מיטאַמאָל אין זיך עפּעס אַנטדעקט — אַ קראַנקן ווילן. וווהין וועט ער גיין? צו מענטשן וואָס פאַכען מיט די נשמות? צו אַנדערע געטאָ־ייִדן וואָס רייסן דעם טייוול פון די לאַפּעס אַרויס נאָך אַ רגע לעבן.

זיין עלנטקייט און פאַרלאָזנקייט האָט אין זיין זכרון אַרויסגערופן דאָס געשטאַלט פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי שרה. ער זעט ממש ווי זי נעמט אַרויס די שאָרבעלעך פון אירע אויגן און קוקט אים אָן מיט רחמימפולע בליקן. און פּלוצלינג זעט ער ווי פון אירע אויגן נעמען רינען רויטע טרערן, וואָס ווערן אויף אירע באַקן צעשמירט ווי זיגזאַגישע בלוט־ליניעס. זי עפנט לאַנגזאַם אירע טויטע ליפּן און ער הערט אַ געפליסטער:

— ווער האָט זיך דאָס געקענט פאַרשטעלן, מנחם, אַז מיר וועט זיין בע־סער פון דיר. איך זע אַז עס איז דיר שוין נמאס דאָס לעבן.

אַ שוידער גייט אים אַדורך איבערן לייב. ער נעמט זיך ווּיקלען און קאַר־טשען אין זיין האַלב־אויסגעקראָכענעם פּעלץ. דאָס האַרץ נעמט זיך אין אים שטאַרק וואַרפן. ער גיט מיט ווילדע טריט אַ שפּאַן אין דער ריכטונג פון ייִדישן בית־עולם.

אָבער גראָד אין דער רגע האָבן אים מענטשן גענומען שטויסן פון אַלע זייטן. ער האָט באַמערקט אַז ס׳איז עפּעס פּלוצלינג געוואָרן אַ מהומהדיק געלויף. די גאַסן־סוחרים פּאַקן אין איילעניש איין זייערע „סחורות״. מ׳פּאַרהאַקט וואַליז־קעס. מ׳רוקט זיך הינטערווייַלעכץ אַריין אין חורבות. און די ייִדענע וואָס איז דאָ אַרומגעגאַנגען פּאַרקויפן אַביסל פעדערן אין אַ רויטער איינשיט נעמט אַזוי סאַפּענדיק לויפן, אַז די פעדערן רייסן זיך אַזש אַרויס פון איר איינגעבלאָטיקט ציכל און זיי נעמען פלאַטערן, ווימלען אַרום איר צעשויבערטן קאָפּ ווי אויסגע־פליקטע פליגעלעך פון לעבעדיקע עופות.

מרגליות דערזעט, צווישן אַ גרויסער מאַסע לויפנדיקע פיס, אַ פּאָר גאַנץ הויכע שוואַרצע מיליטערישע שטיוול. אַ קורצער גרויער שינעל צעפלאַטערט אין ווינט, יאָגט אָן אַן אימה. די שוואַרצע שייד פון פיסטאָלעט איז ביים אָנקומענ־דיקן מיליטער־מאַן נישט פאַררוקט אינדערזייט, נאָר — אינדערמיט אויפן סאַמע בויך. דער האַקנקרייצלער מאַכט זיך מכלומרשט נישט־זעענדיק ווי דער ייִדישער עולם אַנטלויפט ווי פאַר אַ שוידערלעך געשפּענסט.

דער נאַציסט גייט זיך לאַנגזאַם. אַ צינישער שמייכל ליגט אויסגעקרומט אויף זיינע פאַרביסענע ליפּן. ער האַלט דעם קאָפּ זיינעם שטאַרק פאַרריסן. ער נעמט זיך אַפּנים איבער מיט זיין מאַכט און קוויקט זיך מיט די שרעק וואָס זיין דערשיינען האָט אַרויסגערופן. אָבער ער איז דערווייל צוריקגעהאַלטן, שרייט נישט, טשעפּעט נישט, נאָר לויערט בלויז מיט זיינע וועלפישע אויגן, גלייך אַ חיה וואָס טשאַטעוועט אויף איר רויב. און מיטן קוק האָט זיך דער מיליטערמאַן אויסגעמישט מיטן ייִדישן עולם און איז גענצלעך פאַרשוווּנדן פון מרגליותעס אויגן.

—זאָל שוין זיין געגוג אויף היינט! — האָט מרגליות צו זיך גערעדט און זיך גענומען פאַרקירעווען צו זיין שוואָגער ר׳ איטשקעס וווינונג.

אינמיטן גאַנג האָט אים ווידער עפּעס אָפּגעשטעלט.

ביי אַ געשטיפּלטע וואַנט פון אַ חורבה זענען געשטאַנען צוויי וווּנדערשיינע ייִנגעלעך. איינער אַ שוואַרצינקער מיט אַ פּאָר לעבעדיק־לאַכעדיקע גרויסע אויגן. דער צווייטער — אַ בלאָנדינקער מיט אַ קאָפּ געקרייזלטע לעקעלעך ביז אין קאַרג אַריין. די קינדער זענען ווי געווייַנלעך געווען שמוציק און אָפּגעריסן, אָבער דער קינדערישער נאַיִווער חן וואָס האָט געשפּילט אויף זייערע אומשולדיקע פּנימלעך, און זייערע אַנגענעמע קלינגענדיקע שטימעלעך, האָבן מרגליותן גע־וואַלדיק גערירט און שטאַרק באַצויבערט.

די ייִנגעלעך האָבן געשפּילט אין מיליטערישע קנעפּ. אָט האָט איינער אַ וואָרף־געטאָן אַ קנאָפּ און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קאַלטן באָדן אויסמעסטן מיט געפרוירענע פינגער די ווייטקייט; אָט האָט דאָס צווייטע ייִנגעלע אַ וואָרף־

געטאָן אַ קנאַפּ אין דער וואַנט. די דאָזיקע שפּילעוודיקע קינדער־סצענע אויפן פּאָן פון אַזאַ שווידערלעכער גרוילקייט, האָט מרגליותן ממש געשניטן ביים האַרצן און צוגעשמידט צום אָרט.

און שטייענדיק אַזוי אַ פּאַרגאַפּטער, קוקט זיך מרגליות איין ווי דאָס שוואַר־צע יינגעלע גיט מיט געשיקטקייט אַ וואַרף אַ קנאַפּ און צוזאַמען מיטן אָפּקלאַנג אין דער וואַנט, דערהערט זיך אַ הילכיקער קראַך פון אַ פּיסטאָלעט. דאָס געוואַר־פענע קנעפּל פאַלט צו צום צווייטן קנעפּל. דאָס שוואַרצינקע יינגעלע פאַלט אַוועק מיט אַ דין ריטשקעלע בלוט ביי דער רעכטער שלייף. און איידער דאָס צווייטע יינגעלע האָט זיך נאָך געכאַפּט וואָס דאָ איז אַזוי אומגעריכט געשען, באַווייזט ער נאָך אויסצושרייען צו זיין טויטן חבר:

— איצט, יאָסעלע, האָסטו געוווּנען!...

מרגליות האָט זיך מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. ער האָט ווי דורך אַ שוואַרץ־טעמענעם נעפּל דערקענט דעם נאַציסט, וואָס האָט איצט מיט אַ גלייכ־גילטיקייט פאַרשטעקט דעם פּיסטאָלעט און פאַרשוווּנדן.

מרגליות איז געבליבן שטיין ווי אַ פּאַראַליזירטער. אין זיין מוח האָט אַלץ־נאָך געזשומעט דאָס קינדערישע קול: „איצט, יאָסעלע, האָסטו געוווּנען״!...

בעת מרגליות האָט זיך אַ ריר־געטאָן פון אָרט, האָט ער דערפילט אַ וואַרעמע האַנט אויף זיין אַקסל. ער האָט דערזען דעם ייִד מיט די לאַמטערנע.

— איר זענט אויך דאָ?! — האָט מרגליות אויסגערופן.

— ווי דען זאָל איך זיין? — האָט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע מרגליותן אָנגענומען ביי דער האַנט און אַוועקגעפירט. — מאיר פרידלאַנד זוכט אייך אַרום.

— פרידלאַנד? כ׳בין אים ממש מקנא. ער איז נאָך יונג און האָט נאָך פיל ענערגיע. ער פאַרצייכנט אַלצדינג. איך בין היינט נישט מער ווי אַ פּאַסיווער צושויער. כ׳וואָלט ממש נישט געפונען קיין ווערטער. דערביי האָב איך מער קיין כוח נישט. דער טויט מאַכט מיר דעם טויט...

אָפּגייענדיק עטלעכע שפּאַן האָט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע שטיל גע־זאָגט:

— נחמו, חמו עמי, טרייסט, טרייסט מיין פאָלק! מיך טרייסט, מיין פאָלק, זאָגט גאָט. איך אייער גאָט, נאָך מער ווי איר, נייטיקט זיך אין טרייסט. באַ־זיצט איינער אַ הויז און רוצחים קומען און פאַרברענען עס, ווּעמען רירט עס מער אַן ווי דעם באַלעבאָס גופא? פאַרמאָגט איינער אַ שיינעם גאָרטן און רויבער באַפאַלן און פאַרדאַרבן אים — ווער פילט נאָך אַזוי דעם צער ווי דער אייגנטי־מער גופא? איר זענט דאָך מיין גאָרטן, דער בית־המקדש איז דאָך מיין הויז, און אַז דער שונא איז געקומען, מיין פאָלק פאַרטריבן און מיין הויז פאַרברענט, ווע־

מען, אויב נישט מיך, קומט פריער פאַר אַלעמען צו טרייסטן? טאָ טרייסט זשע מיך, טרייסט־זשע מיך מיין פאָלק, זאָגט גאָט.

דער ייִד מיט דער לאָמטערנע איז פאַרשוווּנדן.

מרגליות איז געגאַנגען אַ שווייגנדיקער. ער האָט זיך עפּעס געפילט אין אַ נייעם, קוים־איבערגעגאַנגענעם צושטאַנד. די איבערמאָס פון ליידן האָט זיין געשריי פאַרוואַנדלט אין פאַרגליווערונג. ער האָט עפּעס דערפילט ווי זיין נשמה האָט ווער אַרומגענומען מיט אַ פאַנצער, וואָס וועט פון איצט אָן מער נישט צולאָזן דעם סאַמע שוידערלעכסטן אויסגעשריי פון מענטשלעכע יסורים.

אָבער צוקומענדיק צו אַ ראָג פון אַ רוישיקער גאַס האָט ער עפּעס באַמערקט ליגן ביים ראַנד פון רינשטאָק און ער האָט אויפגעשוידערט. ער האָט דערזען אַ קליינטשיק טויט פייגעלע מיט אָפענע אייגעלעך. דאָס פייגעלע איז געלעגן אַ קאַנטיקס מיט איינגעבלוטיקטע פעדערן. דאָס שנאָבעלע איז געווען אָפן ווי ביי אַ ברעקעלע קינד, וואָס וויל זייגן און זוכן דער מוטערס ברוסט...

מרגליות איז געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ און באַטראַכט דאָס טויטע פייגעלע...

קאַפּיטל אַכט

דבורהס דערוואַכונג

דער בונקער האָט זיך געפונען אויף דער שמאָלער מילע־גאַס, אונטער אַ באַרג חורבות. די בלאָק־שטיקער זענען געבליבן שטיין ווי מצבות. פונעם אַשיקן באָדן האָט דער ווינט אַרויסגעיאָגט פעדערן פון אַ געפּלאַצטער פערענע. די פּע־דערן האָבן זיך געהויבן אין דער לופטן, ווי צעריסענע, ווייסע פליגעלעך. אין אַ ראָד פון אַ צעשמעטערט קינדער־וועגעלע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אַן אַרבעלע פון אַ קינדס געשפּיצט העמדל, וואָס האָט צאַפּלענדיק אין ווינט געמאָנט דאָס קינ־דערישע הענטל. פון אַ בערגל צעקרישלט גלאָז, שוואַרץ פון רויך, האָבן אַרויסגע־בלישטשעט צוויי בלויע אויגן פון אַ ליאַלקע. אַ שלייפל פון אַ קאָפּ־טיכל האָט געפּלאָנטערט אויף אַ בערגל צעמאָלענע ציגל. שטיקער גאַרדינען מיט אָנגע־זענגטע פראַנדזן, זענען געבליבן הענגען איבער אַריינגעבראָכענע פענצטער־ראַמען. אָט האָבן זיי זיך אַ הייב־געטאָן גאַנץ הויך איבער די פענצטער־לעכער; און אָט באַלד זענען זיי פון ווינט צוריק אַריינגעיאָגט געוואָרן אין די חורבות. אַ שוואַרץ־געוואָרענע מנורה איז געבליבן הענגען אויף אַ נאָגל פון אַן אָפּגע־סמאַליעטער בעלקע. אַ פאַס פון אַ פרוכת, מיט געציילטע, אויסגעדריוולטע גאָלד־פעדעם, האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אויף אַ קופּע מיסט. אַן אָפּגעשרפעט בלאַט פון אַ משניות, האָט זיך געיאָגט אין ווינט, ווי די אָפּגעראַטעוועטע אותיות וואָלטן געשוועבט אין דער לופטן.

צווישן די חורבות איז אַ פּוטרינע פון אַ טיר געבליבן שטיין אַ גאַנצע, און אַ מזוזה מיט אַ האַלב־פאַרשמירטן „שדי״ האָט אומזיסט געוואַרט אויף ייִדישע הענט.

אויף אַ שטיק פאַררויכערטער וואַנט איז געבליבן הענגען אַ „שטיל־לעבן״. אויפן בילד, האָט אַ לבנה געשיינט, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי באַלייכט די חורבות.

די לעבנגעבליבענע פון די אַלע חרוב־געוואָרענע היימען האָבן זיך אַליין אויפגעגראָבן די ערד און זיך אַראָפּגעלאָזט אין איר פינצטערער טיפקייט, ממשיך זיין דאָס לעבן.

אינעווייניק האָט דער בונקער אויסגעזען ווי אַ מוראדיקע הייל, וועמענס קאַלטער, חושכדיקער באָדן ווערט קיינמאָל נישט באַגילדעט פון קיין זון־שטראַל.

דער בונקער איז געווען שוואַכלעך באַלויכטן מיט קאַרביד־לאָמפּן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אין דער לופט איבלדיקע ריחות, און אַן אומדערטרעגלעכער גערוך האָט זיך איבערגעריסן פון אַ ווייטן, פאַרבאַרגענעם ווינקל.

אינעם בונקער זענען געלעגן פאַרשטעקט: ייִדן לומדים, סוחרים, שניידער, שוסטערס, היטלמאַכערס, קאַמאַשן־שטעפּערס, קוטשערס, גנבים און עטלעכע אינ־טעליגענטן פון הויף, מיט ווייב און קינדער.

אויף האַלב־צעפּאַלענע וואַליזעס, אויף אַלטמאָדישע קוישן, באַשלאָגן מיט פאַרזשאַווערט באַנד־אייזן, אויף בייכיקע קופערטן, אויף שמוציקע פּעקלעך בעט־געוואַנט זענען געזעסן, געלעגן, אויסגעהונגערטע, אויסגעשעפּטע, מענער, פרויען, בחורים, מיידלעך, האַלב־דערוואַקסענע קינדער און גאָר יונגינקע עופהלעך. טייל בונקעריסטן האָבן שוין טיף געשוויגן, ווי אומהיילבאַרע קראַנקע, וואָס וואַרטן אויפן טויט. די מערהייט אָבער, האָט מיט אַלע מיטלען, זיך געריסן צום לעבן. די לעבנסגיריקע האָבן מיט אַלע זייערע חושים נאָר אַריינגעטראַכט אין עסן. זיי האָבן אַרומגענישטערט אין אַלע ווינקעלעך, געקראָכן אויף אַלע פיר, זוכנדיק אַפילו רויע שפּייז. זייערע פאַרלאָפענע אויגן, אונטערגעשוואָלענע פון הונגער, האָבן יעדעס מאָל אויפסניי אויפגעבליצט, ווען ערגעץ־ווו, אין אַ פינצטערן ווינקל, האָבן אַ פּאָר הענט צעעפנט אַ טאָרבעלע, וואָס האָט געשלאָגן מיט אַ ריח פון שפּייז.

אַנדערע האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן, גלייך ווי דאָס דערהערן זייער אייגן קול, וואָלט געווען דער אייניציקער סימן, אַז זיי לעבן נאָך.

עס האָבן זיך געהערט שטימען ווי פון אַ תהום אַרויס:

— איך לאָז זיך אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. ווען דער טויט וועט זיין באַשערט, וועט ער דאָ אין קבר אַריין.

— גיי, וועט דאָ זיין גרוימער!... בענקסט, זע איך, נאָכן אומשלאַגס־פּלאַץ.

— איך וועל אַרויס און זיך אפשר אַריינבאַקומען אין אַ שאָפּ אַרבעטן. פון די שאָפּן וועט מען זיכער נישט נעמען.

— איך וואָלט געוואָלט אַ פרעג־טאָן דעם רבונו־של־עולם וואָס ער טראַכט זיך. גלייבט ער, אַז אויב מ׳וועט אונדז אומברענגען, וועט ער האָבן בעסערע קידוש־השם־ייִדן?

— ווו זענען די ייִדן, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנ־צער וועלט? טוען זיי פאַר אונדז עפּעס? מילא די הימלען זענען טויב געוואָרן, אָבער אונדזערע ברידער. מיר שיקן דאָך אַרויס אַזויפיל אַלאַרם־בריוו?

— איך פרעג ווי אַ בעל־עגלה: גיסטו, גאָטעניו, נישט קיין אָבריק, טאָ

וואָס שמייסטו? אַז דו האָסט אָפּגעלאָזט די לייצעס, קען דאָך דאָס בעסטע פערד גישט ווייסן וווהין צו קריכן, באַרג־אַרויף, צי באַרג־אַראָפּ?

דער נידעריקער סופיט האָט די גופים פון די דערוואַקסענע איינגעקאָרטשעט, זיי געצוווּנגען אַרומצוקריכן ווי איבערגעבראָכן אין צווייען. פונדעסטוועגן האָבן זיך יונג און אַלט דאָ געראַיעט פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

די פאַרביטערטע האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן יענעמס לעבן, וואָס האָט זיך נאָך עפּעס געמאָנט. אַנדערע האָבן זיך גראָד יאָ איבערגעבעטן מיט געוועזענע שונאים און זיך געטיילט מיטן ביסן.

די קינדער האָבן זיך אויפגעהערט צו שפּילן, האָבן אויפגעהערט שמייכלען. דער איינציקער אויסדרוק פון זייער לעבן איז געווען דאָס אומאויפהערלעכע געוויין. די שטומע צינגעלעך האָבן געמאָנט די מוטערס וואָרצלען, וואָס האָבן פאַר שרעק אויפגעהערט צו טריפן מיט מילך. קינדער, קראַנק־געוואָרענע פון שלעכטער דערנערונג, מידע פון רייסן זיך כסדר די טרוקענע העלדזלעך, האָבן מיט קראַמפּהאַפטע פויסטלעך זיך געוואָרפן אין די קישנס. זייערע רויטע מיט טרערן־פאַרלאָפענע אייגעלעך האָבן געקוקט צו די דערוואַקסענע און געבעטן הילף.

טייל מאַמעס האָבן זיך שוין נישט אָפּגערופן אויפן געוויין פון זייערע קינדער, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן די עופהלעך מער נישט באַטראַכט פאַר קיין לעבעדיקע נפשות. אַנדערע מאַמעס האָבן זיך נאָך אויפגעכאַפּט און אַריינגעשטופּט אין די קינדערישע מיילעכלעך דאָס לעצטע שטיקל צוקער, אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט און אַפילו אַ נישט־דערקאָכטן קאַרטאָפל, וואָס האָט אין אַ ווײַלע אַרום אַרויסגערופן בויך־קראַמפּן ביים אומשולדיקן נפשל, אָבער אויף אַ רגע האָט עס זיך באַרויִקט.

מאַמעס, וואָס האָבן שוין מער גאָרנישט פאַרמאָגט, מיט וואָס צו באַרויִקן זייערע וויינענדיקע קינדער, האָבן, ווי גערירטע פון זינען, זיך געוואָרפן אויפן צעשויבערטן בעטגעוואַנט, זיך געבראָכן די פינגער, געריסן די האָר פון קאָפּ, און זיך פאַרשאָלטן פאַר צער:

— זאָלן זיי שוין קומען וואָס גיכער און לאָמיר זיך אויפהערן מאַטערן!

אַ קראַנקע פרוי אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט כסדר געליטן אויף קאָפּ־ווייטיק און געלעגן מיט אַ נאַס האַנטוך אויפן קאָפּ, האָט זיך אַלע ווײַלע אויפגעכאַפּט, קוקנדיק מיט אַ פאַרקרומט פּנים אויפן קראַן, וועלכער האָט טראָפּנווייז אַריינגעפּויקט אין אַ עמער.

— ייִדן, בני־רחמנים! — האָט זיך די פרוי געבעטן אַ וויינענדיקע — פאַרמאַכט דעם קראַן! איך ווער משוגע! זאָל בעסער נישט זיין קיין וואַסער, אַבי הערט מיר אויף צו לעכערן דעם שאַרבן! הערט אויף! הערט אויף!

די פרוי איז מיד געוואָרן איבערצוחזרן איר געבעט. קיינער האָט זי סיי ווי

נישט געהערט. איר קאָפּ איז צוריקגעפֿאַלן אויפֿן פּעקל שמאַטעס. מיט די שפּיצן פֿון איר האַנטוך האָט זי זיך פֿאַרשטאָפּט די אויערן.

אויף ברעטער האָבן אַמאַליקע שענק־זיצער, מיט גערויש און זידל־ווערטער, געשפּילט אין קאָרטן.

אַן אַלטיטשקע, אין אַ באַקרעלטער קופּקע, וואָס איז אין דער מהומה אַראָפּ פֿון זינען, איז געזעסן אין אַן אָפּגעזונדערטן, שאָטנדיקן ווינקל און אויסגעשטריקט אַ פּאָר ווייסע זעקעלעך פֿאַר איר אייניקל, וואָס איז רייטנדיק אויף אַ הילצערן פֿערדל, צעריסן געוואָרן דורך אַ באָמבע.

אַלטע ייִדן, מיט שוואַרצע, געלע און זילבערנע בערד, זענען געזעסן און געשמעקט טאַבאַק און זייערע הילכיקע נאָסן — דערשטיקט אין ברודיקע פּאַטשיי־לעס.

אַנדערע ייִדן זענען געזעסן און געפֿליסטערט קאַפּיטלען תהילים. ווער פֿון אויסנווייניק, ווער פֿון אַ צעשאָטענעם סידור.

— גאָט, וואָס שטייסטו פֿונדערווייטנס? — האָט זיך געהערט אַ געבראָ־כענע שטימע.

דער „פּרעמדער”, אַ זקן, וועמען קיינער אין בונקער האָט נישט געקענט, איז ווי תּמיד געזעסן אין טלית, זיך גרייטנדיק צום טויט. זיין שפּיציקע, ווייסע באָרד, איז געווען פֿייכט פֿון טרערן. זיין פּנים — איינגעשרומפּן, געל ווי וואַקס, מיט צעפּלאָשעטע גרויע ברעמען, איבער אַ האַלבן שטערן. אַ ווײַנענדיקער האָט זיך דער זקן אויסגעטענהט מיט גאָט:

— האָסט בפּירוש געשריבן: ה׳ ילחם לכם ואתם תחרישין, גאָט וועט מלחמה־האַלטן פֿאַר אייך און איר וועט שווייגן. טאָ פֿאַרוואָס־זשע האַלטסטו נישט מלחמה מיט די רשעים, נאָר לאָזט אונדז אומקומען אין דעם שאול תּחתּיה? אויף וועמען וואַרטסטו בורא־עולם? עס איז דאָך שוין באו מים עד נפש.

דעם זקנס טענות זענען, אין גערויש, אַוועקגעשענקט געוואָרן.

חסידישע יונגעלייט, מיט אַ גמרא־שטויב אין די פֿאַרלאָזטע בערדלעך, האָבן געפֿירט וויכוחים וועגן דער דייטשער מפּלה אויף די רוסישע פֿראָנטן. יעדער טראָט צוריק פֿון דער דייטשער אַרמיי, האָט זייערע הערצער אָנגעפֿילט מיט פֿרייד און האָפֿענונג. עס האָט שווער געדריקט אויף זיי דער געדאַנק, צי זיי וועלן דעם נצחון דערלעבן.

ייִדן לומדים, זענען געזעסן איבער געפֿונענע בלעטלעך פֿון אַלטע ספֿרים און שטילערהייט געברומט זייערע ניגונים, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פֿון ווײַ־טע דורות.

דאָ און דאָרט איז אַ מיידל געלעגן אויף אַ פּעקל אָפּגעראַטעוועטע זאַכן און געלייענט, אָדער בלויז געבלעטערט אַ ביכל.

אַרום דער קיך האָבן זיך ווייבער געפּאָרעט. די פרומע פרויען האָבן לכבוד שבת אַראָפּגענומען זייערע טעפּ און זיי פאַרשטעקט אין פאַרשיידענע באַהעל־טענישן. אַנדערע, פאַרגעשריטענע ווייבלעך, האָבן די קיך אין דער גיך באַשטעלט מיט פאַרקאָפּטשעטע טעפּ, צוגרייטנדיק עפּעס אָפּצוקאָכן נאָך האַלבער נאַכט, בעת דער רויך ווערט איינגעשלונגען פון דער פינצטערניש.

***

דער בונקער האָט אויך געהאַט זיין מזרח־וואַנט. דאָ זענען געזעסן די נגי־דישע איינוווינער. אין זייערע ווינקלען האָבן זיך געפלעמלט אַלטמאָדישע נאַפט־לאָמפּן, וועמענס קאָלירטע באַניעס האָבן פאַרשפּרייט פאַרביקע ליכט־ליניעס, וואָס זענען געפאַלן אויפן חושכדיקן באָדן, ווי שטראַלן אויף אַ קבר. די ווענט זענען ערטערווייז געווען באַדעקט מיט פּלושענע קאָלדרעס און דערמאָנט אין ווענט פון אַ סוכה, ווו ייִדן ווינען אויף „דערוויַיל". די קאָלדרעס זענען אין איי־לעניש אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון הפקר־געוואָרענע ייִדישע בעטן, וואָס זענען געציילטע מינוטן נאָר געבליבן שטיין, ווי אָפענע קברים און באַלד זיך צעפאַלן אויף אַש.

ביי דער מזרח־וואַנט איז געשטאַנען אַ חסידישער יונגערמאַנטשיק. זיינע געקרייזלטע פּיאות — פאַרשטויבט און באַשאָטן מיט שפּרינקעלעך־קאַלך. דער בחור האָט מיט אַ מתיקותדיק קול אויסגעזונגען און זיך אויסגעטייטשט דעם „שיר־השירים".

„בכרמו עין גדי — יעקב אבינו איז געגאַנגען צום פאָטער נעמען די ברכות, וואָס זענען דאָס אויג פון דער וועלט".

— יאָ, די ברכות! — האָבן די ווייבער באַגלייט זיין ניגון מיט זיפצן — פיינע ברכות.

ביי אַ טיש צונויפגעקלאַפּט פון אָפּגעראַטעוועטע ברעטער איז געזעסן ר' איטשקע הערצבערג, דער באַלעבאָס פון בונקער.

ר' איטשקע האָט געטראָגן אַ שוואַרצע, אַטלאַסענע יופּיצע, אַ סאַמעטן היטל, אַ צעקנייטשטס, אַ צעקנוידערטס איז אים געזעסן אויפן קאָפּ. זיין שטיקל טיש איז געווען געדעקט מיט אַ ווייס טישטוכל. אין צוויי זילבערנע לייכטער האָבן געשטעקט ברודיקע ליכט, געמאַכט פון צעטריפטן חלב, די קנויטן — פון אַ פּסולער ציצה. די ליכט האָבן געוואָרט מען זאָל איבער זיי בענטשן. אויפן טיש האָט זיך אויך געפונען אַ פלעשל מיט אַביסל ראָזשינקע־וויין און אַ זילבערנער בעכער. וואָס האָט נאָך פאַרמאָגט דעם פינקלדיקן גלאַנץ פון גוטע צייטן.

ר' איטשקעס טיש האָבן אַרומגערינגלט ייִדן לומדים, געוועזענע נגידים, אַ צוויי־דריי חסידים האָבן מעיין־געווען אין איין ספר. זייערע ניגונים האָבן זיך

צוזאַמענגעוועבט און געוואָרן איין שטיק לבוש פאַר דער שבתדיקער נשמה. ר׳ איטשקע איז פונדעסטוועגן געזעסן אייגער אַליין איבער אַ ספר און קייענדיק אַ פאָדעם פון זיין באָרד, האָט ער זיך געקנייטשט דעם שטערן איבער אַ זייטל פון „כוזרי״.

דער כוזרי פרעגט:

„וואָלט דען נישט געווען בעסער און פאַסיקער פאַר דער געטלעכער חכמה ווען דער גאַנצער מענטשלעכער מין זאָל געפירט ווערן אויפן גלייכן וועג, אויפן דרך הישר?״

דער חבר ענטפערט:

„וואָלט דען נישט געווען גלייכער ווען אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן וואָלטן געווען מענטשן? פונדעסטוועגן האָט גאָטס גייסט נאָר גערוט אויף אדמען. נאָר אויף אים האָט געשטראַלט דאָס געטלעכע ליכט און די איבעריקע זענען געווען ווי אַ קאָרע, וואָס איז נישט אויפנאַמפעיק פאַר דעם דאָזיקן ליכט. און עס זענען געקומען די קינדער פון יעקב, וועלכע זענען געווען אויסגעצייכנט צווישן די פעלקער פון דער וועלט מיט ספּעציעלע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן זיי געמאַכט ווי פאַר אַן אַנדער מין, אַ מלאכישן, וואָס אַלע האָבן געשטרעבט צו דער מדרגה פון נבואה״.

דאָס איינציקע פרויען־געשטאַלט, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות מיט ר׳ איטשקעס טיש, איז געווען זיין בת־יחידה דבורה, וואָס האָט, ביז צום מלחמה־אויסברוך, געשעמט מיט איר אָריגינעלער שיינקייט און מיט אירע זעלטענע פעיִקייטן. איר מוטער האָט דבורה געהאַט פאַרלוירן בעת אַ באָמבע האָט חרוב געמאַכט זייער הויז. פון דעמאָלט אָן איז זי געווען די מוטער צו זיך און די באַלעבאָסטע פון זייער „הויז״ אין ערגעץ־לאַנד. זי פלעגט וואַשן וועש פאַר זיך און פאַרן פאָטער, אָפּקאָכן אַביסל עסן; אָפּשטיין לאַנגע שעהן אין בונקער, וואַרטנדיק ביים אויוון אויף איר ריי.

איצט איז דבורה געזעסן אויף אַ האַלב־פאַרברענטן פאָטעל. איר בלאָנדער קאָפּ האָר איז געווען גאַנץ־קורץ אַרומגעשוירן, כמעט ווי ביי אַ בחור. אירע קאַר־בירטע האָר־כוואַליעס פון העל גאָלד, וואָס האָבן אַמאָל געפלאָסן אַרום איר ווייס־בלענדיקן האַלדז, זענען געווען אָפּגעזעגנט פון די פלאַמען, וואָס האָבן אַרומגע־כאַפּט זייער הויז. אויך די צוויי פּערעלעך אין אירע אויערן־לעפּלעך האָבן גע־פעלט. אָבער דער נאַטירלעכער חן איז נישט אָפּגעטרעטן פון איר יונג פּנים. איר טרויעריקער שמייכל אַפילו האָט זיך מיט אַ רייץ צום לעבן אַרויסגעריסן פון איר פיינעם מויל־אויסשניט, צוזאַמען מיטן בליציקן גלאַנץ פון אירע ווייסע ציין. אי־רע בלוי־גרינע אויגן האָבן ווי תמיד געשפּילט מיט לעבעדיקע פאַרבן, אָבער איצט האָבן זיי עפּעס ווי געמאָנט ביי דער וועלט. אויף אירע קנִיען האָט דבורה

געהאַלטן אַ לוקסוס אוסגאַבע פון זשעראָמסקיס „ערב־פרילינג". דאָס בוך איז געווען אַ ברוכשטיק פון איר יוגנט. בילדער פון אַ פאַרגאַנגען שטיק לעבן האָבן פאַר אירע אויגן געגומען אויפגיין. איר האַרץ האָט יעדעס מאָל אַ צאַפּל געטאָן, בעת זי האָט געעפנט דאָס בוך און באַמערקט דודס שריפט.

דאָס בוך איז געווען אַ געשאַנק פון אים צו איר 18־יאָריקן געבוירנטאָג. די פייערונג אין אירע עלטערנס אַמאָליקער רייך־מעבלירטער וווינונג, שיילט זיך פאַר איר ווי אַ נעפּל אַרויס און שטעלט זיך איר בולט פאַר די אויגן. זי הערט ממש דעם אָפּקלאַנג פון גלעזער. די צעשטראַלטע פּנימער פון חברטעס און חברים טויכן אייגציקווייז אויף. זי הערט דעם אָפּהילך פון אַ יוגנט־געלעכטער, שיכור פון פרייד.

דבורה וואַרפט אַ בליק אויפן פאָטער. זי באַטראַכט דעם אייגציקן עדות פון יענעם גליקלעכן מאָמענט, אָבער קוקנדיק אויפן פאָטער, נעמט זיך איר האַרץ וואַרפן. אַ רחמנות צום פאָטערס געפאַלנקייט נעמט זי אַרום. איר מוטער קומט איר אויפן געדאַנק און איר לעצטער פאַרצווייפלטער אויסגעשריי: „ווו איז מיין קינד?!" נעמט קלינגען אין אירע אויערן און לאָזט איבער אַ באַטויבטן געזשום אין איר מוח.

אַ קאַלט שטראָמל שלענגלט זיך איבער איר רוקנביין. איר דאַכט זיך, אַז זי ווייגט און טוליעט זיך צו דודן.

„אפשר האָב איך געדאַרפט מיט אים מיטגיין? אַזויפיל מיידלעך צווישן די געטאָ־קעמפער! איז דען זייער לעבן נישט שענער ווי מיינס? פאַרוואָס האָט דער מענטש אַזוי שטאַרק ליב דאָס לעבן, אַפילו ווען ער קען דערפון נישט געניסן? וואָס האָב איך דען היינט פון מיין לעבן? ווי הייסט דער כוח וואָס האָט מיך פון אים אָפּגעריסן? מורא פאַרן טויט? און ליגן ווי אַ צעטראָטענער וואָרעם אין אַ הייל איז שענער? פאַרוואָס זאָלן אומגעבילדעטע מיידלעך האָבן דעם מוט צו שטאַרבן ווי העלדינס; און איך זאָל פאַר יעדן פרייז... האָב איך מער קיין שטאָלץ נישט? נו, האָב איך אַ רעכט זיך צו באַהאַלטן פאַרן שטורעם און וואַרטן, אַז אַנדערע זאָלן פאַר מיר אויסקעמפן די פרייהייט?".

מיטאַמאָל האָט זי אין זיך דערפילט אַ שטאַרקן דראַנג זיך צו שטעלן אין איין ריי מיט דודן. אין איר זכרון האָבן זיך געפלאָנטערט צעוואָרפענע זאַצן פון זיין לעצטן בריוו:

„אונדזער מינדסטער זיג איבער זיי דערהייבט אונדזער גייסט און עס גליסט זיך ווייטער לעבן. אין קאַמף לייזן זיך אויף אונדזערע ליידן און דער פחד פאַרן טויט. נקמה איז די גרעסטע באַלוינונג, וואָס די נאַטור האָט אויסגעטראַכט פאַר אַ בעוולהטן. כ׳עצה דיר צו פאַרלאָזן דעם תהום און זיך אָנשליסן אין אונדזו".

פּלוצלינג האָט זיך ר׳ איטשקע אויפגעשטעלט. דבורה האָט אַ שטאַרקן ציי־

טער געטאָן. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דעם פּאָטערס אויפכאַפּן זיך פונעם טיש, האָט אַ שייכות מיט אירע געדאַנקען. זי האָט איצט מורא געהאַט פאַרן פאָטערס בליק, מיינענדיק, אַז זיינע אויגן האָבן אַריינגעקוקט אינעם אָפּגרונט פון איר נשמה און דערזען איר אינערלעכן געראַנגל.

אָבער ר׳ איטשקע האָט גאָר אַרומגענומען מיט זיין בליק די שוואַרצע ווענט, אַקוראַט ווי ער וואָלט אויף אַ רגע פאַרגעסן, אַז זיי האָבן נישט קיין פענצטער, אויף וועמענס שויבן עס זאָלן זיך אָפּשפּיגלען די לעצטע שקיעה־פלאַמען, וואָס פלעגן דערמאָנען אינעם זמן פון ליכט־בענטשן. ער האָט אַרומגעזוכט דעם בונקער־זייגער. ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעזעצט און אַריינגעקוקט אין אַ ווינקל. אַ קאַטערינקע האָט זיך פונעם אַרומיקן געפּעק אַרויסגעשיילט פאַר זיין אויג. ער האָט זיך פאַרקוקט אויף אירע קאָלירטע פאָרהענגלעך, אויפן איבערגעבראָכענעם הילצערנעם פוס, וואָס שטעלט זיך מער נישט אַוועק צוזאַמען מיט זיין באַלעבאָס אויף יידישע הויפן, ווי אַמאָל, בעת דער קאַטערינאַזש פלעגט אַרויפשפּילן ייִדישע ניגונים אין צעעפנטע פענצטער פון רויִקע היימען. ער האָט דערזען דאָס אָפּענע שופלעדל פון דער קאַטערינקע, פון וועלכן עס האָבן נאָך אַרויסגעקוקט די לעצטע, ווייסע גורל־צעטעלעך, וואָס דער פּאָפּוגאַי פלעגט אַמאָל אַרויסשנאָבלען פאַר דינסט־מיידלעך, וועלכע האָבן געלעכצט נאָך אַ קאָפּיטשקע גליק. אַ גריןגעפאַרבט שטייגל האָט אַ רגע אַ פינקל געטאָן אין ר׳ איטשקעס אויג און איז באַלד פאַרשוווּנדן הינטער מענטשישע גופים, וואָס האָבן זיך נאָכאַנאַנד געראַיעט אַרום שטייגל; ר׳ איטשקע האָט דעם פּאָפּוגאַי נישט געקענט דערזען.

נאָך אַ ווײַלע אַרומקוקן זיך איבערן בונקער, האָט ער אויסגערופן:

— ווּ איז ערגעץ בערעק?

— בערעק! בערעק! — האָט מען גערופן פון אַלע זייטן.

פון מענטשן־קנויל האָט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט אַ נידעריקער, ברייטביינערדיקער פאַרשוין פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ בראָנדז פּנים ווי ביי אַ ציגיינער. זיין גראַנאַטענעם קאַשקעט מיטן לאַקירטן דאַשעק, האָבן אַרומגערייפט, דריבנע, פעדשוואַרצע לעקעלעך. מיט אַ רוקזאַק אויף די אַקסלען האָט זיך בערעק, מיט גרויס דרך־ארץ, אַוועקגעשטעלט פאַר ר׳ איטשקען.

— דיין פּאָפּוגאַי שלאָפט שוין לאַנג, בערעק? ווי שפּעט ביסטו משער קען איצט זיין?

— לויט מיין פּאָפּוגאַי איז שוין דער טאָג אַוועק. עס איז שוין איצט נאַכט. איך האָב טאַקיש מיט אייך געוואָלט רעדן, ר׳ איטשקע. איך לאָז זיך איצט אַרויס אין גאַס אַריין „שאַבראָווען״. (געטאָ־טערמין — ראַבעווען אין די ליידיקע וווינונגען פון די דעפּאָרטירטע). איך ווייס, ס׳איז אַ מיאוסע זאַך. מען דאַרף קריכן איבער פאַרלעגענע מתים. אָבער איך עס נישט אַליין, וואָס כ׳קלייב צונויף, טייל

איך זיך מיטן ביסן. כ׳דאַרף פון אייך אַביסל געלט. אפשר וועט מיר געלונגען עפּעס איינצוקויפן אויף „שוואַרץ״ פאַר מיין פּאַפּוגאַי. ער קען אַ ליאַדע מינוט איינשלאָפן פאַר הונגער און אונדזער בונקער וועט בלייבן אָן אַ זייגער.

— פונקט זיך דערמאָנט איצט. אפשר איז שוין נאָך קבלת־שבת?

— מיר קומט אָן שווער מיט אייך צו רעדן. איך בין דאָך נישט עפּעס אַנ־דערש ווי אַ קאַטערינטשיק. און איר זענט דאָך עפּעס...

— געוועזן ר׳ איטשקע. דו וועסט מיך דערמאָנען נאָך שבת, וועל איך דיר בלי נדר, געבן וויפל דו וועסט נאָר פאַרלאַנגען.

אויף בערעקן האָט שוין אומגעדולדיק געוואַרט אַ גרופּע ווילדע־יונגען, וואָס האָט זיך געגרייט מיט אים צוזאַמען אַרויסצוגיין. די חברה־לייט האָבן נערוועז געוויקלט די ליידיקע זעק אין זייערע הענט און אים אונטערגעיאָגט:

— יאַזדאַ, בערעק! עס וועט שוין פאַר אונדז גאָרנישט בלייבן.

אַ כאַפּטע ווייבער זענען די „שאַבראַוניקעס״ נאָכגעקראָכן.

— איר האָט שוועבעלעך? נישט פאַרגעסן דאָס שטיקל ליכט? זייט מצליח! קומט צוריק בשלום! ברענגט אויף אַ וואָך חיונה!

באַלד האָט מען געהערט אַוועקרוקן אַ פּאַס. אַ פּאַסמע וואַסער האָט אַ פּאַטש געטאָן דעם רונדיקן בויך פונעם שכנותדיקן פאַס, און די עפענונג צו דער דרויסנ־דיקער וועלט האָט זיך אויף אָן אויגנבליק אַנטפּלעקט.

בעת די „שאַבראַוניקעס״ זענען אַרויס פון בונקער, איז אַ רגע געוואָרן טויט־שטיל. די כוואַליעס לופט פון דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס האָט זיך אויף אַ ווילדע אַריינגעריסן, האָט אויף אַלעמען אָנגעיאָגט אַ טויטשרעק און אַ בענק־שאַפט.

פּלוצלינג האָט זיך ר׳ איטשקעס קול ווידער דערהערט:

— פראַדל, ר׳ לייב וועטשטיינס ווייב וועט היינט בענטשן ליכט.

אַ פרוי אין אַ שוואַרצן שאַל האָט זיך צוגעשלייכט צו ר׳ איטשקעס טיש. מיט ציטערדיקע הענט האָט זי אָנגעצונדן די שבת־ליכט.

די פרוי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט, גענומען פאָכען איבער די שבת־ליכט און מיט אַ טרערן־שטימע אַרויסגעכליפּעט:

— גאָט! — — —

די פרוי, וועמענס האַרץ איז איבערפולט געוואָרן, ווי אַ בעכער טרערן, האָט מער גאָרנישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך. איר שטימע האָט זיך איינ־געבראָכן. זי האָט נאָר בלויז געטוליעט איר קאָפּ אין די הענט און זיך אַוועק־געשלייכט פון טיש. אַ פיינלעכע שטילקייט. מען האָט נישט מער געהערט ווי־שניפן מיט די נעז, ווי מען וואָלט געשלונגען טרערן.

ר׳ איטשקע האָט אַ ווײַלע נאָכגעקוקט די ליכט־בענטשערין. דערנאָך האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זײַנע טישזיצער און געזאָגט בלחש:

— ר׳ שמעון בן עליעזר זאָגט: דאָס אויג איז ביים מענטשן דאָס טייער־סטע און דאָס ציטערדיקסטע פונעם גאַנצן גוף זײַנעם. וויל מען איינעם דער־לאַנגען אַ קלאַפּ אין קאָפּ אָדער אין אַן אַנדער אבר, גיט יענער גלייך אַ פינטל מיטן אויג און שליסט עס צו. און ייִדן ביי גאָט זענען ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

ביי די ווערטער, האָט זיך ר׳ איטשקע אויפגעשטעלט מיט אַ שפּיץ טיש־טוך האָט ער אויסגעווישט דעם בעכער.

צווישן די פרויען איז אַדורך אַ געשושקעריי:

— ש־ש־ש... ר׳ איטשקע גייט מאַכן קידוש!

ר׳ איטשקע האָט ברייטער פונאַנדערגעעפנט די אויגן, אַרומגעקוקט זיך און האָט אָנגעגאָסן דאָס ביסל ווײַן, וואָס האָט אַרײַנגעקלונגען אין בעכער מיט אַ כליפּעריי. ער האָט אָנגעהויבן דעם קידוש מיט אַ קול, אָנגעזאָפּט מיט עצבות, און מיטן שבתדיקן ניגון:

— ויהי ערב ויהי בוקר.

אין בונקער איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מ׳האָט ממש געהערט קנאַקן די פּלעמלעך ווי זיי וואָלטן זיך געקרעקט מיטן אייגענעם רויך.

מיט אַמאָל האָבן זיך דערהערט אײַליקע טריט. הענט האָבן גענומען גראַב־לען ביים דרויסנדיקן פאַרבאַהאַלטענעם אַרײַנגאַנג. אַ פּאַס האַלבלעך אָנגעפילט מיט וואַסער איז אומגעפאַלן מיט אַ געכלושניערײַ, אַקוראַט ווי עס וואָלט זיך ווער אַרײַנגעוואָרפן אין אַ טײַך. די קעפּ פון דער מאַסע, פריער געווענדעט צום שבת־טיש, האָבן זיך האַסטיק אויסגעדרייט צום אַרײַנגאַנג. דער אָטעם איז ביי יעדן כמעט אָפּגעשטאָרבן אויף די ליפּן. די אויגן האָבן גענומען בליצן מיט אימת־המוות. די מײַלער האָבן זיך געעפנט ווי ביי פיש, אַרויסגענומענע פון וואַסער. אַ קינד האָט אַרויסגעוויינט, האָט עס ווער מיט אַ ווילדקייט אַרײַנגע־וויקלט אין אַ קאָלדרע. די שטילקייט האָט זיך געגראָבן אַזוי טיף, ביז זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויסברוך פון קולות:

— דײַטשן!

— מ׳האָט אונדז געמסרט!

— מ׳וועט אונדז פאַרגאַזעווען!

אין איין מינוט איז געוואָרן אַ מהומהדיק געלויף. איינער איז געפאַלן אי־בערן צווייטנס הענט און פיס. ווײַבער האָבן מיט אַ קוויטש געכאַפּט פרעמדע קינדער, הענט האָבן אַ כאַפּ געטאָן פּעקלעך, וואַליזעס און זיי צוריקגעוואָרפן. די ענגשאַפט איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי גרויס, אַקוראַט ווי ס׳וואָלטן צוגעקו־מען פרעמדע מענטשן. אין געדראַנג זענען פאַטשײַלעס אַראָפּ פון ווײַבערשע

אַקסלען און האָבן זיך אַוועקגעקנוילט איבער די קעפּ פון דער איבערגעשראָקע־נער עדה יידן. מ׳האָט זיך געשטויסן צום אַרויסגאַנג און צוריק אַנטלאָפן, גלייך ווי ס׳וואָלט פון דרויסן אַריינגעבוכניעט אַ פלאַם.

ר׳ איטשקעס ווייַן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין ציטערדיקער האַנט. ער האָט זיך לאַנגזאַם און שווער צוריק אַראָפּגעזעצט.

דבורה איז צוגעשפּרונגען צום פאָטער, אים אַרומגענומען מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער האָט זי זיך געקניפּט די באַקן, קוקנדיק ווי די מאַסע לויפט ווילד אַהין־און־צוריק, אַהין־און־צוריק, ווי געיאָגט פון פלאַמען.

— בידו אפקיד רוחי — האָט ר׳ איטשקע שטיל געפליסטערט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. באַמערקט ווי קיינער פון זיינע טיש־זיצער האָט זיך נישט גע־רירט פון אָרט.

אין בונקער זענען אַריין, מיט שטילע טריט, צוויי יונגעלייט מיט דייטשע העלמען אויף די קעפּ. די ביקסן אָנגעהאָנגען פאָרנט. די שטיוול אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס.

איין רגע נאָר האָבן זיך די בונקער־יידן צוריקגעצויגן, צוזאַמענגעקנאָטענע ווי איין שטיק טייג. באַלד האָבן זיי זיך אַ ריר געטאָן, און עס איז אויסגעבראָכן אַ פריידיקע מהומה:

— מענטשן פון אונדזער בונקער, מענטשן פון אונדזער בונקער!

— יאָסל, מיין זון! — איז לייטשע די שוסטערין אַ פאַרצאַפּלטע צוגע־שפּרונגען צו איין קעמפער און אים געפאַלן אויפן האַלדז מיט טרערן אין די אויגן.

— בערל, מיין קרוין פון קאָפּ! — האָט פעסעלע די קעכין מיט אויסגע־שפּרייטע ציטערדיקע הענט אַרומגענומען דעם קאָפּ פון צווייטן קעמפער און מיט אַ הויל געוויין אין איר קעל האָבן אירע פאַרשמאַכטע ליפּן ווילד גענומען אַרומציטערן איבער איר זונס פּנים.

בערל האָט אַרויסגעגראַבלט פון טאַש אַ פאַרדאַרט שטיק ברויט און האָט עס דערלאַנגט דער מוטער. יאָסל האָט דער מוטער אַוועקגעגעבן צוויי קאַלטע קאַרטאָפל אין שאָלעכץ.

דער אַרומיקער עולם איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך — אָבער באַלד זענען פאַר איבעראַשונג פרויען אַרויפגעפאַלן אויף די קעמפערס אַקסלען מיט געוויין. די פרויען האָבן זיי געקושט, ווי זיי וואָלטן אין דער מחשבה דער־זען זייערע אייגענע זין. דער גאַנצער עולם כמעט האָט זיך צוגעשטופּט צו די באַוואָפנטע יידן. צענדליקער הענט האָבן זיך געראַנגלט אין דער לופט. אַ גע־מורמל האָט זיך איבערגעטראָגן פון איין זייט בונקער ביז צום אַנדערן. יינגלעך האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך די פיס פון דערוואַקסענע און מיט אַ פריידיקן

ציטער באַרירט די ביקסן. דער אויפגעוואַכטער עולם האָט זיך געבעטן ווי איין קול:

— וואָס הערט מען, וואָס הערט מען?

— איז דאָס אמת, אַז אונדזערע רוצחים האָבן געהאַט אַזאַ מפּלה ביי סטאַלינגראַד?

— וואָס מאַכט מיין זעליק? — האָט אַ ייִדענע געריסן די קעמפּער ביי די אַרבל.

— — מיין אייניקל בנימין איז דאָך ביי אייך אַ סאָלדאַט. לעבט ער? לעבט ער? — האָט זיך אַן אַלטינקע געווישט די טרערן אין אַ קעמפּערס שאַל.

— איז דאָס אמת, אַז ייִדן פון ארץ־ישראל קעמפן אין דער ענגלישער אַרמיי? — האָט אַ ייִד געליאַרעמט.

— וואָס הערט מען אין געטאָ?

— קען מען אַרויס אויף דער אויבערפלאַך?

— ייִדן! — האָט איינער פון די קעמפּער אויסגערופן. — איר קענט דאָך מיך אַלע דאָ. איר ווייסט דאָך, אַז ערשט מיט אַ חודש צוריק בין איך נאָך געלעגן מיט אייך צוזאַמען. דעם אמת געזאָגט, האָט דאָס פינצטערע בונקער־לעבן שוין פון מיר געהאַט אַרויסגעריסן דעם גלויבן, אַז כ׳בין נאָך אַ מענטש. אָפט מאָל האָב איך געטראַכט, אַז בעסער וואָלט שוין געווען, אַז זיי זאָלן מיך פון דאַנען אַרויסנעמען און דערשיסן. אָבער זינט איך בין אַריין אין דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג, האָב איך אין זיך דערפילט אַ נייעם אויפוואַכנדיקן כוח און אַ גלויבן, איך פיל זיך ממש מיט אַ קאָפּ העכער, געפינענדיק זיך אין איין ריי מיט די, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די מיסיע צו פאַרטיידיקן דעם ייִדישן און מענטשלעכן כבוד. ווער פון אייך עס קען נאָך גיין אויף די פיס, דאַרף דאָ קיין איין רגע נישט בלייבן. אין קאַמף איז דאָס לעבן אפשר נישט שענער ווי דאָ, אָבער דער טויט איז שענער. דאָס איז אַלץ וואָס איך קען אייך זאָגן. און איצט דאַרפן מיר זיך זען מיט איטשקע הערצבערג.

ערשט איצט, הערנדיק אַנרופן זיין נאָמען, איז ר׳ איטשקע געקומען צו זיך.

ער האָט זיך גענומען באַוועגן מיט צעעפנטע, נייגעריקע אויגן, אויס־שטרעקנדיק זיין רעכטע האַנט אין דער ריכטונג צו די צוויי אויפשטענדלער. און בעת די צוויי בחורים האָבן זיך געוואָלט דערנענטערן צו ר׳ איטשקען, האָט זיין דבורה פאַרשטעלט דעם וועג און מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם געפרעגט:

— אפשר קענט איר מיר עפּעס זאָגן וועגן דוד ראָזענבלום? איז ער גע־זונט? איז ער נישט אַמאָל פאַרוואונדעט? — האָט דבורה זיי באַטראַכט מיט אַן אומרואיקן בליק.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָסטו מיט אים? — האָט איינער פון די אויפ־שטענדלער געפרעגט.

דבורה האָט זיי געוויזן דאָס בוך מיט דודס אויפשריפט.

די אויפשטענדלער האָבן זיך איבערגעקוקט און איינער האָט געזאָגט:

— אונדזער קאָמענדאַנט? ער איז געזונט.

און דער צווייטער האָט צוגעגעבן:

— אָבער פאַרוואָס רופט זיך נישט אָן איטשקע הערצבערג?

— דאָס בין איך. — האָט זיך ר׳ איטשקע נאָך אַמאָל אויפגעשטעלט און איז אַנטקעגנגעגאַנגען די קעמפער מיט דרך־ארץ.

— אָט צוליב וואָס מיר זענען געקומען. — האָט דער ערשטער געזאָגט.

— שוין לאַנג האָט מען אייך אָנגעזאָגט זיך באַשטייערן פאַרן באַוואָפּענונגס־פאָנד. צום טערמין האָבן זיך אונדזערע מענטשן באַוויזן און אייך געגעבן דעם אָפּגערעדטן צייכן. איר זענט אָבער צו דעם באַשטימטן אָרט נישט געקומען.

— יאָ, כ׳דערמאָן זיך — האָט ר׳ איטשקע זיך געקעמט די באָרד מיט די פינגער. — כ׳האָב דעמאָלט נישט געקענט אַרויסגיין. שיסערייען אין די גאַסן. און איצט קען איך אייך נישט איינצאָלן דאָס געלט, ווייל כ׳בין משער, אַז עס איז שוין נאָך קבלת־שבת.

— קבלת־שבת? — האָט דער ערשטער קעמפער געשאָקלט מיטן קאָפּ. — האַלט איר אונדזער קאַמף פאַר ווייניקער הייליק ווי שבת?

— ווילט פאַרשטיין, אַז פאַר איין פּיסטאָלעט מוזן מיר צאָלן 13 טויזנט זלאָטעס — האָט דער צווייטער צוגעגעבן.

יונגעלייט, איך פאַרשטיי אייער קאַמף. מסירת־נפש, קידוש־השם. אָבער אַזוי לאַנג ווי דער בורא־עולם לאָזט מיך נאָך לעבן, וויל איך נישט מחלל־שבת זיין — האָט ר׳ איטשקע זיך צוריק אַראָפּגעזעצט.

עס איז געוואָרן שטיל. אַלע אין בונקער האָבן זיך מיט עפּעס אַ מאָדנעם ציטער איינגעהאָרכט. די שטילקייט האָט אַ ווײַלינקע אָנגעהאַלטן.

דבורה האָט זיך אַ ריר געטאָן, לאַנגזאַם זיך דערנענטערט צום פאָטער און מיט אַ געבעט אין איר שטימע אויסגערופן:

— טאַטעשי, איך וועל זיי איינצאָלן.

די צוויי קעמפער האָבן דבורהן אָנגעקוקט מיט מילדע בליקן.

— אייער טאָכטער פילט יאָ, אַז יעדער איינער פון אונדז... הלוואי וואָלטן מיר כאָטש מיט אונדזער בלוט געקענט אייך ראַטעווען — האָט דער ערשטער קעמפער געזאָגט און פאַרביסן די ליפּן.

ר׳ איטשקע האָט די קעמפער אָנגעקוקט מיט אַן אָפן מויל. דער עולם האָט

זיך אַ וויג געטאָן. עס איז געווען קענטיק, אַז די רייד פון די געטאָ־קעמפער האָבן אויף אַלעמען געמאַכט אַ רושם.

נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת האָט זיך ר׳ איטשקע אָנגערופן:

— נו, מילא, צאָל זיי אייַן, דבורהלע! לאָמיר האָפן, אַז מיט גאָטס הילף וועלן זיי אויסקעמפן שענערע שבתים, ווי מיר פראָווען היינט. יאָ, לאָמיר האָפן — האָט ר׳ איטשקע אַרויסגעזיפצט. — האָסט די שליסלען?

די קעמפער האָבן, אַריינקוקנדיק אין אַ ליסטע, אָפּגענומען די סומע, וואָס דבורה האָט זיי דערלאַנגט.

— איך בעט אייך, פאַרגעסט נישט איבערצוגעבן דודן אַ גרוס פון דבורה הערצבערג. איר וועט געדענקען מיין נאָמען?

— געוויס וועלן מיר געדענקען.

די אויפשטענדלער האָבן זיך געקליבן אין וועג אַריין. זיי האָבן זיך צו־רעכט געמאַכט די דייטשע פאַסקעס, וואָס האָבן געטראָגן דעם אויפשריפט „גאָט מיט אונדז״.

דבורה איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטע. זי האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון די צוויי קעמפער. איר ברוסט האָט זיך האַסטיק באַוועגן. איר בליק, אַ צאַפּלדיקער, האָט אַרומגעפּלאָטערט אויפן פּאָטערס פּנים. דערנאָך האָט זי באַקוקט אירע דאַמסקע שטיוועלעך, אירע וואָלענע זאָקן, וואָס האָבן זיך אַרויס־געוויקלט, איבערגעשאַרצטע פון די קאָלעוועס, און ווי נאָר די אויפשטענדלער האָבן געשטעלט דעם ערשטן טראָט צום אַרויסגאַנג, האָט דבורהס שטימע אַ צאַפּל געטאָן אין דער לופט:

— וואַרט צו! איך גיי מיט אייך!

ר׳ איטשקע האָט זיך אַ הויב געטאָן און צוריק אַראָפּגעזעצט. ער האָט גע־עפנט ס׳מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט נישט געקענט אַרויסברענ־גען קיין וואָרט.

— כ׳האָב מורא, אַז כ׳וועל דיך שוין נישט זען מער, — האָט ר׳ איטשקע געפּליסטירט. — דיין אַוועקגיין מאַכט נאָך פינצטערער מיין וועלט.

דבורה איז געבליבן אַ פאַרשטומטע. פון איר אָפן מויל האָבן זיך געריסן נישט־דעררעדטע ווערטער. אירע בליקן האָבן זיך איצט נישט געקענט ווענדן צום פּאָטער. דער אויסדרוק פון זיין פּנים, האָט זיך איר אויסגעוויזן, שטעלט אָפּ דעם גאַנג פון איר האַרץ. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט מיט אַ מינע, ווי אירע כוחות וואָלטן אויסגערונען.

— פאַרפאַלן. איך מוז דאָ בלייבן און וואַרטן אויפן טויט.

ר׳ איטשקע האָט זיך איינגעהערט אין אירע רייד. ער האָט אַ שטאַרקן ציי־טער געטאָן, אַקוראַט ווי ער וואָלט ערשט איצט דערפילט, אַז זיין טאָכטערס

ענטפּער מאַכט אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר יונג לעבן. איר נאָכגיביקייט האָט מער געווירקט אויף אים ווי איר פאַרלאַנג אַוועקצוגיין.

— וואָלט איך כאָטש געווען זיכער, אַז דיין לעבן דאָ איז ווייט פון סכנה? איך בין אָבער נישט זיכער. און ווער איז היינט יאָ זיכער? אפשר מיט מיין אָפּהאַלטן דיך קען איך גאָר ברענגען אַן אומגליק אויף דיין קאָפּ?

און הייבנדיק מיט די ברעמען אַרויף און אַראָפּ, האָט זיך ר׳ איטשקעס בליק אָפּגעשטעלט אויף זיין טאָכטער און ער האָט געפרעגט מיט געבעט:

— דבורהלע, דו וועסט כאָטש אַמאָל מיך קומען זען?

דבורה איז אַרויפגעפאַלן אויפן פאָטערס אַקסלען.

— דבורה! — האָט ר׳ איטשקע געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע,— גיי און נעם דיר אַרויס געלט! נעם דיר דאָס גאַנצע ביסל צירונג. איך ברויך שוין מער גאָרנישט.

דבורה איז געבליבן שטיין מיט פאַרטרערטע אויגן. זי האָט זיך ממש נישט געקענט רירן פון אָרט.

ר׳ איטשקע איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו זיינע וואַליזעס.

— גיב מיר די שליסלען! כ׳וועל דיר אַלץ אַוועקגעבן מיט מיינע אייגענע הענט. ראַטעווע דיך, דבורהלע, ראַטעווע דיך! — האָט ער זיך געקרעקט מיט זיינע רייד.

דבורה איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעכע. פון אירע ווי׳עס האָבן אַראָפּגעטריפט די לעצטע טרערן, וואָס זי האָט אין בונקער פאַרגאָסן.

באַלד האָט זי דערפילט איר פאָטערס קאָפּ אויף איר פנים. זי האָט פאַר־וואָרפן איר קאָפּ אויפן פאָטערס אַקסל.

— זיי געזונט טאַ...

און ווי נאָר זי האָט זיך דערווייטערט אויף איין טראָט, האָט זי ר׳ איטש־קע נאָכאַמאָל צוגעצויגן צו זיך און אויפסניי איר געגומען קושן. זיינע ליפן האָבן געציטערט אויף דבורהס פנים.

— זיי מצליח, מיין קינד! דבור־רה!

ר׳ איטשקע האָט זיך שווער אַראָפּגעזעצט און פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט געהערט ווי די בונקער־איינוווינער כוואַליען זיך מיט גערויש אַרום זיין טאָכטער און ווינטשן איר צו:

— זאָלסט ניצול ווערן פון זייערע הענט!

מיידלעך האָבן זיך מיט איר צעקושט, עפּעס געזאָגט, וואָס ר׳ איטשקע האָט נישט דערהערט. ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער גראָד באַמערקט ווי עטלעכע פרויען האָבן זיך פון זיין טאָכטער אָפּגערוקט מיט שרעק, גלייך ווי מיט איר אַוועקגיין וואָלט זי זיי אונטערגעשריבן אַ טויט־אורטייל.

בעת דבורה איז צוגעקומען צום פּאַרמאַסקירטן אַרויסגאַנג, האָט זי אויס־געדרייט איר קאָפּ צום פאָטער. איר בליק איז אַ ווײַלע געבליבן הענגען אין דער לופטן.

ר׳ איטשקע האָט אויפגעכאַפּט איר בליק, געגעבן אַן אינערלעכן ציטער. אויפגעהויבן אַ האַנט און זי שווער אַראָפּגעלאָזט. ער האָט אָנגעקוקט זײַנע טיש־זיצער און געזאָגט, ווי יעדעס וואָרט וואָלט אים אין דער קעל געשטיקט:

— ביים תנא ר׳ מאיר זענען צוויי קינדער אָפּגעשטאָרבן אין שבת, און ר׳ מאיר האָט נישט געוויינט.

זײַן קאָפּ איז גאַנץ האַסטיק אַרײַנגעפאַלן אין זײַנע צוויי צעעפנטע הענט.

קאַפּיטל נײַן

די ייִדישע קאָמענדאַנטור

אַ קאַלטער, סוף־חודשדיקער יאַנואַר־אָוונט.

אויפן אַש־גרויען הימל, געפּלעקט מיט טונקעלע כמאַרעס פון פאַרשידנ־פאַרמיקע וואָלקן־בערג, בלישטשען געציילטע שטערן. די הויכע, דריי־מעטערדי־קע געטאָ־מויער, ווענענס קאַנטן שניידן זיך שאַרף אַריין אין דער סומנער טונקלקייט, דערמאַנט אין אַ בית־עולם מיט צעשמעטערטע, איינגעגראָבענע און אויסגעריסענע מצבות פון באָדן.

די פּאָליצייאישע שעה האָט איצט איינגעשטילט די בהלה, די אומאויפ־הערלעכע געוואַלדן פון די געטאָ־ייִדן, וואָס ראַיען דאָ, פון פרי ביז בין־השמשות. מינוטנווייז ווערט נאָך די אַרויפגעצוווּנגענע שטילקייט, אפילו איצט, אויפגע־ריסן מיט פאַרצווייפלטע קולות פון די אסורי־הגעטאָ, — וואָס קריגן זיך איבער אַ שטיקל אייז־קאַלטן באָדן, אַוועקצולייגן דאָס פּעקל אויסגעמאַרעטע ביינער. זקנים, וואָס קענען מער נישט דערשטיין אויף די פיס, לאָזן זיך פאַר ענגשאַפט אַראָפּ, ווי אויסגעהוילטע זעק, פאַלן אַוועק אויף פרעמדע שלאָפנדיקע גע־שטאַלטן. קינדערישע געוויינען, פּישטשענדיקע ווי דערשטיקטע פייגל, דער־טראָגן זיך פון אויסגעהוילטע, פינצטערע חורבות. דאָס קינדערישע געוויין ווערט צוגעדושעט ווי אַ פלאַם. עס ווערט אַ רגע שטילער; אַ רגע — רוישיקער. דערנאָך ווערט אַלצדינג אַזוי שאַ־שטיל, ווי אָפּגעשטאָרבן.

פון אַ טייל רוינען, ווי שוואַרצע, הויקערדיקע בערג, רייסן זיך נאָך אַרויס בלוט־רויטע פייער־צונגען, וואָס לעקן אַ ווײַלע דעם אַרומיקן חשכות און לעשן זיך צוריק איין אין לעכער, ווי אָפענע חיהשע פּיסקעס.

אין אַנדערע שוואַרץ־פאַרסמאָליעטע חורבות טליען נאָך פונקען, וואָס ווערן פון צייט צו צייט אויפגעבלאָזן פונעם ווינט, פונאַנדערגעשאָטן איבער קופּעס אַנגעזענגטע מלבושים און פאַלן ערטערווייז אַריין אין צעלעכערטע טעפּ.

דאָ און דאָרט אויף שטיקער צעריסענע דעכער, וואָס זענען משופּעדיק געבליבן הענגען אויף איינגעפאַלענע ווענט, ווייסלען זיך פאַרהאַרטעוועטע שניי־שיכטן, אויף ווענענס פלאַך עס זענען פאַרבליבן פאַרטייעטע פאַרמען פון פיס־טריט.

די האַלב־צעריסענע געשטופּלטע געטאָ־גאַסן ליגן איצט אין חשכות און

שווייגן. אַ שווייגעניש פון אַ האַלב־צעפאַלענער שטאָט, וואָס האָט אונטער חור־בות באַגראָבן אַ טייל פון אירע איינוווינער, צוזאַמען מיטן ליכט וואָס האָט באַלויכטן זייער לעבן. פון דער צענויפגעגאָסענער פינצטערניש, הייבן זיך אַרויס קאַנטורן פון סקעלעטישע געביידעס. די אויסגעהוילטע, פיר־קאַנטיקע פענצ־טער־ראַמען, קוקן ווי אויסגערונענע אויגן אין דער שטומער נאַכט אַריין. אין אַ ראָג — אַ פאַראיינזאַמטער, אויסגעקרימטער לאַמטערן־סלופּ, ווי אַן אויסגעצ־לענקטער פוס. פון די אויסגעבראָזגעטע לאַמטערן־שויבן, קוקט אַרויס אַן אימה־דיקע, געדיכטע פינצטערניש. פון ערגעץ אַן אַראָפּגעזונקענער חורבה אין אַ טאָל אַריין, בילט אַרויס אַ פאַרלוירענער הונט. ווען־מען גערוואַי מאַכט אויפציטערן די שטיל־געוואָרענע געטאָ־שטאָט.

אויף פאַרוויסטע בולוואַרן ליגן אויסגעריסענעביימער. זייערע איבערגע־בראָכענע צווייגן ציטערן מיט די לעצטע בלעטלעך, בייגן זיך צו דער ערד, ווי זיי וואָלטן געזוכט זייערע שטאַמען.

בשכנות מיט דער געטאָ־מויער געפינט זיך אַ פּאַרק, וואָס געהערט איצט צו דער „אַרישער וועלט". די ביימער פון יענעם פּאַרק, באַגאָסן מיט פאַרביק ליכט פון העל־באַלויכטענע הייזער, בייגן אַריבער זייערע קרוינען־קעפּ אין גע־טאָ אַריין, ווי זיי וואָלטן געטרויערט נאָך זייערע ביימער־ברידער, וואָס זענען אַן אַ „פּאַרוואָס" אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען. די בענק אויף די אָפּ־געליידיקטע בולוואַרן ליגן מיט די פיס אין דער הויך.

פון צייט צו צייט רייסט אַ הילכיקער שאָס אויף די שטילקייט. אַ שטיק פייער קרייזלט זיך אַ רגע אין דער פינצטערניש און לעשט זיך אויס צוזאַמען מיט אַ לעבן.

פונדערווייטנס, פון יענער זייט געטאָ־מויער, דערטראָגן זיך אַהער מוזיק־טענער. אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פון טאַנצנדיקע טריט, פון שיכורע קולות און אַ צעלאַזן, הפקרדיק געלעכטער פון אויסגעלאַסענע פרויען.

***

דריי געשטאַלטן, ווי דריי שאָטנס שלייכן זיך ביי די ווענט. די צוויי גע־טאָ־קעמפער האַלטן נאָכאַנאַנד די פינגער אויף די צינגלעך פון זייערע ביקסן. זיי טראָגן זיך פאַרביי, ווי נאַכט־געשפּענסטער, טרעטנדיק איבער בערג מיסט, באַוואָרפן מיט אַ דורכגעלעכערטע טעפּ און טעפּלעך; איבער קופּעס צעמאַלן צעמורשטשעט גלאָזוואַרג; אָנגעזונקטע בעלקעס, צעשמעטערטע קינדער־וועגע־לעך און צעפליקטע שעניקעס.

דבורה שלעפּט זיך, אַ ציטערדיקע, נאָך די צוויי קעמפער, אַז זי זעט ממש נישט פאַר שרעק, וואָס אַרום איר קומט פאָר. זי פילט נאָר ווי די קאַלטע לופט

פרישט זי אויף, נאָכן אַרויסרייסן זיך פונעם פינצטערן בונקער, ווי זי וואָלט זיך געוואַשן מיט שניי.

ד'ערהערנדיק דעם אָפּהילך פון זעלנערישע שטיוול, האָבן זיך די אויפ־שטענדלער אָפּגעשטעלט ביי אַ וואַנט, צוציִענדיק דבורהן צו זיך. זיי האָבן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך איינגעהאָרכט. די זעלנערישע שטיוול האָבן געע־בלאַנדזשעט, אַמאָל רעכטס, אַמאָל לינקס. אַן עלעקטריש לעמפּל ווי אַ גרויס אויג, האָט געזוכט. באַלד האָט אַ שאָס געלעכערט די שטילקייט. אַ שטיק פייער האָט זיך אויסגעלאָשן אין אַ גריבל אָנגעפילט מיט שניי. אויף אַ רגע זענען די דריי פּנימער באַלויכטן געוואָרן ווי פון אַ בליץ.

— דערשנאַפּט? — האָט דער ערשטער קעמפער אַרויסגעפּליסטערט.

— אפשר איז עס גאָר אונדזערס אַ חבר? — האָט דער צווייטער שטיל גע־שעפּטשעט.

— ווייטער! — האָט דער ערשטער גענומען רירן פון אָרט.

— וווהין? — האָט דבורה זיי אַריינגעשושקעט אין די אויערן.

— שווייג! ש... ש... אין אונדזער קאָמענדאַנטור. — האָט זי אויפגע־כאַפּט אַ האַלדז־שטימע.

אַדורכשניידנדיק נאָך אַ צענדליק פינצטערע הייף, וויסטע חורבות מיט שטיקער שוואַרצע ווענט ווי מצבות, אַדורכקריכנדיק דורך אַ פּאַס אָן אַ דנאָ; דורך אַ האַלבן ליימענעם אויוון, וואָס האָט געפירט אין אַ קעלער אַריין, האָט זיך פאַר דבורהן אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט, וואָס האָט זיך אויך געפונען אין אַ בונקער, אָבער קוים ענלעך צו יענעם, וואָס זי האָט געהאַט נאָר־וואָס פאַרלאָזט.

באַלד ביים באַטרעטן דעם באָדן פון דער יידישער קאָמענדאַנטור, האָט זיך אין דבורהן דערוועקט אַ גלויבן, אַז איר לעבן געפינט זיך אין זיכערע הענט.

אַלע אָפּטיילונגען פון די גרעסערע און קלענערע, פעסט־געבויטע קעלער־שטובן אָן פענצטער, זענען געווען באַלויכטן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך און איבערגעצויגן מיט טונקל־בלוי פּאַפּיר.

אַ ווענטילאַטאָר האָט אין אַ ווינקל געשורעוועט און זיך אָפּגעשטעלט מיט דעם זעלבן ריטם ווי אַ פליגל פון אַ שמעטערלינג בעתן לעצטן צאַפּל.

די מוטיקע יידישע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן דאָ נערוועז אַרומ־געשפּאַנט, אַהין און צוריק, זענען אַלע געווען באַוואָפנט: ווער מיט אַ ביקס, ווער מיט אַ פּיסטאָלעט אויף אַ פּאַסיק, און געציילטע מיט אויטאָמאַטן.

דבורה האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ מבולבלדיקן בליק, נישט וויסנדיק אויף וואָס און וועמען פריער אָפּצושטעלן אירע אויגן. די מוטיקע געשטאַלטן דאָ, האָבן אין איר דערוועקט אַנדערע געפילן. זי האָט זיך איינגעקוקט ווי די געטאָ־קעמפער שפּאַנען דאָ אַרום, בונקער־איין בונקער־אויס, מיט איינגעבוי־

גענע גופים צוליבן נידעריקן סופיט; פונדעסטוועגן ליגט אין זייער טראָט עפּעס אַ פעסטע אַנטשלאָסנקייט. די פּנימער פון די אויפשטענדלער האָבן דבורהן דערמאָנט אין פאַרהאַרטעוועטע בראָנז־מאַסקעס באַגאָסן מיט שווייס. אויסגע־וויזן האָט זיך איר, אַז אַלע פּנימער פאַרמאָגן איין איינהייטלעכן כאַראַקטער־שטריך — פאַרביסנקייט, און פון זייערע אויגן קוקט אַרויס אַ פלאַם־פייער פון נקמה־דורשט.

זי האָט זיך דערטראַכט, קוקנדיק אויף די אויפשטענדלער, אַז די, וואָס פאַרזוכן דעם טעם פון נקמה, האָבן אַן אַנדערן אויסזען און נאָך מער אַנדערע געפילן ווי די געטאָ־יידן, וועמענס כאַראַקטעריסטישסטער שטריך איז די מורא, וואָס דערוואַרט דעם טויט. אַ מאָדנע קנאה־געפיל האָט זי באַהערשט; איבער־הויפּט צו די מיידלעך.

דאָס ניי־אַנטפּלעקטע בילד האָט אין איר אַריינגעזעצט אַ פרישע נשמה. זי האָט געפילט ווי עפּעס ברעכט זיך אין איר איבער. איבערראַשט און צעטומלט איז זי געבליבן שטיין און זיך איינגעקוקט: מען רייניקט געווער, מען פּרוווט־אויס אַ ביקס, אַ פּיסטאָלעט, מעטאַלענע צינגלעך קלינגען אין אירע אויערן. אַ גראַנאַט, צינד־פלעשלעך, גייען איבער פון האַנט צו האַנט. מען פּאַקט אין איי־לעניש איין באַנדאַזשן, רעצעפּטן צוזאַמען מיט קאָנסערוון־פּושקעס.

איר האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן.

קעמפער, גרייט צום אַרויסמאַרש, באַקומען באַפעלן, שטייענדיק אין אַ ראָד, אַרום זייערע קאָמאַנדירן. זי האָט נאָך נישט באַנומען וואָס דאָ קומט פאָר.

די צוויי אויפשטענדלער האָבן דבורהן נאָך אַ ווײַלע וואַרטן, אַריינגעפירט אין אַן אָפּגעזונדערטן בונקער, וואָס איז געווען געדיכט באַזעצט מיט גרופּן־קאָמאַנדירן, צו וועלכע מען איז נאָכאַנאַנד געקומען אָפּגעבן באַריכטן און אי־בערנעמען נייע באַפעלן. פון די אויפגעכאַפּטע רייד האָט זיך דבורה דערוווסט, אַז דאָ, אין דעם בונקער, פירט זיך אַ קליינע מלוכה. איין קאָמאַנדיר האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן, ווי לאַנג צו האַלטן אין דער בונקער־תפיסה די יידישע אַרעסטירטע, די מורדים אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל קיינעם נישט פריער באַפרייען, איידער די געפאָדערטע סומע פאַרן באַוואָפענונגס־פאָנד וועט ווערן איינגעצאָלט. אַ צווייטער האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן וועגן די פּוילישע רויבער־באַנדעס, וואָס זענען מיט געווער אין די הענט באַפאַלן די יידישע באַפעלקערונג פון געטאָ. אַ דריטער האָט באַפוילן צוצונע־מען דאָס גאַנצע געבעקס און מעל פון די בעקערס, וואָס האָבן זיך נישט גע־וואָלט צופּאַסן צו די פאַראָרדענונגען פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

דער בונקער איז פול געווען מיט געטומל און באַוועגונג. די ענערגישע

בחורים פון „עקזעקוציע־רעסאָרט” האָבן אַלע ווײלע געבראַכט פרישע ידיעות און אַוועק מיט באַפעלן.

דבורהן האָט מען צוגעפירט צו אַ גרויסן טיש, באַוואָרפן מיט שטויסן אַרכיוון און מיט העקטאָגראַפישע, אומלעגאַלע צײטונגען. אויפן טיש האָט געברענט אַ ביוראָווע, עלעקטרישע לאָמפּ, באַשירעמט מיט אַ גרינעם אַבאַזשור, אַ שרײב־מאַשינקע מיט אַן אָנגעהויבענעם אויפרוף, אַ פּיסטאָלעט אויף אַ דײטש־פּוילישן ווערטערבוך.

בײם טיש איז געזעסן דער גרופּן־קאָמאַנדיר, שלמה שפּערלינג. אַ נידעריקער, קרעפּטיקער בחור פון אַ יאָר דרײסיק. זײן קאָפּ איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ שוואַרצן באַנדאַזש. פונעם באַנדאַזש האָט זיך, אויפן שטערן, אַרויסגעפּלאָנטערט אַ בינטל האָר פון אַ געדיכטער, שוואַרצער טשופּרינע. זײנע קינען, ווי צוויי נאַקעטע ביינער, איבערגעצויגן מיט הויט, האָבן נערוועז געצוקט אויף זײנע באַקן, באַוואַקסן מיט אַ שוואַרצן מעך פון עטלעכע טעג. אויף דער קלאַפּע פון זײן צעקנײטשטער מאַרינאַרקע, האָט זיך געמערקט אַ טרומפּעלדאָר־זשעטאָנטשיק אין אַ גאָלד־קאָליריק רעמעלע. ער האָט באַטראַכט אַ צײכענונג פון געטאָ. אָט האָט זיך זײן בלײער אָפּגעשטעלט בײ דעם פּונקט און אָט בײ אַן אַנדערן פּונקט.

איין אויפשטענדלער האָט פאַר שפּערלינגען אַוועקגעלייגט די ליסטע; דער צווייטער — דאָס געלט, און געמאָלדן:

— קאָמאַנדיר שפּערלינג, אײנקאַסירט בײ איטשקע הערצבערג.

דער קאָמאַנדיר האָט געכאַפּט אַ בליק אויף די צוויי קעמפער, איבערגעציילט דאָס געלט, אויסגעשטראָכן אַ נאָמען אין דער ליסטע און באַמערקנדיק דבורהן, געפרעגט:

— ווער איז דאָס מיידל?

— הערצבערגס טאָכטער. זי איז געקומען זיך אָנשליסן אין אונדזער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

— גוט. גייט צוריק אויף אײערע פּאָסטנס!

— זעץ דיך! — האָט דער קאָמאַנדיר אָנגעוויזן דבורהן אַ טאַבורעטקעלע און זיך ווידער פאַרטיפט אין דער געטאָ־צייכענונג.

דבורה האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעזעצט, קוקנדיק אויפן קאָמאַנדירס פּנים, וואָס האָט איצט אויסגעזען רויִק און קאַלטבלוטיק. איר האַרץ האָט זיך געוואָרפן הינטער איר ברוסט. זי האָט געפילט, אַז עפּעס דערנענטערט זיך, וואָס וועט איר פעסטן כאַראַקטער אינגאַנצן דאַרפן איבערשמידן. זי האָט זיך געפילט ווי פאַר אַ גײסטיקער אָפּעראַציע, וואָס וועט פון איר אויסשניידן די מיידלשע צאַרטקייט, איר היסטעריע־אָנפאַלן בײם דערזען אַ טראָפּן בלוט. „ווען איך פאַקטיש קענען

מאָרדן, אַפילו אַ שונא?״ און דוד? איז ער דען ניט געווען אַזוי סענטימענטאַל ווי איך? „און אַנדערע מיידלעך?״ „הייסט עס, אַז דער פאַרביסענער געפיל פון נקמה שאַפט שוין דעם נייעם כוח, וואָס מיר באַזיצן נישט אין אַ נאָרמאַלער צייט״. „און אפשר בין איך גאָרנישט פעיק דערצו?״ — האָט דער צווייפל האַסטיקער געמאַכט דעם ריטם פון איר קלאַפּעדיק האַרץ.

מיטאַמאָל האָבן זיך באַוויזן צוויי יונגעלייט אין דייטשע מונדירן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צום קאָמאַנדיר שפּערלינגס טיש. איידער דבורה האָט באַוויזן פון זיי צו דערהערן אַ יידיש וואָרט, האָט זי אין זיי געזען צוויי נאַציס און האָט אויפגעציטערט.

— קאָמאַנדיר שפּערלינג, — האָט איינער געמאָלדן — אויף דיין באַפעל האָבן מיר באַזוכט אונדזער לאַבאָראַטאָריע. די אַרבעט גייט אָן פיבערהאַפט. מער מסירת־נפש קען מען פון אונדזערע אינזשעניערן נישט פאָדערן. באַזונדערס רירנ־דיק איז דעם היסטאָריקערס יינגל נתן, וואָס קריכט אַ הונגעריקער אַרום אויף אַלע הייף און מיסט־קאַסטנס צונויפקלייבן פלעשלעך פאַר אונדזער לאַבאָראַ־טאָריע.

— אויסגעצייכנט! — האָט שפּערלינג געשמייכלט. און פאַר צופרידנקייט זיך געוויגט אויפן שטול. — ביי אַ געלעגנהייט שיקט מיר אַריין נתנען! מאַכט אייך גרייט אַרויסצוגיין אויספירן אַן אַקציע!

שפּערלינג האָט עפּעס נאַטירט. אַ ווײַלע זיך געריבן אַ פאַרבאַנדאַזשירטע שלייף. דערנאָך האָט ער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, איבערפירנדיק די גילזע, אַמאָל צום רעכטן מויל־ווינקל, אַמאָל צום לינקן. אַ וואָלקנדל רויך האָט, ווי מיט אַ בלוילעכן טיול איבערגעצויגן זיין שוואַרצן באַנדאַזש. באַלד האָט ער זיינע אויגן אָפּגעשטעלט אויף דבורהן.

ער האָט זי לאַנג באַטראַכט, פּונקט ווי ער וואָלט זי ערשט איצט צום ערשטן מאָל דערזען. איר שיינקייט האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ דינעם ציטער. ער האָט זיך אויפגעמאַכט דאָס האָלדז־קנעפּל און אַריינגעקוקט אין אירע גרויסע בלוי־גרינע אויגן וואָס האָבן אינערלעך געטרויערט און אויסערלעך געלאַכט מיט אַ יוגנט־קראַפט. ער האָט זיך פאַרקוקט אויף איר קאַראַקול מענטעלע, אויפן באָר־דאַ קאַפּ־טיכל, פאַרשלייפט אין האַלדז אַריין מיט אַ דין שלייפעלע. אירע צוויי שורות קאַנטיקע פערל־ציין, האָבן פאַר אים אַ בליץ געטאָן. איר צוריקגעהאַל־טענער שמייכל וואָס וואָלט אים אין אַ נאָרמאַלער צייט באַצויבערט, האָט אים איצט אַ שטאַרקן שלאָג געטאָן אין האַרצן אַריין.

נאָך אַ ווײַלע שוויגן האָט שפּערלינג געפרעגט:

— ווי הייסטו?

— דבורה הערצבערג.

— האָסט עפּעס באַקאַנטע אין אונדזער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע?
— דוד ראָזענבלום.
— המ... דוד... זייער גוט זאָג מיר, דבורה! — האָט דער קאָמאַנדיר געפּויקט מיטן בלייער אויפן טיש. — פּאַרוואָס ביסטו עפּעס אַ פאַרשפּעטיקטע?

אַ רגע האָט די פראַגע דבורהן צעטומלט. פלאַמען האָבן אַרויסגעשלאָגן אויף אירע בלייכע באַקן. דעם קאָמאַנדירס פראַגע האָט אין אירע אויערן געקלונגען ווי אַ באַשולדיקונג. בעת זי האָט זיך באַהערשט, האָט זי געענטפערט, נישט קוקנדיק דעם קאָמאַנדיר אין די אויגן אַריין:

— מיר איז געווען שווער זיך צו שיידן מיט מיין פאָטער אין בונקער. מיין מוטער האָב איך פאַרלוירן באַלד נאָכן ערשטן אויפשטאַנד, בעת אונדזערס אַן אייגן הויז איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט נקמה־פלאַמען פון אַ דייטשער באַמבאַרדירונג. איך בין געבליבן מיין פאָטערס איינציקע טרייסט.

— המ... — האָט דער קאָמאַנדיר פאַרביסן די ליפּן און זיך איינגעהערט אין דבורהס קלינגענדיקער שטימע — און ווי אַזוי האָסטו זיך פאָרט צעשיידט מיט דיין פאָטער?

— עס איז אין מיר פאַרגעקומען אַן איבערברוך. איך האָב זיך דערטראַכט, זיצנדיק אין בונקער, אַז אין איצטיקן מאָמענט דאַרף מען דעם כבוד פון אונדזער פאָלק שטעלן העכער ווי דאָס פּערזענלעכע לעבן.

— אויף דעם האָב איך געוואַרט! — האָט דער קאָמאַנדיר אויסגערופן מיט אַ שמייכל. — אויף דיין פּנים מאַלט זיך אַ שרעק. דבורה. נעם אַלץ אויף רויק! דו ביסט נישט מער אַליין, נאָר אַ טייל פון אונדזער כוח, צונויפגעגאָסן פון אַלע ריכטונגען.

ביי די ווערטער האָט דבורה אַרויסגענומען פון איר האַנט־בייטל אַ גרין פּליושן שאַכטעלע און עס אָוועקגעלייגט פאַרן קאָמאַנדיר.

— וואָס איז דאָס?

— אַביסל צירונג, וואָס מיין פאָטער האָט מיר מיטגעגעבן, אויסצולייזן מיין לעבן בשעת סכנה. איך פיל עפּעס נישט מער קיין שום סכנה, זינט איך האָב דאָ באַטראָטן דעם באָדן... נעמט עס צו! מיר וועלן אויף דער „אַרישער זייט" פאַר דעם קענען איינקויפן געווער.

דער קאָמאַנדיר איז געבליבן זיצן אַן אַנטשוויגענער. ער האָט דבורהן לאַנג אָנגעקוקט... איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט אין זיין אויג געזען פינקלען אַ טרער...

— גוט! — האָט דער קאָמאַנדיר אַ זאָג געטאָן. — פון דעם צירונג וועט ווערן געווער... דו האָסט אַזוי אָרום באַלד ביים אָנהייב אויסגעפירט אַ נקמה־אַקט... אַ שאָד וואָס מ׳מוז אַמאָל אויסנוצן אַ קויל קעגן אַ ייִדן...

— וואָ־עס?...

— כ׳מיין אונדזערע פאַרקויפטע נשמות צום טייוול. דער דראַנג לעבן צו בלייבן.

— ס׳איז גענוג טרויעריק... — האָט דבורה פאַרביסן די ליפּן.

אין דער רגע האָט דער קאָמאַנדיר אַרויסגעצויגן פון צירונג־שאַכטעלע אַ שנור פּערל. ער איז געבליבן זיצן מיט דער לינקער האַנט אויפן שטערן...

דבורה האָט אַ ציטער געטאָן... די שנור פּערל האָט אַרויסגערופן אין איר זכרון דאָס געשטאַלט פון איר מוטער... זי האָט דערהערט אַ שטימע: „די פּערל, מיין קינד, האָב איך נאָר געטראָגן אין די שבתים און ימים־טובים... גלויבסטו דבורהשע, אַז מיר וועלן ווידער אַמאָל האָבן שיינע שבתים און פריילעכע ימים־טובים?״...

דבורהס טאַבורעטקע האָט זיך אַ רוק געטאָן הינטערווייילעכץ...

דער קאָמאַנדיר האָט זי אָנגעקוקט.

— דאָס רינגל וואָלט איך צוריק געבעטן... — האָט דבורה ווי פאַרשעמט געזאָגט.

— צו וואָס?

— כ׳וויל עס... שענקען דודן... זאָל ער אויף אַ רגע האָבן אַן אילוזיע... מיר האָבן זיך צוריקגעפונען אין אַ... זאָל זיך אים אויף איין מינוט דאַכטן... אפשר דויערט בכלל דאָס מענטשלעכע גליק נאָר איין מינוט?... כ׳וועל אים דאָס רינגל שענקען סימבאָליש... ער וועט עס סיי־ווי אָוועקגעבן פאַרן באַוואָפענונגס־פאָנד.

די מוסקולן פון קאָמאַנדירס פּנים האָבן גענומען צוקן... ער האָט ווידער פאַרדרייכערט אַ פּאַפּיראָס איבערפירנדיק די גילזע פון רעכטן מויל־ווינקל צום לינקן. ביים אַרויסהויכן דאָס ערשטע וואָלקנדל רויך, האָט ער זיינע ליפּן פאַר־מירט ווי אַ שוואָמען־שירעמל. ער האָט דבורהן דערלאַנגט דאָס רינגל, האַלטנדיק אַ ווייילע איר קאַלטע האַנט צווישן זיינע קראַמהאַפטע פינגער.

— כ׳האָב שוין לאַנג נישט געהערט אַזעלכע צאַרטע רייד... — האָט ער אויפסניי אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף דבורהן.

דבורה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

דער קאָמאַנדיר האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך באַטראַכט נאָר דיין אַרישן אויסזען...

דבורה האָט זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן...

דער קאָמאַנדיר האָט איילנדיק פאַרשריבן דבורהס נאָמען אין אַ ליסטע, אויפגעשטעלט זיך און געזאָגט:

— קום, דבורה! איצט וועל איך דיר איבערגעבן אונדזער אויפזעערין כאַנטשע.

אָבער ווי נאָר זיי זענען אַרויס פון בונקער, האָבן זייביידע דערפילט ווי עפּעס אַ געשטאַלט שלייכט זיך צו זיי אַהער... דבורה האָט זיך אָן איבערגע־שראָקענע צוגעטוליעט צום קאָמאַנדיר וואָס האָט מיט דער לינקער האַנט אָנגע־שטעלט זיין טאַשן־לעמפּל; און מיט דער רעכטער — זיין פּיסטאָלעט.

— ברוך הבא, ד״ר פרידלאַנד! — האָט ער אַ דערפרייטער אויסגערופן. — שלום, שלום! איר האָט געוויס געבערענגט די קאָרעקטורן פון נייעם אויפרוף.

— אַוודאי, אַוודאי. גאָט מיינער! ווּעמען זע איך דאָ?! — איז ד״ר פריד־לאַנד צוגעפאַלן צו דבורהן און פאַר פרייד גענומען קושן אירע הענט.

— ווו געפינט זיך דער פעטער מנחם? — האָבן דבורהן גענומען שטיקן טרערן.

— מנחם? ער האָט אַ שטוב... אָבער פאַר שרעק וווינט ער אויפן בוידעם... ער שרייבט אַרטיקלען פאַר אונדזערע ביולעטינען. ער איז אַרומגערינגלט מיט געטרייע חברים און חברות, כ׳וועל האָבן צייט וועל איך דיך אַהינפירן. איצט אַנטשולדיק מיר, דבורהלע, כ׳דאַרף...

— איר קענט זיך? — האָט דער קאָמאַנדיר געפרעגט.

— אָבער מיר קענען זיך? — האָט ד״ר פרידלאַנד אַרויסגעזיפצט — זי איז דאָך מנחם מרגליותעס אַ פּלימעניצע. איך האָב מער קיין צייט נישט. זייַ מיר געזונט און שטאַרק, דבורה, כ׳וועל גלייך דיין פעטער אָפּגעבן אַ גרוס. שלום!

— אַזוי גאָר, דו קענסט ד״ר פרידלאַנד? דער דיכטער מנחם מרגליות איז דיין פעטער? דו ביסט שוין אַביסל צו באַשיידן. — האָט דער קאָמאַנדיר דבורהן גענומען פירן אין די קוים־באַלויכטענע, געשלענגלטע לאַבירינטן. — זע ווי כ׳פיר דיך! געדענק דעם וועג צוריק.

— כ׳וואָלט שוין געוואָלט זיין אין קאַמף! כ׳שעם זיך...

— דו ביסט שוין אין קאַמף, דבורה. דאָס שטיקל געווער אין האַנט מאַכט נישט דעם קעמפער, נאָר דער געפיל. דער עיקר דו דאַרפסט זיך צוגעוווינען צו אונדזער דיסציפּלין.

— כ׳וואָלט שוין געוואָלט עפּעס טאָן!

— דו וועסט דיך דערווייל אַביסל אָפּגעבן מיט די פאַרוווּנדעטע. די מייד־לעך וואָס זענען שוין אין קאַמף, קענען מער נישט זיין צערטלעך. אָט איז כאַנטשע. שפּערלינג האָט פאָרגעשטעלט דבורהן, איבערגעלאָזט אַ באַפעל און איז אַוועק.

***

כאַנטשע איז געווען אַן אַרבעטער־פרוי אין די פעריקער יאָרן. זי האָט איצט געטראָגן אַ ווייסע שירץ געפלעקט און אויסגעשמירט מיט סאַדזשע. אויפן קאָפּ — אַ שוואַרץ געהעקלט טיכל. איר אויסגעמוטשעט געל־וואַקסן פּנים איז

געווען צעאַקערט פון טיפע קאַרבן. די עכטע פאַרבן פון אירע באַקן האָט זי שוין לאַנג געהאַט איבערגעלאָזט אין די זאַקן־פאַבריקן, ווו זי האָט פון קינדווייז אָן געאַרבעט. אירע גרויע אויגן האָבן נאָכאַנאַנד געפינטלט הינטער אַ פּאָר מאָ־דערנע ברילן־גלעזער.

אַ מינוט האָט כאַנטשע אָנגעקוקט דבורהן אַ שווייגנדיקע. באַלד איז זי אַרויפגעפאַלן אויף דעם מיידל און זי גענומען אויסקושן.

— אַז איך זע וועמען קומען, און ווער שמועסט נאָך אַ יונג מיידל, ווייִנט אין מיר ס׳האַרץ... — האָט כאַנטשע געזאָגט און צוויי טראָפּנס האָבן באַנעצט אירע ברילן־גלעזער. — ס׳וואָלט שוין געווען די העכסטע צייט אַז צו אונדזער חורבן... דו הייסט דבורה?

— יאָ.

— טאָ קום מיין קינד! דו ביסט דאָך הונגעריק... דו וועסט זיך אָרומוואַשן, אָפּעסן און זיך לייגן שלאָפן.

נאָך אַ ווײַלע האָט כאַנטשע אַריינגעפירט דבורהן אין קליין בונקערל. אַ טונקל־בלוי עלעקטריש לעמפּל האָט קוים־קוים באַלויכטן די פינצטערע ערדישע ווענט, געדיכט באַהאָנגען מיט האַנטעכער און מיט פאַרשיידנפאַרביקע פרויען־קליידער. דער באָדן איז געווען באַלייגט מיט אַלטע ברעטער און טירן פון פאַר־ניכטעטע היימען. אויף די ברעטער זענען אַזוי געדיכט ווי אין אַ קאַזאַרמע געווען אויסגעלייגט שטרוי־זעק באַדעקט מיט קאָלדרעס: פּליושענע, מיליטערישע און פּראָסטע שטיקער פון געשטרייפטע דערעס, גלייך ווי ער וואָלט זיי אָקאָרשט אַראָפּגעצויגן פון פערדישע ביאָדרעס. אין אַ ווינקל — אויפגעשטאָפּלטע טאָבו־רעטקעס, צוזאַמענגעקלאַפּטע פון האַלב פאַרברענטע לייסטלעך.

— דאָס וועט זיין דיין געלעגער! — האָט כאַנטשע אָנגעוויזן אויף אַ שע־ניק ביי דער וואַנט. — די נאַכט וועסטו שלאָפן אַליין ווי אַ פּריצה; מאָרגן — מיט נאָך אַ קעמפערין.

דבורה האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט אויף איר געלעגער. איר בליק האָט עפּעס אַרומגעזוכט אויף די ווענט...

— כ׳האָב שוין באַלד פאַרגעסן ווי ס׳זעט אויס אַ פענצטער... אַפילו פאַר־ברעכער האָבן תפיסות מיט פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך... ס׳פאַלט אַמאָל אַריין אַ שטראַל...

— יאָ, יאָ! — האָט כאַנטשע פאַרבראָכן די הענט. — דער איבערגאַנג קומט אָן שווער...

— ס׳איז נישט קיין איבערגאַנג, נאָר אַן אַראָפּגאַנג...

— זיי נישט פאַרצווייפלט!...

— אַ קעמפערין מוז זיין מוטיק... דו מוזסט גלייבן אין דיין שליחות...

דבורה האָט זיך איינגעהערט אין כאַנטשעס רייד. זי האָט גענומען באַ־קוקן אירע הענט מיט די לאַנגע פּיאַנאָ־פינגער. אין איר מוח האָט עפּעס גענומעז זשומען... איר קאָפּ איז שווער אַוועקגעפאַלן אויפן שטרויזאַק.

— לייג דיך נאָך נישט, דבורה! רוק דיר צו אַ טאַבורעטקעלע! וועסט פּריער אָפּעסן.

דבורה האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגענומען פון איר געפּעק אַ ווייסן סערוועט און אים אויסגעשפּרייט אויפן פאַרבלוטיקטן טאַבורעטקעלע. זי האָט זיך מיטאַמאָל ממש דערפילט ווי אַ פרעמדע ביי זיך גופא... זי האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס זי שטעלט איצט מיט זיך פאָר... זי איז נישט קיין קעמפערין און זי געהער אויך נישט מער צו די פאַרשטעקטע לעבעדיקע מתים אין קברים... זי איז עפּעס, האָט זי זיך געשאַפן אַ בילד, ווי אַ שוועבנדיק פייגעלע אין דער לופט וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ברענענדיקער חורבה... זי האָט געהערט ווי די טיר האָט זיך געעפנט און כאַנטשע איז אַריינגעקומען מיט אַ שיסל אין די הענט. אַ פאַרעלע האָט זיך גענומען צעקרייזלען אין דער טונקעלער בונקער־לופט. אויסגעדאַכט האָט זיך דבורהן, אַז זי איז שוין אַזוי ווייט פאַרביטערט, אַז זי וואָלט זיך איצט לחלוטין נישט געקענט צורירן אַפילו צום בעסטן עסן... אָבער ווי נאָר די בלעכענע שיסל האָט אַ קלונג געטאָן אויף איר טאַבורעטקעלע, האָט אַן אומנאָרמאַלער הונגער אין איר אויפגעוואַכט. כאַנטשע איז געבליבן שטיין מיט די הענט אויף די באַקעס און האָט זיך איינגעקוקט ווי דבורה לעקט אַרום דעם לעפל.

— כ׳וועל דיר באַלד געבן אַ ראַציע ברויט. אויב דו האָסט דערצו געגנוי כוח, באַהאַלט זי בעסער אויף מאָרגן!

— איר האָט דאָ ברויט?

— טייל בעקערס זענען זיך פאַר אונדז ממש מקריב. אַ קליינע צאָל האָלט בעסער פון „שוואַרצן מאַרק״.

— איך דאַנק אייך כאַנטשע!

— דאָ דוצט מען זיך, דבורה.

— דאַנק איך דיר! — האָט זי פונדעסטוועגן אַרויסגעלאַכט.

— וואָלסט געגעסן נאָך אַביסל זופּ?

— כ׳וויל נישט צונעמען קיינעמס ראַציע.

— וועסט נישט צונעמען... ס׳פעלן צוויי חברים... און טייל פאַרוווּנדעטע קענען נעבעך גאָרנישט אַראָפּברענגען.

דבורה האָט אויפגעשווידערט און זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט.

— ווו לויפסטו?

— פיר מיר אין שפּיטאַלנע בונקער! אפשר באַקאַנטע?...

קאַפּיטל צען

דער שפּיטאַלנע בונקער

דער בונקער איז געווען לאַנג און שמאָל. דאָס לעמפּל האָט דאָ עפּעס גע־ווירקט ווי אַ חלבֿ־ליכט ביי אַ גוסס צוקאָפּנס... די שטילקייט האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג פון סכנת־נפשות... אין דער לופט האָבן זיך געהערט שאַרפע ריחות פון אויפגעפּראַפּטע רעצעפּטן־פלעשלעך, פון אַלע ווינקעלעך האָבן אַרויסגעקוקט גרויסע פייכטע אויגן מיט משונהדיקע אויפגעריסענע בליקן... יונגע בחורים און מיידלעך זענען דאָ געלעגן, האַלבלעך פאַרווישט פון דער טונקלקייט, אין פאַר־שיידענע קרענקלעכע פּאָזעס. אַלע צוזאַמען האָבן געווירקט ווי אַ גרופּן־בילד אויף אַ שוואַרצן פאָן...

ביי דבֿורהס אַריינקומען האָט זיך דאָס גרופּן־בילד אַ ריר געטאָן... די אויגן פון די פאַרוווּנדעטע האָבן זיך אין דבֿורהן ווי אַריינגעשטאָכן... אויף זייערע פּנימער האָט זיך געגומען מאָלן אַ פאַרלאַנג צו הערן איר קול וואָס זאָל עפּעס אָנזאָגן אַ פריידיקע בשורה...

דבֿורה איז מיט געהאַמעוועטע טריט צוגעגאַנגען צו אַ שטרויזאַק פון אַ מיידל. דער קעמפּערינס קאָפּ איז געווען אַזוי ווייט באַנדאַזשירט אַז מ׳האָט איר נישט מער אַרויסגעזען ווי אירע פייכטע קאַרשן־אויגן און אַ דין פיין־געשניצט נעזל.

דבֿורה האָט דעם מיידל אַ גלעט געטאָן און געפרעגט:

— וואָס מאַכסטו?

— כ׳ליג און וואַרט אויף אַ גוטער ידיעה... דו ביסט דאָך, זע איך, אַ פריי־שע — האָט די אויפשטענדלערין דבֿורהן באַטראַכט מיט נייגעריקייט... — ביסט געקומען מיך פאַרטרעטן?... ווי הייסטו?

— דבֿורה.

— דבֿורה?! — האָט זיך דער באַנדאַזשירטער קאָפּ אַ הייב געטאָן און איז שווער צוריקגעפאַלן. — מיין נאָמען... אויב איך שטאַרב, וועסטו נעמען מיין ביקס...

אַ קאַלטער ציטער איז אַדורך איבער דבֿורהס לייב...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן! עס וואַרט אויף דיר אַ גליקלעכע צוקונפט... דער ווינטער וועט אַוועק... דער פרילינג וועט קומען... דו ווילסט זען ווי איך ווער

פאַרוואַנדלט אין אַ ווייסער שוואַן און שווים, טונק זיך אונטער און קום ווידער אַרויף אויף דער אויבערפלאַך מיט אַ כולדער־כולדער... — האָט דבורה געגומען נאָכמאַכן אַ שווימענדיקן שוואַן.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך אין איר איינגעגעסן. דאָ און דאָרט האָט זיך באַוויזן אַ שוואַכער שמייכל אויף בחורישע ליפּן.

— ס'ועט קומען פרילינג זאָגסטו? — האָט דאָס באַנדאַזשירטע מיידל אי־בערגעפרעגט — אפשר?... אָבער ווער וועט דאָס דערלעבן?... — איז דער לעצ־טער שאָרך ווי אָפּגעשטאָרבן אויף אירע ליפּן.

דבורה איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, שטום... אירע אויגן אָנגעגאָסן מיט טרויער האָבן לאַנג געשוועבט אויף דעם פאַרוווּנדעטן מיידל. און בעת די פאַרוווּנדעטע האָט פאַר שוואַכקייט לאַנגזאַם, פּאַוואָלינקע פאַרמאַכט אירע ווי־עס, האָט זי זיך מיט אַ וואַקלדיקן טראָט אַוועקגעשלייכט פון איר געלעגער.

כאַנטשע איז איר נאָכגעגאַנגען און האָט שטיל געזאָגט:

— האָסט געמיינט אַז דו האָסט שוין אַלצדינג געזען?...

—כ'ווייס — האָט דבורה ווי פון עפּעס נאָכגעיאָגט געגומען פאַרביישפּרייזן עטלעכע געלעגערס. אויגן פון פאַרוווּנדעטע האָבן איר נאָכגעקוקט. זיי האָבן זיך שטומערהייט געמאָנט אַ טרייסט־וואָרט.

דבורה האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ שטרויזאַק פון אַ יונגן בחור. אַ קאָפּ געדיכטע בלאָנדע האָר איז געלעגן אַ צעשויבערטער אויף אַ ברודיק קישעלע. אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן האָבן זי מיט איבעראַשונג אָנגעקוקט. אַ דינער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אַ פּאָר מאַטע ליפּן.

דער פאַרוווּנדעטער האָט אַמאָל־צוויי געפּרוווט אויפהייבן זיין קאָפּ, אונטער־האַלטנדיק אים מיטביידע הענט.

— צעבראָכן דעם רעכטן פוס — האָט כאַנטשע אַריינגעשושקעט אין דבורהס אויער.

דבורה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ראַנד פון שטרויזאַק און צאַרט־צערט־לעך געגומען גלעטן דעם פאַרוווּנדעטנס פּנים.

דער קעמפער האָט ברייטער פאַנאַנדערגעעפנט זיינע אויגן און אַ פריידיקן צאַפּל־געטאָן.

— דערצייל מיר עפּעס, שיינע שטראַלנדיקע שוועסטער! כ'בין שוין די צווייטע וואָך נישט אין קאַמף. אפשר געהערט אַ געהיימע ראַדיאָ? וואָס הערט זיך אויפן מזרח־פראָנט?

— כ'קום פון אַ בונקער. — האָט דבורה געזאָגט.

פּלוצלינג האָט זיך דער קעמפער אין עפּעס דערמאָנט. ער האָט אויסגע־שטרעקט זיין האַנט.

— נעם דאָ דעם ביולעטין, שוועסטער מיינע! כ׳קען זיך נישט אויפזעצן. אפשר איז דאָ פאַראַן אַ גוטע בשורה? אויב נישט, זאָג באַדיי אַ ליגן, אַבי דערפריי אונדזערע הערצער! מיר ליגן דאָ אין טאָפּלטע יסורים, מאָראַלישע און פיזישע. דאָס וואָס איז איצט נאָך אַ ליגן, קען דאָך מאָרגן זיין אמת.

דבורה האָט אַ כאַפּ־געטאָן דעם ביולעטין „דאָס פרייע וואָרט" און זיך איינגעקוקט אין דער צייכענונג אויפן שערבלאַט.

— לייען הויך! — איז אַדורך אַ געמורמל. און פון אַלע זייטן האָבן אויף איר געקוקט צעגליטע, נייגעריקע אויגן.

דער פאַקט וואָס די נאַצישע וואַנדאַלן האָבן זיך אַנגעהויבן רעכענען מיט אונדזערע קאַמפּס־גרופּן, האָט אַריינגעבראַכט אַן אויפהייטערונג אין אונדזערע רייען. זיי ווילן שוין מיט אונדז אונטערהאַנדלען, גלייבנדיק אַז יעדער איינער פון אונדז איז גרייט אָוועקצולייגן דאָס געוועזער פאַר אַ פאַלשער האָפענונג: יע־דער איז גרייט זיך אויסצוקויפן דאָס לעבן פאַרן פרייז פון פאַראַטן דעם אָנדענק פון די טויזנטער אומשולדיקע לעבנס וואָס דער היטלעריזם האָט פאַרניכטעט אין די געטאָס און טויט־לאַגערן.

ניין, טויזנט מאָל ניין!

— ניין! — האָט זיך פון די פאַרוואונדעטעס מיילער אַרויסגעריסן אַ געשריי.

— מיר וועלן דאָס געוועזער ביזן לעצטן אָטעם־הויך נישט אָוועקלייגן! — האָט דבורהס שטימע אָפּגעקלונגען. — יעדער טראָפּן בלוט אויפן ברוק; יעדעס בערגעלע אַש פון פאַרברענטע ייִדישע הייזער; אַלע קולות פון פאַרשטומטע קינדער שרייען ווי אַ וויינענדיקער ווינט וואָס שטילט זיך נישט איין. די קולות מאָנען נקמה פאַר זייערע נישט־דערלעבטע לעבנס, פאַר זייערע פאַרשניטענע פריילינגס. די נשמות פון אונדזערע מתים אָן קברים, שוועבן אַרום איבער אונדזערע תהומות און פאָדערן אונדז אויף צום קאַמף. מיר שווערן, אויסצופירן זייער צוואה ביז דער לעצטער לעצטער פון אונדז וועט פאַלן אין קאַמף.

— מיר שווערן! — איז אַדורך אַ געמורמל איבערן שפּיטאַלנע בונקער.

דבורה איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט זיך מיט צוויי פינגער אויסגעווישט די אויגן, אַרומגעקוקט זיך און דער זען דורשטיקע בליקן וואָס האָבן זיך נאָך עפּעס געמאָנט.

גרויסע געשעענישן אויפן מזרח־פראָנט — איז איר שטימע געוואָרן מילדער.

— דער רוסישער העפטיקער אָנגריף ביי דער וואָלגאָ און דאָן האָט די דייטשע חיילות געצוווּנגען זיך צוריקצוציִען פון אַ גאַנצע ריי פאַרנומענע געביטן. ווי פאַרסמטע מייז אויף אַלע פיר זענען זיי מאַסנווייז געלאָפן און געפאַלן. טויזנטער דייטשע סאָלדאַטן און צווישן זיי אייניקע גענעראַלן, זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. די אַנטלאָפענע זענען אויפן וועג באַגעגנט געוואָרן פון גרעסערע

מחנות פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן די דייטשע חיילות באַגעגנט מיט אַ האָגל פון פייער.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָט דבורה געהערט אויסרופן פון אַלע זייטן. און די פאַרוווּנדעטע וואָס האָבן נאָך געקענט זיך באַוועגן האָבן פאַר פרייד געוואָרפן די קאָפּ־קישעלעך אין דער לופטן. די אַנטשוויגענע קעמפער זענען מיטאַמאָל געוואָרן רעדעוודיק. זייערע געקרעפּטיקטע קולות האָבן גענומען רוישן מיט אַ ניי־דערוואַכטן ווילן צום לעבן. זייערע האַלב־טויטע הענט האָבן לעבהאַפט גענומען אַפּלאָדירן.

דבורהס בליקן זענען געפאַלן אויף צוויי קעמפער. ביי איינעם איז געווען אַרויפגעבונדן די רעכטע האַנט; ביים צווייטן — די לינקע. אָבער בעת אַלע אין בונקער האָבן אַפּלאָדירט מיט אייגענע הענט, האָבן זיי גענומען קלאַטשען מיט שותּפותדיקע הענט. זייערע פאַטשערייען זענען געווען פון די לעצטע. ס'איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן זיך איינגעקוקט ווי צוויי קעמפער אַפּלאָדירן מיט איין פּאָר הענט.

אויף דבורהן האָט די סצענע געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

— ווער גייט דאָ אום מיט די קראַנקע? — האָט זי כאַנטשע געפרעגט.

— זאָרג זיך נישט! זיי זענען נישט פאַרלאָזט. עס זענען ב"ה פאַראַן דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער. אָבער זינט ס'איז דאָ ביי דער ציווילער באַפעלקערונג אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע, לויפן זיי אַרום פון איין בונקער צום צווייטן. אַזוי פיל קראַנקע קינדער!

— אָפּ־יום! אַ ביסל שלאָף! כ'וויל אַלץ פאַר־געסן! — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ מיידליש קול און אַ יונגער קערפּער האָט זיך אויף אַ שטרויזאַק גענומען שלאַנגיש קנוילן און וויקלען אין די קאָלדרעס.

דבורה האָט זיך מיט אַ ציטער אָנגעכאַפּט אין כאַנטשעס אַקסל און איר געקוקט אין די אויגן אַריין.

— שלאָף־געטראַנק, זאָל זיין סם! אַבי איינשלאָפן. כ'קען מער נישט אויס־האַלטן די יסורים — האָט זיך דעם מיידלס שטימע ווידער דערהערט.

גראָד דעמאָלט איז אַ צעפלאַמטע אַריינגעקומען אַ קראַנקן־שוועסטער.

— גוטשע, — איז כאַנטשע צוגעלאָפן צו דער קראַנקן־שוועסטער — כאַפּ דאָרט אַ בליק אויף רחלען! זי רעדט, דאַכט זיך, פון היץ, — האָט זי דבורהן אַ ציי געטאָן צו זיך און זי אַרויסגעפירט פון בונקער.

דבורה האָט אין דער האַלב־טונקלקייט אָנגעקוקט כאַנטשען מיט אַ בליק וואָס האָט באַוווּנדערט איר פאַרהאַרטעוועטיקייט. דבורה האָט געשפּאַנט מיט אַ וואַקלדיקן טראָט און אַלע ווײַלע זיך אָנגעכאַפּט אין כאַנטשעס אָרעם. זי האָט עפּעס געוואָלט פרעגן, אָבער זי האָט איר אויסגעשולטער שפּראַך נישט געקענט

צופאַסן צו די גרויל־בילדער וואָס האָבן זיך דאָ איינציקווייז פאַר איר אַנטפּלעקט ווי כלערליי אָפּטיילונגען אין אַ גיהנום.

***

כאַנטשע האָט דבורהן אַריינגעפירט אין קיכן־בונקער. אַ געדיכטע פאַרע ווי אין אַ שוויצבאָד האָט דאָ אָנגעפילט דער דושנער, אומדערטרעגלעכער לופט. די געדיכטע פאַרע וואָס האָט דאָ געהאָנגען ווי אַ בלוילעך־שוואַרץ שפּינוועבס, איז נאָכאַנאַנד צעריסן געוואָרן פון צענדליקער פאַרביישוועבנדיקע מענער־ און פרויען־געשטאַלטן און פון גאַנץ יונגינקע קינדער.

דבורה האָט אין דער אַרומיקער צעפּאַרעטקייט נישט דערזען קיין שום פּנימער, נאָר בלויז ווילדע באַוועגונגען פון הענט און הענטלעך וואָס טראָגן טעפּלעך, די טעפּלעך, ווי עפּעס אַ וויכטיק רויב אין טייוולאָנישע נעגל, שפּרינגען אָן אויפהער אַרויף און אַראָפּ פון די קיכן־פייערקעס. צענדליקער קולות האָבן דאָ פאַרהילכט די לופט. ווייבערישע קוויטשערייען, זידל־ווערטער און קולות האָבן זיך געקרייצט אין דעם הייס־גליִענדיקן גיהנום־ווינקל.

כאַנטשע איז גלייך באַפאַלן געוואָרן פון אַ כאָפּטע ווייבער, וואָס האָבן פון איר ממש געריסן שטיקער און זיך אויסגערעדט ס׳האַרץ.

— געכאַפּט אַ בליק צום קינד, האָט מען מיר אַרויסגעגנבעט די קאַרטאָפל אינמיטן קאָכן.

— און מיר אויפגעגעסן אַ זופּ פון קאַשע. וואָס וועל איך איצט געבן מיינע צוויי ווערעמלעך?

— מיר אויסגעטוישט אַ טאָפּ ליכטיקע קאַרטאָפליעס אויף אַ טאָפּ פאַר־פוילטע מייערן. רבונו־של־עולם, מען קען דאָך באַקומען אַ האַרץ־שלאָק פאַר קרענקעניש.

— געקויפט אַ ביסל אַרבעס פאַר גאָלד, איז מיר ס׳טעפּל נעלם געוואָרן אונטער די הענט. וויי איז מיר, שטיקער פלייש זיך אויסצוקניפּן.

כאַנטשע איז געשטאַנען אַ צעטומלטע. זי האָט נישט געוווסט וועמען פריִער אויסצוהערן. זי האָט אַמאָל צוויי־דריי געעפנט ס׳מויל און געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער די פרויען האָבן זי פאַר צרות נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, גלייך ווי דאָס באַקלאָגן זיך פאַר מענטשן וואָלט זיי ממש זאַט געמאַכט.

דבורה איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אַ פאַרשטומטע. די קולות פון די פרויען, פון וועלכע ס׳האָט מער אַרויסגעשריגן זייערע קינדערס הונגער ווי זייער אייגע־נער, האָבן גערוישט, געזשומעט אין איר מוח און געביסן ביז משוגעת איר מאַרך. און דאָס געוויין פון די קינדער וואָס האָבן פאַר הונגער געריסן די קליידער ביי

זייערע מאַמעס, האָבן זי מיט אַ געוואַלדיקן אינערלעכן ריס אַרויסגעיאָגט פון בונקער.

זי האָט ממש נישט געוווסט וווהין זי בלאָנקעט זיך. וואָלקנדלעך פּאָרע האָבן זיך געוויקלט אַרום איר גוף און פייכט געמאַכט אירע באַקן. אַרום דער קיך זענען יונגע און אַלטע מענטשן געזעסן אויף דער גאָלער ערד און האָבן עפּעס מיט משונהדיקע באַוועגונגען אַרויסגעגעבן פון טעפּלעך. טייל האָבן געגעסן גיי־ענדיק, גלייך ווי דער הונגער וואָלט זיי פאַרהאַלטן דעם וועג צום בונקער.

דבורה האָט אַ היפּשע ווײַלע אַרומגעבלאָנדזשעט אין פרעמדע בונקערס. זי האָט פון אומעטום אַרויסגעהערט דעם זעלבן פאַרצווייפלטן געשריי:

— ס'איז דאָ געגוג ענג!

לסוף האָט זי דערקענט איר בונקערל און מיט אַן אָפּזיפץ זיך אַנידערגעוואָרפן אויף איר געלעגער. אַ געוואַלדיקער עקל צום לעבן האָט זי געגומען באַהערשן. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, געוואָלט אַז די פינצטערניש זאָל אַלע גרויל־בילדער פאַרשלינגען און אויסמעקן. אָבער הערנדיק טריט האָט זי אויפגעריסן די אויגן. זי האָט געטראַכט וועגן איר דודן. די האָפענונג אים אַ ליאַדע מינוט צו זען, האָט געשטאַרקט אירע צעטרייסלטע נערוון. זי האָט אַרויסגענומען דאָס גאָלדענע רינגל און עס באַטראַכט מיט אַ שמייכל. זי האָט אים אין איר דמיון דערזען אין געשטאַלט פון אַ קאָמאַנדיר. אַ רגע האָט זיך איר געדאַכט, אַז די בענקשאַפט גלעט איר וווּנד; אַ רגע — אַז איר צוזאַמענטרעפן זיך מיט דודן שרעקט זי עפּעס. ער איז איצט נישט דער פאַרליבטער וואָס וועט זי צופירן צום לעבן, נאָר אפשר גיכער צום טויט.

כאַנטשע האָט איבערגעריסן אירע געדאַנקען.

— האָסט אַליין דאָ אַריינגעטראָפן?

— ניין, כ'האָב אַ ביסל געבלאָנדזשעט. כ'בעט דיך, כאַנטשע, — האָט זיך דבורה אַרומגעקוקט, פּונקט ווי זי וואָלט וועמען געזוכט צווישן די צוויי שאָטנס אויף דער וואַנט. — דו קענסט דוד ראָזענבלום?

— אַוודאי קען איך אים. אַ חתן?

— וואָס איז דאָס איצט וויכטיק?

— לייג דיך שלאָפן, דבורה! די קאָמפּס־גרופּעס קערן זיך ערשט צוריק איבערדערפרי.

— אַלע קערן זיך צוריק?

כאַנטשע האָט זי אָנגעקוקט.

— ווי קומט צו דיר אַזאַ פראַגע? פאַרשטייסטו דען נישט.

— יאָ, כ'פאַרשטיי — האָט דבורה מיט אַ זיפץ אייגגעפּאַקט דאָס רינגל אין איר נאָזטיכל. — די קאָמפן קומען נאָר פאַר ביינאַכט?

— אַמאָל אין שיינעם העלן טאָג אויך. בעת מ׳פירט אַרויס צום אומשלאַגס־פּלאַץ... פאַרשטייט זיך, אַז אָפּשלאָגן אַ גאַנצן טראַנספּאָרט, איז ממש אוממעג־לעך. אָבער וועז מיר עפּענען אַ שיסעריי, צעלויפן זיך מיט אַ היפּש ביסל ייִדן, פרויען מיט קינדער וויינקער. כ׳האָב שוין געזען דערשאָסענע דייטשן אויפן ברוק וואָס זענען געפאַלן פון אונדזערע הענט.

— איך זע מיך עפּעס נישט, כאַנטשע, אין די רייען פון אונדזערע קעמ־פער. דער קאָמאַנדיר זאָגט, אַז מיטן אַוועקגעבן אונדזער אַ ביסל צירונג, בין איך שוין באַגאַנגען אַ נקמה־אַקט. אַזאַ נקמה־אַקט איז איצט זייער לייכט — האָט זי אַ טרויעריקן שמייכל־געטאָן.

— דער קאָמאַנדיר וואָס האָט דיך פאַר מיר פאַרגעשטעלט איז ממש אַ לע־גענדאַרע געשטאַלט.

— וואָס הייסט?

— ער איז מיט מיר פון איין הויף. אַ שוסטערס אַ זון. ער האָט שוין פאַר דער מלחמה פאַרשטייט זיך, פאַרזוכט „קאַרטוז־בערעזע״. ער איז געווען אַ קאָמוניסט. ביים מלחמה־אויסברוך איז ער געווען אין מאָסקווע. מ׳זאָגט אַז ער זאָל זיך האָבן אַראָפּגעלאָזט אויף דער פוילישער ערד ווי אַ פאַראַשוטיסט. וועגן רוסלאַנד רעדט ער וויניק. ער געהערט איצט צום „השומר־הצעיר״.

מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ גערויש. גייענדיק טריט האָבן אַריינגעהילכט אין בונקער. ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ געליאַרעם פון קולות.

דבורה איז אויפגעשפּרונגען אַן איבערגעשראָקענע.

— וואָס איז געשען?!

— בלייב דאָ! — איז כאַנטשע האַסטיק אַרויסגעלאָפן.

דבורה האָט מיט שרעק געעפנט די טיר. מחנות ייִדן, ווייבער און קינדער האָבן זיך געדרענגט אין די שמאָלע, געשלענגלטע, בונקער־קאָרידאָרן. פיר מענער האָבן אויף אַ בערט געטראָגן אַ גרייז־גרויען זקן אין אַ קיטל, איינגעהילט אין אַ טלית מיט אַ זילבערנער עטרה. די ווייסע ברייטע באָרד איז ביי דעם בר־מינן, געווען געשפּאָלטן, געטיילט אין צווייען. די צעפּלאָטערטע באָרד האָט דערמאָנט אין צוויי פליגלען פון עפּעס אַ שוועבנדיק באַשעפעניש. דעם זקנס אויגן לויטער ווייסלעך, זענען געווען אינגאַנצן אָפן...

דאָס דאָזיקע בילד האָט דבורהן אַוועקגעיאָגט פון דער טיר. זי איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו איר געלעגער, און הגם איר האָט זיך אין דער ערשטער רגע אויסגעוויזן אַז זי וויינט הויך אויפן קול, האָט זי בשום אופן נישט געקענט אַרויס־וויינען. זי האָט נאָר געפילט אַ שוידער אין די ביינער, און ביים אַראָפּזעצן זיך, האָט זי אויף אירע אַקסלען אַרויפגעוואָרפן עטלעכע קאָלדרעס. זי איז געבליבן

זיצן מיטביידע הענט אויף די שלייפן. נאָך אַ ווײַלע האָט זי געהערט כאַנטשעס קול:

— אַ רבי פון אַ קליין שטעטל. ער האָט אין בונקער אַריינגעבראַכט אַ טי־פוס. מ׳האָט מורא געהאַט אַז די קרענק זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן. מ׳האָט אים געמוזט אַריינלייגן ציאַנקאַלי אין אַן אויער אַז ר׳זאָל אָפּשטאַרבן.

דבורה האָט מער ווי אַ מינוט אָנגעקוקט כאַנטשען מיט אַ שטומען בליק.

„ציאַנקאַלי״

און זי האָט איצט געהערט איר פאַטערס קול:

— לאָז מיר, מיין קינד, בלויז איבער אַ פּאַסטילקע ציאַנקאַלי!

פון בונקער־איינגאַנג האָט זיך נאָך אַלץ דערטראָגן אַ גערויש. באַלד איז געוואָרן אַזוי שטיל ווי אויף אַ בית־עולם.

יתגדל ויתקדש שמה רבא — האָט אַ געקלעמטע, וויינענדיקע שטימע זיך געלאָזט הערן.

דבורה האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרצן. אַ רגע האָט זי אויסגעזען ווי אָט־אָט ווערט זי איינגעבראָכן אונטער דער לאַסט פון אירע ליידן. זי איז אָבער גע־בליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל, אַקוראַט ווי איר אויסגעשריי, וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גליווער.

קאַפּיטל עלף

די ליבע פון פאַראורטיילטע

ביים ערשטן געשאַריע פון אַ ניי־געבוירענעם טאָג, האָבן די געטאָ־קעמפער איינציקווייז אַנגעהויבן צו פאַרלאָזן זייערע קאַמף־פּאָזיציעס. די בונקערס אין דער ייִדישער קאָמענדאַנטור, וואָס זענען אויף איבערנאַכט אַנטשוויגן געוואָרן ווי קברים, זענען ווידער איבערפולט געוואָרן מיט אַ צוריקגעהאַלטענעם גערויש און געטומל. אַ קאַרגע שעה האָט די בונקער־קליאַפּע זיך נאָכאַנאַנד געעפנט און פאַרמאַכט, געעפנט און פאַרמאַכט.

די קעמפער, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פאַרן טאָג־ליכט און זיך אַראָפּגעלאָזט אין תהום אַריין, האָבן דערמאָנט אין באַוואָפנטע סאָלדאַטן, וואָס לאָזן זיך פון דער הייך אַראָפּ מיט לופט־שירעמס. דערנאָך, בעת די בונקער־קליאַפּע האָט זיך מער נישט געעפנט, האָבן זיך די קאָמאַנדירן אַוועקגעשטעלט מיט ליסטעס אין די הענט און אויסגערופן זייערע מענטשן. יעדע שטימע, וואָס האָט זיך אָפּגערופן, האָט אַריינגעבראַכט אַן אויפהייטערונג. ס'האָט זיך אָבער נישט זעלטן געטראָפן, אַז אַן אויסגערופענער נאָמען זאָל בלייבן שוועבן אין דער לופט. דעמאָלט האָט זיך דער האַרמידער, געטומל פון קולות — גלייך איינגעשטילט. די ווידערשטענדלער האָבן זיך גענומען אַרומקוקן. אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך געמאָלן אַ שרעק פאַרן אייגענעם לעבן. דער צאַפּלדיקער אומרו אין די אויגן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער ריכטונג פון דער בונקער־קליאַפּע.

— ?...

און בעת די בונקער־קליאַפּע האָט מער נישט געעפנט, האָט אַ קאָמאַנדיר אויפסניי אַרויסגערעדט אַ נאָמען, אַמאָל פון אַ בחור און אַמאָל פון אַ מיידל, געלאָזט שטיין אַלע גרופּעס אין אַן אומבאַוועגלעכער, איינגעשטילטער פּאָזע. נאָך אייניקע אַנטשוויגענע מינוטן האָט דאָס תהום־לעבן ווידער געעפנט ס'מויל. די אַרויסגערופענע קעמפער האָבן זיך אויסגעשטעלט צו דער קיך. נאָכן דערוואָרעמען זיך, האָט זיך אויפסניי געבילדעט אַ ריי וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן צום קראַן.

ערשט איצט, ביים מאַטן שיין פון אַ לעמפּל, האָט זיך יעדער ווידערשטענדלער דערזען אין צווייטנס פּנים. ביי איינעם איז אַ שטיק שפּינוועבס געבליבן הענגען אויף אַ באַק. אַ צווייטער האָט געהאַט אַ רויטע נאָז פון צעמאַלענע ציגל.

אַ דריטער איז געווען אויסגעווייסט פון קאַלך, אַ פערטער — אויסגעשמירט מיט סאַדזשעס פון פאַרזשאַווערטע רערן. באַנדאַזשירטע זענען געשטאַנען אין דער ריי מיט פאַרוואָרפענע קעפּ אויף די קאַלטע ווענט.

פונדעסטוועגן האָט מען זיך דאָ דערציילט כלערליי אַנעקדאָטן און ביי־געשאַפענע וויצן, וואָס האָבן פון מינוט צו מינוט, אַרויסגערופן אַ געלעכטער.

— וואָשט אייך גישט אויף אַ יאָר צייט! — האָט דאָ ווער אויסגעשריגן צו די חברים, וואָס זענען שוין געשטאַנען ביים קראַן.

אָבער בעת כאָנטשע האָט פאַרבייגעטראָגן אַ פולע שירץ מיט ראַציעס ברויט, גרייט זיי אויסצולייגן אויף די געלעגערס, האָט זיך כמעט יעדער דערמאָנט, אַז איין פאַרציע ברויט וועט היינט בלייבן ליגן פאַריתומט. ס׳האָט דאָ ווער אַ זיפץ געטאָן און דערמיט דערשטיקט די געלעכטערס.

***

ביים ביוראָ־טיש אין דער קאָמענדאַטור איז געזעסן שלמה שפּערלינג און גערייכערט אַ פּאַפּיראָס. פאַר אים איז געשטאַנען אַ נייגעריקער און געשפּאַנטער, דער צווייטער קאָמענדאַנט דוד ראָזענבלום.

דוד, אַ הויכער, שלאַנקער בחור פון אַ יאָר דרייסיק, איז געווען איבערגעטאָן אין אַ דייטשן מונדיר און שינעל. דעם קאַסק האָט ער איצט געהאַלטן ביים פּאַ־סיקל אויף אַ פינגער פון דער לינקער האַנט, האָט אים געוויגט אַהין און צוריק. זיין גערדיכטער, בלאָנדער קאָפּ האָר איז געווען ווילד־צעשויבערט און אַדורכגע־פלאָכטן מיט שניטקעס שטרוי. זיין פּנים איז געווען אַרומגעוואָקסן מיט אַ בלאָנ־דער, אומגעפלעגטער באָרד, אויף וועלכער ס׳האָט זיך געמערקט אַ טראָפּן בלוט.

— וואָס ווילסטו מיר זאָגן, שלמה? — האָט זיך דוד נערוועז באַוועגן און פאַר מידקייט זיך אַראָפּגעזעצט.

— איך האָב פאַר דיר אַ נייעס, דוד. נאַ, פאַררויכער!

—פון די פּראָנטן? — האָט ער פאַררויכערט און אַנגעהאַנגען זיינע בליקן אויף שפּערלינגן.

— ניין, פון דיין פּריוואַט־לעבן.

— פּריוואַט לעבן? דו לאַכסט?

— איין מינוט, שלמה! דאָס נייעס הייסט דבורה הערצבערג.

— דבורה! — איז ער אויפגעשפּרונגען און אומגעוואָרפן די טאַבורעטקע.

— וואָס שפּרינגסטו? זי איז דאָ צווישן אונדז.

— זי איז דאָ?! — האָט ער זיך אַ טרייסל־געטאָן און דאָס בלוט איז אים אָפּגעלאָפן פון פּנים. — ווען איז זי געקומען? — האָט ער אויסגעשפּיגן דעם פּאַפּיראָס און אים צוגעטרעטן.

— נעכטן אָונט.

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט בעת מ'האָט זיך די נאַכט באַגעגנט?

— ווייל מיר נייטיקן זיך אין גלייכגעוויכט און קאַלטבלוטיקייט. איצט קענסטו זי זען. קום, דוד! — האָט ער אים חבריש צעשויבערט די האָר.

זיי האָבן ביידע אָוועקגעשפּאַנט מיט אייליקע טריט. שפּערלינג האָט דודן צוגעפירט צו אַ טיר און איז גלייך אַוועק.

דוד האָט געעפנט די טיר און איז אויף דער בונקער־שוועל געבליבן שטיין אָן אומבאַוועגלעכער און פאַרשטומטער. ער האָט דבורהן געזען אין אַ שלאָפנ־דיקער פּאָזע. אירע לאַנגע, זיידענע ווייס, זענען געווען געשלאָסן. איר פיינ־געשניצט אָפן מויל האָט אים דערמאָנט אין אַ רויז, באַגאָסן מיט שטראַלן. אירע ציין ווי קאַנטיקע פּערל, האָבן אַ פינקל־געטאָן אין זיינע אויגן. ער האָט דער־הערט דעם ריטם פון איר אָטעם, וואָס האָט אים אָן ווערטער גערופן.

ער האָט זיך שטיל, טראָט ביי טראָט, צוגעשלייכט צו איר געלעגער. ער האָט געזען ווי זי ליגט איינגעקאָרטשעט פאַר קעלט. ער האָט פון זיך אַראָפּגע־נומען דעם שינעל און אים גאַנץ זאַכט אַרויפגעלייגט אויף אירע קאַלדרעס. ער האָט איצט פון דער נאָענט געקוקט און געקוקט אויף איר פּנים. אַ רגע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער באַטראַכט אַ סקולפּטור, וואָס פאַרמאָגט מער שאָטן ווי ליכט. זיין גאַנץ וועזן האָט זיך איצט געוואַקלט צווישן איבעראַשונג און טויט־שרעק. ער האָט דערפילט ווי איר שיינקייט טוט אים איצט אַזוי געוואַלדיק וויי, אַז ער איז ממש נישט זיכער, צי ער באַדויערט נישט וואָס זי געפינט זיך דאָ.

און שטייענדיק אַזוי ביי איר געלעגער, האָט ער זיך במחשבה געפרעגט, פאַרוואָס ער איז נאָך צו איר נישט צוגעפאַלן און זי באַדעקט מיט הייסע קושן?

„אפשר זענען מיר איצט געגצלעך דערווייטערט פון פערזענלעכן לעבן? אפשר דערפאַר, וואָס דער נקמה־געפיל איז ביי אונדז אַזוי שטאַרק, שלאָפן אונ־דזערע ליבע־געפילן? זאָל דאָס מעגלעך זיין, אַז דבורה וועט פאַר מיר מער נישט באַדייטן ווי אַן אַנדערע קעמפערן?".

פונדעסטוועגן האָט ער זיך פאַרזיכטיק אַראָפּגעלאָזט אויפן באָדן. ס'איז אים אַ שאָד געווען זי אויפצווועקן. ער האָט אַרויסגענומען זיין טאַשן־לעמפּל און אויף אַן אויגנבליק געוואָלט זען אויף איר פּנים מער ליכט. אַ היפשע ווײַלע איז ער אַזוי געזעסן אַן אַנטשוויגענער אויף דער ערד און זי באַטראַכט. זי האָט אין שלאָף אַרויסגענומען איר רעכטע האַנט פון די קאַלדרעס. די האַנט איז צופעליק אַ פאַל־געטאָן אויפן ברעג פון שטרויזאַק. ער האָט דערזען אירע שיינע לאַנגע פינגער מיטן אָפּגעשפּרונגענעם לאַק פון די נעגל.

ער האָט זיך לאַנגזאַם איבערגעבויגן און איז מיט די ליפּן צוגעפאַלן צו

אירע פינגער. דאָס באַרירן איר צאַרטע הויט האָט אים אַ ברי־געטאָן. ס'איז אים מיטאַמאָל געוואָרן אַנדערשדיק אויף דער נשמה. ס'איז אים איין רגע כמעט אַזוי גוט געוואָרן, ווי אין יענעם ווינטער־אָוונט, בעת ער האָט דבורהס האַנט צום ערשטן מאָל באַרירט, טאַנצנדיק מיט איר אויף אַ ניי־יאָר־באַל.

ער האָט איצט ווידעראַמאָל דערפילט דעם בראשיתדיקן ציטער, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט וויברירן די דינסטע סטרונעס פון זיין האַרץ. ער האָט געהערט ווי דער אָרקעסטער שאַלט. אַ קאָלירטער, ברייטער פעכער, צוזאַמענגעוועבט פון באַלאָווע פרויען־קליידער, האָט זיך פאַר זיינע אויגן געעפנט און פאַרמאַכט. ריט־מישע טריט פון טאַנצנדיקע פאַרלעך האָבן אָפּגעשלאָגן אין זיין געהער. אַ גליק־לעך פרויען־געלעכטער האָט איצט אַ קלינג־געטאָן אין דער לופט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז אין די ערדישע קברימדיקע בונקער־ווענט ליגט מער לעבנס־אמת, ווי אין יענע ווענט פון טאַנץ־זאַל וואָס זענען געווען אַזוי רייכ־לעך דעקאָרירט און באַלויכטן, אַז מיט זייער אָרנאַמענטיק האָבן זיי פאַרשטעלט דעם נאַקעטן אמת פון לעבן.

ביי די מחשבות האָט זיך דבורה אַ נערוועזן טרייסל געטאָן און איבער־געוועקט.

— דוד?! — האָט זי זיך גענומען אויסרייבן די אויגן, מיינענדיק, אַז זי חלומט נאָך. — דוד?! — האָט זי זיך אַ ריס־געטאָן פון געלעגער און אים אויס־געשטרעקט די הענט.

איר שטימע האָט אויף אים געווירקט ווי אַן אויסגעשריי פון לעבן, וואָס האָט מנצח געווען דעם טויט.

— דבורה! — האָט ער אַ פאַרצאַפּלטער פאַר פרייד אַ כאַפּ־געטאָן איר קאָפּ און אים גענומען טוליען צו זיין ברוסט. ער האָט זיך מיט אַ באַנייטן ביי־דערוואַכטן כוח גענומען איינבייסן אין אירע ליפּן, גלייך ווי זייער ליבע־ און לעבנס־ווילן וואָלטן אין דער רגע אימשטאַנד געווען אָפּצופרעגן און אָפּצומעקן דעם גאַנצן אַרומיקן און דרויסנדיקן מלחמה־גרויל.

— האָסט גוט געטאָן, דבורה, וואָס דו ביסט געקומען. מיינע כוחות וועלן איצט געשטאַרקט ווערן.

— לאָמיך דיך באַטראַכטן, דוד! גאָט מיינער, פאַר איבעראַשונג האָב איך דאָך גאָרנישט באַמערקט, אַז דו טראָגסט אַ דייטשן מונדיר. נאַצישער שוויין! — האָט זי אַרויסגעלאַכט. — דאָס בערדל, זעסטו ווען ס'וואָלט געווען פיין אַרומ־געשוירן...

דאָס געלעכטער איז איר געבליבן שטעקן אין דער קעל. פאַר אירע אויגן האָט אַ שוועב־געטאָן אַן איינגעבלוטיקטער באַנדאַזש. זי האָט אַ כאַפּ־געטאָן זיין פאַרוווּנדעטע האַנט און זי צוגעלייגט צום האַרצן.

— די רעכטע האַנט — האָט זי אַ צוק־געטאָן מיטביידע אַקסלען — האָסט כאַטש אַלע פינגער?

— צייל איבער! — האָט ער גוטמוטיק געשמייכלט. — ס׳איז אַ קליי־ניקייט. ס׳איז נישט פון קיין קויל, נאָר פון אַ שטיק גלאָז.

— ווייז מיר איצט די לינקע האַנט!

אָננעמענדיק זיין לינקע האַנט, האָט זי באַמערקט דאָס האַנט־זייגערל, וואָס זי האָט אים געשאָנקען ערב מלחמה־אויסברוך. זי האָט אַ ציטער־געטאָן. דאָס זייגערל האָט זי דערמאָנט אין צענדליקער זאַכן מיטאַמאָל.

— דאָס זייגערל דערפרייט מיך. כ׳וואָלט עס דערקענט צווישן טויזנט. אָבער יאָ, האָסט פאַרלוירן אַ סך בלוט?

— כ׳האָב מער באַדויערט וואָס איין פיסטאָלעט איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— וואָס הייסט?

— כ׳שיס מיט צוויי פיסטאָלעטן.

— כ׳קען מיר דאָס עפּעס נישט פאָרשטעלן! — האָט זי פאַרבראָכן די הענט. — ווי לאַנג איז דען, ווי דו האָסט געווײנט ביי אַ דראַמע אין טעאַטער. און דעם לעצטן זומער, בעת מיר זענען וואַקאַציע־צייט געזעסן ביים ברעג ים, געדענקסטו ווי דו האָסט דיך איבערגענומען מיטן דערטרונקענעם פּאַליאַק. איך געדענק אַפילו וואָס דו האָסט געזאָגט. „כ׳האָב וואָס אַן אמת נישט ליב קיין פּאַליאַק, אָבער אַ טויטער ווערט אויס פּאַליאַק...“. דער דערטרונקענער איז גע־גליכן צו אַ בוים, וואָס איז אונטערגעשניטן געוואָרן פון אַ קאָסמישן שטורעם.

— האָסט אַ ווונדערבאַרן זכרון, דבורה! און וואָס נאָך האָב איך געזאָגט? דערמאָן מיך טאַקע נאָך עפּעס! בעת דו נעמסט מיר שילדערן בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט, דאַכט זיך מיר, אַז כ׳גיי צוריק מיטן רוקן אויפן פראָנט. רעד, רעד! — האָט ער געקושט אירע פינגער.

— און בעת איך האָב דיך געפרעגט, צי דו וועסט מיך תמיד אַזוי שטאַרק ליבן ווי איצט, האָסטו מיר געענטפערט „אַז עכטע ליבע באַטייט המשך“ און איידער דו האָסט מיך באַקענט, האָסטו מיך שוין טויזנטער מאָל געהאַט געזען אין דמיון. אָבער דו ווייסט נישט צי כ׳וועל ביי דיר זיין גליקלעך, ווייל די שענ־סטע פרוי וועט נישט קענען אויפלייזן די פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן דיך. דו האָסט אין די פּאַריזער פאַקולטעטן נישט געזוכט קיין דאָקטאָראַט, נאָר שלימות אין זיך. און אַזוי גוט ווי האַמלעט האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן „זיין און נישט זיין“, פּלאָנטערסטו זיך צווישן געוויסן און טראַנסצענדענטאַלן. דאָס טראַנס־צענדענטאַלע, האָסטו געזאָגט, באַנוצן טייל פילאָסאָפן ווי אַ סינאָנים צו פריי־הייט. אָבער דער געוויסן לאָזט נישט דעם מענטש זיין אומזיניק פריי. נאָר באַ־גרענעצט, דיסציפּלינירט, צוריקגעהאַלטן און אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון

גוטס און שלעכטס. ס׳קען זיין, אַז כ׳האָב דאָ עפּעס געמאַכט אַ טעות, אָבער בין איך אַ גוטע שילערן, דוד?

— יאָ, מיין טייערע, אַ גלענצנדיקע שילערן! אָבער איצט וועל איך דיך מוזן לערנען עפּעס אַנדערש. האַלטן אַ פּיסטאָלעט אין האַנט, וואַרפן אַ גראַנאַט. דו וועסט ווערן אַ נקמה־נעמערן. אפשר וועסטו דאָס אַזוי אויפנעמען, ווי איך האָב עס אויפגענומען? ס׳וועט אין דיר דערוואַכן אַ נייער כוח. גרויל־בילדער האָסטו דאָך שוין גענוג געזען. הכנעה האָט דאָך ביי דיר תמיד אַרויסגערופן אַן עקל. איצט וועסטו דערפילן דעם טעם פון נקמה, וואָס וועט דיך דערהייבן און דיר אומקערן דיין פרויען־שטאָלץ. אַלע בונקערס זענען אייגנטלעך די זעלביקע תהו־מות. ווען ווערן אָבער פון די טיפענישן הויכקייטן? אין קאַמף, בעת דו ביסט גרייט מקריב צו זיין דיין לעבן פאַרן כבוד פון פאָלק. דיין „איך”, דיין עקזיס־טענץ „פאַר זיך”, מוז איצט אויפגעלייזט ווערן אין חלל, אין „אַרום זיך”.

— ווען מ׳וואָלט מיר פאַרן מלחמה־אויסברוך געזאָגט, אַז איך וועל קענען איבערטראָגן אַזוי פיל ליידן, וואָלט איך נישט געגלייבט — האָט דבורה שטיל געזאָגט און זיך איינגעקאָרטשעט — דו קענסט מיר עפּעס וועגן דעם זאָגן, דוד, מיין ליבער?

דוד האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט.

— אין דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט איז וועגן דעם פאַראַן אַ וואָרט: סטופּאָר.

— סטופּאָר? — האָט אים דבורה אָנגעקוקט.

— יאָ, סטופּאָר. דאָס איז אַ צושטאַנד פון פאַרגליווערונג, וואָס האָט די פונקציע פון אַ שוץ־מעכאַניזם. אין אָט דעם צושטאַנד דערפילט נישט דער מענטש די טיפקייט פון זיינע העלדן. דער דאָזיקער שוץ־מעכאַניזם נעמט אַרום די נשמה ווי מיט אַ וואַטע אָדער ווי מיט אַ דיקער שאָל. און דער סטופּאָר־צו־שטאַנד דערמעגלעכט איבערצוטראָגן אַזוי פיל ליידן, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט זיך דער מענטש געמוזט איינברעכן אונטער זייער לאַסט. דער סטופּאָר קען ווידער דיאַלעקטיש אַריבערגיין צו זיין קעגנזאַץ — צום אויפברויז. איצט, טייערע מיינע, האַלטן מיר שוין ביים אויפברויז. דער אויפברויז רופט אַן אויפ־שטאַנד.

דבורה האָט זיך פאַר שרעק צו אים אַ טוליע־געטאָן.

—שרעק דיך נישט, מיין טייער קינד! — האָט ער זי צאַרט געגלעט. — מיר זענען ציפערן און מיר ווייסן נישט צי מיר וועלן געהערן צו די ציפערן פון די לעבנגעבליבענע, צי... אָבער מיר מוזן גיין ווייטער.

— געדענקסט, דוד, האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז עכטע ליבע איז אומ־שטערבלעך.

— וואָלט איך דיר איצט מסתמא געזאָגט, אַז דאָס מענטשלעכע אומגליק איז אומשטערבלעך. טיילמאָל טראַכט זיך מיר, אַז מיר זענען גאָרנישט אין דער ערדישער טיף, נאָר אין דער הימלישער הייך. מיר זענען אין גהינום און קלאַפּן מיטן קאָפּ אין אַ וואַנט, ווילנדיק צוריק אַראָפּגיין אויף דער ערד דערלעבן די נישט־דערלעבטע יאָרן, אָבער ס'איז נישט פאַראַן קיין אַרויסגאַנג, קיין אַראָפּ־גאַנג, קיין וועג צוריק.

— דאָס אַלץ ווייס איך דאָך אַן דיר. כ'בין צו דיר געקומען, אַז דו זאָלסט מיך דערוואָרעמען מיט אַ גוט וואָרט. אויב אַפילו מיר הענגען אויף אַ האָר איבער אַ תהום, דאַרפסטו דאָך אויך אויף מיר קוקן פאַרליבט און פאַרבענקט. זאָג מיר כאָטש צי דו האָסט נאָך מיר געבענקט?

— געבענקט? — האָט זיך דוד אַ טרייסל־געטאָן. — ס'קלינגט עפּעס ווי אַן אויסגעריבענע מטבע. — מ'דאַרף איצט אַ טיפער וואָרט. דער מוח אַרבעט מיר נישט. די שענסטע געדאַנקען פאַלן מיר איין אויף דער אויבערפלאַך ביים טאָג־ליכט.

— וואָס פאַראַ וועטער איז איצט אינדרויסן?

— דער טאָג גייט אויף.

— אָ, כ'האָב שוין אַזוי לאַנג נישט געזען קיין טאָג־אויפגאַנג! — האָט דבורה פאַריסן דעם קאָפּ צום סופיט. — וואָס טראַכסטו, דוד? איך וואָלט געוואָלט וויסן דיינע געדאַנקען.

— ס'רעדט זיך נישט — האָט ער געצויגן מיט די אַקסלען. — מ'טראַכט היינט מיט אַזעלכע קאַטעגאָריעס. ס'פעלט שפּראַך. מען דאַרף דערפינדן אַ נייע שפּראַך, אַ נייעם סטיל, אַ נייעם פאַרבן־געמיש, אַפילו אַ ניי געשריי. די טראַגישע פּראָצעסיעס ביים אַרויספירן די געטאָ־איינוווינער, וועלן קיינמאָל נישט קענען געגעבן ווערן ווי קינסטלערישע ליטעראַטור, דאָס לאָזט זיך נישט אַריינפּאַסן אין קיין שום ראַם, אויסער אין דער קאָסמישער. דיין פעטער מנחם איז גערעכט, וואָס ער האָט אויפגעהערט שרייבן פּאָעמעס; ער שרייבט בעסער אויפרופן.

— ווו האָסטו פאַרשטעקט דיינע מאַנוסקריפּטן?

—כ'האָב זיי איבערגעגעבן ד״ר מאיר פרידלאַנד. ער גלייבט נאָך אין עפּעס.

— הער אויף! כ'וועל זיך צעוויינען. פאַרגעס אויף אַ מינוט ווו מ'געפינט זיך. כ'ווייס נישט ווי מ'קען מיט אַזאַ יאוש זיין אַ קעמפער. מיט אַזעלכע רייד ווילסטו מיר צוגעבן מוט צום קאַמף?

דוד האָט זיך אַ ווייל געשפּיגלט אין אירע אויגן. ער האָט זיך מיט אַ פינגער געגומען קראַצן די לינקע שלייף.

— כ'ווייס נישט געגוי וואָס אין מיר קומט פאָר. כל־זמן דו ביסט געשלאָפן,

דבורה, בין איך געווען גליקלעך, וואָס איך זע דיך. כ׳האָב אויף דיר געקוקט ווי אויף אַ סטאַטוע, וואָס פאַרקערפּערט דעם חלום פון מיין לעבן. דו גופא האָסט אויך שלאָפנדיק אָפּגעשפּיגלט דיין חלום. אָבער ווי נאָר דו האָסט דערוואַכט און ביסט אָנשטאָט חלום געוואָרן אַ שטיק פון אונדזער האַרטער ווירקלעכקייט, באַהערשט מיר אַ געוואַלדיקער אומרו. איך בין געוואָרן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דיין לעבן. כ׳דאַרף איצט נאָכאַמאָל איבערלעבן די שרעק פאַר דיר, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, ווען כ׳בין צום ערשטן מאָל אַרויס צו אַן אָפענעם קאַמף מיטן שונא. אַוודאי איז העלדישקייט אַ שיין וואָרט. אָבער ס׳עקזיסטירט אפשר נישט קיין העלדישקייט. די אַקטן פון העלדישקייט זענען נישט די פּרוכטן פון העלד, נאָר פון זיין שונא, וואָס שטעלט אים אין אַ לאַגע פון אויסזיכטלאָזיקייט. בעת דער העלדישער אַקט ווערט געבוירן, געפינט זיך דער מענטש פּסיכיש אויף יענער זייט גרענעץ. איך שווער דיר, דבורה, אַז ביז איצט האָט מיך קיינמאָל נישט באַהערשט קיין יאוש. אָבער אַז איך זע דיין יונג, וווּנדערשיין לעבן — איז ער מיטן קאָפּ אַרויפגעפאַלן אויף אירס אַן אַקסל און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

דבורה האָט איר קאָפּ פאַרוואָרפן אויף זיינעם, און קעמענדיק זיינע האָר מיט אירע פינגער, האָט זי אים טרייסטנדיק געזאָגט:

— לאָז דיך אַ ביסל פאַרשפּילן, דוד!

— פאַרשפּילן? — האָט ער איבערגעפרעגט מיט אַן אויסגעקרומטן שמייכל.

— יאָ, דוד, פאַרשפּילן. פאַרמאַך אויף אַ ווייל די אויגן!

ער האָט געשפּירט ווי אַ רינג גליטשט זיך אַרויף אויף זיין פינגער פון דער לינקער האַנט. אַ היץ האָט אים באַשלאָגן. איר שפּילעוודיקייט האָט אים ממש אויפגעשווידערט. ער האָט געעפנט די אויגן, און נישט באַקוקנדיק דעם רינג, האָט ער זי אויפסנייע גענומען אויסקושן.

ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש. מיידלשע שטימעס האָבן זיך דערנעענטערט צום בונקער־איינגאַנג. די טיר האָט זיך געעפנט, אָבער באַמערקנדיק דעם קאָמאַנדיר, האָבן זיך די קעמפערינס פאַרהאַלטן.

— אַריין, אַריין! — האָט דוד אויסגערופן און איז האַסטיק אַרויסגעגאַנגען.

באַטראַכטנדיק די אַריינקומענדיקע מיידלעך, האָט דבורה צווישן זיי דערקענט זייער געוועזן דינסטמיידל פעלקע.

— פאַננאַ דאַרקע!

דבורה האָט דערפילט, ווי ס׳איז ווער צו איר צוגעפאַלן. און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי דאָס דינסטמיידל אַרומגענומען, פּונקט ווי זי וואָלט באַרירט אַ חפץ פון איר געוועזענער היים.

קאַפּיטל צוועלף

ליכט אין תהום

דער לאַגער פון די אויפשטענדלער האָט איצט גערוט.

דבורה איז געשטאַנען אין דער בונקער־קיך צווישן אַ געדיכטן וואָלקן פון גרויער פאַרע און שוואַרצן רויך און האָט מיט אַ באַרשט אויסגעריבן אַ גרויסן קעסל.

זי האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז די פרייד, וואָס האָט זי אין דער ערשטער רגע באַהערשט בעת זי האָט דאָ צווישן די געטאָ־קעמפער אָפּגעפונען איר דודן אַ געזונטן און אַ שטאָלצן, איצט איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק אומרו. ס'האָט זיך עפּעס גענומען יאָגן פון אָרט, גלייך ווי דורך דודס בליק וואָלט אין איר אַריין נאָך אַ נשמה. און איצט דאַרף איר פאַרליבט האַרץ צאַפּלען פאַר צוויי נשמות.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט, אַראָפּגענומען פונעם קיך־טיש אַ לענגלעך עלעקטריש לעמפּל און שטיל, מיט שאָרכלאָזע טריט, זיך אַריינגעשלייכט אין מענער־בונקער. זי האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל. אַ גרויס גליִענדיק אויג האָט גענומען אַרומפינטלען אויף די אַש־גרויע ווענט און אַ פאַל־געטאָן אויף שוואַרצע, צוזאַמענגעקנוילטע קאָלדרעס, וואָס פון איינער האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ פוס מיט אַ צעריסענער שקאַרפּעטקע; פון דער צווייטער — אַ קראַמפּהאַפטע, פאַרמאַכטע האַנט. אַ באַיאָרטער קעמפער מיט אַ שוואַרץ בערדל איז געזעסן אויף זיין געלעגער, דעם קאָפּ אָנגעלענט אין דער וואַנט און האָט עפּעס געטראַכט. פונעם גאַנצן הענט־און־פיס־געפלעכט, צעשויבערטע קעפּ אויף שטרוי־זעק פון די מיד־אַוועקגעפאַלענע געטאָ־קעמפער, האָט זיך איר לעמפּל אָפּגעשטעלט אויף דודס פנים.

זי האָט אים לאַנג באַטראַכט. זי האָט גערן געוואָלט אויסגעפינען אויף זיין שלאָפנדיק פנים וועגן וואָס ער חלומט איצט, נאָך דעם ווי ער האָט זי דערזען נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג. דער שיין פון איר לעמפּל האָט זיך אויף אַן אויגנבליק אָפּגעשטעלט אויף זיינע האַלבלעך־געעפנטע וויִעס. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט אין זיינע שוואַרצאַפּלען דערזען דעם אָפּשפּיגל פון איר פנים, גלייך ווי אין יעדן אויג זיינעם וואָלט געהאָנגען אירס אַ קליינטשיק, רונדיק פאָטאָגראַפיעלע. און שלאָף אָרעמט ער אַרום זיין רעכטע באַנדאַזשירטע האַנט. זיין

ווייטיק פּילט זי איצט אָפּ אין שלאָף. דער גאָלדענער רינג, וואָס זי האָט אים פאַרן שלאָפן גיין געשאָנקען, גיט איר אַ פינקל אין אויג און אַ שטאָך אין האַרצן.

אויף אַ רגע האָט דבורה פאַרגעסן דאָס איצטיקע לעבן. אירע אויגן האָבן נישט געוואָלט דערזען דעם חורבהדיקן בונקער, דעם אויסגעגראָבענעם תהום, נאָר דעם העל־באַלויכטענעם סאַלאָן פון אירע עלטערנס הויז, וואָס איז שוין לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג אַש. זי האָט אָבער אין איר דמיון דעם חרוב־געוואָרענעם סאַלאָן צוריק אויפגעבויט. און דאָרט, אין יענעם רייך־טאַפּעצירטן סאַלאָן, האָט זי ווידער אויפגענומען איר דודן, אויף וועמען זי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט מיט אַ פלאַמיק, פאַרליבט האַרץ. ער טוליעט זי צו זיין ברוסט און קושט אירע גליענדיקע ליפּן. ער הערט נישט אויף צו רעדן די שענסטע ליבע־ווערטער, וואָס קלינגען אין אירע אויערן ווי מוזיקאַלישע ראָמאַנסן. זי האָט ווידער אָנגע־צונדן דאָס לעמפּל און זיך מיט אַן אינערלעכן שוידער אַרומגעקוקט.

„איצט האָט ער אין מיר נאָר דערזען נאָך אַ קעמפערן. אָבער נישט די דבו־רה, וואָס ער האָט אַמאָל פאַרגעטערט. אפשר גלייבט ער נישט מער אין אונדזער צוקונפט?" — האָט זי מיט אַ ציטער אָנגעטאַפּט די פינצטערע בונקער־ווענט און האָט זיך מיט אַ פאַרבאָרגענעם טרויער צוריקגעשלייכט אין דער קיך אַריין.

כאַנטשע, די אויפזעערן, האָט דבורהן באַטראַכט מיט אַ האַרץ־ווייטיק. זי האָט פאַרשטאַנען ווו דאָס מיידל איז געווען. לויט דבורהס באַוועגונגען האָט כאַנטשע דערפילט, אַז דבורה איז נאָך נישט קיין קעמפערן, וואָס דערזעט פאַר אַלעמען דעם פאָלקס־חורבן, נאָר אַ מיידל, וואָס דערזעט דערווייל בלויז איר אייגענע טראַגעדיע.

אַ טיף רחמנות־געפיל האָט כאַנטשען אַרומגענומען צו דעם יונגן, בליענ־דיקן מיידל. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אין דבורהן קומט פאָר אַן אינערלעכער אויפברויז קעגן איר ביטערן גורל, וואָס האָט אין סאַמע פרילינג פאַרטייעט; פאַרוואַנדלט און פאַרהאַרטעוועט אייז־קריעס, דעם לעבעדיקן קוואַל פון איר יוגנט־פרייד. און דבורה איז איינע פון טויזנטער. זי האָט גערן געוואָלט דאָס מיידל מיט עפּעס טרייסטן, טוליען צום האַרץ, ווי אַן אייגן קינד, אָבער דבורהס פייכ־טער בליק האָט זי דערפון אָפּגעהאַלטן.

— דו וועסט באַלד בייווינען אַ פאַרוויילונג, דבורה! — האָט כאַנטשע צו איר גוטמוטיק געשמייכלט.

— פאַרוויילונג? דאָ אַ פאַרוויילונג?! — האָט דבורה אָפּגעשטעלט אירע באַוועגלעכע הענט און מיט חידוש אין אירע אומעטיקע אויגן האָט זי כאַנטשען לאַנג אָנגעקוקט.

— אַ פאַרוויילונג קלינגט טאַקע פאַלש. אָבער ס׳גאַנצע לעבן אונדזערס איז דאָך איצט עראַק. די פאַרוויילונג איז אויך אַ טייל פון אונדזער ווידערשטאַנד

קעגן אונדזערע רוצחים, וואָס האָבן אונדז פאַרוואַנדלט אין אונטערערדישע ווערים, פון אונדזערע תהומות טראָגט זיך אָבער ליכט. ס׳עקזיסטירט אַ ליטעראַרישער קלוב, אַן אומלעגאַלע צייטונג „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ״ און אַ קלוב „עונג־שבת״... פאַרשטייט זיך, אַז דער נאָמען איז אַ מאַסקע.

כאַנטשע האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהוסט, שטיקנדיק זיך מיט דער שוואַרצער פאַסמע רויך וואָס האָט פון דער קיך אַרויסגעשלאָגן.

— ווי שווער אונדזער לעבן זאָל נישט זיין, ווערט אין „עונג־שבת״ טאַקע עפּעס געטאָן אויפן קולטור־געביט. — האָט זיך כאַנטשע אַלץ באַמיט דבורהן אויפצוהייטערן. — פאַרגעקומען יובל־פייערונגען לכבוד יהודה הלוי, מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ. מיר באַאיינפלוסן דערמיט אויך אַנדערע געטאָס און רעגן זיי אָן צו ווידערשטאַנד.

— איך טראַכט זיך אַריין ווי אַזוי אַן אַנדער פאָלק וואָלט זיך אויפגעפירט אין אונדזער לאַגע — האָט דבורהס שטימע זיך געקלעמט. — איך קען זיך גאָר־נישט שאַפן קיין שום בילד. די ייִדן־פראַגע מאַטערט מיך שטאַרק. אַוועקגעגעבן מיין יוגנט אויף בילדונג. געלערנט מיצקעוויטשן, סלאָוואַצקין און וועלט־דיכטונג אויף אויסנווייניק. איצט פאַרשטיי איך נישט קיין איין שורה פון לעבן אויף אי־נעווייניק. ווער באַשאַפט דאָס גאַנצע רשעות, טאַקע איין מענטשן, וואָס האָט די מאַכט איבער אַלע, צי מיר אַלע, וואָס האָבן אים געגעבן די מאַכט? כ׳וואָלט כאָטש געוואָלט גלייבן, אַז אַ טייל פון אונדז וועלן לעבן בלייבן?

— געוויס וועלן טיילן פון אונדז לעבן בלייבן! — האָט כאַנטשע אויפגע־הויבן די הענט אין דער הייך און מיט אַן אָפּקלאַנג אַראָפּגעלאָזט אַ בלויען אָפּ־געשפּרונגענעם שעפּ־לעפל.

— אָ, דו ביסט אַזאַ גוטע, כאַנטשע! — איז דבורה צו איר צוגעשפּרונגען און אַרומנעמענדיק די פרוי מיטביידע הענט, האָט זי גענומען היסטעריש לאַכן מיט טרערן אין די אויגן. — איך וואָלט דיך געוואָלט טרעפן נאָך דער באַפרייונג.

— א־פ־ש־ר וועסטו מיך טרעפן? — האָט כאַנטשע אויסגעצויגן דעם „אפשר״ און מיט אַן אינערלעכן ציטער דבורהן אַ קוש געטאָן, טראַכטנדיק בשעת־מעשה פון אירע צוויי אומגעקומענע טעכטער.

פאַר דבורהן האָבן זיך די שעהן ביז צו דער פאַרווײַלונג געצויגן ווי אַן אייביקייט. זי האָט זיך עפּעס נישט געקענט דערטראַכטן, צי אַ פאַרווײַלונג איז היינט בכלל באַרעכטיקט. אַ רגע האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי הערט אַ טייווו־לאָניש געלעכטער, וואָס דערטראָגט זיך פון די לאַנג־צעשלענגלטע פינצטערע קאָרידאָרן; אַ רגע — אַז די פאַרווײַלונג אויפן סאַמע ראַנד פון אַן אָפּגרונט, פאַריאָגט גאָר דעם טייוול.

„אַ שיינע וועלט געווען. ס׳איז שוין אַלץ אַזוי ווייט. און מיט יעדער רגע

ווערט די נעכטיקע וועלט אַלץ ווייטער און ווייטער״ — האָט זי מיט אַ טיפער בענקעניש געטראַכט. — „דוד קומט מיר עפּעס פאַר אַן אַנדערער. אפשר וועל איך אין קאַמף אויך ווערן אַן אַנדערע. דערווייל אָבער וויל איך כאַטש אויף איין רגע פילן, אַז ס׳האָט מיך ווער ליב. כ׳וויל פון לעבן נישט מער ווי איין קוש, וואָס זאָל אין מיר גליִען ביז צו מיין לעצטן אָטעם־הויך. גיי פאַרלאַנג דאָס פון אַ קעמפער, וועמענס נקמה־דורשט איז שטאַרקער ווי דער דראַנג לעבן צו בלייבן״.

בעת דער לאַגער פון די אויפשטענדלער האָט דערוואַכט, זענען די גרע־סערע און קלענערע בונקערס אָנגעפולט געוואָרן מיט אַ גערויש.

— דבורה, דו ווערסט האָבן געזונג. — האָט כאַנטשע אַרויסגענומען פון דבורהס האַנט דאָס האַנטעכל, מיט וועלכן זי האָט גראָד אויסגעווישט אַ גרויסן אַלומיניום־קעסל, אַן איבערבלייב פון אַ יידישן רעסטאָראַן.

דבורה האָט זיך איילנדיק אַרומגעוואָשן. זי איז מיט האַסטיקע טריט אַריין אין איר בונקערל. די קעמפּפערינס דאָ האָבן זיך מיט ווייניקער חשק ווי די אָקאָרשט אָנגעקומענע דבורה, צוגעגרייט צו דער פאַרוויילונג. זיי האָט עס גע־כער געצויגן צום געלעגער, צו נאָך אַביסל אָפּרו. אָבער אַ באַפעל האָט זיי אונ־טערגעיאָגט. און איידער מ׳האָט נאָך זיך באַוויזן אַרומצוקוקן, איז דאָס בונקערל אויסגעליידיקט געוואָרן.

— איך וואַרט אויף דיר. — האָט פעלקע, די געוועזענע דינסטמיידל ביי דבורהס עלטערן, זיך אַוועקגעשטעלט און מיט האַרצקלעמעניש באַטראַכט דבורהן וואָס האָט נאָך אַלץ אויסגעזען אַ היפּש ביסל אַנדערש.

דבורה האָט פון איר האַנט־בייטל אַרויסגענומען אַ קליינטשיק שפּיגעלע און דערלאַנגענדיק עס פעלקען, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אויפקעמען.

ביים פאַרבינדן דאָס קאָפּ־טיכל, האָט זיך דוד באַוויזן אויפן שוועל.

פעלקע האָט זיך דערפילט איבעריק און איז גלייך אַרויס פון בונקערל.

— דבורה!

— דוד?! — איז זי צו אים אַ צאַפּלדיקע צוגעשפּרונגען, און האָט אים מיט אַ גליִענדיקן אָטעם געבומען אַרומקושן. — האָסט דיך אויסגעשלאָפן?

— אויסגעשלאָפן? כ׳האָב שוין לאַנג נישט געהערט אַזאַ וואָרט. ס׳קלינגט שוין אין מיינע אויערן פרעמד און ווייט.

— איך האָב דיך געזען שלאָפנדיק, דוד! — האָט דבורה אים אָנגעקוקט מיט אַ פאַרליבט שמייכעלע.

— ביסט געווען ביי אונדז אין בונקער?

— יאָ, דוד. ס׳האָט זיך מיר געבענקט.

— געבענקט? — האָט זי דוד פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט. — אַזאַ וואָרט קלינגט שוין ממש... כ׳קען מער נישט פאַרנעמען קיין ראָמאַנטישע ווער־

טער. — האָט ער זי באַטראַכט מיט אַ שמייכל פון אַנטציקונג, וואָס האָט זיך גלייך פאַרלאָשן אין זיינע צוקנדיקע מויל־ווינקלען. — דו דאַרפסט איצט יוערן אַ קעמפערין, דבורה.

— כ׳קען מיך עפּעס נישט פאָרשטעלן. — איז זי געבליבן שטיין אַן אויס־געבלייכטע. — כ׳ווייס גאָרנישט ווי אַזוי מ׳שטרעקט אויס אַ פּיסטאָלעט צו אַ לעבעדיקן מענטשן, אַפילו צו אַ בלוט־שונא.

— יאָ. — האָט זיך דוד אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטרוי־זאַק און ער האָט דבורהן געגומען באַטראַכטן. דאָס האַרץ אין אים האָט שטאַרק געקלאַפּט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דבורהן אויף אַ קאַמף־פּאָזיציע.

— טו אויס דעם טורבאַן, דבורה!

— פאַרוואָס, דוד?

— ווייל דו ביסט צו שיין. אַנדערע מיידלעך וועלן זיך דערמאָנען...

— איך האָב געמיינט, אַז דאָס וועט דיך גאָר טרייסטן. — האָט זי זיך נער־וועז באַוועגן און פון זיך אַראָפּגעשלעפּט דעם טורבאַן. אירע גאָלדענע האָר זע־נען זיך אינעם טונקעלן אַרום צעפּאַלן ווי גאָלד־שטראָמען. איר שפּילעוודיקייט, איר צאַרטער, רייצנדיקער שמייכל, האָט אים טיף גערירט. ער האָט דבורהן אַ כאַפּ געטאָן אויף די קני, אַ ווײַלינקע זי געוויגט ווי אַ קינד, געקושט מיט הייסע ליפּן אירע אויגן, וואָס האָבן איצט פייכט־געמאַכט זיינע ליפּן.

— איצט איז מיר אַ רגע גוט, דוד. מיר זענען ווי אַ וואָגשאָל איבער אַ תהום. דו זיצסט אויף איין שאָל, איך — אויף דער צווייטער. מיר וויגן זיך אַרויף, אַראָפּ. מיר וועלן אויפשטיין צוזאַמען. דו שווייגסט? דו ביסט עפּעס ווי טויט פאַר אונדזער פּערזענלעך לעבן.

— ס׳עקזיסטירט היינט נישט, טייערע מיינע, קיין פּערזענלעך לעבן. — האָט זיך דוד אויפגעשטעלט. — קום, דבורה, מ׳וואַרט אויף אונדז.

— וואָס מאַכט דיין באַנדאַזשירטע האַנט, דוד? — האָט דבורה גאַנץ לייכט באַרירט זיין באַנדאַזש.

— כ׳וועל מוזן שיסן מיט דער לינקער האַנט — האָט ער געזאָגט און אַ שפּאַן געטאָן צו דער טיר.

זיי זענען אַריין אין גרויסן מענער־בונקער. אויף די נאַקעטע שטרויזעק זענען געווען, צוזאַמענגעדרענגט, יונגע און עלטערע. פאַרשידנאַרטיק געקליי־דעטע ווידערשטענדלער און ווידערשטענדלערינס: יונגע מיידלעך און מיטליאָרי־קע פרויען. טייל זענען געזעסן האַלב־דרימלדיקע, מיט פאַרמאַכטע אויגן־דעקלעך. אַנדערע האָבן ליידנשאַפטלעך אַרומגעשמועסט די פּאָליטישע לאַגע. אַן אומ־לעגאַלע פּוילישע צייטונג איז דאָ אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. מ׳האָט זיך דאָ גאַנץ נישקשהדיק אַריינגעזאָגט, באַליידיקט, פאַרגעסן אין דער אייניקייט

און גערעדט ווי צו קעגנערס. דער בונקער איז געווען גאַנץ שוואַכלעך באַלויכטן פון איין לעמפל. אויף די גרוי־שוואַרצע ווענט האָבן זיך געצייכנט משונהדיקע מאַסקעס פון שאָטנס, גלייך ווי עס וואָלטן דאָ געהאָנגען בילדער פון מאָסן־סצענעס.

בעת דבורה איז אַריינגעקומען, האָבן טייל מיידלעך און פרויען אויף איר לאַנג געקוקט. זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט דאָ אין דעם קרייז, געהאַט אַ פּאָר פּריש־געפאַרבטע ליפּן און די קליידער אירע האָבן אַ בלענד געטאָן מיט לעבעדיקע פאַרבן פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אָבער ווי נאָר זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שפּיץ פון אַ שטרויזאַק, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די פאַרבן פון אירע קליידער האָבן זיך אויסגעלאָשן.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער קאָמאַנדיר איציק בערגמאַן. ער האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אַריין. דער עולם האָט זיך גלייך איינגעשטילט. ער האָט אויסגעטוישט אַ וואָרט מיטן צווייטן קאָמאַנדיר דוד ראָזענבלום, אויסגע־דרייט זיך צו דער גרופּע און אַ זאָג געטאָן:

— חברים, לאָמיר קודם באַגריסן די צוגעקומענע קעמפערין! — האָט ער מיט דער רעכטער האַנט אָנגעוויזן אויף דבורהן. — זי האָט אונדז געבראַכט אַ היפּש ביסל צירונג, וואָס וועט בקרוב פאַרוואַנדלט ווערן אין געווער.

— בראַוואָ! — האָבן זיך געהערט אויסרופן. און ערשט איצט האָט די גאַנ־צע גרופּע זיך גענומען איינקוקן אין דבורהן.

די מיידלעך, וואָס זענען געזעסן בשכנות מיט דבורהן, האָבן זיך אין דער שטיל עפּעס גענומען אויספרעגן.

דוד האָט אַראָפּגעצויגן דעם רינג, וואָס דבורה האָט אים געשאָנקען, און אים איבערגעגעבן דעם צווייטן קאָמאַנדיר.

— נאָך אַ פּיסטאָלעט — האָט ער אויפן הויכן קול אַ זאָג געטאָן.

די קעמפער האָבן זיך איבערגעקוקט.

— זישע, נעם דיך צו דיין מויל־האַרמאָשקע! — האָט דער קאָמאַנדיר בערג־מאַן באַפוילן.

אַ בלאָנד־געקרייזט קעפּל פון אַ יונגן בחור מיט ראָזלעכע באַקן, האָט זיך ווי אַרויסגעפּלאָנטערט פון אַ קנויל מלבושים.

— שוּבערט! — האָט אַ מיידלשע שטימע זיך דערהערט.

— ווינער וואַלסן! — האָט זיך אַ קעמפערין עפּעס דערמאָנט.

— האַפּמאַנס דערציילונגען! — האָט מען פון אַ ווינקל אַרויסגערופן.

— חברים, שטיל! — האָט דער קאָמאַנדיר בערגמאַן אויפגעהויבן אַ האַנט. — זאָל ער שפּילן וואָס ער קען.

ס׳איז געוואָרן שטיל און שטילער. אַלעמענס בליקן האָבן זיך געווענדט אין זישעס ריכטונג.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ ווייבערדיק מענער־קול.

אויפגעציטערטע האָבן די פאַרזאַמלטע קעמפער אויסגעדרייט זייערע קעפּ און אָפּגעשטעלט זייערע איבערגעשראָקענע אויגן אויפן רעליגיעזן ייד, לייבל מילגראָם. ער איז געזעסן מיטן קאָפּ אָנגעלענט אין דער וואַנט.

דער דאַשעק פון זיין טוכן היטל איז אים געבליבן הענגען אויפן ראַנד פון זיין פאַרונדיקטער, פעך־שוואַרצער באָרד.

— וואָס איז געשען ר׳ לייבל? — האָבן ביידע קאָמאַנדירן געפרעגט ווי מיט איין קול.

— זייט מיר מוחל! — האָט זיך דער ייד דער אַרויפגעשאָרט דאָס היטל, וואָס האָט פאַרשטעלט זיין פאַרונדיקטע פעך־שוואַרצע באָרד. — כ׳האָב מיך מיט אַלע כוחות צוריקגעהאַלטן. פאַרשטעלט מיין געוויין מיטן היטל. אָבער איך האָב געמוזט אַרויסוויינען. ערשט נעכטן בין איך דאָ געזעסן מיט מיין שוואָגער מענדל, און היינט, היינט — לאָזט מיך כאָטש עפּעס זאָגן, כדי זיך ווידער צו שטאַרקן.

— רעדט, מילגראָם!

— כ׳האָב די נאַכט, בעתן קאַמף, געפונען אין אַ חורבה אַן איינגעבלאָטיקט בלאַט פון אַן אַלטן ספר, — האָט מילגראָם אַרויסגעצויגן אַ בלאַט, שטייף ווי אַ פּאַרמעט. — כ׳בין משער, אַז דאָס בלאַט האָט אַמאָל געהערט צום „ספר הברית״, הערט, יידן, וואָס דאָ ווערט געזאָגט! פּאַראַן באַשעפענישן, וואָס ווערן געבוירן פון פייער און לעבן נאָר אין פייער. מיר יידן, זענען דאָך געבוירן געוואָרן בצלם אלקים — גאָט איז דאָך פייער. דאָס איז א רמז אויף אונדזער היינטיקן לעבן. אויב מיר לעבן אין פייער, איז אַ באַווייז, אַז אונדזער קיום איז אייביק. און מיר וועלן אויך די רדיפות און נגישות פון אונדזערע בלוטיקע שונאים — אויסהאַלטן. מיר וועלן, גלויב איך, דעם האַקנקרייץ ווי אַלע קרייץ־צוגן, אויך איבערלעבן!

בעת לייבל מילגראָם איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָבן טייל קעמפער געצויגן מיט די אַקסלען, גלייך ווי זיי וואָלטן זיינע רייד נישט באַנומען און אים אָנגעקוקט מיט חשד, צי ער איז נישט אַמאָל געווירט געוואָרן פון זינען. אַנדערע, ווידער, האָבן לייבל מילגראַמען אָנגעקוקט מיט דרך־ארץ און מיטגעפיל.

באַלד האָט זיך זישעס מויל־האַרמאָשקע געלאָזט הערן. די לירישע טענער פון שובערטס אַ מעלאָדיע האָבן לייכטער געמאַכט די געמיטער, וואָס זענען נאָר־וואָס באַשווערט געוואָרן פון מילגראַמס געוויין. די צאַרטע טענער האָבן ווי פאַרוויגט די נשמה, דערוועקט אַ זיס־ביטערע בענקשאַפט צום לעבן פון אַמאָל.

בעת זישע האָט פאַרענדיקט די מעלאָדיע, האָט דער עולם גענומען רופן:

— סאַראַ ווײַנזאַפט!

— סאַראַ! — האָבן די קאָמאַנדירן באַשטעטיקט.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ברונעט, פלאַך־ברוסטיק מיידל מיט אַ דינינטשקער נעזל. אויסגעזען האָט דאָס מיידל קרענקלעך, אָבער בעתן דעקלאַמירן, האָט זיך עפּעס אַ סודותדיק פייערל אָנגעצונדן אין אירע גרויסע, שוואַרצע, לעבעדיקע אויגן. איר קלאַנגפולע שטימע האָט געווירקט מיטרייסנדיק.

— דאָס ליד איז פון מרדכי געבירטיק! — האָט סאַראַ אַ פליסטער געטאָן און אַ ווײַלע געבליבן זיצן אַן אַנטשוויגענע.

און נאָך אַ פויזע:

און איך זאָג ברידער, געדענקט וואָס איך זאָג!
דער אייניציקער טרייסט און נחמה,
ס'וועט קומען, איר הערט? ס'וועט קומען אַ טאָג,
וואָס וועט פאַר אונדז נעמען נקמה.

איר שטימע איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ שניידיקער, שאַרפער. די אָרומיקע קעמפער האָבן ממש געפילט ווי אין אירע פאַרגעטראָגענע פערזן שוועבט אַרום איר אייגענע נשמה, אַן אויפגעברויזטע, אַ פאַרבענקטע און אַ נקמה־דורשטיקע. אָבער באַלד האָבן סאַראַס אומעטיקע אויגן גענומען אויפשטראַלן. איר קול האָט באַקומען אַן אָפּקלאַנג פון אַן אויסגעשפּילטן נצחון־מאַרש. אירע שאַרף־שפּיציקע אַקסלען האָבן זיך גענומען הייבן, אַקוראַט ווי זי וואָלט מיט אַמאָל באַקומען פליגל. איר שטימע האָט אַ שאַל געטאָן:

ס'וועט קומען דער טאָג, יאָ, איך האָף און גלויב;
איך זע ברידער, זיין אָנקום פון ווייטן...
און ברענגען וועט ער אונדז, ווי נחס אַ טויב,
אַ בשורה פון פרידלעכע צייטן.

אַ געפּרעסטע שטילקייט האָט אײַנגעשלונגען דעם נאָכקלאַנג פון סאַראַס שטימע. אַ היפּש ביסל מינוטן זענען די אויפשטענדלער געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך און פאַרטראַכט. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, ווי דער פערז „אַ בשורה פון פרידלעכע צייטן" וואָלט זיך געלייגט שווער און געצאַפּלט ווי אַ שלאַנג אין די ווידערשטענדלערס געמיטער. דער פערז האָט זיך ווי געריכטצט מיט די שוואַכע, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט דעם גלויבן, אַז זיי וועלן דערלעבן. אויגן האָבן זיך איבערגעקוקט, גלייך ווי איינער וואָלט ביים צווייטן געוואָלט לייענען יענעמס געדאַנקען. די אַרומיקע שטילקייט האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן.

ערשט ביים אויסרופן „לייבטשע״, האָט זיך דער עולם צעוויגט.

דעם קעלנער לייבטשע לאָשאַק, האָבן אַלע געהאַלטן פאַר אַ פאַרלוירענעם טעאַטער־טאַלאַנט. הערנדיק אויסרופן זיין נאָמען, האָט זיך דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיקל אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט מיט אַ פּאָר צעשמייכלטע ליפּן און צוקנדיק מיטן רעכטן אַקסל, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— כ׳וועל אייך דערציילן אַ וויץ וועגן היטלערן.

און אַז ער האָט אָנגעהויבן, איז אים שוין שווער געווען זיך אָפּצושטעלן. ער האָט ממש געשאָטן וויצן ווי פון אַרבל אַרויס. אַ פרישן קוואַליק געלעכטער האָט ווי איינגעבראָכן די שווערע דאַמבעס פון די בונקער־ווענט און האָט ווי אַרויפגעפלאָסן צו די זוניקע לאַנדשאַפטן פונעם אַמאָליקן לעבן.

— שטילער! — האָבן די קאָמאַנדירן באַפוילן.

— נאָך עפּעס, לייבטשע! — האָט מען געררופן פון אַלע זייטן.

לייבטשע האָט זיך במחשבה געגרייט נאָך עפּעס צו דערציילן, אָבער מנשה אייזנבערג, אַ פרימיטיווער ייִד, האָט פּלוצים געשטעלט אַ פראַגע:

— כ׳בעט אייך, מענטשן, פאַר היטלערן זענען שוין אַמאָל געווען אין דייטשלאַנד אַזעלכע מערדער, וואָס זאָלן אונדז האָבן געוואָלט אַרויספּליקן מיטן וואָרצל?

דער ערשטער, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אייזנבערגס ריכטונג, איז געווען ישעיהו זלאַטניצקי, אַ זשורנאַליסט פון אַ גרויסער טאָג־צייטונג; אַ מענטש, וואָס האָט ביי זיינע קאַרגע פערציק יאָר שוין געהאַט אויסגערייזט אַ וועלט. ער האָט זיך אַ ווײַלע, אויס געוווינהייט, אַ קראַץ געטאָן זיין שפּיגלדיקן שאַרבן, אַראָפּגענומען זיך די קוועטש־ברילן, געפּינטלט מיט די אויגן, און באַוועגנדיק מיט זיין רעכטער האַנט, וועמענס צוויי פינגער האָבן איצט געטראָגן זיינע צוויי־קערס, האָט ער נאָכדענקלעך געזאָגט:

— אייזנבערגס פראַגע, וועלכע זעט, אויבנאויפיק גענומען, אויס צו זיין אַ נאַיווע, פאַרדינט אין תוך גענומען, אַז מ׳זאָל זי באַהאַנדלען. איך האָב טאַקע ערב דעם מלחמה־אויסברוך געהאַט צוגעגרייט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דעם אורשפּרינגלעכן אַנטיסעמיטזם אין דייטשלאַנד. אָבער צום גרויסן באַדויערן זענען אַלע מיינע אָנגעזאַמלטע אַרכיוון פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך עפּעס. יאָ, — האָט ער אַרויסגעהויכט אַ זיפץ. — אויב איר דערלויבט, — האָט ער אָנגעקוקט זיינע קאָמאַנדירן, — קען איך וועגן אייזנבערגס פראַגע עפּעס זאָגן.

— בקיצור! — האָט ער באַקומען אַן ענטפער.

— היטלער, ימח שמו, איז נישט דער ערשטער ייִדן־פאַרניכטער אין דייטשלאַנד, — האָט זלאַטניצקי זיך צוריק אָנגעטאָן די ברילן. — דער אַנטי־

סעמיטיזם אין דייטשלאַנד, באַווייזן דאָקומענטן, איז כמעט אַזוי אַלט ווי דער דאָרטיקער ייִדישער ייִשוב. שוין אונטער דער הערשאַפט פון די קאַראָלינגער און פון די „זאַקסישע קעניגע“, זענען די ייִדן נישט באַטראַכט געוואָרן ווי בירגער פון דער הייליקער רוימישער נאַציע. ריידנדיק וועגן דעם, קען מען נישט אַדורכלאָזן דעם נאָמען פון מאַרטין לוטער, וועלכער האָט געוואָלט געווינען די ייִדן פאַר פּראָטעסטאַנטיזם. איך וואָלט זיך געדאַרפט אָפּשטעלן אויף זיין ווערק „דאָס יעזוס איין געבוירענער יודע זיי“ — האָט זיך זלאָטניצקי אַ וויש געטאָן איבערן פּנים. — און נאָך מער אויף זיין שפּעטערדיק ווערק „פאָן דען יודען אונד אירע ליעגען“. אָבער ס'איז שווער אין די איצטיקע באַדינגונגען די דאָזיקע ווערק צו באַהאַנדלען.

— דערקלער בעסער! — האָט זיך דער קאָמאַנדיר דוד ראָזענבלום אויפגעשטעלט. — אַז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געגעבן די ייִדן גלייכבאַרעכטיקונג, האָט אומדירעקט געווירקט אויף דער ייִדישער לאַגע אין דייטשלאַנד. מאָל נישט אַלץ אַזוי שוואַרץ! ביים באַזעצן פון נאַפּאָלעאָנען דאָס רהיינלאַנד, איז געקומען די עמאַנציפּאַציע פאַר די ייִדן פון דער לינקער זייט רהיין. די געטאָ־מויערן זענען אויפגעעפנט געוואָרן און אַלע גזירות קעגן ייִדן זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן.

— כאַפּ נישט, ראָזענבלום! און דערמיט האָט זיך דען אַלץ געענדיקט? — האָט זלאָטניצקי געצויגן מיט די אַקסלען. — מיר האַלטן דאָך ערשט ביים יאָר 1442. דו האָסט אוודאי פאַרגעסן אין דעם בערלינער יוסטיץ־באַאַמטן גראַטענויער און אין זיין פּאַמפלעט „ווידער די יודען“, וווּ ער פּראָקלאַמירט, אַז עס איז אַ חרפּה זיך צו חברן מיט די גאָטלאָזע ייִדן. און ער פאָדערט, אַז מ'זאָל זיי, די ייִדן, הייסט עס, צווינגען נאָך אַמאָל צו טראָגן די געלע לאַטע.

— דו האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, חבר זלאָטניצקי! איך זאָג נישט, אַז נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך שוין דער אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד איינגעשטילט. — האָט דער קאָמאַנדיר ראָזענבלום עפּעס נאָכגעטראַכט. — ס'איז מיר אַמאָל אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אויסגעקומען צו לייענען פּ. בוכהאָלצס שריפט. אויב כ'האָב קיין טעות נישט, יאָ, „מאָזעס און יעזוס“. ער פאַלט דאָרט אָן אויף לעסינגען, ווייל ער האָט זיך געחברט מיט אַ פאַרטרעטער פון דער חיהשער, ייִדישער רעליגיע.

— חברים, לאָזט זיך אָפּ מיט דער דיסקוסיע! דאָס איז נישט אויף קיין פאַרווײלונג. ס'פאַלט שווער! — האָט דער צווייטער קאָמאַנדיר אויסגערופן.

ביי די ווערטער האָט מען פון אַ ווינקל אַרויסגעהערט וועמען שנאָרכען.

— ר' זאַנוול איז איינגעשלאָפן.

— וועקט אים נישט אויף! — האָבן די קאָמאַנדירן באַפוילן.

— לאָמיר טאַקע איבעררייסן! — האָט זיך זלאָטניצקי אַרומגעקוקט. — בקיצור, פאַר אַדאָלף היטלערן האָבן מיר אין דייטשלאַנד געהאַט אַן אַדאָלף שטעקער, אַ היינריך טריטשקע, אַן אויגען דיערינג, אַ טהעאָדאָר פריטש, פ. דע־אַגאַרדע, וואָס האָט געלייקנט אין יעדער ייִדישער אָריגינאַליטעט און געניאַלי־טעט. נאָך טהעאָדאָר פריטשס „דער פאַלשער גאָט", ווו ער מאַכט כלומרשט אַ תל פונעם אַלטן טעסטאַמענט און פון דער ייִדישער גאָטהייט, קומט אונטער פרידריך דעליטש מיט זיין בוך „די גרויסע טוישונג", לויט זיין טעאָריע, זענען ייִדן געווען, און פאַרשטייט זיך, פאַרבליבן, אַמאָראַליש, אַ נידערשטייענדיקע נאַ־מאַדן־באַנדע, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז רויבער און מערדער.

דער עולם האָט זיך צעלאַכט:

— רויבער און מערדער!

— זלאָטניצקי, לאָמיר פאַרענדיקן! — האָט זיך דער קאָמאַנדיר דוד ראָ־זענבלום אַרומגעקוקט. — אַ ספּעציעל פּראָבלעם פאַר די אַנטיסעמיטן.

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ לייכטער גערויש ביי דער בונקער־קליאַפּע. אַלעמענס אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן. די קעפּ פון די ווידערשטענדלער האָבן זיך אין איין אויגנבליק האַסטיק אויסגעדרייט צום אַריינגאַנג. דאָס ענג־צונויפגע־פּרעסטע גרופּן־בילד איז זיך צעפאַלן, גלייך ווי יעדער וואָלט אין איין רגע גע־וואָרן אַ מענטש פאַר זיך. דער סודותדיקער אָפּקלאַנג פון דער בונקער־קליאַפּע האָט געווירקט ווי אַ שטיל־אונטערגעגנבעטער אָנפאַל פון היטערווייַלעכץ. די אויפגעוואַכטע אימה האָט באַלד אין דער ערשטער רגע אַרויסגעיאָגט די מחש־בות, וואָס האָבן זיי אָקאָרשט געהאַט אַריינגעוועבט אין אַן אַנדער וועלט.

— רויק און קאַלטבלוטיק! — האָבן די קאָמאַנדירן אויסגערופן. און אַרויסציענדיק זייערע פּיסטאָלעטן, האָבן זיי זיך מיט האַסטיקע טריט אַוועק־געלאָזט צום בונקער־איינגאַנג.

ס'האָבן זיך באַוויזן צוויי שליחים פון שטאַב, וואָס האָבן איילִיק אַוועק־געשפּאַנט צו דער קאָמענדאַנטור־קאַנצעלאַריע. די צוויי קאָמאַנדירן זענען זיי נאָכגעגאַנגען מיט פעסטע, זעלנערישע טריט.

צווישן די קעמפער איז אַנטשטאַנען אַזאַ טומל, גלייך ווי מ'וואָלט אין אַ רויִקער נעסט אַריינגעוואָרפן אַ שווערן שטיין, וואָס האָט פאַר אימה אויפגעפּע־כערט צענדליקער פאַר פליגל־הענט. די ווידערשטענדלער האָבן רעשיק אויפגע־ריסן די שטרוי־זעק, און צוזאַמענגעקנאָטן ווי איין גוף און איין נשמה, זענען זיי געבליבן שטיין ביי דער טיר און האָבן מיט אַ געוואַלדיקער אומרו עפּעס דער־וואַרט.

באַלד האָט מען געהערט אַרויסבאַגלייטן די צוויי שטאַב־שליחים. און ווי

נאָר די קלאַפּע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, זענען די צוויי קאָמאַנדירן אַריין מיט שטורמישע טריט און אויסגערופן מיט איין קול:

— חברים, צום געווער!

ס'איז געוואָרן אַ מהומהדיק געלויף, אַ גערויש פון קולות, אַ געשטויס פון עלנבויגנס.

אין געציילטע מינוטן זענען די באַוואָפנטע גרופן געשטאַנען גרייט. זיי האָבן מיט אויסגעשפּיזטע אויגן, איינגעהאַלטענעם אָטעם, געוואַרט אויף אַ באַפעל.

— חברים! — האָט דעם קאָמאַנדיר ראָזענבלומס קול שאַרף געשניטן די שטיקנדיקע לופט. — צוויי פון אונדזערע שניידער, וואָס זענען ממש מקריב זייער לעבן ביים אַרויסשמוגלען פון די שאָפּן דייטשע מונדירן פאַר אונדזער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, זענען אַנטדעקט געוואָרן. אין צען מינוט אַרום, — האָט דער קאָמאַנדיר געקוקט אויפן האַנט־זייגערל — פירט מען זיי אַרויס צום „ווייסן־הויז". איר ווייסט דאָך צו־גוט וואָס דאָס „ווייסע־הויז" באַדייט. מיר האָבן אַ באַפעל די צוויי שניידער פאַר יעדן פּרייז אָפּצושלאָגן. צום קאַמף! פאַר־זיכטיק אַרויסמאַרשירן!

די אויפשטענדלער האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן. זיי האָבן גלייך געבילדעט איין לאַנגע ריי און טרעטנדיק איינער אויפן צווייטנס פּיס, האָבן זיי זיך אַרויס־געשלייכט פון בונקער.

דער קאָמאַנדיר דוד ראָזענבלום האָט אין איילעניש צוגעדריקט דבורהן צום האַרצן; ער האָט איר אַ קוש געטאָן און מיט אַ שפּרונג פאָרויס, האָט ער נאָכ־געצויגן זיין גרופּע.

— דוד! — האָט דבורה אויסגערופן מיט שרעק אין איר שטימע, און דער־הערנדיק נאָר איר ווידערקול, האָט זי אַראָפּגעלאָזט די הענט מיט אַן אָפּהילך.

זי איז געבליבן שטיין איינע אַליין אינעם אויסגעליידיקטן בונקער. זי האָט געמאַכט אַ טריט און זיך באַלד אַרומגעקוקט. זי איז געווען שרעקלעך צעטומלט, אויפגעטרייסלט פון דעם האַסטיקן איבערגאַנג פון פאַרווילונג צו קאַמף. זי האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט נידערשלאַגן, גלייך ווי זי וואָלט זיך אַליין פאַר־געוואָרפן פאַרוואָס זי איז אַ פאַרשפּעטיקטע. מען האָט זי איצט איבערגעלאָזט אין בונקער צוזאַמען מיט די אַלטע פרויען אין דער קיך, וואָס זענען מער נישט פעיִק צום קאַמף.

אַ נערוועזע, אַן אומרויִקע האָט זי געגומען אַרומשפּאַנען, אַרומנישטערן אין אַלע ווינקעלעך. זי האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס זי זוכט.

נאָך אַ ווײַלע איז זי צוריק געקומען צום געווער־בונקערל. זי האָט דער־בליקט אַ „דובעלטוווקע", אַ ביקס, וואָס האָט דאָ נאָר געדינט צום אויסאיבן

זיך. זי האָט גענומען די ביקס אין דער האַנט אַריין און זי באַטראַכט פון אַלע זייטן. דאָס האַלטן אַ ביקס צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, האָט ביי איר אַרויס־גערופן אַ ציטער, וואָס האָט געקילט אירע ביינער.

אָבער ווי געפירט פון עפּעס אַ געהיימער קראַפט, האָט זי זיך אַליין גענו־מען איבן, אויסשטרעקנדיק די ביקס אין דער לופט, קנאַקנדיק מיטן מעטאַלענעם צינגל. אַקוראַט ווי זי וואָלט שוין ממש געצילט צום שונא.

בעת זי איז מיד געוואָרן פון די איבונגען, איז זי אומבאַהאָלפן געבליבן שטיין, נישט וויסנדיק ווו זיך אַהינצוטאָן. זי האָט אין איר דמיון פלוצים דער־זען דעם קאַמף אַרום דעם „ווייסן הויז". זי האָט וועמען געזען אַנידערפאַלן. ס׳איז ווער געבליבן ליגן ווי אַן איינגעקאָרטשעטער קנויל, געפלעקט מיט בלוט. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרצן און אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט דערהערט דודס קול. פון איר אויסגעשריי האָבן זיך געעפנט טירן און איבערגעשראָקענע פּנימער האָבן אַרויסגעקוקט. זי האָט מיט אַ וואַקלדיקן טריט גענומען אַרומשפּאַנען אין די טונקעלע געשלענגלטע קו־לואַרן און געעפנט די טיר פון שפּיטאָל־בונקער.

אַריינקומענדיק האָט דער ריח פון כלאָראָפאָרם איר איצט מער גענומען שטיקן אין דער קעל, ווי ביים ערשטן באַזוך. זי האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט זיך נישט געקענט דערמאָנען וועמען זי זוכט דאָ.

פלוצים איז איר בליק געפאַלן אויף אַ צונויפגעקנוילטן שטרויזאַק. זי האָט אַ שטאַרקן ציטער געטאָן. ערשט נאָכן ציטער האָט זי זיך דערמאָנט, אַז אויף דעם שטרויזאַק איז נאָך נעכטן געלעגן אַ פאַרוווּנדעטע קעמפערין, וואָס האָט אויך געהייסן דבורה.

פונעם ליידיקן שטרויזאַק האָט זיך איצט דערטראָגן דער פאַרשטאַרבענער קעמפערינס קול:

— אויב איך וועל שטאַרבן, דבורה, וועסטו איבערנעמען מיין ביקס.

זי האָט אויפגעקנוילט דעם שטרויזאַק און זיך שווער אַראָפּגעזעצט.

קאַפּיטל דרייצן

ברונאָ קאָכאַנאָווסקי

דער רעזשיסאָר ברונאָ קאָכאַנאָווסקי, וואָס האָט זינט די ערשטע באָמבאַרדירונגען אויף וואַרשע געליטן פון שלאָפלאָזיקייט, האָט זיך אויפגעכאַפּט אַרום דריי אַזייגער ביינאַכט, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך זיין שלאָפראָק, אָנגעצונדן אַ גרויס חלב־ליכט, און מיט שטילע טריט, אין אַ פּאָר ווייכע פּערסישע שטעקשיך, האָט ער זיך אַריינגעשלייכט אין זיין ביבליאָטעק און אונטערטריפנדיק דאָס ליכט אין אַן אַנטיקוואַרישן מנורה־לייכטער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש.

אויפן שרייב־טיש זענען געלעגן מעטערלינגס דראַמעס: „מאָנאַ וואַנאַ“ און „פּעלעאַס און מעליזאַנדאַ“. צוויי אַנדערע דראַמעס וואָס קאָכאַנאָווסקי האָט לעצטנס שטודירט, זענען געלעגן אויפגעבלעטערטע, גלייך ווי ער וואָלט צוגעגרייט אַ נייע אויפפירונג. די ערשטע אויפגעבלעטערטע דראַמע איז געווען הערמאַן הייערמאַנס „געטאָ“; די צווייטע — שעקספּירס „שיילאָק“. דיביידע דראַמעס וואָס געהערן צו דער ייִדישער טעמאַטיק אין דער וועלט־דראַמאַטורגיע האָבן אים לעצטנס געהאַלטן אין אַזאַ שפּאַנונג, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן נישט געהערט צו זיין אָפּגעשפּילטן רעפּערטואַר, נאָר צו ניי־אַנטפּלעקטע בינע־ווערק.

אויפן שרייב־טיש זענען געלעגן אָנגעהויפט אַ היפּש ביסל נאָטיצן. לכתחילה איז קאָכאַנאָווסקין גופא נישט קלאָר געווען, פאַרוואָס גראָד אין אַזאַ אומזיכערער סכנותדיקער צייט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אַ פלאַם צו דער דאָזיקער אַרבעט. איינציקוויי האָט ער זיך דערטראַכט, אַז דאָס אויפכאַפּן זיך אין מיטן דער נאַכט בכדי זיך צו פאַרטיפן אין בינע־ווערק, דערהייבט זיין איצטיקע געפאַלנקייט; ער פילט זיך ממש ווי ער וואָלט ממשיך געווען זיין טעאַטער־טעטיקייט און דערמיט פיל־ווייניק איינגעשטילט זיין בענקשאַפט צו זיינע אַמאָליקע אַמביציעס.

ביי טאָג האָט זיין התלהבותדיקער אָנטייל אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אויסגעלייזט זיין דראַנג זיך מתעסק צו זיין מיט טעאַטער־פּראָבלעמען. אָבער די שלאָפלאָזע נעכט האָבן אים שרעקלעך געמאַטערט. זינט ער האָט אין אַ „קעמערל“ אויסגעהערט די אַפּאָקאַליפּטישע שילדערונגען פון אַן אַנטלאָפענעם פון טרעבלינקע, האָט ער זיך מער נישט געקענט באַפרייען פו די ממש

אומגלויבלעכע גאַז־אויוונס, וואָס האָבן זיך נאָכאַנאַנד געמאָלן פאַר זיינע אויגן.

די נאַכט איז איצט אין דרויסן געלעגן אַן אַנטשוויגענע, אַ שוואַרצע, אַ באַזילבערטע פון ראָסע, אַ צעפינקלטע פון אייז־צאַפּנס, וואָס האָבן דאָ און דאָרט אַראָפּגעהאַנגען ווי קאַנדעלאַבערס פון ריינעם קרישטאָל. פון גאַנץ ווייט האָט זיך עפּעס דערטראָגן אַ שטיל־סודותדיקער געדויש, פּונקט ווי די אַנט־שוויגנקייט גופא וואָלט איצט מיט געטלעכע ליפּן אַריינגעפּליסטערט אינעם וועלט־אַל. פון צייט צו צייט האָט דער ווינט אַ פייף געטאָן מיט אַ געהודזשעריי. אויף אַ רגע האָט זיך דאָס גאָלד־פלעמל פונעם חלב־ליכט אַ בייג געטאָן, אָבער באַלד זיך צוריק אויסגעגלייכט.

זיצנדיק אַזוי ביים שרייב־טיש, האָט זיך קאָכאַנאָווסקין געטראַכט, אַז ווען זיין פרוי ליובאַ זאָל זיך איבערוועקן און אים דאָ דערזען אַן איינגעבויגענעם איבער נאָטיצן, בפרט אין אַזאַ מוראדיקער צייט, וואָלט זי אויסגעשריגן אַז דאָס איז משוגעת. אָבער זי שלאָפט אַ קרעכצנדיקע. מסתמא דערזעט זי ערשט איצט, מיט פאַרמאַכטע אויגן, די גרויסע געפאַרן פון איין טאָג יידיש איבערלעבן.

אויך זיין איינציקער זון, יורעק, שלאָפט אין זיין צימער. זיין אָטעם דער־הערט ער נישט. אָבער ער ווייסט גאַנץ גוט אַז אויך זיין שלאָף, נאָך אַזוי פיל סכנותדיקע טאָג־שעהן, איז מסתמא נישט קיין רויקער. אָבער אים, קאָכאַנאָוו־סקין, לאָזט עס אפילו מיט אַן אומרויקן שלאָף — אויך נישט איינשלאָפן. שוין וואָכן אַזוי נאָכאַנאַנד ווי אַ נישט־געשטילטער אומרו יאָגט אים אַרום. אפשר יערט עפּעס אין אים אַ שאַפונג? מעגלעך אַז ס'איז אין אים אויפגעקו־מען אַ דראַנג אָנצושרייבן אַ דראַמע פון דער איצטיקער צייט? אַלע האָב זיך דאָך אַ כאַפּ געטאָן צו דער פעדער. יעדעס צווייטע, דריטע מיידל שרייבט דאָך איצט אַ טאָגבוך. אפשר שרייבט ער אויך? ווארעם אויב דער דערוואַכטער אומ־רו וואָלט נישט געווען קיין קינסטלערישער דראַנג ערב־שאַפן, נאָר אַ נאָגנדי־קער פחד פאַרן טויט, וואָלט דאָך דער אומגלויבן, דער ספק אין לעבן, נישט געלאָזט נאָטירן אַזוי פיל זייטלעך. צו וואָס, צו ווען? און מחמת וואָס האָט ער אין די שלאָפלאָזע נעכט פון דער לעצטער וואָך אַרויסגעוויזן אַזוי פיל עקשנות־דיקן געדולד ביים ווידער אַמאָל איבערלייענען דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע”? אָט קוקן נאָך אויף אים, ווי צוויי אייביק־אָפענע אויגן, דאַנטעס שורות:

אין מיטן וועג פון אונדזער לעבן
אַ שלאָפנדיקער בין איך אין וואַלד אַריין
און אָט איז די אויפשריפט פאַרן אַריינגאַנג אין גיהנום:
דאָ גייט מען דורך מיר אַריין אין
דער טרויער־שטאָט פון מאַטערנישן, דאָ
גייט מען דורך מיר אַריין צו אייביקער

פיין, דאָ גייט מען דורך מיר אַריין
צו געפאַלענע דורות.

„נו, וואָלט מען די דאָזיקע אויפשריפט נישט געקענט אַרויסהענגען ביים טויער פונעם איצטיקן געטאָ?״ — האָט קאָכאַנאָווסקי געטראַכט. — „וואָלט דען ווער עמען איינגעפאַלן, אַז די שורות זענען נאָך אָנגעשריבן געוואָרן אין מיטל־אַלטער?״

ער האָט זיך אָנגעצונדן זיין ליולקע, און ווערנדיק אַריינגעוועבט אין אַ שעפערישער שטימונג, האָט ער ווי צו זיך אַ זאָג געטאָן:

— דעם הויפּט־העלד צו דער דראַמע האָב איך שוין. דאָס בין איך. איך בין טראַגישער אין מיין וויזונג ווי אַ ייִד אין געטאָ... אַרום און אַרום בין איך דאָך איצט געגליכן צו איינעם וואָס לעבט פון פּראָסטיטוציע. מיינס אַ סטודיאָ־שי־לעריין, וואָס איז זינט דער דייטשער באַזעצונג אַרויסגעשוומען ווי אַ באַקעט־טענצעריין און גיט זיך איבער אונדזערע הענקער, דעקט מיין הויז. ווייי און ווינד! כ׳האָב דעם נסיון נישט אויסגעהאַלטן. כ׳האָב מסכים געווען. אויסגע־זוכט תירוצים, אַז כ׳מאַך דאָס מכלומרשט פאַר מיין פרוי און זון. ווי קען איך אַראָפּשלינגען דעם גענוס פון אויפהאַלטן זיך איצט אין מיין רייך־אויסגעשטאַט הויז, בעת מיליאָנען ייִדן זענען אויסגעוואָרצלט געוואָרן און מ׳לאָזט זיי אפילו נישט רויִק ליגן ווי מתים אין בונקער־קברים, נאָר מ׳פירט זיי מאַסנווייז אַרויס פון געטאָ און — אַריין אין די פאַבריקן פון טויט. אין דער דראַמע, פיל איך, וועל איך זיך אַרויספירן, אַז כ׳האָב יאָ אויסגעהאַלטן דעם נסיון. כ׳האָב הייסט עס, אָפּגעזאָגט מיין שילעריין איר שוץ און כ׳בין מיט מיין פאַמיליע אַוועק אין געטאָ, געוואָרן איינער פון די אינספּיראַטאָרן פון אויפשטאַנד. כ׳וועל אין דער דראַמע, בכדי אַרויסצוברענגען אַ פּאָזיטיוון געשטאַלט, פעלשן מיין אייגן לעבן. אויב אַזוי, וואָס פאַראַ ווערט וועט האָבן מיין דראַמע? אין לעבן האָב איך באַ־זיגט דעם געוויסן; און אין דער דראַמע וועט דער געוויסן מיך באַזיגן. אין לעבן אַ נידעריקע בריאה, וועל איך זיך אויפן פּאַפּיר דווקא אַרויסהייבן ווי אַ נאָבל־עטיש געשטאַלט. וואָס פאַראַ זין האָט אַזאַ דראַמע?

ריידנדיק אַזוי מיט זיך, האָט ער בשעת־מעשה געבלעטערט אַ זאַמלונג פון איבסענס דראַמעס. זיין בליק איז געפאַלן אויף צוויי שורות:

„דער וואָס נעמט־צו דעם ליגן ביים מיטלמעסיקן מענטשן, נעמט ביי אים אויך צו דאָס גאַנצע ליכט פון זיין לעבן״.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון טיש און אַוועקגעשפּאַנט. ער האָט זיך צו־געשלייכט צו דער קאַנאַפּע, וואָס איז דאָ ווי תמיד געשטאַנען אין אַ ווינקל און געשפּילט מיט טונקעלע גאָלד־טענער אויף אַ קעניגלעכן בלוי. ער האָט זיך אָפּ־געצונדן זיין אויסגעלאָשענע ליולקע און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע.

דורך די וואָלקנדלעך רויך, וואָס האָבן זיך פון זיין ליולקע אַרויסגעקנוילט, האָט ער דערבליקט דאָס חלב־ליכט און האָט אַ ציטער געטאָן.

ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער זיצט אין טעאַטער פון זיינס אַן אויפּ־פירונג פון איבסענס „בראַנד". און גראַד איצט האָט אַגנעס, איבסענס העלדין פון דער דראַמע „בראַנד", אַוועקגעשטעלט דאָס ליכט אויפן פענצטער, כדי אויפן פאַרשנייטן קבר פון איר קינד זאָל ליכטיק ווערן. קאַכאַנאָווסקי הערט ווי פרויען אין זאַל שלוכצן, ווישן זיך די אויגן. דערמאָנענדיק זיך אין דער דאָזיקער סצענע, דאַכט זיך איצט קאַכאַנאָווסקין, אַז דאָס ליכט וואָס ער האָט אַוועקגע־שטעלט, באַלייכט פון דער ווייטנס די אומצאָליקע קינדער־קברים וואָס זענען פאַר הונגער אויסגעגאַנגען אין געטאָ.

אפשר וואָלט מיר גאָר וווילער געווען אין געטאָ? די שרעק אַז מיין הויז זאָל נישט אַנטדעקט ווערן פון מוסרים, איז אפשר פיל שטאַרקער ווי די שרעק אין געטאָ גופא? ס'פעלן מיר נישט קיין קאָנפליקטן מיט זיך. כ'האָב אָבער נאָך אַלץ נישט געפונען דעם הויפּט־קאָנפליקט פאַר מיין דראַמע".

און ליגנדיק אַזוי איינזאַם פאַרזונקען אין דער אַרומיקער נאַכט־שטילקייט, דאַכט זיך אים ווי אַ פרעמדע שטימע דערציילט אים זיין פאַרגאַנגענהייט:

דיין פאָטער איז געווען אַ רייכער לעדער־סוחר אין אַ קליין פויליש שטע־טעלע. ער האָט געהאַלטן אַ גרויסע גאַרבעריי, באַשעפטיקט עטלעכע צענדליק פוילישע און יידישע אַרבעטער. געוווינט אין אַן אייגענע קאַמעניצע און האָט זיך געבאָדן אין כל־טוב: סוחרים, בוכהאַלטער, אַנגעשטעלטע, מעקלער, משר־תים, נאַכט־וועכטער, דינסטן — האָבן זיך ביי אייך אין גרויסן רחבותדיקן הויז אַרומגעדרייט, געליאַרעמט, געטומלט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, צע־פליגלט אין געלויף די טירן ווי ווינט־מילן, געגעסן, געטרונקען פון שענסטן און בעסטן, געטאַנצט און געהוליעט פאַר ווילטאָג.

דיין פאָטער יונה, איז געווען אַ ייד מיט אַ קופּערנער באָרד, אויסגעלייגט אויף ביידע ברוסטן ווי אַ געעפנטער פעכער. בעת ער האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין דאַנציג האַנדלען, פלעגט ער זיך איבערטאָן דייטשמעריש: אין אַ שוואַרצן האַרטן בעכער, אין אַ שטייפן ווייסן קאָלנער מיט אַ קראַוואַט, אין אַ קורצן אַנ־צוג, וואָס האָט זיך זעלטן־ווען פאַרקנעפּלט אויפן אַרויסגעשטופּטן פאַררונדיקטן בייכל. פון זיין לינקן מויל־ווינקל האָט אַרויסגעפינקלט אַ גאָלדענער צאָן, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט זיין צעפלאָשעטער באָרד און אַזוי אַרום פאַראיי־ניקט וועלטלעכקייט מיט יידישקייט.

צווישן די דריי זין און צוויי טעכטער ביסטו, ברוך, וואָס איצט הייסטו ברונאָ, געווען דער שענסטער און געראָטנסטער. דערביי האָט דיך גאָט נאָך

מזכה געווען מיט א זעלטן־שיין שטימעלע, וואָס האָט די שטעטלדיקע ייִדן און ווייבער אַריינגעבראַכט אין גרויס התפעלות.

דיין פאָטער האָט שוין מכמה שנים געהאַט אַ חזקה צו דאַווענען אין די ימים־נוראים מוסף אין בית־המדרש מיט זיינע דריי זין — משוררים. דיך האָט מען אַרויסגעהערט מיט דיין קולעכל, וואָס האָט ממש געשפּילט ווי דוד המלכס פידעלע. פון אַלע דריי זין ביסטו נאָר איינער געוואָרן אַ גימנאַזיסט פאַר ווע־מענס קענטעניש דיין טאַטע איז גרייט געווען אָוועקצוגעבן אַ העלפט פון זיין מאַיאָנטעק.

נאָך דער „מאַטורע" האָט זיך דיין פאָטער, ווערנדיק פאַרכאַפּט פון אַן אַמ־ביציע, איינגעשפּאַרט, אַז זיין עלטסטער זון ברוך, וואָס האָט, לויט זיינס אַן אויסדרוק, געהאַט אַ „קאָפּ אויף רעדער", זאָל פאַר יעדן פּרייז ווערן אַ דאָקטער, און ער האָט דיך טאַקע אַוועקגעשיקט קיין וואַרשע שטודירן מעדיצין.

אין וואַרשע האָסטו אַמאָל — נאָכן אָפּלעבן אייניקע יאָר ווי אַן אומבאַ־קאַנטער סטודענט — אויפגעטראָטן אויף אַ סטודענטן־באַל, אויף וועלכן דיין אומאויסגעשולטער לירישער טענאָר האָט צום ערשטן מאָל באַצויבערט אַ וואַר־שעווער פּובליקום. דיין גורל האָט געוואָלט, אַז אויף דעם זעלבן באַל זאָל אויפ־טרעטן אַ יונגע זעלטן־שיינע סלאַווישע שיינהייט, די אַקטריסע האַלינאַ לעש־טשינסקאַ. און בעת זי איז אַראָפּ פון דער עסטראַדע, באַגלייט פון שטורמישע אָוואַציעס און ביס־אויסרופן, זאָלסטו מעשה־גאַלאַנט איר דערלאַנגען די האַנט. זי האָט צו דיר אויסגעשטרעקט איר צאַרט הענטל אויף וועלכן ס'האָט געפּלאַ־טערט אַ גרין שטיקל טיול. דו האָסט אָבער דעמאָלט נישט געאַנט, אַז אין דער רגע האָסטו באַרירט אַ פּרויען־האַנט וואָס וועט דיך שפּעטער פירן צו רעזשי־סאָרן, צו דער בינע, צו גרויסע דערפאָלגן, צו אויסגעלאַסנקייט און ליבע־אַוואַנ־טורעס, און נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת — צו שמד...

איר הענטל וואָס דו האָסט דעמאָלט אָנגענומען האָסטו שוין דעם זעלבן אָוונט נישט אָפּגעלאָזט, האָסט זי פאַרבעטן צו אַ טישל. איר האָט געטרונקען שאַמפּאַניער, געלאַכט, געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט. באַגינען האָט איר דער פּוילישער פּיאַניסט געבראַכט פון דער גאַרדעראָבע איר מענטעלע פון ווייסן וויזאָן, און בעת ער האָט איר אָנגעטאָן דאָס מענטעלע האָט ער, טראָץ דעם וואָס ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געטאַנצט מיט שיינע ייִדישע מיידלעך, ביי־בלוטיק אַ ברום־געטאָן:

— ער איז דאָך אַ ייִד...

—איך גלייב נישט... זיין נאָמען ענדיקט זיך דאָך אויף סקי...

דו האָסט פון אירע ליפּן בעסער געוואָלט הערן:

— זאָל ער זיין אַ ייִד.

פונדעסטוועגן, הגם איר ענטפער האָט דיך געערגערט, האָט זי דיך גאַנץ לייכט אַריינגעכאַפּט אין אירע לאַפּקעלעך און דערפילנדיק אז דיין טענאָר קען ווערן איר קאַפּיטאַל, האָט זי דיך אַריינגעפירט צום דירעקטאָר פון דער מלוכה־שער טעאַטער־שול, ווו דו האָסט דיך אָפּגעמאַטערט יאָרן, פאַרלאָזנדיק געגצלעך דעם אוניווערסיטעט, און האָסט לסוף געמאַכט אַ טעאַטער־קאַריערע.

האַלינאַ האָט אָבער איינגעשלונגען אַלע דיינע פאַרדינסטן. דערביי האָט זי זיך נישט געוואָלט מיט דיר צוזאַמענגיין אָן שמד...

ביסטו אַהיימגעפאָרן זען דיינע עלטערן. דו האָסט געגלייבט אַז אַריינקו־קנדיק אין דיין מאַמעס אויגן, וועסטו מער נישט קאָנען נאָכקומען האַלינאַס קאַפּריז... דו ביסט אָבער אין דיין היים שוין געזעסן אַ פרעמדער... אַ טרויער און אַ בענקשאַפט האָט זיך באַזעצט אין דיין נשמה... אַ פיינלעכער געפיל פון אייפערזוכט האָט געגריזשעט דיין האַרץ. און גראָד דעמאָלט ווען די רייכסטע און שענסטע טאָכטער פון שטעטל איז דיך געקומען „שויען" און די מאַמע דיינע האָט זיך אַליין געפּאָרעט מיט דער אויפנאַמע, האָסטו זיך אויפגעכאַפּט, אומ־באַמערקטערהייט זיך צוזאַמענגעקליבן דיינע זאַכן, און ווי באַהערשט פון אַ משוגעת, ביסטו געלאָפן צום צוג.

און גאָר קורץ נאָכן באַזוכן דיין היים, איז פאָרגעקומען די שמד־צערעמאָניע.

אין אַ יאָר אַרום ביסטו אַהיימגעפאָרן צו דיין טאַטנס לוויה... מ'האָט דיך נישט צוגעלאָזט צום מת. באַנאַנד מיט אייער סטרוזש פראַנצוזשעק, וואָס האָט איין פוס געהאַט אַ הילצערנעם, האָסטו נאָכגעהינקט דער סאַמע לעצטער נאָך דער עגלה... אויפן בית־עולם ביסטו צוזאַמען מיט אייער סטרוזש געבליבן שטיין אויף יענער זייט פּלויט... בעת דיין יונגערער ברודער האָט געזאָגט „דיין" קדיש, ביסטו מיטן קאָפּ צוגעפאַלן צו דער שטיינערנער מויער... פון דיין האַרצן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ משונהדיקער געוואַי, וואָס איז גאָרנישט ענלעך צו אַ מענ־טשיש קול... אויף איין רגע נאָר האָסטו געזען דעם גאַנצן אומזין פון לעבן...

פונדעסטוועגן בעת דו ביסט צוריקגעקומען קיין וואַרשע און האָסט דיין האַלינאַ נישט געטראָפן אין דער היים, ביסטו זי גלייך געלאָפן אויפזוכן. גע־טראָפן האָסטו זי אין „אַדרעיאַן". זי איז געזעסן צוגעטוליעט צו אַ יונגן פּוילישן אַקטיאָר וואָס האָט געשפּילט מינדערוויכטיקע ראָלן. ס'איז צווישן דיר און דעם יונגן אַקטיאָר אויסגעבראָכן אַ בלוטיק געשלעג. דער דאָזיקער ערשטער קאָנ־פליקט מיט האַלינאַן האָט זיך פאַרצויגן אויף לאַנגע, לאַנגע חדשים, איבערבע־טענישן און נייע מחלוקת, לסוף האָט דאָס אַלץ דערפירט צו אַ צעשיידונג.

די צעשיידונג מיט האַלינאַן וואָס האָט אין יענע יאָרן ממש דערשיטערנדיק געווירקט אויף דיין געמיט, האָט דיך דערפירט צו שיכרות און צו פינצטערע געדאַנקען... דו ביסט אַרומגעגאַנגען ווי אַן אויסגעהוילטער... דער התלהבות צו

דער טעאַטער־קונסט ווי צום לעבן גופא, איז אין דיר גענצלעך אויסגעלאָשן... דיין קאַלטע יאושדיקע נשמה האָט נאָר דערוואָרעמט און געטרייסט — דער בי־טערער טראָפּן, וואָס האָט דיר צוגענומען דיין באַוווסטזיין, דיין בענקשאַפט, דיין פאַרליבטקייט און אייפערזוכט; האָט דיך אַריינגעפירט אין אַ וועלט פון פאַרגעסנקייט... דו ביסט געזעסן אין כלערליי קנייפּעס אַ טויט־שיכורער און האָסט געלאַכט מיט אַזאַ פילברוסטיק געלעכטער וואָס קען לחלוטין — נישט געמאָלט זיין ביי די סאַמע גליקלעכסטע מענטשן... דו האָסט דיך בפרהסיה אַרומגעשלעפּט מיט פּראָסטיטוטקעס און אַליין אַראָפּגעריסן דיין גוטן נאָמען פאַר וועלכן דו האָסט געהאָט באַצאָלט אַזאַ טייערן פּרייז...

איינמאָל זיצנדיק אין אַ שפּעטער נאַכט־שעה אַ האַלב־שיכורער ביי אַ קאָ־באַרעט־טישל, האָט אַן איידעלע פרויען־האַנט אין אַ ווייסער הענטשקע ביז צום עלנבויגן, לייכט־צאַרט אויפגעהויבן דיין אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ אויף דער ברוסט...

פאַר דיר איז געשטאַנען אַ צעשמייכלטע די יידיש־פּוילישע דראַמאַטישע שוישפּילערין, ליובאַ מיראַנסקאַ, אַ בת־יחידה פון אַ לעמבערגער דאָקטער־מע־דיצין. אירע עלטערן וואָס האָבן בשום־אופן נישט געוואָלט מסכים זיין אויף איר טעאַטער־קאַריערע, האָבן זיך פון איר געהאַט אָפּגעזאָגט. דו האָסט זי מיט אַ צייט צוריק געהאַט באַקענט הינטער די קוליסן פון פּוילישן טעאַטער. זי האָט אָקאָרשט געהאַט אָפּגעשפּילט דעם לעצטן אַקט פון איבסענס „נאָראַ״. בעת דו האָסט זי צום ערשטן מאָל דערזען האָט זי נאָך געטראָגן אין די הענט די צוויי וואַליזקעס מיט וועלכע זי איז אַראָפּ פון דער בינע. איין וואַליזקע האָט דיר אַ שטויס־געטאָן. איר האָט זיך ביידע דערבליקט און צעלאַכט. דו האָסט פעסט געדריקט איר האַנט און איר געמאַכט קאָמפּלימענטן. זי האָט דיר עפּעס גע־וואָלט ענטפערן, אָבער דער זאַל האָט געשטורעמט. זי איז אַרויס אויף דער ראַמפּע זיך בוקן פאַרן פּובליקום. אין יענעם אָוונט ביסטו מער צו איר נישט צוגעקומען. זי איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ גאַנצער מחנה פאַרערער.

איצט איז זי פאַר דיר געשטאַנען אין אַ לילאַ קלייד וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן נאָך דער ברוסט. אויף איר האַרץ־ברעט איז געלעגן, ווי אין אַ שאַכטל פון ווייסן סאַטין, אַ גרויסע טונקל־גרינע בראָשקע, באַזעצט מיט דימענטן. און הגם איר שטאָלצע שיינקייט האָט אויף אַ רגע דיך פאַרבלענדט, האָסטו מער ווי אַלצדינג דערזען דעם בליק אין אירע פייערדיקע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט שרעק און מיטלייד צו דיין געפאַלנקייט. און פון דער רגע אָן, בעת דו האָסט דיך אַ וואַקלדיקער אויפגעכאַפּט און גענומען קושן איר האַנט, ביסטו שוין גע־בליבן שטיין אויף די פּיס.

זי איז שוין קאַרגע דרייסיק יאָר דיין געזעצלעכע פרוי. מיט איר האָסטו

אַ זון יורעק, אַ געוועזענער אָפּיציר וואָס איז אַהיימגעקומען פון פּוילישן מיליטער מיט אַ געזונטן גוף און מיט אַ נשמה פאַרוואונדעט פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם. ער איז איצט איינער פון די אַקטיווסטע און מוטיקסטע פירער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, אין וועלכער ער האָט אויך דיך אַריינגעצויגן.

— און איצט, מיין ליבער קאָכאַנאָווסקי, אין וועלכן עפּיזאָד ליגט דער הויפּט־קאָנפליקט פון דיין דראַמע? — האָט די פרעמדע שטימע אים אַ פרעגגעטאָן.

ער האָט געבליקט צום פאַרהאַנגענעם פענצטער. אויף די פאַרהאַנגען איז שוין געפאַלן אַ פערטל טאָג פון אַ העלערער הימלישער באַלייכטונג. די גאָלדגעלייגשטע אותיות אויף די ביכער־רוקנס וואָס האָבן ביים קאַרגן שיין פון חלבליכט צוזאַמענגעשטעלט נעמען פון גרויסע גייסטער, זענען אים איצט פאַרגעקומען ווי אויפשריפטן אויף מצבות. אַ נייער געדאַנק האָט אַ בליץ־געטאָן אין זיין מוח.

„דער הויפּט־קאָנפליקט פון דיין לעבנס־דראַמע ליגט נישט אין דיין פאַרגאַנגענהייט, נאָר אין דיין נאָענטסטער צוקונפט, וואָרום סוף־כל־סוף וועט דיין אָנטייל אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, דערגיין צום געשטאַפּאָ־טיש. דעמאָלט וועסטו שטיין פאַרן גרעסטן נסיון פון דיין לעבן. אויסגעבן סודות בכדי צו ראַטעווען דריי יונגע קעפּ? נישט אויסגעבן, מקריב־זיין די דריי קעפּ? שווער פאַרצווזען ווי אַזוי כ׳וועל פאַר טויט־שרעק האַנדלען. מיין אינטימסטער פריינד ד״ר אייכנער, אַ רעזשיסאָר מיט אַ נאָמען, אַ פּולבלוטיקער ייד, האָט זיך גופא און זיין פאָלק פאַראַטן, אַזוי שמועסט מען, אַבי צו קענען צייטווייליק פריי אָטעמען. כ׳בין מיט אים אויסגעווען אַ וועלט. שטאָקהאָלם, מאָסקווע, בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן, צפון־ און דרום־אַמעריקע. געטראָפן זיך מיט וועלט־באַרימטע טעאַטער־טעאָרעטיקער: סטאַניסלאַווסקי, גראַנאָווסקי, ריינהאַלד, פּיסקאַטאָר, פּיטאָעף און נאָך און נאָך. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳קען דעם דאָקטער אייכנער נישט ווייניקער ווי זיך גופא. אָבער ווען מ׳נעמט דעם מענטשן און מ׳שטעלט אים אַוועק אויף דער דינער שייד־ליניע צווישן לעבן און טויט? יאָ, יאָ, מיין גרעסטער לעבנס־קאָנפליקט ליגט אין דער נאָענטסטער צוקונפט״.

אַ קעלט איז אים דורך איבערן רוקן־ביין. ער האָט אויפגעשוידערט און פאַרמאַכט די אויגן. זיין גאַנצע געזעענע וועלט האָט איצט ביי אים באַקומען איין קאָליר. און ליגנדיק אַזוי מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער זיך דערמאָנט אַ געשעעניש וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט גאַנצע דרייסיק יאָר צוריק: דער פּאָליציי־נאַטשאַלניק האָט געהאַט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל אַלע שטעטלדיקע געביידעס איבערמאָלן אויף איין קאָליר. און דאָ האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן. טייל געביידעס זענען אויסגעקומען טונקעלער און טייל הע־

לער ווי די אָנגעווייזענע פאַרב. דער נאַטשאַלניק וואָס איז אַרומגעגאַנגען קאָנ־טראָלירן האָט זיך ממש געוואָרפן פאַר רציחה. אין דעם מאָמענט איז אונטער־געקומען דער שטאָט־משוגענער און האָט אַן אומדערשראָקענער געזאָגט צום נאַטשאַלניק:

— אויב איר ווילט דווקא אַז ס׳גאַנצע שטעטל זאָל האָבן איין קאָליר, ציגדט עס אונטער! נאָר אין פייער קען אַ גאַנצע שטאָט און אַפּילו אַ גאַנצע וועלט, האָבן איין קאָליר...

ביי דעם געדאַנק איז קאָכאַנאָווסקי נאָך לאַנגע חדשים צום ערשטן מאָל איינגעשלאָפן. אין שלאָף האָט ער דערזען ווי די געטאָ ברענט און אַלע געביידעס בעמען אין איין קאָליר.

**
*

צומאָרגנס אינדערפרי, בעת יורעק האָט געעפנט די טיר פון זייער ביבליאָ־טעק־צימער, איז ער אויף דער שוועל געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער. זיין פאָ־טערס ליגן אויף דער קאַנאַפּע האָט אים געוואָלדיק איבערגעשראָקן. ער איז אָבער אויך גלייכצייטיק געווען איבערראַשט פון זיין פאָטערס שלאָף. ער האָט אַנידער־געקניט ביי דער קאַנאַפּע און גאַנץ לייכט, מיט קוים־קוים באַרירבאַרע ליפּן גע־נומען קושן זיין פאָטערס געשלאָסענע אויגן.

קאָכאַנאָווסקי האָט זיך גלייך אויפגעכאַפּט.

— יורעק?!

— יאָ, גוט־מאָרגן, פּאַפּאַשאַ!

— וואָס טוסטו דאָ אַזוי פרי? — האָט זיך קאָכאַנאָווסקי אַרומגעקוקט און באַמערקט די צעטריפטע פאַרטייעטע חלב־פלעקן נאָכן אויסגעברענטן ליכט.

— כ׳דאַרף דאָ איבערשרייבן אַן אַרטיקל מיט אַ פאַרגרייזטן פּויליש. עס באַהערשט מיך, פּאַפּאַשאַ, אַ גרויסע פריידי! מיר גרייטן זיך אַרויסצוגעבן אַ נו־מער וואָס זאָל סיי גראַפיש און סיי לויטן פאָרמאַט געגצלעך קאָפּירן די דייטשע צייטונג. ביז זיי וועלן זיך כאַפּן וועלן אונדזערע אַרטיקלען און אויפרופן דער־גיין צום דייטשן מיליטער און צו דער פּוילישער באַפעלקערונג. אַ וווּנדערבאַרער איינפאַל! — האָט זיך יורעק פאַר צופרידנקייט געריבן די הענט און זיך צוגע־זעצט צום טיש.

קאָכאַנאָווסקי האָט אַ שווייגנדיקער אָנגעקוקט זיין זון, גלייך ווי ער וואָלט אויף זיין פּנים געזוכט אַ שאָטן פון שרעק.

— וועמענס אַרטיקל, יורעק?

— קאַרל לאַטושעקס. ער שרייבט טאַקע ווי אַ פּראָסטער מעטאַל־אַרבע־טער. אָבער ער פאַרמאָגט מער פּאָליטישן וויסן פון מיר. ער דערמאָנט דאָ מיצ־

קעוויטשן וואָס האָט נאָך אין 1848 אונטערגעשטראָכן אין זײַן מאַניפעסט, אַז דאָס פּוילישע פֿאָלק איז זײַן עלטערן ייִדישן ברודער שולדיק אַ מאָראַלישן חוב.
— ווער האָט דיר געגעבן דאָס אַרטיקל צו פֿאַריכטן?
— ד״ר פֿרידלאַנד.
— גוט. מעגסטו עס אויסשלייפֿן. האָסט עפּעס געהערט נײַעס?
— ווען האָב איך געזאָלט הערן, פּאַפּאַשאַ? — האָט זיך יורעק צעלאַכט.
— כ׳בין דאָך נאָך נישט געווען אין גאַס. לויט די נעכטיקע ראַדיאָ־ידיעות זענען די רוסן אַלץ־נאָך צו־ווײַט; און מיר — צו־נאָענט.

— יאָ, מײַן זון, מיר זענען טאַקע צו נאָענט. צינד דיר אָן אַ ליכט און פֿאַרשליס די טיר! דער אויוון איז נישט געהייצט. דאַרף מען האָבן גרייט אַ ליכט, בכדי צו קענען פֿאַרברענען, כ׳זאָל מײַן מויל נישט צום בייזן ברענגען, אַן אומלעגאַלן מאַנוסקריפּט.

יורעק האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעקוקט דעם פֿאָטער.
— וואָס עפּעס פּלוצלינג אַזעלכע אָנמוטיקע רייד, פּאַפּאַשאַ?
— גאָרנישט. פֿאָרזיכטיקייט. שרעק דיך נישט! אָבער מעגסט דײַן טאַטע פֿאָלגן. פֿאַרמאַך די טיר! — האָט קאָכאַנאָווסקי אַ שאַרף־געטאָן מיט די שטעקשיך און איז לאַנגזאַם אַרויסגעגאַנגען.

יורעק האָט אָנגעצונדן אַ ליכטל, פֿאַרשלאָסן די טיר און האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש. אַ ווײַלע איז ער געבליבן זיצן אַפּהענטיק. אַ קאַלטער ציטער האָט אַדורכגענומען זײַן געביין. זײַן פֿאָטערס „פֿאָרזיכטיקייט״ האָט אים איצט מער ווי תמיד איבערגעשראָקן.

„מעגלעך אַז ס׳האָט עפּעס פּאַסירט מיט אונדזער הויז?״ — האָט זיך אים געטראַכט. — „מײַן פֿאָטער טראָגט זיך עפּעס אַרום מיט אַ סוד. זײַנע טריט זענען דאָס מאָל געווען מער צוריקגעהאַלטענע אינדערהיים ווי אין גאַס״.

ס׳איז אים געקומען אויפֿן געדאַנק אָנצוקלינגען צו דער טענצערין לידאַ קאַרינסקאַ. זי וואָלט אים אַלץ אויפֿגעקלערט. ער איז אָבער געבליבן זיצן אויפֿן אָרט און זיך אַרומגעקוקט. די גרויסע רחבותדיקע ביבליאָטעק וואָס די מוטער זײַנע האָט אין איינעם פֿון אירע סאַלאָנען אײַנגעאָרדנט מיט געשמאַק פֿון אַ וועלט־דאַמע, איז אים איצט פֿאַרגעקומען ווי אַ בינע־דעקאָראַציע. ווען אים זאָל אײַנפֿאַלן צו באַרירן די אָריענטאַלישע גאָבעלינען אַרום די ווענט און די קונסט־בילדער אויף די ווענט, וואָלט ער זיכער דערהערט אַ חוזק־געלעכטער פֿון שטן. די אַלע דאָ אויסגעשטעלטע סטאַטועטקעס פֿון בראָנדז און מאַרמאָר, וואָס שטעלן כלומרשט פֿאָר כלערליי געטינס פֿון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, זענען אים איצט עפּעס פֿאָרגעקומען ווי מאַטעריעללאָזע געגנשטאַנדן פֿון בלויז געצייכנטע ליניעס און פֿאָרמען. אָבער דערהערנדיק אַ טיק־טאַק, האָט ער דערבליקט דעם אַנטי־

קוואַרישן זייגער. אויפן פּאָסטומענט — צוויי בראָנדזענע טויבן מיט צעשפּרייטע צעפּלאָטערטע פליגלען. דער זייגער שטייט אויף אַן עטאַזשערקע קעגנאיבער אַ גרויסן שפּיגל. ער זעט ווי די טויבנס סטאַטישע אומבאַוועגלעכקייט ליגט אין שפּיגל ווי אַ דינאַמישער כוח וואָס רייסט זיך אין דער לופט אַריין און שוועבט ממש אַוועק. אויף דער פּיאַנאָ — אַ מאַרמאָרענער בעטהאָווען־ביוסט. אויף דער ביבליאָטעק־שאַנק — אַ וואָלטער־ביוסט, וועמענס פּנים איז צעטיילט אויף צוויי מאַסקעס: איין פּראָפיל לאַכט; דער צווייטער — וויינט. דער טיש איז געווען באַלייגט מיט אילוסטרירטע וואָכנבלעטער, צייטשריפטן אין עטלעכע סלאַווישע און לאַטיינישע שפּראַכן.

ער האָט זיך דערמאָנט אַז דער דאָזיקער סאַלאָן איז ביז צו דער דייטשער באַזעצונג געווען אַ טרעף־פּונקט פאַר כלערליי ייִדישע און פּוילישע קינסטלער און וויסנשאַפטלער. דער סאַלאָן האָט אַ גאַנץ יאָר כמעט געררוישט, געטומלט, געשפּילט ווי אַ קאָנצערט־זאַל, געלאַכט פון די אַנעקדאָטן וואָס מ׳האָט דאָ דער־ציילט וועגן גרויסע מענטשן. די ליידיקע פאָטעלן זענען געווען באַזעצט פון דראַמאַטורגן, מאָלער, מוזיקער, שרייבער, שוישפּילער, קריטיקער און פּאָליטישע טאָן־געבערס. וועגן וואָס און וועגן וועמען האָט מען דאָ אַלץ נישט גערעדט? ער דערמאָנט זיך אַפילו אַז בעת מ׳האָט דאָ אַוועקגעשטעלט דעם וואָלטער־ביוסט האָט זיך ווער פון די סאַלאָן־באַזוכער אויסגעדריקט: מיט אים האָבן מיר ייִדן אויך אַ שטיקל חשבון פאַרן אָראָפּרייסן די געטלעכע הילע פון דער ביבל.

ערשט איצט, מלחמה־צייט, בעת דער גערויש אין דעם סאַלאָן איז פאַר־שטומט געוואָרן און פון דער אַנטשוויגנקייט האָט עפּעס אַרויסגעשריגן, האָט יורעק, אַ צעבאַלעוועט און צעפּיעשטשעט בן־יחידל, וואָס האָט ביז צום מלחמה־אויסברוך דאָס לעבן גענומען פון דער לייכטזיניקער זייט, גענומען באַדויערן וואָס ער איז דאָ אין דעם סאַלאָן געווען אַ זעלטענער גאַסט און האָט זיך כמעט נישט אינטערעסירט מיט דער ייִדישער און פּוילישער עליטע, וואָס האָט זיך דאָ יאָרנלאַנג גייסטיק אויסגעלעבט.

דער פאָטער דאָקעגן האָט ממש נישט געקענט איינרוען בעת דער סאַלאָן איז אויסגעליידיקט געוואָרן. זינט די ערשטע פלאַמען האָבן אַרומגעכאַפּט די צענטראַלע וואַרשעווער גאַסן און זיינע ייִדישע פריינד האָבן גענומען ווי פאַר־ווונדעטע איבערגעשראָקענע חיות לויפן אין דער וועלט אַריין, איז אים אויסגעקומען זיך צו געזעגענען מיט צענדליקער און צענדליקער באַגענטע מנטשן, וואָס יעדער פון זיי האָט אין אים איבערגעלאָזט אַן אומרו פאַר יענעמס און פאַר זיין אייגן לעבן. אָבער פיל מער טרויער און אומרו האָבן אין אים איבערגעלאָזט די סאַלאָן־מענטשן וואָס זענען ווי די הינט אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ. זייער שטומער בליק וואָס האָט אים געפרעגט מיט וועלכן כוח ער בלייבט אי־

בער „אויף דער זייט", האָט אים ממש צעשמעטערט. זיין בענקשאַפט איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט אַז ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ „שיין" און זייער אָפט באַזוכט דעם געטאָ. און הגם בעת יעדן באַזוך האָט אים ווער געפעלט און אַהיימקומענדיק האָט אים דער טרויער אויף אַזוי ווייט נידערגעשלאָגן, אַז ער האָט באַשלאָסן מער נישט צו קומען אין געטאָ אַריין ציילן זיינע מתים, האָט אים עפּעס אַ נישט־געשטילטער אומרו, נאָך אייניקע טעג, ווידער אַריינגעיאָגט אין געטאָ, ווו ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט ווי אַ שאָטן פון זיין פאַרגאַנגענהייט.

אין דער ערשטער צייט האָט קאָכאַנאָווסקי, נאָך יעדן געטאָ־באַזוך, געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם וואָס האָט פאַרלוירן דעם זכרון. ערשט בעת ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין זיין צו־שטילע היים, האָבן פאַר אים אויפגעטויכט הונ־דערטער און הונדערטער סקעלעטן־מאַסקעס מיט אָפענע שרייענדיקע מיילער. ער האָט מיטאָמאָל דערהערט טויזנטער קולות אַרויסשרייען פון אַ תהום: העלפט יידן, העלפט!... יעדעס בעטנדיקע אויג וואָס האָט אינדערהיים פאַר אים נאָכ־אַמאָל אויפגעטויכט, האָט אויף אים געווירקט ווי אַ געשפּאָלטענער שפּיגל אין וועלכן די קויל פון שונא האָט שוין געהאַט אַריינגעשאָסן און אויף אייביק צע־קרישלט די ראיה וואָס דאַרף נאָך אַמאָל דערזען די שיינקייט און דאָס ליכט פון לעבן.

זיינע אָפטע געטאָ־באַזוכן האָבן קאָכאַנאָווסקין דערפירט צו אַ פאַרבינדונג מיט דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. ער האָט די אויפשטענדלער אַליין אָנגעבאָטן צו העלפן באַזאָרגן געווער, אַמוניציע און שפּייז.

די געטאָ־קעמפער האָט ער, דורך דער פאַרמיטלונג פון ד״ר פרידלאַנד, באַ־קענט אין דער חורבה־מלינה פון דיכטער מנחם מרגליות וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם.

— רעדט מיר נאָר נישט פון טעאַטער און קונסט! אויב יאָ, נעמט בעסער אַ מעסער און שניידט מיר איבער דעם האַלדז!...

קאַפּיטל פערצן

צווישן צוויי וועלטן

אין אַ טריבן פֿאַרנאַכט, נאָך אַ רעגנדיקן טאָג, איז קאָכאַנאָווסקי געזעסן ביי זיין געהיימען ראַדיאָ און אויפגעכאַפּט די שטילע, קוים־דערהערבאַרע קלאַנגען וואָס האָבן זיך שוואַכלעך צעטראָגן איבער זיין סודותפול טונקל צימערל. דאָס צימערל איז געווען געדיכט באַשטעלט מיט קאַסטנס און גראָ־בייכיקע קאָרפּערטס, באַשלאָסן מיט פֿאַרזשאַווערטע שמאָלע לענטעס פון באַנדאייזן, וואָס האָבן אַנטהאַלטן זיין אַמאָליקן טעאַטער־רעקוויזיט. אויף די קאַסטנס האָבן זיך אַרומגעוואָלגערט פֿאַרביקע קאָסטיומען און מאַסקעס פון געטער און טייוולאָנים. ביים קאַרגן אומעטיקן אָפּשיין פון אַ ברוינלעך־רויטן פֿאַרכמאַרעטן בין־השמשות־הימל, האָבן די מאַסקעס אָנגענומען דעם אויסזען פון לעבעדיקע געשטאַלטן, און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז סיי די געטער און סיי די טייוולאָנים לאַכן הויך אויפן קול אויס די גאַנצע מענטשלעכע קאָמעדיע.

נאָך אַ ווײַלע אײַנגעהאָרכן זיך אין די ראַדיאָ־קלאַנגען, האָט קאָכאַנאָווסקי גערופן זיין פרוי:

— ליובאַ!

— וואָס איז, ברונאָ!

— קום אַ ווײַלינקע אַהער!

ליובאַ האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט אַן אָפן מויל.

— כ׳ווייס נישט פון וואָס דו ביסט אַזוי איבעראַשט, מיין מאַן.

מ׳מוז דיר אַלץ צעקייען. — האָט זיך קאָכאַנאָווסקי נערוועז באַוויגן. — דאָס פֿאַרשווייגן זייערע פֿאַרלוסטן נאָך דער מפּלה ביי סטאַלינגראַד און זייערע מאַסן קריגס־געפאַנגענע; דאָס פֿאַרלייקענען דעם איינברוך אויפן קרימער פראָנט און דאָס פֿאַרבאַהאַלטן פֿאַר דער עפנטלעכקייט דעם אָנגריף מצד די אַליאַנטן אין צפון־אַפריקע באַווייזט, אַז זייער סוף דערנעענטערט זיך.

— הלוואַי! — האָט ליובאַ ווי בעת אַ תפילה פֿאַרבראָכן די הענט.

— מיר וועלן דעם חורבן אויך איבערקומען, ליובאַ! — האָט קאָכאַנאָווסקי, באַהערשט פון אַ ניי־דערוואַכטער האָפענונג, צוגעדריקט זיין פרוי צו דער ברוסט. — אַ שאָד וואָס יורעק איז גראָד נישטאָ.

ביים דערמאָנען איר זונס נאָמען האָט ליובאַ אַ שטאַרקן ציטער געטאָן.

— וואָס איז, ליובאַ?

— גאָרנישט. אָבער ס'האָרץ הערט מיר נישט אויף צו קלאַפּן פאַר שרעק. יורעק, יאָ, העלדישקייט, מוטיקייט, מסירת־נפש, שיינע ווערטער. אָבער ווען אַ מאַמעס האַרץ ציטערט איבערן גורל פון איר קינד... אַלטע ווערטער ווערן בלאַס און אויסגעלאָשן. העלדן שטעלט מען מאָנומענטן. איך וויל אָבער נישט קיין מאָנומענט, נאָר אַ זון.

קאָכאַנאָווסקי איז געבליבן זיצן אַן אַנטשוויגענער. זיין פרויס קול האָט אים באַזונדערס איצט שטאַרק גערירט. אָבער געטראַכט האָט זיך אים, אַז דער מענטש בלייבט אין גרעסטן פאָלקס־אומגליק ביים קלאָרן באַוווסטזיין פון זעלבסט־דערהאַלטונג. אויפן ערשטן פּלאַן שטייט תמיד דער קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט. אַוודאי ווערט מיין ליובאַ באַצוויבערט ווען מ'טראַגט איר אונטער אַ ידיעה אַז די אונטערערדלער האָבן דאָ־דאָרט אויסגעפירט אַ נקמה־אַקט און אומגעבראַכט אַ געוויסע צאָל פון אונדזערע דייטשע פאַרניכטער, אָבער זי וואָלט געוואָלט אַז דאָס זאָלן מאַכן אַנדערע — איר זון זאָל נישט זיין דערביי. און אַנדערע מאַמעס וואָלטן מסתמא אויך אַזוי געוואָלט.

מיטאַמאָל האָט דאָס טיר־גלעקל אַ שאַרפן קלינג־געטאָן און דער אָפּקלאַנג האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן געהאָווקעריי פון זייער הונט רעקס.

פאַר שרעק האָט זיך קאָכאַנאָווסקי אַ הייב געטאָן און איז צוגעפאַלן צו זיין פרוי. אַ פאַרצאַפּלטער האָט ער פאַרמאַכט דעם ראַדיאָ און אים גלייך פאַרשטעקט. ער האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט זיין פרוי מיט אַ שטומען בליק און ביידע האָבן זיך צוגעשלייכט צו דער פאָראַדנער טיר.

ביי דער טיר איז שוין געשטאַנען זייער דינסט מאַרישאַ. הגם זי איז ווי תמיד געווען פיין אויסגעקעמט מיט צוויי געפלאָכטענע שוואַרץ־גרויע האָר־בייגל אַרום די אויערן, האָט זי איצט אין די איבערגעשראָקענע אויגן פון אירע באַלעבאַטים אויסגעזען אַ צעשויבערטע. אירע דאַרפיש־רויטע באַקן האָבן זיי דערמאַנט אין גרינע אומרייפע עפּל.

רעקס, אַ שלאַנקער הונט באַדעקט מיט אַ ווייס־געלאָקטער פעל, מיט צוויי שוואַרצע פלעקעלעך אַרום די גרינע ביסטרע אויגן, איז נאָכאַנאַנד געשפּרונגען אויף דער טיר, גראַבטשענדיק מיט זיינע שאַרפע נעגל דעם לאַק. בעת זיין באַלעבאָס האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל, האָט זיך דער הונט באַרויקט. ער איז געבליבן זיצן מיט אַן אַרויסגעשטעקטן לעקער און פרייכנדיק ווי אַ בלאָזזאַק געבליקט צום האַק־שלאָס.

מאַרישאַ האָט לאַנגזאַם געעפנט די טיר. ס'האָט זיך, ווי פון וועמען נאָכגעיאָגט, אַריינגעריסן אַ יונג מיידל אין אַ קאַראַקול מענטעלע, אין אַ פּאָר שוואַרצע פאַרבלאָטיקטע שטיוועלעך. אויפן האַלדז — אַ ווייס שאַליקל. אויפן קאָפּ —

אַ גראַנאַט־ווייס געשטריקט היטעלע. אַ לוקסוסאָווע האַנט־בייטל האָט זיך אַרויס־געגליטשט פון איר האַנט.

אַן אויסגעגלייכטע, אַ שווער־אָטעמדיקע. האָט דעם מיידלס קאָפּ אַ פּויק געטאָן אויף דער פאַרמאַכטער טיר. זי איז געבליבן שטיין ווי אַן איינגעבראָכענע. פון אירע פּיטש־נאַסע האָר האָבן זיך געצויגן דינע ריטשקעלעך רעגן־וואַסער, וואָס האָבן געשפּרענקלט דעם גלאַנציקן פּאַרקעט.

— מאַריאַ ברזשעזשינסקאַ! ד״ר פרידלאַנד! — האָט זי קוים אַרויסגעאָטעמט.

— ליב קינד! — איז ליובאַ צוגעפאַלן צו דבורהן און מיט טרערן אין די אויגן זי גענומען אויסקושן. — קום ווייטער, קום! דו ביסט ווי ביי דיר אין דער היים. נעם אַראָפּ דיין אויסגעווייקטן מאַנטל! דו ביסט נישט די ערשטע און נישט די לעצטע. זע נאָר, ברונאָ, ווי מיר האָבן דאָס ביידע פאַרגעסן אַז מ׳קומט. זע נאָר ווי זי ציטערט פאַר קעלט.

קאָכאַנאָווסקי איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקער. ער האָט זיך מיט צוויי פינגער, ווי מיט אַ צווענגל, געקלעמט דער רעכטער באַק.

— זאָל איך, מאַרישאַ, צוגרייטן אַ וואַנע! — האָט קאָכאַנאָווסקי שטיל געזאָגט. — דו וועסט די חברטע אַריינלייגן אין בעט אַריין, אַז זי זאָל זיך אַביסל אויפטייען. דו ביסט זע איך, מאַריאַ, צום ערשטן מאָל אויף דער אַרישער זייט. געקומען דורכן אַלטשטאַטישן טונעל?

— יאָ. דער באָדן איז געדיכט באַלייגט מיט שפּורן פון פיס־טריט. כ׳האָב דערקענט די אָפּדרוקן פון קינדער־פיסלעך. מסתמא יונגע שמוגלערס אָדער בעטלערס וואָס שטעלן זיך איין דאָס לעבן פאַר זייערע עלטערן. די קינדער זענען היינט געוואָרן די שפּייזער. קוקנדיק אויף די פיס־טריט האָב איך זיך געפרעגט, צי אַלע פיס און פיסלעך זענען צוריקגעקומען בשלום?

— די קעמפּעריגס וואָס קומען דאָ אַריבער וואָך־איין וואָך־אויס, רעדן מער נישט פון אַזעלכע זאַכן — האָט קאָכאַנאָווסקי טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. — זייערע כאַראַקטערן זענען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן ווי קיזלשטיינער. דו וועסט מסתמא אויך אַזוי ווערן. ס׳האָט דיך ווער אָפּגעוואַרט?

— דער קאַנאַליזאַטאָר רובינסקי. ער איז גוט באַצאָלט. אָבער כ׳האָב קיינעם נישט באַמערקט פון אונדזערע קוריערינס.

ליובאַ האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אַריין און האָט מיט אַ פּאָר אויפגעריסענע אויגן אָנגעקוקט איר מאַן.

— ווייסטו מיין זון האָט דאָך דיך געדאַרפט אָפּוואַרטן. — האָט זיך ליובאַ כמעט אַוועקגעוואָרפן אויף אַ שטול.

— ער קומט מסתמא באַלד אונטער — האָט קאָכאַנאָווסקי באַרויִקט זיין

פרוי. — דו זעסט דאָך אונדזערע יונגע מיידלעך זענען היינט העלדישער ווי די מענער. פאַרנעם דיך מיט מאַריאַ! מיר וועלן זיך באַלד אָדורכשמועסן.

— קום, טאָכטערשי! כ׳הער שוין רוישן די קראַנען.

אין אַ היפשע ווײַלע אַרום האָט זיך דבורה געפונען אין אַ קליין צימערל וואָס די קאַכאַנאָוועסקיס האָבן עס תמיד געהאַלטן גרייט אויפצונעמען אַ גאַסט. ליובא איז געזעסן אויפן ראַנד פון בעטל מיט אַ טאַץ אין האַנט און האָט דבורהן דערלאַנגט אַן איבערבייס.

— עס מיין טייער קינד! מיר זענען היינט איין משפחה. דיין שווערער וועג איז אונדזער אַלעמענס וועג. דיין שליחות איז אונדזער אַלעמענס זאַך. דערצייל מיר, טאָכטערשי, עפּעס פון דיין אָפּשטאַם! וואָס ס׳קומט פאַר אין געטאָ ווייס איך. מיין מאַן איז דאָרט אַן אָפטער באַזוכער.

— מיין מאַמעשי איז טויט. מיין פאָטער, אַ געוועזענער מאַנופאַקטור־סוחר, זיצט ווי טויזנטער אַנדערע ייִדן און וואַרט אויף אַ נס. מיין פעטער מנחם מרגליות איינער פון די גרעסטע ייִדיש־העברעיִשע פּאָעטן אין פוילן, בלאָנקעט זיך אין געטאָ אַרום פון איין מלינה צו דער צווייטער. ער קען זיך אין ערגעץ קיין אָרט נישט געפינען. ער איז קעגן די בונקערס. ווען אַ מענטש הערט אויף צו זען דאָס ליכט פון טאָג, זאָגט ער, ווערט ער פאַרבלינד. אַלץ איז פאַר אים שוואַרץ. ער זעט אַפילו נישט ווי ער זינקט שטופנווייז און ווי דער צורת־מענטש ווערט פון אים אָפּגעמעקט. זיין גייסט שלאָפט־איין. ער האָט מער נישט קיין מוט זיך צוריק צו דערהייבן. ער ברענגט ציטאַטן פון רעליגיעזע ספרים, אָבער דאָס קען איך גאָרנישט נאָכזאָגן.

— כ׳שטעל מיר פאָר וואָס פאַראַ דערפאַלג דו האָסט געהאַט אין אַ נאָרמאַלער צייט. — האָט ליובאַ נאָך אַלץ באַטראַכט דבורהן.

— מ׳טאָר זיך דאָס גאָרנישט דערמאַנען — האָט דבורה אַ זיפץ געטאָן.

— די איינציקע טרייסט וואָס איז מיר פאַרבליבן... כ׳בין מיט מיין חתן צוזאַמען אין קאַמף. ווי לאַנג מיר וועלן זיין באַנאַנד? דאָס טאָר איך זיך גאָרנישט פרעגן.

— און זיינע עלטערן?

— אין רוסלאַנד. ער באַקומט נישט קיין בריוו. אָבער ער גלייבט אַז זייער לעבן איז זיכערער ווי אונדזערס, זיין עלטערע שוועסטער איז מיט אַ יונג קינד אויף דער האַנט אומגעקומען בעת די ערשטע באָמבאַרדירונגען. אַ ברודער מיט אַ פרוי און צוויי קינדער זענען שוין אַרויסגעפירט געוואָרן צום אומשלאַגס־פּלאַץ. ער רעדט זייער זעלטן פון זיין פּערזענלעכער טראַגעדיע. ער איז מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. איך ווידער פיל מיך אַביסל

שולדיק וואָס כ׳בין צו לאַנג געווען מיין טאַטנס טאָכטער. אַנדערע מיידלעך האָבן שוין לאַנג זיך געשטעלט צום דינסט פון פאָלק.

קאָכאַנאָווסקי האָט לייכט אַנגעקלאַפּט און געעפנט די טיר. ער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. ער האָט נאָך באַוויזן אויפצוכאַפּן דבורהס אַ וואָרט. ער האָט דערבליקט אַ פרעמד יונג מיידל אין אַ באַטיסטענער פּיזשאַמע. אויף אַ רגע האָט אים איר שיינקייט אַזאַ בלענד געטאָן, אַז ער האָט גענצלעך פאַר־געסן דעם מלחמה־קאָשמאַר און ער האָט זיך דערפילט ווי ער וואָלט ממש יינגער געוואָרן מיט אַ היפּש ביסל יאָרן. אָבער בעת ער האָט אין דבורהס אויגן דערזען אָפּשפּיגלען די ייִדן־פּראַגע, האָט ער זיך גלייך דערפילט, אַז ער איז שוין אַלט קאַרגע צוויי טויזנט יאָר...

— פרעג זי נישט אַזוי פיל אויס, ליובאַ! — האָט קאָכאַנאָווסקי שטיל גע־זאָגט. — לאָז זי בעסער אַביסל אָפּרוען.

— שאַנאָווני פּאַניע, כ׳בין זיך נישט געקומען אָפּרוען. — האָט דבורה אָנ־געקוקט קאָכאַנאָווסקין. — אַמוניציע, געווער, גאַז־מאַסקעס! די צייט איז קורץ, די דאַטע פון אויפשטאַנד איז שוין כמעט באַשלאָסן. אָבער איר ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן ווייניק געווער. אונדזערע לאַבאַראַטאָריעס אַרבעטן טאָקע טאָג און נאַכט מיט דער גרעסטער מסירת־נפש. ס׳איז אָבער אַלץ ווייניק. מיר ווייסן דאָך קעגן וועמען מיר הייבן אויף אַ פויסט — האָט דבורה אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען. — כ׳וואָלט געבעטן מיין האַנט־בייטל!

— מאַרישאַ, מאַרישאַ!

און בעת די דינסט האָט אַריינגעבראַכט דעם האַנט־בייטל האָבן זיך די קאָכאַנאָווסקיס צוגעקוקט ווי דבורה האָט געעפנט אַ גרויסע באַגילדעטע פּו־דערניטשקע, האָט פון הינטערן דעקל אַרויסגעצויגן אַ רונדיק־איינגעקנייטשט דין־באַשריבן פּאַפּיר און עס דערלאַנגט מיט אַן אָפּזיפץ:

— אַ בריוו פון שטאַב!

די קאָכאַנאָווסקיס האָבן זיך ביידע צוגעזעצט צום ראַנד פון בעטל און גע־נומען איבערלייענען דעם בריוו.

ערשט איצט האָט זיך דבורה דערמאָנט אַז זינט זי איז אַריינגעקומען צו די קאָכאַנאָווסקיס, האָט זי פאַר שרעק און צעטומלעניש נאָך נישט באַטראַכט זייער אויסזען.

ברונאָ קאָכאַנאָווסקיס געדיכטער קאָפּ האָר פון אַ גלאַנציקן זילבער, איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ פּיאַלעטענעם אָפּשיין. אונטער זיינע גרויסע, טונקל־גרינע אויגן האָבן זיך געצייכנט צוויי רונדיקע רעדער, וואָס האָבן פון דער ווייטנס אָפּגעשלאָגן ווי מאַטע ברילן־גלעזער. אונטער זיין קורצער פיין־פּאַרונדיקטער נאָז — אַ פּאָר אַרומגעפּוצטע זילבער־וואָנסעס קאַנטיק אָפּגעהאַקט. ביים לינקן

מויל־ווינקל האָט זיך אים געשלענגלט אַ דיקער טונקל־בלויער אָדער וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן ביז צו דער ברעם. זיין הויכער ראָזעווער שטערן איז געווען טיף געקאָרבט פון דריי טיפע שטריכן און איינעם — אַ פלאַכערן וואָס האָט זיך פאַרלוירן. דער אויסדרוק: אַ סינטעז פון שטרענגקייט און גוטמוטיקייט.

ליובאַס פּנים, האַלבלעך אויפגעגעסן פון גרים און קאָסמעטיק, האָט עדות געזאָגט, אַז זי איז אין דער יוגנט געווען אַ ברונעטע שיינהייט מיט אַ דזשיאָקאָנ־דיק חן־גריבעלע אין דער גאָמבע. אירע סאַמעט־ווייכע שוואַרצע האָר, אַדורכגע־פלאָכטן מיט זילבער פעדים, זענען איצט געווען צעלאָזן איבער אירע אַקסלען ווי אַ צעריסענער שאַל. אויף די רויטלעכע קישעלעך אונטער אירע האַלב־אויס־געלאָשענע שוואַרצע וויין־אויגן, איז איצט געשלאָפן איר יוגנט־פרייד. איר מילד־דער בליק האָט געווירקט ווי אַ באַרויִקונגס־מיטל.

נאָכן איבערלייענען דעם בריוו האָט קאַכאַנאָווסקי נערוועז געקנייטש דאָס שטיקל פּאַפּיר אין זיין האַנט. ער האָט אַ ווײַלע געפּויקט מיט אַ פינגער אין נאַכט־טישל אַריין. די פאַרוויאַנעטע איינגעקאָרטשעטע בעכערלעך און בלעטער פון די רויטע טוליפּאַנען און ווייסע ליליעס אינעם העל־גרינעם וואַזאַנטשיק, האָבן געגנומען ציטערן. אַ טיפער מענערישער זיפץ האָט זיי באַהויכט. ער האָט לאַנג־לאַנג אָנגעקוקט דבורהן. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט און געגנומען שפּאַנען, פאָכענדיק זיך מיטן בריוו איבערן פּנים.

ליובאַ האָט זיך שטילינקערהייט אַרויסגעשלייכט פון צימערל, צוריקגעקו־מען מיט אַ פרישן שיכט פּודער אַרום אירע פייכט־געוואָרענע אויגן.

דבורהס בליק האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף קאַכאַנאָווסקין און דאָ אויף ליובאַן.

קאַכאַנאָווסקי האָט גאַנץ לאַנגזאַם פאַררויכערט זיין ליולקע. אַ פייער־פלעמל האָט אַ שוועב געטאָן אויף זיין אויסגעבלייכט פּנים. אַ רגע האָט ער אויסגעדרייט זיין קאָפּ צום פענצטער, איינגעהאָרכט זיך ווי אַ שלאַקס־רעגן שמייסט מיט וואַ־סער־בייטשן די איבערגעשראָקענע מלחמה־גאַסן, באַלד האָט ער אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף דבורהן.

— דער בריוו פון שטאַב רעדט צו מיין געוויסן. כ׳פיל זיך אַביסל באַליי־דיקט. ווער בין איך און ווער זענען די וואָס מיינען אַז מ׳דאַרף מיך גאָר אָרגאַ־ניזירן. דעם בריוו האָט געשריבן אַ מענטש מיט אַן אַקאַדעמישער בילדונג. ער לאָזט זיך מיט מיר אַריין אין אַ וויכוח וועגן „עטישן סאָציאַליזם״, וועמענס יסוד דאַרף זיין די סאָציאַלע עטיק. איך בין ממש דעם מענטש מקנא פאַר זיין טיפן גלויבן אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז די סאָציאַלע עטיק שוין איינגעפירט געוואָרן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַוודאי זענען אַפילו חסידישע ייִדן צוגעפאַלן צו די רוסישע טאַנקן בעת זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין ביאַליסטאָק

למשל. אָבער גייט דען די רוסישע מושלים איצט מער אָן אונדזער לאַגע ווי די מושלים פון קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען?

קענען זיי באמת פאַר אונדז גאָרנישט טאָן? קענען זיי אונדז דען פאַרוואָרפן אַז אין דער רויטער אַרמיי זענען נישט איינגעשלאָסן אונדזערע בעסטע זין און טעכטער וואָס דערגייען ביז צום גענעראַל־שטאַב? פונדעסטוועגן פילן מיר גאָר־נישט זייער סאָציאַלע עטיק, פאַר וועלכע אונדזער יוגנט האָט זיך אין פוילן און אין אַנדערע לענדער מקריב געווען. אפשר דאַרף מען גאָר אָנקומען צום געדאַנק, אַז בעת די אַבסאָלוטע מאַכט פאַלט אַריין צו אַ יחיד איז דאָס אָן אומגליק פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. וואָרעם סיי דער דיקטאַטאָר פון פאַשיסטישן לאַגער און סיי דער דיקטאַטאָר פון אַנטי־פאַשיסטישן לאַגער טרעפן זיך דאָך צונויף אויף איין מאַכט־פּלאַטפאָרמע, אויף וועלכער זיי גיבן אַרויס באַפעלן אויסצו־מאָרדן מיליאָנען אין נאָמען פון זייער אידייע מכלומרשט. אָבער פאַקטיש איז דאָך נאָר דער גאַנצער פעלקער־מאָרד אַ מיטל אַז זיי זאָלן זיך דערהאַלטן ביי דער מאַכט. אָבער לאָמיר זיך איצט נישט אַריינלאָזן אין קיין איבעריקע חקירות!

און נאָך אַ לענגערער, שטיל־שווייגנדיקער פּויזע:

— אין פּרינציפּ בין איך ביי דער זעלבער מיינונג וואָס אייער שטאַבס־קאָמענדאַנט. — האָט זיך קאַכאַנאָווסקי אַרומגעקוקט. — דער אויפשטאַנד דאַרף טאַקע אויסברעכן פוןביידע זייטן געטאָ־מויער. אָבער אויב די פאָרשטייער פון דער פאָלקס־אַרמיי אַפילו, ווילן דאָס נישט, טאָ אויף וועמען קענען מיר רע־כענען? איך, פון מיין זייט, און מיין זון יורעק וועלן צום אויפשטאַנד צוטראָגן אונדזער ביישטייער. אָבער דאָס אַלץ האָט דאָך נישט קיין גרויסע באַדייטונג. ווען מיר וואָלטן געקענט צוקומען צו די פאַשיסטיש־געשטימטע לאַנד־אַרמייער. מיין זון האָט, רעלאַטיוו גענומען, אַ געוויסן צוטריט. כ׳ווייס — האָט ער גע־צויגן מיט די אַקסלען — נאָכאַמאָל פּרווון? זייער שנאה צו אונדז איז אָבער נישט קלענער ווי די דייטשע.

אַ צעטומלטע און אַן איבערגעשראָקענע האָט דבורה אָנגעקוקט קאַכאַ־נאָווסקין.

ס׳האָבן זיך דערהערט אייליקע טריט. די פאַראַדנע טיר האָט זיך געעפנט. דער הונט האָט אַרויסגעלאָזט אַ ברום און האָט אַרום וועמען גענומען אַרומטאַנצן. אַ יונגע מענער־שטימע האָט געפרעגט:

— מאַרישאַ, ס׳איז ווער אָנגעקומען?

— אין קליינעם צימערל.

— מיין זון! — האָט ליובאַ זיך אַ הייב געטון אַ דערפרייטע.

דבורה האָט מיט נייגעריקייט געקוקט צו דער טיר.

מיט האַסטיקע טריט איז אַריינגעקומען דער פאַרוטשניק יורעק, אַ הויכער

שלאַנקער ברונעטער בחור, מיט אַ פּאָר שוואַרצע טיף־פאַרחלומטע אויגן. זיינע דריבנע פּעך־שוואַרצע לעקעלעך האָבן שטאַרק געגלאַנצט און זיך אויפגעטורעמט הויך און העכער איבער זיין ווייסן שרונט. ער האָט געטראָגן אַ העלע ספּאָרט־מאַרינאַרקע, אַ פּאָר געשנירלטע רייטער־הויזן מיט ברייטע בופן איבער אַ פּאָר געלע אָפיצירסקע שטיוועלעך. אין דער לינקער האַנט — אַ פּאָר לעדערנע הענטשקעס און אַ פּעקל דייטשע צייטונגען. זיין בראַנזן פּנים איז געווען געדיכט געשפּרענגלט מיט רעגנבויגן־פּאַסן.

— יורעק! — האָט די מוטער אויסגעשריגן און אים אויסגעשטרעקט די הענט.

די עלטערן זענען צו זייער זון צוגעפאַלן און אים אויסגעקושט.

— די געטאָ־קעמפּערין! — האָט ליובאַ אָנגעוויזן אויף דבורהן.

יורעק האָט זיך עלעגאַנט פאַרנייגט, געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט דבורהן געוואָלט אַרומנעמען און אויסקושן. ער האָט אָבער בלויז אַ כאַפּ געטאָן איר צאַרטע האַנט און זי קראַמפּהאַפט געקלעמט, פאַרבייסנדיק דערביי די אונטערשטע ליפּ. ביידע פּאָר אויגן האָבן זיך אַ קאַפּעטשקע לענגער ווי געוויינלעך אָנגעקוקט. צוויי דינע אומזעבאַרע סטרונעס האָבן אין דער רגע אַ ציטער געטאָן.

— דבורה הערצבערג! מיין אַרישער נאָמען איז מאַריאַ בזשעזשינסקאַ, — האָט דבורה דין געשמייכלט. — איך האָב צו־ווייניק אויפגעטאָן אַז מיין נאָמען זאָל צו אייך זיין דערגאַנגען, פּאַרוטשניק יורעק! אייער נאָמען אָבער...

יורעק איז געשטאַנען אַן אַנטשוויגענער. ער האָט ממש נישט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פון דבורהן. ער האָט אין דער רגע גאַנצלעך געהאַט פאַרגעסן אַז זייער באַקאַנטשאַפט איז נאָר פאַרבונדן מיט אַ געמיינזאַמען קאַמף.

— איך בין שוין געווען בייגעריק אייך צו באַקענען, פּאַרוטשניק יורעק! — האָט דבורהס שטימע ווידער אָפּגעקלונגען אין זיינע אויער. — איך האָב זיך שוין אַזוי פיל אָנגעהערט וועגן אייערע נקמה־אַקטן.

ער האָט זיך מיט זיין בליק איינגעגעסן אין דבורהס דינע, סענסועלע ליפּן. איר דאַנקבאַרער שמייכל האָט צו אים געבליצט אויפן פאָן פון ווייסע בלענדנדיקע ציין. ער האָט געפילט ווי אויך דבורהס האַרץ שלאָגט האַסטיק. ס׳איז אים עפּעס שווער געוואָרן אַנצוהייבן ריידן.

— וואָס? נקמה־אַקטן? איך האָב גאָרנישט אַליין געמאַכט. איך דאַנק דיר דבורה, מאַריאַ דאַכט זיך?

— יאָ, מאַריאַ!

ליובאַ האָט מיט אַ דינעם שמייכל און מיט אַ זייטיק בליקעלע באַטראַכט איר זון. זי האָט באַמערקט ווי יורעק האָט שוין צום צווייטן מאָל אַרויסגענומען זיין פּאַפּיראָסניצע און האָט זי צוריק פאַרשטעקט...

— אַ וווּנדערשיין מיידל, האַ יורעק! — האָט ליובאַ געזאָגט, גלייך ווי זי וואָלט איבערגעזעצט איר זונס געדאַנקען.

— מ'דאַרף נישט, איך בעט אייך, פּאַני קאָכאַנאָווסקאַ! — האָט דבורה מיטביידע הענט זיך פאַרשטעלט ס'פּנים, אַנידערגעוואָרפן איר קאָפּ אויפן קישן און האָט זיך צעוויינט.

ערשט איצט האָט זיך יורעק דערמאָנט אין איר שליחות. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, און אַרויסלאָזנדיק אַ שלענגעלע רויך, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געזאָגט:

— די אונטערערדישע באַוועגונג איז וואָס אַן אמת מער שולדיק דעם קעמפנדיקן געטאָ ווי דאָס ביסל געווער און אַמוניציע וואָס זי שאַפט פאַר פאַנטאַסטישע פרייזן. דער ערשטער אַדורכגעפאַלענער פּרווו־אויפשטאַנד דאָ, אויף דער „אַרישער זייט", דינט זיי אַלעמען פאַר אַן אויסרייד נישט צו נעמען קיין אַקטיוון אָנטייל אינעם איצטיקן געטאָ־אויפשטאַנד. דאָס געווער געפינט זיך אין די הענט פון צוויי פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס: „פאַלאַנגאַ" און „שווערד און סאָכע". מיר האָבן אין זיי די זעלבע שונאים וואָס אין די נאַציס. זייער מאָרדבלעטל „שאַניעץ", פרעדיקט אַ נאַכט פון לאַנגן מעסער קעגן יידן. אין זין פון יידישער פאַרניכטונג, פילן זיי זיך ממש ווי פאַרברודערט מיט די האַקנקרייצלער. מיר זענען צום באַדויערן אָנגעוויזן נאָר אויף אייגענע כוחות.

דבורה האָט אַ פאַרביטערטע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט אויסגעזען צו זיין זייער אַנטוישט פון יורעקס רייד. איר אומרויקער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף קאָכאַנאָווסקין.

— די מעשה „קאַטין" האָט נאָך צוגעפעלט, — האָט קאָכאַנאָווסקי מיט אַ טרויער אין זיין שטימע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס פאַראַ קאַטין? — האָט דבורה אָנגעקוקט פאָטער און זון.

— געבעלס האָט פאַבריצירט אַ בילבול. יידיש־באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן זאָלן האָבן אין קאַטין אויסגעשאָכטן פוילישע קריגס־געפאַנגענע אָפיצירן. די פוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן האָט דאָס צום באַדויערן באַשטעטיקט. פאַרשטענדלעך איז אַזאַ בילבול אַ גוטע מטבע פאַר דער פוילישער אַנטי־יידישער אינטעליגענץ — האָט יורעק ווידער געעפנט זיין פאַפּיראָסניצע און איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער.

— הייסט עס, אַז מיר בלייבן טאַקע אַליין, — איז דבורה געבליבן זיצן אין בעט מיט צוויי פינגער ביי די שלייפן. — כ'האָב נישט קיין גרויס פּאָליטיש וויסן. ס'איז מיר נישט קלאָר פאַרוואָס אונדזערע יידישע קאָמוניסטן זענען אַזוי שטאַרק באַגייסטערט פון די פּ. פּ. ר.? לויט די יידישע קאָמוניסטן, וועלן מיר גאָר האָבן אַ מעכטיקע באַוואָפנטע אַרמיי וואָס וועט אויפן שונא אָנפאַלן היינ־

טערוויילעכץ און אים פֿאַרניכטן צווישן צוויי אַנגרייפֿערישע פּאָזיציעס.

פּאַטער און זון האָבן זיך איבערגעקוקט.

— אפשר זענען די ייִדישע קאָמוניסטן גערעכט? — האָט קאַכאַנאָווסקי, פֿלאַנטערנדיק מיט דער צונג געזאָגט, און ער האָט זיך מיט אַ טיכעלע געוומען אויסווישן דאָס רעכטע אויג וואָס האָט אים פּלוצלינג אָנגעהויבן צו טרערן.

— ס'קען זיין אַז דער פֿירער פֿון פּ. פּ. ר. האַלט זיין באַשלוס בסוד.

— מיר וועלן זיך מאָרגן זען מיט מאַסגעבנדיקע חברים פֿון צ. ק. — האָט יורעק לאַנג אָנגעקוקט דבורהן, געכאַפּט אַ בליק אויפֿן האַנט־זייגערל און געזאָגט צום פּאַטער:

— ד"ר פֿרידלאַנד מיט קאַרל לאַטושעק דאַרפֿן באַלד אָנקומען.

— ד"ר פֿרידלאַנד? — האָט דבורה אַ צאַפּל געטאָן.

— יאָ, ד"ר פֿרידלאַנד, האָט יורעק געזאָגט און אַרויסגעצויגן פֿון זיין הענטשקע אַ דין פּאַפּירעלע, געכאַפּט אַ בליק און עס פֿאַרשטעקט אינעם ברוסט־טעשל.

— כ'גיי פֿאַר מאַריאַן אויסזוכן אַ קלייד און אַ פּאָר שיכלעך, — האָט זיך ליובאַ אויפֿגעשטעלט. — דיין קלייד איז היפּשלעך אַדורכגעווייקט פֿון רעגן,— האָט זי געוואָרפֿן אַ בליק אויף דבורהן און איז אַרויסגעגאַנגען.

ערשט איצט, דערפֿילנדיק אַז זי דאַרף זיך אויפֿהויבן פֿון בעט, איז דבורהן באַפֿאַלן אַ מידקייט. זי האָט שווער אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ אויפֿן קישן. זי האָט געזען ווי קאַכאַנאָווסקי נעמט אָן זיין זון ביי דער רעכטער האַנט און פֿירט אים אַרויס פֿון צימער.

באַלד איז ליובאַ אַריינגעקומען מיט עטלעכע קליידער און שיכלעך אויף דער לינקער האַנט און שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן:

— קלייב דיר אויס וואָס דיר געפֿעלט, מאַריאַ! אָט זענען עטלעכע פּאָר שיך.

— וואָס איז דאָס וויכטיק? — האָט דבורה אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. —גרין, בלוי, ווייס, אַלץ איז דאָך שוואַרץ. — האָט זי אַ נישטער געטאָן צווישן די קליידער.

פֿונדעסטוועגן האָט זי זיך דווקא אויסגעקליבן אַ העל־בלוי קלייד, טראַכטנדיק אַז דאָס קליידט איר זעלטן־שיין צום פּנים.

ביים איבערטאָן זיך, איז איר בליק צופֿעליק געפֿאַלן אויף אַ גרויסע צייכענונג וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט הינטער אַ גלאָז. אַ הויך, ברייט געשטאַלט פֿון אַ קאָלאָס אין אַ שוואַרץ קלייד, די רעכטע האַנט אַ נאַקעטע, די לינקע אין אַ פֿאַלדיקן אַרבל, אַ דעמאָנישע מאַסקע מיט ברייטע פּאַסמעס האָר איבערן רעכטן אויג, ווי אַ קאַנטיקער האָרן וואַלט אים אַרויסגעשטאַרצט פֿון

שטערן, האָט זיך אַריינגעשטאָכן אין דבורהס אויגן. זי האָט אַ ציטער געטאָן און געפרעגט:

— ווער איז די צייכענונג?

— שאַליאַפּין אין דער ראָל פון מעפיסטאָפעל, אין געטעס „פאַוסט".

— ווער האָט דאָס געצייכנט?

— מיין זון, יורעק.

— אייער זון?

— יאָ, מיין זון. כ'וואָלט מיר גיכער פאַרגעשטעלט, אַז ער זאָל האָבן אַ שוואַכקייט צו שיינע פרויען־פּאָרטרעטן. אָבער צו אַזאַ דעמאָניש געשטאַלט? שרעקלעך! — האָט זי אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען און אויף זיך אַרויפגעצויגן דאָס קלייד.

ליובאַ איז אַרויסגעגאַנגען. דבורה איז געבליבן אַליין. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט און זיך אויפסניי אומגעקוקט. יורעקס אַ פּאָרטרעט אין פּראָפיל האָט אַ שוועב געטאָן פאַר אירע אויגן. אַ סלאָוואַצקי־קאָלנער האָט אַרומגענומען זיין האַלדז. זי האָט לאַנג געקוקט אויף זיינע אויגן, וואָס האָבן אין איר אַרויסגערופן אַ דינעם אָנגענעמען ציטער.

ביים אַראָפּבייגן זיך אויפצוהייבן אַ שיכל, האָט זיך די פּיאַנאָ אין ביבליאָטעק־צימער פּלוצלינג צעטרילעט. זי האָט זיך איינגעהערט.

„דאַכט זיך, אַז ס'שפּילט ווער ליסטס „אַוונט־האַרמאָניע"? ווער שפּילט? ווער רייצט אויף מיין געמיט? צו וואָס אין איצטיקן מאָמענט אַזאַ וווּנדערבאַרע מוזיק, וואָס דערמאָנט אין די סאַמע שענסטע מאָמענטן?"

זי האָט נאָכאַמאָל געוואָרפן אַ בליק אויף דער מעפיסטאָפעל־צייכענונג און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס דיאַבאָלישע געשטאַלט האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קראַכנדיק געלעכטער, גלייך ווי שטיקער סקאַלעס וואָלטן זיך געקייקלט אייבער איר קאָפּ.

דבורה האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון דעם צימערל און איז נאָכגעגאַנגען נאָך די קלאַנגען פון די פּיאַנאָ־טענער. זי האָט אומדרייסט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

ביי איר אַריינקומען איז די פּיאַנאָ אַנטשוויגן געוואָרן. יורעק האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט. ער האָט דערזען דבורהן אין אַ העל־בלוי פאַנטאַזיע־קלייד. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ זאָג געטאָן צום פאָטער:

—אַ בינע־פיגור!

— וואָס שפּילט איר איצט, פּאַרוטשניק יורעק? — האָט זיך דבורה דערנענטערט צו דער פּיאַנאָ. — מיין זכרון, ווייזט אויס, איז טעמפּ געוואָרן.

— דאָס וויג־ליד פון שאָפּען, — האָט ער דבורהן אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר

אויפגעלויכטענע אויגן. ער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צו דער פּיאַנאָ און אויפסניי אָנגעהויבן שפּילן דאָס וויג־ליד.

ליובאַ איז אַריינגעקומען אַ פלאַטערנדיקע.

— — וואָס עפּעס פּלוצלינג, מיר־נישט, דיר־נישט, אַ פּיאַנאָ־קאָנצערט? מ'האָט דאָך געשמועסט אַז מ'זאָל אונדזערע שכנים נישט דערמאָנען אַז מיר זענען דאָ.

— לאָז צורו, ליובאַ! — האָט קאָכאַנאָווסקי געזאָגט. — דו זעסט דאָך אַז אפילו אין געטאָ שפּילן אויך פינף טעאַטערס, מ'שטיינס געזאָגט. דאָס איז אויך, אין אַ געוויסן זין, ווידערשטאַנד.

דבורה האָט זיך אַ צעשמייכלטע אַראָפּגעזעצט אין אַ פאָטעל.

ליובאַ האָט דבורהן פּאָפּראַוועט דאָס קלייד אַרום די אַקסלען.

— די קאָליר קליידט דיר וווּנדערבאַר, מאַריאַ. נאָך דער באַפרייאונג, מיר זאָלן עס מיט גאָטס הילף דערלעבן, וועסטו דיר מעגן מאַכן אַ קלייד פון אַזאַ שניט און קאָליר.

דבורה האָט אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט אָן ווערטער ליובאַן אָנגעקוקט. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן אַ וואָרט וועגן דער צוקונפט. אָבער די צוויבערפולע פּיאַנאָ־טענער האָבן זי אויף אַזוי ווייט דערהייבן און באַלויכטן, אַז זי האָט ממש נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך קיין אומעטיק וואָרט. דער גאַנצער סאַלאָן מיט זיין ענלעכקייט צו אַ קונסט־גאַלעריע, האָט אויף געציילטע מינוטן אָפּגע־ווישט אין איר זכרון דאָס חושכדיקע מאָנאָטאָנע געטאָ־בילד. זי האָט זיך איצט געפילט ווי אויפן קרייץ־וועג צווישן צוויי היפּוכדיקע וועלטן. זי האָט מיטאַמאָל דערפילט ווי ס'האָט ווער אַדורכגעריסן איר האַרץ אין צווייען. דער טייל וואָס פאַרמאָגט אייגנליבע וויל דורכויס בלייבן דאָ, אין דער וועלט ווו ס'לעבן אין ליכטיקער און זיכערער; אָבער דער טייל וואָס פאַרמאָגט אייגנהאַס קעגן די רוצחים וואָס פירן אַרויס, פירן אַרויס צו דער שחיטה און ווערן אַלץ נישט זאַט, ציט אין געטאָ אַריין און מאָנט זיך מער ווי לעבנס־פריידן — נקמה.

— דער עולם איז גאָרנישט הונגעריק? —האָט ליובאַ געפרעגט.— ס'וועט זיין גענוג, יורעק. לאָמיר אָפּעסן! ד״ר פרידלאַנד קומט באַלד אָן.

יורעק האָט נאָך איבערגעלאָזט אין דער לופט צוויי־דריי פּיאַנאָ־טרעלעכ־לעך, וואָס האָבן געווירקט ווי פייגל־געסווישטשער. ער האָט פאַרמאַכט די פּיאַ־נאָ און זיך אויפגעכאַפּט, אויפסניי אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף דבורהן.

— קומט, קינדערלעך, דער טיש איז געגרייט! — האָט ליובאַ דבורהן דער־לאַנגט אַ האַנט און זי אַרויסגעצויגן פון טיפן פאָטעל.

אַ ווייַלע איז ביים עס־טיש געווען שטיל. אין זשיראַנדאָל האָט געברענט איין לעמפּל. דער צימער איז געווען פאַרכאַפּט פון שאָטנס וואָס האָבן כמעט געגנצלעך איינגעשלונגען דעם בלאַסלעכן אָפּשיין פון עלעקטרישן ליכט. גרויסע

רעגן־טראָפּנס האָבן ווי זילבער־קאָלירקע אַרבעס געפּויקט אין די שויבן אַריין. דאָס קאָלירטע טישטעך האָט אין דער אַרומיקער טונקלקייט געשפּילט ווי אַ קאַנ־טיקער פּאַס פון אַ רעגן־בויגן. דער טיש איז געווען באַשטעלט מיט אַ רייכן סערוויס.

דבורה האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ גרויסער געבלימלטער וואַזע. זי האָט דערזען ווי אַ באַזילבערטער שעפּ־לעפל באַוועגט זיך אַרום איר טעלער. זי האָט דערקענט ליובאַס האַנט.

— דו ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, מאַריאַ, אַז דו האָסט דיך, זע איך, אויפגעקעמט אָן אַ שפּיגל. דיין שרונט איז קרום.

— כאַ, כאַ! —האָט דבורה אַ לאַך געטאָן און זיך צוגעלייגט די האַנט צום קאָפּ... — כ׳האָב זיך שוין אָפּגעוווינט פון אַ שפּיגל. דאָס דעקל פון האַנט־בייטל האָט אַ גאַנץ גרויסן שפּיגל, אָבער ס׳איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן אים צו עפענען. כ׳ווייס דאָך אַז כ׳שפּיל נאָר אָן עלעגאַנטע דאַמע. כ׳בעט אייך, פּאַנאַ־וויע, ס׳וועט מיר דאָ אויסקומען לאַנג צו פאַרבלייבן? — האָט זי אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף יורעקן, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער איר מיט אַ צופרידן שמייכעלע אויף די ליפּן.

— איר פילט זיך שלעכט אין אונדזער געזעלשאַפט? — האָט יורעק גע־וואָרפן אַ בליק אויף דבורהס סערוויעט, וואָס איז געבליבן אומבאַרירט.

— איך וואָלט זיך אין אייער געזעלשאַפט זייער גוט געפילט ווען כ׳וואָלט געקומען אין מיין אייגענעם נאָמען. כ׳בין דאָך אָבער אַ שליח פון געטאָ.

יורעק האָט צעעפנט די צייטונג „טריבונאַ וואָלנאָשטשי” און עפּעס נאָכ־געזוכט.

— קען איך זען די צייטונג? — האָט דבורהס לעפל אַ קלונג געטאָן און זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט.

— נאָכן עסן, טאָכטערשי! — האָט ליובאַ אַרויסגענומען די צייטונג פון איר זונס האַנט.

— ווו שטייט דער פראָנט? — האָט דבורה מיט שפּאַנונג געקוקט אויף יורעקן.

— די רויטע אַרמיי האַלט ביים צוריקנעמען אַריאַל און ביעלאָגראַד. אין סיציליע האַלטן די לעצטע דייטש־איטאַליענישע כוחות כמעט ביי גסיסה. דער אינדזל וועט בקרוב פאַראַנדלט ווערן אין אַ שפּרונג־ברעט פאַר די נאָענטסטע מיליטערישע אָפּעראַציעס, ווען דער צווייטער פראָנט וועט זיך עפענען.

— דער צווייטער פראָנט! — האָט קאָכאַנאָווסקי אַ זיפץ געטאָן. — וואָלט ער זיך באַצייטנס געעפנט, וואָלטן אונדזערע מערדער געהאַט מיט זיך צו טאָן. און אויב אפילו זיי וואָלטן אין אונדז נישט פאַרגעסן, וואָלט זייער אויסראָט

נישט צוגעגאַנגען מיט אַזאַ האַסטיקן טעמפּאָ, — האָט ער נערוועז געקנאַפּט אַ קרישקעלע ברויט צווישן די פינגער, אַקוראַט ווי ער וואָלט עפּעס צעקוועטשט.

דבורה איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטע.

— אַ ריזיקע אונטערערדישע פוילישע אַרמיי שטייט ווי פּאַראַליזירט, — האָט קאַכאַנאָווסקי טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. — די שליטה איבער דער אַרמיי האָט די פוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן, וואָס הייסט שטיין מיטן געווער ביי די פיס און וואַרטן.

— אונדזערע אויפרופן, ווייזט אויס, ווירקן אויף קיינעם נישט, — האָט דבורה פאַרביטערט געזאָגט.

— אויפרופן הערסטו, — האָט קאַכאַנאָווסקי פאַרביסן די ליפּן. — ווער נעמט זיך איצט איבער מיט אַן אויפרוף? ווען מען גייט דען אָן אונדזער גורל? ביי אונדז איז אַן אויפרוף אַ פראַגע פון געפיל; ביי זיי — אַ מוח־פראַגע. דער טרוקענער פאַרשטאַנד זייערער דיקטירט זיי, נישט צו מישן זיך אין אונדזער גרויסן קאָנפליקט מיטן דייטש און מיט זיך גופא. וואָלט ווער פון די קריסטלעכע וועלט געזען אונדזער טראַגעדיע מיט די אויגן פון געפיל. געוויסן? — האָט ער געצויגן מיט די אַקסלען. — כ׳ווייס, אפשר האָבן עס אַנדערע פעלקער אויסגע־מעקט אַפילו פון ווערטער־בוך?

— טאָ ווו איז פאַרט דער אויסוועג? — האָט דבורה שטיל געפרעגט.

געענטפערט האָט איר דאָס טיר־גלעקל. ס׳האָבן זיך אַריינגעשלייכט צוויי געשטאַלטן. דאָס האַק־שלאָס האָט זיך גלייך פאַרקלאַפּט.

— אָ, ד״ר פרידלאַנד! — איז דבורה אויפגעשפּרונגען אַ דערפרייטע.

מאַרישאַ האָט פון ביידע געסט אָפּגענומען די אויבער־מאַנטלען און זיי אַריינגעפירט אין עס־זאַל.

אַ היפּש ביסל מינוטן האָט געדויערט דאָס באַגריסן זיך. ד״ר פרידלאַנד האָט זיך באַזונדערס דערפרייט מיט דבורהן אין דער ראָל פון אַן אונטערערד־לערין.

בעת די צוויי געסט האָבן זיך צוגעזעצט צום טיש און געכאַפּט אַ שמועס מיט קאַכאַנאָווסקין, האָט זיי דבורה באַטראַכט. ד״ר פרידלאַנד האָט געהאַט אַ פּאָר רויטע אונטערגעשוואָלענע אויגן. זיין מויל־אויסשניט איז דורך דער צייט לענגער געוואָרן, און האָט גענצלעך דעפאָרמירט זיין אַמאָליקן אויסזען. ריידנ־דיק האָט ער נאָכאַנאַנד עפּעס אַרומגעזוכט אין אַלע קעשענעס פון זיינע מלבו־שים. און הגם ער האָט גאָרנישט אַרויסגענומען, האָט ער אויפסניי אָנגעהויבן ביי דער רעכטער בוזעם־טאַש פון זיין מאַרינאַרקע און אַפילו נישט אַדורכגע־לאָזט די אויבער־טעשלעך פון זיין וועסטל. דער צווייטער אונטערערדלער, קאַרל לאַטושעק, איז געווען אַ ברייט־ביינערדיקער מיטלוועקסיקער פּאָליאַק פון אַ יאָר

פערציק. דבורה האָט אין אים געזען אַ סלאַווישן מאַטראָז מיט אַ פולבלוטיק פּנים, ווי אויסגעשמיסן פון ווינט און שטורעם. דער פּוילישער אונטערערדלער, הגם ער איז ביי די קאַכאַנאָווסקיס נישט געווען צום ערשטן מאָל, איז געזעסן ביים טיש אין אַן אומבאַהאָלפענער פּאָזע. ער האָט כסדר געפּעכערט מיט זיינע העל־בלאָנדע וויעס און זיך אַרומגעקוקט מיט אַן אָפן מויל. ער האָט פון זיין לעדערנער קורטקע־טאַש אַרויסגענומען אַ פּעקל טאַבאַק אין אַ בלעכערנעם שאַכטל מיט פּליסלעך און זיך גענומען דרייען פּאַפּיראָסן. איידער ער האָט צו־געקלעפּט דעם ערשטן פּאַפּיראָס, האָט ער זי פאָרגעשלאָגן דבורהן. זי האָט גע־דאַנקט און האָט זיך צעלאַכט.

יורעק האָט דעם פּוילישן חבר גוטברודעריש אַ פּאַטש געטאָן איבער די פּלייצעס.

— קאַרל, דיין אַרטיקל איז שוין אויסגעזעצט. ס׳וועט רעדן ווערטער. נאָך דער באַפרייאונג וועסטו קענען ווערן אַ העגריק שענקעוויטש. די חברטע, — האָט ער אָנגעוויזן אויף דבורהן, — זאָלסטו נעמען פאַר אַ הויפּט־העלדין. וועס־טו זי קענען שילדערן?

— כאַ, כאַ! — האָט זיך קאַרל צעלאַכט, אַרויסגעשטרעקט די צונג, אַרומ־געלעקט דאָס פּליסל און געזאָגט:

— כ׳דאַרף נישט און כ׳וויל נישט ווערן קיין שענקעוויטש. כ׳וויל בלויז ווערן אַ באַפרייטער אַרבעטער און לעבן אונטער אַ סאָציאַליסטישן רעזשים.

— וואָס מאַכט אייער נתן? ד״ר פרידלאַנד, — האָט ליובאַ געפרעגט, אַראָפּנעמענדיק פון דער טאַץ די גלעזער טיי וואָס מאַרישאַ האָט אַריינגעבראַכט.

— מיין נתן, — האָט ד״ר פרידלאַנד אַ זיפץ געטאָן, — ער קלייבט פּלע־שער פאַר אונדזער לאַבאָראַטאָריע. ער קריכט אַרום אין אַלע מיסט־קאַסטנס. ער באַנעמט דעם אויפשטאַנד פיל טיפער ווי טייל דערוואַקסענע. ער האָט זיך ערשט נעכטן געריכט, אַז ער קען שוין שיסן מיט אַ פּיסטאָלעט. ער מאָנט זיך געווער. מ׳וועט אים טאַקע מוזן געטרויען אַ פּיסטאָלעט. ס׳זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע קינדער ווי ער, ביי וועלכע דער נקמה־געפיל איז פיל שטאַרקער ווי ביי דערוואַקסענע.

ס׳איז אַ רגע שטיל געוואָרן.

— וואָס האָבן מיר אויפן טאָג־אָרדענונג? — האָט קאַכאַנאָווסקי געפרעגט.

— אַ נייעם אויפרוף, געווער פאַרן געטאָ, נאָך אַ פּרווו אונטערצוקויפן די וועכטער פון געווער־סקלאַדן. אונדזער קאַרל לאַטושעק מיט נאָך אייניקע חברים, אַנגאַזשירן זיך פרייוויליק צו מאַכן דעם קאָנטאַקט. אַ חוץ דעם — אַן אוידיענץ ביים מאַיאָר ראַדעצקי. מ׳וועט דאַרפן אויסנוצן די פּראָטעקציע פון לידאַ קאַ־רינסקאַ. דאָס וועט שוין זיין יורעקס אַ שטיקל אַרבעט.

קאַכאַנאָווסקי האָט זיך אָנגעצונדן זיין ליולקע, אַרויסגעלאָזט אַ קרייזעלע רויך, אָנגעקוקט אַלע מענטשןביים טיש. ער האָט זיך גענומען רייבן די גאָמבע און איבערגעחזרט:

— מאַיאָר ראַדעצקי? איך קען אים גוט. אָבער וואָס איך בין פאַר אים געווען פאַר דער מלחמה, בין איך דאָך נישט איצט. מ׳דאַרף פונדעסטוועגן פרוון. וואָס נאָך הערט מען, ד״ר פרידלאַנד?

— כ׳האָב היינט פאַרצייכנט אַ מאָדנע געשיכטע, — האָט ד״ר פרידלאַנד געטאָן אַ שלוק טיי און אָוועקגעשטעלט ס׳גלאָז. — ס׳קען זיין אַז מ׳וועט דאָס מאָל אָננעמען פאַר אומוואָרשיינלעך, — האָט ער זיך אַרומגעקוקט. — נאָך אַ נאַכט־איבערפאַל מצד אונדזערע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָבן די נאַציס צוּמאָרגנס איבערגעפירט אַ דערהרגעטן דייטשן סאָלדאַט. זיי האָבן אים באַדעקט מיט בלומען־קראַנצן, און לויט אַ באַפעל, האָבן זיי זיך געגרייט אים צו מאַכן אַ פּאַראַדנע לוויה. אַ גאַנצן טאָג איז דער הרוג געלעגן ביים אַריינגאַנג פון געשטאַפּאָ־אַמט און די סאַמע העכסטע גראַדן האָבן פאַרביידעפּילירט, אים אָפּגעגעבן מיליטערישן כבוד. בקיצור, ס׳האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז דעם כבוד האָבן זיי גאָר אָנגעטאָן אַ ייִד, אַ געטאָ־קעמפער וואָס איז אין קאַמף געווען פאַרקליידט פאַר אַ נאַצי...

ס׳איז זייער שטיל געוואָרן. אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ מינע, אַקוראַט ווי ביי יעדן אין דער קעל וואָלט דער טראַגישער אויסגאַנג פון דער געשיכטע, דערשטיקט אַ געלעכטער...

קאַפּיטל פופצן

אונטערערדלער

צומאַרגנס אין דער פרי, בעת יורעק האָט זיך געגרייט אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין מיט דבורהן דערלייליקן די געטאָ־ענינים, האָבן די קאַכאַנאָווסקיס זיי באַגלייט צו דער טיר.

ליובאַ האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן שלאָס, איידער זיי האָט אויפגע־ריגלט די טיר, און אַנקוקנדיק דבורהן, האָט זי שטיל געזאָגט:

— אפשר, מיין ליבער יורעק, זאָלסטו דבורהן בעסער איבערלאָזן אין דער היים?

— שרעק זיך נישט, מאַמושו! זי האָט גוטע פּאַפּירן און אַן אַרישן אויסזען. עס וועט מיר זיין פיל לייכטער אַלץ צו דערליידיקן, ווען אונדזערע חברים וועלן מיט דבורהן רעדן פּערזענלעך.

דבורה האָט פונדעסטוועגן אויסגעזען, ווי ליובאַס רייד וואָלטן אין איר דערוועקט אַ שרעק, וואָס זי האָט מיט אַ רגע פריִער נישט געפילט. זי האָט גע־וואָרפן אַ בליק אויף יורעקס דרייסטער האַלטונג און געזאָגט:

— אונדזערע חברים פון געטאָ, וואָס זענען אַוועק וועגן געווער אויף כמיעלנע 49 און אַנדערע אויף מיאַדאָווע 20, האָבן אויך געמוזט אַדורכגיין די גאַס. איך טאָר נישט זיין שוואַכער פון זיי.

— טאָ פאַרזיכטיק, יורעק! — האָט ליובאַ אויפגעריגלט די טיר.

יורעק האָט זיך צעקושט מיט די עלטערן. ליובאַ האָט אויך דבורהן אַרומ־גענומען, געדריקט צום האַרצן און מיט אַן אינערלעכן ציטער זי אויסגעקושט.

ברונאָ קאַכאַנאָווסקי האָט זיין זון עטלעכע מאָל געקלאַפּט אויפן אַקסל. ער האָט גענומען דבורהס אויסגעשטרעקטע האַנט און זי צאַרט געגלעט.

— קומט געזונטערהייט!

ס׳איז געווען אַ זוניקער און קילער פרימאָרגן אין מערץ. אַ קאַלטער ווינט, וואָס האָט נאָך אין זיך געטראָגן אַ ווינטערדיקע פייכטקייט, האָט זיך פון צייט צו צייט אַ ריס געטאָן מיט אַ הודזשעריי, ווי אַן אויפשפּריינגענדיקע ים־כוואַליע. די באַשטראַלטע גאַסן מיט אירע צעשויבערטע ביימער־קעפּ, האָבן גערוישט ווי אין אַ נאָרמאַלער צייט. די רויט־געפאַרבטע טראַמווייען האָבן ווי תמיד געקלונ־גען, געגרילצט און געשפּריצט מיט פונקען. די טראַמוויי־פענצטער זענען געווען

געדיכט באַקלעפּט מיט קאַריקאַטורן פון יידן, נאָכקאָפּירטע פון שטרייכערס „שטורמער״. די קאַריקאַטור־יידן, מיט הויקערדיקע, לאַנגע נעז, בלוט־דורשטי־קע וואַמפּיר־ליפּן, צעעפנטע מענטשן־פרעסערישע מיילער, אין וועלכע עס האָבן אַרויסגעשטאַרצט געציילטע, גרויסע אויסגעקרימטע ציינער. זענען געווען די איינציקע, וואָס האָבן געהאַט אַ רעכט מיטצופאָרן אויף די אַרישע טראַמווייען.

אויטאָמאָבילן, ציווילע און מיליטערישע, האָבן זיך געראָלט איבערן גלאַ־טיקן אַספאַלט, דראָזשקעס, גומיניאַנקעס, אַלטמאָדישע קאַטשן, דאַמען־ און מע־נער־ראָווערן האָבן זיך גערעדערט אין צוויי קעגנזעצלעכע ריכטונגען מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן אָפּקלאַנג. ביימער ביים ראַנד פון די טראָטואַרן, ביימער אין סקווערן און גערטנער, זענען דאָ געשטאַנען פריש־אַרומגעשווירענע, געפלעקטע, אַ רגע שטאַרק צעפּעכערטע פון ווינט; אַ רגע לייכט צעהוידעטע פון די פייגע־לעך, וואָס האָבן געטאַנצט אויף די גרינע קעפּלעך פון די קוים־צעעפנטע קנאָספּן, אויסשפּילנדיק אַ בענקשאַפט דעם אָנקומענדיקן פרילינג.

אויף די באַלעבטע, פון צוויי שפּראַכן פאַרקלונגענע טראָטואַרן, האָבן זיך געכוואַליעט, געדרענגט אַ פאַרשידנפאַרביקע באַפעלקערונג. אין די ציווילע מע־נער־ און דאַמען־שטאָפן האָט זיך דאָ און דאָרט אַריינגעשטיקעוועט אַ דייטשער מונדיר; אַ קאָפּ פון אַ ליאַלקע אין די הענט פון אַ קינד, האָט זיך אין די גאַסן געווירבל צונויפגעמישט מיט אַ מעטאַלענעם שאַרבן אויף אַ קליאַפּע פון אַ דייטשן מיליטער־מאַן.

די האַקנקרייץ־ריטער האָבן דאָ געשפּאַנט מיט אַ זיכערן טראָט, מיט פאַ־ריסענע קעפּ און מיט אָנגעגווידערטע העלדזער פאַר גאווה. טייל פון די ברוינע סאַטראַפּן האָבן זיך אַרומגעפירט מיט גרויסע וועלף־הינט, וואָס האָבן אַמאָל גיכער באַקומען אַ גלעט מיט אַן אויג פון די פאַרבייגייער, ווי זייערע באַלע־באַטים.

יורעק האָט דבורהן געפירט געאָרעמט. זיי האָבן געשפּאַנט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ווי אַ פאַרליבט פּאָרל. פון צייט צו צייט האָט זיך יורעק אומגע־קוקט, צי ס׳גייט אים נישט נאָך ווער. יעדעס מאָל, בעת יורעק האָט זיך אומ־געקוקט, האָט דער גאַסן־געדריש געגנומען שרעקלעכער האַמערן אין דבורהס שלייפן. הגם אויף אירע ליפּן האָט גערוט אַ געקינצלטער שמייכל, האָט זי אַלצדינג אַרומגענומען מיט אַ צעשטרייטן בליק.

דער איבערגאַנג פון פּינצטערן בונקער צו באַזוניקטע גאַסן, פאַרקלונגענע פון געלעכטערס און גערײדערייען פון פרייע מענטשן, האָט זיך ערשט געלאָזט פילן אין איר געמיט. די צופרידענע פּנימער פון די פאַרבייגייער האָבן זי שרעק־לעך אויפגערעגט. אַ פאַרביטערטע האָט זי, מיטן בליק, נאָכגעיאָגט די טראַמ־ווייען, וואָס האָבן זיך פון איר דערווייטערט, איבערלאָזנדיק פאַר אירע אויגן

באַר די פענצטער, אויף וועלכע עס האָבן געשוועבט די קאַריקאַטורן פון ייִדן — אויסגעשטעלטע אויף חוזק פאַר דער אַרישער גאַס.

די צייטונג־קיאָסקן זענען געווען באַלאַגערט. פאַליאַקן, ייִנגערע און עלטערע, עלעגאַנטע און אָרעם־געקליידטע, זענען געשטאַנען אַרום די קיאָסקן מיט צעעפנטע צייטונגען אין די הענט. טייל האָבן פראַנק און פריי אַרומגערעדט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע.

אויף אַ רגע האָט זיך דבורה פאַרגעסן... אַ נייגעריקע האָט זי זיך געוואָלט אָפּשטעלן ביי אַ קיאָסק, כאַפּן אַ בליק אויף די צייטונגס־קעפּ, אָבער יורעק האָט זי אומבאַמערקט אָוועקגעצויגן.

אַ פּוילישע דינסט, וואָס האָט געפירט איבער דער גאַס צוויי קינדער, — אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע, — איז דבורהן אַנטקעגנגעקומען. די קינדער זענען געווען פיין אָנגעטאָן, געהאַט אַ געזונטן אויסזען, אונטערגעטענצלט אין גאַנג און מיט צעשמייכלטע פּנימלעך, עפּעס געפרעגט ביי דער דינסט,ביידע מיטאַמאָל.

קוקנדיק אויף די צוויי קינדער, האָט זיך דבורה דערמאָנט אין אירע גליקלעכע שול־יאָרן און זי האָט באַקומען אַ שטאָך אין איר זכרון...

זי האָט זיך פאַרטראַכט וועגן די געטאָ־קינדער, וואָס שלייכן זיך יעדן פריימאָרגן, געטריבן און פאַרפאָלגט פון הונגער, אַרויס דורך די לעכער פון דער געטאָ־מויער, בכדי איינצושאַפן פאַר די עלטערן, אַרומנישטערנדיק אין מיסטקאַסטנס פון דער „אַרישער זייט", אַביסל אַרויסגעוואָרפענע מאכלים. און אָפטמאָל וואַרטן עלטערן ביי די לעכער פון דער געטאָ־מויער אָפּ זייערע קינדער, בעת זיי ליגן שוין אויף „יענער זייט" מיט דינע, צעשלענגלטע ריטשקעלעך בלוט ביי די שלייפן און אַ צעשאָטן, נעבעכדיק פּעקעלע ליגט איין שפּאַן ווייטער פון זייערע אויסגעשטרעקטע טויטע הענטלעך...

— מען וואָלט אפשר געגומען אַ דראָשקע, יורעק?

יורעק האָט דבורהן פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט און אָנשטעלנדיק זיינע ליפּן צו איר אויער, קושנדיק דערביי אירע גאָלדענע רינגעלעך האָר, האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט:

— אַ דראָשקע איז בעת אַן אַבלאַווע געפערלעכער. גייענדיק צו פוס, קען מען זיך בשעת־הסכנה אַריינקערעווען אין אָפּגעלעגענע געסלעך. ביסט איבערגעשראָקן?

— שווייג!

— דו זעסט, מאַריאַ, היינט קומט פאַר אַ קאָנצערט. — האָט יורעק געדעט צו דבורהן אויפן קול. — אַ סעלעקציע פון שאָפּענס ווערק, באַגלייט פון אַ באַלעט. לאָמיר גיין קויפן בילעטן!...

— מיר ווען דען נישט באַקומען אין אָוונט ביי דער קאַסע? — האָט דבורה אַרויפגעצויגן אויף אירע ליפּן אַ געקינצלט שמייכעלע.

— אָ, ניין טייערינקע, פאַרגעס נישט, אַז די לאָזשעס און די ערשטע רייען זענען באַשטימט פאַר דער דייטשער מאַכט.

— הם... יאָ...

— דו זעסט, מאַריאַ, דעם פּרעכטיקן פילם? — האָט יורעק דבורהן אַוועקגעצויגן אין אַן אַנדער ריכטונג. לאָמיר איבערלייענען די סצענאַריאַ — „ראָטשילד". עס מוז זיין אַ טשיקאַווע פּיעסע, — האָט יורעק אָנגעקוקט דבורהן מיט אַ צוריקגעהאַלטן געלעכטער. און דערביי האָט ער באַטראַכט אַ „פּרצוף", וואָס איז אים עפּעס פאַרגעקומען פאַרדעכטיק.

בעת דער פאַרדעכטיקטער איז אַוועק, האָט יורעק פאַר צופרידנקייט דבורהן אַ שנעל געטאָן אין איר געטאַקט נעזל אַריין און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— זיי שוועבן אַרום ווי שוואַרצע קראָען און זוכן פּגרים. מיין מוטערס הענט דאַרף מען אויסקושן. דו ביסט אַליין נישט קיין מבין ווי עלעגאַנט זי האָט דיך צוזאַמענגעשטעלט. דאָס מענטשעלע מיטן גאָלד־קאָלירטן שאַליקל פאַרפירט אַלע שמעק־הינט אויף צוויי פיס...

באַטראַכטנדיק די סצענאַריאַ האָבן זיי שוין, בכדי צו בלייבן אַ ביסל לענגער אויפן אָרט, איבערגעלייענט:

„ראָטשילד, איינער פון די טיפּישסטע פאַרשטייער פון פאַרשאָלטענעם יידנטום. ער איז דער געלט־גיריקסטער און פאַראַזיטישסטער וואַמפּיר. ער הילט איין אין זיין וווכער־שפּינוועבס פעלקער און לענדער, פינאַנסירט מלוכה־איבערקערענישן און רעוואָלוציעס, זויגט אויס דאָס בלוט, דעם מאַרך פון די ביינער ביים אַרישן פאָלק".

צום קינאָ זענען צוגעקומען צוויי דייטשע סאָלדאַטן און באַטראַכטנדיק די קאָמישע רעקלאַמע־צייכענונג פון ראָטשילדן, האָבן זיי זיך הילכיק צעלאַכט.

— כאַ־כאַ־כאַ! מאַקס, זע נאָר די קרומע נאָז פון דעם צירק־קלאָון! אָ, ראָטשילד! דאָס איז דער ריכטיקער שפּעק־יעגער. כאַ־כאַ־כאַ! — האָט איינער דעם צווייטן געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, קראַכנדיק פאַר געלעכטער.

יורעק מיט דבורהן האָבן איילנדיק אַוועקגעשפּאַנט. זיי זענען אַ ווײַלע געגאַנגען שווייגנדיקע. פאַר יורעקן זענען שוין די אויפשריפטן נישט געווען קיין נייעס; ער האָט זיי יעדן טאָג באַמערקט אויף די פּלאַקאַטן, וואָס די היטלער־יוגנט האָט אויסגעקלעפּט אין אַלע עפנטלעכע ערטער.

ער האָט אויף דבורהן געוואָרפן אַ זייטיקן בליק און דערפילט, אַז איר שווייגן זאָגט אים עפּעס, וואָס ער דערהערט אַפילו אָן ווערטער...

און געטראַכט האָט ער, אַז דבורה מוז בכלל זיין אַ פיינפילנדיקע נאַטור, זי־

לעבט יעדע יידישע דערנידעריקונג איבער מיט אַלע פיבערן פון איר צאַרטער נשמה. ער האָט איר גערן געוואָלט עפּעס זאָגן, וואָס זאָל זי מאַכן פאַרגעסן אינעם חוזק־געלעכטער פון די צוויי דייטשע סאָלדאַטן, אָבער ער האָט זי אין איצטיקן מאָמענט נישט געוואָלט אָנרופן „מאַריאַ"...

אָפּגייענדיק אַ גאַס, האָט דבורה ברייטער פונאַנדערגעעפנט די אויגן. זי האָט באַמערקט אַ גאָרטן און אים באַקוקט, ווי זי וואָלט אים געזען צום ערשטן מאָל. די ביימער זענען אַלע געווען גלייך אַרומגעשניטן. די ביימערישע קרוינען־קעפּ האָבן אויסגעזען ווי צעעפנטע גרינע שירמען. ברייטע, מיט ראָסע־באַזיל־בערטע גראָז־טעפּיבער, האָבן איינגערעמט די וואַסער־באַסיינען, וואָס זענען גע־לעגן ווי שפּיגלען קעגן דער זון. אין די וואַסער־באַסיינען האָבן דורך מאָמעשע הענט אַריינגעלאָזט אין וואַסערל און דערביי פאַרקלונגען די לופט מיט אַ צע־גלעקלט קינדעריש געלעכטער, וואָס האָט זיך ווייט אַוועקגעטראָגן.

דאָס דאָזיקע אידילישע בילד האָט דבורהן גערירט ביז טרערן. זי האָט זיך געטראַכט, אַז דער קולטיווירטער גאָרטן מוז אַוודאי זייער ווי טאָן די יידישע מאַמעס פון פאַרלוירענע קינדער, בעת זיי שלייכן זיך דאָ פאַרשטעלטערהייט פאַרביי ווי שאָטנס פון זייער פאַרגאַנגען לעבן.

— עפּעס קאָכט די גאַס. עס מוז זיין וויכטיקע נייעס. — האָט יורעק אַ זאָג געטאָן.

— טאָ קויף אַ צייטונג!

— ווען כ׳וואָלט געווען אַליין... לאָמיר גיין אַביסל האַסטיקער. שאַ, זאָג מיר איצט גאָרנישט! צוויי גראַנאַטענע מונדירן...

דבורהס האַרץ האָט זיך געקאָרטשעט הינטער איר ברוסט. זי האָט אָבער גובר־געווען די שרעק, צוגעטוליעט איר קאָפּ צו יורעקן, ווי ער וואָלט איר עפּעס דערציילט און זי האָט הילכיק אַרויסגעלאַכט... די פּאָליציאַנטן האָבן אויף איר געוואָרפן אַ בליק און ווייטער געגאַנגען.

מיטאַמאָל האָט זיך דבורה אָפּגעשטעלט, ווי זי וואָלט נישט מער געקענט שטעלן קיין איין טראָט.

זי האָט באַמערקט דאָס געשעפט פון איר פעטער, איר פאָטערס אַ ברודער. אין געשעפט האָט זיך געטומלט, ווי עס וואָלט אויף דער וועלט גאָרנישט פאַר־געקומען קיין שום ענדערונג, בלויז אַ דייטשער טיפּ מיט אַ פּנים פון אַ בולדאָג־הונט האָט זיך אין געשעפט געפּאַרעט ביי דער קאַסע.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אין איר פעטערס מאַנופאַקטור־געשעפט, האָט מען באַלד נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע אַריינגעזעצט אַ „טרייהאַר", וואָס זאָל מיטן געשעפט פאַרוואַלטן. דעם פעטער מיט דער גאַנצער פאַמיליע — אַרויסגע־וואָרפן צוזאַמען מיט די אַלטע שמאַטעס. זי געדענקט, ווען מען האָט דעם פע־

טער און די מומע אַוועקגעפירט אין געטאָ, אין אַ צייט אַרום — צום אומשלאַג־פּלאַץ. אירע בײדע קוזינען, די צוויי שיינע אויסגעוואַקסענע בחורים, זאָלן זיך געפינען פאַרשטעקט ערגעץ אויף דער „אַרישער זייט". זי ווייסט אָבער נישט, וווּ זיי געפינען זיך. איר קוזינקע, העלענאַ, די גימנאַזיסטין, איז עפּעס פאַר־שוווּנדן ווי אַ שטיין אין וואַסער אַריין, אָבער זיי שטייען איר אַלע איצט בולט פאַר די אויגן, אַז זי וואָלט זיי ממש געקענט אַרומנעמען מיט די הענט.

איר בליק פאַלט פאַרבענקט צום אָפענעם פענצטער פון ערשטן שטאָק. דבורה באַמערקט ווי אַ פרוי אין אַ רויט קאָפּ־טיכל רייבט מיט דראָט די פּאַדלאָגע, אויף וועלכער זי האָט יאָרן לאַנג געטאַנצט. דער גאַנצער אַרום נעמט מיטאַמאָל זיך דרייען, הוידען אַרויף און אַראָפּ אין אירע אויגן. אַ געביידע ווערט העכער, פּלויענדיק אין דער לופט; אַ געביידע — נידעריקער. זי דערזעט אין איר דמיון זייער ברענענדיק הויז, וואָס זינקט אַראָפּ ווי אַן אונטערגייענדיקע שיף אין פלאַ־מען. איר פאָטער, זעט זי, גייט אַרויס פון די פלאַמען. זי כאַפּט זיך אָן אין יורעקס אָקסל אַ וואַקלדיקע.

— וואָס איז דיר מאַריאַ?

— גאָרנישט. עס איז נאָך ווייט?

— מיר קומען באַלד אָן.

נאָך אַ ווײַלע האָט זיך יורעק אָפּגעשטעלט ביי אַ וואַנט און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— אָט האָסטו, מאַריאַ, די פּלאַקאַטן וועגן קאַטין. כאַפּ אַ בליק!

— לאָז מיך איצט אָפּ!

זי האָט פון דעסטוועגן באַוויזן אויפצוכאַפּן צוויי געשטאַלטן: פּראָפ' חיים ווייצמאַן און לאָרד דופוס אייזיקסאָן, וואָס זענען אויפן פּלאַקאַט געווען גע־צייכנט ווי צוויי וועלט־אונטערצינדער, איינגערעמט אין רויטע געקרייזלטע פלאַמען.

דבורה האָט יורעקן אָנגעקוקט מיט אַן איראָנישן שמייכל. יורעק האָט פאַר־ביסן די ליפּן.

זיי זענען פאַרביי אַ קאַפע־הויז, געדיכט באַזעצט מיט דייטשע מיליטער־לייט. אַ געלעכטער האָט ווייט אָפּגעהילכט. אויף אַ בינע האָט אַ בלאָנדע זינ־גערין, מיט אַ סך שמינקע און ווייניק טאַלאַנט, זיך געריסן דעם האַלדז: „איך קוש דיר די הענט מאַדאַם". די מיליטערלייט האָבן רוישיק אַפּלאָדירט, צושרייענ־דיק מיט זייערע הייזעריקע, שיכורע קולות: בראַוואָ, בראַוואָ!

— אַן איידעלע ראַסע — האָט דבורה געפּליסטערט צו יורעקן — איך קוש דיר די האַנט,מאַדאַם...

יורעק האָט זיך צעלאַכט און דבורהן אַריינגעפירט אין אַן אָפּגעלעבט געסל

פון בלויז אַלטע הייזער — נאָר איינצופאַלן. ביים קאַנאַל־דעק איז געשטאַנען אַ פּוילישער קאַנאַליזאַטאָר מיט אַ לעמפּל, אָנגעהאָנגען אין רעכטל שטיוול. ער האָט יורעקן געגעבן אַ געהיימען צייכן, אַז דער וועג איז פריי.

זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אַ גרויסן מאַגאַזין פון אַלטע בגדים. מיט פּאַרזיכטיקע טריט האָט יורעק אַריינגעפירט דבורהן אינעם מאַגאַזין. ער איז נאָך אַ ווײַלע געבליבן שטיין אויף דער שוועל, איבערגעשראָקן פון אַ געלן בלאַנקענדיקן הונט, וועמענס קוים־הערבאַרע טריט האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיינע אויערן.

ביי אַ טיש, צוזאַמענגעשטעלט פון אַ הילצערנער פּלאַטע אויף קאָזלעס, איז דאָ אין מאַגאַזין געשטאַנען אַן אַלטער, גרייז־גרויער פּאַליאַק. אַ פּאָר אַלטמאָדישעברילן זענען געריטן אויפן שפּיץ פון אַ גראָבער פּראָפּן־נאָז. דער אַלטער האָט מיט בלוי־שפּען אויסגעפּוצט צעטרענטע דייטשע מונדירן. ביי אַ ניי־מאַשין איז דאָ געזעסן אַ ייִדישער יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, וואָס האָט איצט געהייסן פּאַוולאָוויטש, נאָך אַ טויטן, און באַגלייטנדיק דעם הייזעריקן גערויש פון זיין טרעט־מאַשין מיט אַ פּויליש מיליטער־לידל, האָט ער לאַנגזאַם געשטעפּט, קוקנדיק מער צום דרויסן, ווי אויפן שטיק אַרבעט.

בעת יורעק מיט דבורהן זענען אַריינגעקומען, האָט זיך דער מאַשינער האַסטיק אויפגעכאַפּט, צוגעגאַנגען צו אַ ברייטער מאַגאַזין־שאַנק, אַריינגערוקט די טיר אין די פוגעס, נערוועז אָוועקגעשאָרט די צוויי־דריי מאַרינאַרקעס, וואָס זענען אין דער שאַנק געהאָנגען אויף אַ מעטאַלענער שטאַנג, און כאַפּנדיק אַ בליק צום דרויסן האָט ער מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם אַ זאָג געטאָן:

— אַריין!

יורעק האָט דבורהן אַריינגעפירט אין די שאַנק. ער האָט בליץ־שנעל איינגעוויניק געעפנט אַ טיר. אַריינגעקומען אין אַ טונקעלן צימער, וועמענס הילצערנע שטיגעלעך, וואָס האָבן זיך געשלענגלט ווי אַ שרויפנציער, האָבן זיי אַראָפּגעפירט אין אַ קעלער.

יורעק האָט דריי מאָל אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר. ער האָט עפּעס געזאָגט אַ „פּאַראָל״, וואָס דבורה האָט פאַר שרעק נישט דערהערט.

די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט.

פאַר דבורהן האָט פון דער האַלב־טונקלקייט אַרויסגעטויכט אַ צענדליק געשטאַלטן פון מענער און פרויען — מער מענער ווי פרויען. אויף אַ לאַנגן דעמבאָווע טיש האָט געברענט אַן אַלט־מאָדישע נאַפט־לאָמפּ, וועמענס גלעזל איז געווען באַנדאַזשירט מיט אַ ברייטן פלאַסטער געל פּאַפּיר. די לאָמפּ האָט מיט אַ געלבלעכן אָפּשיין קאַרג באַלויכטן די ענערגישע פּנימער פון דער גרופּע אונטערערדלער — ייִדישע און פּוילישע, וואָס האָבן דאָ אין דעם געהיימען ווינקל

אָפּגעטאָן אַ וויכטיקע, מסירת־נפשדיקע אַרבעט מיט אַזאַ שטילקייט, אַקוראַט ווי דער קעלער וואָלט געווען אויסגעליידיקט.

אין אַן אָפּגעזונדערטן ווינקל זענען דאָ געשטאַנען עטלעכע מענער ביי אַ העקטאָגראַפישער מאַשין און צוזאַמענגעשטעלט אַ ביולעטין פון מאַנוסקריפּטן, וואָס זענען נאָכן אויסזעצן גלייך פאַרברענט געוואָרן אין אַן אייזערן אייוועלע.

בעת דבורה מיט יורעקן האָבן זיך באַוויזן, האָבן זיך די אונטערערדלער אויפגעכאַפּט פונעם טיש — די שטייענדיקע האָבן זיך אַ ריס־געטאָן פון די ער־טער — און מיט צעשמייכלטע פּנימער זיי געדריקט די הענט.

יעקב יאַבלאָנקע, אַ נידעריקער, ברייטביינער בחור מיט אַ פּנים גריבל־דיקע באַקן באַוואַקסן מיט אַ שוואַרצן האַריקן מעד, מיט אַ פּאָר רויטע נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן, האָט די צוויי אַריינגעקומענע אויפגענומען מיט אַ נער־וועזן, פריידיקן ציטער.

— פּאָרוטשניק יורעק, לאָמיר זיך צעקושן! — האָט ער אויסגערופן אַ צע־שטראַלטער.

— וואָס איז געשען? — האָט אים יורעק אָנגעקוקט.

— האָסט נישט געהערט, אַז די רויטע אַרמיי האָט צוריקגענומען די צוויי פעסטונגען: דעמיאַנסק און רזשעוו? אונדזער געהיימער ראַדיאָ „שוויט" האָט עס באַשטעטיקט. נאָ, כאַפּ אַ בליק אויף דער מאַפּע וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע באַ־דייטונג דאָס האָט! — איז ער מיט אַ שפּרונג צו צום טיש און אויפגעוויקלט אַ קליין מאַפּעלע.

עס האָט ווער דבורהן דערלאַנגט אַ טאַבורעטקעלע. בעת זי האָט זיך אַוועק־געזעצט, האָבן זיך טייל אונטערערדלער אויך אַראָפּגעלאָזט און זי באַטראַכט.

— אַ קעמפערין פון געטאָ — האָט יורעק געזאָגט, זיך צוזעצנדיק צום טיש.

— מיר וויסן.

יאַן לאַטושקעוויטש, אַ ברונעטער מאַן אין די פערציקער, אין אַ שוואַרצער ספּאָרט־מאַרינאַרקע, מיט אַ שטייף, רוסיש קעלנערל, האָט מיט אַ קאַלטבלוטי־קייט געעפנט די דעק פון טיש, אַרויסגענומען פון אַ באַהעלטעניש צוויי באַשרי־בענע בויגנס פּאַפּיר און געזאָגט:

— יוסף באַרנשטיין, דער יידישער פּאַרטייער פון דער „אַרישער זייט" איז שוין ביי אונדז געווען און איבערגעגעבן דאָס געלט און צירונג, וואָס די קעמפערין האָט מיטגעבראַכט, אָבער עס זענען דערצו אויסגעשטרעקט אַזוי פיל פאַרקויפטע הענט, אַז געוואר ווערט זיין ווייניקער, ווי דער יידישער שטאַב אין געטאָ שטעלט זיך פאָר. מיר האָבן אויך אונטערגעקויפט צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס ווילן אַריבער־

פירן שווער געווער. קאָסטן וועט דאָס אַ מאַיאָנטעק, אָבער מיר זענען מיט זיי זיכער.

דאָ איז יאַן לאַטושקעוויטש אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין ספּאָרטאָווער ברוסטן־טעשל אַ ביכעלע פּליסלעך און ווענדנדיק זיך צו יורעקן, האָט ער געפרעגט:

— האָסט עפּעס מיטגעבראַכט צו רויכערן?

יורעק האָט אַרויפגעלייגט אויפן טיש אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, וואָס איז גלייך צעכאַפּט געוואָרן.

— מיר האָבן דאָ אַ באַריכט — האָט יאַן לאַטושקעוויטש אַרויסגעלאָזט אַ קרייזעלע רויך — פון דער נעכטיקער זיצונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אייער וווינונג, יורעק.

ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דבורהן.

— איך וואָלט דיר גערן נישט געוואָלט וויי־טאָן, חברטע, אָבער דו ביסט זייער זייער נאַיוו. דו ווילסט דיך, הער איך, זען מיטן שעף פון פּ. פּ. ר., מיטן אינזשיניער פּאַוולאָווסקי. דאָס הייסט, אַז דו גלייבסט אים איבערצורעדן, אַז מיר דאָ אויף דער „אַרישער זייט" זאָלן אויפשטיין דעם זעלביקן טאָג, ווען דער געטאָ וועט אַרויס אין קאַמף. דאָס קען נישט געשען. איך רעד דאָך צו דיר אויפן סמך פון די אינסטרוקציעס, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין פּאַוולאָווסקיס ביוראָ.

עס איז אַ ווײַלע געוואָרן שטיל. די זעצער אַפילו האָבן איבערגעריסן זייער אַרבעט און זיך איינגעהערט.

— ס'וועלן אפשר זיין אַ היפּשע צאָל פּריוווילִיקע צווישן אונדזערע סאָל־דאַטן, אָס וועלן דעם שונא באַפאַלן הינטן־אַרום, — האָט יאַבלאָנקע געזאָגט, צוקנדיק נערוועז מיט די אַקסלען.

דבורה האָט מיט אירע פאַרצווייפלטע אויגן אָנגעקוקט יעדן אונטערערדלער באַזונדער. דערנאָך האָט זי אָפּגעשטעלט אירע אויגן אויף יורעקן און געזאָגט:

— קלאָר גערעדט הייסט עס, אַז מיר בלייבן אַליין.

— אפשר וועט דער צענטראַל־קאָמיטעט נאָך ענדערן זיינע באַשלוסן — האָט יורעק געזאָגט.

— ס'איז שוין צו־שפּעט עפּעס צוצוגרייטן — האָט יאַן לאַטושקעוויטש אָוועקגעשפּאַנט פון טיש און איז צוריק־געקומען.

מיטאַמאָל האָט אַ בינטל שליסלען אַ קלונג־געטאָן. די אונטערערדלער האָבן זיך אומגעקוקט. דבורה האָט שטאַרק אויפגעציטערט. ערשט איצט האָט זי באַ־מערקט, אַז אויף אַ שלאָף־באַנק, פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, איז געלעגן אַ יונגער בחור, וואָס האָט זיך מיט אַן איינגעבלוטיקט האַנטוך צוגעהאַלטן די נאָז, און אַ בינטל שליסלען איז אים געלעגן אויפן קאַרק.

דער יונגער בחור, אַ הויכער און אַ דאַרער, איז געווען בלייך ווי אַ מת. עס האָבן אים געפעלט עטלעכע פאָדערשטע ציין. אויף זיין צעעפנט העמד, האָבן זיך געצייכנט עטלעכע פייכטע ליניעס פון פריש בלוט.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי האַסטיק אויפגעכאַפּט, ליפשיץ?

— ווי אַן אַנטלאָפענער פון טרעבלינקע — האָט ליפשיץ געענטפערט. — איך, וואָס האָבן שוין מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, וואָס מען מאַכט מיט די אוועקגעפירטע ייִדן צום אומשלאַגס־פּלאַץ, זאָג אייך, חברים, אַז אין דער געשיכטע וועלן מיר באַצייכנט ווערן ווי פּחדנים פאַרן נישט נעמען קיין אַנטייל אינעם געטאָ־אויפשטאַנד.

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט און ווייטער גערעדט:

— איר ווייסט דאָך, אַז מען האָט מיך אַמאָל גערופן דער „ביכער־וואָרעם". נו, איז מיר אויסגעקומען צו לייענען — ליגנדיק דאָ האָב איך זיך דערמאָנט — די געשיכטע פון שאָטלענדישן פאָלק. דער שאָטלענדישער פרייהייט־קעמפער, ראָבערט ברוס, האָט געפירט אַ קאַמף מיטן דעספּאָטישן ענגלישן קעניג עדוואַרד. ברוס האָט פאַרלוירן שלאַכט נאָך שלאַכט. איינמאָל האָט ער באַמערקט ווי אַ שפּין האָט זיך אויפגעהויבן אין שפּינוועבס נאָך זעקס מאָל פאַלן. אַזאַ נישטיק באַשעפעניש האָט אים אינספּירירט אָנצוהייבן נאָך אַמאָל אַ קאַמף, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ נצחון. אמת, אַז אויף דער „אַרישער זייט" איז שוין געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו פון אַן אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ מפּלה. אָבער מען דאַרף נאָך אַמאָל אָנהייבן און טאַקע אין איין טאָג מיטן געטאָ.

— חבר ליפשיץ, דו ביסט אַ ביכער־וואָרעם — האָט לאַטושקעוויטש געשמייכלט — אָבער דיין ביישפּיל איז דורכויס פאַלש. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, למשל, האָט געוואָרפן אַ ליכטיקן שיין אויף דער גאַנצער געשיכטע פון אייראָפּע. אַלץ וואָס איז געווען דערהויבן און נאָבל אין דער דאָזיקער רעוואָלוציע איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין די יאָרן 1789. און פונדעסטוועגן צו וואָס פאַר אַ פּאָליטיק האָט זיך פראַנקרייך דערקייקלט? האָט זי דען נישט פריי געמאַכט דעם וועג פאַר די היטלערישע חיילות? לאָסאַלס וואָרט, אַז מען קען אַמאָל מאַכן אַ רעוואָלוציע נישט פאַרגיסנדיק קיין טראָפּן בלוט, איז אַלע מאָל געווען פאַלש; בפרט אין איצטיקן מאָמענט. דאָס פאַרטרייבן דעם אָקופּאַנט וועט אונדז קאָסטן אַ סך בלוט. דעריבער טאַקע דאַרף מען אָפּוואַרטן אַ גינסטיקן מאָמענט, אַז אונדזער בלוט זאָל נישט אומזיסט פאַרגאָסן ווערן, וואָס זאָגסטו, יורעק?

— אָפּוואַרטן? — האָט יורעק אָנגעהאַנגען אַ פאַרצווייפלטן בליק אויף לאַטושקעוויטשן. — דו ווייסט דאָך, אַז דער געטאָ קען נישט וואַרטן. חבר ליפשיץ האָט דאָך שוין דאָ דערמאָנט דאָס וואָרט „טרעבלינקע". מיר, זאָגסטו, מוזן וואַרטן אויף אַ גינסטיקן מאָמענט. אָבער פאַר די געטאָ־העלדן איז דער באַגריף

פון „צייט" מער נישט פאַראַן. מיר דאָ האָבן אַ גרונט צו האָפן און זיך צוגרייטן אַז דער „מאָרגן" זאָל אויסלייזן דעם „היינט". פאַר די געטאָ־קעמפער איז אָבער דער מאָרגן יעדער אָנקומענדיקער טאָג. קיינער וועט, פאַרשטענדלעך, נישט ענדערן דעם באַשלוס פון צ״ק. איך וואָלט אָבער נישט געוואָלט, אַז די געטאָ־קעמפערין זאָל פונדאַנען אַרויסגיין מיט דעם איינדרוק, אַז דער יידישער גורל איז אַזוי אייגנאַרטיק־טראַגיש, אַז אַפילו אַ מסירת־נפשדיקער פרייהייט־קעמפער פון אַן אַנדער פאָלק, וויל זיך מיט אים נישט פאַרבינדן. אויב די חברטע דאָרקע וויל זיך דורכוויס זען מיט אונדזער שעף, האָט קיינער פון אונדז נישט קיין רעכט דאָס אָפּצופרעגן. און איצט, חברים, לאָמיר זיך פאַרנעמען מיט געווער, אַמוניציע און גאַז־מאַסקעס פאַרן געטאָ!

— דאָס דאַרפסטו נישט איבערחזרן, יורעק. מיר רוען נישט קיין מינוט. אַ היפּש ביסל געווער האָבן מיר שוין אָנגעזאַמלט. און מיר שטעלן זיך נישט אָפּ.

— האָט יאַן לאַטושקעוויטש געזאָגט. — און ער האָט זיך גלייך אַראָפּגעזעצט קאָרעגירן אַ מאַנוסקריפּט, וואָס די זעצער האָבן אים אונטערגעטראָגן.

— וואָס שווייגסטו, דאָרקע? — האָט יורעק אָנגעקוקט דבורהן און באַמערקט ווי אירע אויגן זענען פייכט.

— כ'קען איצט גאָרנישט רעדן... — האָבן זיך אַלע איינגעהערכט אין איר פאַרקלעמטער שטימע.

דבורה האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט ווידעראַמאָל באַטראַכט אַלע אַרומיקע קעמפער.

נאָך יורעקס געזעגענען זיך, האָט זי אויך יעדן איינעם זייער לאַנג געדריקט די האַנט. יורעק האָט נאָך פאַרן אַוועקגיין, עפּעס גערעדט אין דער שטיל מיט לאַטושקעוויטשן. ער איז דער ערשטער צוגעגאַנגען צו דער טיר. דבורה איז נאָך אַ רגע געבליבן שטיין. זי האָט זיך נישט געקענט דערקלערן פאַרוואָס איר האָט זיך עקשנותדיק אויסגעוויזן, אַז די לאָמפּ אין קעלער איז פּלוצים אויסגעלאָשן געוואָרן...

קאַפּיטל זעכצן

די בלומען־פּאַרקויפערין

נאָך דריי טעג לעבן אויף דער „אַרישער זייט" האָט זיך דבורה געגרייט צו פאַרלאָזן קאָכאַנאָווסקיס וווינונג און צוריקצוגיין אין געטאָ.

קאָכאַנאָווסקיס וווינונג איז איצט, נאָך מער ווי אין אַנדערע „ברוינע טעג" געווען באַהערשט פון אַן אומרו. די טירן, פון איין צימער אין צווייטן אַריין, האָבן זיך נאָכאַנאַנד געעפנט און פאַרמאַכט. נערוועזע טריט האָבן געשפּאַנט אַהין און אַהער מיט אַזאַ האַסטיקייט, כאַפּלאַפּעניש, גלייך ווי דאָס גאַנצע הויז־געזינט וואָלט זיך געגרייט פון דער וווינונג צו אַנטלויפן.

די צוויי פּוילישע מיידלעך פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס זענען אַנגעקומען פּאַרסאָפּעטע און איבערגעגעבן דבורהן דעם קויש גראַנאַטן, האָבן מיט זייער טרעסען זיך אַריינגעבראַכט פון גאַס אַ פרישע נאַר־וואָס איבערגע־לעבטע טויט־שרעק, וואָס זיי האָבן ערשט דאָ פון זיך אַרויסגעאָטעמט.

די מיידלעך זענען, נאָכן געזעגענען זיך מיט דבורהן, גלייך אַרויסבאַגלייט געוואָרן דורך דער דינסט, מאַרישאַ. דער הונט, רעקס, האָט זיך אויף עפּעס נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. ער איז אַלע ווײַלע אויסגעוואַקסן אין אַן אַנדערן ווינקל, געבליבן זיצן מיט אויסגעגלאָצטע שליפּיעס, צוקנדיקע אויערן־לאַפּן, ווי ער וואָלט בחוש דערפילט, אַז ביי זיינע באַלעבאַטים געשעט עפּעס.

מאַרישאַ האָט כסדר געוואַכט ביי דער טיר. פון צייט־צו־צייט האָט זי זיך שטילינקערהייט אַרויסגעשלייכט ביז צו די שטיגן און זיך איינגעהערט אינעם אַרומיקן גערויש.

דאָס האַקשלאָס, וואָס האָט זיך נאָך יעדער רגע געעפנט און פאַרמאַכט מיט אַ מעטאַלענעם אָפּקלאַנג, האָט שטאַרק אויפגערייצט ליובאָס נערוון. זי האָט זיך איצט געפונען אין אַן אָפּגעשלאָסענעם צימער, אַרומפּאַרענדיק זיך אַרום דבורהן, וועמען זי האָט פאַרקליידט ווי אַ בלומען־פּאַרקויפערין, אַלאַ „קראַקאָוויאַנקאַ".

יורעק האָט נערוועז געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ איבערן אויפנאַם־צימער. ער איז געווען שרעקלעך אויפגערעגט און אומגעדולדיק. זיין צעטומלטער גאַנג האָט דערמאָנט אין איינעם, וואָס האָט פאַרלוירן אינערלעך זיין גלייכגעוויכט. אָט איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר פונעם צימער, ווו די מוטער זיינע מיט דבורהן האָבן זיך געפונען, איינהערנדיק זיך אין זייער געפליסטער. און אָט איז ער מיט

געצײלטע שפּרײַז אױסגעװאַקסן בײַם פענצטער, מיטן בליק געװענדט צו צפון־זײַט. אַלץ אין אים האָט זיך געריסן אַרײַנצובליקן אין געטאָ און דערװיסן זיך, צי דער װעג אַהינצו איז איצט נישט געפערלעך.

קאַכאַנאָװסקי איז געזעסן בײַם טיש מיט דער ליולקע אין מױל און אַרױס־בלאָזנדיק אָפּגעהאַקטע װאָלקנדלעך האָט ער געזאָגט צו זײַן זון, אַרײַנקוקנדיק אין אַ צײַטונג.

— יורעק, האָסט געזאָגט דבֿורהן, אַז די דײַטשע חיילות ציִען זיך צוריק פון װיאַזמאַ און סמאָלענסק.

יורעק האָט זיך אױסגעדרײט צום פאָטער, אים אָנגעקוקט מיט אַ מאָדנעם בליק, װי ער װאָלט דעם פאָטער, אָן װערטער, פאַרגעװאָרפן, פאַרװאָס ער פאַר־שטײט נישט װאָס אין אים קומט איצט פאָר צוליב דבֿורהס צוריקגײן אין געטאָ.

— װאָס־עס? יאָ. כ׳האָב איר געזאָגט — האָט יורעק געענטפערט, טראַכ־טנדיק פון עפּעס אַנדערש.

— גוט, זאָל זי כאָטש קומען אין געטאָ אַרײַן מיט אַ פרײדיקע ידיעה — האָט קאַכאַנאָװסקי געזאָגט, בלעטערנדיק די צײַטונג.

באַלד האָט מען געהערט אױפשליסן אַ טיר. קאַכאַנאָװסקי האָט האַסטיק אױפגעהױבן דעם קאָפּ. ליובאַ איז אַרײַנגעקומען מיט אַ שמײכעלע, װי נאָכן אָפּטאָן אַ געלונגן שטיקל אַרבעט. זי האָט זיך פונדעסטװעגן באַװיגן, װי זי װאָלט געװען אױסגעפרױרן פון אַ קעלט, װאָס איז געקומען פון אַן אינערלעכן אומרו. זי איז אַ װײלע געבליבן שטײן בײַ דער אָפענער טיר, מיט די אױגן גע־װענדט צו דער פירקאַנטיקער, אױסגעהײלטער ראַם, אין װעלכער דבֿורה האָט אַרײַנקומענדיק אױף אײן אױגנבליק אַרײַנגעשטעלט איר פאַרבנרײַך געשטאַלט.

דבֿורהס קאָפּ איז געװען אײַנגעהילט אין אַ געבלימלט טיכל פון אָראַנזשן קאָליר. אױף איר האַלדז האָבן זיך גערײַפלט צװײ בײַטשן פון שװערע פאַטשער־קעס, אַ געמיש פון הימל־בלױע, טונקל־װיאָלעטענע, רױטע ים־קרעלן און גלע־זערנע שמאַראַגדן. אױף איר װײַסער טיולענער בלוזע האָט אַ שװאַרץ סאַמעט־װעסטל מיט גאָלדענע העפטערײַען שטראַם אײַנגעצױגן איר טאַליע, װאָס האָט דערמאָנט אין אַ װיאָלענטשעל. אױף איר פורפור־רױט קלײד, האָבן װײַסע קױ־ראַנקעס פון אַ קורץ שירצל, זיך באַװױגן אין גאַנג, װי שוים בײַם זױם פון פלײ־סנדיקע כװאַליעס. איר בלאָנדער צאָפּ װאָס האָט זיך אױסגעלײגט אױף איר פּלײצע, װי אַ פינקלדיקע שלאַנג, האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאַסקאַדע פון פאַר־שײדנפאַרביקע סטענגעס. אין אירע אױערן־לעפלעך האָבן זיך צװײ שפּאַנישע רײפן ריטמיש באַװױגן, לױט איר אינערלעכן געמיט־צושטאַנד.

אָט איז די בלומען־פאַרקױפערין! — האָט ליובאַ פאַרגעשטעלט דבֿורהן

מיט אַ קניקס, ווי זי וואָלט איצט געשטאַנען אויף אַ בינע און אַריינגערעדט אין טעאַטער־זאַל, — ווּעמען וועט איינפאַלן אַז דאָס איז אַ מיידל פון געטאָ?

קאַכאַנאָווסקי האָט דבורהן לאַנג באַטראַכט מיט אַ דינעם שמייכל איבער זיינע זילבערנע וואָנסעס. אויף אַ רגע האָט ער זיך צוריק דערפילט ווי אַ רעזשי־סער און האָט אין דבורהן דערזען אַן אויגן־פאַרכאַפּנדיק בינע־געשטאַלט. אָבער ער האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז דבורהס איצטיקע ראָלע האָט איר צוגעטיילט דער יידישער גורל. זי שפּילט „די מאַרטירערין" אין אַ טראַגעדיע. קאַכאַנאָווסקי האָט גערן געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער עס האָט זיך אים עפּעס נישט גערעדט. ער האָט בלויז צוגעטראָגן זיין האַנט־פלאַך צום שטערן און זיך נערוועז איבער־געווישט דאָס פּנים, ווי ער וואָלט פון זיך אַרויסגעריסן אַ מוראדיקן געדאַנק.

לסוף האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אָנגעצונדן זיין ליולקע, און אַרויפלייגנ־דיק די האַנט אויף דבורהס אַקסל, האָט ער געזאָגט מיט אַ פאָטערלעכער צאַרט־קייט:

— איך האָב אַ פאַרגעפיל, דבורה, אַז מיין ליובאַ וועט דיך נאָכן „מבול" נאָך אַנטאָן פאַר דער בינע, נאָר דערוויל נעם אַראָפּ דעם צאָפּ, ווייל כ'האָב מורא, אַז דערמיט וואָס דו וועסט צופיל אויפרייסן די אויגן, קאָנסטו חלילה ווערן פאַר־דעכטיק. — און שפּאַנענדיק איינגעהילט אין אַ וואָלקנדל רויך, האָט ער צוגע־געבן:

— לויט מיין איינדרוק דערנעענטערט זיך מיט יעדן טאָג זייער סוף. איך האַלט אַז ביים אַריינגאַנג פון טונעל זאָלסטו דיך, טראָץ דעם פיינעם גרים, לאַנג נישט אויפהאַלטן. דו וועסט, גלייב איך, זיך דאַרפן ווייזן אויף אַ צוויי־דריי אַנדערע ערטער, בשכנות מיטן איינגאַנג פון טונעל און אַזוי לאַנג פאַרקויפן בלומען ביז די עלף חברים וועלן זיך אַריינשלייכן אינעם טונעל.

— איר רעדט שוין וועגן סוף, מיר האַלטן ערשט ביים אָנהייב. יעדער טראָט אונדזערער איז אַזוי ברייט ווי אַ שלאַכטפעלד — האָט זיך דבורה אַ צע־טומלטע אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך שוין דערפילט אין מיטן וועג.

יורעק איז געשטאַנען אַן אויסגעבלייכטער. ער האָט זיך אָנגעצונדן אַ פּאַ־פּיראָס. און בלייבנדיק שטיין אַ פאַרגאַפטער מיטן שוועבעלע אין דער האַנט, ביז דאָס פלעמל האָט גענומען ברִיען זיינע פינגער, האָט ער באַטראַכט דבורהן.

ער האָט באַמערקט ווי דבורה הייבט אויף דעם קויש גראַנאַטן און שטעלט אים צוריק אַראָפּ. זיין האַרץ האָט פון דער רגע אָן גענומען האַסטיקער שלאָגן, פּילנדיק, אַז עפּעס דערנעענטערט זיך.

אַ געדאַנק האָט געעגבערט זיין מוח: „מיט וואָס באַגרינד איך מיין צו־שטאַנד?".

עס האָט אים עפּעס גענומען טרייבן, יאָגן פון דאַנען. פון די אַלע ספיקות

זיינע האָט ער אַרויסגעפּילט אַ זיכערקייט, אַז אים וועט שווער זיין איבערצולעבן די גזזעגענונג.

ער איז מיט גרויסע שפּרייז אַריין אין אַ צווייטן צימער און זיך באַטראַכט אין אַ שפּיגל, ער האָט געצויגן מיט די אַקסלען. אַנגעצונדן און אויסגעלאָשן אַ פּאַפּיראָס. און בעת ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער שוין דערזען דבורהס הענט אַרומרייפן זיין מוטערס האַלדז. ער איז געבליבן שטיין מיט פאַרביסענע ליפּן, האַלב־איינגעבראָכן. ער האָט געהערט זיין מוטערס כליפּען. זי האָט עפּעס דבורהן געוווינטשן, אָבער אירע טרערן האָבן דערשטיקט איר קול. און דער פאָטער זיינער איז געשטאַנען אין אַ פּאָזע, נאָגנדיק אַ ליידיקע ליולקעלע, ווי עס וואָלט אים אָנגעכאַפּט אַ געוויין, וואָס ער האָט מיט אַלע כוחות אַראָפּגעשלונגען.

דערנאָך איז דבורה צוגעגאַנגען צו קאָכאַנאָווסקין. צו ערשט אים דערלאַנגט די האַנט און באַלד איז איר קאָפּ האַסטיק געפאַלן צו זיין ברוסט.

יורעק, פילנדיק אַז אין דער רגע מוז ער זיך אַרום עפּעס באַוועגן, האָט עטלעכע מאָל אויפגעהויבן דעם קויש גראַנאַטן, ווי ער וואָלט דערביי געטראַכט, אַז ער איז אַפילו אָן סכנה, אויך צו שווער פאַר דבורהס הענט. און בעת דבורה האָט זיך צו אים דערנעענטערט, אים אָנקוקנדיק מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט זיך מיט אים געוואָלט געזעגענען, האָט זיך יורעק פּלוצלינג אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטול.

— דו ווילסט זיך נישט געזעגענען, יורעק? — האָט דבורה געשמייכלט מיט טרערן אין די אויגן. זי האָט אים אָנגעקוקט און אַ ציטער־געטאָן, ווי אין דער רגע וואָלט עפּעס אָן אייז־קאַלט שטראָמל זיך אַדורכגעריזלט איבער איר רוקנביין.

— איך באַגלייט דיך, דבורה! הגם דער גאַנצער טונעל האָט נישט מער ווי פינף און צוואַנציק מעטער, איז ער פאַר מיר ווייט. איך גיי מיר אָנטאָן די שטיוול — האָט זיך יורעק ווילד אויפגעכאַפּט און אַוועקגעשפּאַנט.

— גייט נישט ביידע צוזאַמען! — האָט ליובאַ אַ פלאַטער־געטאָן, אָנכאַפּנדיק איר זונס האַנט.

— מאַמאָטשקאָ, איך בעט דיך, זאָג מיר איצט גאָרנישט! — האָט יורעק אויסגערופן מיט אַ פאַרקלעמט קול.

דבורה האָט מיט אַ פאַרבענקטן בליק אַרומגענומען אַלע חפצים, וואָס האָבן זיך געפונען אין קאָכאַנאָווסקיס וווינונג. קוקנדיק צום פענצטער, אויף וועמענס שויבן עס האָט זיך געגאָלדיקט אַ זוניקער אָפּשיין, האָט זי זיך האַלבלעך איינגעקאָרטשעט. איר האָט זיך אויסגעוויזן ווי פון איר בליק איז דאָס פענצטער פאַרשוואונדן. די ווענט, געהאַלטן אין אַ טונקל־גרינעם טאָן פון געשפּריצטן מאַרמאָר, זענען אין אירע אויגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פינצטערע, תהומות־טיפע, גע־

שלענגלטע בונקער־ווענט. אָפּגעליידיקטע שטרוי־זעק האָבן איר אַ שווינדל געטאָן פֿאַר די אויגן. אין אַ ווינקל ערגעץ, צאַנקט, גלימערט אַ פּלעמל ווי ביי אַ גוסס. באַמערקנדיק אַ בראַנזענע טענצערין אויפֿן קאַמין, האָט זי אויפֿגעציטערט, ווי זי וואָלט זיך ערשט דערמאָנט, אַז מענטשן קאָנען אויך טאַנצן.

בעת זי האָט גאַנץ לאַנגזאַם אויסגעשטרעקט איר האַנט צום קויש גראַנאַטן און געמאַכט אַ טראָט צו דער טיר איז אַריינגעקומען יורעק, איבערגעטאָן אין אַ ספּאָרט־אַנצוג מיט אַ פּאָר געשנירלטע רייטער־הויזן. אויפֿן קאָפּ — אַ העל וועלאָסיפּעד־היטל מיט אַ קנעפּעלע אינדערמיט.

— יורעק, דו טראָגסט כאָטש נישט קיין געווער? — האָט אים ליובאַ אָנגעקוקט און מיט אַ שרעק, וואָס זי האָט גערן געוואָלט פֿאַרבאָרגן, האָט זי זיך אויסגעקנאַקט די פֿינגער.

זי איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און אַרויסבליקנדיק מיט אַ צאַפּלדיקן קוק איז זי אַזוי געבליבן שטיין, אַקוראַט ווי זי וואָלט נאָך ביז איצט געוואָלט אָפּרעדן איר זון צו באַגלייטן די קעמפּפֿערין, אָבער זי האָט דאָס נישט געקאָנט אַרויסזאָגן.

נאָך אַ ווײַלע איז קאַכאַנאָווסקי צוגעקומען צום פֿענצטער, געבליבן שטיין אַ שווייגנדיקער און אַרויסגעקוקט, איינהאַרכנדיק זיך צום גאַסן־גערויש. דבורה האָט זיך געזעגנט מיט מאַרישען. זיי האָבן ביידע עפּעס געזאָגט, וואָס יורעק האָט נישט געהערט. אויך דער הונט, רעקס, האָט עפּעס דערפּילט אין דבורהן אַ היימישקייט. ער איז אויף איר אַרויפֿגעשפּרונגען און געלעקט אירע הענט. ער האָט אַרום איר אַרומגעטאַנצט בראַניענדיק מיטן וויידל, אַריינגעקוקט אין אירע אויגן, וואָס האָבן צו אים נישט געשמייכלט ווי אַנדערע, וואָס פּלעגן פֿאַרלאָזן דאָס הויז. זי האָט נאָר בלויז צאַרט געגלעט זיין פֿעל, אין וועלכער דבורה האָט אַ ווײַלע געוואַרעמט אירע אייז־קאַלטע פֿינגער.

בעת מאַרישאַ האָט אויפֿגעריגלט דאָס האַק־שלאָס און יורעק האָט דער ערשטער זיך געוואָלט אַרויסשלייכן, האָט דבורה פּלוצלינג אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די באַלויכטענע ווענט און זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט.

אַ ווײַלע זענען אַלע שטום־מענטשן געבליבן שטיין ווי פֿאַרגליווערט, אָבער באַלד האָט זיך יורעק אַרויסגעשלייכט איבערלאָזנדיק דבורהן אַן אומרויִקן בליק.

אין טונעל זענען זיי אַ ווײַלע געגאַנגען שווייגנדיקע. זייערע טריט זענען אַריינגעפֿאַלן אין דער טונקל־שטילקייט ווי איבערגעשראָקענע קולות. פֿון דער אַרומיקער טונקלקייט האָבן זיך די בלענדנדיקע פֿאַרבן פֿון דבורהס קליידער אַזוי שאַרף אַרויסגעשניטן, גלייך ווי אויף אַ שוואַרצער כמאַרע וואָלט זיך פּלוצלינג באַוויזן אַ קאָלירנרייכער שטרייף פֿון אַ רעגנבויגן.

יורעק האָט איצט געטראָגן דעם קויש מיטן טאָפּלטן דנאָ: פֿון אויבן —

לעבעדיקע בלומען, פון אונטן — טויט־גראַנאַטן. ער האָט זיך פּאַרקוקט אויף די צוויי שאַטנס, וואָס אָט גייען זיי זיך צוזאַמען, און אָט ווערן זיי צעטיילט. די צוויי שאַטנס זענען געווען שוואַכלעך באַלויכטן, קוים־קוים באַזילבערט מיטן אָפּשיין פונעם טאָג־ליכט, וואָס האָט ביים אַריינגאַנג אַריינגעוואָרפן אַ בינטל שטראַלן, צעשלענגלטע אויפן באָדן, ווי אַ טייכל אויף אַ שוואַרצן גרונט. קו־מענדיק טיפער אין טונעל אַריין איז דער אַרומיקער חשכות געוואָרן געדיכטער, זייערע שאַטנס האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער אַרומיקייט און זייערע קאָנטורן האָבן זיך פאַרלוירן. דבורהס פאַרביקע קליידער האָבן יורעקן געדינט ווי אַ ליכט, וואָס האָט אים אָנגעוויזן דעם וועג.

פלוצלינג האָט יורעק איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— ביסט צופרידן פון דיין צוזאַמענטרעף מיט פּאַוולאָווסקין?

דבורה, ווי אויפגעוועקט פון אירע שווערע מחשבות, האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ צו יורעקן. זי האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט מיט אַזאַ צוריקגעצויגנקייט, אַקוראַט ווי זי וואָלט אין דער טונקלקייט באַמערקט אַ שווערן שטיין. באַלד האָט זי ווידער גענומען שפּאַנען און גענומען רעדן מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע:

— כ׳האָב נישט פון וואָס צו זיין צופרידן. ווי אַ פירער פון פפ״ר האָב איך פון אים דערוואַרט מער מסירות־נפש צו אונדזער אויפשטאַנד. זאָלסט וויסן, יו־רעק, — האָט זי אים אָנגעכאַפּט ביים אַקסל, — אַז מיר זענען געבליבן אַליין, אָנגעוויזן אויף אונדזערע אייגענע כוחות. אונדזערע שרייענדיקע אויפרופן, גע־שריבן מיט בלוט, זענען איבערגעלייענט געוואָרן און אַוועקגעוואָרפן. די פּאָליאַקן העלפן אונדז נאָר מיט שאָפן געווער, ווייל מיר צאָלן מיט גאָלד. אָבער אַ ביסל אויפריכטיקן מיטגעפיל ווילן זיי אונדז אַפילו פאַר גאָלד נישט פאַרקויפן. עס זענען געווים פאַראַן אויסנאַמען, אָבער דאָס איז ווי אַ טראָפּן אין ים. איך בין די נאַכט, נאָך מיין וויזיט ביי אים, אַפילו איין רגע נישט געשלאָפן. עפּעס מאָדנע געדאַנקען. צי וועלן מיר שוין אַזוי געהאַסט ווערן עד סוף כל הדורות? און וועלכן פּאָלק וואָלט די וועלט אויסגעקליבן אַלס אַ קרבן, ווען יעזוס וואָלט בכלל נישט דערשינען אויף דער וועלט־אַרענע? אַזוי האָט זיך מיר געטראַכט. איך וואָקל זיך: צי איך זאָל אונדזערע קאָמענדאַנטן אַנטפּלעקן דעם גאַנצן אמת און זיי גאַנץ אָפן זאָגן, אַז זיי זאָלן נישט גלייבן אין דער פּוילישער מיטהילף. אפשר וועלן זיי דערפון ווערן שוואַכער? און אפשר נאָך שטאַרקער, ווערנדיק נאָך מער נאַ־ציאָנאַל באַליידיקט און דערהויבן. איך ווייס נישט. כ׳האָב נאָך נישט קיין באַ־שלוס, כ׳האָב זיך אַ גאַנצע נאַכט געפּייניקט. כ׳האָב אויף אַ גאַנצע ריי פראַגן נישט געקאָנט געפינען קיין ענטפער.

— מיר דאַכט זיך, אַז צוליב דיין פאַרצווייפלונג טרייבסטו אַ ביסל איבער, דבורה. די פּוילישע אונטערערדישע קעמפער...

— שווייג, יורעק, איך בעט דיך! גיי צוריק! דיין מוטער איז אומרויק. מיינע...

— איך וועל דיך נאָך אַ שטיקל באַגלייטן!

— אָ, ניין, יורעק, מיט דיר איז מיר ערגער, איך דאַרף ציטערן פאַר דיין לעבן אויך.

אַ געררירטער פון אירע רייד, האָט זי יורעק אַרומגענומען מיט איין האַנט און אַ הייסן קוש געטאָן.

— קוש מיך נישט, איך בעט דיך! פאַרגעס אַז איך בין אַ מיידל. איך בין אַ מאַן, זינט איך בין אַריין אין קאַמף. מיינע קליידער זענען נישט מער ווי אַ מיטל אָפּצונאַרן דעם טייוול. עס פּאַסט גאַר נישט פאַר דיר, אַז דו זאָלסט אין מיר איצט זען עפּעס אַנדערש ווי אַ קעמפער אויף אַ סכנותדיקן וועג צום ציל.

— איך פאַרשטיי דיך, דבורה. איך ווייס אַז דו גערהערסט מיט לייב און לעבן צום געטאָ. פונדעסטוועגן בין איך איצט באַהערשט פון אַ געפיל, וואָס מאַכט שטאַרק קלאַפּן מיין האַרץ. דו וואָלסט, למשל, געקאָנט פירן דיין קאַמף אויף דער „אַרישער זייט". איך וואָלט דיך איינקוואַרטירט אויף אַ זיכערער „מלינה".

דבורה האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט און יורעקן גענומען טרייסלען ביי ביידע אַקסלען.

— האָסט מיר דאָס בשום אופן נישט געטאָרט זאָגן. פאַראַטן און פאַרלייקענען מיין אייגענעם איך? אויב דו האָסט ביז אַהער באַגלייט אַ פרוי און נישט קיין קעמפער, האָסטו בעסער געדאַרפט זיין אין דער היים. דיין באַגלייטן מיך האָט מיר נאָר געבראַכט שאָדן. גיב מיר דעם קויש און גיי צוריק! נעם מיט די בלומען! אין מיין וועלט ברויכט מען נישט קיין בלומען.

— בייזער זיך נישט אויף מיר, דבורה! איך האָב דיר געמוזט עפּעס זאָגן. גלייב אין מיינע ערלעכע געפילן. נעם אָן מיין האַנט! לאָמיר זיך געזעגענען מיט דער האָפענונג אַז דער נצחון קומט אין גיכן. מיר וועלן זיך נאָך זען. מיר מוזן זיך זען — האָט יורעק אַנידערגעשטעלט דעם קויש ביי דבורהס פיס און זי מיט אַ דינעם נשמה־ציטער גענומען גלעטן און האַלדזן.

דבורהס קערפּער האָט זיך איינגעקאַרטשעט. זי האָט דערפילט ווי זיינע רייד האָבן עפּעס אין איר דערוועקט, ממש אַן אומגלייבלעך געפיל. איר האַרץ האָט גענומען וויברירן מיט אַ מאָדנעם ציטער, אויף אַ רגע האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די מורא פאַרן טויט איז נאָך נישט דער טיפסטער געפיל, וואָס דערגראָבט זיך ביז צום לעצטן הייטל פון דער מענטשלעכער נשמה. עס איז עפּעס פאַראַן נאָך אַ שטאַרקערער כוח, וואָס ציט אַריבער צום ברעג פון לעבן. בעת זי איז צוגעפאַלן צו יורעקס ברוסט האָט זי זיך געוואָלט איינרעדן, אַז זיינע רייד

האָבן אין איר דערוועקט אַ געפיל פון רחמנות. זי האָט אים מיט פאַרמאַכטע אויגן אַרומגענומען. זי האָט געפילט ווי זיין האַרץ וואַרפט זיך. אויף אירע קאַלטע באַקן האָט זי דערשפירט זיין וואַרעמען אָטעם.

— איך אַנטשולדיק דיר, יורעק! זיי געזונט און פאַרזיכטיק!

בעת דבורה האָט געעפנט אירע אויגן, גענומען דעם קויש צום אַוועקגיין, האָט זי געוואָרפן נאָך אַ בליק אויף יורעקן. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך מיט אַ פייכטע צעפינקלטקייט אין די אויגן.

— טראַכט פון מיר נישט קיין שלעכטס! — האָט ער זיך ביי איר געבעטן.

— אָ, ניין! זיי נישט אַזוי נאַריש! — האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

פלוצלינג האָבן זיי פון דערווייטנס באַמערקט אַ פאַס ליכט. דערנאָך האָט זיך עפעס אַ שאָטן גענומען צייכענען אויפן שטיקל באַלויכטענעם באָדן. פאַר־ציטערטע זענען זיי צוגעפאַלן צו אַ וואַנט און זיך איבערגעקוקט מיט אָפענע מיילער. די שרעק, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון זייערע אויגן האָט זיי געחידושט, פאַרוואָס מען הערט נישט קיין אָפקלאַנג פון טריט.

— ?...

דבורה האָט אַרויסגענומען איר פיסטאָלעט און אים אָנגעשטעלט אויפן שאָטן.

עס האָט זיך באַוויזן דער ייִד מיט דער לאַמטערנע. זיין ווייסע פאַרונדיקטע באָרד, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט זיינע לאַנגע, ווייסע האָר, האָט איצט אין דער אַרומיקער טונעל־פינצטערניש אַזוי שטאַרק אַרויסגעבלענדט פון שוואַר־צע געלאַטעטע בגדים, אַז דבורהן האָט זיך אויסגעוויזן, ווי דעם ייִדס קאָפּ איז אַרומגעוויקלט מיט ווייסער וואַטע. אַ גראָבע שטריק האָט, ווי אַ גאַרטל, איינגע־צויגן דעם ייִדנס סקעלעטן־גוף. אין זיין רעכטער האַנט האָט ער ווי תמיד גע־האַלטן זיין שטשערבאַטן שטעקן; אין דער לינקער — זיין לאַמטערנע מיט ווייס־בלויע שייבלעך, דורך וועלכע אַ גאָלדן פלעמל, אַן אומבויגזאַמס, ווי געגאָסן פון מעטאַל, האָט אַרויסגעלויכטן.

— אַ ייִד, אָדער פאַרשטעלט פאַר אַ ייִד? — האָט דבורהס קול געציטערט.

— אַ ייִד — האָט דבורה דערהערט אַ זיפץ און אים דערקענט.

— טאָ וווהין גייט איר דאָ? ווייסט איך דען נישט, אַז אַרויסגייענדיק פון טונעל צו דער „אַרישער זייט"...

— איך בין שוין דאָ אַמאָל געווען און כ'בין אַרויס. מיין גוף האָבן זיי טאַקע געטויט, אָבער מיין נשמה האָט דער בורא־עולם אַריינגעלייגט אין אַן אַנדערע שייד. און איך בין נאָך אַמאָל אַהערגעקומען, כדי צו דערגיין דאָרט אַהין, ווו כ'דאַרף גיין.

— אַ משוגענער — האָט יורעק אַריינגעפליסטערט אין דבורהס אויער.

— וווהין האָט מען דען אייגנטלעך אייך געשיקט?

— דאָס איז מיין זאַך. ביים אַרויסגיין פון טונעל, טאָכטער, זיי געוואָרנט, אַז די צוויי אונטערגעקויפטע וואַכמייסטערס, וואָס דאַרפן איבערנעמען דיין קויש, זענען פאַרנומען מיט אַ געפלאַצט ראָד פון אַ דייטשן אויטאָמאָביל. גיי לאַנגזאַם און זיכער: די עלף־געווער־טרעגער זענען שוין אַדורך בשלום. די „שאַנק האָט געשפּילט". דו ביסט דער צוועלפטער שבט. דיין וועג זאָל געדויערן אַ היפּשע ווײַלע לענגער ווי דו האָסט אויסגערעכנט, ווּעסטו מצליח זיין.

— איר קומט פון געטאָ? — האָט דבורהן שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ.

— פון אַלע געטאָס צו דעם איינציקן טויער פון גאולה.

דבורה האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ צו יורעקן, ווי זי וואָלט זיך אָן ווערטער געוואָלט מיט אים אַדורכשמועסן וועגן דעם משונהדיקן ייִדן, וואָס האָט אויך אויף איר געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ חסר־דעהניק. אָבער ווי נאָר דבורה האָט זיך אויסגעדרייט צו יורעקן, איז דער ייִד מיט דער לאַמטערנע נעלם געוואָרן.

— ווו איז ער אַהינגעקומען? — האָט דבורה אויסגעשריגן און זיך פאַר־שרעקט געטוליעט צו יורעקן.

— אַ משוגענער, נעבעך! אַ שאָד! מען וועט אים אויבן דערשיסן.

— אַ משוגענער, זאָגסטו, יורעק? פונדעסטוועגן מוז איך אים פאָלגן. אפשר איז ער אַ שליח פון שטאָב, וואָס מוז אַזוי רעדן, אַזוי גוט ווי איך מוז זיין אַ „קראַקאָוויאַנקע".

— אפשר? — האָט יורעק אויסגעזען, ווי דעם ייִדנס דערשיינען וואָלט אים שרעקלעך צערודערט — אָבער ווען און ווי אַזוי איז ער פאַרשוואונדן?

— זיינע שטיוול מוזן זיין אַרומגעבונדן מיט שמאַטעס — האָט דבורה אין דעם ייִדן געוואָלט דערזען אַ נאַרמאַלן מענטשן. און איצט, גיי יורעק, לאָז מיך איבער אַליין! זיי געזונט! מיר וועלן זיך אינגיכן טרעפן.

זי האָט אים איילִיק אַ קוש־געטאָן. איר האַנט האָט זיך גאַנץ לאַנגזאַם אַרויסגעגליטשט פון זיינער.

יורעק איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך. ער האָט זיך איינגעקוקט ווי דבור־רהס פאַרביקער גוף קרייזלט זיך אַריין אין דער ווייטער טונקלקייט. זיינע נאָכ־לויפנדיקע אויגן האָבן נאָך לאַנג געזוכט איר שאָטן, וואָס איז לאַנגזאַם איינגעג־שלונגען געוואָרן פון דער אַרומיקער פינצטערניש, הגם דבורהן האָט ער שוין מער נישט געזען, האָט זיך אים נאָך אַלץ געדאַכט צו הערן דעם ריטמישן אָפּהילך פון אירע טריט; דער אָפּקלאַנג פון איר סכנותדיקן גאַנג צום געטאָ האָט אים נאָך לאַנג געזשומעט אין די אויערן.

קאַפּיטל זיבעצן

לידאַ קאַרינסקאַ

בעת יורעק איז אָנגעקומען צו לידאַ קאַרינסקאַס ווילאַ, האָט זיין האַרץ גע־גומען שלאָגן מיט אַ ווילדן ריטם, וואָס אַמאָל האַסטיקער. די אַרומיקע נאַטור־שיינקייט דאָ האָט אים שטאַרק ווײ־געטאָן.

ער האָט באַטראַכט דעם פיין־קולטיווירטן גאָרטן, ערטערווייז באַגאָסן מיט זוניק גאָלד; ערטערווייז — מיט טונקעלע שאָטן־פלעקן, וואָס האָבן די קאָלירנ־רייכע, פאַרשיידנפאַרביקע בלומען־דיוואַנען ווי איבערגעצויגן מיט שוואַרצן סאַמעט.

ער האָט געשפּאַנט טראָט ביי טראָט אויף אַ געשלענגלט סטעזשקעלע פון ווייסן זאַמד, וואָס האָט אין דער אַרומיקער גרינקייט אָפּגעשלאָגן ווי אַ זילבערנע לענטע. פונעם הינטערגרונט האָט זיך פון אַ טונעל נאָדל־ביימער אַרויסגעטיילט אַ ווייסע, רונדיקע, קופּאָלנסטיליקע געביידע מיט אַ פּיראַמידאַל־אַרומגערייפטע באַלקאָנדלעך, ענלעך צו צוויי שאַרפן אַרום אַ קלייד. די באַלקאָנדלעך זענען גע־ווען געדיכט באַשטעלט מיט כּלערליי בלומען־טעפּ. די פענצטער האָבן פוז דער ביימער־טונקלקייט אַרויסגעבליצט ווי שפּיגלען אין וועלכע עס האָבן זיך נאָכאַ־נאַנד געהוידעט שאָטנס פון צווייגן. די אַרומיקע לופט איז דאָ געווען אָנגעזאַפּט מיט פאַרשיכורנדיקע בלומען־ און פרוכטן־ריחות. פייגעלעך, אַרומשפּרונגענדיק פון צווייגל צו צווייגל, האָבן אַריינגעשפּילט אינעם זוניקן טאָג אַריין.

הגם יורעק האָט גוט געדענקט, אַז די יונגע טענצערין לידאַ קאַרינסקאַ איז זיין פאָטערס אַ געוועזענע שילערין מיט וועלכער ער האָט פאַרן מלחמה־אויסברוך פאַרבראַכט אינטימע, ראָמאַנטישע נעכט, האָט ער איצט, בעת לידאַס פרעכ־קייט אויף דער בינע האָט געפאַנגען דעם אויבער־פּרעזידענט פון דער דייטשער פּאָליציי, קאַרל פאָן קריגער, בשום אופן נישט געקאָנט איינשטילן זיין אויפגע־וואַכטע טויט־שרעק.

„צו וואָס האָט זי נאָך מיר געשיקט? אפשר אַ געפאַר אויף אונדזער הויז? וואָלט איך געווען אַליין, וואָלט איך זיך זיכער געלאָזט אויף די סכנותדיקע וועגן פון מיין אייגענעם גורל. און מיינע עלטערן? האָבן זיי צוויי גורלות: אַ יידישן און אַ קריסטלעכן? נאַרישקייטן. עס רעדט זיך נאָר אַזוי צוויי גורלות. וואָס פאַראַ באַדייט האָט דען היינט מיין פאָטערס שמד־שיין? האָבן אים דען נישט די יידישע

ליידן צוריקגעפירט און אויפסניי פאַרקניפּט און געבונדן מיט זיין אָפּשטאַם?
און עס איז נאָך בכלל אַ פראַגע, צי דאָס שמד־וואַסער שווענקט פון ווּעמען אַרויס
די ירושה־שטימונג, אַנגעזאַפּט מיט געשעעניש פון טויזנטער יאָר געשיכטע?
איבערהויפּט איצט, וואָס וואָלט מיין פאָטערס שמד געהאָלפן ווען נישט לידאַ?

אין זיין מוח האָט זיך געגומען פלאָנטערן אַ געדאַנק, וואָס ער האָט אים אַמאָל געטראָפן אין אַ ווערק:

„דאָס אַבסאָלוטע איז אַ שטרעבן צו דעם עסטעטיש־שיינעם. אָבער ווי קען דאָס זיין אַ וועלט־גרונט בעת דאָס עסטעטיש־שיינע אין דער פאָרעם, אויב מיר זאָלן דאָ מיינען דעם מענטש, קען דאָך אַנטהאַלטן אַן אַנטי־עטישן אינהאַלט. אָט איז לידאַ! הייסט עס ווידער, אַז ביים וועלן דערגיין דעם מינדעסטן וועלט־סוד קומט אונדז אויס צו קלעטערן אויף אַ באַרג סתירות, וואָס יעדע רגע זענען מיר באַדראָט, אַנשטאָט זיך צו דערהייבן העכער — אַראָפּצוקייקלען זיך אין אַ תהום אַריין. אונדזער שכל איז ווייזט אויס באַגרענעצט. אָבער צי איז דער געפיל אויך באַגרענעצט?“.

גייענדיק אַזוי מיט צוריקגעהאַלטענע טריט, פּאַוואָלינקע, האָט יורעק זיך פאַרזיכטיק אומגעקוקט, טראַכטנדיק בשעת־מעשה, אַז דער צוגאַנג צו לידאָס וווינונג קען די געטאָ־קעמפער אַמאָל צונוץ־קומען.

דערנעענטערנדיק זיך צו איר ווילאַ, האָט יורעק באַמערקט, ווי האַרט ביי די ברייטע מאַרמאָר־שטיגן פון איינגאַנג שטייען צוויי פּוילישע גערטנער, וואָס לייגן אויס פון דריבנע קאָלירטע שטיינדלעך — אַ גרויסן האַקנקרייץ. ביים לינקן פליגל פון דער געביידע — אַ שוואַרצער לוקסוס־אויטאָמאָביל. ער האָט זיך באַמיט אויפצוכאַפּן דעם אויטאָמאָביל־נומער און אים איינקריצן אין זכרון.

אַנגעקלינגען ביי דער ברייטער, גרין־פּאָלירטער הויז־טיר מיט געקאַרבטע שויבן פון מילך־גלאָז, האָט זי זיך גאַנץ לאַנגזאַם געעפנט. ס'איז אַרויסגעקומען לידאָס אַ געטרייער וועכטער, וואָס האָט יורעקן באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס. דער וועכטער האָט יורעקן אַנגעקוקט מיט פאַרדאַכט, ווייל צום ערשטן מאָל האָט ער געזען אַרויפגיין צו דער טענצערין אַ מאַן און בפרט אַזאַ יונגן און שיינעם — אָן אַ בוקעט בלומען. ער האָט דעריבער זיך געהייסן ווייזן די איינלאַדונג און מיט פיל פאַרזיכטיקייט באַטראַכט, איינמאָל און נאָכאַמאָל, לידאָס אונטער־שריפט.

דערנאָך האָט זיך יורעק מיט אַ שווערן טראָט אויפגעהויבן אויף די שטיגן, איבערגעצויגן מיט באַרדאָ דיוואַנען, געפּינטלט מיט באַגילדעטע ניטן. יעדע טרעפּ וואָס האָט אים דערנעענטערט צו לידאָס טיר, האָט זיך אים אויסגעוויזן, שלעפּט אים אַראָפּ אַ שטאַפּל נידעריקער.

אויפן ערשטן שטאָק איז ער שטיין געבליבן און טיף אָפּגעאָטעמט. ער האָט

נאָך באַוויזן צו כאַפּן אַ בליק אויף דער „נישע" וואָס האָט געפינקלט מיט קאָ־לירנרייכע געקעסטלטע שייבלעך, וועמענס פאַרביקער אָפּשיין האָט אינעווייניק, אינעם פירקאַנטיקן חלל, באַגאָסן מיט ליכט אַ פּרויען־ביוסט, פון ווייסן מאַרמאָר.

יורעק האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם אומשולדיקן, נאַיוון שמייכל פון דער סטאַטוע און געטראַכט האָט זיך אים: „אַזעלכע אומשולדיקע, נאַיווע שמייכעלעך ווערן היינט פאַרברענט, צוזאַמען מיט די פּנימער פון יונגע ייִדישע מיידלעך. און דו וועסט אַזוי רויק שטיין אין דיין ווינקל ווי אַ סימבאָל פון דיין באַשע־פערס שטרעבן צום אַבסאָלוטן עסטעטיש שיינעם"...

ער האָט זיך אַביסל לענגער ווי געוויינלעך אָפּגעווישט די שטיוועלעך אי־נעם גרין־רויטן כאָדניק, און הגם אים איז געווען גענוג שווער האָט ער זיך אָנ־געטאָן אַ כוח און אָנגעקלונגען.

אַ יונג בלאָנד שטוב־מיידל, אין אַ קורץ פאַרונדיקט ווייס שירצל אויף אַ דויט־ווייס געבלימלט קליידל, האָט אים מיט אַ העפלעך שמייכעלע געעפנט די טיר.

דאָס מיידל האָט אויף יורעקן געוואָרפן אַ בליק ווי זי וואָלט אים באַוווּנ־דערט. און קוקנדיק אויפן האַנטצייגערל, האָט זי זיין נאָמען ווי אויסגעזונגען:

— פאַרוטשניק יורעק קאַכאַנאָווסקי!

יורעק האָט פאַרביטערט געשמייכלט.

דאָס מיידל האָט אַראָפּגענומען פון אים זיין רעגן־מאַנטל מיטן הוט, גע־עפנט אַ טיר פון אַ העכסט־עלעגאַנטן אויפנאַם־צימער, און אַריינבעטנדיק יורעקן, האָט זי געזאָגט מיט אַ געפליסטער:

— די מאַדאַם קאַרינסקאַ האָט ביי אייך געבעטן אַנטשולדיקונג. זי פילט זיך זייער מיד נאָכן נעכטיקן אויפטריט. זי האָט זיך באַלד נאָכמיטאָג צוגעלייגט. זי וועט היינט אויסער אייך קיינעם נישט אויפנעמען. ביטע זיצט! — האָט זי זיך פאַרנייגט מיט אַ קניקס.

מיט שטילע טריט איז זי אויף אַ רגע אַרויס פונעם אויפנאַם־צימער און איז גלייך צוריקגעקומען מיט אַ ווייס האַנטוכל. זי האָט אַ ביסל לענגער ווי פאַר אַן אַנדערן באַזוכער איבערגעווישט דעם אַשנבעכער, אַ קאָסטבאַרן אַנטיקוואַר פון בראָנז, און מיט לאַכנדיקע אויגן אַ זאָג־געטאָן:

— די מאַדאַם קאַרינסקאַ האָט אייך געבעטן, אַז איר זאָלט אייך דאָ פילן ווי ביי זיך אינדערהיים, איר מעגט רויכערן.

יורעק איז גראָד געבליבן שטיין אויפן קאָפּ פון אַ טיגער, וואָס האָט ווי אַראָפּגעלעבט פונעם דיוואַן. ער האָט זיך נערוועז און אומרויק באַוויגן. קוקנדיק צו דער טיר, וואָס האָט זיך אַזוי שטיל און סודותדיק פאַרמאַכט, האָט זיך אים אויסגעדאַכטן ווי ער הערט זיין קול אויסשרייען:

— לאָזט מיך צוריק אַרויס!

ער האָט אַ שמייכל־געטאָן און צו זיך גערעדט אין געדאַנק:

„אַ וואָרט ווערט אַמאָל אומגילטיק. פילט אייך דאָ ווי ביי זיך אין דער היים". וואָלט דען נישט געווען טרעפלעכער: שרעקט אייך דאָ ווי אין אַ ייִדישער היים?"...

ער האָט געמאַכט אַ טראָט צום אָפענעם פענצטער, געוואָרפן אַ בליק אין דער אַלייע אַריין. אויף אַן אויטאָמאָביל מיט טאָפּלטע לייטערס זענען געשטאַנען צוויי אַרבעטער פון שטאָטראָט, און מיט לאַנגע, דיקע דרענגער, איינגעפּאַסט ביי די שפּיצן שטאָלענע מעסערס, פאַרונדיקט ווי האַלבע לבנות, האָבן זיי אַרומגע־שניטן די צווייגן פון די אַלייען־ביימער. דאָס דאָזיקע בילד האָט אויף יורעקן גע־ווירקט ווי אַ משל אויף מענטשישעביימער, וואָס טייל דאַרף מען אַרומשניידן; טייל — גענצלעך אומלייגן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום סאַלאָן און אַרומגעקוקט. דער אויפנאָם־צימער אין ראָקאָקאָ־סטיל האָט געפינקלט מיט אָרנאַמענטאַציעס. טענצערינס אין פאַרשידענע פּאָזעס, געגאָסן אין בראָנז, געפאָרעמט אין גיפּס, פאָרצעליי, ווייסע סטאַטועטקעס האָבן זיך פון אַלע ווינקעלעך אַרויסגערוקט און האָבן זיך פאַר זיינע אויגן אַ רגע גענומען דרייען און באַלד זיך צונויפגעגאָסן אויף איין פּאָסטומענט ווי אַ גרופּן־בילד אין קאָלירן. אַ נידעריק ביכער־שענקל מיט אַ געזימסל פון באַראָן־פיגוראַטיווע שניצערייען האָט פאַרכאַפּט זיין בליק. אַ לאַנגע גרינע, מעטאַלענע שלאַנג איז, ליגנדיקערהייט פון ערגעץ־ווו אַרויסגעקראָכן, אַרומגעשלענגלט אַ קלאַש פּרוכטן, וועלכער האָט געשפּילט מיט פרישע לעבע־דיקע פאַרבן, ווי ער וואָלט פּאָזירט פאַר אַ מייסטער פון „שטיל־לעבן". אַ גרויסע גרינע קרוג מיט גראַוויורן פון דינע ראָזעווע ליניעס, וואָס האָבן זיך אַריינגע־צייכנט אין אַ ווייטן יאָרהונדערט, האָט אים דערמאָנט אינעם אַריינגאַנג פון אַ רייכער קונסט־גאַלעריע. פּייזאַזשן, צייכענונגען פון קינסטלער־הענט, און גרויסע פּאָטאָגראַפיעס אין גאָלד־קאָליריקע, געקאַרבטע ראַמען, זענען מיט אַ סימעטרי־שער פּינקטלעכקייט געווען צעהאָנגען אויף די ווענט.

אויף דער קאָמאָדע — אַן אַלטמאָדישע, קאָסטבאַרע קאַנדעלאַברע מיט פריז־מען אין וועלכע עס האָבן געשטעקט צוויי רויט־געקאַרבטע ליכט מיט אַראָפּהענ־גנדיקע ווייסע קנויטן, ווי זיי וואָלטן געחלשט נאָך אַ ביסל פייער. אַ קאַנטיקער זייגער מיט צוויי יונגע בראָנזענע לייבן אויפן באַגילדעטן פּיעדעסטאַל, האָבן אים דערמאָנט, אַז אין יעדער רגע געשעט עפּעס.

ער האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ קאָליר־נרייכן, כינעזישן וואַזאָן, אין וועלכן עס האָט געשטעקט אַ גרויסער בוקעט רויטע רויזן און קרעמקאָליריקע טוליפּאַנען

און נאָך עפּעס — אַ וויזיט־קאַרטע מיט אַ באַגילדעט קענטעלע, וואָס האָט ביי אים אַרויסגערופן אַן אויפטרייסלענדיקן ציטער.

ער האָט אַרויסגעצויגן די וויזיט־קאַרטע און איבערגעלייענט:

„מיין אָנערקענונג און פאַרערונג דער רייצנדער טענצערין לידאַ קאַרינסקאַ".

קאַראָל פאָן קריגער.

— זיין אונטערשריפט, זיין אונטערשריפט! — האָט יורעק פאַר איבער־ראַשונג אויפגעצאַפּלט — בלויז צוליב דעם האָב איך שוין געמעגט אַהערקומען.

ער האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, אַקוראַט ווי עס וואָלט ווער געווען אין צימער, און גענומען זוכן אַ געזיכערט באַהעלטעניש פאַר דער וויזיט־קאַרטע. ער האָט זי איילנדיק פאַרשטעקט אינעם מאַנקעט פון העמד. אַ צופרידנקייט, ווי נאָכן אָפּטאָן אַ העלדישן טאַט, האָט אַראָפּגעשיינט פון זיין איבערגעשראָקן פּנים. אַרומשפּאַנענדיק ווי אין אַן ענגער שטייג, האָט ער אויף דער קאָמאָדע באַמערקט אַ פּערלמוטענע לאָרנעט. ער האָט זי אַ כאַפּ־געטאָן, צוגעלייגט צו די אויגן, און זיך נאָכאַמאָל צוגעשטעלט צום פענצטער.

ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט דערבליקט די קאָנטורן פון דער געטאָ־מויער — אַ שטיינערנע וואַנט אַרום אַ בית־עולם. פונעם גאַנצן גאַסן־גערויש, וואָס האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן אים און די געטאָ־מויער ווי אַ שרייענדיקע, צעבושעוועטע כוואַליע אין אַ צעברויזטן ים, האָט זיך אים געדאַכטן אַרויסצוהערן גאַנץ שטילע פאַרקלעמטע קולות.

עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט נאָכאַמאָל דערזען דבורהן אַגשוועבן צום געהיימען געטאָ־טונעל ווי אַ בלומען־פאַרקויפערין אין די פאַרביקן קליידער, אין וועלכע זיין מוטער האָט זי אויסגעסטראָיעט. ער האָט נאָך איצט געפילט ווי איר דעמאָלטיקער איבערגעשראָקענער אַוועקגאַנג צום געטאָ, האָט איבערגעלאָזט אַן אייביקן אָפּקלאַנג אין זיין געמיט.

„דער מענטש איז קליין און נישטיק" — האָט זיך אים געטראַכט — „אומ־באַהאָלפן קעגן די מעכטיקע ליידנשאַפטן, וואָס ברויזן אין דער מענטשלעכער נשמה ווי בלינדע כוחות, וואָס זעען נישט און ווילן נישט דערזען דעם צושטאַנד פון דרויסן. ווי וואָג איך נאָך דבורהן צו בענקען מיט אַ געפיל, בשעת זי איז פאַרליבט אין מיינס אַן אידייען־ברודער, וועמענס לעבן דאַרף דאָך מיר נישט זיין ווייניקער הייליק ווי איר? און פון דעסטוועגן!"...

ער האָט אַוועקגעכאַפּט די לאָרנעטע פון זיינע אויגן. ערשט איצט האָט ער באַמערקט אויפן טיש: צייטונגען און אילוסטרירטע מאַגאַזינען. עס איז אים אָבער שווער געווען זיך אַוועקצוזעצן לייענען, ווייל לויט זיין געמיט־צושטאַנד האָט ער זיך דאָ געפילט ווי אַן אַרעסטאַנט, וואָס קוקט אַרויס דורך אַ פאַרקראַ־

טעוועט תפיסה־פענצטערל און אַט באַלד וועט מען אים אַרויסרופן צו אַ פאַר־הער.

מיט אונטערגעבראָכענע קני האָט ער זיך אַוועקגעזעצטביים טיש און פאַר־רויכערט. ער האָט אויפגעבלעטערט דעם ערשטן זשורנאַל וואָס איז אים געקו־מען אין דער האַנט אַריין, און אַ קעפּל פון אַן אַרטיקל, האָט זיך שאַרף אַריינגע־שניטן אין זיינע אויגן: „געטאָ־העלדן און קידוש־השם־יידן" פון פּראָפעסאָר רו־דאָלף טעמפּעלהויף. ער האָט דעם אַרטיקל איבערגעלייענט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ באַוועגונג, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך געגרייט מיט וועמען צו שלאָגן. דעם זשורנאַל האָט ער נערוועז געקנייטשט, איבערלאָזנדיק אַן אָפּדרוק פון אַלע פינגער, און לסוף אים פאַרשטעקט אין בו־זעם. ער האָט זיך איבערגעזעצט אויף אַ צווייטן פאָטעל און געטראַכט.

„הם... רודאָלף טעמפּעלהויף, דער ווינער ייד, וואָס אַרבעט אין געשטאַפּאָ. ער הייסט עס איז דער מחבר פון דעם אַרטיקל, איבערגעזעצט פון דייטש. גוט".

ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן האַנטזייגערל און זיך איבערגעזעצט אויפן ערשטן פאָטעל, ער האָט פאַררויכערט אַ צווייטן פּאַפּיראָס.

אַרומקוקנדיק זיך האָבן זיך זיינע אומרויקע אויגן ערשט איצט אָפּגעשטעלט אויף אַ גרויסער, פאַרבן־רייכער פאָטאָגראַפיע אין אַ באַגילדעטער ראַם, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעבלענדט דער נאַקעטער האַלב־ביוסט פון לידאַ קאַרינסקאַ.

אויף איר לינקן אַקסל האָט זיך פאַרמירט אַ געעפנטער פליגל פון אַ שמע־טערלינג, געמאַכט פון עטלעכע אויסשניטן שוואַרצן סאַמעט. אַ שנור פאַרשידנ־פאַרביקע קרעלן, גרויס ווי קאַרשן, האָבן אויף איר העל לייב אָפּגעשלאָגן, גלייך ווי זי וואָלט אויף איר האַלדז געטראָגן אַ רונדיקן שטרייף פון אַ רעגנבויגן. אירע לאַכנדיקע שוואַרצע אויגן, באַזוימטע מיט לאַנגע זיידענע ווייעס, האָבן מיט אַ פלאַם פאַרברענט זיין טרויער.

ער האָט געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף איר פאַרפירעריש שמייכעלע, וואָס מען האָט עס מער געפילט ווי געזען אַרויסרייסן זיך מיט אַ דינאַמישן כוח פון אירע סענסועלע ליפּן. אַ שמאָלער בליץ פון אירע בלענדנדיקע ציינער האָט פאַר־בייגעשוועבט זיין אויג. אויף איר לינקער האַנט — אַ שוואַרצע הענטשקע ביז צום עלנבויגן. אַ טאָפּלט־בראַסלעט פון די זעלבע האַלדז־קרעלן, האָט שרייענדיק צעשפּילט זיינע פאַרבן אויפן שוואַרצן פאָן פון דער הענטשקע. דער געוויכט פון איר קאָפּ האָט זיך געהאַלטן אויף אירס אַ שוואַרץ־באַהענטשקעטן פינגער, אויס־געשטרעקט צו דער בויגנאַרטיקער ברעם פון לינקן אויג.

יורעק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט אַ מינע ווי ער וואָלט זיך געפילט פון עפּעס באַזיגט און אַט אין דער פּאָזע איז ער געבליבן זיצן פאַרטראַכט.

גראָד אין דער מינוט האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט די טיר. איינגעפּאַסט אין

דער טיר־ראָם, אין אַ שוואַרצן פּעניואַר געשפּריצט מיט גאָלד־פּיטעלעך, איז געשטאַנען לידאַ קאַרינסקאַ. אַ גרין שאַלאַווע קעלנערל פון כינעזישן זייד האָט ווי איינגעראָמט איר האַרץ־ברעט, באַצירט מיט אַ גאָלדן מעדאַליאָנקל. אַ גאַרטל האָט שטראָם איינגעצויגן איר דינע טאַליע. אויף די נאַקעטע פיס — אַ פּאָר גאָלד־קאָלירקע לעטשלעך. אירע שוואַרצע פּאַסמעס האָר זענען געווען צעפלאָסן איבער איר לינקן אַקסל, ווי קאַרבירטע כוואַליעס שטראָמענדיק איבערן קאָפּ פון אַ סטאַטוע.

יורעק האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט. ער האָט זיך העפלעך צעשמייכלט, באַגריסט לידאַן מיט אַן עלעגאַנטן פּאַרנויג.

לידאַס אויגן האָבן אויפגעלויכטן. אַ סודותדיק שמייכעלע האָט אַרויפגעשוועבט אויף אירע ליפּן. זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ שווייגנדיקע.

זי האָט באַטראַכט יורעקס אויסזען אין אַ ספּאָרט־אַנצוג פון אַ לעבעדיקן ברוין מיט שוואַרצע דריבנע קעסטעלעך. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיין שוואַרצן, געשטריקטן קראַוואַט. זי האָט אויך באַמערקט ווי אויף זיין אויסגעבלייכט פּנים מאָלט זיך אַ שרעק. איר בליק האָט זיך לענגער פאַרהאַלטן אויף זיין גלאַנציקן קאָפּ האָר מיט די דריבנע קרייזעלעך ווי שוואַרצע שעפּסן־פעל, און האָט זיך דערנאָך איבערגעטראָגן אויף זיינע גלאַנציקע, אָפּיצערסקע שטיוועלען. אין זיינע אויגן איז געלעגן אַ טיפער טרויער און אַ געבעט, אָבער געטראַכט האָט זיך איר: „ר'איז געוואָרן מענערישער"...

זי האָט אַ פרייידיקן צוק געטאָן, גלייך ווי אַ רגע פון איר אינטים לעבן מיט יורעקן וואָלט צו איר צוריקגעקומען. און עס האָט זי באַהערשט אַ שטאַרקער באַגער, אַז די רגע זאָל מער נישט אַוועקפליסן.

— נו, גוט, מיר האָבן זיך שוין נישט געזען אַ היפּש ביסל חדשים. — האָט לידאַ געזאָגט בליצנדיק מיט אירע ציינער. — כ'בין זייער צופרידן פון דיין וויזיט, יורעק. אָבער געקומען ביסטו צו מיר ווי צו אַ פאַררעטער. איך בין דיר מוחל, מיין ליבער.

זי איז צוגעגאַנגען צום וואַזאָן בלומען. זי האָט נישט באַמערקט ווי יורעק האָט אין דער רגע אַ שטאַרקן ציטער געטאָן. זי האָט אָפּגעריסן אַ רויז און מיט אַ גראַציעזער באַוועגונג זי אַריינגעשטעלט אין יורעקס ברוסטן־טעשל פון דער מאַריגאַרקע.

— מיר צעקושן זיך נישט? — האָט זי אַרויסגעלאָכט.

— און בעת יורעק האָט זי בלית־ברירהדיק געוואָלט אַרומנעמען, האָט זי אים ברוגזדיק אָפּגעשטופּט.

— כ'וויל נישט זאָלסט מיך קושן ווי מען קושט אַ קראַנקן־שוועסטער וואָס

היילט אַ וווּנד. זיץ יורעק! איך גיי זיך אַריין איבערטאָן — האָט זי אים איבער־געלאָזט אַ רייצנדיקן שמייכל.

— אפשר, לידאַ, וואָלסטו מיר איצט גלײַך געזאָגט צו וואָס דו האָסט נאָך מיר געשיקט?

— נייגעריק, צי איך ליב דיך נאָך, אָדער דו האָסט מורא פאַרן טויט? — האָט זי געפרעגט מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער. — פלאַטער נישט! צוליב מיר וועט מען דיר אַפילו קיין איין לעקעלע פון דיין קאָפּ נישט אַראָפּנעמען. כ'וועל באַלד מיט דיר רעדן, העלד מיינער.

זי איז לייכט־שוועבנדיק אַרויס פון צימער. יורעק האָט איר נאָכגעקוקט.

„זי האָט אַ כּוח״ — האָט ער טראַכטנדיק פאַרביסן די ליפּן.

ער האָט זיך אָנגעצונדן אַ פּאַפּיראָס און גענומען שפּאַנען מיט אַ טאָפּלטער נערוועזיטעט.

„ביי איר קען דאָס אַלץ נישט זיין מער ווי אַ קאַפּריז, אָבער ביי מיר?״ — האָט ער זיך צוגעזעצט צום טיש, און זיין בליק האָט געשוועבט אויפן הענטל פון דער מעשענער קלאַמקע, וואָס האָט זיך אַ ליאַדע מינוט געדאַרפט עפענען.

נאָך אַ ווײַלע איז לידאַ אַריינגעקומען אַן איבערגעטוענע, אַ בלוזע פון ווייסן געוועב איז אויף איר ביוסט גאַנץ שטראַם געווען אָנגעצויגן און שאַרף געצייכנט די רונדיקע ליניעס פון אירע ברוסטן, וואָס זענען געווען אַרומגעשלענגלט מיט קאָלירנרייכע העפטערייען. אַ געפאַלדעוועט ווייס־בלוי אונטערקליידל, געקעסטלט ווי אַ שאַך־ברעט, האָט זיך ווי אַ האַרמאָשקע צעעפנט אין איר גאַנג און אַ בלענד געטאָן יורעקס אויגן. אַ ברייטער פּאַסיק מיט אַ גרויסן באַגילדעטן שאָל האָט שטראַם אַרומגעשפּאַנט די פיין־געשניצטע האַלב־רונדן פון איר טאַליע. אויף איר האַלדז — אַ זילבערן קייטעלע מיט אַ רוסישן רובל, וועלכער איז געלעגן ווי אַריינגעפּאַסט אין איר האַלדז־גריבל. אויף איר שטערן — אַ פייכט גריוועלע. אין מויל — אַן אָנגעצונדענער פּאַפּיראָס. אין דער רעכטער האַנט — אַן אַלבום.

יורעק האָט געפילט ווי איר רייצנדיקע שיינקייט, פון וועלכער עס האָט גע־שלאָגן אַ שאַרפער פּאַרפום־ריח, האָט אים אַ ברי געטאָן.

— ווערסט קודם־כּל כאַפּן אַ בליק וואָס פאַראַ גוטע פרעסע איך האָב. דו האָסט דאָך ליב טעאַטער־קריטיק — האָט זיך לידאַ חוצפּהדיק אַוועקגעזעצט קעגנאיבער יורעקן, אַרויסלאָזנדיק שלענגלעך רויך אים גלײַך אין פּנים אַריין.

— עס איז נישט נייטיק, לידאַ. איך האָב אַלץ געלייענט וועגן דיינע אויפ־טריטן און גרויסע דערפאָלגן, נאָכגעפאָלגט מיט אַ גוואַלדיקער שפּאַנונג.

— אַזוי גאָר? — האָט זי יורעקן אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט און צעפּיע־שטשעט פאַרקלאַפּט דעם געעפנטן אַלבום.

— ווערסט רויכערן אַ ציגאַר?

— כ׳געהער דאָך נישט צו דער איידעלער ראַסע.

— כאַ־כאַ־כאַ! טאָ וואָס ווילסטו טרינקען? שאַמפּאַניער, אַלטן באָרדאָ־ווײַן, אַ גוטן קאָניאַק, אָדער אַביסל זיסן דאַמסקע שנאַפּס? — האָט זי אַ קנאַק געטאָן מיטן צינגל, נאָכמאַכנדיק אַן אָפּהילך פון אַן אַרויסגעשאָסענעם קאָרעק.

— גיב מיר אַ גלאָז וואַסער, לידאַ — האָט יורעק נאָך עפּעס געוואָלט צוגעבן, אָבער ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט.

— דו מיינסט, אַז כ׳וויל דיך אָנשיכורן און אויספּרעסן פון דיר סודות פאַר דער געשטאַפּאָ?

— וואָס פאַלט דיר איין, לידאַ?

— יורעק, ביסט הײַנט ווײַניק גאַלאַנט. — האָט זיך לידאַ פאַרקרומט.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און אַראָפּגענומען פון דער קאָמאָדע אַ צירונג־קעסטעלע, איבערגעצויגן מיט אַ ווײַס־געבלימלטן סאַטין. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט שפּיגלען דווקא אינעם אינעווייניקסטן רונדיקן שפּיגעלע וואָס איז געווען אײַנגעפּאַסט אינעם אויבערדעקל.

יורעקן האָט אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן. דאָס צירונג וואָס האָט זיך צעפינקלט, צעבליאַסקעט מיט קאָלירטע שטיינער, איז אויף אים געפאַלן פיל שווערער ווי זייער געוויכט, און האָט אים שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי נאָך אַ טיפן שטאָך אין דער ברוסט, באַרירט דעם זשורנאַל מיט רודאָלף טעמפּעלהויפס אַרטיקל און אַ פרעג געטאָן:

— כ׳בעט דיך לידאַ, ווי זעט אויס דער ווינער ייִד רודאָלף טעמפּעלהויף?

— הם... — האָט זיך לידאַ אַרויפגעבערשטלט אַ וויִע, קוקנדיק אין שפּיגעלע אַרײַן, — דו פון מיר ווילסט, זע איך, יאָ אויספּרעסן סודות, וואָס גייט מיך אָן אַ רודאָלף טעמפּעלהויף? האָסט דיך, הייסט עס, שוין אַלץ אויסגעפרעגט, וואָס כ׳מאַך, ווי כ׳פיל זיך אין זייער געזעלשאַפט? אפשר בין איך גאָר ביים גאַנצן דערפאָלג און לוקסוס־לעבן, נישט גליקלעך. פאַרהאַסט ביים פאָלק. וואָס מיינסטו, אַז איך פיל נישט, אַז דו האַסט מיך? דו זעסט דאָך, אַז מיין שיינקייט און עלעגאַנץ, פאַר וועלכע די גרעסטע מאַכטהאָבער קניִען, רופן ביי דיר איצט אַפילו נישט אַרויס דעם מינדסטן חשק. איך טו נאָך הײַנט מער פאַר דײַן פאָטער ווי ער האָט פאַר מיר געטאָן. נישטיקע עפּיזאָד־ראָלן האָט ער מיר געגעבן, געמוזט לאַנג וואַרטן ביז ער וועט אויפפירן „פער גינט” און מיך אויסנוצן צום טאַנץ. ווי לאַנג איז דען ערשט, ווי דו האָסט מיך פאַרגעטערט? איך וועל מער פאַר דיר גאָרנישט טאָן. דו הערסט, יורעק, גאָר—נישט. — האָט לידאַ אויסגעדרייט איר קאָפּ אין יורעקס ריכטונג און בייזלעך פאַרקלאַפּט דאָס צירונג־קעסטעלע.

— כ׳בעט דיך, לידאַ, וויל מיך פאַרשטיין. הגם דו באַשיצסט מיין לעבן,

בין איך היינט נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ געררודפטער ייִד. אויב איך ווער דער־
ווייל טאַקע צוליב דיין שוץ פון קיינעם נישט פאַרפאַלגט, פאַרפאָלג איך זיך
אַליין. מיר איז נאָך שווערער אויסצוהאַלטן ווי אַ ייִד, וואָס האָט פון קינדווייז
אָן געפירט אַ ייִדיש לעבן און איז תמיד געווען באַהאַפטן מיט די געשיכטע־בלע־
טער. די אונטערערדישע באַוועגונג, לייזט אין אַ געוויסן זין אויס אונדזערע
נישט־פאַרדינטע ליידן, פאַר וועלכע מ׳קען פאַר קיין שום פּרייז אין דער וועלט
נישט באַצאָלן. קען ווער אויסטראַכטן אַ פּרייז פאַר נישט־פאַרדינטע ליידן און
שטראָף? דאָס פאַרנעמען זיך מיט די געטאָ־ענינים דערהייבט מיין געפאַלנקייט.
דו האָסט היינט געענוג גוטס, לידאַ, טאָ טייל זיך כאָטש מיט מיר אויף אַזוי פיל...

לידאַ איז געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקע. אַ טרויער האָט זיך געשפּיגלט אין
אירע אויגן. זי האָט אויסגעזען צו זיין מער גערירט פון יורעקס טאָן וואָס האָט
גערעדט צו איר געפיל, ווי פון זיינע רייד, וואָס זי האָט קוים באַנומען. דער טאָן
זיינער, האָט זי געפילט, האָט עפּעס איבערגעלאָזט אַ מאָדנעם אָפּקלאַנג אין איר
געמיט.

— וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר, יורעק?

— איך וואָלט דיך געוואָלט בעטן אַ קאָנטאַקט מיטן מאַיאָר ראַדעצקי, מיטן
שעף פון דער לאַנד־אַרמיי. ביי אים געפינען זיך די שליסלען פון די אַרסענאַלן,
מיר וועלן באַצאָלן מיט גאָלד פאַרן געווער, אויב ער וועט מסכים זיין אונדז עפּעס
צו פאַרקויפן.

— מאַיאָר ראַדעצקי? — האָט לידאַ אויפגעהויבן דעם קאָפּ און עפּעס נאָכ־
געטראַכט. — גוט. איך זאָג דיר גאָרנישט צו. איך וועל פּרוּוון זיך מיט אים
פאַרשטענדיקן. ער קריכט צו מיר הינטער די קוליסן — האָט זי אַרויסגעלאַכט.

— ער קושט מיר די האַנט. אָבער האַרט דאַרף ער זיין ווי אַ וועלטשענע ניס.

— אָבער דו זאָגסט מיר צו, אַז דו וועסט זיך פּערזענלעך ווענדן צו אים און
בעטן אַזאַ קאָנטאַקט?

— איך זאָג דיר צו. נו, ביסטו שוין צופרידן? און וואָס ווילסטו ווידער פון
רודאָלף טעמפּעלהויף?

— אָט צוליב וואָס איך פרעג זיך אויף אים נאָך. — האָט יורעק אַרויס־
געשלעפּט דעם זשורנאַל — ער שרייבט דאָ אַלץ מיט דער כוונה צו לעקן דעם
דייטשן שטיוול, אַז די קידוש־השם־ייִדן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע און פון
אַנדערע אינקוויזיציעס זענען געווען מער העלדן ווי די געטאָ־קעמפער, ווייל זיי
האָבן געהאַט אַ ברירה זיך צו שמדן און צו ווערן פיינע מענטשן און פונדעסט־
וועגן האָבן זיי בעסער אויסגעקליבן דעם טויט; בעת מיר האָבן דאָך קיין שום
ברירה נישט, קיין שום אויסוועג נישט. דעריבער איז אונדזער קאַמף נישט קיין
אויסדרוק פון העלדישקייט, נאָר פון פאַרצווייפלונג. און ער וואַגט אָנצורופן אונ־
דזער מסירת־נפשדיקן קאַמף — זעלבסטמאָרד.

לידאַ האָט יורעקן אָנגעקוקט מיט אַ בליק, אין וועלכן עס האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט אַ ליבשאַפט און אַ שרעק פאַר זיין לעבן.

— איין זאַך איז מיר נישט קלאָר, יורעק! — האָט לידאַ געזאָגט פאַרקוקנ־דיק זיך אויף אירע פלאַטין־קאָלירקע נעגל — דו האָסט דאָך באַקומען אַ פול־שטענדיקע קריסטלעכע דערציִונג.

— ס'איז פאַלש, לידאַ! נישט קיין קריסטלעכע, נאָר אַ וועלטלעכע דער־ציִונג. אין מיין היים האָבן זיך קיינמאָל נישט געפונען קיין אָפּבילדער פון געט־לעכקייט; נאָר פון מענטשלעכקייט, גאַסטפריינדלעכקייט און מיטגעפיל צו מענטשן וואָס האָבן זיך געוואָלט דערהייבן צו העכערע פאָרמען און די מאַטעריע האָט זיי אַראָפּגעשלעפּט אין אַ טיפעניש. מיין מוטער האָט אַזאַ איינעם תמיד אויסגעשטרעקט אַ האַנט. מיין פאָטערס שמד אין דער יוגנט האָט נישט געענ־דערט זיין וועלט־אָנשויונג. אַ גרויסער טעות, לידאַ, אַז מיין פאָטערס געפיל־וועלט איז דערווייטערט פון ייִדישקייט. אַזוי גוט ווי אַ מענטש קען זיך נישט שיידן מיט זיין שאָטן, קען ער זיך נישט פסיכיש שיידן מיט זיין אָפּשטאַם. אַוודאי זע־נען ביי אונדז נישט פאַרגעקומען קיין ייִדישע רעליגיעזע צערעמאָניעס, אָבער כדי זיך צו פילן ווי אַ ייִד, איז גענוג דער אָפּשטאַם.

— און עס פעלט דיר גאָרנישט איין יורעק, אַז מען קען דיך אין אַ טאָג אונטערכאַפּן? האָסט געהערט מיט וואָס פאַר אַ מיטלען מען פאַרשט אויס אין געשטאַפּאָ־אַמט אויף אַליי־שוכאַ? האָסט געהערט פון צימער 26?

ביים דערמאָנען דער אַליי־שוכאַ, האָט יורעק האַסטיק צוגעמאַכט דאָס פענצ־טער און זיך פאַוואָלינקע אַראָפּגעזעצט. דאָס בלוט איז אים פאַר אויפרעגונג אָפּגעלאָפן פון פנים. ער איז געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער און האָט שאַרף אָנ־געקוקט לידאַן. ער האָט פאַרביסן די ליפּן ווי ער וואָלט דערשטיקט אַ געדאַנק. ער האָט איצט לידאַן נישט געוואָלט דערמאָנען אַז די דייטשן וועלן אין אַ טאָג זיין געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די פּוילישע ערד.

— דו ווילסט מיך איבערשרעקן? — האָט יורעק געבליקט צום פענצטער

— איך לעב סיי־ווי אין שרעק. אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס אויף אַליי־שוכאַ שיילט מען די אומשולדיקע מענטשן אַראָפּ די הויט לעבעדיקערהייט, וואָלט איך אויף זיך ממש געקוקט ווי אויף אַ שפין, ווען כ'וואָלט צו דעם אַלעם געבליבן גלייכ־גילטיק. וויל פאַרשטיין, אַז ביידע, סיי דער קרבן און סיי דער הענקער, שטעלן איין זייער לעבן. דער ווינער ייִד, רודאָלף טעמפּעלהויף שטעלט אויך איין זיין לעבן. און איך בעט דיך נאָכאַמאָל, לידאַ, זאָג מיר גאַנץ גענוי, ווי דער מענטש זעט אויס! — האָט יורעק קראַמפּהאַפט אָנגעכאַפּט לידאַס האַנט.

זי האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט, שפּיגלענדיק זיך אין זיין אומשולדיקן בליק. איר האַרץ האָט האַסטיקער געקלאַפּט ווי פריִער, איידער זי האָט געפילט

דעם באַריר פון זיינע הענט. אַ צופרידענער שמייכל האָט לייכט געשוועבט אויף אירע ליפּן.

— כ׳בעט דיך, יורעק, לאָמיר פריִער עפּעס אויסטרינקען! אויב דו זאָגסט זיך ווידער אָפּ, וועל איך דאָס אָננעמען, אַז דו האַלטסט מיך פאַר אַ... זאָל איך עס אַרויסזאָגן?

— ניין, לידאַ.

זי האָט זיך געשיקט אויפגעכאַפּט, צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און באַרירט אַ באַגילדעט קנעפּל. אַ קלינג האָט אַ זשומע געטאָן איבער אַלע צימערן. יורעק האָט אויפגעצאַפּלט, און אַ בליק געטאָן אויפן האַנט־זייגערל.

אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען דאָס שטובן־מיידל.

— מאַריאַ ברענג אַריין פון די בעסטע געטראַנקען און אַן איבערבייס!

„מאַריאַ" — איז יורעקן דורכגעלאָפן אַ געדאַנק. — „דבירהס פאַלשער נאָמען". און דבורה האָט זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט אַ לעבעדיקע. ער פילט ממש איר אָטעם־הויך. אירע וואונדערלעכע אויגן קוקן אויף אים מיט אַזאַ פאַר־ליבטקייט, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען איר העכסטער ציל אין לעבן — אים דערגרייכן.

ער האָט אַפילו נישט באַמערקט די זילבערנע טאַץ, אויף וועלכער עס זע־נען געשטאַנען עטלעכע פלעשלעך געטראַנקען און אַ קליאַש פאַרשידנפאַרמיקע קאַלטע קיכלעך, נאַשוואַרג און עטלעכע טאַבלעטקעס שאָקאָלאַדע.

— אַביסל מוזיק, יורעק?

— הם.. אַ? — האָט ער זיך צעטומלט געריבן דעם שטערן.

— גיס אָן וואָס דיר געפעלט! — האָט זיך לידאַ אויפגעשטעלט און אויפגעדרייט דעם ראַדיאָ.

יורעק האָט מיט שפּאַנונג אָנגעשטעלט זיין געהער, אָבער אָנשטאָט די גו־טע ידיעות וואָס ער האָט דערוואַרט, האָט זיך אַ פידל אין אַ מייסטער־האַנט צעטרילעט, אינטערפּרעטירנדיק דעם שומאַן־קאָנצערט.

הגם יורעקס האַרץ איז נאָכאַנאַנד געווען באַשווערט פון ייִדישן גורל: גע־קרענקט דערפון וואָס ער דאַרף איצט פאַרברענגען מיט לידאַ, בעת אין אים צאַפּלט אַ בענקשאַפט וואָס גיכער צו זען דבורהן, פונדעסטוועגן האָבן אים די ווירטואָזע טענער אויף אַ רגע באַרויִקט, אָנגעפילט זיין נשמה מיט עפּעס אַ מאָדנער לירישער שטימונג, וואָס האָט אים ממש אַריינגעוועבט אין אַן אַנדע־רער וועלט.

אַ שטימע אין ראַדיאָ האָט געמאָלדן:

— דעם שומאַן־קאָנצערט האָט אינטערפּרעטירט די באַרימטע טשעכישע ווירטואָזין, דוואָרעק.

— יאָ, יאָ, שומאַן־קאָנצערט. דייטשע מוזיק, דייטשע קונסט... און אפשר האָט דער גאַנצער וועלט־געוויסן באַנקראָטירט. מײַן פּאָטער רופט דאָס פּאָטאָ־לאָגיע פון גלייכגילטיקייט, — האָט יורעק גערעדט צו זיך. און בעת לידאָ האָט אים אונטערגעטראָגן דעם קליאַש נאַשוואַרג, האָט ער אַפילו נישט באַמערקט וואָס ער נעמט צום מויל.

— איך בעט דיך, יורעק, פאַרגעס אויף אַ ווײַלע אין דער דרויסנדיקער וועלט. עס איז דאָך ממש נישט מעגלעך צו ריידן מיט דיר אַ וואָרט וועגן מיר. מיר טרעפן זיך דאָך הײַנט אַזוי זעלטן. און אַז מען צעשיידט זיך הײַנט, קען מען נישט וויסן...

— ריכטיק. דער סוד פון דער קומענדיקער שעה קען הײַנט קיינער נישט וויסן. אין פּרינציפּ — קיינמאָל נישט. און איבערהויפּט הײַנט, בעת אונדזער צייט איז אַ שטיק אומרו אין וועלט־רוים, און ס׳הוידען זיך סיי די וואָס זענען געבונדן, און סיי די וואָס טאַנצן... אויב דו מיינסט אויף אַן אמת מיך אַביסל צו באַרויקן, טאָ גיב מיר די פאָטאָגראַפיע פון רודאָלף טעמפּעלהויף! — האָט זיך יורעק אויפגעכאַפּט פון אָרט.

— כ׳וועל אַ טראַכט טאָן, — איז לידאָ צוגעגאַנגען און פאַרמאַכט דעם ראַדיאָ. — זעץ דיך צוריק אַוועק! דײַן נערוועזיטעט מאַכט מיך משוגע.

— איך דאַרף באַלד אַוועקגיין, לידאָ.

— כ׳פאַרשטיי. אָבער וועגן מיר ווילסטו גאָרנישט הערן? — האָט לידאָ אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך קאָניאַק.

— נו, נו, רעד! — האָט זיך יורעק צוריק אַראָפּגעזעצט און זיך צופעליק פאַרקוקט ווי די שלענגלעך רויך פון ביידע פּאַפּיראָסן מישן זיך צונויף אין איין וואָלקנדל.

— זאָלסט וויסן, יורעק, מען האָט מיר צוגעטראָגן, אַז...

ז׳י האָט אַ זופּ געטאָן פון גלעזעלע קאָניאַק, אַרויסגעלאָזט אַ קרײַזעלע רויך, און אָנשטעלנדיק אירע אויגן אויף יורעקן, ווי זי וואָלט אים געפּאָרשט, האָט זי האַלב־שמייכלענדיק, האַלב־טרויעריק אַ זאָג געטאָן:

— אַז די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט מיר פאַראורטיילט צום טויט.

יורעק איז בלייך געוואָרן. דערנאָך האָט ער זיך אײַנגערעדט צעשמייכלט, ווי ער וואָלט זיך געפילט דערהויבן דערפון, וואָס די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, צוזאַמענגעשטעלט פון טויט־פאַראורטיילטע, קאָן אויך אַרויסרופן אַ טויט־שרעק אויף דער אַרישער זייט. ער איז אָבער גלייך געוואָרן ניכטער. און דערפילנדיק מיט וואָס אַזאַ רכילה שמעקט, האָט ער זיך אַ הייב געטאָן און צוריק אַראָפּגע־זעצט.

— און דו גלויבסט דאָס טאַקע, לידאָ, אַז דיך...

— כ'ווייס נישט. מ'האָט מיר אַזוי צוגעטראָגן. הער מיך אויס! שטעל דיר פּאָר, אַז בעת כ'האָב דאָס דערהערט האָב איך זיך שטאַרק צעלאַכט. כ'ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער אַהיימקומענדיק האָט מיך עפּעס געגומען פאַרפאַלגן. איך האָב מיט אַמאָל אין מיר אַנטפּלעקט אַ געוואַלדיקן אומרו. דאָס שטובן־מיידל האָב איך פּאַר אַ קלייניקייט גענומען זידלען, ביז זי האָט זיך צעוויינט. אַרויס־גייענדיק פון דער וואַנע, האָב איך אין טואַלעטן־צימער צעבראָכן אַ קאָסטבאַרן האַנט־שפּיגל. כ'האָב מורא געהאַט צו פאַרלעשן דאָס ליכט אין שלאָף־צימער. און שפּעטער, ווען כ'האָב שוין אַפילו יאָ פאַרלאָשן דאָס ליכט, האָב איך אויפ־סניי נישט געקענט איינשלאָפן. אַ מאָדנע געפיל איז דאָס. דו לעבסט אין לוק־סוס, טאַנצסט און שמייכלסט צו אַ פּובליקום וואָס ווערט פון דיין שמייכל באַ־צויבערט, און בשעת־מעשה וויקלט זיך אַרום דיר אַ מוראדיקער געדאַנק, ווי אַ שוואַרצע שלאַנג.

„גיי נאָר אַרויס פון זאַל", — האָט זיך מיר געטראַכט, — „עס שטייט עמעצער אין דרויסן און וואַרט אויף דיר מיט אַ פּיסטאַלעט אין האַנט. איין שאָס און דיין גאַנצער צויבער ווערט אַ טויטע זאַך — אַ פּאַק קאַלירטע שמאַטעס... מ'שלעפּט דיך ווי אַ טויטע בינע־ליאַלקע. ביסט קאַלט ווי אייז, און דיינע פּאַ־רערער זוכן זיך גלייך אויס אַ צווייטע געטין".

— און פון דעמאָלט אָן טרעט דער געדאַנק פון מיר נישט אָפּ. האָב איך באַשלאָסן דיך אַרויסצורופן.

— ס'איז אַ גרויסער ליגן, לידאַ! — האָט זיך יורעק אויפגעכאַפּט אַן אויפגערעגטער און גענומען, אַ ווילד־געוואָרענער, שפּאַנען אַהין און צוריק. — די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע ווייסט גענוי אַלץ וואָס דו טוסט פּאַר אונדזער באַוועגונג. דעריבער וואָלט איך דיר זייער געבעטן, לידאַ, אַז דו זאָלסט מיר זאָגן ווער‌מען איז דאָ געגאַנגען אין לעבן דיר צוצונעמען דעם איינציקן גוטן טאַט, וואָס דו טוסט פּאַר אונדז?

לידאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן. זי איז געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. זי האָט פונדעסטוועגן געזען ווי יורעקס שטיוועלעך שפּאַנען אַרום אויפ־געגעגטע. זי האָט מער דערפילט ווי פאַרשטאַנען, אַז ער זאָגט דעם אמת.

— נו, דו שווייגסט? ווער‌מען האָסטו מורא אויסצוגעבן? — האָט זיך יורעק צו איר דערנענטערט און איר אַ טרייסל געטאָן ביים אַקסל. — ווער איז דאָ „יאַגאָ"?

— בראָניסלאַוו וואַלטשאַק, — האָט לידאַ אויפגעהויבן איר קאָפּ און אָנ־געקוקט יורעקן מיט אַ מינע, ווי איר שטאָלץ וואָלט זיך אין דער רגע איינגעב־בראָכן. — ער מאָלט מיין פּאָרטרעט. ער האָט אויך אין דער אַרבעט אַ געטאָ־

בילד. צו דעם צוועק איז ער געווען אין געטאָ און זיך דאָרטן אָוועקגעשטעלט מאָלן. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב איך באַזאָרגט אַ „שיין״.

— בראָניסלאַוו וואָלטשאַק! — האָט יורעק מיט אַ לאַנג־צעצויגענעם אָטעם־הויך אַרויסגעפּיפּן דעם נאָמען און זיך צוגעזעצט צום טיש. — הם... דער עפּיגאָן, וואָס איז הייסט עס אַוועק פון זיין קוביזם און איז באַדיי אַריבער צום רעאַליזם, אַבי די דייטשן צו קענען אונטערטראָגן אַ בילד געבויט אויף חוזק פון דער יידישער טראַגעדיע. — יורעק האָט גענומען אַ פּאַפּיראָס, פאַררויכערט און גערעדט מיט פאַרביטערונג. — אָבער וואָס דאַרף איך זיך אויף אים חידושן? ער איז דאָך נאָך פאַרן מלחמה־אויסברוך געווען באַקאַנט, ווי אַ פּראָטאָטיפּ פון אַ זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיט. אים גראָד האָבן די געטאָ־קעמפער פאַרטרויט אַזאַ סוד. כאַ־כאַ־כאַ! אוי, לידאַ, בעסער וואָלסטו געווען אונטער אונדזער שוץ. עס וואָלט דעמאָלט נישט געקאָנט געשען, אַז דו זאָלסט דיך אַ נאַקעטע אַוועקשטעלן פאַזירן פאַר אַזאַ אויסוואורף.

יורעקס אויפרעגונג האָט לידאַן פון איין זייט שטאַרק ווי געטאָן; פון דער צווייטער זייט, ווידער, האָט זי עפּעס באַהערשט אַ צופרידנקייט, מיינענדיק, אַז פון יורעקס רייד הערט זיך אַרויס אַ טאָן פון אייפערזוכט. זי האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך וויין, אָנגעשלאָגן אין יורעקס גלעזעלע און געזאָגט מיט אַ באַרוּקנדיקן שמייכל:

— איך טרינק פאַר דיין געזונט און נצחון...

יורעק האָט זי שאַרף אָנגעקוקט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווי־נאָר ער האָט פון לידאַן אַראָפּגענומען די מורא פאַרן טויט, איז זי אים צוריק ווילד־פרעמד געוואָרן. און הגם זי זיצט פון אים אַזוי נאָענט, אַז ער פילט ממש איר ברענענדיקן אָטעם, איז זי פונדעסטוועגן נענטער צו „זיי״ ווי צו אים. און ער האָט זיך אין געדאַנק פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס ער האָט נישט געפונען קיין פאַסיקערע ווערטער אויפצוועקן איר געוויסן.

— נו, וואָס ביסטו עפּעס אַזוי שטיל געוואָרן, יורעק? — האָט לידאַ מיט צוויי פינגער באַרירט זיין גאָמבע און אים אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— דו פילסט נישט, לידאַ, וואָס איך לעב איבער. יעדער דור קען נישט קיין אַנדערן ווי נאָר זיין אייגענעם ווייטיק און אומרו. אונדז איז שווער צו דערפילן דעם ווייטיק פון אַן אַנדערן יאָרהונדערט, נישט האָבנדיק אים געטראָגן אין האַרצן און אין דער נשמה. אַ דאַנק דער געשיכטע באַקענען מיר זיך טאַקע מיט דעם אומגליק פון אַ דור, אָבער נאָר אויבערפלעכלעך. דעם גרויזאַמען אכזריות פון אונדזער היינטיקער צייט, וועלן אויך די שפּעטערדיקע דורות נישט אַזוי דערפילן ווי מיר. טייל וועלן אַפילו וואָס גיכער וועלן אין אַלעמען פאַרגעסן. אָבער די שטראָף פאַר נישט דערזען און דערפילן, פאַרדינען נאָר די וואָס

קוקן זיך צו גלייכגילטיק צו דעם וואָס עס געשעט איצט. און טייל אַפילו מיט שאָדנפרייד, מיינענדיק, אַז אויסראָטן וועט מען נאָר יידן. פאַרגעס נישט לידאַ, אַז זיי וועלן אין אַ טאָג מוזן אָפּטרעטן. האָסטו פאַרשטאַנען? אַ דאַנק דיר, לי־דאַ, פאַר דער אויפנאַמע און באַגלייט מיר אַרויס, עס ווערט שפּעט.

— דו בעטסט דאָך ביי מיר דעם אויסזען פון רודאָלף טעמפּעלהויף? — האָט לידאָס שטימע געציטערט.

— גוט, וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט.

— זיין פאָטאָגראַפיע האָב איך נישט. אָבער איך וועל דיר דעם אַלטן גראַף גוט אָפּשילדערן.

— רעד לאַנגזאַם, לידאַ, איך דאַרף אים צייכענען. — האָט יורעק אַרויס־גענומען אַ בלייער און אַרויסגעריסן אַ בלעטל פון אַ נאָטיץ־ביכל.

לידאַ האָט קאָקעטיש אַנידערגעקניט אויפן פּאָטעל, אויסגעלייגט אירע הענט אויפן פּאָרענטש, און גערעדט נאָכטראַכטנדיק:

— ער איז אַ נידעריקער, ברייט־ביייניקער פּאַרשוין פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַן אַרויסשטאַרצנדיקן בויך, תמיד געקליידט אין שוואַרץ, טראָגט אַ האַרטן שוואַרצן מעלאָניק, גרויע באַקנבערד אַ לאַ פראַנץ יאָזעף, אַ שוואַרצן שטעקן מיט אַ זילבערן הענטל אין דער רעכטער האַנט, אַ דאָקומענטן־טאַש — אין דער לינקער. יעדן פרימאָרגן, אַרום ניין אַזייגער, קען מען אים זען אַריינגיין אין דער געשטאַפּאָ. שווער אָבער צו וויסן די שעה ווען ער גייט אַרויס. נו, דאָס איז אַלץ, און איצט, מיין קאַוואַליר, ווייז מיר די צייכענונג.

יורעק האָט זיך אויפגעשטעלט און איר דערלאַנגט די צייכענונג.

לידאַ האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער צייכענונג און זיך צעלאַכט

— כאַ־כאַ־כאַ! זיינע באַקנבערד זעען דאָך אויס ווי צוויי פלעדערווישן.

יורעק האָט צוריקגענומען די צייכענונג, און אויסדרייענדיק זיך מיטן פּנים צום פענצטער, האָט ער זי אין דער גיך פאַרשטעקט. באַמערקנדיק לידאַן נעבן זיך, האָט ער איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געזאָגט:

— לידאַ, פאַר מיר ווערט שפּעט. איך דאַנק דיר נאָכאַמאָל אין נאָמען פון אונדזער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, פאַר אַלעם וואָס דו טוסט פאַר אונדז. איך דער־מאָן דיך, אַז דער קאָנטאַקט מיטן מאַיאָר ראַדעצקי, איז אַ דרינגענדיקער ענין. פאַרן אַוועקגיין האָב איך דיך געוואָלט בעטן, אַז דו זאָלסט דיר אויך באַזאָרגן אַ „שיין" און באַזוכן דעם געטאָ.

זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, אויפהייבנדיק לאַנגזאַם דעם קאָפּ. אַ ליידנשאַפטלעך פּיירל און אַ געבעט האָט זיך צעשפּילט אין אירע אויגן.

— יורעק, אפשר וואָלסטו מיט מיר... געוואָלט אַביסל פאַרברענגען אין אַ קאַפע־קאָנצערט? איך בין פאַר דיר פאַראַנטוואָרטלעך.

— פון מיר איז אָפּגערעדט, לידאַ. נאָר אַפילו דיך, ראָט איך נישט צו באַ־ווייזן זיך אין די ערטער, ווו אונדזערע פאַרניכטער ווײלן זיך. דאָס פאָלק האָט אַן אויג, געדענק, אַז מאָרגן...

— וואָס מיינסטו צו זאָגן, אַז אין אַ טאָג וועלן זיי פונדאַנען מוזן אַנט־לויפן? נו, וועט מען שוין מער נישט שפּילן קיין טעאַטער?

— שפּילן וועט דעמאָלט „דער פּראָצעס"...

— פּראָצעס? — האָט אים לידאַ שאַרף אָנגעקוקט.

— יאָ, פּראָצעס. און ווען זיי וועלן שוין הענגען אויף דער תליה, דעמאָלט וועסטו שוין מעגן פאַר זיי טאַנצן.

זי האָט האַסטיק און מיט אַ ציטער אַרויסגעצויגן זיין האַנט.

יורעק איז מיט שטאָלצע, אָפּהילכנדיקע טריט אָפּגעגאַנגען.

לידאַ האָט זיך אַ ווילדן ריס געטאָן. זי איז אים מיט אַ גראַציעזן שפּרונג פאַרלאָפן דעם וועג.

— יו־רעק! — איז זי צוגעפאַלן צו זיין ברוסט, און אים גענומען קושן מיט אַן אומרו אין די אויגן. — דו פאַרזיכערסט מיר אַז איך בין נישט פאַראור־טיילט?

— באַזוך דעם געטאָ, וועסטו געפינען אַן ענטפער. זאָל דיין שטובן־מיידל פאַרגעסן ווי איך הייס.

— שרעק דיך נישט. יאָ, דו בלייבסט מיר אַ פּריינט, יורעק?

— לויט דיינע פאַרדינסטן. האַלט מיך מער נישט אויף! אַדיע!

— פאַר־זיכ־טיק! — האָט זי אים נאָכגעשריגן, ווען די טיר האָט זיך פאַר־מאַכט.

זי איז לאַנגזאַם צוריקגעגאַנגען אין איר אויפנעם־צימער, און אַוועקוואַר־פנדיק זיך אויף אַ פאָטעל, האָט זי איר רוישנדיקן קאָפּ אַריינגענומען אין אירע הענט אַריין, און מיט אַ שטילן געפליסטער איבערגעחזרט מיט שרעק:

— מאָרגן, — האָט ער געזאָגט, — וועט שפּילן „דער פּראָצעס"...

אַרויסקומענדיק פון לידאַ קאַרינסקאַס טויער, איז יורעק אַקעגנגעקומען דער ייִד מיט דער לאַמטערנע.

— יצחק, — האָט ער אין איילעניש אַ זאָג געטאָן, — פאַראַן היינט אַ סך מזבחות. מייד אויס דעם טעאַטער־פּלאַץ!

קאַפּיטל אַכצן

נאָכן באַזוך בײַם מאַיאָר ראַדעצקי

דער גאָלד־בלויער פרימאָרגן, באַגאָסן מיט אַ זוניק ליכט, וואָס האָט זיך פאַר דבורהן אַנטפּלעקט, בעת זי האָט ווידעראַמאָל באַטראָטן דעם „ערישן באָדן", האָט שטאַרק אויפגערייצט איר טריעריק געמיט. עס איז געווען אין די ערשטע טעג פון חודש אַפּריל. דער פרילינג האָט זיך שוין אָנגעהויבן פילן ווי אַ געעפנטע שמעקעדיקע בלום. פון גערטנער, סעדער, באַביימטע בולוואַרן און סקווערן, האָט זיך דערטראָגן אַן אָנגענעמער אַראָמאַט, וואָס האָט געוועקט צום לעבן און אַרויסגערופן אַ בענקשאַפט. די העל־גרינע ביימער־בלעטער האָבן גע־ציטערט פאַר פרייד. די זונשטראַלן זענען געפאַלן אויף די בלעטער, ווי גאָלדענע אָדערן. אין דער לופט האָט זיך געפילט אַ פייכטקייט פון טוי, וואָס האָט ווי אויסגעבאָדן דעם פרימאָרגן אין אַ פרישן, פרילינגדיקן קוואַל.

פונדעסטוועגן האָט זיך דבורה דאָ פאַרבייגעטראָגן ווי אַ פויגל, געיאָגט פון אַ פייל. פאַר שרעק איז איר קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים. פאַר אירע אויגן האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן דייטשע אויטאָמאָבילן, באַזעצטע מיט געשטאַפּאָ־לייט. פון גאַנצן אַרום האָט זיך אין אירע אויגן אַריינגעשטאָכן דער האַקנקרייץ. דאָ און דאָרט זענען די דייטשע מחבלים אַראָפּ פון די אויטאָמאָבילן און אַדורכ־געפירט אָבלאַוועס. לאַסט־וואָגענער, באַוואָכטע מיט ס. ס.־לייט זענען פאַרביי־געפאָרן מיט שטורעם. דבורה האָט די אויטאָמאָבילן נאָכגעיאָגט מיטן בליק און באַמערקט ווי ציווילע מענער און פרויען זענען דאָרט געזעסן איינגעקאָרטשעט, האַלטנדיק ביידע הענט אויפן קאָפּ. צווישן זיי צוויי גלחים אין די שוואַרצע סוטאַנעס.

אויף אַ ראָג פון אַ באַלעבטער גאַס איז געוואָרן אַ געלויף. אַ מאַן איז אַריין אין אַן אָפענער הויז־טיר און אין געלויף פאַרלוירן דעם הוט. פון געביי־דעס, בײַם אַריינגאַנג, באַהאָנגענע מיט היטלערס פאָרטרעט, האָבן אַרויסגע־שאָלט הילכערס, וואָס האָבן איבערגעחזרט אַן אויפפאָדערונג צו דער פוילישער באַפעלקערונג אויף פויליש און אויף דייטש.

„דאָס בלאָנדע געטאָ־מיידל מיט די לאַנגע צעפּ"...

דבורהס צעשטרייטער מוח האָט מער ווי די עטלעכע ווערטער נישט גע־קענט אויפכאַפּן. פון דער ווייטנס האָט זיך דערטראָגן אַן אָפּקלאַנג פון אַ מילי־

טערישן אָרקעסטער, וואָס האָט, לויט דבורהס געהער, אויפגעשפּילט אַ טרויער־מאַרש. פּאַראַדנע טריט פון דייטשע שטיוול האָבן באַגלייט אַ נאַצי צו זיין באַגרעבעניש.

„אפשר פירט מען עס אַוועק דעם נאַצישן מאַנסטער, וואָס ניוטקאַ האָט אין געטאָ אַוועקגעלייגט" — איז דבורהן אַדורכגעלאָפן אַ געדאַנק, וואָס האָט אויף איר אַנגעוואָרפן אַ פּחד, אַקוראַט ווי ניוטקאַ וואָלט געגאַנגען לעבן איר. דבורה האָט גענומען האַסטיקער שפּאַנען, ווי עס וואָלט זי ווער נאָכגעיאָגט. אָבער באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי לויפט ממש, און כדי נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט, האָט זי פאַרלאַנגזאַמט איר גאַנג. זי האָט זיך כסדר אַרומגעקוקט, געזוכט יורעקן, וועלכער האָט זי געדאַרפט אָפּוואַרטן. אָבער זי האָט אים אויף דעם באַשטימטן אָרט נישט דערזען. אַ פרעמדער מענטש איז דאָרט געשטאַנען אויף זיין פּלאַץ. מחמת ער איז מיט גאָרנישט געווען ענלעך צו יורעקן, איז ער איר געווען איבעריק און האָט זי שטאַרק אויפגערעגט. די צוויי פּוילישע פאַרבינדלערינס, וואָס האָבן איר פון דער ווייטנס געגעבן דעם אָפּגערעדטן צייכן, אַז דער וועג צו די קאָכאַנאָווסקיס איז פריי, האָבן זי דערמיט נישט באַרויִקט. אַ געדאַנק האָט אויפגעבליצט אין איר מוח, אַז מיט יורעקן מוז עפּעס האָבן פּאַסירט. און די שרעק פאַר זיין לעבן, וואָס זי האָט אָפּגעפּילט, האָט אַרויסגעשלעפּט פון איר אונטערבאַוווסטזיין אַ פאַרבאָרגן געפיל, וואָס האָט אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט איר גאַנג. זי האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט, דערנאָך גענומען אַזוי האַסטיק שפּאַנען, אַז זי האָט ממש פאַרלוירן איר אָטעם.

ליובאַ קאָכאַנאָווסקאַ, איינגעהילט אין אַ כינעזישן פּעניואַר, איז געשטאַנען ביים פענצטער און אומגעדולדיק אָפּגעוואַרט דבורהן. זי האָט אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ בליק אויפן האַנט־זייגערל, דערנאָך אויפן וואַנט־זייגער. און באַמערקנדיק ווי אַ האַלבע שעה איז שוין פאַרביי ווי דבורה האָט געזאָלט אָנקומען, האָט זי אָן אומרויִקע גענומען שפּאַנען איבער איר אויפנעם־צימער, זיך אויסקנאַקנדיק די פינגער.

אין גאַנג האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ צעעפנטן בוך: „מלחמה און שלום" פון טאָלסטאָי. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס בוך ליגט נאָך מסתמא אַזוי צעעפנט אויפן דיוואַן זינט נעכטן אָוונט, בעת אינמיטן לייענען האָט אַ שכנה אָנגעקלונגען און פאַר שרעק האָט זי אַרויסגעלאָזן דאָס בוך פון אירע הענט.

בעת זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויפצוהייבן דאָס בוך, האָט זי דאָס טיר־גלעקל און נאָך מער, איר הונטס ווילדער אויפשפּרונג, ווידער איבערגעשראָקן, אָבער דאָס מאָל איז עס צום גליק געווען דבורה.

ליובאַ איז אויף איר אַרויפגעפאַלן מיט אַ ציטער פון פרייד:

— מיין קינד, כ׳בין גליקלעך, וואָס דו ביסט בשלום אַדורך די גאַס! זע נאָר ווי הערלעך דו זעסט אויס, קראַנקן־שוועסטער מיינע! אַלץ קליידט דאָך דיר אַזוי וווּנדערבאַר! — האָט זי דבורהן אַ רגע באַטראַכט און דערנאָך איר קאָפּ צוגעטוליעט צו זיך. — קום ווייטער! זעץ זיך אַוועק! זע נאָר ווי אויסגעבלייכט דו ביסט.

דבורה האָט אַוועקגעשטעלט דעם קויש מיט די רעצעפּטן־פלעשלעך. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ פאָטעל מיט אַ לאַנג־צעצויגענעם אַרויסזיפץ, און האַל־טנדיק ליובאַס וואַרעמע האַנט, האָט זי געזאָגט אָטעמענדיק שווער:

— כ׳ווייס נישט וואָס פריער אָנצוהייבן. פאַרוואָס האָט מיך יורעק נישט אָפּגעוואַרט? זאָגט מיר דעם אמת, פאַני קאָכאַנאָווסקאַ, האָט מיט אים עפּעס פּאַסירט? — האָט דבורה אָפּגעשטעלט אירע איבערגעשראָקענע אויגן אויף ליובאַן.

— נעם דיך נישט איבער, ליב קינד! —האָט ליובאַ אַרויסגעלאַכט. — יור־רעק האָט דיך נישט געקענט אָפּוואַרטן. ער האָט מיך טאַקע געבעטן, אַז כ׳זאָל דיר די זאַך אויפקלערן. באַלד אינדערפרי איז דאָ געווען דער ד״ר ווייסמאַן און אַוועקגעשלעפּט יורעקן אין יידישן „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט״. עס זענען די וואָך אָנגעקומען נייע פּליטים פון געטאָ. איך ווייס נישט ווי אַזוי די אומגליקלעכע האָבן זיך אַהער געראַטעוועט. ד״ר ווייסמאַן איז געקומען מיט אַ ליסטע און זי איבערגעגעבן מיין זון. ער לויפט מסתמא אַרום אויסזוכן פאַר זיי אַ באַהעלטע־ניש. ס׳איז אַ שווערע און ריזיקאַלישע אַרבעט. אַפילו פּאַליאַקן מיט גוטע הער־צער ציטערן. און נישט אַזוי פאַר די דייטשן, ווי פאַר די פּאַליאַקן. וואָס ווילן רייך ווערן אויף אונדזער חשבון. קום אַריין פרישטיקן, דבורה! דו זעסט אויס מער פאַרשמאַכט ווי דאָס ערשטע מאָל.

ביים פרישטיק־טיש, נאָכדעם ווי דבורה האָט אַראָפּגעשלונגען אַביסל ער־זאַץ־קאַפע, האָט זי אַ פאַרטראַכטע, פּאַוואָלינקע, אַוועקגעשטעלט די טאַץ און שטילערהייט גערעדט, ווי צו זיך אַליין:

— „נייע פּליטים פון געטאָ?״

און באַלד איז זי אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט אָנגעקוקט דאָס גוטמוטיקע פּנים פון ליובאַן, אָבער געזען האָט זי אַן אַנדער בילד:

אַ מחנה פרויען פון געטאָ, מיט קינדער אויף די הענט, לויפן אין קאַנאַל. דאָס בילד שטעלט זיך אַוועק פאַר אירע אויגן אַזוי בולט, אַז זי וויל ממש אויס־שטרעקן אירע הענט און זיי וועמען דערלאַנגען. ביים שטורמישן וואַסער־שפּריץ, ביים „בוזשאַוויעץ״, זעט זי, ווי קינדער ווערן אַרויסגעריסן פון די מוטערס הענט און אַוועקגעשווענקט. יידישע מאַמעס, מיט צעפּלאָשעטע, נאַסע האָר, אויסגעשטרעקטע הענט, לויפן מיט ווילדע העוויות נאָך זייערע קינדער, שרייען

מיט אָפענע מײַלער אָנגעפילטע מיט וואַסער, ווערן אַרײַנגעכאַפּט דורך די ברוי־זנדיקע שטראָמען, ווי אין אַ טראַנסמיסיע־פּאַס, ווערן ווײַט אַוועקגעשליידערט. ערשט טויטערהייט, אין די שטראָמען, באַגעגענען זיך מוטער און קינד. זיי שטויסן זיך צוזאַמען, געיאָגטע פון די וואַסער־לאַווע, ווי עס באַרירן זיך צווײַגן מיט שטאַמען אין אַ שטורעם, בעת אַ מעכטיקער ווינט רײַסט ביימער מיט די וואָרצלען אויס און שליידערט זיי אין דער לופטן, און די אומגעקומענע מחנה פרויען מיט קינדער אויף די הענט, האַלט נישט אָפּ די צווייטע גרופּע פרויען און קינדער. זיי לויפן, זיי פאַלן, זיי הויבן זיך העכער אַריבער די שטראָמען, געטריבן פון דער טויט־שרעק, וואָס דער געטאָ האָט בײַ זיי אַרויסגערופן, פּונקט ווי פלאַקערנדיקע גלאָווינעס וואַלטן זיי שוין ממש געקראָכן איבער די גאַלע שאַרבנס.

„זיי האַלטן אונדז פאַר אומגעקומענע!“ — זאָגט דבורה צו זיך אין גע־דאַנק.

— וואָס איז, קינד מײַנס? וואָס האָסטו דיך עפּעס אַזוי מאָדנע פאַר־טראַכט? — האָט ליובאַ גענומען גלעטן דבורהס באַקן. — עס, ליב קינד!

— האַ? וואָס? אַ דאַנק, — האָט דבורה נערוועז אַריבערגעפירט איר האַנט איבערן פּנים. און מער אויס העפלעכקייט ווי אויס הונגער, האָט זי גענומען די שניטקעס ברויט, וואָס ליובאַ האָט איר מיט אַ מוטערלעכער האַנט דערלאַנגט.

ליובאַ האָט אָנגעקוקט דבורהן אַ גערירטע. איר ביסן איז איר ממש גע־בליבן שטעקן אין דער קעל.

— פונדעסטוועגן, דבורה, דאַרפסטו נישט זײַן אַזוי נידערשלאָגן. מײַן האַרץ זאָגט מיר, אַז קיין שום שלעכטס וועט מיט דיר נישט געשען.

— און דער גורל פון אַנדערע? — האָט זי אָנגעקוקט ליובאַן. — איך ווייס נישט וואָס אין מיר קומט פאָר. עפּעס יאָגט מיך. עפּעס טרײַבט מיך. כ'ווייס אַליין נישט וווהין — האָט זי זיך אויפגעשטעלט און אַוועקגעשפּאַנט אין אויפנעם־צימער.

ליובאַ איז איר נאָכגעגאַנגען.

אַוועקזעצנדיק זיך אויף דער קאַנאַפּע, האָט זיך דבורה אַרומגעקוקט, גלײַך ווי זי וואָלט דעם סאַלאָן געזען צום ערשטן מאָל. זי האָט באַמערקט אויפן טיש אַ שאַך־ברעט מיט אויפגעשטעלטע פיגורן — אַ נישט־פאַרענדיקטע שאַך־פּאַר־טיע.

— אַנטשולדיקט מיר, וואָס כ'האָב זיך פאַרגעסן צו פרעגן אויף אייער מאַן.

— ער קען נישט אײַנזיצן אין דער היים. ער איז אַוועק זיך עפּעס דערוויסן. די נאַכט זענען פאַרגעקומען אַרעסטן. און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן זע־

נען פאַרגעקומען מאַסן־אַבלאַוועס. ביים אַרויסגאַנג פון קינאָ האָט מען יעדן לעגיטימירט. דער טעראָר האָט זיך פאַרשטאַרקט. זיי האָבן דערשפּירט, אַז די אונטערערדישע באַוועגונג ווערט פון טאָג צו טאָג שטאַרקער. די געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע, וואָס לייקנט אָפּ זייערע קאָמוניקאַטן, ליגט זיי ווי אַ ביין אין האַלדז. די גרעסטע ספּעציאַליסטן האָבן זיי מאָביליזירט צו אַנטדעקן די געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע און דאָס איז זיי נישט געלונגען. מיין מאַן זאָגט, אַז אפילו זייערע אייגענע קאָמוניקאַטן פאַרמאָגן נישט מער דעם אַמאָליקן געהויבענעם טאָן. עס איז מעגלעך, אַז זייער טעראָר איז אַן אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג.

דבורה האָט זיך מיט שפּאַנונג צוגעהערט.

— אפשר קען איך זען די היינטיקע צייטונג?

— וואָס, די מענער מיינסטו לאָזן מיר איבער אַ צייטונג? — האָט זיך ליובאַ גענומען באַוועגן. — כ׳ווייס נישט וואָס די דינסט פאַרברענגט אַזוי לאַנג אין גאַס. מסתמא זענען די רייען ביים איינקויפן גאַנץ לאַנגע. הער זיך איין דבורה, דו וועסט זיך נישט שרעקן, אויב כ׳וועל דיך אויף אַ ווייל איבערלאָזן אַליין?

— איך וואָלט מיטגעגאַנגען אין גאַס אַריין.

— ניין, מיין קינד! בלייב בעסער דאָ. קוק זיך אַביסל אַרום איבער מיין וווינונג. אַמאָל האָט מען מיין וווינונג געהאַלטן פאַר אַ שטיקל מוזיי. היינט איז אויך נאָך פאַראַן וואָס צו באַוווּנדערן. איך האָב דאָ העגנגען זעלטענע קונסט־בילדער. איך זע, אַז דו דאַרפסט זיך אומבאַדינגט אַביסל צעשטרייען. אפשר ווילסטו גאָר דערווייל עפּעס לייענען? נעם דיר עפּעס אַרויס פון שענקל! וואַרט צו! איך וועל דיר אַליין דערלאַנגען. לאָמיר אָקאָרשט זען, וואָס מיר וועלן אַרויסציען. אָט האָב איך צופעליק אַרויסגעצויגן מילטאָנס: „פאַרלוירענער גן־עדן״.

— פאַרלוירענער גן־עדן? — האָט דבורה אַנגעקוקט ליובען און לויט אירע הן־גריבלעך אויף די באַקן האָט דבורה גערן געוואָלט לאַכן איבער דער איראָניע פון איר גורל.

דבורה האָט זיך פונדעסטוועגן צוגעזעצט און גענומען בלעטערן דאָס בוך, קוקנדיק צו דער טיר, וואָס איז געעפנט געוואָרן מיט אַ ציטערדיקער האַנט און באַלד פאַרשלאָסן געוואָרן פון דרויסן מיט עפּעס אַ מאָדנעם אָפּקלאַנג.

אויף די שטיגן האָט ליובאַ אַנגעטראָפן איר זון. ער האָט געהאַט אַ צעפלאַמט פּנים און אַ צעשטרייטן בליק. פאַר נערוועזיטעט האָבן זיינע פיס געשלונגען עטלעכע שטיגן מיטאַמאָל.

— אַנגעקומען?

— יאָ, אָבער מייד אויס מיט איר צו רעדן וועגן די פּליטים פון געטאָ.

כ׳האָב עס איר נישט געדאַרפט דערציילן — האָט ליובאַ אַריינגעשושקעט איר זון אין אויער.

יורעק האָט פּאַרזיכטיק אויפגעשלאָסן די טיר און נאָך דריי געשיקטע טריט איז ער געשטאַנען פאַר דבורהן.

— דאָ־ראַ! — האָט ער זי אַרומגענומען און געטוליעט צו זיך. — דו דער־שיינסט דאָך יעדעס מאָל אין אַן אַנדער געשטאַלט. זע נאָר ווי פּרעכטיק דו זעסט אויס אין דער ראָלע פון אַ קראַנקנשוועסטער! — האָט ער זיך אָפּגערוקט פון איר, האַלטנדיק זי ביי די הענט. — איך אַנטשולדיק זיך, וואָס כ׳בין נישט גע־קומען דיך אָפּוואַרטן. כ׳בין געווען פאַרנומען.

— מיט די פּליטים פון געטאָ? — האָט זי אים אָנגעקוקט.

— אָ, אַביסל מיט די פּליטים, אַביסל מיט אַנדערע ענינים. איך האָב איצט נאָך מער מוט עפּעס צו טאָן ווי פריִער, ווייל די פּאָליטישע לאַגע איז אַ גלענצנדיקע.

— וואָס? — האָט זי זיך אַוועקגעזעצט און אים אָנגעקוקט מיט אַן אויפ־געלעבטן שמייכל. אַ פאַרבאָרגענע בענקשאַפט האָט פאַרכאַפּט איר לויטערן בליק.

וואָס? די אונטערערדישע באַוועגונג אין לאַנד וואַקסט מיט יעדער שעה. באַהעלטענישן פון יידן ווערן ווייניקער אַנטדעקט, ווי מיט אַ געוויסער צייט צו־ריק. די פּוילישע אַנטיסעמיטן אַפילו, וואָס האָבן אַ געוויסע צייט געהאַנדלט מיט יידישע לעבנס, האָבן אויך עפּעס מיט אַמאָל מורא געקראָגן פאַר אונדזער מאָרגן. די לאַגע אויף די פראָנטן איז גאָר אַ גוטע. די קאַמפן אויף אַלע פראָנטן זענען פאַרשטענדלעך זייער פאַרביסענע, אָבער דער נצחון איז אונדזערער, — האָט ער פאַר פרייד דבורהן אַ קוש געטאָן.

זי האָט מיט אַמאָל דערפילט ווי עפּעס אַ וואַרעמער שטראָם שלענגלט זיך אַדורך איבער איר קערפּער. איר האַרץ האָט גענומען האַסטיקער שלאָגן. זי האָט זיך צוגעקוקט ווי יורעק פאַררויכערט. אַ רגע שלאָגט זיך אַ פלעמל אָפּ אויף זיין באַהנט פנים, וואָס בעט זיך, אַז מען זאָל עס אַ גלעט טאָן, נאָר זי קען נישט...

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּאַנען איבערן צימער. יורעק האָט איר נאָכגעקוקט מיט מיטלייד. און בעת זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים, האָט זיך יורעק צו איר דערנענטערט. מיט צוויי פינגער האָט ער לייכט אויפ־געהויבן איר גאָמבע און איר אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— וואָס איז דיר? נאָך אַזעלכע גוטע ידיעות, האָסטו גאָר באַקומען אַזאַ מאָדנעם דערשראָקענעם בליק?

דבורה האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פּאָטעל. דער בונקער ערב־אויפשטאַנד האָט זיך איר בולט אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגן...

— איך בין אומרויק. די טעג צו אונדזער אויפשטאַנד זענען געציילטע, די ציוווילע באַפעלקערונג אין געטאָ פיבערט... אַלץ וואָס דאָרט גרייט זיך, איז צו־געבונדן צו מיין גוף און צו מיין נשמה... איך וואָלט וועלן אַז דו זאָלסט מיט מיר רעדן נאָר וועגן די מאַטעריאַלן, וואָס זענען אונדז נויטיק צום קאַמף. איך קען איצט ממש נישט אויפנעמען קיין אַנדערע רייד.

יורעק האָט זיך מיט אַ ציטער איינגעהערט. ער האָט זיך פאַמעלעך לעבן איר אַראָפּגעזעצט און גלעטנדיק אירע הענט האָט ער געזאָגט:

— כ׳וואָלט געוואָלט, זאָלסט פילן כאָטש אַ טייל פון מיין מסירת־נפש. איך האָב די וואָך באַזוכט לידאָ קערינסקאָ. ווען נישט איר מיטהילף פאַרן געטאָ, וואָלט איך זיך בשום אופן נישט געקענט צוזאַמענטרעפן מיט איר פּנים אל פּנים. צווישן אונדז איז שוין אַמאָל עפּעס פאָרגעקומען. איצט האָב איך זי גע־דאַרפט באַזוכן מיט אַ שנאה אין האַרצן און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, וואָס האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן אַ קאָנטאַקט מיט אַ פאָרשטייער פון דער „לאַנד־אַרמיי״, מיטן מאַיאָר ראַדעצקי, בכדי איינצושאַפן פאַרן געטאָ אַ גרעסערן קוואַנטום שווער געווער. מיין פאָטער וועט זיכער באַלד צוריקקומען מיט אַ גוטע ידיעה.

דבורה האָט אים אַנגעקוקט מיט אַן אויפגעריסענעם בליק. באַלד איז איר קאָפּ האַסטיק צוגעפאַלן צו יורעקס ברוסט און אַ ספּאַזמאַטיש געוויין האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר קעל...

— אַנטשולדיק מיר, יורעק!

יורעק האָט געטוליעט צו זיך דבורהס קאָפּ. ער האָט צאַרט געגלעט אירע האָר. ער האָט געפילט ווי דאָס ברוסטן־טעשל פון זיין העמד איז פייכט פון טרערן, וואָס ברי׳ען אים מער אַדורך ווי גלי׳ענדיקע פונקען...

דער וואַנט־זייגער האָט גענומען שלאָגן.

דער הונט רעקס, האָט זיך געלאָזט הערן פון יענער זייט טיר. און מאַרישאַ האָט זיך באַלד באַוויזן אַ צעפלאַמטע, באַהאַנגען מיט קוישן איינקויף. מאַרישאַ איז גלייך אַריין אין קיך, נאָר רעקס האָט דערשנאַפּט זיין יונגן באַלעבאָס, איז ער נאָך עטלעכע שפּרונגען אַריין אין סאַלאָן. ער האָט זיך גענומען לאַשטשען צו יורעקן, אים אַרומשפּרינגענדיק אויף די קני׳ען און לעקנדיק זיינע הענט, אויף יורעקס קני׳ען איז דער הונט געבליבן זיצן אַ באַרו׳קטער. מיט זיינע שאַרפע שליפּי׳עס האָט ער אַריבערגעקוקט צו דבורהן און נאָך אַ ווײַלע אַרויפגעשפּרונגען אויף אירע קני׳ען, ווי ער וואָלט אויך אין איר דערקענט אַן אייגענעם מענטשן.

דבורהס הענט האָבן מיט אַ צאַרטקייט גענומען גלעטן דעם הונטס פעל. זי האָט אים ליבלעך אַריינגעקוקט אין די אויגן, ריידנדיק:

— וואָס ווילסטו מיר זאָגן, שטומע צונג?

— זאָג איר, רעקס, — האָט יורעק דעם הונט געצויגן ביי אַן אויער, — אַז דו רעכנסט דבורהן אַריין אין דער משפּחה. מיר וועלן פאַר איר אויסזוכן אַ מלינה, און דו וועסט וואַכן ביי איר טיר, אָפּהיטן זי פון אַ סכנה.

דבורה האָט יורעקן לאַנג אָנגעקוקט. אין אירע ווי:עס האָבן נאָך געהאָנגען טרערן, אָבער אירע אויגן האָבן געשטראַלט מיט ליבשאַפט, אַקוראַט ווי איר האַרץ וואָלט אין דער רגע געוווען אימשטאַנד צו ליבן צוויי קעמפער מיטאַמאָל.

באַלד האָט מען ווידער געהערט אויפשליסן די טיר און ליובאַ איז אָנגעקומען פון גאַס מיט אַ פראַגע אויף די ליפּן:

— יורעק! — האָט זי גערופן, איידער זי האָט דערזען איר זון. — דער פּאַפּאַשאַ איז נאָך נישטאָ?

יורעק איז אַקעגנגעקומען דער מוטער. דער הונט האָט זיך אַ ריס געטאָן און איז צוגעשפּרונגען צו ליובאַן, אַרומטענצלענדיק אויף די הינטערשטע צוויי פיס און גלעטנדיק מיט די פאָדערשטע לאַפּעס אירע הענט.

ליובאַ האָט דעם הונט מיט נערוועזע הענט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך.

— ניין, דער פּאַפּאַשאַ איז נאָך נישט צוריקגעקומען. זיי רויק! עס איז אים גאָרנישט געשען. — ער האָט אַרומגענומען דער מוטער און איר אַ קוש געטאָן. מאַמאַשקאַ, האָסט עפּעס גוטס צוגעגרייט אויף מיטאָג?

— איך גלויב, אַז אונדזער גאַסט וועט נישט אַוועק פון טיש קיין הונגעריקע, — האָט זי פונדעסטוועגן אַ שמייכל געטאָן.

שטייענדיק אין קאָרידאָר, האָבן זיי דערהערט ווי רינגען אויף אַ שטאַנג האָבן זיך צעקלונגען.

זיי זענען אַריין אין סאַלאָן און אָנגעטראָפן דבורהן שטיין ביים פענצטער אַ פאַרטראַכטע, מיטן פּנים צו דער גאַס. ביי זייער אַריינקומען האָט זי זיך אויסגע:דרייט צום סאַלאָן. איר געשטאַלט, איבערגעצויגן מיטן דינעם טיול פון דער פאָרהאַנג, האָט דערמאָנט אין אַ כלה אין אַ ווייסן וועלאָן.

דער הונט רעקס, האָט איבערגעריסן די שטילקייט. מיט אַ געברום איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויף דער טיר און גענומען גראַטשען די קליאַמקע מיט די נעגל.

מיט אַ צעשטרייטן בליק איז אַריינגעקומען ברונאָ קאָכאַנאָווסקי. ער האָט אַנידערגעוואָרפן דעם הוט אויף אַ פאָטעל, דער שטעקן מיטן באַזילבערטן הענטל איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. רעקס האָט דעם שטעקן געכאַפּט אין פּיסק אַריין און אים צוגעטראָגן זיין באַלעבאָס.

— אָ, ברונאָ! כ׳בין גליקלעך וואָס דו ביסט שוין דאָ! — האָט ליובאָ אים אַרומגענומען מיט ליבשאַפט.

ער איז מיט האַסטיקע טריט אַריין אין סאַלאָן. אָ רגע אָנגעקוקט מיט אַ מאָדנעם בליק די קונסט־בילדער אויף די ווענט. דערנאָך, באַמערקנדיק דבורהן, האָט ער עפּעס ווי אַ צאַפּל געטאָן... ער האָט זי באַגריסט מיט גלייכגילטיקייט און מיט נערוועזע באַוועגונגען.

דבורה האָט זיך געחידושט פאַרוואָס קאַכאַנאָווסקי פרעגט זי גאָרנישט.

ער האָט זיך נישט אַוועקגעזעצט, ווי תמיד, אויבן־אָן ביים טיש, נאָר אונטן, אויפן פּלאַץ פון דער דינסט, און ווישנדיק זיך דעם שווייס, האָט ער גערופן:

— מאַרישאַ! מאַרישאַ!

די דינסט איז אַריינגעקומען מיט צוויי צעפּלאָמטע באַקן. איבערן וועג האָט זי זיך אַריינגעשאַרצט די האָר אינעם געבלימלטן קאָפּטיכל און מיט הכנעה זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן באַלעבאָס.

— מאַרישאַ! — האָט קאַכאַנאָווסקי געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע. — לאָז אַלץ שטיין און נעם אַראָפּ אַלע בילדער פון די ווענט! איך וועל דיר העלפן איינפּאַקן און אַריבערפירן אויף אַן אַנדער אָרט. און דו, ליובאָ, פּאַק איין די צירונג! יורעק, אפשר האָסטו עפּעס ליגן אומלעגאַלע זאַכן, טראָג זיי גלייך אַרויס!

— וואָס איז געשען?!

— גאָרנישט, — האָט קאַכאַנאָווסקי אַרויסגעזיפצט, און זיך אויפגעגעשטעלט. — היינט דאַרף מען נישט ריידן, נאָר טאָן. שרעקט זיך נישט! פאַרלויפיק איז נאָך גאָרנישט געשען. אָבער מען דאַרף פונדעסטוועגן זיין זייער פאָרזיכטיק. קיין זיצונג וועט מען שוין ביי מיר נישט קענען אָפּהאַלטן.

— ברונאָ, דו שרעקסט דאָך מיך איבער! — האָט ליובאָ מיט אַ צאַפּל זיך דערנענטערט צו איר מאַן און אים אַרומגענומען. — זאָג מיר, וואָס איז געשען?

— אַ מסירה? — האָט יורעק אָנגעקוקט דעם פאָטער.

— קינדער, פייניקט מיך נישט! — האָט קאַכאַנאָווסקי גענומען שפּאַנען איבערן סאַלאָן. — האָט אַביסל דרך־ארץ וואָס אין אונדזער וווינונג געפינט זיך אַ געטאָ־קעמפערין! אונדזער שרעק איז דאָך ווי אַ טראָפּן אינעם ים לגבי דעם...

און אָפּשטעלנדיק זיך אינמיטן שפּאַנען ביי דבורהן, האָט ער געזאָגט:

— עס איז געווען אַ גוטער איינפאַל דיך אַדורכצופירן דורכן שפּיטאָל. דער אַדורכגאַנג דורכן אַלטשטאָטישן טונעל איז איצט נישט זיכער. נעכטן — האָט ער עפּעס געוואָלט דערציילן, און זיך צוריקגעכאַפּט.

דבורה איז געזעסן אַן איינגעקאָרטשעטע אויף אַ פאָטעל. זי האָט זיך איצט

געפּילט איבעריק אין דעם הויז, ווו זי איז געקומען זוכן שוץ. זי האָט אומדרייסט אויפגעהויבן אירע אויגן אויף קאָכאַנאָווסקין און געפרעגט:

— וואָס איז געשען נעכטן?

— זיי האָבן דעם אַרויסגאַנג פון טונעל באַהאָגלט מיט גראַנאַטן.

— עס איז ווער געפאַלן?

— כ׳ווייס נישט. מען זאָגט, אַז זיי האָבן זיך איבער אַ שעה אַרומגעיאָגט מיט אַ קעמפער. ער האָט זיי אָוועקגעשענקט אַלע קוילן פון צווייַ פּיסטאָלעטן. נאָר די לעצטע קויל, האָט ער איבערגעלאָזט פאַר זיך.

דבורה האָט זיך מיט אַ פינגער נערוועז געריבן אַ שלייף.

מאַרישאַ האָט אין איילעניש אַראָפּגענומען די בילדער. יורעק איז ווילד אַרומגעלאָפן איבער אַלע צימערן און צוזאַמענגעקליבן פאַרשטעקטע פּאַפּירן. ליובאַ האָט אַראָפּגעצויגן די צירונג פון זיך און עס פאַרפּאַקט צוזאַמען מיט די איבעריקע ווערטזאַכן. קאָכאַנאָווסקי, ווי ער וואָלט יונגער געוואָרן בשעת הסכנה, איז געקומען צולויפן פון רעקוויזיט־צימערל מיט בויגנס פּאַפּיר און מיט פּאַר־ביקע טואַלעטן אין די הענט.

דבורה האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— איך וועל העלפן פאַרפּאַקן.

— אויב דו האָסט געדולד.

קאָכאַנאָווסקי האָט דבורהן דערלאַנגט אַ בילד, מיט אַ טיפן טרויער אין די אויגן.

— דו זעסט דעם פּאָרטרעט? דאָס איז פון סטאַניסלאַוו לענץ. איין קלייני־קייט, ווער ווייסט ווו דאָס וועט אַהינקומען? און אָט איז אַ פּייזאַזש פון יוזעף כעלמאָינסקי. פוילן פאַרמאָגט נישט נאָך אַזאַ מייסטער, וואָס זאָל זיך קענען מיט אים פאַרגלייכן.

דבורה האָט באַטראַכט דעם פּייזאַזש. אַ פאַרגאַנגענע פרידלעכע וועלט איז אויפגעגאַנגען פאַר אירע אויגן. איר האַרץ איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט אַ קרענקונג.

— מען קען היינט גאָרנישט באַוווּנדערן, — האָט זי גערעדט, איינפּאַקנ־דיק דאָס בילד. — די שיינע קונסט ווערט דערטרונקען אין אַ ים בלוט. די קונסט האָט באַנקראָטירט, נישט זייענדיק ביכולת אויסצופיינערן דעם מענטשן. די ליטעראַטור האָט כאָטש אַ צונג, וואָס רעדט צום געוויסן. די מאָלעריי איז היינט שטום. כ׳האָב אַמאָל ליב געהאַט די פאַנטאַסטישע געשטאַלטן פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. פון אַלע געטער איז מיר פאַרבליבן אין זכרון בלויז דער נאָמען פון דער געטין טעמיס, וואָס פאַרקערפּערט די גערעכטיקייט.

— צו וועמען פירט מען דאָס איבער, ברונאָ? — האָט ליובאָ געפרעגט, צוקומענדיק צום טיש.

— צו יאַן וועגזשינסקי. ער האָט יאָרן לאַנג געשפּילט די ראָל פון מיראָ־פּאָלער צדיק.

— איך וויל נישט! — האָט זיך ליובאָ געבּרוגזט. — ער ווױנט הײנט איז אַ ייִדישער וווינונג.

— אויב דו ווילסט געפינען אַ פּאָליאַק וואָס איז הײנט אינגאַנצן כשר, קענסטו אים נאָר געפינען צווישן די אונטערערדלער.

— און דו ווילסט אַלץ נישט דערציילן, ברונאָ, ווער עס האָט אונדז אויס־געגעבן.

— באַרויִקט זיך, פּאַני קאַכאַנאָווסקאַ! איך שטויס זיך אָן, אַז איר וועט מוזן פאַרלאָזן די וווינונג. — האָט זיך דבורה אַרויסגערעדט.

— פאַרלאָזן די וווינונג? — האָט זיך ליובאָ אַרומגעקוקט מיט אַ ווילדן בליק.

— יאָ, ליובאָ! אַזוי איז עס. דו זעסט, אַז אַ מענטש וואָס לײדט, דערפילט גלײך — האָט קאַכאַנאָווסקי געזאָגט. — אוודאי איז לײכטער צו שפּילן אויף אַ בינע דעם אונטערערדישן קעמפער, ווי אין לעבן. אָבער איך גלויב, אַז כ׳בין גענוג שטאַרק אויסצוהאַלטן אַלע שווועריקייטן. אַ סצענע פון „גולם" — אײנ־געפּאַקט; „מירעלע אפרת" — געפּאַקט זאָל ווערן! סטרינדבערגס „דער פאָ־טער" — אײנגעפּאַקט; „קעניג עדיפּ" — פּאַקט ווײטער! „שײלאָק" — באַ־צאָלט ייִדן פאַרן פונט פלײש! — האָט קאַכאַנאָווסקי איראָניש געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מען האָט שוין לאַנג באַצאָלט, — האָט ליובאָ אַרויסגעזיפצט.

אינמיטן אײנפּאַקן איז דבורה געבליבן שטײן אַ פאַרגליווערטע, מיט אַ גרוי־סע פאָטאָגראַפיע אין האַנט. זי האָט באַטראַכט אַ סצענע פון „דיבוק". אַ לאַנגע, געקאַרבטע באָרד האָט פאַר אירע אויגן אַרויסגערופן דאָס געשטאַלט פון איר פאָטער.

„כ׳ווייס אַפילו נישט, צי דער בונקער עקזיסטירט נאָך?" — האָט זי גע־טראַכט. — כ׳בין דאָך ממש אַ פאַרברעכערין, וואָס כ׳האָב זיך נאָך נישט אַרײנ־געכאַפּט זען וואָס מײן פאָטער מאַכט. ער מוז אוודאי אויסגײן פאַר בענקשאַפט און שרעק. כ׳ווייס נישט צי מײן פאָטער פילט אַזוי ווי איך, אַז אַלע גערודפטע זענען הײנט געוואָרן אײן משפּחה".

פּלוצלינג האָבן זיך צעטראָגן קולות פון גאַס:

— די לעצטע נײַעס!

אַראָפּקוקנדיק האָט מען באַמערקט: די גאַסן אָנגעפּולט מיט מענטשן; אַ

צייטונגס־פּאַרקויפער פּאַכעט מיט אַ צייטונג אין דער לופטן. ער איז אַרומגע־רינגלט מיט אַ נייגעריקן המון. געשטאָפּאָווצעס, אויפגעשטעלטע אויף אָפענע אויטאָמאָבילן, פאָרן אַדורך מיט רעש. זייער פּאַרטויבנדיקער געטרובע צעיאָגט די מאַסע. ביי די קאָכאַנאָווסקיס ציטערן די שויבן.

דער פּאָטער מיטן זון ביים פענצטער דרייען אויס זייערע פּנימער צו דער שטוב און דערמאָנען מיט זייערע צעפּאָכעטע ווייעס, מענטשן אין אַ שוין־קעלער בעת אַ באָמבאַרדירונג.

— מאַרישאַ, לויף גיך אַראָפּ און כאַפּ אַ צייטונג!

און בעת זי איז צוריקגעקומען מיט דער צייטונג, האָבן אַלע שטוב־מענטשן געזוכט מיט שפּאַנונג די לעצטע נייעס. אַפילו מאַרישאַ, וואָס האָט נישט גע־קענט לייענען, האָט אויך אין דער צייטונג אַריינגעשטעקט די נאָז. „געכאַפּט דאָס געטאָ־מיידל מיט די בלאָנדע צעפּ, וואָס האָט אין געטאָ דערשאָסן...״ — האָט זיך אַ גרויסער צייטונגס־קאָפּ אַריינגעריסן אין אַלעמענס אויגן.

— געכאַפּט? — האָט דבורה זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעזעצט. — געכאַפּט דאָס קינד? — זענען אירע אויגן אָנגעפּולט געוואָרן מיט טרערן.

— נאָ, דאַרקע, אָט איז איר פּאָטאָגראַפּיע! — האָט יורעק אַרויסגערופן.

דבורה האָט זיך אויפגעשטעלט, געכאַפּט אַ בליק אויף דער פּאָטאָגראַפּיע און זיך צעלאַכט מיט טרערן אין די אויגן.

— איצט זעט איר ווי מען קען גלייבן זייערע קאָמוניקאַטן? עס איז דאָך גישט די קעמפערין מיט די בלאָנדע צעפּ. איך קען זי דאָך גוט.

אָבער באַלד האָט זיך דבורה אין עפּעס דערמאָנט און זיך גאַנץ פּאַוואָלינ־קע אַראָפּגעזעצט, בייסנדיק זיך אַ פינגער.

„און אויב דאָס איז נישט די קעמפערין מיט די בלאָנדע צעפּ, האָב איך געהאַט אַ רעכט צו לאַכן?״ — האָט זי אַלעמען אַרומגענומען מיט אַ פאַרשול־דיקטן בליק.

דערנאָך האָבן זיך אַלע ווידער גענומען צום איינפּאַקן די איבעריקע ווערט־זאַכן. יורעק האָט געהאַלטן אין איין טראָגן סטאַטועטקעס און צוזאַמענגעבונ־דענע העפטן, וואָס האָבן אַנטהאַלטן זיינע אוניווערסיטעט־לעקציעס.

ערשט ווען דער הונט רעקס האָט זיך צעוואָיעט, האָבן זיך די קאָכאַנאָוו־סקיס דערמאָנט, אַז די מיטאָג־שעה איז שוין לאַנג פאַרביי. און ליובאַ האָט מאַרישאַן געהייסן סערווירן דעם טיש.

ביים עסן האָט קאָכאַנאָווסקי געזאָגט:

— שרעק האָט אין זיך אַ גרויסן כוח: אַ נעגאַטיווער כוח איז דאָס, אָבער ער קען אַמאָל באַהערשן דעם שטאַרקסטן מענטשן. איצט, בעת כ׳האָב זיך שוין אַביסל באַרויקט, טראַכט איך, אַז אין מיטן העלן טאָג איז געפערלעך אַריבער־

צוטראָגן די זאַכן. און נאָך מער טראַכט איך, אַז דער מענטש איז נאַריש. וואָס וועט שוין זיין, אַז מיינע זאַכן וועלן אָפּגעראַטעוועט ווערן? זענען מיר דען דערמיט זיכער, אַז אונדזער לעבן...

אַלע האָבן קאָכאַנאָווסקין אָנגעקוקט מיט אַ מינע, ווי זיי וואָלטן אים יאָ און נישט פאַרשטאַנען.

— יורעק! — האָט ער אויסגערופן נאָך אַ ווײַלע שווײַגן. — ווען מיר וועלן אַריבערפירן די זאַכן, וועסטו זיך אָוועקזעצן בײַ דער פּיאַנאָ און עפּעס שפּילן, כדי אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די שכנים. קיינער פון זיי טאָר נישט דערשנאָפּן, וואָס דאָ קומט פאָר.

— איך וועל יורעקן קענען פאַרטרעטן בײַ דער פּיאַנאָ, — האָט דבורה שטיל געזאָגט, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך.

— אויב אַזוי, יורעק, וועלן מיר גלײַך נאָכמיטאָג זיך נעמען באַשעפטיקן מיטן געווער פאַרן געטאָ. ווי צעשטרייט איך זאָל נישט זײַן, דאַרקע, פאַרגעס איך נישט, אַז דער געטאָ וואַרט הײַנט מער ווי אַלעמאָל אויף אונדזער הילף.

דבורה האָט צוגעמאַכט די אויגן און עפּעס נאָכגעטראַכט. זי האָט אויפגעהערט עסן. דער ביסן איז איר געבליבן שטעקן אין דער קעל.

דערנאָך איז געבוירן געוואָרן אַ שטיל־שווײַגעניש, וואָס האָט אַלעמען געגנאָגט און געגנאַיעט, אָבער ס'איז יעדן איינעם שווער געווען עפּעס אויסצורײדן. פון צײַט־צו־צײַט האָט דבורה געוואָרפן אַ בליק צו יורעקן; זי האָט זיך דערמאָנט, ווי ערשט מיט געציילטע מינוטן צוריק, האָט ער זי דורכויס געוואָלט באַזאָרגן מיט אַ באַהעלטעניש און באַלד וועט ער גופא זיך מוזן אַרומבלאָנקען אין פאַרשטעקטע לעכער. זי האָט באַטראַכט דאָס איידעלע, גוטמוטיקע פּנים פון ליובען. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ ווײַנט אין איר.

פּלוצלינג האָט זיך קאָכאַנאָווסקי האַסטיק אויפגעכאַפּט פונעם טיש. ער האָט זיך לאַנג געווישט די ליפּן מיטן סערוועט. ער האָט פאַרריכטערט, געגומען שפּאַנען מיט אַ גיכערן טראָט ווי תמיד. באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסלאָזנדיק אַ וואָלקנדל רויך צוזאַמען מיט אַ זיפץ.

— קינדער, עס קען זײַן, אַז דאָס איז געווען אונדזער לעצטער מיטאָג אין דער וווינונג.

ליובען איז אַ וואַזע אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט.

— אָט וואָס עס איז געשען, — האָט קאָכאַנאָווסקי זיך געריבן דעם שטערן און לאַנגזאַם זיך צוריק אַראָפּגעזעצט. — הײַנט אינדערפרי האָב איך און אונדזער פּולקאָווניק סאָסנאָווסקי, געדאַרפט זיך צוזאַמענטרעפן מיט אַ פאַרשטייער פון דער „לאַנד־אַרמיי", מיטן מאַיאָר ראַדעצקי. מיר האָבן באַשטימט צו טרעפן זיך מיטן כוח פון מײַן שילערין, לידאָ קערינסקאָ, אין זײַן קאַבינעט. אין ערשטן מאָמענט איז ער צו אונדז געווען גאַנץ העפלעך און מיט אַ קאַלטבלוטיקייט פון

אַ מיליטער־מאַן אויסגעהערט אונדזערע אַרגומענטן. אָבער ווי־נאָר די פראַגע פון העלפן די געטאָ־קעמפּער איז אַרויפגעשווומען, האָט זיך דער מאַיאָר אויפגעכאַפּט אַן אַרויסגעפּלאַצט:

— די ייִדן, דאָס איז נישט אונדזער זאַך. זיי האָבן דאָס כשר פאַרדינט. מיר זענען די מערהייט פון פּוילישן פאָלק און מיר וועלן אונדזער שטעלונג צו די ייִדן נישט ענדערן. אויב מיר באַקעמפן דעם אָקופּאַנט, איז עס דערפאַר, ווייל מיר, פּוילישע פּאַטריאָטן, קענען נישט דולדן קיין פרעמדן באַלעבאָס אויף אונדזער ערד. אויב איר מיינט, אַז מיר וועלן זיך שלאָגן פאַר ייִדן און באַלשעוויקעס, האָט איר אַ גרויסן טעות. מיר וועלן זיך נישט מקריב זיין פאַר זייערע אידעען און באַפרייען דעם פּוילישן באָדן פאַר אַ צווייטן אָקופּאַנט.

איך בין אַן אויפגעברויזטער אויפגעשפּרונגען און מיט צאָרן אָפּגעוואָרפן זיינע אַרגומענטן. ער האָט מיר געענטפערט מיט אַן אייזיק־קאַלטער שטימע:

— מיט אייך, ברונאַ קאָכאַנאָווסקי, וויל איך בכלל נישט דיסקוטירן. איך האָב אייך אויפגענומען, ווייל אייער נאָמען האָט געגלאַנצט אַמאָל אין פּוילן. היינט זענט איר פאַר מיר נישט מער קיין משומד, וואָס וווינט מיט אַ ייִדישער אַקטריסע, נאָר אַ ייִד. איך וויל נישט באַשמוצן מיין מיליטערישע ערע מיט אַ מסירה. אָבער איר דאַרפט זיך גוט היטן. איך ווייס ווער עס איז אייער באַשיצערין — די טענצערין לידאַ קערינסקאַ, וואָס איז געווען אייערע אַ שילערין. נישט אמת, קאָכאַנאָווסקי? ראָט איך אייך, זיך צוריקציִען פון אייער אונטערערדישער אַרבעט, אויב נישט, וועט אייער נאָמען און נאָך מער, אייער זונס נאָמען אַ ליאַדע טאָג דערגיין צום געשטאַפּאָ־טיש.

— מיר וועלן זיך נאָך טרעפן! — האָב איך אויסגעשריגן פאַרן אַוועקגיין.

— און אויב איר וועט זיך נישט טרעפן מיט מיר, וועט איר זיך טרעפן מיט מיינעם אַן אידייען־ברודער, וואָס וועט אייך ענטפערן.

יורעק האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט נערוועז גענומען שפּאַנען. ער האָט זיך צוגעשטעלט צום שפּיגל און איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ שווייגנדיקער.

— אויב אַזוי, אויב אַ פאַשיסטישער מאַיאָר וויל דערשרעקן דעם ייִד אין מיר, איז מיין פּלאַץ פון היינט אָן נישט מער אויף דער אַרישער זייט, נאָר אין געטאָ, — האָט יורעק אָנטשלאָסן געזאָגט.

קאָכאַנאָווסקי האָט שווייגנדיק אָנגעקוקט זיין זון.

דבורה איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך, מיט די אויגן איינגעגעסן אין יורעקן.

ליובאַ האָט געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער. זי האָט געביסן די אויבערשטע ליפּ און אויף אירע אויסגעבלייכטע באַקן האָבן זיך געצייכנט נאַסע ליניעס פון טרערן.

מאַרישאַ האָט זיך איבערגעצלמט.

קאַפּיטל ניינצן

אין אַלטן בית־המדרש

איידער די נאַכט איז נאָך צוגעפאַלן, ערב־שקיעה, האָבן שוין מאַסן געטאָ־יידן, ווייבער און קינדער, גענומען שטראָמען צום אַלטן בית־המדרש.

דאָס געסל, וואָס האָט געפירט צום אַלטן בית־המדרש, איז מיטאַמאָל אָנגעשטאָפּט געוואָרן מיט גאַנצע מחנות נע־ונדניקעס, וואָס האָבן זיך, איינגעקאָרטשעטע פאַר קעלט און הונגער, אַרומגעבלאָנקעט פון חורבה צו חורבה; פון איין געטאָ־גרוב צום צווייטן.

דאָס זענען לרוב געווען אויסגעוואָרצלטע פּראָווינצער יידן, באַפּעקלטע און באַזעקלטע, אַז מ'האָט זיי אין גאַנג ממש נישט אַרויסגעזען די אַראָפּגעזונקענע קעפּ. באַהערשט נאָכאַנאַנד פון אימת־המוות, האָט זיי אַלע פּאַראייניקט עפּעס אַ משונהדיקער גאַנג. אַט האָבן זיי געשפּאַנט גאַנץ לאַנגזאַם, ווי די פיס זייערע וואָלטן זיי מער נישט געוואָלט טראָגן; און, באַלד האָט איין טראָט זייערער איינגעשלונגען עטלעכע שפּרייז מיטאַמאָל. זיי האָבן דערמאָנט אין פאַרפאַלגטע חיות אין אַן אומענדלעכן וואַלד, וואָס דערזעען אומאויפהערלעך אַ פייער אין די אויגן און דערהערן נאָכאַנאַנד קראַכנדיקע שאָסן.

אין פאָדער־הויז פונעם אַלטן בית־המדרש, זענען שוין ווי אין אַ הקדש, געזעסן און געלעגן אויף די גאַלע שטיינער, אַ היפּשע מחנה געטאָ־יידן, באַנאַנד מיט ווייבער און קינדער. דאָס געוויין פון הונגעריקע קינדער, דער געפּישטשע פון דריבנע עופהלעך, דאָס געשריי פון פרויען און דער געזיפץ פון מענער, האָט נאָר געריירט די שטיינער, וואָס האָבן זיך אין דער ענגשאַפט אַרויסגעגראָבן פון באָדן. די פּעקלעך און זעקלעך, וואָס זענען איצט געווען דאָס איינציקע „האָב און גוטס" פון די געררודפטע געטאָ־יידן, האָבן זיך כסדר געעפנט און פאַרמאַכט; געעפנט און פאַרמאַכט.

אין דער לופטן, איבער די מענטשן־קעפּ, האָבן דאָ אַרומגעשוועבט שטיקער „שימות" פון אַלטע ספרים, וואָס זענען אַמאָל, אין אַ רויקער צייט, געלעגן זאָרגפעליק איינגעזאַמלט אין אַ ווינקל פון לינקן פליגל ביים אַריינגאַנג. יעדער ייד, וואָס איז דאָ אַמאָל אַריינגעקומען אָפּדאַווענען שחרית אָדער מנחה־מעריב, פלעגט אויפקלייבן יעדעס ברעקעלע „שימות", אַ קוש טאָן, און מיט אַ הייליקן ציטער עס אַריינלייגן אין ווינקל. איצט האָט זיך קיינער אויף אַזעלכע הייליי־

קייטן נישט אומגעקוקט. אַלצדינג איז געווען צעריסן און צעפליקט — די הייליקייטן ווי דאָס וואָכעדיקע לעבן. מ׳האָט זיך דאָ געקריגט און געזידלט איבער יעדן קאַלטן שטיין, וואָס האָט געדאַרפט אויפנעמען כאָטש אַ צענדליק פאַרוואָגלטע קעפּ.

אינעווייניק, אינעם אַלטן בית־המדרש, איז די פאַרבלאָטיקטע הילצערנע פּאָדלאָגע שוין לאַנג געווען פאַרכאַפּט פון אַנדערע באָדנלאָזע אסורי־הגעטאָ, וואָס הגם יעדער האָט זיך געהאַט זיין באַזונדערע צורה און הלבשה, האָט די אומרו און שרעק אַלעמען צונויפגעגאָסן אין איין מוראדיק פּנים; אין איין איינגעבראָכענעם גוף, איינגעהילט אין בגדים, ביי וועלכע די פאַרשיידנפאַרביקייט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שוואַרץ.

דער באַלעמער איז געווען באַלאַגערט פון פרויען מיט קינדער אויף די הענט. טייל פּאַליצעס, בפרט די פון די אונטערשטע פאַכן, זענען כמעט געווען אויסגעליידיקט. די שויבן פון די אַכט בית־המדרש־פענצטער — אויסגעהאַקט און פאַרשטעלט מיט שוואַרצע לעדערנע און ווייסע לייוונטענע טאָוולען פון אַלטע גמראָס, חושן־משפטים און קבלה־ספרים. די גאָלד־ און זילבער־געליישטע אותיות האָבן, ווי אויגן פון געשענדעטע, אַריינגעקוקט אין בית־המדרש, וואָס איז איצט, אַנשטאָט מיט דברי־תורה, פול געווען מיט גראָבע רייד, זידל־ווערטער און קללות.

אין איינעם פון די עמוד־לייכטערס האָט געברענט אַ שטיקל פון אַ דיק יום־כיפּור־ליכט, וואָס האָט מיט אַ צאַנקענדיק פלעמל ערטערווייז באַהעלט דאָס אַש־גרויע מאַסן־בילד, אין וועלכן ס׳האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט, פאַרקנוילט און פאַרוועבט פאַרשיידנקאָליריקע אַרומגעפליקטע בערד מיט העלע און טונקעלע ווייבערישע קאָפּ־טיכלעך, שייטלעך, באַבעשע באַקרעלטע קופקעס און האַלב־אויפגעפלאָכטענע צעלאָזענע צעפּ פון מיידלעך — פאַרוויאַנעטע אין מיטן בליען. אַ געזשום פון כלערליי פאַרצווייפלטע און יאושדיקע קולות האָט אָנגעפילט די קאַלטע, מיט פאַרע־פאַרלאָפענער בית־המדרש לופט. דער געשריי פון די געפרוירענע פיס, וואָס האָט אומאויפהערלעך אַריינגעפּויקט אין דער קאַלטער פּאָדלאָגע, האָט געלעכצערט דעם שאַרבן. דאָ און דאָרט האָבן ייִדן און ווייבער זיך געפּאַטשט אונטער די פאַכוועס, בכדי זיך צו דערוואַרעמען די פאַרטייעטע פינגער.

מיטן אָנפאַל פון דער נאַכט איז די בית־המדרש פּאָדלאָגע געוואָרן צו־ווייניק; און די מענטשישע רמ״ח אברים — צופיל. בעת די גופים האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, האָבן זיך אויפגעהויבן מחלוקתן. יעדער גערודפטער, וואָס האָט דאָ אין דער ענגשאַפט געפרווט אָוועקלייגן דעם קאָפּ, האָט זיך גענומען אַרומוואַרפן מיטן צווייטנס הענט־און־פיס.

דער אָרון־קודש איז געווען אויפגעפּראַלט. במקום ספרי־תורות, זענען איצט אינעם חלל געלעגן פאַרבלאָטיקטע, אַרומגעטאָרעטע פּעקלעך פון די אויס־געוואָרצלטע, וואָס האָבן זיך אויסגעבעט אויף די שטיגעלעך. דאָ אַ קאָפּ; דאָרט — הענט־און־פיס. די בית־המדרש־טישן זענען געלעגן איבערגעדרייטע מיט די פיס אין דער הויך. אינעווייניק האָבן זיך יעדן איינגעאָרדנט זייערע געלעגערס. די טישן־פיס זענען געווען באַהאַנגען מיט טאָרבעס און זעקלעך. דאָס וואַסער אין כיור איז געווען געפרוירן. אַ צאַפּן אייז האָט געשטעקט אין כיור־שנאָבל. ס׳האָט פון אים געקאַפּעט אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ, וואָס האָט אַריינגעהילכט אין דער בלעך אַריין, און דערמאָנט אין טרערן וואָס וויינען אויפן קול.

פון דער קאַלטער פּאָדלאָגע האָבן זיך צעטראָגן מענער־קולות:

— דערבאַרעם זיך, בעריש, קאָרטשע איין דעם לינקן פוס! כ׳האָב דאָך בישט ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ.

— וואָס ווילסטו פון מיין געמיט? ווי קען איך נאָך מער איינקאָרטשען דעם פוס? כ׳בין דאָך שוין איינגעקאָרטשעט ווי אַ שלאַנג. מ׳קען דאָך שוין אויף מיר טרעטן.

— נעם צו דעם שטיוול! דיין פּאָדקאָווע לעכערט דאָך מיר דעם שאַרבן.

— וואָס אַרט דיך, אַז כ׳האָב אַ שטיקל קישעלע? פאַרגין מיר דעם נחת! דער שטיוול איז דאָך האַרט ווי אַ שטיין, נאַס און קאַלט ווי אייז.

— נעם צו די רעכטע האַנט און לייג זי אויפן בויך! כ׳דאַרף דאָך האָבן די שפּאַרע אַריינצופּאַסן אַ פוס.

— און דו, יונגאַטש, וועסט אַזוי ליגן צעלייגט ווי ביים טאַטן אין וויינ־גאָרטן! לייג דיך אויף אַ זייט, אַז ס׳זאָל נאָך ווער קענען אַוועקלייגן ס׳פּעקל ביינער. ער צעלייגט זיך אַזוי ברייטלעך אויפן רוקן, ווי ער וואָלט ביים בורא־עולם געווען איינאונאיינציקער קרבן־עולה.

אַ פרוי אויף די באַלעמער־שטיגלעך, וואָס האָט איינגעטוליעט אַ וויינענ־דיק קינד, אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס, האָט מיט אַ געבראָכענער שטימע אַרויסגעוויינט:

— מיין מאַמע, זאָל זיין אָפּגעשיידט, פלעגט זאָגן, אַז ביינאַכט, ווען דער מענטש שלאָפט איין, גייט די נשמה אַרויף אין הימל אַריין. אינדערפרי קומט זי צוריק אַראָפּ. בעט איך דיך, גאָטעניו, אַז דו זאָלסט מיר מאָרגן מער נישט אַראָפּשיקן די נשמה! האַלט זי אויבן! כ׳בין דיר זי מוחל! אַז דו קענסט דאָס אַלצדינג צוזען און שווייגן. צו וואָס דאַרף איך דיין נשמה, אַז כ׳זאָל מיך ווידער דאַרפן אַרומפּלאָגן און אַרומיאָגן מיטן עופהלע אויף דער האַנט. מיין קינדס נשמהלע קענסטן דיר אויך אויבן האַלטן! ס׳איז מיר ליבער, אַז די רוצחים זאָלן

ביי מיר געפינען אַ טויט גופל ווי אַ לעבעדיק קינד, כ׳וועל מאַכן אַ געוואַלד! דו הערסט, רבונו של עולם, שיק אונדז נישט צוריק די נשמות!

אַ קאָפּ האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט זיך גלייך צוריק אַראָפּגעלאָזט מיט אַזאַ געפּויק, אַקוראַט ווי ס׳וואָלט פון ערגעץ־ווו געפאַלן אַ שווערער שטיין.

אינדרויסן אין בית־המדרש־געסל איז שוין געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. אַ קאַלטער שניידיקער ווינט האָט אַריינגעפּיפן דורך די אָפענע פענצטער־שפּאַרונעס. אַ שוואַרצע קראָ איז פאַרבייגעפלויגן. איר געקראַקע האָט דערמאָנט די שיינע שפּילעוודיקע קינדער־יאָרן פון אַמאָל און דעם שוידער פון היינט. דער נאַכטישער ווינטער־הימל איז געווען אויסגעוועבט מיט אַלפאַרמיקע וואָלקן־סקאַלעס. איבער זייערע שניי־ווייסע קרוינען־קעפּ, האָבן זיך געקרויזט טונקעלע שאָטנדיקע כמאַרעס, ענלעך צו פּאַסמעס רויך, וואָס קנוילן זיך אַרויס פון אי־נערלעך־ברענענדיקע חורבות. אַ מענגע קליינע וואָלקנדלעך, פאַרמירט ווי שוואַרץ ווייסע געקרייזלטע שאָף, די העלדזער באַצירט מיט אַ זילבער שטערנדל, האָבן, ווי דורשטיקע שעפעלעך צו אַ קוואַל, געצויגן צו דער לבנה, וועמענס פּנים, פאַרצויגן מיט אַ שוואַכן שלייער, איז געווען אויסגעקרומט און קנאַכיק ווי אַן אויסגעגראָבענע סקעלעטן־מאַסקע.

ביים אומגעהייצטן אויוון איז אויף אַ זעקל שמאַטעס געזעסן דער ייִד מיט דער לאַמטערנע. לעבן אים — דער פּאָעט מנחם מרגליות. די לאַמטערנע האָט געברענט ווי אַ נר־תמיד, פאַרשפּרייט אַ בלוילעך ליכט, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף די פּנימער פון די אַרומיקע זקנים, למדנישע ייִדן און חסידישע ייִנגלייט, וועמענס גופים האָבן זיך פאַרלוירן אין דער טונקלקייט. אַ ייִד מיט אַן אַסקעטיש פּנים, אין אַ פּאַצעטישן קאַפּעליוש אויף אַ סאַמעטן קאַפּל, איז געזעסן מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז איבער די אַלטע פאַרגעלבטע קבלה־בלעטער פון „ספר הקנה". זיין קאָפּ האָט זיך געשאָקלט, אָבער זיינע ליפּן זענען געווען געשלאָסן.

די ייִדן אַרום דעם אויוון האָבן געשוויגן מיט אַ שווייגעניש, ענלעך צו דער טיפער זיבן־טאָגיקער און זיבן־נאַכטיקער אַנטשוויגנקייט פון איובס דריי פריינד, וואָס זענען אים געקומען אויסדריקן רחמנות און טרייסט. די אַנטשוויגענע ייִדן ביים אויוון, קעגנאיבער דער געוואַלטיקער בהלה דאָ, האָבן געווירקט ווי מענטשן פון אַ העכערער וועלט וואָלטן אַראָפּגעקומען זיך איינקוקן אין דעם מאַסן־בילד; איינהאָרכן זיך אין די קולות, וואָס טייל בעטן און אַנדערע קריגן זיך מיט גאָט, פאַרשילטן דעם טאָג פון זייער געבוירן־ווערן.

בעת די מחלוקת האָבן זיך אויף אַ רגע איינגעשטילט, האָט זיך מנחם מרגליותן אויסגעדאַכט, אַז דאָס אַרומיקע בילד איז געמאָלן אויף אַ גרויסער ברייטער לייוונט און די גאַנצע גיהנום־אָפּטיילונג דאָ, איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ חזיון פון אַ פאַרבן־מייסטער, וואָס האָט אַ שוואַכקייט צו שוידערלעכע,

שוואַרצע דאַנטעשע סצענעס; צו גרויסע מאַסן־בילדער פון שאָטנס, באַלויכטן מיט אַ פלעמל, ווי אין אַ שוואַרצן ים וואָלט זיך אָפּגעשפּיגלט אַן איינאיינציק שטערנדל. ר'האָט דערזען ווי די ווענט זענען פול מיט שאָטנס פון כלערליי געשטאַלטן. דער סופיט זעט אין זיינע אויגן אויס ממש ווי אַ טייך — שפּיגלט אָפּ אַלצדינג וואָס באַוועגט זיך אָדער ליגט פאַרגליווערט אויף דער פּאָדלאָגע. אָט שטאַרט אַ פאַרקראַמפּט קינדער־הענטל אַרויס פון אַ קוישל; אָט רייסט זיך אַ קניפּל פון אַ ווייבעריש קאָפּ־טיכל אַריין אין אַ זקנס באָרד. אַן אויפגעפלאָכטענער צאָפּ פון אַ יונג מיידל ליגט ווי אַ שלאַנג אויפן פאַרמעט־פּנים פון אַ זקנה, דער גאַנצער אַרום איז פול מיט שאָטנס פון קעפּ, גלייך ווי אויף די ווענט און סופיט וואָלט זיך אָפּגעשאָטנט אַ געעפנט מאַסן־קבר.

מרגליות האָט אַ שווערן זיפץ־געטאָן און באַמערקט ווי אַ ייִד מיט אַ פּאָר געשפּאָלטענע ברילן־גלעזלעך איבער די אויגן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים עמוד, און ביים שיין פון יום־כיפור־ליכט, נייט ער עפּעס אַ ווייס געוואַנד. אָט ציט ער אַרויס אַ לאַנגן ווייסן פאָדעם. זיין שאָטן אויף דער וואַנט האַלט צווישן די פינגער אַ נאָדל־פינגערהוט און נייט מיט...

מרגליות האָט מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן אָנגעקוקט דעם ייִד מיט דער לאַמטערנע.

— וואָס נייט ער דאָרט?!

— ער נייט מסתמא פאַר זיך תכריכים — האָט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע שטיל געזאָגט. — ער וועט זיך אַוודאי די תכריכים אָנטאָן אויפן לייב און זיין הרייט. כ'האָב אויף דעם שניידערל גרויס רחמנות. כ'בין מסופק צי זיין נשמה וועט אויסגיין אין דעם ריינעם ווייסן געוואַנד?

מרגליות האָט איז זיך אַריינגעשלונגען אַ שווערן זיפץ. זיין צעהיצטער שטערן איז פאַוואָלינקע אַראָפּגעזונקען צום קאַלטן הענטל פון זיין שטעקן. זיינע ליפּן האָבן עפּעס געפּליסטערט. דעם קאָפּ זיינעם האָט ער אַמאָל פאַרוואָרפן אויף רעכטס, אַמאָל אויף לינקס.

— איר זענט זיך חלילה מייאש, מנחם? גראָד איר, וואָס אייער נאָמען איז טרייסט? — האָט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע אויפגעהויבן זיין נר־תמיד און באַלויכטן דעם פּאָעטס אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ. — אייער נאָמען באַטרעפט גענוי אַזויפיל ווי דאָס וואָרט „צמח". ציילט איבער וועט איר אָנטרעפן דעם מספר פון קל"ח: קדושה, לב, חיים. נו, אויב איר זענט ווידער „צמח", די שפּראָצונג פאַרן עתיד, טאָ ווי קענט איר זיך איינברעכן?

— איינברעכן? — האָט מרגליות זיך געוואָרפן דעם האַלדז און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — דער גוף מוז זיך איינברעכן. מיינע אויגן זענען דאָך שוין באַלד אויסגערונען געוואָרן פון קוקן אויף גיהנום־בילדער, וואָס איינס איז שווי־

דערלעכער ווי דאָס אַנדערע. מיין מוח גופא איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום־אָפּטיילונג. ס׳זשומעט, ס׳רוישט, ס׳שוריעט, ס׳גרילצט. ס׳שוועבן אין מיין מוח אַרום מלאכי־חבלה, וואָס קענען זיך גאָרנישט אָנזעטיקן מיט אונדזערע צרות. אַלץ וואָס מיט אונדז געשעט איז זיי ווייניק. זיי האָבן פאַר אונדז צוגע־גרייט אַ תהום אָן אַן אָפּגרונט. מיר האָבן פאַרלוירן דעם באַגריף פון צייט. מיר האָבן אויפגעהערט צו געדענקען די נעמען פון די טעג. צו וואָס ברויכט מען איצט נעמען פון טעג; בשעת זיי ווערן אַלע פאַר אונדז געבוירן ווי שלאַנגען, וואָס וויקלען זיך אַרום אונדזערע העלדזער און נאַגן אויס אונדזערע לעצטע בלוט־טראָפּנס. גלייבט מיר, אַז מיינע לעצטע כוחות פאַרלאָזן מיך. אַזוי ווי אייגער שטייט פאַר אַ פינצטערער וואַנט, שטיי איך שוין ווידער ביי דער אַלטער סתירה, וואָס איז געקניפּט און געבונדן מיטן טיפן רעטעניש פון דער וועלט: גאָט איז דאָך כולו טוב, ער איז דער קוואַל פון ליכט, ער איז דער „כל״ פון דער וועלט, אַלץ עקזיסטירט נאָר אין אים, און חוץ אים קען קיין שום זאַך נישט עקזיסטירן —טאָ ווי אַזוי־זשע איז צו דערקלערן די מאַכט פון רשעות און שנאה, פון די פינצטערע כוחות, וואָס געוועלטיקן אין דער וועלט? גאָט איז דאָך בלויז גע־רעכטיקייט — און איינגעטונקט אין בלוט, שמוץ, ברידער־מאָרד איז די וועלט.

דער בעל־מקובל, וואָס איז געזעסן מיטן פאַרגרעסער־גלאָז איבערן „ספר־הקנה״, האָט אַרויסגענומען זיינע שאַרפע גליִענדיקע אויגן פון די פאַרגעלבטע בלעטער, געוואָרפן אַ פינצטערן בליק פול מיט רוגזה אויפן פּאָעט, און מיט אַ געבייזער אַ זאָג געטאָן:

— אַפּיקורסים! מחלל השמניקעס! זיי האָבן די העזה דעם בורא־עולם צו שטעלן שאלות.

—גוט, גוט! איר זענט טאַקע גערעכט. — האָט דער ייִד מיט דער לאָמטערנע ליכט באַרירט דעם בעל־מקובלס אַקסל. — אָבער דער ייִד — האָט ער אָנגעוויזן אויף מנחם מרגליותן — איז נישט קיין אפּיקורס. ער איז אַ גרויסער משורר. ער האָט אַמאָל געזונגען ווי ר׳ יהודה הלוי בשעתו. איצט וויינט ער. אָבער ער וועט ווידער זינגען.

אָבער דער בעל־מקובל האָט זיך נישט צוגעהערט צו קיינעמס רייד. ער האָט זיך ווילד און התלהבותדיק צעשאָקלט, און מיט פאַרמאַכטע אויגן ווידער געגנו־מען רעדן, גלייך ווי ער וואָלט געשפּריצט מיט פייער.

— מענטשן ווייסן נישט וויפל גילגולים נשמות האָבן אויסצושטיין. וויפל באַקעטע נשמות ס׳בלאָנדזשען אַרום אויף דער וועלט און ווערן נישט צוגעלאָזט צום פּאַלאַץ פון מלך־העולם; מענטשן ווייסן נישט וויפל וועלטן ס׳ווערן דערביי חרוב און וויפל וועלטן פאַרבאָרגענע ניסים ס׳געשען ביים חורבן פון יעדער וועלט; זיי ווייסן נישט און זעען נישט, וויפל נשמות ווערן געשליידערט ווי די שטיינער וואָס ווערן פונעם „כף־הקלע״ געוואָרפן.

אָבער די גערעכטע און געלייטערטע נשמות דערהייבן זיך פריי און אומ־געשטערט אין די עולמות העליונים, ווו אין איינעם פון די פאַרבאָרגענע ווינק־לען פון די העכסטע הימלישע ספערן געפינט זיך אַ פּאַלאַץ, וואָס ווערט גערופן דער היכל פון ליבע. דאָרט קומען פאַר די טיפסטע סודות... דאָרט פאַרזאַמלען זיך אַלע די נשמות, וואָס זענען געליבט פון מלך־המלכים; דאָרט רוט דער הקב״ה אַליין און אַלע הייליקע נשמות, און דער רבונו־של־עולם גיסט זיך צוניוף מיט זיי אין „אַ קוש פון ליבע" — — —

גראָד אין דער רגע בשעת דער בעל־מקובל האָט אַרויסגערעדט „נשיקין דרחימו" האָט זיך פון דער פּאַדלאָגע אויפגעהויבן אַ פעסט־געבויטער, ברייט־בייניקער, מגושמדיקער ייִד, אַ פּראָווינצער פישער, ביי וועמען דער געטאָ־הונגער האָט נאָך נישט געהאַט אויסגעדזשאָביעט דאָס גאַנצע פלייש פון פנים, און ער האָט זיך מיט אַ געזונט קול צעשריגן:

— שניידערוק, פאַרלעש דאָס ליכט! הער מיר אויף צו נייען די סויוועס! לאָז מענטשן אַן אויג צו־טאָן! ווען כ׳וואָלט נישט געברויכט צו קריכן אויף קעפּ, וואָלט איך שוין דאָס ליכט לאַנג געהאַט פאַרלאָשן. פינצטער זאָל זיין, אַזוי ווי עס איז אויף אונדזערע הערצער.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — האָט זיך דאָס שניידערל געבעטן. — ס׳איז דען מיין ליכט? כ׳ווייס אַפילו נישט ווער עס האָט עס אָנגעצונדן.

דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט אַן איינגעדאַרט און איינגעקוואַרט ייִדל מיט אַ טאָרבע אויפן אַקסל, און האָט מיט אַ וויינענדיקער שטימע געבעטן:

— זאָל קיינער נישט וואַגן צו פאַרלעשן דאָס ליכט! ס׳איז אַ יאָרצייט־ליכט; כ׳האָב פון גאַנצן האָב־און־גוטס נישט מער אַרויסגענומען פון מיין קלייטל ווי אָט דאָס ליכט, אַז כ׳זאָל קענען האַלטן, אַפילו ווען כ׳וועל זיך געפינען אין אַ גרוב, מיין מאַמעס יאָרצייט. פאַרלעשן זאָל מען בעסער אונדזערע שונאימס לעבן! אָבער רירט נישט מיין יאָרצייט־ליכט!

— יאָרצייט, הערסטו — האָט דער פּראָווינצער פישער אויפסניי גענומען טומלען. — ווער געדענקט היינט אין אַ יאָרצייט? ווייסטו מ׳דאַרף דאָך איצט אָנצינדן יאָרצייט־ליכט נאָך גאַנצע אומגעקומענע ייִדישע שטעט; לעש אויס דאָס ליכט!

— כ׳וועל עס אַרומשטעלן מיט טאָוולען פון גמראָס — האָט זיך דאָס איינגעדאַרטע ייִדל ווידער געבעטן. — כ׳ווייס נישט וועמען אַזאַ קליין פלעמל קען שטערן. ייִדן, האָט רחמנות, לאָזט עס שוין אויסברענען! ס׳האָט דאָך נאָך צו לעבן געציילטע רגעס.

פון באַלעמער האָט זיך דערטראָגן אַ פרויען־קול:

— האַרציקע מענטשן, שטעלט נישט אַרום קיין טאָוולען אַרום דעם ליכט! ס׳קען דאָך חלילה אויסברעכן אַ שרפה.

— אַ שרפה?! — האָט זיך אַן איינגעדרימלטע ייִדענע אויפגעכאַפּט מיט אַ געוואַלד. — וווּ איז אַ שרפה? וווּ לויפט מען? וווּ האָב איך די קינדער?

צענדליקער קעפּ פון מענער און פרויען האָבן זיך אויפגעריסן פון די געלע־געֿרס און איבערגעשראָקענע זיך אַרומגעקוקט... אַלע האָבן גענומען רעדן מיט־אַמאָל.

אַ פרוי אויף די ארון־הקודש־שטיגעלעך האָט אַלעמען איבערגעשריגן:

— ייִדן, האָט גאָט אין האַרצן און פאַרלעשט דאָס ליכט! מ׳קען חלילה צו אונדז אַריינשיסן. האָט רחמנות אויף אונדזערע יונגע שוואַלבן, האָט איר כאָטש רחמנות!

— לאָזט מיך צו צום עמוד, וועל איך שוין מאַכן אַ סוף! — האָט זיך דער פּראָווינצער פישער אַ טרייסל־געטאָן און גענומען שפּרייזן איבער הענט און פיס.

באַלד ביים ערשטן טראָט האָט ער אויף זיין פּנים דערפילט דעם אָפּשיין פון אַ לאַמטערנע.

— לעשט נישט אויס דאָס יאָרצייט־ליכט! — האָט זיך געהערט די שטימע פונעם ייִד מיט דער לאַמטערנע. אַ ליכט איז געגליכן צו אַ נשמה... אַזוי גוט ווי אַ נשמה האָט דריי מדרגות, אַזוי האָט אַ ליכט דריי באַזונדערע טיילן. קוקט אייך איין אין פלאַם פון דעם ברענענדיקן ליכט! דער אויבערשטער, העל־ווייסער פלאַם, ציט זיך אַרויף אין דער הייך, דער טונקל־בלויער אינדערמיט, ציט ווי־דער אַראָפּ צום ברענענדיקן שטאָף, צום חלב... דער אויבערשטער העל־ווייסער פלאַם, איז די נשמה, וואָס ציט אַרויף אין די הימלען... לעשט נישט! פאַרלעשט נישט!

פּלוצלינג האָט זיך אַן אַכט־יעריק אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן ייִנגל, אויפ־געכאַפּט פון דער פּאָדלאָגע, און ווי אַ הינטל אויף אַלע פיר, האָט ער גענומען לאַנגזאַם צוקריכן צו דער טיר. זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן, האָבן געקוקט מיט שרעק צי זיין שלאָפנדיקע מאַמע וועקט זיך נישט איבער. זיין פאַרשמאַכטע ליפּעלעך האָבן עפּעס געמורמלט, גלייך ווי ער וואָלט זיך מיט דער מוטער גע־זעגנט. באַנעמענדיק מיט זיין שאַרפן חוש, וואָס איז אַריבערגעוואַקסן זיין על־טער, אַז ער איז נישט זיכער צי ער וועט צוריקקומען אַ לעבעדיקער...

אָבער די מוטער האָט גלייך דערפילט אַ קאַלטן ווינט אַרום איר רעכטן אָרעם, וווּ דאָס ייִנגל איז געלעגן. זי האָט אויפגעריסן איר קאָפּ מיט אַ שרעק־לעכן צאַפּל און האָט אַ געשריי־געטאָן:

— וווּ גייסטו, יאַנקעלע? ווייסטו ס׳איז דאָך שוין נאָך דער פּאָליציי־שעה...

— זאָל מען מיך דערשיסן! —האָט דאָס ייִנגל געענטפערט וויינענדיק, ליגנ־

דיק אַזוי אויף אַלע פיר ווי אַ הינטל מיט אַ פּאַרבלאָטיקטער פּעל. — ס׳איז מיר אַלץ איינס... דער הונגער לאָזט מיך סיי־ווי נישט דערליגן... ס׳זענען פאַראַן נאָך בעטלער־יינגלעך אין גאַס. לאָז מיך גיין, מאַמע! וועסט זען כ׳וועל דיר ברענגען אַ שטיקל ברויט... כ׳וועל צו די פענצטער אַרויפשרייען: ס. אָ. ס.! כ׳וועל אַרויפזינגען אַ געטאָ־ליד; כ׳וועל קלאַפּן אין די טירן מיט אַ געוויין.

— דאָ ליג! — האָט די מוטער געמאַכט אַ געוואַלד. — איידער אַ רוצח זאָל דיך אַוועקלייגן אינמיטן דער גאַס, טאָ שטאַרב בעסער ביי מיין רעכטן אָרעם! וועט כאָטש דער שונא נישט לאַכן נאָר איך וועל באַווייַנען דיינע יונגע יאָרן... שוין זאָלסטו צוריק אַהערגיין אויף דיין אָרט יאַנקעלע! יאַנקל... יאַנ... מ׳קען דיך חלילה אין גאַס דערשיסן...

דאָס יינגל איז מיט איין שפּרונג פאַרשוואונדן אין דער נאַכט אַריין...

די מוטער האָט אַ פאַרצאַפּלטע צוריק אַנידערגעוואָרפן איר קאָפּ אויפן פעקל שמאַטעס און האָט הויך אויפן קול געגומען כליפּען...

ס׳איז אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן...

— טאָ ברעכט אייך נישט איין! — האָט מרגליות אַ שאַרף־געטאָן צום ייד מיט דער לאַמטערנע. — אָ, ווען איך וואָלט געקענט דערגיין צו דער גאַנצקייט פון יהודה הלויס נשמה.

— דאַרפט איר זיך דאָך טאַקע אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל פון יהודה הלוי, — האָט דער ייד מיט דער לאַמטערנע געזאָגט. — אָבער נישט רעדן וועגן איינברעכן זיך. איר האָט דאָך נישט געמוזט קומען דאָ אַהער נעכטיקן. אויפן בוידעם איז דאָך אייך געווען בעסער... איר האָט דאָך דאָרט געהאַט אייערע חסידים, וואָס האָבן אייך מיט דרך־ארץ צוגעטראָגן דעם לעצטן ביסן.

— נו, איז מיר דער ביסן באַקומען? — האָט מרגליות מיט ביידע הענט זיך געגומען קראַצן דעם שאַרבן. — דאָס דערמאָנט מיך...

— גענוג, גענוג! — האָט זיך אַ קאָפּ פון אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן אַרויסגעוויקלט פון אַ ווייבערישער פּאַטשיילע און זיך צעשריִען. — האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַ באַנדע מגידים ביים אויוון און רעדן מיר וועגן גאָט... ווו איז ער אונדזער אל רחום וחנון? איר זעט דאָך, אַז מ׳ברענט אונדז און מ׳בראָט אונדז פאַר גאָרנישט און פאַר ווידער נישט און קיינער נעמט זיך פאַר אונדז נישט אָן. ווען ס׳וואָלט געווען אַ גאָט וואָלט ער דאָך געברענגט אַ מבול און אַלץ אַוועקגעשווענקט. געוואַלד, געוואַלד! לעב מיט אַכצן דעקאָ ברויט אַ טאָג און גיי נאָך פאַר זיי אַרבעטן אין די שאָפּן. כ׳וועל מיר אָפּבייסן די פינגער, אַז כ׳זאָל פאַר זיי נישט דאַרפן אַרבעטן. זיי וועלן אונדז סיי־ווי אַלע אַרויספירן צום אומשלאַגס־פּלאַץ, ווי שאָף צום שעכט־הויז.

ביי די ווערטער איז דאָס יאָרצייט־ליכט אויסגעגאַנגען. אַ דין שטרייפל

שוואַרץ־בלויער רויך, וואָס האָט איבערגעלאָזט אין דער לופט אַ ריח פון אָנגע־זענקטע פעדים און פון צעטאָפּיעטן חלב, האָט זיך געקרייזלט אַרום דעם עמוד. דאָס איינגעשטילטע מאַסן־בילד איז געוואָרן איינגעהילט אין חשכות. די לאַמ־טערנע ביים אויוון האָט אַרויסגעשיינט ווי אַן איינאיינציקער ליכט־פלעק אין אַ שוואַרצן וואַלד, באַגלייט מיט אונטערגעזענקטע ביימער, אָפּגעריסענע פון די שטאַמען.

— קוים פּטור געוואָרן פון יאָרצייט־ליכט. איצט דאַרף מען זיך וואַשן צום ייִד מיט דער לאַמטערנע. — האָט דאָ ווער אַ בורטשע געטאָן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין אַ פּויערישן באַראַנקאַווע צאַפּעק איבער די אויערן, און זיך אַרומגע־קוקט מיט אַ פּאָר בלינצלדיקע אויגן.

— מסתמא אַ משוגענער. — האָט אים זיין שכן געענטפערט און האָט זיך מיט ביידע הענט געגומען רייבן די געפרווירענע קניִען. — פון וואַנען נעמט אַזאַ ייִד ליכט צו זיין לאַמטערנע?

— איר וועט זען אַז ער וועט טענהנען, אַז ס'איז אויך אַ יאָרצייט־ליכט.

— יאָ, יאָ! ס'איז טאַקע אַ יאָרצייט־ליכט נאָך ביידע חורבונות; נאָך ביידע חרוב־געוואָרענע בתי־מקדשים, און נאָך אַלע נשמות, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם, זינט מ'האָט אונדז פאַרטריבן אין גלות אַריין. — האָט זיך געהערט די שטימע פונעם ייִד מיט דער לאַמטערנע.

— אָבער גענוג שוין! לעשט אויס אייער ליכט! — האָבן זיך געהערט קולות.

— דערלאַנגט אים אַ שטיוול מיט פּאַדקאָוועס אין קאָפּ אַריין!

— דרך־ארץ, דרך־ארץ! — האָט מרגליות אויסגעשריגן. — איר זענט דאָך אַדלערס, אָבער נישט חלילה קיין פלעדערמייז, וואָס האָבן אַזוי מורא פאַר ליכט. און אויב די לאַמטערנע וועט זיין אויסגעלאָשן וועט איר דען בעסער שלאָפן? נישט דאָס ליכט לאָזט אייך נישט שלאָפן, נאָר די מוראדיקע פינצ־טערניש.

— לאָזט זיי, לאָזט זיי! — האָט דער בעל־מקובל געזאָגט. — וואָס זענען זיי נעבעך שולדיק? דער נסיון קומט זיי אָן שווער. מיר געפינען זיך אָבער נאָך נישט אויפן לעצטן שטאַפּל. דער אָפּגרונט איז פיל טיפער און שרעקלעכער ווי די בית־המדרש־פּאַדלאָגע. גייט זאָגט זיי: אין שפע יורד מלמעלה אלא אם קודמת לו התעוררות מלמטה, אַז אָן די מיטווירקונג פון דער מענטשעלעכער דערהויבנ־קייט קאָן גאָטס חסד זיך נישט אַנטפּלעקן.

— אַ ייִד פון פאַדערהויז האָט מיט אַ פויסט געגומען אַריינפּויקן אין דער בית־המדרש־טיר.

— ייִדן, דערבאַרעמט אייך און שווייגט! מ'הערט טריט פון מיליטערישע שטיוול... מ'גייט...

דער אָטעם איז ביי דער גאַנצער עדה יידן, ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן. די אַנטשווייגנקייט האָט עפּעס אין זיך געהאַט אַן אימת־המותדיק ווידערקול. קעפּ האָבן זיך אויפגעריסן פון די געלעגערס און זענען געבליבן הענגען אין דער לופטן מיט אָפענע מיילער, אויסגעגלאָצטע אויגן און אָנגעשפּיצטע אויערן.

— איך וויל אייך עפּעס דערציילן, מנחם מרגליותן! — האָט דער ייד מיט דער לאַמטערנע דער ערשטער געלאָזט הערן זיין געדעמפּט קול.

— אדרבא, דערציילט טאַקע עפּעס, אַז ס׳האַרץ זאָל זיך באַרויִקן. פירט מיך אַריין אין אַן אַנדער וועלט! כ׳קען דאָ מער נישט אָטעמען. כ׳וואָלט געדאַרפט צוגיין צום כיור אָפּברעכן אַ שטיקל אייז און זיך איינרייבן די שלייפן. אָבער גייט און קריכט איבער מענטשן־קעפּ.

— האָרכט זיך איין, מנחם!

— יאָ, כ׳הער אייך.

— אין אַ שטעטל האָט אַ יידישער בעקער געוווינט פּנים־אל־פּנים מיט אַ קריסטלעכן קצב. איינמאָל אין אַן אָוונט, נאָך אַ גרויסן יאַריד איז דאָס געווען, דערזעט דער גוייִשער קצב דורכן פענצטער ווי דער יידישער בעקער ציילט און ציילט לאַנגע שורות אויסגעסדרטע מטבעות, וואָס ר׳האָט איבערן טאָג איינגע־לייזט — קלערט דער קריסטלעכער קצב נישט לאַנג, ער נעמט אַ שאַרפע האַק, לויפט אַריין צום יידישן בעקער, און אויפהייבנדיק די האַק איבערן יידס קאָפּ, כאַפּט ער אים צו דאָס גאַנצע געלט. דער ייד לויפט אַרויס מיט אַ געוואַלד, אַז מ׳האָט אים געקוילעט. דאָס גאַנצע שטעטל כמעט לויפט זיך צונויף; יידן פאַרזאַמלען זיך אַרום דעם קצבס הויז און הערן אויס דעם בעקערס מעשה־נורא.

פאַרשטייט זיך, אַז דער ענין איז איבערגעגאַנגען אין געריכט אַריין. זענען די ריכטער אומבאַהאָלפן געזעסן אַ היפּש ביסל טעג און האָבן נאָך אַלץ נישט געקענט אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין. וואָרים דער קצב האָט געטענהט, אַז די מטבעות זענען זיינע, און דער ייד האָט נעבעך געטענהט, אַז זיי זענען זיינע. און די ריכטערס האָבן זיך געפרעגט: ווי אַזוי קען מען דערקענען צו וועמען מטבעות געהערן?

דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט אַ יידיש יינגל פון אַ יאָר אַכט, און דאָס קינד טאַקע האָט די ריכטער געגעבן אַן עצה: לאָמיר נעמען אַ טאָפּ הייס־קאָכעדיק וואַסער און אַריינשיטן די מטבעות. אויב אויפן אויבערפלאַך פון וואַסער וועלן זיך באַווייזן „פעטע־אויגן“, געהערט דאָס געלט צום קצב; אויב ס׳וועלן זיך אָבער באַווייזן „דריבנע קליסקעלעך“, געהערט דאָס געלט צום יידישן בעקער.

דער אמת איז אַרויסגעשווימען ווי בוימל אויפן וואַסער. ס׳האָבן זיך טאַקע באַוויזן „דריבנע קליסקעלעך“. אַזוי אַרום האָט דער יידישער בעקער צוריקבאַ־קומען זיין ערלעך־אויסגעהאָרעוועט געלט; און דער קריסטלעכער קצב — תפיסה.

— צו וואָס האָב איך אייך דאָס דערציילט, מנחם? בכדי אייך אַריינצופירן אין דער נאָכן־חורבן־תקופה. בעת מ׳וועט די היינטיקע מלאכי־חבלה צושטעלן צום משפט פאַר זייערע אומדערהערטע אכזריותן, גזילה און מאַסן־מאָרדן, וואָס שטייגן איבער אַלע שחיטות אויף די קרייץ־וועגן פון אונדזער גלות־לעבן, וועט יעדער ברוינער שטן, פאַרשטייט זיך, טענהן, אַז ער האָט ריינע הענט. ער האָט נאָר געטאָן, וואָס אַנדערע, די סיטרא־אחרא למשל, האָבן באַפוילן. מ׳וועט אויך דאַרפן נעמען זייערע הענט און אַריינלייגן אין הייס וואַסער. אָבער אַנשטאָט „דריבנע קליסקעלעך” אויף דער אויבערפלאַך, וועט דאָס גאַנצע וואַסער ווערן רויט פון בלוט.

און נאָך אַ פויזע:

— זייט מיר מוחל, ר׳ מנחם, איך מוז אַוועקגיין.

— וווהין?

און איידער מנחם מרגליות האָט זיך באַוויזן אומצוקוקן איז דער שיין פון דער לאָמטערנע צוזאַמען מיטן ייִד, נעלם געוואָרן. אַנטאַפּנדיק די אַרומיקע חשכות מיט שרעק פאַר דעם ייִדנס לעבן, האָט ער פּלוצלינג דערהערט ווי אַ באַקאַנט קול רופט אים:

— מנחם מרגליות! מנחם מרגליות!

דער פּאָעט האָט אויפגעשוידערט און זיך אַרומגעקוקט.

— ד״ר מאיר פרידלאַנד?! איר?! איצט, אין אַזאַ שפּעטער שעה?!

ד״ר מאירס פרידלאַנד האָט לויטן קול דערזען מנחם מרגליותס געשטאַלט. ער איז צו אים צוגעלאָפן, אַ צום־טויט־דערשראָקענער און טוליענדיק זיין צען־יעריק ייִנגל צו זיך האָט ער קוים אויסגעאָטעמט:

— מיין לעבן איז אין סכנה, מרגליות! מ׳האָט מיך געמסרט. מ׳זוכט מיך. ווי קען איך אַנטרינען? אַלע היסטאָרישע אַרכיוון איבערגעגעבן אין זיכערע הענט. נעמט צו די נאָטיצן, וואָס כ׳האָב ביי זיך. מיין נתן האָט זיך נישט געוואָלט מיט מיר שיידן. ווו טו איך אים אַהין? מיין לעבן ווי מיין לעבן, אָבער זיין יונג לעבן?

מנחם מרגליותס קאָפּ איז צוגעפאַלן צום היסטאָריקערס אַקסל. ער האָט אַרומגענומען דעם היסטאָריקערס ייִנגל נתן און האָט אים פעסט געדריקט צום האַרצן מיט אַ ליבשאַפט און רחמנות, וואָס ריינע דערהויבענע מענטשן פילן צו יתומים...

קאַפּיטל צוואַנציק

דער היסטאָריקער פאַרן געשטאַפּאָ־טיש

דער צימער 26 א. אויף אַלעיע שוכאַ איז זינט דער דייטשער אָקופּאַציע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ניי־געשאַפענער גילאָטינע. הגם מ׳האָט דאָ בפועל־ממש נישט אָפּגעהאַקט קיין קעפּ, האָט אָבער די שאַרף פון אַ דייטשער פעדער וואָס האָט אונטערגעשריבן טויט־אורטיילן, איבערגעשניטן אומצאָליקע העלדזער.

אין דאָזיקן אויספאַרש־צימער פון געשטאַפּאָ־אַמט וואָס מ׳האָט נאָכאַנאַנד אַריינגעשטויסן מענטשן מיט מער אכזריות ווי אָקסן אין אַ שעכט־הויז אַריין, זענען די לאָדנס געווען פעסט פאַרהעמערט; די סטאָרן — אַראָפּגעלאָזט. די טונקעלע פאַרהאַנגען — פאַרצויגן ביז איבער די פּוטרינעס. אויפן ברייטן ביוראָ־טיש געדעקט מיט אַ העל־גרין טוך, האָט זיך געברענט אַן אַבאַזשור פון אַ מע־פיסטאָפעלישן רויט, וואָס האָט געוואָרפן אויף די העל־בלאַנקענדיקע ווענט מוראדיקע שאָטנס פון מענטשן, און בלוטיקע שטרייפן, ענלעך צו פלאַמען פון ברענענדיקע חורבות.

היטלערס אַ פאָרטרעט מיט אַ שוואַרצער פאַסמע איבערן שטערן ווי אַ שאַרף האַקמעסער, דעקאָרירט מיט לענטעס, צווייגלעך פון נאָדל־ביימער, האָ־קנקרייצן און בלומען, האָט דאָ געהאָנגען איבערן ריכטער־טיש. אונטער היטלערס פּאָרטרעט — אַ גרויסע קאָלירטע מאַפּע. די איינגענומענע געביטן דורך די דייטשע חיילות, זענען געווען באַשטאָכן מיט קליינטשיקע פענדלעך. אַ גרויסער העלער אָפיש מיט פינצטערע גזירות קעגן ייִדן, האָט דאָ אַראָפּגעקוקט פון אַ וואַנט. אויף אַ הענגער — כלערליי נאַגייקעס, גומי־קניפּלעך מיט אינעווייניק־סטע שפּרונגפעדערן, שפּיצרוטן און ברייטע סאָלדאַטסקע פאַסקעס.

פון די שכנותדיקע צימערן האָט זיך דערטראָגן אַן אומאויפהערלעכער גע־רויש: אַ געטופּע פון מיליטערישע שטיול און ציווילע מענער־ און דאַמען־שיך, אַ געגרילץ פון געעפנטע און פאַרמאַכטע טירן, אַ געשריי פון קולות, אַ טיק־טאַק פון שרייב־מאַשינקעס, אַ געזשום און אַ געקלינגערײ פון טעלעפאָנען. די קאָרידאָרן זענען געווען איבערגעפּאַקט מיט כלערליי אַרעסטאַנטן, וואָס מ׳האָט געבראַכט צו דער אויספאָרשונג פון „פּאַוויאַק" און פון אַנדערע תפיסות. די צע־שלאָגענע פנימער פון די אַרעסטאַנטן, האָבן דערמאָנט אין גרימירטע צירק־קלאָונען, וועמענס רויטע פלעקן זענען געפאַרבט מיט עכט בלוט.

די טיר פונעם צימער 16 א. האָט זיך נאָר געעפנט בעת מ'האָט געדאַרפט אַריינפירן אַ „געפערלעכן פאַרברעכער” וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ געפיל פון ווידערשטאַנד לגבי דער אומבאַזיגטער מאַכט.

אויף אַ הויכן ווייך־געבעטן פאָטעל, ווי אויך אַ טראָן להבדיל, איז דאָ גע־זעסן דער שעף פון געשטאַפּאָ־אַמט, קאַראַל פאָן קריגער. ער האָט געהערט צו די טיפּישע מיליטאַריסטן וואָס פאַר אַ היטל פון אַ הויך־גראַדירטן, זענען זיי גרייט אָוועקצוגעבן דעם קאָפּ. אין אים האָט די מיליטערישע אַקאַדעמיע אין וועלכער ער האָט לאַנגע יאָרן געפירט אַ שטרענג־דיסציפּלינירט קאַזאַרמע־לעבן, נישט אַזוי ווייט דערוועקט אַ געפיל פון בענקשאַפט צו פרייהייט, ווי אַ געוואַל־דיקן דראַנג צו באַהערשן און צו פאַרשקלאַפן אַנדערע. אָבער במשך פון זיין מיליטערישער קאַריערע איז אים נאָך קיינמאָל נישט געלונגען צו דעראָבערן אַזוי פיל מאַכט און הערשאַפט ווי בעתן ווערן אייגער פון די הויפּט־מושלים אי־בערן געטאָ. הגם ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ וויצע־שעף און מיט אַ גאַנצן שטאַב מחבלים, אַדיוטאַנטן און סעקרעטאַרן, האָט ער נישט דערלויבט אַז די מינדסטע זאַך זאָל ווערן אויסגעפירט איידער ער האָט זי גרינטלעך, מיט אַ דייטשער פּינקטלעכקייט, אויסגעפאָרשט.

ביים דערשטיקן דעם ערשטן פרוור־אויפשטאַנד, אויסגעבראָכן דעם 18טן יאַנואַר, איז ער, ווי נעראָן בשעתו, אַרומגעפאָרן אין אַן אָפענעם אויטאָמאָביל און האָט זיך געקוויקט מיט די פלאַמען וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט טיילן פון געטאָ־קוואַרטאַל. ער האָט ממש אַנגעקוואָלן פון דעם בילד וואָס האָט זיך געמאָלן פאַר זיינע אויגן: אַ ווילד־בהלהדיק געלויף פון מאַסן געטאָ־יידן, פרויען און קינדער. די מוראדיקע געוואַלדן ווערן האַלבלעך פאַרטויבט אינעם וואַיענדיקן געבריל פון די פלאַמען וואָס זענען די יידישע באַפעלקערונג באַפאַלן פון אַלע זייטן, און האָבן זיי באַשפּיגן מיט ברייטע לאַנגע בוכניענדיקע פאַסמעס פייער. איבער די קעפּ פון די לויפנדיקע געטאָ־יידן קנוילן זיך ווייס־שוואַרצע גיגאַנטישע רויך־שלאַנגען באַנאַנד מיט אַ געדיכטן שניי פון פעדערן, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון די געפּלאַצטע פּערינעס, קישנס און קינדער־קישעלעך. דערביי האָט ער נאָך אין דער לויפנדיקער באַפעלקערונג אַריינגעשאָסן, און זיך איינגעקוקט ווי דאָ און דאָרט איז ווער אָוועקגעפאַלן מיט ברענענדיקע מלבושים אויפן לייב.

אָבער זינט ער האָט זיך דערוווּסט אַז די דייטשע אַרמיי האָט געמאַכט דעם ערשטן טראָט צוריק אויף די רוסישע פראָנטן האָט אים גענומען באַהערשן אַן אומרו. תחילת האָט זיך זיין אומרו נאָר באַוויזן צווישן נצחון און מפּלה וואָס האָט זיך באַצויגן צום גאַנצן דייטשן פאָלק. באַלד אָבער איז די אומרו פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין דעם בלאַנקענדיקן מעטאַלענעם שטענגל וואָס האָט זיך גע־הוידעט ביים וואַנט־זייגער פון זיין פּריוואַט־וווינונג. און ער האָט זיך גלייך

דערמאָנט אַז ער האָט אַ זון און אַן אײדעם אויף די מזרח־פֿראָנטן. אַ געדאַנק ווי אַ זלידנע פֿליג האָט זיך אַרײַנגעקריגן אין זײַן מוח און גענומען פּיקן זײַן געהירן:

„ווייסטו דען נישט אַז אַלץ איז אין לעבן רעלאַטיוו? הײַנטיקע הערשער קענען מאָרגן ווערן באַהערשטע, פֿאַרשקלאַפֿטע און פֿאַרפּײַניקטע. האָט דיך דען די געשיכטע גאָרנישט געלערנט?".

אָבער ער האָט דעם געדאַנק אײַנציקווײַז פֿאַריאָגט. ער האָט אים פֿאַרשיכּורט מיט די בעסטע ווײַנען, שאַמפּאַניער, שײַנע נאַקעטע פֿרויען, פֿאַרווײַלונגען, נאַכט־בעלער, ווילדע מיליטערישע אָרגיעס.

דער געשטאַפּאָ־שעף איז איצט געזעסן פֿאַרטיפֿט איבער אַ צענדליק זײַטלעך פֿון אַ טאָגבוך, איבער פֿאַרפֿלעקטע און פֿאַרמעקטע נאָטיצן וואָס מ׳האָט אָפּגעפֿונען בײַם אַרעסטירטן געטאָ־היסטאָריקער, ד״ר מאיר פֿרידלאַנד. הגם דער געשטאַפּאָ־שעף האָט זיך בײַם אַרבעטס־טיש זייער זעלטן געשײדט מיט זײַן גאָלד־גערעמטן מאָנאָקל, איז ער איצט בײַם באַטראַכטן די אַרכיוון געזעסן מיט צוויי נאַקעטע אויגן. זײַן מאָנאָקל האָט געהאָנגען אויף אַ דינינקן גאָלדענעם קייטעלע צוגעטשעפּעט צום רעכטן טעשל פֿון זײַן שטאַרק־אויסגעפּאַסטן מונדיר. אויף דער וואַנט האָט געשוועבט זײַן שאָטן ווי אַ גרויסע קוילנשוואַרצע צײכענונג אין אַ ראַם. אַ צײכענונג וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַ שטיק וואַנט, האָט געוויזן אַ גוף פֿון אַ מאַן אַ קאָלאָס מיט אַן אומגעהײַער־גרויסן גאַנץ־קורץ אָרומגעשוירענעם קאָפּ האָר, אַ נידעריקן שטערן מיט פֿיר טיפֿע קאַרבן, אַ פֿאַרשפּיצטע נאָז, ענלעך צו אַ טיגערישן נאָגל, אַ ברייט מויל און אַ טאָפּלטן גאָרגל.

דער שעף האָט פֿון צײַט־צו־צײַט געוואָרפֿן אַ בליק פֿול מיט חשד אויפֿן אָריגינאַל, גלײַך ווי ער גופֿא וואָלט געפּרוווט פֿאַרגלײַכן די ייִדישע אותיות מיט דער איבערזעצונג, בכדי זיך איבערצוצײַגן צו דער איבערזעצער האָט אים חלילה נישט באַשווינדלט מיט אַ וואָרט. די צעקנוידערטע און האַלב־אײַנגעריסענע ייִדישע בלעטלעך האָט דער שעף גענומען אין דער האַנט אַרײַן דורך אַ גאַנץ־דינע גומי־הענטשקע.

אינמיטן איבערלײענען די איבערזעצונג האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגצעצויגענעם פֿײַף. ער האָט פֿאַרויכערט אַ האַוואַנאַ־ציגאַר. ער האָט אַפּנים מיט דעם אַנגענעמען אַראָמאַט געוואָלט פֿאַריאָגן דעם אײַנדרוק וואָס די גרויליקע שילדערונגען האָבן אויף אים געמאַכט. אײַנגעהילט אין לויטערע שמעקעוודיקע רויך־וואָלקנדלעך, וואָס האָבן זיך געקרײַזלט אַדום ווי זײַן צעהיצטן מוח, האָט ער נערוועז אַ דריי־געטאָן דעם גרויסן טונקל־גרינעם טיש־גלאָבוס. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין דער שוואַרצער ליניע וואָס האָט אויפֿן רוסישן פֿראָנט זיך אַוועקגעלייגט ווי אַ דאַמבע פֿאַר די דײַטשע מיליטערישע שטיוול. ער האָט זיך אויפֿ־

געכאַפּט פונעם טיש און גענומען שפּאַנען אַרויף און אַראָפּ איבערן צימער. צום ערשטן מאָל האָט דער געסטוויסטשע פון זיינע אייגענע שטיוול אים גענומען אויפ־רעגן. אויף אַ רגע האָבן דעם היסטאָריקערס באַשרייבונגען געקלונגען אין זיינע אויערן ווי אַ באַשולדיקונגס־אַקט אויף וועלכן ער און זיינס גלייכן וועלן אין אַ טאָג דאַרפן ענטפערן. שפּאַנענדיק האָט ער זיך צופעליק צוזאַמענגעטראָפן מיט היטלערס בליק אויפן פּאָרטרעט. ער האָט אַ ציטער געטאָן, גלייך ווי ער וואָלט געוועזן זיכער, אַז דער „אַלצוויסנדיקער פירער״ האָט געלייענט זיינע איצטיקע געדאַנקען. ער האָט זיך האַסטיק צוריק אַראָפּגעזעצט און מיט פּאַרביסענע ליפּן, וואָס זשליאָקען שוין אַזוי זינט דער דייטשער באַזעצונג יידיש בלוט, האָט ער זיך ווידער פאַרטיפט אינעם היסטאָריקערס שריפטן.

נאָך אַ ווײַלע האָט ער מיט עקל אַנידערגעוואָרפן דאָס לעצטע זייטל און האָט אָפּגעשטעלט זיין בליק אויפן רוקן פון זיין סעקרעטאַר, וואָס איז געזעסן מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָט אויף אַ שרייב־מאַשינקע אָפּגעקלאַפּט בייע גזירות. דער שעף האָט זיך אַ מינוט־צוויי איינגעהערט אינעם טיק־טאַק פון דער שרייב־מאַשינקע, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין זיינע אויערן ווי שריט פון מיליטערישע שטיוול.

דאָס טיש־גלעקל האָט אַ זשומע געטאָן.

דער סעקרעטאַר האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַ פּויק געטאָן מיט די שטיוול.

— צום באַפעל, הערן געשטאַפּאָ־שעף!

— אַריינפירן דעם היסטאָריקער! איין סעקונדע! דער מאַגנעטאָפאָן איז גרייט?

— יאַוואָל, הערן געשטאַפּאָ־שעף! דעם אַפּאַראַט האָב איך פאַרשטעקט הינטער די שרייב־מאַשינקע.

— גוט, אַריינרופן דעם פאַרברעכער!

באַלד האָט זיך די טיר געעפנט און דער היסטאָריקער איז דורך מיליטערישע הענט אַריינגעשטויסן געוואָרן.

צוויי הילצערנע זוילן פון אַ פּאָר לויזע שיך אָן שנורוואַדלעס, האָבן גענומען לאַנגזאַם־שווער אַריינפּויקן אין דער פּאָדלאָגע, גלייך ווי מ׳וואָלט די טריט געדאַרפט איבערציילן.

— איינס! צוויי! דריי! פיר!

דער געשטאַפּאָ־שעף איז איצט געזעסן מיטן מאַנאָקל אויפן רעכטן אויג און ער האָט דערבליקט אַ הויכן שלאַנקן מיטליאָריקן מאַן אין אַ צעקנוידערטער מאַרינאַרקע מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער אין נאַקעטן האַלדז אַריין. אַ געדיכטער פעך־שוואַרצער מעך האָט ווי מיט אַ פּאַסמע שוואַרצן פליוש אַרומגעקראַנצט אַ פיין־פאָרמירט שטיל גוטמוטיק פּנים מיט אַ געטאָקטער גריכישער נאָז. אַ פּאָר

צום טויט־איבערגעשראָקענע שוואַרצע אויגן, האָבן אויף דעם געשטאַפּאָ־שעף אַ וואָרף געטאָן דעם ערשטן בליק. דעם היסטאָריקערס לינקע האַנט האָט זיך אין דער רגע אַ טרייסל געטאָן און זיך ווילד אָנגעכאַפּט ביים שאַרבן, וואָס איז גע־ווען צוזאַמענגעצויגן מיט אַ ווייסן באַנדאַזש ביז טיף אין שטערן אַריין.

ווי נאָר דער היסטאָריקער האָט זיך מיט פאַרביסענע ליפּן דערנענטערט צום גרינעם געשטאַפּאָ־טיש, האָט ער דערהערט ווי זיין אייגן קול האָט פון ערגעץ־ווו גענומען אַרויסשרייען:

— הערט אויף אינקוויזיטאָרן, הערט אויף, הערט אויף! גע—וואַלד! גע־וואַלד מיין רעכטע האַנט! קלעמט נישט מער, קלעמט נישט! שיסט, הענגט מיך אויף ביים האַלדז, אָבער הערט אויף צו פּייניקן! איך שטאַרב! איך שטאַר...

דער היסטאָריקער האָט מיטן גאַנצן גוף אַ ציטער געטאָן. ער האָט אויסגע־גלאָצט אַ פּאָר אויגן און ווי אַ געררירטער פון זינען האָט ער זיך גענומען דרייען רונד אַרום איבערן צימער. ער האָט זיך איינגעקוקט אין אַלע פיר ווענט. ער האָט געבליקט צום סופיט און לסוף געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך־שטום.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט ער געהערט אַ ציניש געלעכטער. — ביטע זיצט, ד״ר מאיר פרידלאַנד! — האָט זיך דער געשטאַפּאָ־שעף מיט אַ זיגערישן שמייכל געוויגט אין זיין פאָטעל.

דער היסטאָריקער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול מיט אַ מינע פון איי־נעם וואָס זעצט זיך אַוועק אויף פייער.

— אַ פּאַפּיראָס, דאָקטאָר? — האָט אַ זילבערנע פּאַפּיראָסניצע אַ פינקל גע־טאָן אין פרידלאַנדס אויגן.

— איך רויכער נישט קיין פּאַפּיראָסן.

— אַ ציגאַר, דאָקטאָר? — האָט אַ גרויסע שאַכטל, דאָס דעקל באַצירט מיט אַ פרויען־שיינהייט, אַ שווינדל געטאָן אין פרידלאַנדס אויגן.

— איך רויכער נישט קיין ציגאַרן.

— אַ גוטן שנאַפּס, דאָקטאָר?

— כ׳טרינק נישט קיין שנאַפּס.

— איר זאָגט זיך אָפּ? כאַ־כאַ־כאַ! דערנאָך וועט איר שרייבן, אַז די דייטשע אָפּיצירן זענען נישט העפלעך.

— מ׳וועט מיר דען גלייבן?

— הם... איר האָט זע איך אַ סך שאַרפזין. — האָט דער שעף איראָניש גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. — נו, גוט, ד״ר מאיר פרידלאַנד! איר וועט האָבן דעם כבוד צו הערן אַ דייטשן געשטאַפּאָ־שעף פאַרלייענען אייערע ווערק. אויב איר וועט אַמאָל אייערע טאָג־ביכער אַרויסגעבן, זייט אַזוי העפלעך און שיקט מיר אַריין אַן עקזעמפּלאַר! איך וועל אייך דעם האָנאָראַר באַצאָלן פאָרויס. — האָט ער גע־

נומען אין די הענט אַריין די איבערגעזעצטע זייטלעך און איבערפירנדיק זיין ציגאַר פון רעכטן מויל־ווינקל צום לינקן, האָט ער עפּעס נאָכגעטראַכט.

ד״ר פרידלאַנד האָט זיך מיט אַלע כוחות צוגעהאַלטן דעם לינקן פוס, וואָס האָט זיך אים פּלוצלינג געגומען שטאַרק טרייסלען. ער האָט ממש געפילט ווי עפּעס אַן עלעקטרישער שטראָם איז אים אַדורך איבערן קערפּער, אַריין אין קנעכל פון לינקן פוס און שטעכט אים ווי מיט דינע שפּילקעס. ער האָט פאַר ווייטיק פאַרמאַכט די אויגן.

— מזרח־צו פון וואַרשע, לענגאויס דעם מערב־בוג, ציִען זיך זאַמדן און זומפּן, געדיכטע סאָסנאָווע און בלעטער־וועלדער. — האָט דער געשטאַפּאָ־שעף גענומען לייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט. — אַ טרויעריק, מרה־שחורהדיק און טעמנע־חושכדיק וויסט אָרט. דערפאַר זענען דאָ נישט בנמצא. סיי דער פּוסגייער און סיי דער פאַרבייפאָרער מיידן אויס די זאַמדיקע אָדער בלאָטיקע שמאָלע שטעגעלעך און וועגעלעך, ווו די פיס זינקען און די רעדער קריכן ביז צו דער אַקס־צו אין טיפן ליימיקן באָדן אַריין.

דאָ, אויף דער שעדלעצער אייזנבאַן־קאָלייקע, העכער אַכציק קילאָמעטער פון וואַרשע, קרוב פון דער סטאַציע מאַלקין, ווו עס שניידט זי איבער די אייזנבאַנען וואָס פירן קיין וואַרשע, ביאַליסטאָק, שעדלעץ, לאָמזשע — געפינט זיך די קליינע פאַרוואָרפענע סטאַציע טרעבלינקע.

ד״ר מאיר פרידלאַנד האָט פאַרריסן דעם קאָפּ. ער האָט אַ שטאַרקן צאַפּל געטאָן און זיך איינגעקאָרטשעט.

— מעגלעך אַז פיל פון די וואָס מ׳האָט געבראַכט קיין טרעבלינקע, איז אַמאָל אויסגעקומען דאָ פאַרבייצופאָרן און מיט אַ צעשטרייטן בליק צו באַטראַכטן דעם אומעטיקן פּייזאַזש — סאָסנעס, זאַמד, ליים, בלעטער־ביימער, שיטער גראָז, טרוקענע פאַרדאַרטע ווילד־דזשונגלישע קוסטעס, גרויע מאַרודנע כאַטעס, קרייצונגען פון אייזנבאַנען — האָט ד״ר פרידלאַנד מיט אַ נשמה־ציטער זיך איינגעהערט אינעם געשטאַפּאָ־שעפס ראַציקער שטימע. — און אפשר האָט אויך דער פאַרבייפאָרער אָדער פאַרבייגייער פאַרהאַלטן זיין בליק אויף דער קאָלייע, וואָס גייט פון דער סטאַציע און פאַרשווינדט אין וואַלד אַריין, צווישן די געדיכטע סאָסנעס. אָט־אָ די קאָלייע פירט צו די זאַמד־גראָבונגען וואָס געפינען זיך פיר קילאָמעטער פון דער סטאַציע, אויף אַ פּוסטקע, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט אַ סאָסנע־וואַלד. די דאָזיקע פּוסטקע האָט דער דייטשישער רייכס־פירער פון „עס־עס״ הייגריך הימלער אויסגעקליבן פאַר איינעם פון די סאַמע שוידערלעכסטע פאַרניכטונגס־לאַגערן, וואָס שטייגט איבער סאָביבור, מיידאַנעק, בעלזשעץ, אוישוויץ. אויב מ׳וועט אַמאָל עפענען די זאַמד־גראָבונגען וועט מען אַנשטאָט העל לויטער זאַמד, געפינען טויזנטער און טויזנטער סקעלעטן פון מענער, פרויען

און קינדער, וואָס וועלן זיך פון דער טיף אויפהייבן ווי דער סאַמע העכסטער באַרג, און די לאַנג שוין פאַרשטומטע אויסגעקרומטע מיילער פון די סקעלעטן, וועלן אויסשרייען דעם גרעסטן באַשולדיקונגס־אַקט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. ווער עס וועט קוקן אויף דעם באַרג און נישט דערזען דעם אומ־שולד פון די קרבנות, וועט אויפן אָרט בלינד ווערן.

דאָ האָט זיך דער געשטאַפּאָ־שעף אויפגעריסן פונעם טיש. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ דין שפּיצרוטל און פּאַטשנדיק זיך דערמיט אין דער לינקער האַנטפלאַך אַריין, האָט ער מיט אַ פאַרקרומט מויל אויסגעשריגן:

— איר האָט דאָס געשריבן!

— איך? — האָט זיך ד״ר פרידלאַנד איינגעקאַרטשעט און איז פון מינוט צו מינוט קלענער געוואָרן. — ווי קען אייך דאָס גאָר איינפאַלן? דאָס קען דאָך נאָר האָבן געשריבן אַ געפאַנגענער פון טרעבלינקע. ווי קען אַ מענטש וואָס איז נאָך דאָרט קיינמאָל נישט געווען אַזוי גרינטלעך באַשרייבן אַ געגנט? מעגלעך אַז ס׳האָט ווער איבערגעשיקט אַ בריוו דורך אַ פויער?

— טאָ ווי קומט דער בריוו צו אייך? — האָט דעם געשטאַפּאָ־שעפס שטימע געדונערט. — איר האָט געוויס געוויזן דעם בריוו הונדערטער ייִדן און זיי דער־מיט אָרגאַניזירט זיך נישט צו לאָזן אַהינפירן. איר זענט געווען און פאַרבליבן אַ שעדלעכע ראַסע! — האָט זיין שטימע געברילט ווי אַ לייב. — מ׳נעמט אַזאַ וויסטעניש און מ׳פאַרוואַנדלט עס אין אַ פאַראַדיס, קומט איר צוגיין און שיקט אַרויס אַזעלכע שילדערונגען, וואָס זענען נאָר געווען גילטיק איידער מיר האָבן באַטרעטן די דאָזיקע ערד און איינגעפירט אָרדענונג און דיסציפּלין. דאָס איז דאָך איינער פון די סאַמע וווּנדערבאַרסטע אַרבעטס־לאַגערן. איר פאַרדינט גאָר־נישט די דאָזיקע אָרדענונג. איר האָט ליב צו לעבן אין שמוץ, אַז די לייז זאָלן אייך אויפפרעסן, אַזוי ווי אין היגן געטאָ. רעדט, רעדט, אָדער איך וועל אייך מאַכן רעדן. ווער האָט אייך אַרויסגעשיקט דעם בריוו?

— צו מיר האָט קיינער נישט געשיקט קיין בריוו. געוויס האָט אים ווער אַרויסגעשיקט, אָבער נישט דירעקט צו מיר, נאָר צום גאַנצן פאָלק.

— צום גאַנצן פאָלק? אָבער צו וועמען איז ער געווען אַדרעסירט?

— איך ווייס נישט.

— דאָס איז אָבער נישט די איינציקע זאַך וואָס איר ווייסט נישט... — האָט זיך דער געשטאַפּאָ־שעף ציניש צעלאַכט. — איר ווייסט אויך נישט, אַז מיר האָבן אונטערגעכאַפּט...

ד״ר פרידלאַנד האָט אַ צאַפּל געטאָן און אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן.

— אייער איינציקן זון.

ד״ר פרידלאַנד האָט זיך מיט דער רעכטער האַנט גענומען ווערגן דעם

האלדז. זיינע אויגן האבן גענומען בלינצלען, אקוראט ווי ס'וואלט אים ווער צו־געשטעלט א פיסטאלעט צום הארצן. ער האט גאנץ הויך גענומען אטעמען. דער אויספארש־צימער האט זיך א דריי געטאן פאר זיינע אויגן. דער טיש איז אוועקגעשוואומען און צוריקגעקומען, אראפגעזונקען און זיך צוריק ארויפגע־הויבן. ער האט ווי דורך א שווארצן שלייער דערזען דאס געשטאלט פון גע־שטאפא־שעף. ס'האבן אויף אים געקוקט א פאר לאכנדיקע אויגן פול מיט נצחון. ער האט א מאל צוויי־דריי געעפנט ס'מויל, געוואלט עפעס זאגן, אבער די ציין האבן זיך אים פארהאקט. דערביי האט ער איצט ווידער באקומען א קארטש אין רעכטן פוס. דער ווייטיק איז געווען אזא שטארקער, אז ער האט זיך האסטיק אויפגעכאפט און גענומען רייסן דעם פוס.

— זיצן בלייבן!

ער האט זיך ווי אוועקגעפאלן אראפגעלאזט אויפן שטול.

— ציטערט נישט! אייער זון איז פארלויפיק גארנישט געשען. און אויב איר ווילט נישט אז ער זאל אין אייער קעגנווארט ווערן אויפגעהאנגען, טא זאגט מיר ווו ס'געפינען זיך אייערע איבעריקע ארכיוון, וואס איר מיט נאך א גאנצע גרופע בייהעלפערס, זאלט האבן ערגעץ־ווו באגראבן אונטער די געטא־חורבות. אייער האנאראר און פרייהייט איז געזיכערט.

ד"ר פרידלאנד איז געבליבן זיצן מיט אן אראפגעזונקענעם קאפ. זיינע ליפן זענען געווען פעסט געשלאסן. ער האט געפילט ווי דעם געשטאפא־ שעפס אויגן שפיזן אדורך זיין שטערן, גלייך ווי זיי וואלטן געוואלט דערזען זיינע איצטיקע מחשבות.

— איר שווייגט, ד"ר פרידלאנד? איר ווילט אפשר נאכאמאל הערן אייערע געוואלדן פון מאנגנעטאפאן ארויס?

— גענוג! גענוג!

— אויב ווידער גענוג, טא פארוואס ענטפערט איר נישט אויף מיין פרא־גע? ווייסט איר דען נישט אז מיר וועלן מיט דער הילף פון אייערע מוסרים סיי־ווי אויסגעפינען די ארכיוון און איר מיט אייער זון, וועלן זיך דעמאלט גע־פינען נאקעטע אין א מאסן־קבר. ווייסט איר דען נישט אז מיר האבן מכשירים. בעת זיי קלעמען־איין די פיס, גייט מען אויף די הענט, אמאל אויפן קאפ אויך, כא־כא־כא! אבער איך בין זיכער אז איר וועט ריידן. לאמיך דערווייל כאפן א בליק וואס איר דערציילט אין אייערע נאטיצן.

— אין שטעטל ווידאווע, לאדזשער פאוויאט, איז פארגעקומען א חתונה, — האט דער געשטאפא־שעף ווי פאר זיך געלייענט. — קיין קלעזמארים האבן נישט געשפילט. ס'האט קיינער נישט געטאנצט. דער זאל איז געווען שוואכלעך באלויכטן. די כלה אין ווייסן וועלאן איז געזעסן אויף אן אלטמאדישן פאטעל

אַ טריבע, אַ נידערשלאָגענע. ווייניק געסט. ייִדן האָבן זיך מורא געהאַט צו פאַרזאַמלען. אַרום דעם חתנס טיש — קוים אַ מנין שוין מיטן מסדר־קידושין.

פלוצלינג האָט מען געהערט זשומען פּאָליציייאישע פייפלעך. אַ גערויש פון שווערע מאָטאָרן האָט געמאַכט טרעסען די שויבן. דייטשע חיילות. אַ בהלהדיק געלויף, אַ געליאַרעם, אַ געשריי און אַ געוויין. אינדרויסן האָט געהודזשעט אַ ווינט. אַן אַלטער פלויט האָט געקראַכט. אַ שטיק אַדורכגעפוילטע פּאַפּע איז ווי אַ שוואַרצע קראָ אַראָפּגעפלויגן פון אַ כאַטע־דעכל. די חתונה־געסט, געיאָגטע פון אימת־המות, זענען זיך צעלאָפן. דער חתן איז געבליבן אַליין... ער האָט זיך שטילינקערהייט אַריינגעשלייכט צו דער כלה. ער האָט זיך לעבן איר אַוועקגעזעצט אַ שווייגנדיקער. אינדרויסן האָט אַ פּויק געטיקטאַקעוועט. אַ שטימע אויף פּויליש האָט אַרויסגערופן: „אַלע ייִדן אַרויס אויפן קאָשטשאָל־הויף! ווער עס בלייבט איבער — דערשאָסן אויפן אָרט". די שווערע מאַסיווע קלויסטער־גלאָקן האָבן גלייך גענומען פאַרגלישען, פאַרטויבן די געוואַלדן פון די לויפנדיקע ייִדן, ווייבער און קינדער. דערנאָך איז געוואָרן שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. דער חתן האָט אויסגעשטרעקט זיין בלייכע האַנט און באַרירט זיין כלהס אייז־קאַלטע פינגער. זיי האָבן זיך ביידע שטומערהייט אָנגעקוקט. די חתונה־ליכט האָבן זיך געשפּיגלט אויף זייערע האַלב־טויטע פּנימער. אָבער זיי האָבן זיך ביידע נישט גערירט פון אָרט. געזעסן מיט פאַרפלאָכטענע פינגער און באַהאָפטענע בליקן ווי איין פּאָר אויגן, איין גוף, איין נשמה. אין געציילטע רגעס אַרום האָבן אייניקע קאָלבעס אויסגעהאַקט די שויבן. אַ שאָס האָט געלעכערט דעם חתנס שאַרבן. ער איז אַראָפּגעזונקען פון שטול און געפאַלן צו דער ערד. די כלה האָט נאָך באַוויזן צו זען איר חתנס אַן אָפן אויג און אַ בלוט־רויטע פּיאה. באַלד האָט זיך ווידער דערהערט אַ שאָס און די כלה האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר פּאָטעל־שטול, מיטציענדיק דאָס טישוכל וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף אַ טישל, באַשטעלט מיט ברענענדיקע ליכט. איר ווייסער וועלאָן איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון פלאַמען. בעת זי איז געפאַלן צו דער ערד, האָט דער ווינט אויפגעהויבן שטיקער פונעם איינגעבלוטיקטן און אָנגעזענקטן וועלאָן, און האָט זיי אַרויסגעיאָגט אויף דער גאַס. די מאַמעס פון חתן־כלה זענען געשטאַנען אויפן קאָשטשאָל־הויף איינגעבראָכענע און פאַרקלעמטע. איינע האָט די צווייטע אונטערגעהאַלטן. זיי האָבן זיך ביידע אויסגעקוקט די אויגן, פאַרלאָפן פון טרערן. זיי האָבן ביז איצט נישט געזען אָנקומען חתן־כלה. מיט אַמאָל האָט דער ווינט אָנגעטראָגן אַ שטיק וועלאָן, וואָס האָט אַ רגע אַ פלאַטער געטאָן אין דער לופטן ווי אַ ווייסער אָנגעזענגטער פויגל באַשמירט מיט בלוט. דאָס שטיק וועלאָן האָט זיך ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש אַוועקגעלייגט ביי די פיס פון דער כלהס מוטער. אַן אויסטערלישער קוויטש האָט אַ שנייד געטאָן די לופט. די

כלהס מוטער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אַראָפּגעבויגן זיך צום שטיק ווער־לאָן און באַקומענדיק אַ האַרץ־שלאַג, האָט זי זיך אַ קנויל געטאָן און געזונקען צום באָדן. און די קאַשטשאַל־גלאָקן האָבן אַלץ נאָך געברעמזעט, געהוקעט גע־שאַלט און געוויינט, ווי נאָך אַ שטאָט מתים — — —

דער געשטאַפּאָ־שעף איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן אַן אַנטשוויגענער. זײַנע אויגן האָבן שנײַדיק־שאַרף אַדורכגעשטאָכן דעם היסטאָריקערס פּנים וואָס האָט איצט נערוועז געצוקט, אַקוראַט ווי גיפטיקע בינען וואָלטן אומאויפהערלעך אַרומגעפלויגן אויף זײַנע באַקן־פעלדער און ווי מיט דינע נאָדלען זיך אַרײַנגע־שטאָכן אין זײַן פלייש. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער זיך צוגעהאַלטן דאָס האַרץ. ער האָט געזען ווי דער געשטאַפּאָ־שעף האָט זיך ווילד־האַסטיק אויפגע־כאַפּט פון אָרט. ער האָט גענומען דאָס דינע ריטל אין זײַן רעכטער האַנט אַרײַן, אַ שפּאַן געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון אײַנעם וואָס האַלט אים קראַמפּהאַפּט ביים גאָרגל. זײַן ריטל האָט אַ פײַף געטאָן אין דער לופט אַרײַן און זײַן שטימע האָט זיך געלאָזט הערן:

— המ... ד״ר פרידלאַנד! איר זענט זע איך נישט בלויז אַ היסטאָריקער, נאָר אויך אַ פּאָעט. כאַ־כאַ־כאַ! איר האָט פאַנטאַזיע. ווו נעמט איר אַזוי פיל ביט־געשטויגענע און ניט־געפלויגענע מעשיות? איר גלויבט געוויס, אַז נאָך דער מלחמה וועט איר פון דער שייסע רייך ווערן. אָבער איר קומט ביי מיר פריער גאַנץ הויך! — האָט ער מיטן ווייז־פינגער געצייכנט אַ תליה אין דער לופטו. — איך פרעג אײַך צום לעצטן מאָל, ווו האָט איר, צום טייוול, פאַרשטעקט אײַערע אַרכיוון? רעדט! אויפשטיין! — האָט זײַן שטימע אַ רעווע געטאָן.

ד״ר פרידלאַנד האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז געבליבן שטיין ווי אַ וואַקל־דיקער בוים וואָס איז מער נישט באַהאַפטן מיט די וואָרצלען.

— זיצן בלייבן!

דער היסטאָריקער איז ווי אַראָפּגעפאַלן אויפן שטול.

— אויף־שטיין!

ד״ר פרידלאַנד האָט זיך, ווי אַ געריר־טער פון זינען, ווידער אויפגעכאַפּט.

— איצט רעדט, רעדט! — האָט דאָס דינע ריטל אין געשטאַפּאָ־שעפס האַנט אַ סווישטש געטאָן איבערן היסטאָריקערס פּנים.

ד״ר פרידלאַנד האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי דער נאָז. זײַנע פאַרבלוטיקטע פינגער האָט ער אָפּגעווישט אין דער פאָלע פון זײַן מאַרינאַרקע. ער האָט געזען ווי דער געשטאַפּאָ־שעף האָט זיך אַראָפּגעזעצט, אײַנגעגאָסן זיך עפּעס אַ גע־טראַנק פון אַ קאַנטיק פלעשל, אַראָפּגעצויגן אַ פול גלאָז און פאַררויכערט אַ ציגאַר. ער האָט מיט אַ פאַרקרימט פּנים אַרויפגעבלאָזן אויפן היסטאָריקער אַ וואָלקנדל רויך, גלײַך ווי ער וואָלט אויף אים געשפּיגן. אָבער ער האָט מער

נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר מיט אַ פינגער אַ שטאָך געטאָן דעם היס־טאָריקערס ברוסט.

ד״ר פרידלאַנד האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין פּאַ־רענטש פון שטול, אַ ווײַלע זיך צוגעהאַלטן די לינקע שלייף, גלייך ווי ער וואָלט זיך עפּעס געוואָלט דערמאָנען, און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ געקלעמטער שטימע:

— דערלויבט מיר, עקסעלענץ, אָנצוהייבן ביי אייער גרויסן פילאָזאָף קאַנט! ביי אים איז פאַראַן אַ פראַזע: „נעם נישט דעם מענטש ווי אַ מיטל, נאָר ווי אַ סוף״. דאָס איז די איינציקע זאַך וואָס איך בעט אייך. נעמט מיך נישט פאַר קיין מיטל צו אייערע צילן, נאָר ווי אַ סוף פון אַ לעבן. פאַרגלייכט מיך נישט צו אונדזערע מוסרים וואָס זענען זיך גרייט צו פאַרקויפן פאַר אַ לאַבן ברויט. איך בין זיכער אַז זיי וועלן סיי־ווי ווערן שפּרייעלעך אַש אויף די סטעזשקעס פון טרעבלינקע.

— שווייגט!

ד״ר פרידלאַנד האָט זיך פאַר שרעק שטאַרק צעהוסט מיט הוילע לונגען.

— רעדט!

— צו וואָס נעמט איר מיך נאָך, עקסעלענץ, פאַר אַ היסטאָריקער? ביי אײַך דען ווי סתם אַ ייִד נישט קיין פאַרברעכער? די ייִדן וואָס ווערן מאַסנווייז אַרויסגעפירט צום אומשלאַג־פּלאַץ, זענען דען אַלע היסטאָריקער? משפּט מיך ווי אַ געטאָ־ייִד! די אַרכיוון וואָס איר האָט אויסגעפונען זענען נישט מיינע, נאָר דעם גאַנצן פאָלקס. וועגן מיר גופא וועט איר נישט געפינען קיין איינציקע שורה. צי איך גלויב פון דעם גאָך דער מלחמה רייך צו ווערן? איר ווייסט גאַנץ גוט, עקסעלענץ, אַז ווער ס׳וויל אין דעם חורבן רייך ווערן, פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין אַרכיוון.

דער געשטאַפּאָ־שעף האָט זיך מיט דער לינקער האַנט פאַרשטעלט דעם שמייכל אויף זיינע ליפּן. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער היסטאָריקער נעמט זיך פאַר שרעק — פאַררײַדן...

— איך בעט אייך נישט קיין רחמים, — האָט דער היסטאָריקער נאָך אַ שווערן זיפץ פאַרגעזעצט. — איך בין נישט אומשולדיקער און נישט מער שול־דיק ווי אַנדערע געטאָ־ייִדן וואָס ווערן מאַסנווייז פאַרניכטעט. ס׳דערמאָנט זיך מיר עפּעס אַ מאָדנע בילד — האָט ער פאַר שרעק אַ טרייסל געטאָן דעם שטול. — אין אַלטן רוים, דערציילן כראָניקער, איז געווען אַ מנהג, אַז יעדער אָנגע־קלאָגטער האָט געהאַט אַ רעכט צו לאָזן פאַרבייפירן פאַר טריבונאַל־טיש אַלע זיינע פאַמיליע־מיטגלידער און קרובים... זיי האָבן פאַרביימאַרשירט געקליידעט אין שוואַרצן... די פרוי פון אָנגעקלאָגטן האָט געטראָגן אַ שוואַרצן שלייער, אַקוראַט ווי איר מאַן וואָלט שוין געווען געקעפּט. די דאָזיקע צערעמאָניע האָט

טייל מאָל שטאַרק געווירקט אויף די ריכטער... ווען היינט וואָלט געווען אַזאַ מנהג, וואָלט איך דאָ פאַר אייער טיש געדאַרפט אַדורכפירן דעם גאַנצן דריי־און־אַ־האַלבן מיליאָן יידן וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט ערב מלחמה־אויסברוך... דאָס פאָלק ברויכט גאָרנישט מיינע אַרכיוון. מיין פאָלק האָט אַ גוטן זכרון... די פּשוטע פאָלקס־מענטשן וועלן נאָך דער מלחמה בעסער דערציילן ווי איך זאָל עס באַשרייבן...

— ס'וועט דען ווער פון אייך בלייבן, ראָקטער?

— איך בין זיכער אַז יאָ! האָט דער היסטאָריקער מיט אַ פעסטקייט אין זיין שטימע אויסגערופן. — ס'וועלן בלייבן מיליאָנען! אונדזער פאָלק שטייט נישט צום ערשטן מאָל אין דער וועלט־געשיכטע פאַר אַ נסיון. אונדזערע נסיונות און אייערע פרוּוון אונדז צו פאַרניכטן, זענען עלטער ווי די יעזוס־לעגענדע. איר האָט נאָך געהרודפט אונדזערע געטלעכע מינהגים איידער מיר האָבן אייך געגעבן אַ גאָט... ס'האָט נאָך קיינער נישט באַוויזן איינצוברעכן אונדזער שטאָלץ און אָפּצווישן אונדזער קיום. די וואָס פאַלן, פאַלן... אָבער ס'שטייען אויף אַנדערע...

— כאַ־כאַ־כאַ! זאָגט מיר נאָר, דאָקטער פרידלאַנד, איר ווילט מיך נישט אַמאָל איבערשרעקן מיט אייער אומזיניקן יאַנואַר־אויפשטאַנד? איר זענט דאָך אַנטלאָפן ווי אַ באַנדע פּחדנים.

ד'ער היסטאָריקער האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— פּחדנים? — האָט ער מיט פאַרביסענע ליפּן אַ זאָג געטאָן. — ניין, עקסעלענץ, מיר זענען נישט אַנטלאָפן נאָר געפאַלן און ווידער אויפגעשטאַנען. אונדזערע געשיכטע־בלעטער זאָגן עדות, אַז מיר זענען נישט אַנטלאָפן בעתן חשמונאים־אויפשטאַנד, נאָר מוטיק געקעמפט קעגן דעם מעכטיקן רוימישן קייסער אַדריאַן. מיר זענען אויך נישט אַנטלאָפן אין 115 ביז 117 פון דער איצטיקער צייט־רעכענונג, בעת מיר האָבן געקעמפט אויף צוויי פראָנטן: קעגן די רוימישע סאָלדאַטן און קעגן דער גריכיש־ראָמאַניזירטער באַפעלקערונג. איר בערגעלעבט די גזירות אין מיטלאַלטער און די שפּאַנישע אינקוויזיציע; דאָס יאָר 1241, בעת דער דעמאָלטיקער דייטשער המון איז באַפאַלן דעם פראַנקפורטער געטאָ, איבערגעהאַלטן די „רינדפלייש־שחיטות" פון 1298, באַקעמפט דעם שווידער פון שוואַרצן טויט אין 1448. וואָסערע בילבולים האָט מען שוין נישט אויף אונדז אויסגעטראַכט? מיר האָבן שוין פאַרסמט ברונעמער און טייכן, אָבער די יידן פון קעלן האָבן אויך דעמאָלט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און אַרויסגעוויזן מסירת־נפש און גבורה. ביים אויפשטאַנד פון די פאַסטוכער אָנהייב 14טן יאָרהונדערט, זענען מיר אויך נישט אַנטלאָפן... און בעת באַגדאַן כמיעלניצקיס קאָזאַקן זענען אין 1648 באַפאַלן דאָס פּוילישע יידנטום...

— גענוג! — האָט דער געשטאַפּאָ־שעף אַ פּאַטש געטאָן אין טיש אַרייַן.

— איר מאַכט זיך דאָך לעכערלעך, דאָקטער! איר מיינט טאָקע אַז כ׳האָב אייך אַרויסגערופן, אַז איר זאָלט מיר געבן אַ לעקציע יִדישע געפעלשטע געשיכטע? מיר קענען גוט די ראָל וואָס איר האָט ביז איצט אָפּגעשפּילט. רעדט בעסער וועגן אייער קאָפּ און וועגן אייער יִינגלס קעפּל, וואָס קען נאָך ווערן אָפּגעראַטעוועט אַזוי לאַנג ווי איך פאַרנעם זיך מיט דער איצטיקער אויספאָרשונג. אויב איך נעם די פעדער צום אונטערשרייבן...

ס׳איז אַ ווײַלע שטיל געוואָרן. דער היסטאָריקער איז געבליבן שטיין אַן איינגעקאָרטשעטער. זיין קאָפּ איז אים גאַנץ פּאַוואָלינקע אַראָפּגעזונקען אויף דער ברוסט.

אין דער רגע האָט זיך דער טעלעפאָן אויפן געשטאַפּאָ־שעפס טיש צעקלונגען.

— האַלאָ?! ווער רעדט?! לי־דאָ קע־רינס־קאָ?! אַך וואָס פאַראַ איבעראַשונג! אָבער... אין מיטן דער אַרבעט... אַנטשולדיקט שיינע פּרינצעסין! איצט איז אוממעגלעך. דו ווילסט מיר עפּעס וויַיזן... כאַ־כאַ־כאַ! דו לאַכסט אַזוי וואונדערשיין! האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט זיך צו לערנען דייטש. דו רעדסט זייער שלעכט. אָבער דיין שטימע קלינגט אין מיינע אויערן ווי די שענסטע מוזיק. איך קום דאָך היינט אָוונט צו דיר אין טעאַטער. כ׳בין שוין נייגעריק צו זען דיין נאַקעט־טאַנץ... אויב דו ווילסט צו מיר דורכאויס קומען אין מיטן דער אַרבעט, מוז דיין וויזיט האָבן אַ שייכות צו מיין אַמט פון אַ געשטאַפּאָ־שעף, וואָס דאַרף דעם גאַנצן באַזעצטן געביט האָבן אויפן קאָפּ. דו ביסט מיר, שפּיל־פייגעלע, גוט אַריינגעשפּרונגען אין שטייגל, איך דאַרף דיך אויספאָרשן. ניין, ס׳האָט נישט קיין שייכות מיט דיין אויפפירונג, נאָר מיט דער אויפפירונג פון דיין געוועזענעם רעזשיסאָר ברונאָ קאָכאַנאָווסקי... צי ס׳איז אויף אים פאַראַן אַ מסירה? וועגן דעם — פערזענלעך. נעם דיין וואָגן און קום! פאַרגעס נישט דעם אַדורכגאַנגס־שיין! נאָכן אויפשטאַנד פון די פאַרשאָלטענע יִדישע משוגעים, זענען אונדזערע וואַכמייסטערס שטרענגער. אַ קוש און נאָך אַ קוש! אויף ווידערשוויען, לידאָ!

דער שעף האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל. ער האָט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן זיך באַקוקט דעם לאַק פון די נעגל. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן האַנט־זייגערל און האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט. ער האָט אויף זיך נעטער אָנגעצויגן דעם מונדיר, אַ קוק געטאָן אויפן גלאַנץ פון זיינע שטיוול און איז מיט שטאָלצע טריט אַריינגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער.

דער היסטאָריקער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. ס׳איז אים געקומען אויפן

געדאַנק, אַז לידאַ קערינסקאַס וויזיט קען אַמאָל האָבן אָרגאַניזירט יורעק קאָכאַ־באָווסקי, און דאָס קען אפשר האָבן אַ שייכות צו זיין אויספאָרשונג? און אפשר איז עס גאָר אַ צופאַל? זיין האַרץ האָט זיך שטאַרק געוואָרפן הינטער זיין ברוסט. אויפן חשבון פון לידאַ קערינסקאַס וויזיט, האָט ער זיך שוין אַן אַ דערלוויבעניש, אָראָפּגעזעצט. ער האָט מיטביידע הענט זיך געגומען רייבן דעם שטערן. בעת ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ האָט ער צופעליק דערבליקט היט־לערס אויגן אויפן פּאָרטרעט.

„מ'האָט דיר פאַלש אויסגעטייטשט ניטשעס שיטה, אַז אַלץ געשעט דורך ווילן צו דער מאַכט" — האָט דער היסטאָריקער במחשבה גערעדט צו היטלערס פּאָרטרעט. — ניטשע איז דאָך באמת געווען אַ ייִדן־פריינד. היינריך היינע איז דאָך געווען זיין ליבלינגס־דיכטער. און מיט דעם ייִדיש־דענישן ליטעראַטור־קריטיקער געאָרג בראַנדעס, האָט ער דאָך לאַנגע יאָרן געפירט אַ בוזעם־פריינט־לעכע קאָרעספּאָנדענץ. האָט ער דען נישט צוליב אַנטיסעמיטיזם איבערגעריסן זיין פריינדשאַפט מיט וואַגנערן? און האָט ער דען אין לעבן נאָך וועמען אַזוי ליב געהאַט ווי די ייִדיש־רוסישע סטודענטקע לי פּאַן סאַלאָמע? ער האָט דאָך באַקעמפט דעם בודיזם און דאָס קריסטנטום וואָס שטעלן, לויט זיין וועלט־בליק, פאַר אַ שקלאַפן־מאָראַל. די ווערט פון לעבן קען נישט באַשטיין פון הכנעה און יאוש, האָט ער דאָך געזאָגט, נאָר אין אינטענסיווער טעטיקייט פון די אינס־טינקטן. די שענסטע פערזענלעכקייטן פון רענעסאַנס האָט ער דאָך גענומען פאַר מאָדעלן פון פּאָליטישע מאַכט־האָבער, מעצענאַטן, אונטערשטיצער פון קולטור און וויסנשאַפט. די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע זוכט דאָך ניטשע אויסצו־טייטשן דורך די צוויי סתירותדיקע מאָראַל־באַגריפן: די מאָראַל פון די הערשער וואָס גלויבן צו זיין גערעכט בלויז דערפאַר ווייל זיי זענען מעכטיק, און די מאָראַל פון די שקלאַפן, וואָס ליידנדיק פון זייערע רעסענטימענטן, רעוואָלטירן זיי זיך קעגן דער אכזריות פון זייערע הערשער. און וואָס זאָגט ניטשע וועגן מאַרטירער? זיי גייען אָפּט מיט פרייד דעם טויט אַנטקעגן. זיי באַהערשט אַ געפיל פון אַן אידעאַלאָגישן נצחון. דער אידעאָלאָגישער נצחון איז, הייסט עס, מיין לעצטער אַקאָרד..."

דאָ האָט זיך די טיר געעפנט. דער געשטאַפּאָ־שעף איז אַריינגעקומען מיט אַ פייכטן קאָפּ האָר, פון וועלכן ס'האָט זיך געהערט אַ ריח פון אָדעקאָלאָן. ער האָט געוואָרפן אַ גיפטיקן בליק אויפן היסטאָריקער. ער האָט זיך אָראָפּגעזעצט, גענומען אַ קנאַקעדיקן בויגן פּאַפּיר אין דער האַנט אַריין. פאַרן היסטאָריקערס אויגן האָט אַ שוועב געטאָן אַ שוואַרצער האַקנקרייץ. דער געשטאַפּאָ־שעף האָט זיך אַ פּאַכע געטאָן איבערן פּנים, געעפנט זיין גאָלדפעדער און אַ ברום געטאָן:

— קינדער־מערדער! אייער צען־יאָריקער זון איז אייך אויך נישט קיין

שאָד. גוט, גוט, פאַבלהאַפט! איצט איז שוין סיי־ווי צו שפּעט... — האָט ער גענומען שרייבן.

אָבער איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן די ערשטע שורה, האָט זיך די איינגאַנגס־טיר געעפנט, און ס'איז אַריינגעקומען לידאַ קערינסקאַ.

אין דעם טונקעלן אומהיימלעכן צימער איז מיט אַמאָל ליכטיקער און אַנדערשדיק געוואָרן. ס'האָט זיך עפּעס באַקומען ווי מ'וואָלט געעפנט די סטאָרן, אויפגערוקט די פאָרהאַנגען און דאָס טאָג־ליכט האָט די אַרומיקע שרעק פאַרטריבן... פֿאַריאָגט. אַ שאַרפער פאַרפום־אַראָמאַט און אַ קילקייט פון דער ווינטער־גאַס האָט אַ ווייע געטאָן אין דער לופט.

לידאַ קערינסקאַ האָט געטראָגן אַ וויזאָן־מאַנטל, אַ קאַנטיק קאָזאַקיש פוטער־היטעלע, אַ פּאָר שוואַרצע שטיוועלעך. אויף איר שטערן, ביים רעכטן אויג — אַ פעך־שוואַרצע לאָק, פאַרמירט ווי אַ רייף ביים אויערן־לעפל פון אַ שפּאַנישער קאַסטאַנעטן־טענצערין. אירע אויגן־דעקלעך זענען געווען געפאַרבט אויף בלוי. האַרט ביי אירע לאַנגע שוואַרצע וויעס — אַ גאַנץ דינינטשקע ווייסע ליניע. זי האָט אַ בליץ געטאָן מיט אירע ווייס־בלענדנדיקע ציינער און אויסגעשטרעקט איר הענטל צום געשטאַפּאָ־שעף.

ער האָט אויסגעזען ווי צו זיין פאַרכישופט פון איר שיינקייט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. זיינע גלאַנציקע שטיוול האָבן אַ הילכיקן פויק געטאָן און ער האָט איינגעבויגן זיין שטאָלצע פיגור, געכאַפּט איר הענטל צום קושן.

— אַנטשולדיקט, וואונדערבאַרע לידאַ! כ'פאַרענדיק דאָ מיט דעם פאַרברעכער. איך בין באַלד צו דיין דיספּאָזיציע. — האָט ער אַלץ נאָך נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון דער טענצערין!. — זיץ, לידאַ! — האָט ער איר אונטערגעטראָגן אַ פאָטעל.

ער איז ווילד צוגעשפּרונגען צום ביוראָ־טיש און נאָכדענקלעך גענומען פאַרענדיקן דעם היסטאָריקערס אורטייל.

דעם היסטאָריקער איז דאָס בלוט אָפּגעפלאָסן פון פּנים. ער האָט אָנגעשטעלט זיינע בעטנדיקע אויגן אויף דער טענצערין.

זי האָט אים צוגעוואָרפן אַ סודותפולן שמייכל. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און בינעמעסיק אַ שוועב געטאָן איבערן צימער און צוקומנדיק צום טיש, האָט זי אַ לאַכנדיקע אָנגעכאַפּט דעם געשטאַפּאָ־שעפס האַנט און צעפּיעשטשעט געזאָגט:

— אָ קאַרל, מיין ליבער! האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז אין מיין אָנוועזנהייט וועסטו נישט אונטערשרייבן קיין טויט־אורטייל, — האָט זי געעפנט איר פּאַפּיראָסניצע.

דער געשטאַפּאָ־שעף איז אַ רגע געבליבן זיצן מיט דער פּעדער אין האַנט.

ער האָט מיט אַ קאָוואַלירסקן מאַניער אונטערגעטראָגן דער טענצערין זיין גאָל־דענעם פּאַפּיראָסן־צינדער. ער האָט זיך מיט אַ שמייכל איינגעקוקט ווי בלויע קייקעלעך רויך נעמען זיך קרייזלען אַרום אירע תאוותפולע ליפּלעך. ס׳האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז די טענצערין האָט אים מיט איר רייץ געגנצלעך אויס־געטאָן דעם מיליטערישן מונדיר. ער איז איצט נישט מער ווי אַ פאַרליבטער מאַן וואָס זיצט קעגנאיבער זיין געליבטע פאַר וועלכער ער איז גרייט צו פאַלן אויף דער קני. אָבער ווי נאָר ער האָט אַ בליק געטאָן אויפן היסטאָריקער, וואָס האָט זיך דאָ צווישן אים און די טענצערין געפלאָנטערט ווי תכריכים צווישן באַלאַזיווע קליידער, האָט ער גלייך אָנגעשריבן די לעצטע שורה, געחתמעט זיין נאָמען; אַ קלונג געטאָן ביים טיש־גלעקל. צוויי געשטאַפּאָווצעס זענען מיט האַסטיקע טריט אַריינגעקומען. איינער האָט מיט דער רעכטער האַנט סאַלוטירט און מיט דער לינקער גענומען דעם באַפעל.

— צוריקפירן אין פּאַוויאַק!

דער היסטאָריקער איז מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ קוים־קוים אָפּגעגאַנ־גען. זיינע שיך האָבן נאָכגעהאַמערט יעדן טראַט זיינעם. דער אָפּהילך פון זיינע שיך איז געבליבן הענגען אין חלל ווי אַ ווידערקול פון אַ לעצטן אויסגעשריי — — —

לידאַ קערינסקאַ האָט נערוועז פאַרלאָשן איר פּאַפּיראָס און האָט נאָכגע־קוקט דעם היסטאָריקער.

— פון וואַנען ווייסטו דען, לידאַ, אַז כ׳האָב פאַר אים אונטערגעשריבן אַ טויט־אורטייל? — האָט דער היסטאָריקער דערהערט צוזאַמען מיט אָפּקלאַנג פון פאַרמאַכטע טירן.

אין די אַרומיקע גאַסן האָט געהערשט אַ געוואַלדיקער טומל. אַ לאַנגע שורה רויטע לייטער־וועגענער, געדיכט באַזעצטע מיט פייערלעשער, האָט זיך געצויגן איבער דער אַלטע שוקאַ. דאָס אַליאַרמינדיקע טרובען פון די פייערלע־שער־וועגענער באַנאַנד מיטן געזשום פון פּאָליציייאישע פייפלעך, האָבן פאַר־טויבט דעם גאַסן־גערויש און דאָס אַנגעלויף פון מאַסן מענטשן, וואָס האָבן גע־שפּאַרט פון אַלע זייטיקע גאַסן און געסלעך.

דער גאַסן־גערויש האָט דעם היסטאָריקער אַ שלאָג געטאָן איבערן מוח. זיינע אויגן האָבן זיך אַ ריס געטאָן אין דער ריכטונג פון געטאָ. די גאַסן־שפּי־לער און גאַסן־זינגער, וואָס האָבן אים דערמאָנט אין אַ נאָרמאַל לעבן, האָבן אים מער איינגעבראָכן ווי די שרעק פאַרן טויט. אַ הויכער באַרג פון פייערלעשער־קאַסקעס האָט אַ בליאַסק געטאָן אין זיינע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט אַרויסגע־בלישטשעט פון ברענענדיקע חורבות. ער האָט געפילט ווי קאָלבעס שטויסן אים און פון דער גאַנצער וועלטישער רחבות און הימלישער אומענדלעכקייט, האָט

זיך פֿאַר אים געעפֿנט אַ שמאָל טירל פֿון אַ תּפֿיסה־קעטשל. ער איז אַוועקגעפֿאַלן אויף אַ האַרטער באַנק. ער האָט זיין צעהיצטן מוח צוגעשפּאַרט צום פֿענצטערל. אויף זיין פּנים האָט זיך פֿאַרצויגן אַ וואָלקע פֿון שוואַרצע קראַטעס, וואָס האָבן אים אַ רגע געקילט; אַ רגע — געברענט. דאָס קעטשל האָט אַ קוויטש געטאָן און גענומען האַסטיק פֿאָרן איבער די איבערגעשראָקענע מלחמה־גאַסן.

פֿלוצלינג האָט זיך דער היסטאָריקער מיט אַלע כּוחות אַ טרייסל געטאָן. זיינע הענט האָבן משוגע־ווילד גענומען צאַפּלען און שפּרינגען איבער די קראַ־טעס, אַרויף־אַראָפּ, אַרויף־אַראָפּ. ער האָט דערזען דעם ייִד מיט דער לאַמטערנע. ער האָט ביי דער האַנט געפּירט זיין ייִנגל נתן. דער ייִד מיט די לאַמטערנע האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט, און דער קליינער נתן, וואָס האָט מיטן קאָפּ געוואָלט דערגרייכן צום פֿענצטערל, איז מיט אַ צאַפּל געשפּרונגען אין דער הויך. אויף איין אויגנבליק האָבן זיין קינדס איבערגעשראָקענע און פֿאַרמאַטער־טע אויגן אויף אים אַ בליק געטאָן.

„מיין גאָט!״ — האָט זיך דעם היסטאָריקער שטאַרק געוואָלט וויינען. — „הייסט עס, אַז מיין נתן געפֿינט זיך גאָר אין די הענט... אויסגעהאַלטן אַ טאָ־פּלטן נסיון....״

ער האָט זיך ווידער אַ ווילדן ריס געטאָן צום פֿאַרקראַטעווטן פֿענצטערל. און הגם דער קליינער נתן איז שוין ווייט געווען פֿון זיינע אויגן, האָט זיך דעם פֿאָטער אויסגעוויזן, אַז זיין קינדס אויגן בליקן נאָך אַלץ אויף אים, שוועבנדיק צווישן צווי קראַטעס. ער זעט דאָך ממש ווי זיין ייִנגלס אויגן שוועבן אים נאָך. און דורך דער שפּאַרונע אין די קראַטעס, פֿאַלן זיין קינדס טרערן אויף זיין פּנים און זיי ריזלען אויף זיינע באַקן ביז צו די פֿאַרשוימטע מויל־ווינקלען...

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

באַראַטונג אין שטאַב

בעת די צוויי קאָמאַנדירן, דוד ראָזענבלום און איציק בערגמאַן, האָבן דבורהן אַריינגעפירט אין שטאַבס בונקער, זענען די טישלעך שוין געווען צוזאַמענגערוקט, אויסגעשטעלט ווי דריי ווענט פון אַ טויער און באַזעצט מיט ניין קאָמאַנדירן.

צווישן די ניין קאָמאַנדירן, לרוב יונגע בחורים פון וואַרשע, לאָדזש, זשיראַרדאָוו און אַנדערע שטעטלעך, האָבן זיך דאָ געפונען פאָרשטייער פון: השומר הצעיר, דרור, בונד, לינקע פּועלי־ציון, רעכטע פּועלי־ציון, ציוניסטישע שילער, עקיבה, ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע יוגנט, גורדוניה, הנוער הציוני, פּ. פּ. ר. און מזרחיסטישער יוגנט.

אויפן טישל ביים הויפּט־קאָמענדאַנט, איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ גרויסע צייכענונג פון געטאָ, אויף וועלכער צוויי און צוואַנציק קאַמפּס־גרופּן זענען שוין טעאָרעטיש געווען אָוועקגעשטעלט אויף זייערע פּאָזיציעס.

באַמערקנדיק די צוויי אַריינגעקומענע קאָמאַנדירן מיט דבורהן, האָט דער שטאַב איבערגעריסן זיין באַראַטונג. די צעהיצטע קולות האָבן זיך האַסטיק איינגעשטילט. אַלעמענס בליקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דבורהן, וואָס איז פאַר טייל קאָמאַנדירן נאָך געווען אַ פרעמדע. דבורהס האַרץ האָט גענומען האַסטיק שלאָגן.

זי האָט מיט איר צעשטרייטן בליק אַרומגענומען אַלע שטאַב־קאָמאַנדירן און אַ שטאַרקן ציטער געטאָן, גלייך ווי איר איצטיקע שרעק פאַר זייערע יונגע לעבנס וואָלט פון איר אַרויסגעשריגן. איר בליק האָט זיך אַ ווייַלינקע פאַרהאַלטן אויפן מזרחי־פאָרשטייער, וואָס האָט געטראָגן אַ פעדער־שוואַרץ בערדעלע ווי אַ ראַמל אַרום זיין יונג אויסגעבלייכט פּנים. אַ פּאָר געלאָקטע פּיאות זענען אים געהאָנגען איבער די אויערן. אָבער באַלד האָבן זיך דבורהס אויגן אָפּגעשטעלט, האַלב־איבערגעשראָקענע, האַלב־איבעראַשטע, אויף אַ יונגן בחור, וואָס איז געווען אויבנאָן אין אַ אויסגעלייגט סלאָוואַצקי־קעלבערל. ער איז געווען אויסערגעוויינטלעך אויסגעבלייכט; אינערלעך — צעפלאַמט. זיין אויסזען האָט זי אַזוי פאַרכאַפּט, אַז זי האָט ממש נישט געקענט אָפּרייסן אירע אויגן פון אים. זי האָט זיך בשום אופן נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אָט־אַ דער איידעלער יונגערמאַן

מיטן הויכן אויפגעטורעמטן יערזש, פאַרקעמט מיט אַ שאַרפן שרונט, מיט אַזאַ פּאָר גוטמוטיק־צעשמייכלטע גרויסע אויגן, געטאָקטער גריכישער נאָז, פיין־געשניצטע ליפּן איבער אַ בליציק מויל ווייסע ציינער, זאָל דאָס זיין דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

די צוויי קאָמאַנדירן וואָס האָבן דבורהן אַריינגעבראַכט אין שטאַב, האָבן זי צוגעפירט צום הויפּט־קאָמענדאַנט:

— דבורה הערצבערג!

דער הויפּט־קאָמענדאַנט האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ לעבהאַפטן שמייכל איר דערלאַנגט די האַנט.

— מאַך פריי אַ פּלאַץ! —האָט דער הויפּט־קאָמענדאַנט אַ זאָג געטאָן צו זיין קאָמאַנדיר פון לינקס. — זיץ, דבורה!

דבורה האָט זיך אַ צעפּלאַטערטע אַראָפּגעלאָזט אויף אַ טאַבורעטקע.

— מיר ווייסן אַז דיין איצטיקע שליחות אויף דער „אַרישער זייט" איז געווען פאַרבונדן... — האָט דער הויפּט־קאָמענדאַנט געזאָגט און זיך אַראָפּגעזעצט מיט די אויגן געווענדט צו דבורהן. — מיר באַגריסן דיין מוט און מסירת־נפש. דאָס שווערע געווער וואָס דו האָסט איינגעקויפט איז נאָך צו אונדז נישט דערגאַנגען. אָבער מיר זענען דערמיט זיכער. ווען איך וואָלט געווען אַ שטאַב־קאָמענדאַנט פון אַן אַנדערער מפלגה, וואָלט איך דיר איצט פאַרגעוואָרפן... כ׳מיין דיין וויזיט ביים אינזשיניער פּאַוולאָווסקי, ביים פאַרשטייער פון פ. פּ. ר. אַן אַ באַפעל פון שטאַב האָסטו אין פּרינציפּ נישט געהאַט קיין רעכט צו גיין. מיליטעריש גענומען קען מען דאָס אָנרופן דיסציפּלין־ברוך. אָבער מיר זענען אַלע טיף גערירט פון דיין איינפאַל. דו וועסט אונדז באַלד אָפּגעבן אַ באַריכט. מיר וואַרטן נאָך אויף וועמען. דערווייל דריק איך דיר די הענט, דבורה, מיט גרויס באַוווּנדערונג פאַר דיין העלדישן אַקט. — האָט זיך דער קאָמענדאַנט האַלבלעך אויפגעשטעלט, אַ דריק געטאָן דבורהס האַנט, איינגעבויגן זיין קאָפּ און צוגעפירט אירע פינגער צו זיינע ליפּן.

דבורהס קערפּער האָט אַ שטאַרקן ציטער געטאָן, און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

— אַ באַפעל צו גיין בעטן הילף ביי פּאַוולאָווסקין, האָט איר געגעבן דבורה הנביאה, — האָט דער מזרחי־פאַרשטייער געזאָגט און אָנגעקוקט זיין קאָמענדאַנט.

דער קאָמענדאַנט איז געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער. באַמערקנדיק דבורהס פאַרטרערטע אויגן, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אַ רגע האָט ער אָנגעשפּאַרט זיין צעהיצטן שטערן אויף זיין לינקער האַנטפלאַך און האָט עפּעס נאָכגעטראַכט. באַלד האָט ער אויסגעבויגן דעם קאָפּ אין דער זייט, אַריבערפירנדיק

זיינע בליקן אויף אַלע קאָמאַנדירן וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. ער האָט יעדן קאָמאַנדיר באַזונדער גוט באַטראַכט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערגראָבן צו יענעמס נשמה, דערגיין צי דער מענטש פאַרמאָגט גענוג גלויבן און מוט גובר צו זיין דעם גרויסן נסיון. דערנאָך האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און אַריינגעקוקט אין זיך. ער האָט איצט זיך גופא געוואָלט דערזען און דערפילן, איידער ער גייט אַנדערע אַרויסגעבן באַפעלן.

אַרום האָט געהערשט אַ טיפע, פיינלעכע שטילקייט, ווי אַלע קאָמאַנדירן וואָלטן אין דער מינוט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

— אַרויסגעשיקט די לעצטע הילף־רופן צו די גרעסטע שטאָטסמענער אין דער וועלט. אָבער אונדזערע קולות שרייען אין אַ מדבר אַריין! — האָט דער קאָמאַנדיר געזאָגט, אַריינשטעכנדיק זיך צוויי פינגער אין זיין געדיכטן קאָפּ האָר. — די אויסראָטונג שטעלט זיך נישט אָפּ. זיי האַלטן שוין ביי דער באַרשטן־פּאָ־בריקן. אונדזערע אויפרופן אויף די געטאָ־וועגנט האָבן אַ קליינע צאָל אָפּגעהאַלטן, אָבער די מערהייט האָט זיך צוגעשטעלט. זיי וועלן אין קיינעמען נישט פאַר־געסן. ס׳וועט קומען יעדנס ריי. נו, איז אפשר כדאי צו זיצן און צו וואַרטן אויפן טויט? — האָט ער זיך אַרומגעקוקט. — די דאַטע פון אונדזער אויפשטאַנד איז באַשטימט. מיר האָבן צום באַדויערן אויף קיינעמען נישט צו רעכענען. מיר זע־גען פאַרמשפּט. ווען איך זאָל קענען געפינען ווערטער אייך צו זאָגן וואָס איך פיל, וואָלט מיר געווען לייכטער אַרויסצוגעבן באַפעלן. איך האָב זיך שוין הונ־דערטער מאָל געפרעגט: „ווער בין איך דאָס אַזוינס וואָס דווקא איך זאָל ראוי זיין אויסצופירן אַזאַ הייליק שליחות?“

ער האָט אַראָפּגענומען פון טיש אַ בלעטל און זיך גענומען פאָכן איבערן פּנים.

— בעת כ׳האָב זיך געזעגנט מיט מיין מאַמע האָט זי מיך געפרעגט: „ווו לאָזטו מיך איבער אַליין? אויב מיין גוף טויג שוין נישט צום קאַמף, טאָ נעם כאָטש מיט מיין נשמה! מיין לעבן אָן דיר איז מיר סיי־ווי איבעריק. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס איך זע דיך איצטביים געזעגענען, ווי אַ קינד ביי דער ברוסט. דו קענסט דיך נאָך נישט שטעלן אויף די פיסלעך, אָבער אַז אונדזער גרויסער גאָט וויל, קענסטו אין איין רגע פירן אַנדערע. פיר כאָטש מיט דיין מאַמע!“

ביי די ווערטער האָבן צוויי קעמפער אַריינגעפירט דעם האַלב־אייגעבראָכע־נעם פּאָעט מנחם מרגליות. אַלע האָבן זיך מיט דרך־ארץ אויפגעריסן פון די ערטער.

— שלום, שלום! — האָבן זיך פון אַלע זייטן צו אים אויסגעשטרעקט הענט.
— פעטער מנחם! — האָט דבורה אויסגעשריגן מיט אַן אויסטערליש קול.
— דבורה, דבורהלע! — האָבן צוויי קעפּ זיך צוזאַמענגעטוליעט און זיך

געקושט. — געלויבט השם יתברך וואָס מיינע אויגן האָבן זוכה געווען דיך צוריק צו זען פון „יענער זייט". הגם דאָ איז אויך אויף „יענער זייט", — אָבער פאָרט צווישן אייגענע. וואָס מאַכסטו, קינד מיינס? — האָבן מנחם מרגליותס ליפּן געציטערט.

— וואָס מאַכט דער טאַטעשי, פעטער מנחם?

— כ'האָב אים אַרויסגעצויגן פון בונקער און אים אַריינגעפירט אויף דער לעשנאָ. צי ער איז דאָרט יאָ זיכער, ווייסט אײַין גאָט אין הימל. איך וועל דיך נאָך דער באַראַטונג אַהינפירן. ער וויל דיך זען. ס'איז אים שווער תופס צו זיין, אַז די קענסט איצט נישט זיין בלויז זיין טאָכטער, נאָר די טאָכטער פון פאָלק.

דבורהס קאָפּ איז ווידעראַמאָל צוגעפאַלן צו איר פעטערס אַקסל און זי האָט זיך היײַך אויפן קול צעוויינט.

די קאָמאַנדירן האָבן זיך צוזאַמענגערוקט, געמאַכט פּלאַץ פאַר מנחם מרגליות, לעבן קאָמענדאַנט.

מנחם מרגליות האָט איצט געטראָגן אויפן האַלדז אַ שוואַרץ זיידן שאַליקל. דער קאָלנער פון זיין מאַרינאַרקע איז געווען אויפגעשטעלט, גלייך אַ שטורעם־רעגן וואָלט געגאַנגען איבער זיין קאָפּ. דאָס שטרייפל שוואַרצע קרעפּע וואָס ער האָט נאָך אַלץ געטראָגן נאָך זיין פרוי, איז איצט געווען באַשטאָכן מיט צוויי פאַרזשאַווערטע אַגראַפקעס. אַ קורצע גרויע באָרד האָט אַרומגענומען זיינע טיף־גריבלדיקע באַקן. האַרט ביי די נאָכהענגענדיקע אויגן טאָרבעלעך, האָבן אים אַרויסגעשטאָרצט צוויי שפּיציקע ביינער, ווי צוויי פאַרמאַכטע פינגער. זיינע מלבושים זענען געווען איינגעקאַלכט. אויפן קאָפּעליוש־באַנד — אַ שטיק שפּי־נען־געוועב. זיין גוף האָט זיך געהוידעט אויפן הענטל פון אַן אַלט־מאָדישן שטעקן.

מנחם מרגליות האָט זיך שווער אַראָפּגעזעצט. ער האָט זיך אַ פאַרשמאַכ־טער אַריינגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער, איבערגעלאָזט אַ צוויי־דריי וואַסער־פּערל אויף דער באַבאָרדעטער גאַמבע, אַרומגעקוקט זיך און סאַפּענדיק געזאָגט:

— געוואָלט פאַרוועלן אין „עונג־שבת" מיין זעכציקסטן געבוירנטאָג. דערמיט געוואָלט מאַכן אַן אָנשטעל אַז אונדזער היינטיק לעבן איז מכלומרשט באַהאַפטן מיטן עבר און מיטן עתיד. כ'האָב זיך אָפּגעזאָגט. ווער קען איצטער הערן שבחים וועגן פּאָעזיע? ווער האָט איצט בכלל אַ רעכט צו רעדן וועגן פּאָעזיע? ווו זענען די געוויסנס פון אַזעלכע באַרימטע פּוילישע פּאָעטן ווי: לעשמיאַן, וויערזשינסקי, איוואַשקעוויטש, יאַשינסקי, בראָניעווסקי? ווו איז זייער עמיל זאָלאַשער „זש'אַ־קיוז"?! מילא אַזעלכע גייסטער ווי אַ טאָלסטאָי, מאַקסים גאָרקי, ראָמאַן ראָלאַן און אַנדערע פון זייער מדרגה, האָבן געמעגט גלייבן אין פּאָעזיע, מאָראַל, עטיק, און אַז דאָס וואָרט מענטש קלינגט שטאָלץ, ווייל זייער געוויסן האָט נישט גע־וויגן ווייניקער ווי זייער קונסט. אָבער די היינטיקע פערזן־פאַבריקאַנטן, גיין,

נישט דאָס וואָרט מענטש קלינגט שטאָלץ, נאָר גיכער — ווי אַ סינאָנים פון דע־גראַדאַציע און שפלות. דער מענטש טויג נישט. ער איז נישט קיין פאַרענדיקט באַשעפעניש. ס'זענען טאַקע פאַראַן צדיקים אויך, אָבער דער שלעכטער שלעפּט מיט דעם גוטן.

און נאָך אַ שווערן זיפץ:

— איך קען ממש נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז ד״ר מאיר פרידלאַנד וואָס האָט אַוועקגעגעבן אַזויפיל כוחות צו פאַראייניקן און צו פאַרגאַנצן אונ־דזער פאַרטיייִשע צעריסנקייט, בכדי דער אויפשטאַנד זאָל קענען צושטאַנד קו־מען, זאָל זיך איצט נישט געפינען צווישן אונדז נאָר אין פינצטערן שוידערלעכן „פּאַוויאַק״. זיין ווירדיקע האַלטונג בעת דער אויספאָרשונג, זיינע שאַרפע ענט־פערס, איז וואָס אַן אמת נישט קיין קלענערער ווידערשטאַנד ווי אונדזערער. זיי־נע אַרגומענטן זענען געווען שאַרפער ווי קוילן, אָבער ער האָט פאָרט נישט זוכה געווען צו דערשפּירן דעם טעם פון נקמה, צו זען דייטשע הרוגים פאַר זיינע אויגן. די וואַנדאַלן האַלטן אים נאָך אין „פּאַוויאַק״, מיינענדיק אַז דורך יסורים וועלן זיי פון אים אויספּרעסן סודות. ער וועט זיי, נאָך די סאַמע שוידערלעכסטע טאָר־טורן, ענדלעך אויסזאָגן ווו דער געטאָ־אַרכיוו איז באַגראָבן געוואָרן... אָבער מיר אַלע דאָ זענען דאָך זיכער אַז אַזוי גוט ווי ר׳ עקיבא האָט נישט מפסיק־געווען פון קריאת־שמע בעת מ'האָט אים אָרויסגעפירט צום טויט, געלאָזט זיין לייב רייסן מיט אייזערנע קאַמען, וועט אונדזער מאיר פרידלאַנד נישט מפסיק־זיין פון זיין מסירת־נפש פאַר קידוש־האומה. דער געדאַנק שניידט מיין האַרץ ווי מיט מעסערס. אָבער וואָס קענען מיר אים העלפן? באַפאַלן דעם „פּאַוויאַק״? אונטער־קויפן די וועכטער? יורעק קאַכאַנאָווסקי האָט שוין, דאַכט זיך, עפּעס געפּרוווט, אָבער, אָבער... מיר האָבן אַוועקגעשיקט אויפן מזבח אונדזערע שענסטע, ריינס־טע שאָף. לאָמיר זיי כאָטש אָקעגנגיין מיט אַזאַ ענלעכן קידוש־השם! די אגדה דערציילט, אַז בעת מ'האָט ר׳ עקיבאן אַוועקגעלייגט אויף דער מטה, האָבן זיך די ליכט אין די לייכטער אַליין אָנגעצונדן. היות ווי אויף אונדזערע מטות, האָבן מיר דאָך שוין איצט אַוועקגעלייגט מיליאָנען קדושים, איז שוין גלייב איך די העכסטע צייט, אַז אונדזער ליכט פון גאולה, זאָל זיך ווי אַמגיכסטן אָנצינדן!

— אָמן! — איז אַדורך אַ שטיל געפּליסטער.

מרגליות איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן אַן אַנטשוויגענער. ער האָט גענומען אין ביידע הענט אַריין די צייכענונג פון געטאָ, לאַנג געקוקט אויף די שוואַרצע צעשלענגלטע שטריכן, וואָס האָבן זיך ערגעץ־ווו אַוועקגעצויגן. ער האָט אַראָפּ־געשלונגען אַ שלוק וואַסער און געזאָגט:

— אידעיִש גענומען, קינדער מיינע, דאַרפן מיר זיך נישט מער באַראַטן. דער אויפשטאַנד איז שוין כמעט אַ געשעענער פאַקט. איך גיי אַרום און חלום

מיט אָפענע אויגן, אַז מיר שפּילן אָפּ דעם עפּילאָג פון דער לאַנגער גלות־דראַמע. פאַרוואָס לייענען ייִדן איצט פאַרשטעקטערהייט נאָר מלחמה־ליטעראַטור? פאַר־וואָס לערנען זיי נישט הערצלס „ייִדנשטאַט" אָדער „דאָס נייע געטאָ"? יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? אונדזער קאַמף אויף דער פּוילישער ערד הייבט זיך נישט אָן מיטן איצטיקן אויפשטאַנד. איר ווייסט דאָס אַלע, קינדער מײַנע, אַז מיר דאָ זענען נאָר דער המשך פון אַ קאַמפּס־טראַדיציע וואָס ציט זיך אַוועק ביז צום יאָר 1794. מיר זענען די נאָכפאָלגער פון אַ בערעק יאָסעלעוויטש און ר. בע־ריש מייזליש. מיר דאַרפן זיך זען אַזוי ענג פאַרבונדן מיט אונדזער געשיכטע־בלעטער, אַז ס׳דאַרף זיך אונדז אויסדאַכטן ווי בר־גיורא און בר־כוכבא האָבן ערשט נעכטן אויפגעלעבט די גבורה־טראַדיציע פון אַ מאַרטירער־פאָלק וואָס האָט זינט די ערשטע קרייץ־צוגן, געצאָלט צינזן מיט בלוט, ווי איז מיר וואָס כ׳מוז אייך דערמאָנען דאָס „דרייצנטל", הגם עס איז שוין איצט ליקווידירט. אונדזערע מוסרים און אַלע פאַרקויפטע נשמות... אויף דעם זאָגט דער „ספר האגדה"; אַ ציטערניש האָט אָנגעכאַפּט די ביימער ווען דאָס אייזן איז באַשאַפן געוואָרן.

— וואָס ציטערט איר? — האָט דאָס אייזן געפרעגט. — ווען איר גופא וועט מיר נישט געבן קיין האָלץ אויף אַ הענטל, קען מיין האַק אייך גאָרנישט שאַטן.

— איז אונדזער חורבן אָבער אַזוי גרויס אַז מיר אַליין האָבן געגעבן האָלץ אויף אַ הענטל צו דער דייטשער האַק. יאָ, קינדער מײַנע, — האָט אַרויסגע־זיפצט. — נאָך אַלע מליצות שטייען מיר פאַר אַ קאָמפּליצירטע האַמלעטישע פּראַגע: צי לייזט די נקמה אויס דעם מאַסן־מאָרד וואָס איז איבער אונדז באַ־גאַנגען געוואָרן, ובפרט ווען אונדזער נקמה־אַקט איז אין פאַרגלייך מיט דעם גרויסן וועלט־מאָרד, ווי אַ טראָפּן אין ים. אָבער אויב אונדזער נקמה־אַקט קען נישט אויסלייזן אונדזערע לעבנס, וועט ער אָבער אויסלייזן דעם כבוד פון פאָלקס־דורות. אונדזער באַשרענקט ביסל כלי־זין וועט מער אַריינהילכן אין דער טויבער וועלט אַריין ווי אונדזערע פאַרצווייפלטע קולות. אונדזער פאַלן וועט דאָס גאַנצע פאָלק דערהייבן. מיר קענען סיי־ווי נישט אַרויס פון דעם אָפענעם קבר. ווייזט אויס אַז נישט מיר האָבן אויסגעקליבן אַזאַ גורל, נאָר דער ייִדישער גורל האָט אונדז אויסגעקליבן פאַר העלדן פון דער היינטיקער פינצטערער תקופה. מיר שטייען פאַרצווייפלטע ביים ראַנד פון אַן אָפּגרונט. ס׳איז אונדז נישט פאַר־בליבן קיין אַנדערער אויסוועג ווי נאָר אויסצודרייען זיך און אָנצוכאַפּן דעם שונא ביים גאָרגל און אים מיטצושלעפּן אין תהום אַריין. מיר קעמפן שוין נישט פאַר אַ בכבודיק לעבן, נאָר פאַר אַ בכבודיקן טויט.

דאָ איז מנחם מרגליות אַנטשוויגן געוואָרן. די אַרומיקע שטילקייט האָט זיך ווי דער פלאַם פון אַ צעטריפט חלב־ליכט, אַראָפּגעזעצט אַלץ נידעריקער און ני־

דעריקער, געוואָרן אַלץ טיפער און טיפער. ס׳האָט זיך עפּעס באַקומען, אַז דאָס וואָס דער פּאָעט האָט נישט דערזעדט, שרייט אַרויס פון דער אימות־המוותדי־קער אַנטשוויגנקייט.

מרגליות האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, נאָכאַמאָל אויפגעהויבן די גע־טאָ־צייכענונג, אַרויסגענומען פון ברוסטן־טעשל אַ פאַרגרעסער־גלאָז און גענו־מען באַטראַכטן די אָנגעצייכנטע קאַמפּס־פּאָזיציעס.

באַלד האָט ער מיט צוויי פינגער זיך פאַרמאַכט די אויגן און זיינע ליפּן האָבן געגומען פליסטערן:

— ס׳פּלאָנטערן זיך אין מיין מוח געגראַמטע פערזן פון ר׳ עמנואל הרומי. כ׳געדענק קוים דעם תוכן. און איך פאַרגלייך מיין צייט צו אַ פייער, די פּאַסי־רונגען צו האָלץ. איך בין דער שפּעס פּאַר אַ קרבן. און זאָל איך וויינען אויף מיי־נע אומגליקן, וועלן מיינע טרערן אַלע טייכן אויסטריקענען. און אויב כ׳זאָל מיי־נע אַלע אומגליקן אויסדערציילן, וועל איך גאַנצע מגילות דאַרפן שרייבן. דערוי־בער וועל איך בעסער שווייגן.

ס׳איז אויף אַ היפּשע ווײַלע שטיל געוואָרן. אויגן האָבן זיך בלויז איבער־געקוקט.

— איך גיב איבער מיין וואָרט אַן אַנדערן — האָט מנחם מרגליות אָנגע־קוקט דעם הויפּט־קאָמענדאַנט.

— דבורה!

דבורה האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט דערמאָנט אין אַ שלאַנקן בוים נאָך אַ רעגן, בעת פון די בלעטלעך טריפן נאָך טראָפּנס. זי האָט זיך אַ צעשטרייטע אַרומגעקוקט. זי האָט עטלעכע מאָל געעפנט ס׳מויל ווי אַ פיש וואָס איז שוין לאַנג אַרויסגענומען פונעם קוואַליקן וואַסער. לסוף האָט זי זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— מיין איינדרוק איז, אַז די פירער פון פ.פ.ר. וואַרטן אויף דער רויטער אַרמיי. דאָס האָב איך אַרויסגעפילט בעת מיין שמועס מיטן גענעראַל־סעקרע־טאַר פּאַוולאָווסקי. אונדזער הויפּט־קאָמענדאַנט האָט מיר פאַרגעוואָרפן פאַרוואָס איך בין אַן באַפעל פון שטאָב געגאַנגען צום פירער פון פ.פ.ר. איידער איך האָב אים באַזוכט איז מיר געווען פיל בעסער. איך האָב געגלייבט אַז אַ גרויסע מאַכט שטייט הינטער אונדז און מיט אונדז. איצט ווייס איך, אַז דער גאַנצער פּוילישער לינקער פליגל איז בכלומרשט מיט אונדז; און מיר זענען פון דעסטוועגן אַליין. זאָלן מיינע רייד חלילה קיינעמען נישט אַנטמוטיקן. מיר גייען דאָך נישט פירן קיין מלחמה בכדי צו דעראָבערן ערד. מיר ווילן דאָך נאָר פאַרן טויט פאַרזוכן דעם זיסן טעם פון נקמה. און אפשר איז גאָר דער נקמה־טעם אַ ביטערער. איך

ווייס נישט. איך פיל נאָר אַז די סאַמע גרעסטע פוילישע פרייהייט־קעמפער פילן זיך נישט ענג פאַרבונדן מיט אונדזער גורל.

— פאַלש! — האָט אַ געשריי געטאָן דער מאַרקסיסטישער קאָמאַנדיר — דורכאויס פאַלש! אַפילו דער גרויסער פּאָעט אונדזערער, מנחם מרגליות, מעג מיר אויך מוחל זיין. ער רעדט וועגן בר־כוכבאַן. פאַרוואָס נישט וועגן אונדזערע הייטנטצייטיקע ייִדישע העלדן וואָס קעמפן מיט אַזאַ גוואַלדיקן הערָאיזם אויף די רוסישע פראָנטן? און צווישן די ייִדישע העלדן געפינען זיך יאָ ייִדיש־סאָוועטי־שע פּאָעטן מיט געווויסן, וואָס האָבן די פען זייערע אויסגעטוישט אויף אַ ביקס, זענען געוואָרן שלאַכטמענער. זיי קעמפן פאַר אונדזער אַלעמענס פרייהייט. אויב די פּ.פּ.ר. וואַרט אויף דער רויטער אַרמיי, איז עס נאָר דערפאַר וואָס דאָס שווע־רע געווער געפינט זיך אין פאַשיסטישע הענט. מיט וואָס ווילט איר זאָלן זיי דעם אָקופּאַנט פאַרטרייבן? מיר זענען עפּעס אַנדערש. מיר פאַרמעסטן זיך נישט צו פאַרטרייבן זעם שונא. נאָר — דעם פחד פאַרן טויט. איך האָב ידיעות פון די ערשטע קוועלן, אַז אַ געהיימע פוילישע אַרמיי שטייט גרייט אויף יענער זייט געטאָ־מויער. נאָך אונדזער ערשטן שאָס, פאַלן זיי אָן אויפן שונאס רוקן. די נאַ־ציס וועלן אַזוי אַרום ווערן איינגעקעסטלט.

— ריכטיק, ריכטיק! — האָט דער הויפּט־קאָמענדאַנט אַ זאָג געטאָן. — איך זע איין, אַז דאָס אויסטיילן יעדן אַ וואָרט, קען חלילה אַריינברענגען חילוקי־דעות, וואָס קענען צעשפליטערן אונדזער אייניקייט. חברים, לאָזט דאָס איבער פאַר דער אומלעגאַלער פּרעסע, ווו יעדער איינער איז באַרעכטיקט אַרויסצורוקן זיין ענג־פּאַרטייִשן צוגאַנג. דאָ אָבער ביי די צוזאַמענגערוקטע טישלעך, וואָס זענען געוואָרן איין טיש, פאַראייניקט אונדז אַלע איינאונאיינציקע הייליקע אי־דייע. מאָרגן נאָכמיטאָג האַלטן מיר שוין אָפּ די לעצטע זיצונג פאַרן אויפשטאַנד. מיר שטעלן טעאָרעטיש שוין אָוועק אונדזערע קאַמפּס־גרופּן אויף זייערע פּאָזי־ציעס. מיר וועלן דאָס מאָל אָפּריכטן דעם „סדר" מיט געווער אין די הענט. מאָרגן ווערן שוין אויסגעטיילט די אָנווייז־קאַרטן, וואָס ווערן איצט געדרוקט אין איינע פון אונדזערע דרוקערייען. אויב ס'האָט ווער פון אייך אַן אויסבעסערונג, אין שייכות מיט אונדזערע קאַמפּס־פּאָזיציעס, מעג נעמען אַ וואָרט.

אַ האַנט פון אַ קאָמאַנדיר האָט זיך אויפגעהויבן. אָבער גראָד אין דער רגע האָט מען געהערט טריט. אַ צעשויבערטע, אַ צעפּלאָנטע און אַן איבערגעשראָ־קענע, איז אַריינגעקומען די „קורירין" מאַרינקע קעלער.

— אונדזער חברטע רוזשקע איז אַ דערשאָסענע געבליבן הענגען אויף דער געטאָ־מויער. דעם קויש געווער איז אונדז געלונגען אָפּצוראַטעווען.

אַלע האָבן זיך אין איין אויגנבליק אויפגעריסן פון די ערטער און האָבן מיט אַ מינוט שווייגן באַערט די דערשאָסענע קעמפערין — — —

ס׳איז געוואָרן אַזוי שטיל, גלייך ווי דער בונקער וואָלט געוואָרן אויסגע־ליידיקט.

דבורה האָט זיך אויסגעווישט אַ טרער.

די „קוריערין" איז האַסטיק אַרויס פון בונקער. טייל קאָמאַנדירן האָבן זיך צוריק אַראָפּגעזעצט; טייל זענען שוין געבליבן שטיין.

— ווער האָט דאָ עפּעס געוואָלט צוגעבן? — האָט זיך דער קאָמענדאַנט מיט אַן אומרויִקן בליק אַרומגעקוקט.

— איך! — האָט דער מזרחי־פּאַרשטייער אויפגעהויבן אַ האַנט. אָבער איידער שמעון האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם זאַץ, האָט זיך ווידער דערטראָגן אַ גע־ויש. ס׳האָבן זיך דערהערט אַריינשלייכנדיקע טריט. אַ מיידלישע שטימע האָט עפּעס אַ זאָג־געטאָן אויף יענער זייט טיר.

טייל קאָמאַנדירן האָבן באַרירט זייער געווער. אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדעט צו דער טיר.

מיט גאַנץ־לאַנגזאַמע, מיד־נידערגעשלאָגענע טריט, האָט זיך אַריינגעשלייכט אַ הויך, שלאַנג יונגטלעך מיידל. איר קינדעריש פּנימל מיט די צוויי גרויסע העל־בלויע אויגן, האָט אַ בליק־געטאָן אין דעם טונקעלן בונקער. אירע צוויי דיקע גאָלדענע צעפּ, האָבן זיך נאָך פון אַן אינערלעכער טויט־שרעק געטרייסלט אויף אירע יונגע ברוסטן. אַ טערקיש קאָלירנרייך טיכל האָט געפלאַטערט אויף איר זעלטן־שיינעם קאָפּ. האַלטנדיק ביידע הענט אין די טאַשן פון אַן עלעגאַנטן זיידן גומי־מענטעלע, איז זי ווי צוגעפאַלן צו אַ וואַנט און מיט אַ דיק, צוקענדיק שמייכעלע אַנגעקוקט דעם הויפּט־קאָמענדאַנט.

— ניוטקאַ! — האָבן אַלע כמעט איין קול אויסגערופן.

— חברים! — האָט זיך דאָס מיידל שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ טאַבור־רעטקע — אייער באַפעל איז אויסגעפירט. דער נאַצי־שעף אין געשטאַפּאָ־אַמט, איז דורך מיין האַנט דערשאָסן געוואָרן.

— ניוטאַ, ניוטאַ! — האָבן די קאָמאַנדירן אַרומגערינגלט דאָס יונגע מיידל.

— און געשען איז עס איידער די נאַכט איז צוגעפאַלן. די וואַכלייט פאַרן טויער האָב איך געוויזן די געפעלשטע איינלאַדונג. געקוקט האָבן זיי דעריקער אויף דער אונטערשריפט. ווען יורעק קאַכאַנאָווסקי וואָלט אונדז נישט באַזאָרגט קיין עכט קאָפּירטע אונטערשריפט וואָלט איך אפשר דורכגעפאַלן. אַריינקומענ־דיק האָב איך געטראָפן צוויי פון אונדזערע חברים. פּאָר שרעק זענען מיר זייערע נעמען אַרויס פון זכרון. מ׳האָט זיי געהאַלטן אינמיטן אויספאָרשן. זיי האָבן מיך ווייזט אויס דערקענט. דער נאַצי־שעף האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַן עלעגאַנטן שמייכל און מיך געפרעגט? „וואָס מאַכסטו דאָ, וווּנדערשיינע לאָ־רעליי?" בליץ־שנעל האָבן זיך ביידע חברים איבערגעוווּנקען און אויסגעהאַקט די

שויבן. דעמאָלט האָב איך אויסגעשאָסן. די חברים האָבן גענומען לויפן. אין גע־טומל האָב איך זיך צוריק אַרויסגעשלייכט. ס'איז מיר אַקעגנגעקומען דער ייִד מיט דער לאָמטערנע. ווען אַ האַכמייסטער האָט מיך פאַרהאַלטן, האָט דער ייִד אָנגעשטעלט די לאָמטערנע און אים אַ בלענד־געטאָן אין פּנים אַריין. כ'וואָלט זיך שוין קיינמאָל נישט קענען דערקלערן ווי אַזוי איך בין פון דאָרט אַרויס. גיט מיר אַ שלוק וואַסער!

— טייערע ניוטקאָ! — איז דבורה צוגעפאַלן צו דעם יונגן מיידל און מיט טרערן אין די אויגן זי גענומען קושן.

די קאָמאַנדירן זענען אַ ווײַלע געבליבן אַנטשוויגענע און האָבן זיך איבער־געקוקט.

— שמעון!

בעת דער מזרחי־פאָרשטייער האָט זיך אויפגעשטעלט איז ער געוואָרן זייער אויסגעבלייכט. ער האָט זיך מיט אַ פּאָר איבערגעשראָקענע אויגן אַרומגעקוקט און ווי פאַרשעמט געזאָגט:

— זייט מיר מוחל, חברים! ס'איז מיר נישט מעגלעך תופס צו זיין, אַז נאָך אַזוי פיל באַראַטונגען וואָס מיר האָבן שוין אָפּגעהאַלטן און לשם השפּעה אַרויסגעהויבן אַפילו אַזאַ אַפּיקורס ווי שפּינאָזע, זאָל קיינער נישט האָבן דער־מאָנט די גרויסע ראָלע פאַרן קיום־האומה פון רעליגיעזן ייִדנטום. ווייזט אויס, און דאָס איז דאָך שוין במשך פון דורות אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז די פריי־געשטימטע, די ראַדיקאַלן הייסט עס, זענען מער ווי זיכער, אַז מיר האַלטן זיך אויף אין גלות שוין קאַרגע צוויי טויזנט יאָר, נישט צוליב אונדזערע מצוות, טראַדיציעס, יום־טובים־צערעמאָניעס, און „צדיק באמונתו יחיה", נאָר אַ דאַנק דעם וואָס מיר האָבן געהאַט ייִדן מיט וועלט־נעמען: אַפּיקורסישע פילאָזאָפן, חרוזים־מאַכערס און שרייבער פון יצר־הרע־ראָמאַנען וואָס זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פרעמדע לשונות, אָבער קיינער פון זיי איז נישט און וועט נישט איבערוואַקסן...

— שמעון, דו רעדסט נישט צום ענין — האָט דער קאָמענדאַנט געוואָרפן אַ בליק אויפן מזרחי־פאָרשטייער. — ס'איז איצט נישטאָ קיין צייט פאַר פלפּו־לים. וואָס האָסטו צוצוגעבן צום פּלאַן פון אויפשטאַנד?

מיט אַמאָל האָט זיך די טיר געעפנט, און סודותדיק־שטיל ווי מיט באָרוועסע פיס, איז אַריינגעקומען דער ייִד מיט דער לאָמטערנע.

— ייִדן, הערט וואָס עס האָט פּאַסירט אויפן אומשלאַגס־פּלאַץ! דער וואָר־שעווער רב קאַנאַל האָט, פאַרן אַריינגיין אין וואַגאָן, אַראָפּגעלאָזט זיין שטעקן אויף אַ דייטשן אָפיצירס קאָפּ. דער רב איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

און אַרויסשלעפּנדיק אַ ליכט פון זיין טאָרבע, האָט ער עס אונטערגעטריפט אויפן טיש און אָנגעצונדן.

— פאַר דער נשמה פון הרב קאַנאַל! — האָבן זיינע ליפּן געפּליסטערט — פאַרן ערשטן קרבן פון קומענדיקן אויפשטאַנד!

אַלע זענען געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט. אַלעמענס אויגן האָבן זיך פאַרקוקט אויפן נשמה־פלעמל, וואָס האָט אינעם טונקעלן אַרום, אָנגעוואָרפן קעפּ פון שאָטנס אויף די ווענט.

— דער אויפשטאַנד האָט זיך שוין אָנגעהויבן! — האָט דער הויפּט־קאָמענדאַנט התלהבותדיק אויסגערופן.

— דער אויפשטאַנד האָט זיך שוין אָנגעהויבן! — האָבן אַלע אויפשטענדלער, בקול אחת, נאָכגעזאָגט.

דריטער טייל

קאַפּיטל צוויאונצוואַנציק

דער סדר

ערב פּסח פאַרנאַכט.

די זון האָט זיך אַראָפּגעזעצט מיט אַן אָפּגעשפּאָלטענעם קאָפּ. איר פייער־דיקער אָפּשפּריץ וואָס האָט פאַרגאָסן דעם מערב־האָריזאָנט, ווי מ'וואָלט דאָרט אויבן אויסגעלייגט פאַרבנרייכע דיוואַנען געקעסטלטע און פאַרונדיקטע, ענלעך צו געפלעקטע פעלן פון טיגערס. לעמפּערטן און קראָקאָדילן, האָט אויך געוואָרפן אַ שרפהדיק־רויטלעכן אָפּשיין אויף אַ שטיק פון דער געטאָ־מויער. אַפילו די גאַנץ־ווייסע אַטלאַס־וואָלקנס, געשוווּמען אינדערמיט הימל ווי פאַרשיידנפאַר־ביקע זעגל־שיפן אין אַ בלויען ים, זענען ביים אָפּגלאַנץ פון די שקיעה־פלאַמען, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ברענענדיקע אינדזלען, איבערגעצויגן מיט אַ ראָזעווע טיול וואָס האָט זיך בהדרגהדיק פאַרלוירן צווישן די ערשטע נאַכטיש־טונקעלע דינע טענער. צוביסלעך, ווי אייגנציקווייז אויסגעטריפט, האָבן זיך אַלע הימלישע פאַרבן פאַרלאָשן, פאַרטושקעט. דער הימל האָט אָנגענומען די קאָליר פון אַן איינטאָניקן טונקל־בלוי, געשפּרענגלט מיט זילבער, גלייך ווי פון אַ ים־טיפ־קייט וואָלטן מיטאַמאָל אַרויסגעשוווּמען לאַנגע שנורן פּערל און זיך צעשאָטן אויף דער אויבערפלאַך.

אַ לייכט אַפּריל־ווינטל האָט געווייעט איבער די ביימער־קעפּ, אָנגעטאָן אין נייע גרינע בלעטער־קליידער. די קנאָספּן וואָס האָבן זיך שוין האַלבלעך געהאָט פאַרמאַכט צום נאַכט־שלאָף, האָבן איבערגעלאָזט אין דער לופט אַ פאַרשיכורדיקן פרילינגס־אַראָמאַט און אַ וועלט־ווילן פון באַנייונג און לעבנס־חדווה.

אָבער די געטאָ־גאַסן זענען געגנצלעך אַרויסגעפאַלן פון עם אידילישן וועלט־בילד. פון אַלע זייטן האָבן זיך דאָ אין דער אַרומיקער לופט געקנוילט און גע־זועלביקט שוואַרצע רויך־שלאַנגען, באַלייגט ווי מיט שופן פון גליִענדיקע פונקען וואָס האָבן יעדע רגע אויסגעבוכניעט מיט אַ געקראַך און אַ שפּריץ־געטאָן מיט פייער אויף די אָפּגעליידיקטע אָפּגעשטאָרבענע טראָטואַרן, אויסגעפלאַסטערטע

מיט קרישקעס גלאָז פון די אויסגעטראָסקעטע שויבן. ברייטע פּאַסמעס פייער האָבן נאָך דאָ און דאָרט דורך אויסגעהוילטע פענצטער־פּוטרינעס, דראַקאָניש אַרויסגעשטעקט זייערע לאַנגע רויטע צונגען, אַרומגעלעקט די פּאַסאַדעס מיט אַ געהודזשעריי וואָס האָט אָפּגעשלאָגן אין דער לופט ווי אַ רווישיקער, מעכטיקער פייער־פאַל איבער הויך־אויפגעטורעמטע, האַלב־צעפאַלענע סקאַלעס. אויף די דעכער זענען אַרומגעשפּרונגען קלומבעס פייער וואָס האָבן, ווי אַ טשאַטע רויט־האָריקע חיות, אַלצדינג איינגעשלונגען. פון צייט צו צייט האָט אַ ברענענדיקע בעלקע זיך אָפּגעריסן פון אַ סופיט און איז מיט אַ באַטויבנדיקן אָפּהילך געזונקען אין דער ערד, מיטשלעפּנדיק אַ מעבל־שטיק אָנגעפּולט מיט הפקר־געוואָרענע שטוב־חפצים. דער הימל איבער די ייִדישע גאַסן איז איצט מער נישט רויט געווען פון זון־אונטערגאַנג, נאָר פון געטאָ־אונטערגאַנג.

אַ געררויש פון מוטיקע און יאושדיקע קולות; אַן אָפּהילך פון שטאָלצע און איינגעבראָכענע טריט, האָט זיך דערשראָגן פון די סאַמע טיפסטע בונקער־קברים, ביז אַרויף צו די בוידעמס, ווו עס האָבן געלויערט די ווידערשטענדלער.

אַ המון פון נייע פליטים וואָס איז מיט אָנגעזענקטע מלבושים קוים מיטן לעבן אַנטרינען פון די ברענענדיקע דירות, קעלערס און בונקערס, האָט אָנגעפילט די פעדער־הייזער און הייף פון די דערוויייל־אומבאַשעדיקטע געביידעס. אויף האַלב־פּאַרסמאַליעטע פעקלעך בעטגעוואַנד, זעקלעך שמאַטעס און אָנגעשטאָפּטע טאָרבעס, זענען דאָ געזעסן כלערליי ייִדן. ס'איז דאָ צווישן דער מאַסע נישט געווען בנמצא קיין איינאיינציקער ייִד וואָס זאָל לכל הפּחות מיט זיין יום־טוב־דיקער הלבשה, דערמאָנען אין ערב־פּסח צום סדר. די איבערגעשראָקענע און יאושדיקע ייִדן האָבן גיכער דערמאָנט אין תשעה־באב. נישט איינער וואָס האָט אין דער פריערדיקער בהלה נישט באַוויזן זיך אָנצוטאָן די שיך, איז דאָ געזעסן אין די זאָקן. אַנדערע — מיט באָרוועסע פיס אין שטעק־שיך. און קיין אַש אויף די קעפּ האָט דאָ קיינעמען נישט געפעלט. זענען זיי געזעסן מיט אָראָפּגעזונקענע קעפּ, אויסגעמישט מיט ווייבער און קינדער, געקוקט אין אַלע זייטן מיט ווילד־אויפגעריסענע אויגן, אָבער זיי האָבן דעם חורבן נישט באַוויינט. טייל האָבן די אויגן געווענדט צום הימל וואָס האָט ווי אין אַ שפּיגל־בילד געוויזן, אַז די הייזער פון געטאָ פלאַקערן נאָך און די פלאַמען רוישן, גלייך ווי אַ גרויסע מחנה מלאכי־חבלה וואָלט אין דער לופט געשוועבט, געפּאַטשט מיט שוואַרצע פליגל, אַרויפגעיאָגט אינדערהייך די געדיכטע רויך־וואָלקנס וואָס האָבן איינגעהילט אין חשכות דעם גלאַנץ פון די שטערן.

די ווייבער דאַקעגן האָבן לרוב געוואָלדעוועט און אַפילו פּאָר צער געקניפּט זייערע וויינענדיקע קינדער, געררעדט צו זיך און צו גאָט:

— רבונו של עולם, אפשר וואָלט שוין געווען גענוג?... האָסט אַלץ נאָך

נישט אויסגעגאָסן דיין ביטערן צאָרן אויף אונדזער קאָפּ?... מאַך אַ סוף! מאַך אַ סוף! — האָט די פּרוי מיט אַלע כוחות אַ געשריי־געטאָן צום הימל.

— כ׳בין מקנא די טויטע... — האָט אַ צווייטע פּרוי שטיל געפּליסטערט.

—שוין... איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל איבערגעקומען... כ׳ווייס נישט צו וואָס כ׳בין אַנטלאָפֿן פֿון די פֿלאַמען?... כ׳וואָלט שוין איצט גאָרנישט געפֿילט... כ׳וואָלט שוין איצט געווען אַ בערגעלע אַש... גיי און לעב אויס אַלע שרעקן וואָס זיי האָבן פֿאַר אונדז אָנגעגרייט...

— כי־כי־כי! — האָט זיך דערהערט אַ משונהדיק היסטעריש געלעכטער.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער משוגענער צירל... זי איז געזעסן אויף איר פּעקל גראַטעס מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ גרויע האָר איבער אַן איינגעשרומפּן קליין פּנים; גרויסע אַרויסגעלופּעטע אויגן און שאַרפֿע שפּיציקע גאָמבע. געלאַכט האָט זי מיט אַן אָנצייגיק אָפֿן מויל און דערביי באַוויגן מיט די בלויזע פֿינגער, אַקוראַט ווי זי וואָלט געהאַלטן אין די הענט שטריק־נאָדלען און ביי אירע פֿיס וואָלט ממש געלעגן אַ פּלאָנטשעק וואָל. די ווייבער וואָס האָבן זי געקענט פֿאַר איינע פֿון די גרעסטע נגידותטעס פֿון „מקום", האָבן זיך מיט ווייטיק איינגעהערט אין איר געלעכטער, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, געבראָכן זיך די פֿינגער... אַנדערע ווייבער האָבן די משוגע־געוואָרענע צירל נישט געקענט, האָבן זיך צו איר אויסגעדרייט מיטן רוקן...

אַ ייד אין אַ בלויז וועסטל, וואָס איז פֿון דער נאַטור־אויס געווען אַ לץ און האָט זיך אין די סאַמע יסורימפּולסטע מאָמענטן נישט געקאָנט שיירן מיט זיין לצנות, האָט דאָ הויך אויפֿן קול אַ געשריי־געטאָן:

— יידן, מיר וועלן האָבן שמאַלץ אויף פּסח, די גבירים האָבן זיך אויסגעלאָזט...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער אומרו און די טויט־שרעק פֿאַר דער אָנקומענדיקער נאַכט, אויפֿגעריסן פֿון די ערטער אַ היפּש ביסל יידן, וואָס האָבן זיך ווי מיט באַרוועסע פֿיס אַרויסגעשלייכט כאַפּן אַ בליק צו זייערע דירות האָבן זיך שוין אויסגעברענט און צו זיי קענען שוין צוריק אַראָפּ אין די בונקערס...

פּלוצלינג איז דאָ די ענגשאַפֿט געוואָרן אַזוי גרויס אַז איינער האָט ממש מיט זיין גוף צוגעדעקט דעם צווייטן... מענטשן האָבן זיך אויפֿגעריסן פֿון די ערטער און זיך גענומען מיט אַלע כוחות שטופּן צום טויער. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ היפּשע גרופּע פֿון צעיאָכמערטע, צעכראַסטעטע יונגע בחורים און מיידלעך מיט אויטאָמאַטן, פּיסטאָלעטן און גראַנאַטן אין די הענט. זייערע פּנימער, באַגאָסן מיט שווייס. זענען געווען אויסגעשמירט מיט סאַזשע, באַהאָנגען מיט שטיקלעך שפּינוועבס. יונגיטשקע ייִנגלעך מיט אויפֿגעלויכטענע אויגן האָבן מיט שטאָלץ נאָכגעטראָגן רויט־געקרייצטע טאָרבעס און פּעקלעך שפּייז. די גרופּע

האָט זיך האַסטיק אָ הייב־געטאָן מיט די שטיגן. דער עולם איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער... אַ טייל האָט אויסגעזען צו זיין נאָך מער איבערגעשראָקן ווי פריִער. די מערהייט אָבער האָט אויסגעזען צו זיין שטאָלצער און זיך דערפילט דערהויבענער.

— אַ כוח זיי אין די ביינער אַריין ! — האָט דאָ ווער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— מיר איז אַלץ איינס... — האָט זיך אַ צווייטער אַ קראַץ־געטאָן דעם גאָלן שאַרבן. — זיי וועלן די רשעים נישט באַזיגן... מיר זענען סיי־ווי אומגעקומענע... אַ טאָג פריִער אַ טאָג שפּעטער... אַ נפקא־מינה זעסטו, צי זיי וועלן יאָ אָדער נישט דערשיסן אַ צוויי־דריי דייטשן... אונדזערע אַרויסגעפירטע וועט אונדז קיינער נישט צוריקברענגען... די אַש? עסט רשעים ברויט מיט אַש!... וואַשט אייערע לייבער מיט זייף פון מענטשן־פעטס!... טרינקט אונדזער בלוט ווי וויין!... אייער יום־הדין מוז און וועט קומען... אונדז קענט איר אומברענגען, אָבער אונדזער פאָלק איז אייביק...

ס׳האָט זיך אַריינגעשלייכט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע. ער האָט איצט געטראָגן אַ שוואַרץ אַלפּאַגן כאַלאַט, אַ ווייס העמד מיט לאַנגע אויסגעלייגטע קאַלנער־שפּיצן. פון זיינע פּיאות און געקאַרבטער באָרד האָבן געטריפט זיל־בערנע וואַסער־טראָפּנס. ביי דער לינקער האַנט האָט ער פעסט געהאַלטן דעם היסטאָריקערס ייִנגל, נתן פרידלאַנד.

ביי זיין דערשיינען האָט זיך דער עולם איינגעשטילט. די געטאָ־ייִדן האָבן אים שוין געקענט, אַז אין יעדער עת־צרה קומט ער מיט טרייסט־ווערטער, וואָס הגם זיי ענדערן נישט די לאַגע, דערקוויקן זיי צייטווייליק די נשמה...

דער ייִד מיט דער לאַמטערנע האָט דעם גאַנצן עולם אַרומגענומען מיט אַ גוטמוטיקן בליק, ליבלעך אַ גלעט־געטאָן נתנען, גלייך ווי במחשבה וואָלט ער געגלעט אַלע קינדער, און מיט אַ מעלאָדישער שטימע אַ זאָגן־געטאָן:

— טרויערט נישט ייִדן, מ׳טאָר היינט נישט טרויערן... ס׳איז היינט דער יום־טוב פון פרייהייט...

ס׳איז געוואָרן אַ בייזער געמורמל...

— שאַ, שאַ! יאָ ייִדן, טאַקע דער יום־טוב פון פרייהייט און נצחון איבער אַלע פּרעהס... אויב אייערע אָנגעווייטיקטע הערצער און ווייטעגדיקע נשמות פרעגן שטילערהייט, ווי אַזוי איר קענט איצט אין אַזאַ שווידערלעכער אומאָרדענונג, אויסגעוואָרצלטקייט, אומזיכערקייט, טראַכטן וועגן סדר, וואָס באַטייט אָרדענונג, וועל איך אייך ענטפערן, אַז אַלץ ווערט מין השמים געטאָן עפ״י סדר, מיט אָרדענונג... דער מהר״ל זאָגט טאַקע, אַז פּונקט ווי אין דער נאַטור האָט

אַלץ אַ סדר: ליכט און פינצטערניש, טאָג און נאַכט, אַזוי ווערן אויך אַלע ניסים געמאַכט מיט אַ סדר, אין זייער באַשטימטער צייט...

— נסים?! — האָבן עטלעכע שטימעס מיטאַמאָל אויסגערופן.

— יאָ, רבותי, נסים! ווייסט איר דען נישט אַז אונדזערע רוצחים האָבן גראָד די סדר־נאַכט, דעם אָנהייב פון אונדזער באַפרייונגס־יום־טוב אויסגעקליבן פאַר אַ שחיטה־נאַכט? גראָד היינט ביינאַכט, בעת יעדער ייד פילט שוין אַזוי מכמה דורות דעם טעם פון אַ בן־חורין, האָבן געוואָלט אומגעבראַכט ווערן די סאַמע לעצטע רעשטלעך פון די געטאָ־יידן. ווער האָט דאָ געהאַט די העזה צו לאַכן פון נסים? ווייסט איר דען נישט אַז דער אויפשטאַנד איז אַ נס? און ווען נישט דער דאָזיקער נס וואָס האָט צוריקגעיאָגט די מערדער אין שאול־תחתית אַריין, וואָלט איר דאָך שוין דאָ נישט געזעסן. אַ ליידיקייט, אַ פוסטקייט וואָלט דאָך דאָ איצט אַרום מיר געווען. איך וואָלט דאָך מער נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן.

עס איז געוואָרן שטילער.

—ווייסט איר דען נישט, רבותי, אַז צום ערשט דאַרף מען שטיין פאַר אַ נסיון און ערשט דערנאָך קומט דער נס? פרעגט זיך, זע איך אין אייערע יאוש־דיקע אויגן, פאַרוואָס מען יאָגט אונדז פון אָרט צו אָרט און אויפן ווען ראָט מען אונדז אויס. דאָס זענען אַלץ נאָך נסיונות. יאָ, יאָ, רבותי, נאָך נסיונות קומען נסים. אַ גוטן יום־טוב! — האָט דער ייד מיט דער לאַמטערנע געשטעלי אַ טראָט צום אַוועקגיין.

דערהערנדיק אַ פרויען־געוויין, האָט ער זיך פאַרהאַלטן און געזאָגט:

— וויינט נישט, נאָר זאָגט בעסער שירה אויפן נס פון יציאת־מצרים, וועט איר במילא זוכה זיין צו זאָגן שירה אויפן היינטיקס נס — האָט דער ייד מיט דער לאַמטערנע זיך אַוועקגעשלייכט צו אַ בונקער־איינגאַנג.

*

ר׳ איטשקע איז אין זיין בונקער געזעסן אויבנאָן אין אַ ווייסן קיטל. די באָרד וואָס איז ביי אים געענצלעך וויים געוואָרן האָט זיך אין דער בונקער־טונקלקייט צונויפגעגאָסן מיטן קיטל. פון זיין הויט און ביייניק פנים האָט מען מער נישט אַרויסגעזען ווי אַ פּאָר צעפלאַמטע אויגן וואָס זענען ממש טאָג און נאַכט געווען באַהאַפטן מיטן אות פון קבלה־ספרים אין וועלכע ער האָט געזוכט אַ תירוץ אויף אַ גאַנצע ריי סתירות וואָס האָבן זיך נאָכאַנאַנד געפלאָנטערט אין זיין מוח.

פאַר אים איז געלעגן אַ פעקל אייגן־געבאַקענע מצות, און אַן אויפגעבלע־טערטע הגדה. אַ פלעשל וויין, ענלעך צו טונקל בלוט, האָט אַראָפּגעקוקט פון זיין

ווייס־געדעקטן קאַסטן־טיש. אין אַ מעשענעם לייכטער האָט געברענט אַ ליכט וואָס האָט זיך נאָכאַנאַנד געשמאָלצן און צעטאָפּיעט. די היץ איז געווען גרויס און די ענגשאַפט — נאָך גרעסער.

ביי ר׳ איטשקעס רעכטער האַנט איז געזעסן דער דיכטער מנחם מרגליות, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין רבי לוי בן גרשונס „מלחמת ה׳״. ער האָט געקוקט אויף די אותיות דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז און אַלע ווײַלע זיך אויסגעריבן די אויגן, אַ רגע אײַנגעהאָרכט זיך צום דרויסן, אַקוראַט ווי ער וואָלט נאָכאַנאַנד געהערט אויפרייסן.

ביי ר׳ איטשקעס לינקער האַנט איז געזעסן אַ מיטליאָריקער פּראָווינצער רב, ר׳ נחמן גוטשטיין. ער האָט געהערט צו די רבנים וואָס זענען מכמה טעמים געווען קעגן אויפשטאַנד. ער האָט געהאַלטן אַז דער וואָס איז מסכים אויפן אויפשטאַנד, נעמט קודם־כל אויף זיין אחריות דאָס לעבן און טויט פון יעדן קעמפער און קעמפערין, והשנית איז ער בכל געווען קעגן שפיכות־דמים, אָבער בעת דער אויפשטאַנד איז לויט דעת־הרבים יאָ אויסגעבראָכן, האָט ער זיך אין אים אַריינגעלעבט מיט אַלע רמ״ח אברים. ער איז איצט געזעסן ביי דער אָפענער הגדה ווי פאַרוועבט אין אַ געטלעכן חלום. ער האָט געטראָגן זיין יום־טובדיקע אַטלאַסענע זשופּיצע וואָס איז אויף אים געלעגן אַ צעקנייטשטע ווי אויסגע־דרענגטע וועש, אָבער זי האָט זיין לויטער העל פּנים מיט די צוויי ליפּן ממש ווי אַז אויפגעשניטענע קאַרש, צוגעגעבן טונקעלע טענער, וועלכע האָבן זיך צו־נויפגעגאָסן מיט זיינע שוואַרצע פינקלדיקע אויגן.

נאָכן רב איז געזעסן דער ייִד מיט דער לאַמטערנע, וואָס האָט אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, דעם היסטאָריקערס ייִנגל נתן. די לאַמטערנע איז געשטאַנען אויפן טיש און האָט געוואָרפן אַ בלוילעכן אָפּשיין אויף דער צונויפגעדרענגטער מאַסע וואָס איז געזעסן אויף קליינע נעבעכדיקע פּעקלעך, גרייט צו אַנטלויפן. די עדה ייִדן, ווייבער און קינדער, זענען געווען איינגעהילט אין טונקעלע שאָ־טנס. דאָ און דאָרט האָט אַ העל־קאָליריק פרויען־קלייד זיך אויסגעטיילט פונעם טונקעלן אַרום. אין די ווייטע ווינקלען וווּ קיין ליכט האָט נישט דערגרייכט, האָבן זיך די טונקעלע מלבושים צונויפגעגאָסן אין איין שטיק און מ׳האָט מער נישט געזען ווי בלויז אויגן, וואָס טייל האָבן אַראָפּגעקוקט צום באָדן; און טייל האָבן זיך פאַריסן צום סופיט. הענט פון מענער און פרויען האָבן געפּעכערט איבער פאַרחלשטע פּנימער מיט אָפענע מיילער. ס׳איז געווען שטיל. מ׳האָט געהערט דריי פאַרשיידנאַרטיקע ניגונים, וואָס זענען געקומען פון דריי גאַנץ־באַזונדערע וועלטן.

מיט אַמאָל האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ פרוי, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פאַר־זאָגערין אין אַ ווייבער־שולעכל, צוגעדעקט איר יום־טובדיק שייטל מיט אַ שאַל,

צוגעשטופּט זיך צום טיש, און פּעכערנדיק מיט ביידע הענט איבערן איינציקן ליכט, האָט זי מיט אַ געבראָכענער שטימע גענומען זאָגן אַ תחינה.

— רבונו־של־עולם! — האָט זי אַ געשריי־געטאָן און מיט איר הויך אויס־געלאָשן דאָס ליכט וואָס האָט גענומען צעקרייזלען שוואַרצע פעדים אין דער לופט. — אַזוי גוט ווי בשעת אברהם אבינו האָט יצחקן געפירט צו דער עקידה זענען די טרערן פון די מלאכים געפאַלן אויפן מעסער און מ׳האָט דערמיט מער נישט געקענט שעכטן, אַזוי זאָלן די מלאכימס טרערן היינט פאַלן אויפן מעסער פון אונדזער שונא, אַז זיי זאָלן נישט קענען שעכטן די אומשולדיקע העלדזער פון אונדזערע זין און טעכטער.

שמע, שמע! הער גאָט מיין תפילה וואָס איך שריי אַרויס מיט אַ צעריסן געמיט. זיי דיך מרחם, גרויסער גאָט, אויף די לעצטע רעשטלעך געטאָ־יידן וואָס זענען געבליבן פון אַזאַ גרויסער שטאָט פול מיט שולן און בתי־מדרשים, ווו דאָס קול פון תורה איז צו דיר טאָג און נאַכט דערגאַנגען. דערהייב אונדז גאָט פון אונדזער שפלות, און לאָז אונדז חלילה נישט היינט אין דער ערשטער סדר־נאַכט, צוטרעטן ווערן פון די אומות־העולם!

רחום וצדיק, באַרמהאַרציקער גאָט, לאָז מיך כאָטש זיין ווי אַ קליין ווע־רעמל וואָס ווערט געשפּייזט דורך דיין האַנט. מייד אויס אונדז אומצוברענגען מיט דער מיתה־משונה וואָס די דייטשן האָבן פאַר אונדז צוגעטראַכט. אָדער לאָז אונדז לעבן, אָדער נעם אונדז צו איידער זיי פאַרגאַזעווען אונדזערע בונקערס. דו זעסט דאָך אַז אַפילו אין די טיפסטע תהומות האָבן מיר נישט פאַרגעסן דיין ליכטיקן נאָמען. באַשיץ אונדזערע קינדער אין שלאַכט, וואָס זענען זיך איצט מקריב...

ביי די ווערטער האָבן זיך די ווענט פון בונקער אַ טרייסל־געטאָן. אַ באַ־טויבנדיקער אָפּהילך האָט אַ שלאָג־געטאָן איבער אַלעמענס קעפּ. די גאַנצע עדה יידן האָט פאַררייסן די קעפּ צום סופיט. אויגן האָבן גענומען צאַפּלען ווי פאַר יציאת־נשמה. אַ קינד האָט זיך פאַר שרעק צעוויינט. די תחינה־זאָגערין איז לאַנג־זאַם צוריקגעגאַנגען צו איר פעקל שמאַטעס און האָט זיך שווער אַראָפּגעזעצט. זי האָט געזען ווי ביי אירע שכנות אין די אויגן פינקלען נאָך טרערן.

נאָך אַ ווײַלע האָט זיך ר׳ איטשקע אויפגעשטעלט, אָנגעגאָסן אַ בעכער ווײַן און מיט אַ געקלעמטער שטימע אָנגעהויבן:

— סברי מרנן ורבנן ורבותי — — — — —

די טיש־מענטשן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער און מיט אויפגע־הויבענע קעפּ אויסגעהערט דעם קידוש.

נאָכן קידוש האָבן די טיש־מענטשן מיט התלהבות גענומען זאָגן די הגדה.

— בעת ר׳ איטשקע האָט אַ געשריי־געטאָן: כל דכפין ייתי וייכול, איז

אויסגעבראָכן אַ גרויס געוויין. דאָס געוויין האָט איינגעשטילט דעם היסטאָרי־קערס ייִנגל נתן, וואָס האָט מיט אַ האַלב־זינגענדיקן, האַלב־וויינענדיקן ניגון געפרעגט קשיות.

די טיש־מענטשן האָבן מיט קרעכצנדיקע שטימעס געזאָגט און אויסגעזונגען די הגדה, נאָך אַ ווײַלע זענען זייערע שטימעס געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. טייל ייִדן און ווײַבער זענען איינגעשלאָפן אויף די פּעקלעך. די דערוואַקסענע קינדער דאָקעגן, זענען געבליבן זיצן וואַכעדיקע.

זיי האָבן געזען ווי ר׳ איטשקע האָט אָנגעגאָסן אַ גרויסן געבלימלטן כוס. באַלד האָבן זיי געהערט אַן אויסגעשריי:

— שפוך חמתך אל הגויים...

אַלעמענס אויגן האָבן זיך געוואָנדן אין דער ריכטונג פון דער בונקער־קלאַפּע. ס׳האָט זיך געדאַכטן אַז עפּעס אַ געשטאַלט שלייכט זיך אַרײַן.

— ?...

באַלד האָט זיך באַוויזן אַן אָפּשײַן פון אַן עלעקטריש לעמפּל איבערגע־צויגן מיט בלוי־פּאַפּיר. און איידער דער עולם האָט נאָך באַוויזן אַרויסצושרייען פון זיך די שרעק, האָבן זיך אין בונקער אַרײַנגעשלײַכט: יורעק קאַכאַנאָווסקי. דוד ראָזענבלום און דבורה. צוויי אויטאָמאַטישע ביקסן און איין פּיסטאָלעט אין ייִדישע הענט, האָבן אַ פינקל־געטאָן אין די אויגן פון דער איבערגעשראָקענער מאַסע.

— גוט יום־טוב! — האָבן די קעמפער אויסגערופן.

דער עולם האָט זיך אַ ריס־געטאָן און אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, און ווי מיט איין פּאָר הענט זענען אַלע באַפאַלן די דריי קעמפער מיט געוויין און הייסע קושן.

— דבורה! — האָט זיך ר׳ איטשקע אַ טרייסל־געטאָן און אויסגעגאָסן דעם ווײַן פון אליהו־הנביאס כוס. — טאָכטער מײַנע! — איז ער צוגעפאַלן צו דבורהס אַן אַקסל און זיך צעוויינט ווי אַ קינד.

— פּעטער מנחם! — האָט דבורה אויסגעשריגן און זיך אַ וואָרף־געטאָן אויפן דיכטערס אַקסל.

צוליב דער אויפהייטערונג און מוטיקייט וואָס די קעמפער האָבן אַרײַנגע־בראַכט אין בונקער, האָט מען פאַרן פאַרענדיקן די הגדה סערווירט זאַלץ־וואַסער מיט איינגעבראָקטע מצות.

די קעמפער האָבן עפּעס טועם־געווען, דערציילט מיט שטאָלץ און נקמה־פרייד, אַז דער שונא האָט זיך צוריקגעצויגן, איבערלאָזנדיק אַ היפּש ביסל קרבנות. און איידער מ׳האָט זיי באַוויזן עפּעס אויסצופרעגן, האָבן זיי זיך געזעגנט און

זיך צוגעשלייכט צום אַרויסגאַנג. פון אַלע זייטן האָט מען זיי צוגעטראָגן מצות און זיי נאָכגעשריגן:

— זייט מצליח! זאָל אייך גאָט היטן!

דבורה איז נאָך אַלץ געשטאַנען צווישן די צוויי ציטערדיקע גופים פון איר פּאָטער און פעטער מנחם. זי האָט נישט געקענט צוריקהאַלטן איר שטראָם טרערן וואָס האָט זיך פּלוצלינג אַ ריס־געטאָן אין איר געמיט און אַנגעפולט אירע אויגן. ערשט ווען יורעק איז צוריקגעקומען און באַרירט איר אַקסל, האָט זי זיך ווי פאַרשעמט אויסגעווישט די אויגן, נאָכאַמאָל זיך צעקושט מיט איר פּאָטער און פעטער, אַרויסגעצויגן דעם פּיסטאָלעט און מיט אַ פאַרשפּעטיקטן שפּרונג נאָכגעצויגן די צוויי קעמפער.

ר׳ איטשקע איז געבליבן זיצן ביים טיש מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ. ער האָט מער נישט געזאָגט די הגדה. ער האָט געהערט אַ שלוכצן איבערן גאַנצן בונקער. ער האָט אָנגעקוקט דעם וויינענדיקן עולם. און הגם ס׳האָט זיך אים מיט אַלע כוחות געוואָלט באַהערשן דעם עצבות, בכדי נישט מחלל צו זיין דעם יום־טוב, האָט ער זיך איצט געפילט איינגעבראָכן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די הגדה־בלעטער, פאַרמאַכט די אויגן און זיך געלאָזט באַהערשן פון פינצטערע מחשבות.

מנחם מרגליות האָט זיך אין דער רגע אויפגעהויבן און פאַר שוואַכקייט זיך צוריק אַראָפּגעזעצט.

— רבותי! — האָט ער אויסגערופן — ס׳איז איצט נאָך צו־פרי אָפּצושאַצן דעם גרויסן היסטאָרישן אַקט וואָס ס׳שפּילט זיך איצט אָפּ איבער אונדז. מיר זיצן דאָ אין אַ תהום און דערציילן זיך די ניסים פון יציאת־מצרים; און אויבן, איבער אונדזערע קעפּ, אויף בוידעמס און באַלקאָנען, שאָפּט די יוגנט מיט מסירת־נפש גייע געשיכטע־בלעטער וואָס וועלן פאַרן וועלט־יידנטום אַמאָל קלינגען ווי לעגענדעס. איך בין אָנגעפילט מיט שטאָלץ נישט ווייניקער ווי מיט פחד, וואָס איך געהער אויך צו די אָנרעגער פונעם הייניטיקן אויפשטאַנד. נישט צום ערשטן מאָל נעמען מיר יידן אָנטייל אין אַ רעוואָלוציע. אַפילו אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין יאָר 1789, האָבן מיר געהאַט אונדזערע יידישע העלדן. דאָ, אויף דער פּוילישער ערד, האָבן מיר אָנטייל גענומען אין די רעוואָלוציעס פון וואַרשע אין די יאָרן 1794, 1831, 1863 און 1905. אָבער צום ערשטן מאָל גייען מיר דאָ אין אַ גלות־לאַנד אַרויס אין קאַמף אַליין, אָן מיטהילף פון אַנדערע פעלקער. באַנאַנד מיט אונדזער פיזישער שוואַכקייט, באַווייזן מיר אונדזער גייסטיקער גבורה וואָס איז דער המשך פון אַ צוויי־טויזנט־יאָריקן געראַנגל צווישן ביבל־פאָלק און אַנדערע פעלקער.

ער איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער.

—איך ווייס, אַז נישט אַלע געטאָ־ייִדן זענען באַגייסטערט פון אויפשטאַנד. טייל דאַכט זיך גאָר אַז מ'האָט זיי ממש מקצר־ימים־געווען. זיי טראַכטן זיך נישט אַריין אַז די דייטשע וואַנדאַלן האָבן אויסגעקליבן פּאָר אַ שעת־הכושר צו ליקווידירן דעם געטאָ גראָד ערב־פּסח, אין געבוירנטאָג פון היטלערן ימח שמו. מיר, דאָס לעצטע צענטל פון גרויסן מענטשן־רעזערוואַר, וואָס האָבן היינט גע־זאָלט ווערן אַרויסגעפירט צו פאַרניכטונג, האָבן געזאָלט זיין די בלוטיקע מתנה פאַרן ברוינעם מולך. און ווי שוואַך מיר זאָלן נישט זיין, האָבן מיר דאָך מיט איבערנאַטירלעכע כוחות צוריקגעיאָגט דעם מלאך־המוות. איך ווייס נישט צי איר אַלע פילט זיך פון דעם דאָזיקן נס אַזוי דערהויבן ווי איך. שווער, זייער שווער איז אָנגעקומען צו פאַרייניקן די צעשפּליטערטע כוחות פון עקסטרעם רעכטס, ביז עקסטרעם לינקס. און ווען נישט די אָנטשלאָסנקייט פון „השומר־הצעיר” און „בונד”, וואָלט אונדז אַוודאי נישט געלונגען אַלע צונויפגיסן אין איין געאייניקטן כוח. איצט, בעת מיר זענען אַלע פאַראייניקט, דאַרפן זיך אַפילו די פּאַסיווע, וואָס נעמען נישט קיין אָנטייל אין אויפשטאַנד, אויך פילן ווי מיט־קעמפער. מיר זענען אַלע שטאָפּלען פון אַ לייטער, וועמענס פיס שטייען אין די בונקערס און די שפּיצן דערגרייכן ביז צו די דעכער, אויב נישט נאָך העכער. יעדער געטאָ־ייִד איז בכן אַ שטאָפּל אין דעם דאָזיקן לייטער און ער טאָר פון אים נישט אַרויספאַלן!

און נאָך אַ לאַנגער אָטעם־פּויזע:

— דער בעל־שם־טוב הקדוש דערציילט טאַקע וועגן דעם אַ משל. אַ וואַנ־דער־פייגעלע פון אַ זעלטענער שיינקייט איז געפלויגן איבערן קעניגלעכן פּאַ־לאַץ און זיך געשטעלט אויפן שפּיץ פון אַ הויכן פּאַלמען־בוים. דער קעניג האָט דורכויס פאַרלאַנגט צו באַזיצן דאָס דאָזיקע שיינע באַשעפעניש און ער האָט אָנגעוויזן זיינע הויף־דאַמען אויף וועלכן אופן צו בילדן אַ לייטער פון מענטשן, איינער זאָל זיך שטעלן אויפן צווייטנס אַקסלען, ביז דער אין דער הויך וועט קענען וואַרפן אַ נעץ אויפן פייגעלע. געוויינלעך האָט מען צו אַזאַ לייטער אויסגעקליבן בלויז שטאַרקע מענטשן; פונדעסטוועגן איז איינער שוואַך געוואָרן, און אַלע מענטשן־שטאָפּלען זענען געזונקען צו דער ערד. און צוליב דער שוואַכקייט פון איינאיינציקן מענטשן האָט דעם מלכס פאַרלאַנג נישט געקענט ווערן דערפילט.

— דאָס זעלבע איז מיט אונדז. דער הייליקער מענטש, דער דערהויבענער, איז אָפּהענגיק אין אַ צווייטן פּראָסטן מענטש, און דער פּראָסטער איז אָפּהענגיק אין אַ נאָך מער מינדערוויכטיקן פון אים, בכדי צו קענען דערגרייכן דעם שפּיץ פון קדושה וואָס דאַרף אַראָפּברענגען דעם אהבת־ישראל אויף דער ערד. אָבער בעת איינער ווערט שוואַך, נעמט זיך דער גאַנצער בנין וואַקלען און פאַלן.

— איך גופא, בין אויך אַ שטאָפּל. אָבער איר דאַרפט זיך געפינען אויבן

בכדי צו קענען העלפן לפּחות מיט אַ דערמוטיקונגס־וואָרט. און איך גיי טאַקע אַרויף, אַ גוטן יום, רבותי! — האָט זיך מרגליות אויפגעשטעלט, געוואָרפן אַ געזעגענונגס־בליק אויף זיין שוואָגער ר׳ איטשקע, אויפן רב, אַרומגענומען מיט די אויגן דעם גאַנצן עולם, באַרירט דאָס טאַשן־לעמפּל און זיך אַרויסגעשלייכט.

און ווי נאָר מנחם מרגליותעס שאָטן איז פאַרשוואונדן, האָט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע אויסגערופן:

— ברוך־הבא, אליהו־הנביא!

דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ טרייסל־געטאָן און אויסגעגלאָצט די אויגן. ר׳ איטשקע האָט האַסטיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פאַרקוקט זיך אויף אליהו הנביאס כוס וואָס האָט געהאַט פאַרגאָסן דאָס ווייסע טישטעך און איבערגעלאָזט פלעקן, ענלעך צו בלוט.

די איינגעדרימלטע ייִדן האָבן זיך ווי פאַרשולדיקטע אויפגעכאַפּט און אָנ־געקוקט זייערע וואַכעדיקע שכנים. גלייך ווי זיי וואָלטן דערוואַרט אַ פאַרוואורף. אַפילו נתן, דעם היסטאָריקערס ייִנגל, וואָס איז אַקאָרשט קרעכצנדיק געשלאָפן מיטן קעפּל אויף דער וואַנט, האָט זיך איבערגעוועקט, אויסגעריבן די אויגן און זיך אַרומגעקוקט.

— ווער איז אָט דער נביא אליהו, — האָט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע אָנגעהויבן מיט אַ ניגון –- וואָס איז אַזוי פלוצלינג דערשינען, געשטעלט זיך פאַר דעם מלך אחאב און געשווירן ביי גאָט, אַז קיין טוי און קיין רעגן וועט נישט פאַלן אויפן לאַנד ביז ער וועט הייסן

ער איז דער נביא מיט די לאַנגע נזירישע האָר, ברייטן געפאַלדעוועטן מאַנטל, לעדערנעם גאַרטל איבער די לענדן און באַרוועסע פיס, וואָס ער זאָל האָבן אויפגעשטורעמט דעם קעניגס פאַלאַץ און די קעניגן איזבל האָט אים גע־וואָלט דערהרגענען?

אַזוי סודותפול ווי ער איז דערשינען, אַזוי סודותפול איז ער פאַרשוואונדן. ער איז אָבער געבליבן אייביק ביי אונדז, און ער איז דער איינציקער נביא וואָס בעת מיר דערמאָנען זיין נאָמען דערוועקט זיך אין אונדז געזאַנג.

אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי — האָט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע אויסגעזונגען — און מיר אַלע קענען דאָך דעם ניגון. מיר זינגען אים נאָך „הבדלה״, בעת די רו און שלווה פון הייליקן שבת האָט זיך שוין אַוועקגע־רוקט און די וואָכעדיקע טעג מיט זייערע דאגות נעמען באַהערשן אונדזערע מו־חות, איז דער ניגון פון אליהו הנביא ממש ווי אַ באַלזאַם, וואָס פאַרלייכטערט דעם אומעט און ברענגט אונדז אַריין אין אַ געהויבענער שטימונג.

און היות ווי דער נביא איז נישט געשטראָפט געוואָרן מיט טויט, איז נישט איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג צווישן אים און דער וועלט. ער איז אַ

רואה ואינו נראה. ער זעט אונדז איצט, אָבער מיר זעען אים נישט. ער איז אויך תמיד פאַרבליבן צווישן אונדז. ער קומט צו אונדזערע בריתן, חתונות, צוקאָפּנס פון קינפּעטאָרינס, צו די פּסח־דיקע סדרים, און ער וועט אונדז אויך קומען אָנזאָגן ווען משיח וועט קומען.

און איצט, רבותי, היות ווי איבער אונדזערע קעפּ שוועבן איצט מסתמא פייערדיקע ווייטוועגענער, זאָג איך אייך אַ גוטן יום־טוב און גיי אַרויף צו אונדזערע געטאָ־העלדן. יאָ, יאָ, מ׳דאַרף גיין אַרויף!

— איך גיי מיט, זיידעשי! — האָט נתן אַ געשריי־געטאָן און זיך צוגעטוליעט צו דעם זקן. אונדזער קאָמענדאַנט האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן אַ פּיסטאָלעט.

— האָסט נישט קיין מורא, נתן?

— ניין, זיידעשי! ווען כ׳בין פריער איינגעשלאָפן, האָב איך מיין טאַטעשי געזען אין חלום. ער האָט מיר געזאָגט, אַז היות ער קען נישט אַרויפגיין, זאָל איך אים פאַרטרעטן.

— אויב אַזוי, — האָט דער ייִד מיט דער לאָמטערנע לאַנג אָנגעקוקט נתנען — מוזטו מיט אונדז אַרויפגיין.

בעת דער ייִד מיט דער לאָמטערנע האָט זיך מיט נתנען ביי דער האַנט צוגעשלייכט צו דער בונקער־קלאַפּע, איז אַ היפּשע ווײַלע געווען שטיל. דער עולם איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך.

אָבער די שטימע פון יונגן רב, ר׳ נחמן גוטשטיין, האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

— רבותי! איר ווייסט דאָך אַלע אַז וועגן יציאת־מצרים, דאַרף מען זיך אייגנטלעך דערציילן אַ גאַנצע נאַכט, ביז זמן קריאת־שמע של שחרית. נו, וויל איך אייך מהנה זיין מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער וואָס האָבן אַ שייכות צום ענין.

און הגם דער רב האָט געזען, אַז אַ טייל פון עולם ליגט שוין איינגעקנוילט און שלאָפט, האָט ער פונדעסטוועגן פאַרצויגן אַ ניגון צו זיין דרוש:

— דער בעל „אבינו נזר״, דער סאָכאַטשעווער רב ז״ל, פלעגט נישט דערלויבן זיינע חסידים צו זיין ביי זיין סדר־טיש. און די צוויי־דריי חסידים ותיקים וואָס ער האָט יאָ דערלויבט, איז עס זיי אויך אָנגעקומען מיט גרויס שוועריקייטן. איינמאָל האָבן עטלעכע חסידים געבעטן ביים רבין, אַז ער זאָל זיי דערקלערן דעם טעם, פאַרוואָס ער וויל זיי נישט האָבן פּסח ביינאַכט ביים סדר. דער רבי האָט זיי געגעבן אַ גאַנץ פּשוטע תשובה: היות פּסח דאַרף יעדער ייִד זיין אַ בן־חורין, אַ פרייער מלך פאַר זיך, וויל איך אייך נישט ביי מיין טיש, ווייל ביי מיר פילט איר נישט דעם טעם פון פרייהייט... אין שייכות דערמיט וויל איך אייך, ליבע ייִדן ווינטשן, אַז איבער אַ יאָר, זאָלט איר אַלע צו דער סדר־נאַכט

זיך שוין פילן ווי בני־חורין! און איר זאָלט אָפּריכטן דעם סדר אין אייערע איי־גענע היימען ביי אייגענע טישן!

— אָמן! — איז אַדורך אַ געמורמל.

— איצט, רבותי, לאָמיר זיך אַ קאַפּיטשקע אָפּשטעלן אויפן פּסוק: שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו. דער בעל־הגדה זאָגט אונדז: צא ולמד מה ביקש לבן הארמי. יאָ, יאָ! איינמאָל דערשיינען די שונאי־ישראל אין געשטאַלט פון לבן, ווילנדיק אונדז גייסטיק צעברעכן, מיינען, מיינען אַלע שונאים אונדזערע דאָס יעלבע. אַראָפּצונעמען „ישראל" פון דער וועלט־אַרענע, אַזוי איז דאָס אין אַלע צייטן. פון לבנס שנאה צו ישראל קענען מיר אָבער לערנען צוויי זאַכן: קודם־כל, העלפט נישט אונדזער התקרבות צו די גויִים, ווייל אַפילו נאָכדעם ווי יעקב אבינו האָט זיך מתחתן געווען מיט לבנען, האָט אויך גאָרנישט גע־האָלפן. דער בעל־הגדה זאָגט דאָך אונדז: בקש לעקור את הכל, ער האָט אַלץ געוואָלט אויסרייסן מיטן וואָרצל, ער האָט תמיד מורא געהאַט פאַר דער גייסטי־קער השפּעה פון יעקבן, והשנית, ברויכן זיי נישט קיין סיבות צו שנאת־ישראל.

דער רב האָט זיך אַ ווײַלע פּאַרטראַכט, צוהאַלטנדיק זיך דעם געקנייטשטן שטערן מיט דער לינקער האַנטפלאַך.

— יאָ, רעדנדיק וועגן יעקבן, וויל איך דאָ מצרף־זיין יעקבס לייטער צום משל, וואָס דער משורר מנחם מרגליות האָט דאָ פריִער געהאַט געבראַכט אין נאָמען פון בעל־שם־טוב הקדוש.

אונדזער פאָטער יעקב האָט, אַזוי ווי מיר הייבט, אָוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויף אַ האַרטן שטיין און האָט געהאַט אַ ווונדערבאַרן חלום: והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה — אַ לייטער וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערגרייכט אין די הימלען. אויפן לייטער קלעטערן מלאכים אַרויף און אַראָפּ — והנה ה׳ נצב עליו, גאָט שטייט איבער אים. אַ געטלעכער חלום!

אייך מוז זיך אַוודאי טראַכטן, מיינע ליבע ייִדן, אַז פאַר דער מלחמה זענט איר אויך היפּשלעך געווען אויפן לייטער, אָבער זענט איר דען געווען אַזוי באַ־שיידן ווי אונדזער פאָטער יעקב, וואָס האָט זיך אַ נדר־געטאָן, נאָכן אויפכאַפּן זיך פון שלאָף, אַז אויב גאָט וועט אים געבן ברויט צום עסן און אַ קלייד אָנצו־טאָן, יועט ער פון אַלץ וואָס ער וועט פאַרמאָגן געבן „מעשר".

טראַכט זיך ייִדן אַריין אין דער דאָזיקער הויכער מאָראַל! ווען דער מענטש וואָלט בלויז געוואָלט ברויט און אַ בגד, וואָלט נישט געהערשט קיין קנאה־שנאה. נישט קיין מחלוקת און במילא נישט קיין מלחמות.

דער אומגליק פון דער וועלט איז דער לוקסוס, די מותרות און דאָס וועלן איבערשטייגן איינער דעם צווייטן, נישט אין דער מאָראַל, נאָר אין „עגל־הזהב". נאָר דאָס פירט צו גנבה, גזלה און פאַרברעכן. — האָט זיך דער רב אויפגעשטעלט.

הגם, רבותי, איך ביך, ווי ס'איז שוין דאָ דערמאָנט געוואָרן דורך מרגליותן, תהילות געוועזן קעגן אויפשטאַנד, גיי איך איצט אויך אַרויף. אַ גוטן יום־טוב, ייִדן!

בעת דער רב איז אַוועק האָט זיך ר' איטשקע אַרומגעקוקט און דערזען אַז פון זיינע מענטשן איז ער פאַרבליבן איינער אַליין. ער האָט זיך מיטאַמאָל דער־פילט קליינלעך אין זיינע אייגענע אויגן. ערשט איצט האָט ער געשאָנקען אַ בליק די ייִדן וואָס האָבן פון רעכטס און לינקס פאַרנומען די פריי־געוואָרענע פלעצער פון די אַרויסגעגאַנגענע. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום בונקער־סופיט און זיך איינגעהאָרכט. געטראַכט האָט זיך אים אַז סוף־כל־סוף, היינט־מאָרגן, וועט דאָ דער סופיט פּלאַצן און די ווענט וועלן זיך איינברעכן. מ'שמועסט דאָך אַז זיי וועלן אַריינלאָזן גאַז. ס'דאַכט זיך אים אויס ווי דער גאַנצער אַרומיקער עולם האָט מיטאַמאָל געגומען הוסטן און זיך וואָרגן די העלדזער. ער זעט ווי זיינע בונקער־מענטשן האָבן אָפענע מיילער. אַ פאַרצווייפלט גסיסה־געשריי אָן ווערטער, אַפילו אָן קול, רייסט זיך אַריין אין זיינע אויערן און נעמט זשומען אין זיין מוח מיט אַ באַטויבנדיקן גערויש. די מאַסע פאַלט זיך צונויף ווי אַ באַרג מיט מתים און ער פאַלט מיט. ער כאַפּט זיך ממש אָן אינעם קאַסטן־טיש וואָס גיט זיך אַ ריר פון אָרט.

און בכדי זיך און אַנדערע מיט עפּעס צו טרייסטן גיט ער אַ געשריי, גלייך ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף נאָך אַ קאָשמאַר.

— לשנה הבאה בירושלים!

אַ צוויי־דריי שטימען ענטפערן אים אָפּ:

— לשנה הבאה בירושלים!

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

אין מאַרישאַס קעלער

אַ לופּטיקער, שמעקעוודיקער מאַי־אָוונט האָט אַרומגעהילט די „אַרישע זייט". ווי מיט אַ העל־בלויער, ווייס־געשטרייפּטער פאָרהאַנג. אַ שאַרפער, פאַר־שיכורנדיקער ריח פון בעז־ביימער און כלערליי בלומען האָט זיך דערשראָגן פון גערטנער און אַפילו פון ווייטע פעלדער, אויף וועלכע ס'האָבן זיך געכוואַליעט גידעריקע, נאָך־נישט דערוואַקסענע גאָלד־זאַנגען, געפּוצטע מיט קאָרנבלימעלעך.

דער אָפּקלאַנג פון מוזיק, געזאַנג, אויסגעלאַסן געלעכטער און טאַנצנדיקע פאַרלעך, האָט צייטנווייז געמאַכט פאַרגעסן אינעם מלחמה־שגעון. די מענער און פרויען, ציווילע מענטשן און מיליטער־לייט וואָס האָבן איצט פראַנק און פריי שפּאַצירט אויף די גאַסן, האָבן נישט געאַנט אַז אין פינצטערע, דושנע און ענגע מלינות ליגן איצט טויזנטער אומשולדיקע מענטשן מיט פאַרבענקטע אויגן צום מאַיאָזוע אינדרויסן און לעכצן נאָך אַ ביסל פרישער לופט.

***

מאַרישאַ, די געוועזענע דינסט ביי די קאָכאַנאָווסקיס, איז געזעסן אַ טרויע־ריקע, אַ פאַרקלעמטע ביים פאַרקראַטעוועטן פענצטערל פון איר קעלער־שטוב, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער מאָקאָטאָווסקע־גאַס. זי האָט זיך איינגעקוקט אין די פיס וואָס האָבן פאַר אירע אויגן נאָכאַנאַנד פאַרבייגעשפּאַנט. יעדעס מאָל, בעת זי האָט דערזען אַ פּאָר דייטשע שטיוול, האָט איר האַרץ אויפגעצי־טערט. איר בליק האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דער פאַרמאַכטער טיר.

זינט די קאָכאַנאָווסקיס זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון זייער וווינונג, אַ וואָך נאָך יורעקס איבערגיין צום געטאָ־קאַמף, האָט זיך נאָך איר האַרץ נישט באַרויקט. אירע אַלטיטשקע אויגן האָבן שוין לאַנג נישט פאַרזוכט דעם טעם פון שלאָף.

זי איז געווען אַ פּרימיטיווע נאַטור, די דינסט מאַרישאַ. די קאָכאַנאָווסקיס האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. גאַנצע פופצן יאָר האָט זי ביי זיי אָפּגעדינט און האָט זעלטן־ווען אַמאָל געגעסן אין דער קיך, אַן אָפּגעזונדערטע, אַן איינזאַמע, ווי אין אַנדערע נגידישע הייזער. זי האָט תמיד געגעסן ביים טיש, צוזאַמען מיט אי־רע באַלעבאַטים.

אַ גאַנץ באַזונדערע דאַנקבאַרקייט האָט זי געפילט צו איר באַלעבאָסטע, ליובאַ, וועלכע האָט איר צו אַלע הייליקע יום־טובים געשאָנקען שיינע אָפּגעטראָ־גענע קליידער. צוליב ליובאַס קליידער האָט מען סיי אין גאַס און סיי אין קלויס־טער אויף איר געקוקט. דאָס זענען געווען די סאַמע דערהויבנסטע מינוטן אין איר אַלמנהדיקן לעבן זינט זי האָט זיך צעשיידט מיט איר מאַן, אַ שיכור וואָס האָט בגניבה געפּלעגט צונעמען אירע פאַרדינסטן און זי כמעט יעדן אָוונט אַזוי מכות־רצחקדיק צעשלאָגן, אַז די שכנות האָבן ממש נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס קינד וואָס זי האָט געבוירן, איז פון אים.

איר שנאה צום מאַן איז געווען אַזוי גרויס, אַז בעת איר קינד איז אין על־טער פון זעקס חדשים אָפּגעשטאָרבן, האָט זי בשום אופן נישט געקענט לאָזן קיין טרער אויפן קינדס קבר.

איר מוטער־ליבע האָט זי, נאָכן טויט פון איר קינד, אָוועקגעשענקט פרעמדע קינדער. אָבער איר האַרץ האָט זיך צו קיין שום קינד נישט אַזוי שטאַרק צוגע־בונדן ווי צו יורעקן. הגם בעת זי איז אָנגעקומען צו די קאָכאַנאָווסקיס, איז ער שוין אַלט געווען פופצן יאָר, האָט זי אים געניאַמען פיעשטשען ווי אַ קינד וואָס שטעלט די ערשטע טריט. זי האָט מיט הכנעה איבערגעטראָגן אַלע קאַפּריזן זיי־נע, וואָס האָבן איר אָפטמאָל פאַרביטערט ס'לעבן.

אויף דער שוועל פון לעצטן וועלט־קריג, בעת יורעק האָט זיך מיט איר גע־זעגנט, שוין צום צווייטן מאָל אין אַ מיליטערישן מונדיר, האָט זי אים אַרומ־געהאַלדזט און אַרומגעקושט מיט אַ געפיל פון אַ מאַמע־דערציערין. זי איז מיט אים געווען שטאָלץ און זיך ממש געפילט ווי זי וואָלט אָוועקגעשיקט אַן אייגע־נעם זון פאַרטיידיקן די פּוילישע ערד.

אָבער בעת די פּוילישע אַרמיי איז צעריסן געוואָרן פון שונא און יורעק איז אַהיימגעקומען אַ נידערגעשלאָגענער, אַן אויפגעבראַוזטער קעגן פּוילישן אַנ־טיסעמיטיזם פיל מער ווי קעגן דייטשן, האָט זי בחוש דערפילט אַז עפּעס איז דאָ געשען אַ זאַך וואָס צווינגט יורעקן אויף איר צו קוקן ווי אויף אַ פרעמדע. וואָכן נאָכאַנאַנד האָט ער נישט אויפגעהערט צו שילדערן די עקלהאַפטע באַ־ציונג, חוזק און זידל־ווערטער פון די פּוילישע אָפיצירן צו די יידישע סאָלדאַטן. מאַרישאַ האָט זיך תמיד אין אַזאַ מאָמענט אַרויסגעשלייכט אַ פאַרשעמטע. אין אַ טאָג אַזאַ האָט זי זיך קיינמאָל נישט געוואָגט אָנצוטאָן ליובאַס אַ מתנה־קלייד.

ערשט ווען מ'האָט די יידן אָנגעהויבן טרייבן אין געטאָ אַריין און אירע באַ־לעבאָטים זענען באַשיצט געוואָרן דורך אַ פּוילישער אַקטריסע, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט „איר זון" יורעק צוריק אָפּגעפונען. דאָס גליק האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אין אַ טאָג איז ער אַ פריינוויליקער אַוועק אין געטאָ אַריין. אין אַ קאַרגער וואָך אַרום איז זייער הויז באַלאַגערט געוואָרן פון אַ סווי־

טע געשטאַפּאָוצעס. ביז צום לעצטן אָטעם־הויך וועט זי נישט פאַרגעסן די וויר־דיקע האַלטונג פון איר באַלעבאָס.

— אַ ייִד?

— אַ ייִד.

— פאַרשטעלט זיך פאַר אַ משומד?

— יעדער מענטש פאַרשטעלט זיך. איינער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ הענקער; דער צווייטער — פאַר אַ קרבן.

— געאַרבעט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג?

— ס'עקזיסטירט נישט קיין אונטערערדישע באַוועגונג, נאָר אַן אויבערער־דישע באַוועגונג.

— און ווען מען פאַרוואַרפט אַ פעטליע אויף אייער האַלדז, רעדט איר?

— דעמאָלט ווערט אַפילו אַ הענקער אויך אַנטשוויגן.

— אַרויספירן דעם פאַרברעכער מיט זיין פרוי, פריי לאָזן די דינסט און פאַרזיגלען די טיר!

פונדעסטוועגן, הגם מ'האָט זי פריי געלאָזט, האָט מען זי צענדליקער מאָל אַרויסגערופן אויף פאַרהערן. און דער עיקר — זי אויסגעפרעגט אויף יורעקן:

— איך קען אייך נאָר דערציילן וואָס מ'האָט געקאָכט...

— פאַר וויפל מענטשן?

— פאַר פיר.

— ס'זענען נישט געקומען קיין געסט פון געטאָ?

— כ'האָב קיינמאָל נישט געזען קיין פרעמדע מענטשן. סיידן מיינע באַ־לעבאַטים זאָלן זיך מיט וועמען האָבן געטראָפן אין גאַס.

— און אויב מיר וועלן אייך אַוועקפירן אין „פאַוויאַק", וועט איר זיך צווישן די תפיסה־ווענט עפּעס דערמאָנען?

— פירט מיך אַוועק! ס'איז מיר אַלץ איינס. אַזעלכע באַלעבאַטים, אַזעלכע זוטהאַרציקע מענטשן, וועל איך סיי־ווי מער נישט געפינען.

— שווייג! פיר אַרויס די אַלטע צויג!

דאָ האָט מאַרישאַ געוואָרפן אַ בליק אויפן הונט רעקס, אויפן איינציקן לע־בעדיקן נפש, וואָס איז מיט איר פאַרבליבן פון קאָכאַנאָווסקיס הויז. זי האָט זיך מיט אַ ציטער איינגעהערט אינעם הונטס אומאויפהערלעכן געוואָי. דער הונט האָט אַלץ נאָך געבענקט און באַוויינט זיינע פאַרשוווּנדענע באַלעבאַטים. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען און אַרויפגעשפּרונגען אויף מאַרישאַס קניִען, געלעקט אירע הענט, געבראַניעט מיטן וויידל, געקרעקט זיך, אַקוראַט ווי ער וואָלט איינגע־נומען סם.

מאַרישאַ האָט דעם הונט אַריינגעקוקט אין די אויגן. זי האָט אין הונטס

אויגן דערקענט איר אייגענעם אומרו און בענקשאַפט. אויף איין אויגנבליק האָבן זיך אויף אירע פּאַרקאַטעוועטע שייבלעך באַוויזן אַ פּאָר דייטשע מיליטער־שטיוול און אַ הונט פון דער וואָלפישער ראַסע.

קאָכאַנאָווסקיס הונט אויף מאַרישאַס קני׳ען האָט זיך אַ ווילדן ריס געטאָן און געגומען אַרויפבילן, הגם די שטיוול מיטן הונט האָבן שוין לאַנג געהאַט אַוועקגעשפּאַנט, האָט רעקס נאָך אַלץ אַרויפגעהאַוקעט. און בעת דער הונט איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער זיך אַ ווילד־געוואָרענער גענומען דרייען רונד־אַרום פונקט ווי דער קאָפּ זיינער, וואָלט זיך גענומען יאָגן נאָך זיין אייגענעם וויידל. ער האָט גענומען עפּעס אַרומזוכן אין אַלע קעלער־ווינקעלעך. אַט האָט ער זיך אַ ווילע אָפּגעשטעלט ביי קאָכאַנאָווסקיס שיך און צו זיי לאַנג געשמעקט, גע־כאַפּט איין שיך אין פּיסק אַריין, אים אַרומגעטראָגן, ווי ער וואָלט אים וועמען געדאַרפט דערלאַנגען. אַראָפּלאָזנדיק דעם שוך אויפן צעמענטענעם באָדן, האָט ער אים לאַנג אַרומגעלעקט, גלייך ווי ער וואָלט ממש געלעגן ביי קאָכאַנאָווסקיס לעבעדיקע פיס.

דערנאָך האָט זיך דער הונט אַוועקגעלייגט אַ מידער, אַ פאַרטייעטער. זיי־נע צוקנדיקע אויגן־דעקלעך האָבן זיך פאַרמאַכט און צוריקגעעפנט, פאַרמאַכט און געעפנט. זיינע לאַנגע אויערן־לאַפּן האָבן נערוועז געצוקט, אַ הייב געטאָן זיך, אַראָפּגעלאָזט זיך, לסוף האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און מיט אַ פאַרנורעטן קאָפּ אַריינגעקראַבקעט זיך אין אַ קויש, אין וועלכן מאַרישאַ האָט פאַר אים געהאַט אויסגעבעט אַ געלעגער. זיינע אויגן האָבן ווי דורך צווייגן־קראַטעס, נאָכאַנאַנד געבליקט צו דער טיר.

מאַרישאַ איז אַוועק פון פענצטערל און מיט באָרוועסע פיס גענומען אַרומ־שפּאַנען איבערן קעלער. זי האָט נישט באַנומען פאַרוואָס גראָד היינט אַוונט האָבן די פאַרבליבענע זאַכן פון אירע באַלעבאַטים, וואָס ליובאַ האָט זיי געהייסן אַרויספירן גאַנצע אַכט טעג פאַרן אַרעסט, צו איר גענומען רעדן. בעת איר בליק איז געפאַלן אויף ליובאַס קליידער, האָבן זיי זיך אין אירע אויגן גענומען באַ־וועגן. דאָס איידעלע קול פון איר באַלעבאָסטע האָט פון זיי אַרויסגערעדט. קאָ־כאַנאָווסקיס אַ קאַפּעליוש האָט אין איר זכרון אַרויסגערופן זיין אימפּאָזאַנטן קאָפּ. זי האָט בפירוש געהערט ווי ס׳האָט זי וועך געפרעגט, צי אירע באַלעבאַ־טים לעבן נאָך? זי האָט אַ ציטער געטאָן און דערבליקט יורעקס אָן עלעגאַנטן העלן ספּאָרט־אַנצוג. זי איז צוריק צוגעשפּרונגען צום פענצטערל און זיך איינ־געקוקט ווי פון דער געטאָ־מויער טראָגט זיך אַלץ נאָך אַ שוואַרץ־ווייסער רויך, וואָס קריכט דאָ לאַנגזאַם אַריבער אויף דער זייט, ווי גרויסע מעכטיקע שלאַנגען וואָלטן זיך פון טיפע שוואַרצע גריבער אַרויסגעהויבן.

„אפשר געהערט שוין יורעק אויך צו די געפאַלענע? דער רויך טראָגט זיך

דאָך שוין אַזוי פון דאָרט איבער אַ חודש. וועל איך קיינעמען פון זיי, אויסער דעם הונט, שוין מער נישט זען? ליבער יעזוס, הייליקע מוטער!" — האָט זי זיך אי־בערגעצלמט און איז אַוועק פונעם פענצטערל.

באַמערקנדיק ווי טונקעלע שאָטנס האָבן זיך געדיכט באַזעצט אויף ווייס־געקאַלכטע ווענט, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אַנצונדן אַן אַלטמאָדיש נאַפט־לעמפל. און ווי נאָר דאָס פלעמל האָט גיריק אַרומגעלעקט די נאַסע קנויט, אַ שוועב געטאָן ווי אַ גליִענדיק זומער־פייגעלע אין גלעזל, האָט זי נאָך בולטער דערזען דעם גאַנצן געפעק, קאַסטנס און קופערטן, פון קאַכאַנאָווסקיס אונטער־געגאַנגענער היים.

מיטאַמאָל האָט מאַרישאַ געגומען שפּייען פאַר האַרץ־חלשות און זי האָט זיך במחשבה שוין צום ווייפלטן מאָל פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס זי פאַרנאַכלעסיקט זיך און קאָכט זעלטן־ווען אַפּ אַ לייטישן מאָלצייט. הגם זי האָט גוט געדענקט אַז פון די קאַכאַנאָווסקיס האָט זי זיך מיטגעבראַכט שפּייז וואָס וועט סטייען אויף גאַנץ לאַנגע חדשים, האָט זי ביי זיך נישט געקענט פועלן צוצוגרייטן אַ לייטיש געקעכץ נאָר פאַר זיך אַליין, און דערנאָך אַרויפשטעלן אויף איר אָרעמען טיש אַזאַ רייכן מאָלצייט וואָס געהערט צו אַנדערע. אויך איצט האָט זי בעסער פאַר ליב גענומען אַ טרוקענעם אָוונטברויט און צוגעטרונקען קאַלט וואַסער.

אויף אירע ווענט האָבן זיך דערוויייל געצייכנט פאַרשיידענע פאָרמען פון פאַרבייגייענדיקע פּיס. רעדער פון אויטאָמאָבילן און דראָזשקעס, באַפּאָדקאָוועטע קלאָען פון פערד, האָבן פאַרבייגעשוועבט אירע שויבן און פאַרשוווּנדן.

און גראָד ביים טיש זיצנדיק אַן איינזאַמע מיט אַ געפיל פון געוויסנביסע, טראַכטנדיק אַז אפשר עסט זי דאָס ברויט פון טויטע, האָט זי מעשה־שטן גע־הערט ווי אַ שטימע שושקעט אין איר אויער אַריין:

— בהמה, דו ביסט דאָך אין דיין בידנעם לעבן קיינמאָל נאָך נישט אַזוי רייך געווען ווי איצט. דיינע באַלעבאַטים האָבן דאָך דיר אָנפאַרטרויט ס׳גאַנצע צירונג, אַ קאָלעקציע קונסט־בילדער, אַנטיקוואַרישע וואַזעס און קרוגן, קאָסטיו־מען פון אַ זעלטן־רייכן טעאַטער־רעקוויזיט, לוקסוס־אויסגאַבעס פון וועלט־מייס־טער, מאָדערנע דאַמען־ און מענער־מלבושים, פוטער־מאַנטלען און אַ שאָפּן־פעלץ. וואָס וואַרטסטו ביז מ׳וועט דיר דאָס צורויבן און דיך דערשיסן? וואָס גייסטו נישט אַרויס דאָס אַלץ פאַרקויפן און דערפאַר אָפּנעמען אַ מאַיאָנטעק? דווקא איצט, ווען יידישע נגידותטעס וואָלטן געווען גליקלעך צו זיין פרייע דינסטן, קענסטו גאָר ווערן אַ פריצה און אָפּלעבן דיין רעשט ביסל יאָרן אין לוקסוס. וואָרט נישט ביז ס׳וועט ווערן צו שפּעט!

מאַרישאַ האָט זיך ווי אַן אָפּגעבריטע אויפגעכאַפּט פון טיש. די שלעכטע מחשבה האָט געמאַכט אויפציטערן איר האַרץ. זי האָט זיך מיט אַן איבערגעשראָ־

קענעם בליק אַרומגעקוקט. דאָס בילד פון דער הייליקער מוטער מיטן קינד אויף דער האַנט, וואָס האָט ביי איר געהאָנגען אויף דער וואַנט איבער דער איקאָנע, האָט איר איצט ווי אַ שלאָג געטאָן איבערן מוח. זי האָט זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צו דער איקאָנע, און אַנידערקניִענדיק מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט, האָט זי זיך, איידער זי זאָגט די אָוונט־תפילה, געוואָלט מתוודה־זיין. אָבער זי איז לאַנג געבליבן קניִען אַ פאַרשטומטע. אירע ליפּן זענען געווען אָפן און ס'האָט זיך איר בשום־אופן נישט אַרויסגערעדט דאָס ערשטע וואָרט. זי האָט אַפילו נישט געקענט אויסרופן מאַטקאַ באָסקאַ!... זי האָט גאָר אין דער רגע דערהערט איר באַלעבאָסטעס ווייִנענדיקע שטימע:

— גאָט מיינער, פאַרוואָס האָסטו אין מענטשן איינגעפלאַנצט אַזאַ האָס? לאַ־די וואָס מיר שרייען צו אונדזערע פוילישע שכנים טאָג־איין, טאָג־אויס: העלפט דעם געטאָ, דער שונא איז אַ געמיינזאַמער, און אונדזערע אויפרופן שלאָגן זיך אָן אין אַ טויבער וואַנט, באַנוצט איר זיך נאָך מיט מסירה. איר העלפט בעסער אייער סאַמע בלוטיקסטן שונא ווי אונדז יידן, וואָס מיר לעבן שוין אויף דער פוילישער ערד טויזנט יאָר? דער מאַיאָר ראַדעצקי איז דאָך אַ פרומער קאַטאָליק, טאָ ווי אַזוי וועט ער, נאָך אַזאַ נבזהדיקער מסירה, קענען אַוועקקניִען און קוקן אין זיין גאָטס מאַרמאָרנע אָדער בראָנדזענע אויגן? און האָט יעזוס זיך געהייסן פאַרהייליקן און אין זיין נאָמען מאָרדן און פאַרברענען לעבעדיקע מענטשן? האָט ער דען נישט פאַר אַלעמען געפּרעדיקט מענטשן־ליבע? גאָט, גאָט, דאָס ווערק פון דיינע הענט, די קרוין פון אַלע דיינע באַשעפענישן — דער מענטש טויג נישט. דו האָסט אים אָפּנים נישט פאַרענדיקט. איר ווייִנט נישט, מאַרישאַ, איר זענט אומשולדיק.

קניִענדיק אַזוי פאַר דער איקאָנע, האָט מאַרישאַ נישט באַמערקט ווי איר פּענצטערל איז פאַרשטעלט געוואָרן מיט אַ גרויסן קאַסטן, אויף וועלכן ס'האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ בלינדער בעטלער אין אַ פּאָר שוואַרצע זונען־ברילן און האָט אויף אַ האַרמאָשקע געגומען שפּילן פּוילישע נאַציאָנאַלע לידער. לעבן בעטלער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַן אַלטע פרוי מיט אַ גרויסער טאָרבע אין דער האַנט. די פרוי האָט צוזאַמענגעקליבן די מטבעות וואָס דער פאַרבייגייענדיקער עולם האָט דעם בעטלער צוגעוואָרפן. מאַרישאַ האָט אויך נישט דערהערט, אַז אויף די שטיגן וואָס פירן אַראָפּ צו איר און צו די שכנותדיקע קעלער־טירן, איז געוואָרן אַ געגיי מיט שטילע קוים־הערבאַרע טריט, אַראָפּ און אַרויף, אַראָפּ און אַרויף.

פּלוצלינג, שטייענדיק אַזוי אויף דער קני פאַר דער איקאָנע, האָט מאַרישאַ אויפגעכאַפּט שווערע טריט אויף די צעמענטענע שטיגן. די טריט זענען איר פאַרגעקומען באַקאַנט. מיט אַ שוידער אין די ביינער איז זי אַוועקגעשפּרונגען פון דער איקאָנע און מיט צאַפּלדיקע בליקן צוגעפאַלן צו איר פאַרמאַכטער טיר. זי

האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך איינגעהאָרכט. ס׳האָט זיך איר גע־דאַכט, אַז זי הערט אַ געשושקע פון עטלעכע מענער־שטימען. זי האָט דייטלעך געזען ווי איר שלאָס פון דער טיר איז פון דרויסן באַלויכטן געוואָרן מיט אַ טאַשן־לעמפּל, דער אָפּשיין האָט אויף אַ רגע אַ בלענד־געטאָן און פאַרשווונדן, ווידער אַ בליאַסקע געטאָן און נעלם געוואָרן.

אין דער רגע איז דער הונט רעקס ווי אַ פייל־און־בויגן אַרויסגעפלויגן פון קויש און צושפּרינגענדיק צו דער טיר האָט ער געגומען ווייענדיק וואָיען, קוקן מיט אַ פּאָר רחמימדיקע מענטשלעכע אויגן צו דער טיר.

אַ האַנט וואָס האָט פּאָר שרעק אַ ווײַלע געבלאָנדזשעט אַרום דעם שלאָס, האָט לייכט אָנגעקלאַפּט און אַ שטימע האָט שוועראָטעמדיק גערופן:

— עפן, מאַרישאַ! יורעק!

— יורעק?! — האָט זי פּאָר שרעק און איבערראַשונג אויסגערופן, אַרייג־געכאַפּט אַ פינגער אין מויל אַריין און אים געגומען בייסן. — יו—רעק?! — האָט זי זיך מיט ביידע הענט געגומען רייסן די האָר פון קאָפּ.

זי האָט גאַנץ לאַנגזאַם געעפנט די טיר. אַ ריח פון אַ קלאָזעט האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. אויף דער שוועל, אַן אָפּגעצוואָגענער פון קאָפּ ביז פיס אַז די מלבושים זיינע האָבן זיך ממש געקלעפּט צום לייב, איז געשטאַנען יורעק מיט אַ נאַסע פּאַסמע האָר איבערן לינקן אויג, אַ שוואַרצע באָרד פון איבער אַ חודש צייט האָט אַרומגענומען זיין פּנים, באַגאָסן מיט שווייס־און וואַסער־טראָפּנס. אויף די הענט האָט ער געהאַלטן אַ פאַרחלשט מיידל מיט אַ פאַרוואַר־פענעם קאָפּ אויף הינטן. פון אירע צעלאָזענע האָר איז ממש געגאַנגען אַ רעגן פון פאַרשטינקטן וואַסער.

— גיכער, מאַרישאַ, גיכער! — האָט יורעק אַרויסגעזיפּצט, גלייך ווי אַ האַנט וואָס האָט אים נאָר־וואָס פעסט געהאַלטן ביים גאָרגל, האָט אים אָפּגעלאָזט.

— ראַטעווע דאָס מיידל, מאַרישאַ, ראַטעווע!

— געטלעכע מאַריאַ! — האָט מאַרישאַ פאַרבראָכן די הענט און איר שטימע איז פאַרקלעמט געוואָרן אין איר קעל. פון אירע אַלטע אויגן האָט אַ פלייץ געטאָן אַ שטראָם טרערן. — יעזוס ליבער, איז דאָס אמת, אַז מיין יורעק לעבט? — האָט זי געהאָלפן דאָס מיידל אַנידערלייגן אויף אַן אויסגעשפּרייטן זאַק, אין דער צווייטער קעלער־אָפּטיילונג וואָס איז געווען פאַרצויגן מיט אַ גראַנאַטענער פאָר־האַנג, באַשלאָגן מיט ווייסע גראָשעלעך.

יורעקס קני האָט אַ פויק געטאָן אויפן צעמענטענעם באָדן. ער האָט דאָס מיידל גענומען מונטערן, פּאַטשנדיק אין אירע באַקן.

— דבורה, דבורה! דאָס בין איך יורעק! מיר זענען נישט מער אין קאַנאַל.

מיר זענען ביי מאַרישאַן. עפן די אויגן! דו ביסט אַ גרעאַטעוועטע. דבורה! שיי־נע דבורה!

מאַרישאַ האָט דבורהן באַשפּריצט מיט קאַלט וואַסער, אויפגעריסן מיט אַ קליין לעפעלע אירע ציין, אַריינגעגאָסן אין איר האַלבלעך־געעפנט מויל אַ גלעזל וואָדקאַ. דבורה האָט זיך פאַרכלושניעט, אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפץ און גע־עפנט די אויגן.

— ווו בין איך?! — האָט זי זיך אַ הייב געטאָן מיט אַן אויסגעשריי און געמאַכט אַ באַוועגונג צו אַנטלויפן.

יורעק מיט מאַרישאַן האָבן זי באַרויקט. דער הונט רעקס וואָס איז געלעגן ביי יורעקס פיס און האָט אים נאָכאַנאַנד געלעקט און געהעשעט, האָט מיט אַ לאַפּקעלע אַ גלעט געטאָן דבורהס האַנט וואָס איז נאָך אַלץ געלעגן פאַרוואָרפן אויפן באָדן אַ פאַרחלשטע. דער הונט האָט פאַר פרייד אַרויסגעלאָזט אַ ביל, גע־בליבן ליגן אויף אַלע פיר מיט אַן אַרויסגעשטעקטן לעקער, דאָ געוואָרפן אַ בליק אויף יורעקן, דאָ אויף דבורהן.

— דער קאָפּ! אוי דער קאָפּ! די שלייפן האַקן. כ'וועל פאַר ווייטיק רייסן די ווענט. צו וואָס האָט איר מיך אויפגעוועקט? כ'האָב שוין מער גאָרנישט גע־שפּירט קיין ווייטיק און נישט קיין שרעק. צו וואָס דאַרף איך אָפּענע אויגן?

מאַרישאַ האָט אַנגעקוקט יורעקן.

— גיכער מאַרישאַ! אַ קאַלטן קאָמפּרעס! אַביסל עסיק!

— געלויבט צו גאָט אַז כ'האָב זיך נאָך אַרום וועמען צו פאַרען! — האָט מאַרישאַ געזאָגט און מיט אַ באַנייטן כוח גענומען שפּרייזן פון איין קעלער־ווינקל צום צווייטן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דבורה געלעגן מיטן קאָפּ אויף אַ היימיש קישעלע. דאָס ווייסע נאַסע האַנטוך האָט איר פאַרשטעלט אַ האַלב פנים. ביי ביידע שלייפן — צוויי פּליטשען פון אַ רויען קאַרטאָפל, וואָס זענען לויט מאַרישאַס באַבסקע מיטלען געווען די בעסטע רפואה צו קאָפּ־ווייטיק.

דערווייל איז נאָך דבורה נאָך אַלץ געלעגן אויפן זאַק, אַ קרעכצנדיקע. יורעק האָט, גלעטנדיק דעם הונט, פון איר אויף אַ רגע נישט אַראָפּגענומען די אויגן.

— דו שלאָפסט, דבורה? — האָט יורעק אַ פליסטער געטאָן.

דבורה האָט אים נישט געענטפערט.

מאַרישאַ האָט זיך געפּאַרעט ביי דער קיך. זי האָט אויפגעקאָכט אַ קעסעלע וואַסער.

— ס'שניידט מיר ביים האַרץ וואָס די פּאַניענקע ליגט אין די נאַסע קליי־דער. זי קען זיך חלילה פאַרקילן. דו, יורעק, מעגסט זיך שוין אויפשטעלן און

אַלץ אַראָפּוואַרפן. דו וועסט זיך באַלד קענען אַרומוואַשן און איבערטאָן. זעט קינדער, ווי גאָט פירט די וועלט! ווען ס'געלינגט אונדז נישט אַרויסצוראַטעווען פון דיין היים אַביסל זאַכן, וואָס וואָלט איך דיר איצט געגעבן איבערצוטאָן? — האָט מאַרישאַ אויסגעוואַשן אַ גרויסע שיסל. — דו הערסט מיך, יורעק?

— ס'פּענצטערל איז פאַרהאַנגען, מאַרישאַ? די טיר איז גוט פאַרמאַכט?

— מ'קען דאָך סיי־ווי נישט אַראָפּקוקן אין מיין קעלער אַריין. סיידן אַז מ'זאָל זיך אויסציען אויפן טראָטואַר. וועמען וועט דאָס איינפאַלן? ס'האָט דיך באָך קיינער נישט באַמערקט דאָ אַראָפּגיין?

— אונדזערע מענטשן האָבן אָרגאַניזירט אַ פאַלש געשלעג, בעת מיר זענען דאָ אַרויס פון וואַגן, איז אַ המון פון נייגעריקע מענטשן געווען פאַרזאַמלט אויף יענער זייט ראָג. דער בלינדער בעטלער, וואָס האָט דאָ פאַר דיין פענצטערל גע־שפּילט אויף אַ קעסטל, האָט אונדז געדאַרפט געבן אַ צייכן. ווען ער וואָלט אויפגעהערט שפּילן, וואָלט מען זיך געמוזט צוריקציִען. די מלבושים מיינע שטינקען אַזוי שטאַרק, אַז כ'קען ממש נישט לעבן מיר שטיין. פאַררוק דעם פאַר־האַנג! כ'וואַרף אַלץ פון מיר אַראָפּ. די מלבושים וואָלט מען געדאַרפט פאַר־ברענען אָדער באַגראָבן. דבורהס מלבושים אויך.

— וואָס טוט זי דאָרט?

— זי רייסט פון זיך אַראָפּ די מלבושים. זי וועט מסתמא איינשלאָפן.

— געלויבט צו גאָט! זי וועט זיך איבערשלאָפן וועט איר בעסער ווערן. כ'ווייס נישט וואָס פריער צו טאָן. כ'וואָלט אייך גערן געוואָלט אָפּקאָכן אַביסל געקעכץ. פאַר מיר אַליין האָט זיך מיר נישט געגלוסט. כ'גיי דיר אַריין צוגרייטן איבערצוטאָן. נעם דיר אַליין הייס וואַסער! אָט האָסטו אַ האַנטוך און אַלץ וואָס איז דיר נויטיק. פאַר שרעק פאַלט מיר אַלץ פון די הענט.

— רעד שטילער, מאַרישאַ! דבורה איז איינגעשלאָפן.

**
*

די ערשטע שעה וואָס האָט זיך דאָ אין דעם קעלער אָוועקגערוקט זינט יורעק מיט דבורהן זענען אַריינגעקומען, האָט אייגעזאַפּט אַ וועלט מיט שרעק, האַרץ־ און נשמה־ציטערנישן, זיפצן און אומאויסגעוויינטע געוויינען.

ד'אָס פענצטער איז איצט געווען פאַרהאַנגען מיט אַ טונקל־גראָנאַט פאַר־הענגל אויף וועלכן ס'איז געפאַלן אַ גאַנץ מאַטער אָפּשיין פון גאָסן־ליכט. אויפן טיש האָט געברענט די נאַפט־לאָמפּ, וואָס האָט היפשלעך געקאָפּטשעט און פאַררייכערט דאָס בלויע פּאַפּיר וואָס איז געזעסן אויפן גלעזל ווי אַ געקאַרבטער טעלער. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ ליידיקער וואַזאָן פון קאָכאַנאָווסקיס הויז. ביים טיש איז יורעק געזעסן אַן איבערגעטאָענער אין אַ ווייס ריפּסן העמד מיט

אַן אויסגעלייגטן סלאָוואַצקי־קאָלנער, אין אַ פּאָר העלע הויזן פון זיינס אַן אָנ־צוג וואָס ער האָט געטראָגן אין חודש מאַי, אויף די נאַקעטע פיס — זיין פאָ־טערס שטעק־שיך. הגם אַלץ וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך איז געווען צע־קנייטשט און צעקנוידערט און די לייוונט פון דער רעכטער הויזן־טאַש איז צו־פעליק געווען אַרויסגעשטאַרצט, האָט ער פונדעסטוועגן שוין אויסגעזען אין מאַ־רישאַס אויגן ווי אַ צוריקגעקומענער באַלעבאָס. זי האָט זיך כמעט פאַרגעסן, אַז יורעק איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון אויסגערויכערטן געטאָ. זי האָט אויפ־געשטעלט אויפן טיש די שענסטע טעלער, אָוועקגעלייגט פאַר אים אַ סערוועט־קע און צוגעטראָגן דאָס ביסל געקעכץ מיט אַ ציטער, צי ס׳וועט אים נאָר שמעקן. די קאַרגע שניטקעס פאַרדאַרט ברויט, האָט זי אַריינגעלייגט אין אַ קאָ־לירט קיישעלע און זיי אונטערגעבעט, פונקט ווי אַמאָל, מיט אַ דינינטשקן פּאַ־פּיר.

יורעק האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם פיין־סערווירטן טיש, אויסגע־קנאַקט זיך די פינגער און געזאָגט:

— כ׳ווייס נישט צי כ׳וועל אָן דבורהן קענען אַראָפּשלינגען אַ ביסן, אָבער כ׳בין הונגעריק ווי אַ וואָלף. — ער האָט זיך קודם־כל צוגעכאַפּט צום קריגעלע פון געשליפן גלאָז. דאָס ריינע וואַסער האָט איצט פאַר אים אַרויסגעפינקלט מיט מער איבעראַשונג, ווי ער וואָלט אויפן טיש געזען שטיין דעם בעסטן ווייַן. ער האָט זיך איינגעגאָסן אַ גלאָז, אַרומגעלעקט די וואַסער־פּערל וואָס האָבן אַראָפּגעטריפט אויף זיינע וואָנצעס, און דאָס ביסל געקעכץ וואָס האָט ביי מאַ־רישאַן אַזוי לאַנג געדויערט, האָט ער כהרף־עין איינגעשלונגען.

— גאָט מיינער, כ׳האָב אויפגעגעסן ס׳גאַנצע ברויט! האָסט נאָך עפּעס פאַר דבורהן?

— זאָרג זיך נישט, כ׳האָב אין איר נישט פאַרגעסן. זי איז דאָך אויך אַ מאַמעס אַ קינד, — האָט זיך מאַרישאַן אַרויסגערעדט.

מאַרישאַס ווערטער „אַ מאַמעס אַ קינד״, האָבן יורעקן אויפגעריסן פון אָרט. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן און געבליבן שטיין אינדערמיט קעלער־שטוב ווי אין אַן אוהל פון אַ פאַמיליע־קבר. פון דער אַרומיקער קעלער־טונקלקייט האָבן פאַר אים אויפגעטויכט, אויסער מאַרישאַס צוויי אַלטמאָדישע הילצערנע בעטן און אַ שלאָף־באַנק, זייערע קופערטן, קאַסטנס, די קאָסטיומען פון „ראַמעאָ און דזשוליעטאַ״, „יוליוס צעזאַר״, „מאַקבעט״, „שיילאָק״ און „ייִד זיס״. אויף דער שלאָף־באַנק האָט ער דערזען ליגן צעקנוידערט און צעריסן די שאַרלאַך־רויטע פאַרהאַנג אַדורכגעוואָרפן מיט אַ וואָלקן־גרוי וואָס האָט אַמאָל אַדורכגעטיילט זייער בינע און האָט געדינט צום פראָלאָג פון גאַרדינס „גאָט, מענטש און טייוול״. די פאַרהאַנג איז אַמאָל געווען אַ הימל. איצט ליגט זי אין אַ תהום ווי־

צעריסענע תכריכים פון אַ צעפּאַלן לעבן. ער האָט דערבליקט דעם קאָסטיום פון ראַסינס „אַנדראָמאַכע״; דאָס קלייד פון ראַסינס „אַלישבע״; דער קאָסטיום פון מאָליערס „טאַרטיוף״ האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן; די מלבושים פון גאָגאָלס „רעוויזאָר״ האָבן הויך געלאַכט, אָבער פון שיילאָקס סאַמעטן קלייד האָט אַרויס־געוויינט אַ קול:

„ער, אַנטאָניאָ, האָט פאַרווונדעט מיין פאָלק, קאָליע געמאַכט מיינע עסקים, מיך צעקריגט מיט מיינע פריינד, אָנגערייצט אויף מיר מיינע שונאים. אָבער פאַרוואָס? דערפאַר וואָס איך בין אַ ייד? צי האָט דען אַ ייד נישט קיין אויגן, הענט, און אַנדערע אברים? ער האָט נישט קיין געפילן, תאוות, און ליבע? צי נערט זיך דען נישט אַ ייד מיט די זעלבע שפּייז וואָס אַ קריסט? ליידט נישט אויף די זעלבע מפּלות? היילט זיך נישט מיט די זעלבע רפואות? די קויל וואָס פאַרווונדעט אַ קריסט, פאַרווונדעט דען נישט אויך אַ ייד? צי פילט דען אַ ייד נישט ווינטער די זעלבע קעלט און זומער די זעלבע היץ, ווי יעדער קריסט? ווען איר פאַרווונדעט אונדז, גייען מיר אויס אין בלוט, קיצלט איר, לאַכן מיר, דער־לאַנגט איר גיפט — שטאַרבן מיר. טאָ פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר נישט נעמען קיין נקמה, ווען איר באַליידיקט אונדז?״

אַן אויפגעברויזטער האָט יורעק אַ ווײלע געגומען שפּאַנען אַרויף און אַראָפּ. דער הונט איז אים נאָכגעקראָכן טראָט ביי טראָט. דערנאָך האָט ער אַלץ אַראָפּגעוואָרפן פון דער שלאָף־באַנק און זיך אַוועקגעלייגט, גלעטנדיק דעם הונט וואָס האָט זיך, ווי אַ שטיק האַריקער טעפּיך, אויסגעצויגן ביי זיין לינקער האַנט.

— מאַרישאַ, מאַרישאַ!

די דינסט האָט אויפגערוקט אַ שטיק פאָרהאַנג און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ:

— וואָס, יורעק?

— דבורה שלאָפט?

— זי שלאָפט און קרעכצט. כ׳האָב שוין פון איר אַראָפּגעצויגן דעם נאַסן רעגן־מאַנטל, די שטיוול און די זאָקן. אירע קליידער האָבן זיך כמעט אויסגע־טריקנט, אָבער כ׳וועל דערוואָרגן פון דעם שלעכטן ריח.

— שווייג, מאַרישאַ! — האָט יורעק אויפגעריסן דעם קאָפּ און אים צוריק אַנידערגעוואָרפן מיט אַן אָפּהילך. — אַ שלעכטן ריח הערסטו. ווייסטו דען וויפל קעמפער ס׳זענען פאַרבליבן אין קאַנאַל? זיי האָבן נישט זוכה געווען דאָ אַהער־צוברענגען דעם שלעכטן ריח.

און מיט אַ ווייכן טאָן:

— כ׳בעט דיך, מאַרישאַ, אפשר קענסטו ערגעץ אויסגעפינען אַ שפור פון אַ

ביסל טאַבאַק? כ׳וועל ממש משוגע. כ׳דאַרף אַביסל רויק. אַלץ איז דאָך אָוועק מיטן רויך. כאָטש אַ צוויי־דריי ציג. אויב נישט וועל איך אַ גאַנצע נאַכט מוזן אַרומשפּאַנען און זיך שלאָגן מיט די ווענט.

— וואַרט נאָר אַ מינוט! — איז מאַרישאַ אַרויסגעקומען פון הינטער דער פאַרהאַנג. — ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳האָב דאָ עפּעס אין אַ שאַכטל געזען דיין טאַטושעס אַן אַלטע ליולקע. ס׳איז זיכער פאַרבליבן אַ שפּרייעלע טאַבאַק.

מאַרישאַ האָט גענומען אַרומנישטערן.

— כ׳בעט דיך, מאַרישאַ, ווי אַזוי האָט זיך די מאַמושאַ געהאַלטן ווען די געשטאַפּאָווצעס?

מאַרישאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט יורעקן אָנגעקוקט אַ שוויי־גנדיקע.

— וואָס ענטפערסטו נישט, מאַרישאַ?

— זי האָט זיך איינגעבראָכן. כ׳הער נאָך איצט איר ספּאַזמאַטיש געוויין. כ׳בעט דיך, דערמאָן מיך נישט!

יורעק האָט מיט אַ צאַפּל אַראָפּגעשטעלט די פיס אויפן באָדן.

— זי האָט עפּעס געזאָגט?

— נישט געזאָגט נאָר געשריגן, אַז דער מאַיאָר ראַדעצקי האָט אייך גע־מסרט.

— מאַיאָר ראַדעצקי? כ׳האָב באַלד נישט געהאַט קיין חשד אויף קיין אַנדערן.

— יאָ, מאַיאָר ראַדעצקי.

— און מיין פאָטער?

— ער האָט עפּעס געזאָגט וואָס כ׳האָב נישט אַזוי גוט פאַרשטאַנען. כ׳בין ממש נישט געווען ביים קלאָרן פאַרשטאַנד. ס׳דאַכט זיך מיר, אַז ער האָט גע־זאָגט: מיר זענען שוין אויס לידאַ קאָרענסקיס ליאַלקעס. און נאָך עפּעס האָט ער געזאָגט, וואָס כ׳געדענק נישט. אָט האָב איך געפונען די ליולקע! ס׳איז טאַ־קע פאַראַן אַ שפּרייעלע פאַרהאַרטעוועטער טאַבאַק.

יורעק האָט מיט אַ ווילדער באַוועגונג אַ כאַפּ געטאָן זיין פאָטערס ליולקע, אַריינגעגאַנגען אין דער קיך, געוואָרפן אַ לאַנג־דויערנדיקן בליק אויף דבורהן, פאַררייכערט די ליולקע און זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויף דער שלאָף־באַנק. בעת דאָס ערשטע וואָלקנדל האָט אַ שוועב געטאָן איבער זיין קאָפּ, האָט ער זיך ווידער אַ ווילדן הייב געטאָן און זיך אַרומגעקוקט. זיין בליק איז געפאַלן אויפן בילד פון דער „הייליקער מוטער״. ער איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען און האָט אַראָפּ־גענומען דאָס בילד פון דער וואַנט. ער האָט עס איבערגעדרייט אויף דער לינ־קער זייט און געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער.

גראָד דעמאָלט איז מאַרישאַ אַרויסגעקומען און דערבליקנדיק וואָס יורעק האַלט אין די הענט, האָט זי אַ פאַרצאַפּלטע געפרעגט:

— וואָס האָסטו עפּעס? יעזוס קאָכאַני! דאָס הייליקע בילד?!

יורעק האָט זיך אַראָפּגעזעצט מיטן בילד אויף די קניען.

— האָרך זיך איין, מאַרישאַ! איך וועל דיך בעטן, אַז דו זאָלסט מיר דער־לויבן דאָ צו עפענען די טאָוול פון בילד. כ׳וויל דאָ פאַרבאַהאַלטן אַ צעטעלע מיט אַן אויפשריפט: איך שווער סוף חודש מאַי פון יאָר 1943, נקמה צו נעמען אין מאַיאָר ראַדעצקי. ס׳קען זיין אַז די אונטערערדלער וועלן אים מכבד זיין מיט אַ פּאַרציע בליי, אָבער אויב ס׳געלינגט זיי נישט אים אַראָפּצולייגן, וועל איך דאָס מיט גאָטס הילף מאַכן נאָך דער באַפרייונג.

— און אַן צעטעלע וועסטו דען פאַרגעסן? זאָל דיך נאָר גאָט לאָזן לעבן!

— פאַרגעסן וועל איך נישט, — האָט יורעק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — אָבער כ׳בין נישט זיכער צי כ׳וועל דעמאָלט פאַרמאָגן די איצטיקע געוואָגטקייט און אומדערשראָקנקייט. ס׳קען אַמאָל זיין אַז נאָך אַקטן פון העלדישקייט, ווערט דער מענטש גאָר אַ פּחדן און קען זיך אַפילו איבערשרעקן פון אַ פליג אויף דער נאָז. אָבער דאָס צעטעלע וועט מיך צווינגען.

— האָסטו שוין נישט קיין אַנדער באַהעלטעניש ווי גראָד...

— מ׳קען דאָך, מאַרישאַ, ביי דיר אַמאָל מאַכן אַ רעוויזיע. וועמען וועט איינפאַלן צו באַרירן און צו זוכן הינטער דעם טאָוול פון דעם בילד?

— אַ ניין, יורעק! — האָט מאַרישאַ פרום פאַרבראָכן די הענט. — דו קענסט דיר דאָ אַליין נעמען און פאַרקויפן. כ׳וועל דיר אומקערן דאָס גאַנצע געלט וואָס איז מיר פאַרבליבן פון דיין היים, אָבער דאָס בילד פון דער הייליקער מוטער? זאָל דיך גאָט אָפּהיטן! דאָ גראָד גייסטו אַריינלייגן אַ נקמה־שריפט קעגן אַ קריסט? מ׳טאָר נישט! דער גלח וואָלט מיר דאָס קיינמאָל נישט מוחל געווען. אַפילו אַ קריסט טאָר דאָס נישט מאַכן. אָבער נאָך ווייניקער דו, יורעק. דיינע עלטערן זענען דאָך געווען ייִדישע.

— און די הייליקע מוטער איז דען נישט קיין ייִדישע? און יעזוס גופא איז דען עפּעס אַנדערש ווי אַ ייִד פון נצרת, וואָס האָט נישט מער געוואָלט זיין ווי אַ הומאַניטאַרער מענטש, אָבער דער פאַנאַטיזם האָט אים בכוונה געמאַכט פאַר אויס מענטש, בכדי פון אים צו קענען מאַכן אַ גאָט פון נקמה.

— כ׳ווייס נישט, — האָט מאַרישאַ פאַרצווייפלט געפליסטערט. — דער גלח האָט מיר וועגן דעם קיינמאָל נישט דערציילט. כ׳בעט דיך, הענג צוריק אויף דאָס בילד! ס׳קען נאָך חלילה קומען אַן אומגליק אויף מיין הויז, — האָט זי זיך געוואָרפן פאַר שרעק. — לאָז, וועל איך דיר מאַכן דאָס געלעגער אויף דער שלאָף־באַנק! כ׳וועל באַלד אַריינגיין איבערוועקן די פאַניענקע. כ׳וועל זי אַרומ־

וואַשן און איבערטאָן, אַרײנלײגן אין צווײטן בעט, אפשר וואָלסטו מיר בעסער געלאָזט אויף דער שלאָף־באַנק און דו וואָלסט דיך געלײגט אין בעט?

— אַ דאַנק, מאַרישאַ! — האָט יורעק צוריק אויפגעהאַנגען דאָס בילד. — כ׳בעט דיך, וועק דבורהן נישט איבער! כ׳וועל ביי איר וואַכן אַ גאַנצע נאַכט. זאָל זי רוען! מיר דאַרפן איצט אָנהײבן אויפסניי. מיר גײען אין די וועלדער.

— אין די וועלדער? — האָט מאַרישאַ אויפגעציטערט.

— יאָ, אין די וועלדער, — האָט זיך יורעק ווידער אַנידערגעוואָרפן אויף דער שלאָף־באַנק און נערוועז גענומען סמאָטשקען זײן פאָטערס אויסגעלאָשענער ליולקע. — אין די וועלדער צווישן הימל און ערד.

דאָ האָט דער הונט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוואַי.

מאַרישאַ האָט זיך פאַר שרעק איבערגעצלמט.

דאָס נאָפט־לעמפל האָט שדיממעסיק אַרויסגעשטעקט אַ פײערדיקע צונג און זיך פאַרלאָשן, איבערלאָזנדיק אין דער לופטן אַ שלעכטן ריח און אַ דין רויכל, וואָס האָט זיך געקנוילט איבערן גלעזל ווי אַ פאַרפּלאָנטערטער שוואַרצער פאָדעם.

פון דער גאַס האָט זיך דערטראָגן אַן אָפּקלאַנג פון מוזיק...

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

דער קאַשמאַר

נאָך איבער אַ חודש וואַכזאַמע נעכט, שוועבנדיק צווישן לעבן און טויט, איז דבורה איינגעשלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף. זי איז שוין איצט געלעגן אין מאָ־רישאָט אַ פריש־איבערגעצויגן בעט, אויסגעבאָדן ווי אַ ניי־געבוירענע און האָט געטראָגן ליובאַ קאָכאַנאָווסקאַס פּיזשאַמע. בעת זי האָט דערפילט דעם איבער־גאַנג פון דער האַרטער צעמענטענער פּאָדלאָגע צו אַ ווייך־פּוכיק געלעגער, האָט זי זיך תחילת איבערגעוועקט, געוואָרפן אַ שרייענדיקן בליק צו די פרעמדע קע־לער־ווענט, אַרויסגעלאָזט אַ שווערן לאַנג־דויערנדיקן זיפץ און גלייך צוריק איינ־געשלאָפן. אָבער אין שלאָף האָט זי מיט אַלע אירע חושים דערפילט, אַז זי האָט זיך גאָר אויפגעכאַפּט פון בעט און איז צוריקגעגאַנגען נאָך אַמאָל איבערלעבן איר נאָענטע פאַרגאַנגענהייט.

***

דער זאַקסישער גאָרטן אין אַ יולי־אָוונט שטייט איר אַזוי בולט פאַר די אויגן, אַז זי הערט ממש דעם גערויש און געשאָרך פון די ביימער, דעם ציטער פון גראָז, דעם ריח פון בלומען, דאָס געלעכטער און געזאַנג פון אַ לעבנס־לוס־טיקער יוגנט.

זי זיצט אויף אַ באַנק מיט איר קוזינקע העלענקאַ. זיי שמועסן שטילינ־קערהייט וועגן אָטאָ ווייניקערס בוך „געשלעכט און כאַראַקטער". פּלוצלינג פאַלט אויף איר קלייד אַרויף אַ רויז. אַ שלאַנקער, בלאָנדער בחור שטייט פאַר זייער באַנק אַ צעשמייכלטער.

— איצט זענט איר דריי רויזן.

זיי טוליען זיך איינע צו דער צווייטער פאַר געלעכטער. מיטאַמאָל באַפאַלט זיי עפּעס אַ מורא צו פאַרבלייבן אין די טונקל־געוואָרענע אַלייען. זיי כאַפּן זיך אויף, לויפן אַרויס פון גאָרטן, וואַרפן אַ בליק אויפן יונגנמאַן, וועלכער שטייט נאָך אַלץ אַ פאַרגאַפטער.

***

אין לאָקאַל פון „השומר הצעיר". דער זעלבער יונגערמאַן זיצט ביים פרע־

זידיום־טיש אין אַ ברוינער סאַמעטענער מאַרינאַרקע. אַ ווײַסער סלאָוואַצקי־קאָל־נער פֿון אַ ריפּסן העמד וויקלט זיך אַרום זײַן האַלדז. איבער זײַן הויך־אויפגע־טורעמטן גאָלד־בלאָנדן קאָפּ האָר — יוסף טרומפּעלדאָרס פּאָרטרעט. דער פּאָר־זיצער־שטעלט אים פֿאָר ווי אַ סטודענט פֿון דעם פּאַריזער פֿאַקולטעט אין ליטע־ראַטור. ער וועט רעפערירן אויף דער טעמע: „באַלזאַק און זײַן אומבאַקאַנט ווערק״, וואָס געפינט זיך אין באַנד 14 פֿון „די מענטשלעכע קאָמעדיע״. עס ווערט שטיל און שטילער.

— איצט גיב איך איבער דאָס וואָרט אונדזער חבר דוד ראָזענבלום.

ער רעדט עלעגאַנט. צײַטנווײַז פּלאָנטערט ער זיך, קוקט צו־אָפּט אויפן האַנט־זייגערל. דאָס רופט אַרויס אַ צוריקגעהאַלטן געלעכטער. אָבער די יוגנט זיצט און נאָטירט די ווערק וואָס ער דערמאָנט: „די פידל־לעקציע״ פֿון האָפמאַן; די ווערק פֿון סטעפֿאַן צווייג; באַלזאַקס הויפּט־העלד פֿון זײַן „אומבאַקאַנט מײַס־טער־ווערק״ איז נישט קיין אַנדערער ווי דער גרויסער פראַנצויזישער פּייזאַ־זשיסט סעזאַן; באַלזאַק איז דער סינטעז צווישן רעאַליזם און אידעאַליזם. די וואָס לייענען פראַנצויזיש, בעט ער, זיך צו באַקענען מיט פּיער לאָבריעס ווערק איבער באַלזאַקן. דאָרט וועט איר געפינען, אַז „שיין״ הייסט ביי באַלזאַקן „אמת״. גרויסע וואַלאָרן הייסן ביי אים — די פּאַראייניקונג פֿון גוטסקייט און שיינ־קייט, — קלינגט זײַן שטימע איצט אין אירע אויערן.

נאָכן רעפעראַט. אַרום דוד ראָזענבלומען — אַ היפּש קרענצל יוגנטלעכע וואָס באַוואַרפן אים מיט כלערליי פראַגעס. ער רייסט זיך אָבער אַרויס פֿון גאַנצן געזעמל חברים און חברות און גייט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם איר אַקעגן.

— אַנטשולדיקט, חברה! כ׳האָב אייך דאָכט זיך באַקענט אין זאַקסישן גאָרטן.

— כאַ־כאַ־כאַ! אַ דאַנק פֿאַר דער רויז. און אַנטשולדיקט מיר, חבר ראָזענ־בלום, וואָס כ׳האָב אייך נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט. כ׳האָב אייך אַנגענומען פֿאַר אַ פּאָליאַק.

— פֿאַר אַ פּאָליאַק? כאַ־כאַ־כאַ! איך האָב ווידער געמיינט, אַז איר זענט אַ פּאָליאַטשקע. איצט בין איך שטאָלצער וואָס כ׳האָב צוגעוואָרפן אַ רויז אַ ייִדי־שע שיינקייט. קען איך אייך באַגלייטן?

— אויב ס׳איז אייך אָנגענעם.

***

אויף אַ באַל, וואָס האָט מיט אַ צעלאָזן דעלירישן געלעכטער, מוזיק און טאַנץ, אויפגענומען אַ ניי־יאָר.

פֿאַר אירע אויגן שוועבן איצט פֿאַרשיידנפֿאַרביקע באַלאָווע קליידער, וואָס עפּעס! און פֿאַרמאַכן זיך אין טאַנץ, ווי קאָלירטע פֿליגל.

— אָך וואָס פֿאַראַ איבעראַשונג! דבורה הערצבערג! איך אַנגאַזשיר אייך צום פֿאָקסטראָט!

זי שטעלט זיך אויף און שטרעקט אויס אירע אַנטבלויזטע הענט דעם צע־שמייכלטן דוד ראָזנבלום.

— ווי קומט איר נײַ־יאָר צו זײַן אין וואַרשע? איר האָט שוין געמאַכט אײַער דאָקטאָראַט?

— דאָקטאָראַט? איין קלייניקייט! ביז מײַן „סערטיפֿיקאַט ד׳עסטעטיק״ וועט ווערן אָנערקענט, וועלן נאָך אַפּפֿליסן אַ סאַך וואַסערן. כ׳בין געקומען אויף אַ חתונה פֿון מײַן עלטערע שוועסטער.

— מזל־טובֿ!

— אי״ה ביי אייך!

— כאַ־כאַ־כאַ! ביי מיר? כ׳האָב נאָך נישט אָפּגעפֿונען דעם העלד פֿון מײַן חלום.

— וואָס איז ער, אַ בלאָנדער צי אַ ברונעטער?

— אַ ברונעטער.

— וועל איך זיך באַדיי איבערפֿאַרבן. איר טאַנצט אַזוי גראַציעז ווי די שענ־סטע פֿאַריזערין. אפֿשר ווילט איר כאַפּן אַ פֿלירט אויף פֿראַנצויזיש?

— כ׳האָב מורא פֿאַר פֿעלערן.

— פֿאַר יעדן פֿעלער — אַ טאַנץ. מסכּים?

— כאַ־כאַ־כאַ! וועל איך דאָך מיט אייך מוזן טאַנצן אַ גאַנצע נאַכט.

דער טאַנץ האָט זיך פֿאַרענדיקט. דער אָפּקלאַנג פֿון דער טאַץ אויף דער פּויק וויברירט אין אירע אויערן. די קאַנדעלאַברעס מיט פּריזמעס ענלעך צו פֿינקלדיקע אײַז־ליכטלעך, הוידען זיך אין אירע אויגן. ער האַלט זי עלעגאַנט אונטערן אָרעם און פֿירט זי צום בופֿעט. זיי זיצן ביי אַ טישל. זײַנע אויגן זענען אײַנגעגעסן אין איר ביוסט וואָס איז האַלבלעך נאַקעט, האַלבלעך אײַנגעהילט אין סאַמעט פֿון אַ קעניגלעכן בלוי.

— איך בין גליקלעך וואָס כ׳האָב אייך דאָ געטראָפֿן! — האָט ער זיך האַלבלעך אויפֿגעשטעלט און גענומען איר האַנט צום קושן. — קעלנער, אַ פֿלאַש שאַמפּאַניער, שאַמפּאַניער! כ׳האָב ליב צו קוקן אויף די שוים. כאַ־כאַ! דאָס איז אַ סימבאָל. טייל מאָל בלײַבט פֿון אַ ליבע נישט מער איבער, ווי די שוים אויפֿן ראַנד פֿון גלאָז. דאָס מאָל, מאַדמואַזעל הערצבערג, וועט פֿון די שוים ווערן... כאַ־כאַ־כאַ!

— כאַ־כאַ־כאַ! וואָס מעטיע דאַוויד?

— דער טוי וואָס פאַלט אין פרימאָרגן אויף אַ ניי־דערוואַכטן פרילינגס־בוים. אייך קלייב איך אויס פאַר דער קעניגין פון באַל.

— ס'האָט מיר דאָס אָבער שוין געזאָגט אַ טענצער פאַר אייך, כאַ־כאַ!

— אויב אַזוי, זענט איר מנעמאָזינע.

— מנעמאָ־זינע? ווער איז דאָס? כ'דערמאָן זיך נישט.

— איר דערמאָנט זיך נישט? כאַ־כאַ־ גראָד איז דאָס די קעניגין פון זכרון.

כ'דערשיינט אַ פלאַש שאַמפּאַניער אין אַ געפלאָכטן קיישל, דער האַלדז איז פאַרבונדן מיט אַ רויט שלייפעלע. אַ הילכיקער שאָס, אַ קלינגענדיק געלעכטער און שוים. צוויי גלעזער צעקושן זיך מיט אַן אָפּקלאַנג.

— אויף אונדזער ליבע, מאַדמואַזעל!

— כאַ־כאַ־כאַ! איר לויפּט צו האַסטיק, מעסיע ראָזענבלום. אַ גוט יאָר! וואָס האָט איר געוואָלט זאָגן וועגן דער מנעמאָזינע?

— ווען אָדם הראשון איז פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן, האָט גאָט אויף אים שטאַרק רחמנות געהאַט. ער האָט צוגערופן די זכרון־קעניגין מנעמאָזינע און איר אַזוי געזאָגט: גיי אים נאָך, און ווען יסורים און פּיין וועלן אים מאַ־טערן, זאָלסטו אים טרייסטן מיט זכרונות וועגן זיין אַמאָליקן לעבן אין גן־עדן. און מנעמאָזינע איז אים נאָכגעגאַנגען און געוואָרן זיין טרייסטערין. איצט, מאַדמואַזעל הערצבערג, אַז איר ווייסט שוין, וועט איר מיר מוזן נאָכגיין און מיך טרייסטן, כאַ־כאַ!

— כאַ־כאַ־כאַ!

אַ שליטנדל גליטשט זיך איבער די וואַרשעווער שטילע, נאַכטיש־באַלעבטע גאַסן. גלעקעלעך אויפן האַלדז פון אַ פערד שפּילן אַריין אינעם פרימאָרגן וואָס איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען, נאָר שוועבט ווי אַ ווינטער־חלום צווישן נאַכט און טאָג.

דוד ראָזענבלום וואַקלט זיך אַ האַלב־שיכורער, טוליעט זי צו זיך, קושט אירע בלאָנדע צעפּ, לאַכט אַ גליקלעכער, נעמט זינגען פרעכע פראַנצויזישע קאַ־באַרעטן־לידלעך, פלעכט אַריין פויליש און רוסיש.

אין טויער שטייענדיק, ווערגט ער זיך מיט אירע הענט זיין האַלדז.

— ס'איז מיר אַ שאָד צוריקצופאָרן קיין פּאַריז און אייך פאַרלאָזן. צוליב אייך, וואָלט איך געוועזן אימשטאַנד צו צעברעכן מיין קאַריערע.

— כאַ־כאַ־כאַ; איר פאַרט זע איך זומער אויך מיט אַ שליטן. איר גליטשט זיך אַזוי גיך. איר קענט נאָך פאַלן. אַ רעוווּאַר, מעסיע דאַווידו!

— אַ רעוווּאַר, מנעמאָזינע! ווען באַקום איך פון אייך אַ טרייסט?

— מיר וועלן זיך מאָרגן טרעפן אין לאָקאַל פון „השומר הצעיר”. שלום!

**
*

ביים ים.

אַ שטורעם בושעוועט. צעפּלאָשעטע שרייענדיקע כוואַליעס הויבן זיך אויף ווי זילבערנע בערג באַגאָסן מיט גאָלד און צעפּאַלן זיך, איבערלאָזנדיק זייער אָרט פּאָר אַנדערע כוואַליעס וואָס טורעמען זיך אַ רגע אויף ווי בלוי־גרויע גע־קאַרבטע סקאַלעס און צעקרישלען זיך מיט אַ וואַסער־געריוש. די ים־ברעגעס זענען אַרומגעזוימט מיט אַ שאַמפּאַניער־קאָליריקער שוים. דוד קומט אַרויס פון ים אין אַ טונקל־גראַנאַטענעם באָד־קאָסטיום. ער דערשיינט ווי אַ בוים אונטער אַ שלאַקס רעגן. ער זעצט זיך אַ לאַכנדיקער ביי איר אַוועק. אַ ציטערדיקער פאַלט ער צו איר צו און ציט אין זיך אַריין די וואַרעמקייט פון איר קערפּער וואָס איז אָפּגעברענט פון דער זון. די אַרומיקע דייטש־פּוילישע לאַנדשאַפט, אַ האַרמאָנישער צונויפגוס פון וואַלד, הייזקעס און אין דער מיט אַ וואַסער־שפּיגל, איז באַגאָסן מיט פאַרבנרייכע שקיעה־פלאַמען. דאָ ברענט אַ שטיק וואַלד; דאָרט דאַכט זיך, רויכערט אַ כאַטקע מיט אַ קאָלירטן רויך וואָס בילדעט אַ נעפּל פון בלוי־רויטע און גרין־פיאָלעטע וואָלקנס, וואָס הילן איין, ווי מיט אַ דורכזיכטיקער פאַרהאַנג די גאָלדענע צלמים און טורעמלעך פון אַ פּערלמוטער־קאָליריקער קירכע, איבער וועמענס דעכער ס׳קרייזט אַ טשאַטע טויבן, אַ לאַנגע שנור פון פייגל.

— מיר גייען היינט טאַנצן, דאַרקאַ?

— פאַרוואָס נישט?

— גוט, וועל איך דיך לערנען אַ נייעם טאַנץ, רומבאַ הייסט ער.

— רומבאַ?

— יאָ, רומבאַ. ס׳איז אַ משוגענער טאַנץ, אָבער זייער אַ פריילעכער. איך האָב אים אויסגעלערנט אויפן אַלטן מאָנטמאַרטר אין פּאַריז. כ׳שטרעב נאָך אַלץ מיט דיר אַביסל צו פאַרברענגען אין פּאַריז. דו וואָלסט זיכער געוועזן באַ־צויבערט, ווען דיינע עלטערן וואָלטן דיר דערלויבט. נאָך די וואַקאַציעס, וועלן מיר זיך ווידער מוזן שיידן אויף אַ יאָר צייט. ס׳וועט זיך איצט מער בענקען ווי אין די ערשטע צוויי יאָר פון אונדזער באַקאַנטשאַפט. אָבער איך פאַרהאָף אַז איבעראַיאָר, קום איך שוין אַהיים מיט אַ דאָקטאָראַט אין טאַש.

אַ געלויף. די צייטונגס־פאַרקויפער זענען באַלאַגערט פון אַ גערדיכטן המון. דוד שפּרינגט אויף און כאַפּט אַ צייטונג. ער זעצט זיך צוריק אַוועק אַן אויסגע־בלייכטער. ער נעמט איר רעכטע האַנט און לייגט זי צו צום האַרצן. ער רעדט אַרויס איין וואָרט: מאָביליזאַציע.

**
*

זי זיצט מיט אים אין אַ לאָזשע. ער טראָגט אַ נייעם אָנצוג, וואָס קליידט

אים אַזוי ווונדערבאַר. זי קען זיך ממש נישט זאַט אָנקוקן אויף דעם פּיינעם ענגלישן שטאָף. אַן אָרקעסטער פון זעכציק מאַן שפּילט בעטהאָווענס 9־טע סימ־פאָניע. אין קאָנצערט־זאַל איז אַזוי שטיל, אַז מ׳הערט ממש דאָס איינעטעמען און דאָס אויסאָטעמען פון די וואַרשעווער מעלאָמאַנען. ס׳איז איר אַזוי זעלטן גוט אויף דער נשמה, כאָטש נעם און פלי אַוועק אין די רוימען מיט דעם מענער־האַרץ וואָס איז איר באַשערט. זי גלעט און גלעט אַן אויפהער דעם אַרבל פון זיין מאַרינאַרקע. אָבער כהרף־עין איז דער העל־גראַנאַטענער שטאָף פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ גרוי פון אַ מיליטערישן מונדיר. ער איז זיך געקומען געזעגענען. זיין יאָרגאַנג איז גערופן געוואָרן. מ׳האָט דאָס מאָל נישט גענומען צו קענטעניש זיין שטודיום אין אויסלאַנד. דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַר.

זי באַגלייט אים צום באַן־הויף. זי דערלאַנגט אים אַ פּעקעלע עסנוואַרג און אַ בוקעטל בלומען: „פאַרגעס מיך נישט". מאַמעס און כלות וויינען אויפן פּעראָן. זי שטייט און קוקט נאָך דעם אָפּפאָרנדיקן צוג. זי לייענט ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן זיינע בריוו. זי נומערירט זיי ווי אַ באַנד ליבע־פּאָעמעס.

און בעת זי זעט אים צוריק אַ געזונטן און אַ מוטיקן, איז דער געטאָ שוין אַרומגעצוימט. זי באַוויינט נאָר זיין אַנטלויפן פון קריגס־געפאַנגנשאַפט.

— ביסט צופרידן, דאַרקאַ, וואָס כ׳בין געקומען?

— ניין...

— ווייל דו ליבסט מיך נישט מער?

— ווייל כ׳ליב דיך שטאַרק.

ער קושט זי מיט טרערן אין די אויגן.

***

די געטאָ־גאַסן זענען אָפּגעליידיקט, ווי אַלע אייַנוווינער וואָלטן אין דעם פרימאָרגן זיך פאַרנורעט אין לעכער. אין טויזנטער שויבן פון יידישע הייזער צייכענען זיך שאָטנס פון מענטשישע קעפּ מיט אויפגעריסענע אויגן. ס׳איז אַ היפּשע ווײלע אַזוי שטיל, גלייך ווי דער יידישער בית־עולם וואָלט ווי בעת אַ פאַרפלייצונג, אַוועקגעשענקט דאָס מענטשישע קול, געררויש און גאַנג. אַ קאַל־טער שטורעם־ווינט נעמט מיטאַמאָל פייפן, ברומען, הודזשען, ברעכן טירן און לאָדנס. פּאָליציייִשע פייפלעך נעמען זשומען, באַטויבן די לופט וואָס איז אָנ־געפּילט מיט אימת־המוות און באַדעקט מיט אַ בלייערנעם, אומברחמנותדיקן הימל, וואָס וואַרפט נישט קיין איינאיינציקן שטראַל צו דער געטאָ־ערד. אַ מחנה דייטשע וועלף־הינט צעבילן זיך. זייער געהאַווקע הילכט אַרויס ווי פון אַן אויס־געהוילטקייט, פון וועלכער מ׳האָט אויסגעשניטן דאָס לעצטע גרעזעלע פון שפּראָ־צונג. ס׳הערן זיך שווערע מענער־טריט, אַ געפּויק פון פרויען־קלעצלעך און צאַפּל־

דיקע טריטלעך פון קינדער־שיכלעך. ס׳גרינצלען און סקריטשען אין די ברוק־שטיינער — דייטשע מיליטערישע שטיוול. ס׳דערנענטערט זיך אַ גערויש פון אַ לוקסוס־אויטאָמאָביל, באַזעצט מיט נאַציִשע באַפעל־געבערס. ס׳פאָרן אונטער לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט יִדישער און פוילישער פּאָליציי. דער גערויש פון די אויטאָמאָבילן דערמאָנט אין די דייטשע לופט־מאַשינען וואָס האָבן ביים מלחמה־אויסברוך אַראָפּגעוואָרפן פאַרניכטונגס־מכשירים, אונטערגעצונדן הייזער און אויסגעבערענט טויזנטער לעבנס.

ס׳באַוויזט זיך אַן אומענדלעך־לאַנגער מענטשן־צוג, וואָס ציט זיך פון פּערעסאָווסקי־פּלאַץ. ס׳האָרבען זיך פּעק און פּעקלעך אויף אַראָפּגעזונקענע פּלייצעס. ס׳שפּאַנען יִדן מיט לאַנגע און קורצע בערד; יִדן אָן בערד, מיט אַ האָריקן מעך אַרום די ברודיקע, אויסגעמאָרעטע פּנימער. יִדן מיט צוויי שטעקנס אין די הענט; אַנדערע אויף קוליעס. חסידישע בחורים מיט צעפלויגענע פּאות און צעפלאַטערטע האַלדז־טיכלעך. יונגעלייט אין ספּאָרט־היטלעך, אין גראַנאַטענע פּוילישע מאַטשעיוווקעס מיט לאַקירטע דאַשעקעס, אין צעקנוידערטע קאַפּעליושן. חדר־יִנגלעך, שול־יִנגלעך, דערוואַקסענע יִנגלעך, טייל זענען נאָך צוגעהעקלט צו אַ פּאָטערלעכער אָדער צו אַ מוטערלעכער האַנט; טייל שפּאַנען שוין אַליין, ווי זיי וואָלטן אויסער דעם טויט, קיינעמען נישט געהאַט אויף דער וועלט.

ס׳שפּאַנען זקנות אין קופּקעס, די אַלטע ביינער איינגעהילט אין פּאַטשיילעס, ווייבער אין שייטלען, פרויען אין געלאָקטע און געקאַרבטע האָר, מיידלעך מיט שוואַרצע, בלאָנדע און גאָלדענע צעפּ; קורץ־פאַרשוירענע מיידלעך; שילערינס מיט טעקעס אין די הענט; קינדער מיט ליאַלקעס אין די אָרעמס. ס׳ווייגען עופּהלעך אַרויס פון קישעלעך, פון פּעקלעך שמאַטעס, פון אָנגעפּאַקטע רוקזעק.

ס׳טיילט זיך פון דער מאַסע אויס אַ יִד, אַ הדרת פּנים, מיט אַ געדיכטער ווייסער באָרד, ווייסע האָר, ווייסע געדיכטע ברעמען, לאַנגע ווייסע פּיאות. ער גייט אָנגעלענט אויף אַ שטעקן און קוקט זיך אַרום מיט אַ פּאָר גרויסע רחמים־פולע אויגן, פון וועלכע ס׳קוקט אַרויס דער וועלט־טרויער און דער אומזין פון לעבן... יִדן דערקענען אין אים דעם רעליגיעזן פילאָסאָף, וועמענס מוח האָט ווי אַ שוואָם געהאַט איינגעזאַפּט די גרונט־פּרינציפּן פון דער וועלט־פילאָסאָפיע. ער האָט אַ לעבן־לאַנג געקלעטערט אויף די בערג פון פּלאַטאָן, אַריסטו, סאָקראַטעס, אַרויפגעכאַפּט זיך צו די סאַמע העכסטע לייכט־טורעמס פון די דייטשע פילאָסאָפן און יִדישע מיסטיקער פון אַלע צייטן. איצט שפּאַנט ער מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, גלייך ווי ער וואָלט מיט יעדן טראָט אַראָפּגעזונקען טיפער און טיפער אין אַ פינצטערע הייל, באַוווינט פון מענטשן־פרעסערס וואָס לויערן נאָר בלויז אויף זיין הויט־און ביינערדיקן גוף...

אין דער צווייטער ריי, נאָך דעם הדרת־פּנימדיקן זקן, שפּאַנט אַ שטאָלצער

אימפּאָזאַנטער מאַן. ער האָלט זײַן קאָפּ אױפגעהױבן פּיל העכער װי זײַן װוקס. ער טראָגט צװײ קינדער, אַ ייִנגעלע און אַ מײדעלע, אין בײדע אָרעמס. די קינדער װאָס זענען דערצױגן געװאָרן אין דעם זעלבן יתומים־הױז שפּילן זיך דערװײל אױף די אָרעמס פון זײער דערציִער. דאָס ייִנגעלע װאָס האַלט אין די הענט אַ גומי־פערדל, דערלאַנגט עס אין גאַנג דעם מײדעלע. אַ פאַרצאַפּלטע פאַר פרײד נעמט דאָס מײדעלע קװעטשן דעם פערדלס בױך. דאָס פערדל נעמט קװיטשען, הירזשען װי אַ יונג לאָשעקל, און דאָס מײדעלע לאַכט אױף הילכיק און קלינגענדיק מיט אַ לױטער, אומשולדיק קינדעריש געלעכטערל. זי דערלאַנגט דעם ייִנגעלע איר ליאַלקע װאָס דרײט מיט די אױגן אַהין און צוריק בעת מען באַרירט אַ שרײפּעלע. דאָס ייִנגעלע קװעלט, שפּילט מיט אַ דין־סטרוניק שטימעלע, רופט די ליאַלקע „מאַניושקאַ" און דערלאַנגט איר אין פּיסקעלע אַרײַן אַ קרישקעלע פון אַ קיכעלע װאָס מ'האָט אים מיטגעגעבן אין װעג אַרײַן...

הינטער דעם דערציִער מיט די צװײ קינדער אױף די הענט, ציט נאָך אַ לאַנגע שורה קינדערלעך אָנגעטאָן אין די שענסטע מלבושימלעך, מיט פּעקלעך אױף די יונגע אַקסלען, אַקוראַט װי זײ װאָלטן אַפּגעפאָרן אױף זומער־װױנונג...

װי נאָר דער צוג האָט גערירט פון פּלאַץ־פּעריסאָװסקי, זענען פון ערגעץ־װוּ אָנגעפלױגן צװײ טױבן און האָבן זיך געשטעלט אױף דעם דערציִערס אַקסלען. די קינדער האָבן אױפגעצאַפּלט פאַר פרײד און זיך גענומען שפּילן און רעדן צו די טױבן. די װאַכמײסטערס װאָס האָבן באַװאַכט די קינדער־רײ, האָבן מיט רציחה גענומען יאָגן די טױבן פונעם דערציִערס אַקסלען. די טױבן זענען אַװעקגעפלױגן און צוריקגעקומען, אַװעקגעפלאַטערט און צוריקגעפלױגן... און אַפילו בעת אַ װאַכמײסטער האָט אײן טױב נאָכגעשאָסן, איז אָנגעקומען אַ צװײטע... לסוף איז די װאַכמײסטערס נמאס געװאָרן דאָס אַרומיאָגן זיך מיט די טױבן... זײ האָבן די טױבן שױן דערלױבט צו שװעבן מיט אַ געװאָרקע, איבער דעם דערציִערס אַקסלען... אין גאַנג האָט זיך אײן טױב אַװעקגעשטעלט אױפן פעדאַגאָגס קאָפּ, צעשפּרײט די פליגל, געגומען פּעכערן, אַרױפפליִען העכער איבער די קעפּ פון דער אַראָפּגעזונקענער עדה ייִדן, אַ שװעב געטאָן איבער דער גאַנצער לענג פון מענטשן־צוג און צוריקגעקומען צום דערציִער...

פון דער רײ אַרױס האָט זיך דערטראָגן אַ געברום פון אַן אײַנגעבראָכן קול:

— לבי יחיל בקרבי ואימות מות נפלו עלי — — — —

***

נאָכן טונעל־איבערגאַנג פון דער „אַרישער זײַט" אין געטאָ.

בײַם אַראָפּלײגן זיך אַ מידע, אַן אױסגעשעפּטע אױפן שטרױזאַק פון איר בונקערל, טױכט אױף די ליכטיקע, מוזײִשע װױנונג פון די קאַכאַנאָװסקיס...

אין דער רייכער ווינונג שניידט זיך אַריין אַ פינצטערער, מוראדיקער טונעל... פלוצלינג ווערט דער חושכדיקער, אומבאַלעבטער טונעל, פאַרוואַנדלט אין ליכ־טיקע, באַוועגלעכע, צערוישטע גאַסן און פלעצער פון דער „אַרישער זייט”. זי „שפּאַצירט” מיט יורעקן אַ לאַכנדיקע, אַ צופרידענע, אַן עלעגאַנטע ווי איינע פון די גליקלעכסטע פרויען אין דער וועלט... אַ קעלער מיט פוילישע און ייִדישע אונטערערדלער. אַ געפּאַלסטערטע נאַפּט־לאָמפּ אויף אַ טישל. מ׳דרוקט אויפרופן. אַ וויכוח וועגן אויפשטאַנד... דאָרט — פוילישע קעגנערס; אין געטאָ — ייִדישע קעגנערס... צוריקוועגס באַפאַלט אַ „שמאַלצאָווניק”. אַ שיין ברונעט ייִדיש מיידל, וואָס שפּילט פאַר דער גאַס אויסגעצייכנט אַ „פּראָסטיטוטקע”, באַנוצט זיך מיט די סאַמע אויסגעלאַסנסטע ווערטער, קללות, גיט אַ שפּיי און פלאָנטערט זיך געשיקט אַרויס פונעם צוזאַמענגעלאָפענעם המון... ביים טויער פון אַ פוילישער שולע, באַפאַלן אַ גרופּע פוילישע שילער אַן איבערגעשראָקן ייִדיש ייִנגל, וואָס ווערט אויף פאַלשע פּאַפּירן דערצויגן ביי אַ פּאָליאַטשקע. די פוילישע שילער שרייען אַז דאָס ייִנגעלע האָט זיך אַליין געמסרט... ער האָט אויף זיין קאַיעט אויפגעשריבן זיין אמתדיקן ייִדישן נאָמען... די פוילישע „מוטער” שווערט זיך אַז ס׳איז איר קינד... ס׳ווערט אַ צוזאַמענלויף. ס׳קומען פוילישע פּאָליציי וואָס פירן אַוועק די פוילישע פרוי מיטן ייִדישן ייִנגעלע. אַ רגע זעט זי זיך אין שפּיגל ווי אַ פאַרבנרייכע „בלומען־פאַרקויפערין”; אין אַ ווייַלע אַרום — אין די געטאָ־מלבושים. אָט ליגט זי אויף אַ ריין ציכטיק ווייך געלעגער ביי די קאָכאַנאָווסקיס; אָט ווידער — אויפן בונקער־שטרויזאַק. זי שפּילט זיך פאַרטראַכטערהייט מיט אַ רויז וואָס איז איר פאַרבליבן פון דער „אַרישער זייט”.

דוד קומט אַריין אַ צעשמייכלטער... ער קושט ווידעראַמאָל אירע ליפּן און אירע אויגן.

— נאַ, דוד, — דערלאַנגט זי אים אַ פאַרחלומטע די רויז — ערשט איצט גיב איך דיר אָפּ די רויז וואָס דו האָסט מיר אַמאָל צוגעוואָרפן אין זאַקסישן גאָרטן...

ער שטייט מיט דער רויז אין האַנט ווי פאַרשטיינערט.

— אין זאַקסישן גאָרטן?... יאָ!... — שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ און אויף זיינע ליפּן באַווייזט זיך אַן אויסגעקרומטער שמייכל. — כ׳בין אַזוי גליקלעך וואָס כ׳זע דיך צוריק אַ גאַנצע... — האָט ער זיך האַסטיק אַ וואָרף געטאָן פאַר איר שטרויזאַק און פאַר ליבשאַפט גענומען בייסן אירע פינגער. — מ׳ברענגט געוועו׳ דורך אַלע אונטערערדישע וועגן און עס איז אַלץ ווייניק... מ׳וועט דיך וואַרשיינלעך שיקן נאָכאַמאָל... איך פיל נאָך איצט דיין שרעק... מיין האַרץ האָט דאָ אַ רגע נישט אויפגעהערט צו צאַפּלען... געציילטע טעג, געציילטע שעהן און רגעס... אָבער כ׳זע דיך ווידער צווישן אונדז. פאַרוואָס זע איך אין דיינע אויגן,

דבורה, אַזאַ טיפן אומעט?... דו קומסט מיר עפּעס פאָר ווי באַהערשט פון אַ גאַנץ אַנדער געפיל...

זי האָט פאַרוואָרפן איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און האָט וויינענדיק געזאָגט:

— ס׳ווילט זיך לעבן, דוד, ס׳ווילט זיך שטאַרק לעבן...

ער האָט אַ טיפן ציטער געטאָן.

— יאָ, יאָ... ס׳ווילט זיך לעבן... אָבער...

— אויף דער „אַרישער זייט״, דוד, לעבן מענטשן אין מלינות... זיי קוקן דורך געהיימע פענצטערלעך אַרויס צו דער גרויסער ברייטער וועלט... זיי לעבן ווי מוראַשקעס, אָבער זיי האָבן בעסערע אויסזיכטן ווי מיר דאָ — איבערצולעבן... כ׳שטיי פאַר אַ נסיון...

— פאַר אַ נסיון? מיר אַלע שטייען דאָך פאַר אַ היסטאָרישן נסיון...

— כ׳מיין איצט נישט דעם אויפשטאַנד... ס׳האָט מיר ווער פאַרגעלייגט אַ מלינה אויף דער אַרישער זייט...

— ווער? — איז דוד אויפגעשפּרונגען.

— יורעק.

— יורעק? ער האָט זיך פאַרליבט?

— כ׳ווייס נישט... אפשר...

— איצט, אין אַזאַ צייט?...

— ווייניק ליבעס זענען פאַראַן אין געטאָ גופא. דו אַליין האָסט דאָך מיר עפּעס דערציילט.

— יאָ, דבורה. — האָט דוד געהויבן מיט די אַקסלען. — בכדי תופס צו זיין דאָס היינטיקע לעבן דאַרף מען אַנדערע פינף חושים וואָס זאָלן אַלצדינג דערזען, דערהערן און באַנעמען פיל שאַרפער, טיפער און קאָסמישער ווי אין אַ נאָרמאַלער צייט. אייגנטלעך וואָס הייסט איצט ליבע צו אַ פרוי? אַלץ האָט דאָך באַקומען אַן אַנדערן באַטייט. ליבע הייסט דאָך איצט טראָגן אין זיך נאָך אַ טויט־שרעק פאַר אַ לעבן. איך טראָג דאָך אין זיך אַ טויט־שרעק פאַר דיין לעבן. קען מיר יורעק, הייסט עס, דאָס נישט פאַרגינען.

— האָבן מיר דען נישט, דוד, קיין רעכט זיך צו זען צווישן די אָפּגעראַטעוועטע?

דוד האָט זיך פאַרטראַכט.

— יאָ, דבורה, יעדער האָט אַזאַ רעכט און יעדער זעט זיך געוויס צווישן די ניצול־געוואָרענע. דאָס קען אַמאָל זיין די טרייב־קראַפט. אָבער, אַזאַ אַקטיווער אונטערערדלער ווי יורעק טאָר קיין קאָמפּעריץ נישט רייצן מיט אַן אַנדערן שטייגער לעבן. ער האָט פאַרדינט... — ער האָט פאַרדינט... — האָט זיך דוד אויפ־

געכאַפּט און גענומען שפּאַנען מיט אַ ווילדן טראָט. — ס׳קען זיין אַז ער האָט געמיינט אַז דו וועסט אים פּאַר פאַרצווייפלונג אויך ענטפּערן.

— שווייג! בייס דיר בעסער אָפּ די צונג! אין דיין אייפערזוכט זע איך, אַז מ׳קען זיך אַפילו היינט אויך פאַרליבן מיט דעם זעלבן געפיל ווי אין אַ נאַר־מאַלער צייט. אָבער כ׳וועל דיך נישט מאַטערן. כ׳האָב אַנטשלאָסן אָפּגעוואָרפן זיין פאָרשלאָג. ס׳איז מיר נישט קלאָר, צו וואָס איך האָב דיר דאָס בכלל דער־ציילט. דו האָסט מיך באַליידיקט. בעט מיך איבער! אייל נישט אַוועק! קום אַהער און נעם מיך אַרום! אַ רגע איז אויך גענוג. ס׳ווילט זיך מיר עפּעס וויינען. ס׳באַשלאָגט מיך אַ היץ. ברענג מיר אַביסל קאַלט וואַסער.

דוד קניט אַנידער און קושט אירע הענט. אין די קאָרידאָרן שלייכן זיך מענטשן אַהין און צוריק. צוויי פרויען קריגן זיך. אַ קינד וויינט.

ס׳עפנט ווער די בונקער־טיר. אויף דער שוועל באַווייזט זיך דער ייִד מיט דער לאַמטערנע...

**
*

צו דער קהילה־געביידע אויף גזשיבאָווסקע־גאַס צײַען טויזנטער איבערגע־שראָקענע, צעטומלטע ייִדן. זיי באַלאַגערן דעם קהילה־הויף און רעווען ווי אַ ציווילע אַרמיי וואָלט געשטורעמט אַ פעסטונג. די פאַרצווייפלטע קולות שאָרע־ווען ווי אַ וואַסער־פאַל. אַ געשטויס, אַ געדראַנג, אַ געשטופּעניש און אַ דער־דריקעניש, אַז איינער שטייט ממש אויפן צווייטנס פּיס.

מיטאַמאָל וואַקסן אויס צוויי קהילה־פאָרשטייער אויף אַן איבערגעדרייטן קאַסטן. דער עולם שטילט זיך איינציקווייז איין און ס׳דערטראָגט זיך אַ קול:

— באַרויִקט אייך, ייִדן! זייט מוטיק און פאַלט נישט פון די פיס! די טרויע־ריקע ידיעה וואָס צייטונגען און דער ראַדיאָ האָבן געבראַכט וועגן דער געטאָ־גזירה איז צום באַדויערן אמת. מיר, די ייִדישע קהילה הייסט עס, האָבן שוין געהאַט אַ באַפעל צוזושטעלן די ערשטע הונדערט טויזנט ייִדן וואָס דאַרפן זיך אין דריי טעג אַריבערפּעקלען אין די חרוב־געוואָרענע ייִדישע גאַסן. אָבער נאָך אַ באַזוך פון אונדזערס אַ דעלעגאַציע ביים וואַרשעווער שטאָט־קאָמאַנדיר, גע־נעראַל פאָן נוימאַן, איז די גזירה פאַרלייפיק אָפּגעשריגן געוואָרן. גייט רויִק אַהיים! בלייבט אין אייערע וווינונגען! זאָל קיינער פון אייך נישט גיין פריי־וויליק אין געטאָ אַריין!

אַ מהומה, אַ פיל גרעסערע ווי פריִער. ס׳הייבן זיך פון אַלע זייטן אויף הענט. מ׳שטעלט פראַגעס איבער פראַגעס. הונדערטער מענטשן רעדן מיטאַמאָל. פרויען וויינען הויך אויפן קול. מ׳דרענגט זיך אַרויף אויף די שטיגן. הענט און פיס. אַ יונגערמאַן גיט אַ געשריי אַריין אין דער מאַסע:

— ייִדן, דאָס איז דער ערשטער ווידערשטאַנד.

זי האַלט אונטער די אָרעמס איר פאָטער און פעטער מנחם. ד״ר פרידלאַנד קומט אַראָפּ אַ צעפּלאָמטער פון די קהילה־שטיגן. ער פעכערט זיך מיטן קאַפּעלוש איבערן פּנים.

זיי גייען אַלע צוזאַמען אַ היים. אויפן וועג קומט אונטער דוד. ער נעמט זי אונטערן אָרעם. אַלע שווייגן. ערשט ביי אירע עלטערנס טיש, קומען אויף געדאַנקען.

— איך גלייב. — זאָגט ד״ר פרידלאַנד — אַז דאָס אָפּשרייען אויף אייניקע טעג די געטאָ־גזירה, האָט נישט קיין באַדייטונג. פריִער, שפּעטער, מיר ווערן געטאָ־ייִדן. און איך פיל, אַז דאָס איז קוים דער פּראָלאָג צו אַ גרויסער פאָלקס־טראַגעדיע. די נאַכט איז אין מיר אויפגעקומען אַ געדאַנק אָנצושרייבן אַ מעסעדזש צום... קאַרדינאַל פּרימאַס פון פּוילן. די קהילה־פאָרשטייער בעטן אַן אוידיענץ. ס׳האָבן זיך פאַר מיר אָוועקגעשטעלט אַ היפּש ביסל פּסוקים וואָס דאַרפן אין דעם מעסעדזש קומען צום אויסדרוק. אייגנטלעך דאַרפן מיר אַפילו האָבן מוט און אַרויסשיקן אַ מעסעדזש צום... פּויפּסט פּיוס דער צוועלפטער. וואָלט פּיוס דער עלפטער נישט אָפּגעשטאָרבן דעם 10טן פעברואַר 1939, וואָלטן מיר איצט געהאַט אַ שוץ־וואַנט אין וואַטיקאַן. איצט מוזן מיר זיך ווענדן צו זיין יורש, צום געוועזענעם קאַרדינאַל פּאַטשעלי. היות ווי ער איז ווייט פון אַ ייִדן־פריינד, וואָלטן מיר אים געדאַרפט ברענגען אַ ריי ציטאַטן פון זיין פאָרגייער, פּיוס דער עלפטער, וואָס האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט: דער אַפּאָסטאָלישער שטול שיצט דאָס ייִדישע פאָלק קעגן אונטערדריקונג, און פּונקט ווי מען דאַרף אָפּוואַרפן יעדע סאָרט קנאה־שנאה צווישן נאַציעס, אַזוי מוז גאַנץ ספּעציעל אָפּגעוואָרפן ווערן יעדע שנאה וואָס ווערט געוויינלעך אָנגערופן אַנטי־סעמיטיזם.

ס׳ווערט שטיל. די מאַמעשי דערלאַנגט צום טיש.

— אָבער כ׳ווייס נישט צי מיר וועלן עפּעס דערגרייכן? — האָט ד״ר פרידלאַנד זיך געבראָכן די פינגער. — היטלער ימח־שמו האָט דאָס גוט געוווּסט, אַז הגם רעליגיעזע רדיפות זענען אַ טייל פון נאַצישן פּראָגראַם, האָט ער תמיד געהאַט אין זינען דעם וואַטיקאַנס איינפלוס איבער דער וועלט. די קאַטוילישע קירכע האָט באַגריסט היטלערס קומען צו דער מאַכט. דער וואַטיקאַן האָט אָפּנים אין אים געזען די פאַרקערפּערונג פון „הייליקן געאָרג״ פון אונדזער תקופה. וואָס וועט אומברענגען די קאָמוניסטישע חיה־רעה.

— איך גלייב נישט אין קיין שום מעסעדזשן — האָט מנחם מרגליות געזאָגט. — אַ געוויסן וואָס מ׳דאַרף וועקן פאַלנדיק אויף דער קני פאַרן גרעסטן גייסט פון דער קריסטלעכער אמונה, איז נישט קיין ריינער געוויסן. אָבער, היות

ווי איך האָלט אייך נישט ד״ר פרידלאַנד, פאַר קיין פאַלשן נביא, טאָר איך אייך נישט אונטערשניידן די פליגל. מיר האָבן דאָך פיר און צוואַנציק קהילה־מיט־גלידער, טאָ זאָלן זיי באַשטימען.

דוד האָט אַ פאַרטראַכטער געקוקט אויפן האַנט־זייגערל און האָט אַ זאָג־געטאָן.

— מ׳דאַרף זיך באַצייטנס איינשאַפן אַ פיסטאָלעט.

אַלע שטוב־מענטשן שטעלן אויף אים אָן די אויגן.

זי זעט איצט אין זייער טיר שטיין דעם ייִד מיט דער לאַמטערנע.

***

אַ פראָסטיקער יאַנואַר־פרימאָרגן. אין די געטאָ־גאַסן — אַ מהומהדיקער געלויף. די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט נאָר־וואָס אָפּגעשפּילט איר ערשטן נקמה־אַקט. די דייטשע פייער־וואַרפערס צינדן אונטער גאַנצן בלאָקן. זייער הויז איז אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען. פרויען מיט קינדער אויף די הענט לויפן און פאַלן אויף די שטיגן. קולות, געוואַלדן, יללות. פון די רויך־קנוילן הערט מען אַרויס אַ פרויען־געשריי: דבורהלע, דבורהלע! זי לויפט נאָך נאָכן קול. אירע גאָלדענע האָר נעמען ברענען. דער רויך שטיקט אין דער קעל. ס׳כאַפּט זי ווער אויף די הענט און טראָגט זי ווי אַ קינד. זי דערקענט דודן אין אַ קאַסק. מיט די באַקעטע הענט לעשט ער אָפּ די פלאַמען אַרום אירע האָר. איר פאָטער אין איין שטיוול, איין פוס אַ באָרוועסער לויפט זיי, ווי אַ משוגע־געוואָרענער, אַקעגן. איר מוטער וואָס איז צוריקגעלאָפן זוכן איר טאָכטער, האָט זיך אויסגעלאָשן אין די פלאַמען. קוויטשערייען פון פרויען פאַרטויבן תחילת דעם געהודזשע פון פייער און ווערן לסוף אַנטשוויגן.

אַ מחנה שוואַרצע קראָען קומען רעשיק אָנצולויפן און פלאַטערן אַרום איבער די בערג אַש, וואָס לאָזן נאָך פון זיך אַרויס דינע רויך־קנוילן, ווי לופט־שלאַנגען אַרום די געטאָ־מויערן.

ס׳שוועבט פאַר אירע אויגן דער ייִד מיט דער לאַמטערנע. ער שטייט ביי די בערג אַש און שאָקלט זיך ווי ער וואָלט געזאָגט קדיש.

***

די זון שיינט העל אַז אַפילו די געטאָ־חורבות זעען אויס ווי איבערגעצויגן מיט גאָלד. דער שמעקעוודיקער אָטעם פון פרילינג פילט זיך אין דער לופט. פון יענער זייט געטאָ־מויער, זעט זי די העל־גרינע קרוינען־קעפּ פון אויפגעוואַכטעביימער צום לעבן, אַ לייכט־גלעטנדיק ווינטל, אַקוראַט ווי דער הימל וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן בלוי־ווייסן פעכער, שוועבט אַרום אויף בוים

און מענטש. די געטאָ־גאַסן זענען אָבער אָפּגעליידיקט. ס׳איז שטיל ווי אַלצדינג וואָלט פלוצלינג אָפּגעשטאָרבן. פאַר אַ פאַרמאַכט טויער לייגט זיך אַ הונט אויס אויף דער זון. ער קוקט אַ ווײַלע אין דער פוסטער פאַרשטומטער גאַס אַרײַן, לאָזט אַרויס אַ ביל און בלײַבט ווידער שטיל.

זי שטייט מיט אַ גרופּע ווידערשטענדלער אויף אַ באַלקאָן פון ערשטן שטאָק. זי זעט די צעצונדענע אויגן פון אירע חברים. איינער קוקט אויף אַ לאָר־נעטע. ס׳דערטראָגן זיך אָפּקלאַנגען פון דייטשע מיליטערישע שטיוול. יעדער נאָגל פון דייטשן שטיוול וואָס באַרירט די געטאָ־ערד גרילצט אין מוח. די מחנה איז לאַנג־לאַנג צעצויגן אין דער ווייטקייט. בעת אַ האַלבע קליקע פון די דייטשע פּוסגייער איז שוין פאַרשלונגען פון די געטאָ־גאַסן, נעמען פערדישע פּאָד־קאָוועס אָפּשלאָגן אין די ברוק־שטיינער. דער אָפּקלאַנג ווירקט ווי שווערע אײַ־זערנע האַמערס אין די שלייפן. זי דערבליקט אַן אומענדלעכע לאַנגע ריי פון רייטערס, גלײַך ווי זי וואָלט געצויגן צו אַ שלאַכטפעלד. געפּאַנצערטע אויטאָס און טאַנקען צעטרייסלען די אַרומיקע לופט. די שויבן אין יידישע הײַזער נעמען ציטערן. כלערליי סאָלדאַטסקע מונדירן נעמען אויפטויכן. זי קוקט מיט אַן אויפ־געריסענעם בליק אויף אירע אברים. ס׳דערשײַנט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע. ער קוקט אַ ווײַלע יעדן קעמפער אין די אויגן אַרײַן. זײַנע ליפּן פליסטערן אַ תפילה. ס׳הערן זיך שטימעס פון חברים:

— פאַרלוירן...

— מיר זענען צו שוואַך.

— דער סוף דערנעענטערט זיך.

— נאָכן סוף פון „דברים" הייבן מיר אָן ביי בראשית. ביי בריאת־עולם חדש, — זאָגט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע און פאַרשווינדט.

ס׳באַווײַזט זיך איר פעטער מנחם מרגליות. זײַנע בלוט־רויטע אונטערגעשוואָלענע אויגן גיבן איר אַ שניט אין האַרצן. ער נעמט די לאָרנעטע און כאַפּט אַ בליק. ער קאָרטשעט זיך אײַן, ווערט אַ רגע קליינטשיקער ווי אַ ייִנגל, באַלד אָבער הייבט ער אויף דעם קאָפּ און זײַנע ליפּן נעמען ציטערן:

— די שעה פון נקמה... מיר האָבן אויף דער שעה לאַנג געוואַרט. ביז איצט האָט די וועלט אונדז פאַרמשפּט. אָבער מיט אונדזער ערשטן שאָס וועלן מיר פאַרמשפּטן די וועלט. ערשט איצט וועט מען אונדז דערזען און דערהערן... אַפילו טויטערהייט וועט מען פון איצט אָן זײַן פאַר דער וועלט מער לעבעדיקע מענטשן, ווי מיר זענען געווען ביז צום אויפשטאַנד. מוטיק חברים! מיר לעבן איצט נישט מער אונדזער לעבן. מיר זענען שוין לאַנג אַרויסגעפירט געוואָרן און אומגעקו־מען צוזאַמען מיט מיליאָנען פון אונדזער פאָלק. אויב מיר זענען אויפגעשטאַ־נען תחית־המתים איז עס נאָר בכדי אויסצופירן אַ הייליק שליחות. זעט, חברים.

ווי דער הימל איבער אונדזערע קעפּ איז ממש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן ווייס־בלויען טלית. די זון זיצט ווי אַ גאָלדענע „עטרה“ אויפן קאָפּ פון טלית. אין טאָג פון חורבן איז געבוירן געוואָרן דער גואל. ווען ציון וויינט ביי־נאַכט, וויינט מיט גאָט און זיינע מלאכים, אָבער ווען מיר וועלן זיך אין אַזאַ וווּנדערשיינעם פרילינג־טאָג אָוועקשטעלן וויינען, ווער וועט מיט אונדז מיט־וויינען? זעט נאָר, זעט! ס׳איז פאַרבייגעפלויגן אַ טויב. זי האָט עפּעס אַ וואָרקע־געטאָן און פאַרשוווּנדן. הייבט אויף די קעפּ! איר דאַרפט טראָגן די קרוין פון דערהייבונג. דערמאָנט אייך אונדזער גרויסן מנהיג. הערצל האָט אונדז איבער־געלאָזט אַ וואָרט: ווער עס וויל צוגרייטן די צוקונפט, דער מוז קענען אַריבער־קוקן איבער דער קעגנוואַרט. די בעסערע מענטשן וועלן סוף־כל־סוף קומען.

— פייער!

— די לופט האָט אויפגעציטערט. פון פאַרשיידענע פּונקטן דערהערט זיך אַ געקראַכעניש. עס רייסן זיך אויף פענצטער וואָס נעמען שפּייען מיט נקמה־פייער. קולות רופן זיך איבער. דער קליינער נתן פרידלאַנד שליידערט נאָכאַנאַנד צינד־פלעשער מיט כוח פון אַ דערוואַקסענעם. אויפן באַלקאָן ווערט ענגער. די עלנבויגנס פון חברים שטויסן זיך צונויף. זי פילט ווי יורעק האָט איר מיטן עלנבויגן אַ שטויס־געטאָן אין האַרץ אַריין. ער פילט נישט און ווייסט נישט ווער ס׳קעמפט ביי זיין זייט. זי זעט ווי די דייטשע מחנות צעלויפן זיך אין גרויס בהלה טייל שאַרן זיך ביי די ווענט. אַנדערע לויפן ווילד מיט אַראָפּגעזונקענע קעפּ. פערד צעהירזשען זיך און שטעלן זיך אויף די הינטערשטע צוויי פיס. דאָ און דאָרט זינקט אַ רייטער אין דער ערד. אַ פוסגייער מיט אַ ברענענדיקן קאַסק אויפן קאָפּ לויפט ווי אַ משוגע־געוואָרענער און שרייט. איבער די דעכער פון די געטאָ־חורבות פליען נאָכאַנאַנד פייערדיקע פייגל. אַ פערד אָן רייטער לויפט גאַלאָפּ פאַרביי. פון הויף דערטראָגן זיך יידישע פריידיקע קולות און אָן אומאויפ־הערלעך געשיסעריי. די געטאָ־גאַסן זענען געפלעקט מיט דייטשע הרוגים און פאַרוווּנדעטע. פאַרצווייפלטע אויסגעשרייען דערטראָגן זיך פון אַלע זייטן. צע־טומלטע ס״ס־אָפיצירן פאַרשטעקן זיך הינטער באַלקאָנען. אַנדערע אָפיצירן קעמפן. פון צייט צו צייט פליען קוילן אָן צום באַלקאָן ווו זי געפינט זיך מיט איר גרופּע. קעפּ פון חברים און חברות בייגן זיך האַסטיק אַראָפּ. אַ בלומען־טאָפּ פאַלט אויף וועמענס קאָפּ. ס׳הערט זיך אַן אויסגעשריי. אַ שנורעלע בלוט שלענגלט זיך איבער וועמענס קאָפּ. יינגלעך טראָגן אונטער וואַסער. דער פאַר־וווּנדעטער קעמפט ווייטער.

ס׳ווערט שטיל. איינע פון די אָבסערוואַטאָרקעס קומט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אָנזאָגן, אַז די דייטשע חיילות האָבן זיך צוריקגעצויגן. די געטאָ־גאַסן זענען ווידער אָפּגעליידיקט. די אויפשטענדלער, איבעראַשטע און איבערגעשראָ־

קענע פונעם ערשטן נצחון לאָזן זיך אַראָפּ אויפֿן באָדן אַפּרוען. זיי נעמען עפּעס איבערבייסן. פון אַלע פּאָזיציעס דערטראָגן זיך אויפגעהייטערטע קולות. אַ גע־וואַלדיקער געוויש אויף אַלע שטאָקן ביז אַרויף צום בוידעם. ביים גאַנצן גע־טומל פאַרוואָרפן זיך דאָ און דאָרט קעפּ אויף די ווענט און כאַפּן דערווייל אַ דרימל מיט די פינגער אויפן ציגל פון געווער. אַ מויל־האַרמאָשקע שפּילט אויס אַ מאַרש. די מוזיק־טענער פאַריאָגן איבערפלעכלעך די טויט־שרעק וואָס זיצט אין יעדן איינעם טיף פאַרבאָרגן. זי פילט ווי ס׳האָט ווער באַרירט איר אַקסל. יורעק זעצט זיך ביי איר אַוועק. ער דערלאַנגט איר אַ שניטקע ברויט מיט וווּרשט, אַ פעלד־פלאַש מיט עפּעס אַ געטראַנק. זי גיט אַ שלונג און פאַרכלושיעט זיך. ער לאַכט. ס׳זינגט ווער אַ רוסיש ליד, וואָס ווערט מיטאַמאָל פאַרטויבט פון הילכיקע, קראַכענדיקע שאָסן. אַלע שפּרינגען ווידער אויף פון די ערטער.

די גאַסן זענען אויפסניי איבערפולט מיט דייטשע חיילות, וואָס שלעפּן מאַטראַצן און שטעלן אויף באַריקאַדעס. די אויפשטענדלער לויפן צוריק אויף זייערע פּאָזיציעס. די ברען־פלעשער וואָס די יידישע קעמפער נעמען שליידערן פון אַלע זייטן, פון דער נידער און פון דער הייך, צינדן אונטער די דייטשע מאַטראַצן־באַריקאַדעס. די מאַטראַצן נעמען פלאַקערן איינגעהילט אין אַ ווייס־שוואַרצן רויך, שפּרינגען איבער די גאַסן אַרום צעהודזשעטע פייער־לאַווען, וואָס דערמאָנען אין רויטע כוואַליעס פון אַן אויפגעברויזטן צעבושעוועטן ים. זייער קאַמף־פּאָזיציע ווערט נאָכאַנאַנד באַוואָרפן מיט ברען־באָמבעס. דאָס הויז ווערט אַרומגעכאַפּט פון פלאַמען, וואָס שטעקן אַריין זייערע רויטע צונגען אין די ראַמען פון די אַרויסגעריסענע פענצטער, און אין די לעכער פון דער מויער.

ס׳ווערט אַ מהומהדיק געלויף. זי פלאָנטערט זיך אַ מבלבולדיקע. אַמאָל רעכטס, אַמאָל לינקס. אַט כאַפּט זי אָן אַ האַנט וואָס גליטשט זיך באַלד פון איר אַרויס. דאָס הויז ווערט וואָס אַמאָל פולער און פולער מיט רויך וואָס נעמט וואָרגן אין דער קעל און שאַרף־שניידיק שטעכן די אויגן. זי נעמט זיך שלייכן מיט אויסגעשפּרייטע הענט ווי אַ בלינדע. קולות הייבן זיך אַרויף, אַראָפּ, אַהין אַהער, די רויך־קנוילן לויפן פאַרויס און נעמען זיך וויקלען אַרום די העלדזער ווי שלאַנגען. פלאַמען בוכניען איבער קעפּ. זיי שפּרינגען אַריין דורך אָפענע נישעס אין די ווענט. עס שלעפּט זי ווער אַרויס פון די פלאַמען. ברענענדיקע בעלקעס רייסן זיך אָפּ מיט אַ געקראַך. דאָ פאַלט אַ שטיק האַלץ; דאָרט אַ מענטש, אינדערמיט אַן אויסגעשריי. קיינער הערט נישט, קיינער זעט נישט. שאָטנס פון קעמפער און קעמפערינס הוידן זיך אַרויף, אַראָפּ. הענט און פיס, הענט און פיס, קעפּ איבער קעפּ, אָפענע מיילער, אויגן פון בחורים, מיידלעך און מיטקעמפנדיקע ייִנגלעך. די באָרד פון ייִד מיט דער לאַמטערנע גיט אַ שוועב אין דער לופט און פאַרשווינדט. איר פעטער מנחם שפּאַנט אינדערמיט צווישן ייִד

מיט דער לאַמטערנע און נתן פרידלאַנד. זיין שטעקן אין האַנט ברענט. ער ווערט אָפּגעלאָשן און צינדט זיך ווידער אָן. זי שטרעקט אויס אַ האַנט. זי וויל אויסשרייען און רופן איר פעטער. איר אָפן מויל ווערט אָבער אָנגעפילט מיט רויך. זי לויפט, פאַלט איבער אַ טויטן גוף, הייבט זיך אויף און שפּרייזט ווייטער. דאָס העמד נעמט קלעפּן אויפן לייב. אויפן פּנים זעצט אַרויס אַ געדיכטער שווייס. פנימער שוועבן אין פלאַמען, אין קנוילן רויך. אויף די שטיגן באַווייזט זיך אַ דייטש. ס׳דערהערט זיך אַ מיידלישער קוויטש. באַלד — אַ שאָס און נאָך אַ שאָס. דער דייטש קייקלט זיך אַראָפּ פון די שטיגן. הענט דערלאַנגען זיך אַ נייע ביקס, וואָס גיט אַ פינקל צווישן פלאַם און רויך.

מ׳ציט זיך צוריק דורך לעכער און שפּאַרונעס פון בוידעמס. אַוועקגעריסענע ברעטער קראַכן און צעפּראָשען אַ האַלק־מעך אין דער לופט. דער ייִד מיט דער לאַמטערנע שטייט ביי די שפּאַרונעס, לייכט צו מיט זיין לאַמטערנע און ציילט יעדן געראַטעוועטן נפש. נתן פרידלאַנד שפּרינגט פון אָרט צו אָרט. דאָ שטופּט ער נאָך אַ פּאָר הענט און פיס; דאָרט — אַ קאָפּ.

זי זעט ווי דער ייִד מיט דער לאַמטערנע בלייבט דער לעצטער ביי די שפּאַרונעס פון בוידעם דורך וועלכער די לעבן־געבליבענע קעמפער און קעמפערינס ציִען זיך אַדורך, אָבער ווי־נאָר זי קומט אַרויף אויפן דאַך פון אַ ברענענדיק הויז, זעט זי שוין דעם ייִד מיט דער לאַמטערנע שפּאַנען איבער די דעכער־שיפּועים — דער ערשטער, האַלטנדיק ביי דער לינקער האַנט נתן פרידלאַנד. נאָך אַ היפּשע ווײַלע אַרומשפּאַנען אויף ברענענדיקע דעכער געפינען זיי זיך שוין ווידער אין אַ בוידעם מיט איינגעבראָכענע ברעטער. זיי נעמען ציִען אין אַ לאַנגע שורה פון איין בוידעם צום צווייטן, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געשפּאַנט אונטן אויף אַ גאַס און איבערגעגאַנגען פון איין געביידע צו דער צווייטער. אָנקומענדיק צום לעצטן בוידעם וואָס האָט געזאָלט ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ נייע קאַמפּס־און שוץ־פּאָזיציע, קומט אַ באַפעל זיך צוריקצוציִען. דאָס הויז איז כהרף־עין אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון פלאַמען. די ברען־באַמבעס האָבן נאָכאַנאַנד אָפּגעהילכט, אַ טרייסל געטאָן די ווענט, אָפּגעריסן אַ בעלקע פון בוידעם־סופית. זיי שטייען צונויפגעדרענגטע ווי איין גוף און איין נשמה צווישן צוויי פייערן. קעגנאיבער פלאַקערן די הייזער. פון אַלע זייטן טראָגן זיך בהלהדיקע אויסגעשרייען. אַ ייִד אין אַ טלית שפּרינגט מיט אַ שמע־ישראל־אויסגעשריי אַראָפּ פון אַ באַלקאָן. אַ מאַמע מיט אַ קינד אויף דער האַנט וואַרפט זיך אַראָפּ פון אַ פענצטער. אַ רויטע פאָן גיט אַ פלאַטער און ווערט פאַרשלונגען אין פלאַמען. ס׳טויכט אויף אַ ווייס־בלויע פאָן וואָס הילט איין אַ גרופּע חברים מיט געווער אין די הענט. זיי שיסן נאָך, וואַרפן גראַנאַטן. די פאָן איבער זייערע קעפּ איז אַרומגעכאַפּט פון פלאַמען. ס׳לויפן מאַסן מענטשן מיט ברענענדיקע מלבושים אויף די לייבער. די

קולות ווערן האַלבלעך פאַרשלונגען אינעם געהוקניע פון די פייער־קלומבעס. ברענענדיקע מלבושים אַן מענטשן און ברענענדיקע בגדים מיט מענטשן פאַלן אַרויס אויף די גאַסן. זי זעט פיס לויפן איבער ברענענדיקע שטיגן. אויסגע־שטרעקטע הענט אין פלאַמען. אָפענע שרייענדיקע מיילער אָן אָפקלאַנגען. קינ־דער־קעפּלעך, קינדער־הענטלעך שווימען אויף און פאַרשווינדן. דעכער קראַכן און דעקן צו הונדערטער לויפנדיקע מענטשן מיטאַמאָל. און ווי־נאָר די דעכער זינקען אַראָפּ אויף דער ערד. עפענען זיך היילן און ס'שטראָמען אַרויס אין אַן אויסטערלישער בהלה גאַנצע מחנות בונקער־יידן, ווייבער מיט די קינדער אויף די הענט. זיי לויפן און טרעטן אויף טויטע פאַרסמאַליעטע גופים, אָבער זיי לויפן מיט מאַדנע העוויות ווי אַרויסגעלאָזטע פון אַ משוגעים־הויז. טייל פאַלן אײַנ־מיטן לויפן; אַנדערע פאַרנורקעווען זיך אין נייע לעכער פון אויסגעברענטע חורבות.

איר גרופּע קעמפער און קעמפערינס זאַמלט זיך אויף אַ גרויסן הויף און לאָזט זיך אַוועק צו אַ בונקער. אָבער ווי־נאָר די בונקער־קלאַפּע עפנט זיך און ס'באַווייזט זיך דער ערשטער אויפשטענדלער, דערהערן זיך פון אַלע זייטן אויס־געשרייען:

— אַרויס, אַרויס! איר האָט אונדז אומגליקלעך געמאַכט.

— מ'וועט אונדז צוליב אייך פאַרגאַזעווען.

— טראָגט אייך אָפּ! איר האָט אָנגעצונדן דאָס פייער איבער אונדזערע קעפּ.

— מ'וועט דאָך אַ ליאַדע מינוט ווערן פאַרשיט.

— רבונו־של־עולם, קענסטו אונדז אַפילו נישט פאַרגינען דאָס קבר?

— לאָזט זיי אַריין; דאָס זענען דאָך אונדזערע נקמה־נעמערס.

— טאָ גייט איר אַרויס, וועט זיין פּלאַץ פאַר זיי.

— מ'איז דאָ גאַנץ געענג אַזוי זיכער ווי אינדרויסן. אַ חורבה קען אונדז יעדע רגע צודעקן.

די ווידערשטענדלער שלייכן זיך אַוועק צו אַן אַנדערן בונקער.

***

אַ בונקער־בעטל. זי גיט זיך אַ ווילדן וואָרף און רייסט פון זיך אַראָפּ די מלבושים. דוד דרימלט זיצנדיק אויף דער ערד. זי קוקט זיך אַרום און דערזעט אייניקע פּנימער פון איר גרופּע און אַ צוויי־דריי פּנימער פון אַן אַנדערער גרופּע. אַ קעמפער האָט שוין צום ווייפלטן מאָל אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און געוואָלט פאַרויכערן, אָבער די חמימה איז דאָ אין דעם גרוב אַזאַ געוואַלדיקע, אַז דאָס

פלעמל ווערט גלייך פאַרלאָשן. ביים קראַן שטייט אַ לאַנגע ריי מענטשן און וואַרט אויף אַ טראָפּן וואַסער.

— דוד, דוד!

— וואָס, דבורה?

— האָסט נאָך בליי אין דיין ביקס?

— יאָ, דבורה.

— וואָלט איך דיך געבעטן זאָלסט מיר שענקען אַ קויל גלייך אין האַרץ אַריין. אונדזער קאַמף דויערט שוין באַלד אַ חודש. זאָל זיין גענוג. כ'קען מער נישט אויסהאַלטן די שרעקלעכע היץ. כ'האָב מער נישט קיין לופט צום אָטעמען. פאַרוואָס האָט מען נאָך נישט אַרויסגעטראָגן די טויטע? דער ריח דערשטיקט מיך. ווי לאַנג וועלן מיר זיך אַזוי אַרומבלאָנקען פון איין גיהנום־אָפּטיילונג צו דער צווייטער? די דעלעגאַציע וואָס מ'האָט אַרויסגעשיקט אויף דער אַרישער זייט איז נישט צוריקגעקומען. מיינע כוחות גייען אויס. כ'קען זיך נישט אונטער־נעמען דעם וועג דורכן קאַנאַל. כ'בעט דיך, דוד, באַפריי מיך! שענק אַ קויל! מאַך עס אויס ליבע צו מיר!

— דו האָסט דאָך פריער געזאָגט, אַז דערמיט וואָס דו האָסט דיין פאָטער געזען אַ לעבעדיקן האָסטן באַקומען אַ נייעם מוט.

— יאָ, דוד! ס'רעדט זיך נאָר אַזוי: אַ נייעם מוט. מיין פאָטערס לעבן? אָט איז עס און אָט... ווי לאַנג קען געדויערן אַז אויך מיין פאָטערס בונקער... אַלץ וועט אַנטדעקט ווערן אָדער צוגעדעקט ווערן מיט חורבות, גאָט מיינער, אַך וואָס פאַר אַ שרעקלעכער גיהנום! אויב דו קאָנסט נישט, דוד, בעט אַ צווייטן חבר! בעט רבקהן, בעט!

ס'דערשיינט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע. ער פירט ביי דער האַנט נתן פרידלאַנד.

— כ'קום פון דער אַרישער זייט. די דעלעגאַציע האָט באַקומען אַ באַפעל צוריקצוגיין! אָבער מ'וועט מאָרגן אָנהייבן אויפסניי. זייט אייך נישט מייאש! כ'בעט אייך, קינדער!

— וווּ איז מיין פעטער, מנחם?

— מנחם? ער האָט אָפּגעגעבן די נשמה דעם בורא־עולם. זיין לעצט וואָרט איז געווען, אַז אין די פלאַמען און רויך, זעט ער עפּעס אַ ניי ליכט. ער הערט עפּעס אַ ניי געזאַנג. ער זעט אַ טאַנץ. ווייס־בלויע פענער פלאַטערן אויף נייע בנינים. ביים קריאַת־העולם איז געבוירן געוואָרן משיח וואָס איז אַריין אין גאָטס מחשבה איידער־נאָך די וועלט איז געווען אַ באַשאַפענע. אַזוי האָט געזאָגט דיין פעטער פאַר יציאת־נשמה. און דער תנא ר' יוסי האָט געזאָגט: און זיי ווייסן נישט אויף וואָס זיי האַלטן זיך. זיי ווייסן אַפילו נישט אַז די ערד האַלט זיך אויף

זיילן וואָס שטייען אויפֿן וואַסער, און דאָס וואַסער — אויף בערג. די בערג — אויפֿן ווינט, דער ווינט — אויפֿן שטורעם. דער שטורעם איז אָנגעהאָנגען אין צדיקס אָרעם. דעם צדיק אָרעם איז אָנגעהאַנגען אין גאָטס אָרעם. די וועלט שטייט אויף צוועלף זיילן לויט די צוועלף שבטים. ר׳ אליעזר בן חנינא זאָגט: די וועלט שטייט נאָר אויף איין זייל וואָס רופֿט זיך: צדיק יסוד עולם. קום, בתן, מ׳יר גייען ווייטער.

**
*

— איך זאָג דיר, דבורה, אַז דאָס איז אַן אומזין. דו ווילסט דורכויס אַריין אין דיין פֿאָטערס בונקער. דו זעסט דאָך אַז ער איז פֿאַרשיט. דו פֿילסט נישט דעם ריח פֿון גאַז? וועסט דען קענען אַריינגיין אין אַ מאַסן־קבר? ס׳איז דאָך נישט מער פֿאַראַן קיין אַריינגאַנג. אַלץ איז דאָך איצט אַ באַרג פֿון מענטשישע חפֿצים און טויטע גופֿים.

— צו וואָס האָב איך דיר דען געהייסן מיטנעמען אַ גראָבאייזן? גראָב אויף די ערד און מאַך מיר אַ וועג! כ׳מוז מיין פֿאָטער זען טויטערהייט. כ׳וויל אים בעטן מחילה וואָס כ׳האָב אים פֿאַרלאָזט. אויב דו העלפֿסט מיר נישט צו, וועל איך מיט דיר נישט גיין אין קאַנאַל אַריין. דאָרט דאַרף מען אויך זיך אויסשניידן אַ וועג צווישן וואַסער־שטראָמען. גראָב, גראָב! דו ווייסט דאָך אַז איצט ווערן אַלע אוממעגלעכקייטן מעגלעך. כ׳מוז זען מיין פֿאָטער. איין בליקעלע נאָר, דודו! טו מיר צוליב און לאָז מיך דאָ אין געטאָ. זאָל עס זיין ביים טויטן גוף פֿון מיין פֿאָטער. איך וועל גיין אַליין. אויב איך קום נישט צוריק, דוד, זאָלסטו וויסן אַז כ׳בין שוין אויף אייביק פֿריי, רויִק און אויסגעלייזט.

— פֿייניק מיך נישט, דבורה! דו זעסט דאָך, אַז וואָס מער איך גראָב, אַלץ־מער ערד און אַש שיט זיך אויף מיינע הענט. וואָס קען איך מער פֿאַר דיר טאָן? איך זאָג דאָך דיר, אַז ס׳איז אַן אומזין. לאָמיר בעסער צוריקגיין אויף אונדזער פּאָזיציע. דו זעסט דאָך אַז די זון זעצט זיך שוין. ס׳ווערט טונקעלער און רעגנ־דיקער. לאָמיר זיך אויסזוכן אַ חורבה איבערצונעכטיקן. מ׳קען אונדז אַ ליאַדע מינוט קומען רופֿן. מיין גאַנצע האָפֿענונג לייג איך אויף יורעקן. ער וועט זיכער עפּעס אויפֿטאָן אויף דער אַרישער זייט. טייל חברים שיסן נאָך. דו הערסט? גראַנאַטן, גראַנאַטן...

— כ׳הער. אָבער גראָב ווייטער! מאַך עס אַביסל ענערגישער! כ׳הייב אָן מורא צו קריגן. לאָמיך נאָר זען צי מיין פּיסטאָלעט איז געלאָדנט. לויטן אויפֿרייס איז עס דייטשע גראַנאַטן.

ס׳שלייכט זיך אַהער דער ייִד מיט דער לאַמטערנע.

— וואָס טוט איר דאָ, קינדער?

— דבורה וויל דאָ געפינען איר טויטן פאָטער.

— און אויב זי וועט געפינען אַ צווייטן ייִד, קען זי זיך אויך אויסוויינען. ס׳איז נישט מער פאַראַן ווי איין פאָטער און איין אמת...

פון אַ שטיק וואַנט פאַלט אַרויס אַ פאַרשטייפטער טויטער ייִד. זיינע אויגן־לעכער זענען פול מיט אַש. דאָס אָפענע מויל איז פאַרשטאָפּט מיט ערד.

— דאָס קען אויך זיין דיין פאָטער, דבורה.

זי בלייבט שטום און פאַרשטיינערט. פּלוצלינג רייסט זיך פון איר ברוסט אַרויס אַ לאַנג־דויערנדיקער זיפץ. זי פאַלט צו צום טויטן גוף און צעוויינט זיך.

דאָס געשיסערײ פאַרשטאַרקט זיך. איבער זייערע קעפּ נעמען פליִען שטיקער פייער. זי הערט פּלוצלינג הינטער זיך דודס אַן אויסגעשריי. זי רייסט אויף איר קאָפּ און דערזעט אים ליגן אַ טויטן מיט אַן אָראָפּגעריסענער לינקער האַנט. דאָס זייגערל גייט ווייטער און ווייזט איר די שעה, אַז אָט־אָט קומט יורעק צוריק פון דער „אַרישער זייט״ מיט אַ תשובה. זי פאַלט צו צום טויטן גוף פון דודן און נעמט אים מונטערן:

— דוד, דוד! נאָך אַזוי פיל שרפות, זאָלסטו איצט האָבן געפונען דעם טויט? דוד! עפן צוריק די אויגן! ס׳איז דאָך מיין שולד, מיין שולד.

— ניין, דבורה, ס׳איז נישט דיין שולד. — הערט זי די שטימע פון ייִד מיט דער לאַמטערנע. — ברוך דיין אמת.

***

אַ געערויש, אַ געשוריע פון אַ מעכטיקן וואַסער־פאַל שלאָגט אָפּ אירע אויערן. אין דער ערשטער רגע דאַכט זיך איר, אַז זי וועט ממש טויב ווערן פון דעם הילביקן וואַסער־געשריי וואָס בושעוועט פון אַלע זייטן. דאָס וואַסער איז בלוטיק־רויט. און די זעלבע פּנימער וואָס זי האָט געזען שווענבן אין די פלאַמען, זעט זי איצט זיך אָפּשפּיגלען אין די וואַסער־שטראָמען. אויף דער אויבערפלאַך שווימען אַרום: אַ ייִדיש היטל, אַ קאַפּל, אַן אַכטקאַנטיק קינדער־היטעלע, אַ קאַפּעלוש, אַ טערקישער שאַל, אַ פּאָר ברילן, אַ באַקרעלטע קופּקע, אַ גאַרטל און אַן אַרעם־באַנד מיט אַ מגן־דוד. אַ געדראַנג פון מענטשישע גופים. איינער הייבט אויף אַ פוס, דער צווייטער שטעלט אים אַוועק. אַ חשכות ווי אין אַ תהום פון וועמענס וועגנט ס׳שטראָמען נאָכאַנאַנד אַזעלכע איבלדיקע, פאַרשטונקענע קאַלוזשעס, אַז ס׳דאַכט זיך איר ווי זי הערט דעם טייוול אויסלאַכן דעם מענטשלעכן ווילן צו לעבן אין די סאַמע עקלהאַפטסטע באַדינגונגען. ס׳צינדט ווער אָן אַן עלעקטריש לעמפּל. אויף אַן אויגנבליק זעט זי ווי אַ לאַנגע שלאַנג וואָס האָט זיך אָנגעטאָן אין פילפאַרביקע מענטשלעכע בגדים, ציט זיך ווייט אַוועק. אַ רגע קאַרטשעט זיך די שלאַנג איין, גלייך ווי זי וואָלט זיך פּאָר עפּעס צוריקגעהאַלטן. די שלאַנג

בליצט מיט מענטשישע אויגן. זי האָט אָנגעגומען דעם אויסזען פון צענדליקער־און צענדליקער פּנימער פון בחורים, מיידלעך, עלטערע ייִדן און ווייבער. די סקע־לעטן־פּנימער רופן ביי איר אַרויס אַ שוידער. איר דאַכט זיך אַז די אַלע וואָס שפּאַנען דאָ טראָט ביי טראָט אין קאַנאַל זענען אומגעקומענע געטאָ־ייִדן, ווע־מענס ביינער האָבן זיך אויפגעכאַפּט איבערלעבן דעם לעצטן אַקט פון אַ טראַגע־דיע וואָס שפּילט זיך אָפּ אויפן סאָמע דנאָ פון מענטשישן געמויזעכץ...

יורעק האַלט זי ביי אַ שטריק און פון צייט־צו־צייט גיט ער איר גוף אַ ציִ — איין טראָט פאָרויס.

— יורעק, יורעק! פיר מיך צוריק אַרויס פונדאַנען! כ׳וויל בעסער אויבן אומקומען. כ׳קען נישט פאַרטראָגן די ריחות. כ׳האָב שוין געבראָכן מיט דער גרי־נער גאַל און דער איבל הערט אַלץ נישט אויף. געוואַלד, געוואַלד! וואָס פאַראַ פרייז דער מענטש איז אַלץ גרייט צו צאָלן פאַרן לעבן וואָס איז אַזוי מיאוס. דו זעסט דאָך אַז אַפילו קיין ווערעם קריכן דאָ נישט אַרויס, און מיר — יאָ. כ׳האָבן דורך רעכט נישט באַוויינט. ער איז געבליבן ליגן הפקר פאַר דער נאַכט. צו וואָס דאַרף איך ראַטעווען מיין לעבן? איז עס דען טייערער פון אַנדערע לע־בנס וואָס זענען געבליבן אונטער די געטאָ־חורבות? לאָז מיך צוריק אַרויף, יו־רעק! ציִ מיך נישט ווייטער! כ׳וועל מיך מער קיינמאָל נישט קענען זען אין אַ שפּיגל. כ׳וויל אויף מיר שפּייען ווי אויף אַן עקלהאַפטיקע זשאַבע. דו זעסט דאָך אַז ביים „בזשאָוויעץ" ווערן מענטשן אָוועקגעשוועגקט. וועל איך דען אויסהאַלטן ביז אַהין? דאַרפסטו ציִען אַ טויטן גוף? נעם אַ צווייטע און לאָז מיך אָפּ! כ׳גיי צוריק אַרויף. לאָמיך כאָטש פאַלן אויף דער טרוקענער אַשיקער ערד.

— באַרויִק זיך, דבורה, כ׳בעט דיך, באַרויִק דיך. מיר וועלן דעם וועג אויך איבערקומען. מאָרגן וועסטו שוין זיין אין אַ שמעקעוודיקן וואַלד צווישן פּאַרטי־זאַנער. פייגעלעך וועלן טאַנצן און שפּילן איבער דיין קאָפּ. ציִ נישט די שטריק אויף צוריק! דו מאַכסט דאָך מיר שווערער. כ׳טראָג דאָך צוויי רוקזעק. מאָרגן וועסטו זיין צווישן ביימער, בלומען און גראָזן. דו וועסט פאַרגעסן דעם ריח פון קאַנאַל. קום, קום! ס׳איז שוין נישט וויִט. אַלץ הענגט דאָך אויף אַ האָר. איין פאַלשן טראָט און מיר זענען ביידע מער נישטאָ.

ס׳פאַלט אַ בלוי־וויסער אָפּשיין. דער ייִד מיט דער לאַמטערנע רייסט זיך אַרויס פון אַ ברויזנדיקן שטראָם. ער פירט ביי דער האַנט נתן פרידלאַנד.

— ייִדן, זייט אייך נישט מייאש! — הערט זיך זיין קול. — לעבעדיקע עדות פון אונדזער לעצטן חורבן, איר וועט נאָך זוכה־זיין צו טרעטן אויף דער הייליקער ערד פון ארץ־ישראל. דאָס איז געווען די לעצטע געטאָ. מיר זענען צוגעקומען צום מיטלפּונקט פון אונדזערע צען ספירות — צום כתר. — אירע באַגלייט־ספירות זענען: תפארת, יסוד, מלכות. מיר וועלן בעזרת־השם־יתברך צוקומען

צו מלכות־ישראל. ייִדן שרייען דאָ אַז די נשמה ליגט זיי שוין אויף דער שפּיץ צונג. באַלד וועלן זיי זי אויסשפּייען. זיי פאַרגעסן אָבער אַז די נשמה האָט דריי מדרגות: נפש, רוח און נשמה. נפש איז אויסערלעך פאַרבונדן מיט דער ערדישער וועלט און אינערלעך — מיט דער חיהשער. רוח איז דער אינערלעכער לעבנס־אָרגאַן פון דער נשמה, איר אינערלעכער אָטעם. רוח איז נישט מער ווי אַ קליין פינטעלע פונעם אַלוועלטלעכן גייסטיקן לעבן. נשמה איז די העכסטע מדרגה פון רוחניות, די בריק וואָס פאַרבינדט דעם מענטש מיטן מלכות שמים. אויס־שפּייען די נשמה, הייסט אויסשפּייען, אָדער איבעררייסן דעם בונד צווישן מענטש און גאָט. רעדט דעריבער נישט וואָס איר ווייסט נישט! גייט ווייטער און קלאָ־מערט אייך אין דער הימלישער השגחה! האַלט נישט אַזוי ביליק אייער וואָרט! דאָס וואָרט האָט די זעלבע דריי מדרגות וואָס די נשמה: דער אָטעם, די שטימע און די כוונה פון וואָרט. ווו ביסטו, נתן?

— כ׳בין דאָ, זיידעשי.

— אויב דו ביסט דאָ, וועסטו דאָרט אויך זיין. גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי שבטך ומשענתך המה ינחמוני — — —

***

איר קאַשמאַר לויפט פאַרויס פאַר דער צייט.

זי שטייט אויף אַ פּלאַץ און קוקט זיך איין ווי אַ גרופּע פּוילישע בוי־אַרבע־טער שטעלן אויף אַ מאַרמאָרענעם פּאָסטומענט.

— וואָס שטעלט מען דאָ אויף, פּאַנאָוויע?

— אַ מאָנומענט לכבוד די געטאָ־אויפשטענדלער.

— געטאָ־אויפשטענדלער? איר מיינט אַז זיי האָבן פאַרדינט אַ מאָנומענט?

— אויב זיי האָבן שוין נישט פאַרדינט, פּאַניענקאָ, טאָ, ווער־זשע האָט פאַרדינט? האָסטו דען נישט געזען ווי זיי האָבן כמעט מיט ליידיקע הענט אַוועק־געשיקט אויף יענער וועלט אַ היפּש ביסל „קאַטאַניס״? אָ, האָ, זיי האָבן שוין יאָ געהאַט מוט! דו מוזט זיין געקומען פון אויסלאַנד, האָסטו נישט געזען ווי די געטאָ האָט געברענט און זיי האָבן נאָך אינעווייניק געקעמפט.

— יאָ, פּאַנאָוויע, כ׳בין טאַקע געקומען פון אויסלאַנד... אויב ווידער זיי האָבן באַוויזן אַזאַ העלדישקייט, געפירט אַ גערעכטן קאַמף, טאָ פאַרוואָס האָט מען זיי נישט צוגעהאָלפן? פאַרוואָס האָט די וועלט געשוויגן? האָט טאַקע די קליינע צאָל קעמפער פאַרמאָגט מער גבורה ווי די גאַנצע וועלט וואָס איז געווען קעגן פאַשיזם? און אויב ווידער מ׳האָט זיי בעתן אויפשטאַנד נישט געדאַרפט העלפן ווייל ייִדן מעגן אומקומען, טאָ צו וואָס די איצטיקע קאָמעדיע, צו וואָס און צו וועמען, צו דער העלער כאַלערע, ברויכט מען אַ מאָנומענט? ווען איך וואָלט

געווען אויף אייער פּלאַץ, וואָלט איך זיך אַלס פּראָטעסט אָפּגעזאָגט צו מאַכן די אַרבעט. זאָל דער פּלעק בלייבן אין דער געשיכטע! פאַרשטעלט אים נישט מיט קיין מאַרמאָר! מענטשן האָבן ליב טעאַטער. מ׳קען נאָך דאָ אַמאָל קומען און לייגן קראַנצן בלומען און דערמיט אָפּווישן דעם געוויסן. אויב דער מאָנומענט וועט ווערן אויפגעשטעלט וועט עס הייסן, אַז דער חשבון מיט די געטאָ־קעמפּער איז אויסגעגליכן.

— נישט אַנדערש, פּאַניענקאָ, ווי דו האָסט געהאַט אַ חתן צווישן די קעמ־פּער. אויב יאָ, טאָ גיב אויף אַ פּלעשל וואָדקאָ, וועט מען דיר ווייזן דעם מאָנו־מענט. אפשר וועסטו דיין חתן דערקענען?

— ס׳איז נישט נייטיק. איך דאַרף אים נישט זען אין אַ קאַלטן שטיין אויף דער פּוילישער ערד. איך וועל אים דערזען אַ לעבעדיקן אין אַ צווייטן קעמפער אויף אייגענער ערד.

— ביסט אַ ייִדישע?

— כ׳מעג שוין איצט זאָגן אַז כ׳בין אַ ייִדישע?

— פּאַר אונדז יאָ. אָבער ס׳זענען פאַרבליבן „שמאַלצאָווניקעס" וואָס קע־נען זיך גאַרנישט אָנזעטיקן מיטן מלחמה־רויב. יעדער אָפּגעראַטעוועטער ייִד איז זיי ווי אַ דאָרן אין אויג. מ׳האָט שוין אַ היפּש ביסל אָפּגעראַטעוועטע ייִדן אָוועקגעשאָסן און זיי צוגענומען די לעצטע פּאָר זלאָטעס. די פאָלקס־דעמאָקראַ־טיע וואָס שטעלט זיך ערשט אויף די פיס, קען דאָך נישט אין געציילטע וואָכן איבערמאַכן אַ פאָלק.

— דאַרף מען, הייסט עס, פונדאַנען אַנטלויפן?

— אָוודאי וואָלט געווען בעסער ווען איר פאַרלאָזט פּוילן. די „ראָזבויני־קעס" וואָלטן נישט געהאַט וועמען צו מאָרדן.

— טאָ פאַר וועמען שטעלט איר אויף דעם מאָנומענט? פאַר די פּאָליאַקן? זיי וועלן שטאָלצירן מיט אונדזער אויפשטאַנד? זיי וועלן באַזינגען אונדזער העלדישקייט? כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז דאָס געהערט צו דער מענטשלעכער קאָמעדיע.

— דאָס אַרבעטער־פאָלק וועט דעם מאָנומענט פאַרערן. מיר האָבן דאָך אויך געמאַכט אַן אויפשטאַנד און געגעבן קרבנות. אָבער די געטאָ־העלדן זענען פאַרט געווען די ערשטע. זיי האָבן דאָס מאָל אונדז אָנגעצייכנט דעם וועג. דערפאַר טאַקע קומט זיי דער מאָנומענט.

— פאַרלירט נישט קיין צייט, פּאַנאָוויע, מאַכט ווייטער! ס׳וועלן באַלד קומען דעלעגאַציעס פון דער גאַנצער וועלט, ס׳וועלן פלאַטערן פענער, ס׳וועלן שפּילן אָרקעסטערס. מ׳וועט דאָ זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער פון פרייהייט און ברידערלעכקייט. יאָגט אייך צו! נאָך אַזוי פיל ליידן נייטיקט זיך די מענטש־

הייט אין אַ נייעם ספּעקטאַקל. און אפשר וועט עס גאָרנישט זיין אונדזער מאָ־מענט, נאָר אייערער. איר וועט דאָך וויזן מענטשן פון שטיינער...

פיר שוואַרצע בונקער־ווענט אָן אַרויסגאַנג. די ווענט זענען געדיכט באַ־האָנגען מיט קונסט־בילדער. אויף די בילדער פאַלט אַ ראָזלעך־בלויער אָפּשיין. אויף אַ טיש — צוויי מאַריאָנעטקעס, אַ יונגערמאַן און אַ מיידל. די מוזיק שפּילט בעטהאָווענס „ביים לבנה־שיין״.

זי: ווער שפּילט דאָ בעטהאָווענען, ס׳איז דאָך אַ קבר?

ער: קיינער שפּילט נישט. דאָס זענען אָפּקלאַנגען פון אַמאָל.

זי: אָפּקלאַנגען? ווי קענען אָפּקלאַנגען אַדורכדרינגען אַזעלכע דיקע ווענט?

ער: די אָפּקלאַנגען זענען דאָ געווען איידער מ׳האָט געבויט דעם בונקער.

זי: זענען זיי נאָך אַלץ נישט אָפּגעשטאָרבן?

ער: ווייסטו דען נישט אַז בעטהאָווען איז אומשטערבלעך?

זי: כאַ־כאַ־כאַ! ער און זיין מוזיק איז אומשטערבלעך, אָבער אָפּקלאַנגען פאַרגייען דאָך ווי שאָטנס.

ער: ווי קענען זיי פאַרגיין בעת דער בונקער האָט נישט קיין טירן־פענצ־טער.

זי: אוי, ס׳באַפאַלט מיך אַ שרעק, טאָ ווי אַזוי וועלן מיר פונדאַנען אַרויס?

ער: צו וואָס דאַרף מען דעם דרויסן מיט מענטשישן רשעות, דאָ איז דיר דען שלעכט? האָסט דאָך מיר צוגעשווירן, אַז פאַר גרויס ליבע וועסטו אַפילו מיט מיר זיין אין אַ קבר. איצט געפעלט דיר גאָרנישט די וווינונג? זע ווי פּרעכ־טיק די ווענט זענען דעקאָרירט און האָרך זיך איין אין דער ווונדערבאַרער מו־זיק! ס׳גלוסט זיך ממש צו מאַכן אַ טענצל. נעם מיך אַרום און שווער נאָכאַמאָל אַז מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט שיידן!

זי: איך שווער דיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. מיינע שבועות זענען איבע־ריק. פילסטו דען נישט מיין ליבע און געטריישאַפט? וועלכעס מיידל וואָלט מיט דיר געוואָלט וווינען אין אַ קבר? מיר הייבן אָן ביים סוף, ביי דער לעצטער ווױ־נונג. נעם כאָטש צאַרט אַרום מיט ביידע הענט און גיב אַ פלאַמיקן קוש! וואָס נעמסטו נישט אַרום?

ער: אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן!

זי: ווי קען דיך טרעפן אַן אומגליק, ביסט דאָך נישט קיין מענטש נאָר אַ מאַריאָנעטקע.

ער: דאָס איז דאָך טאַקע דאָס אומגליק. מיין מאַריאָנעטן־ציִער וואָס האָט מיר געהאַט געבאָרגט זיינע צוויי פינגער בכדי צו קענען מאַכן דעם אָנשטעל אַז כ׳האָב הענט, האָט זיך ווייזט אויס, אַ קראַץ־געטאַן, אָדער האָט וועמען באַ־גריסט מיט די הענט, בין איך געבליבן אָן הענט. אַנטשולדיק איין האַנט האָט

ער מיר שוין צוריק אַריינגעשטעלט אין די שמאַטעס, די צווייטע דאַרף ער נאָך אַלץ פאַר זיך. דעריבער קען איך דיך נישט אַרומנעמען מיטביידע הענט.

זי: ס׳ווערט מיר אומעטיק.

ער: פאַרוואָס?

זי: ווייל מ׳איז נישט מער ווי מאַריאָנעטקעס. און ווייל דער מאַריאָנעטן־ציִער קען אונדז אַזוי לייכט צונעמען אַ האַנט, אַ פוס, און אַפילו די נשמה, טאַ צו וואָס, פרעג איך דיך, ברויכט מען דאָס גאַנצע שפּיל פון באַוועגן זיך? וואָס נוצט מיר דער אָנשטעל אַז מיר לעבן טאַקע? לאָמיר צוריק ווערן צוויי פאַרביקע שמאַטעס אין אַ קעלער! זאָל אונדז די פינצטערניש פאַראייניקן מיט איר שוואַרצער הילע!

די צוויי מאַריאָנעטקעס פאַרשווינדן. ס׳דערשיינען צוויי אַנדערע מאַריאָנעטקעס אין נאַצישע אוניפאָרמען. דבורה גיט אין שלאָף אַ שטאַרקן ציטער. זי דערקענט היטלערן און הימלערן.

הימלער: הייל היטלער! אייער באַפעל, פירער, איז פולשטענדיק אויסגעפירט.

היטלער: איר קומט פון טרעבלינקע?

הימלער: פון טרעבלינקע, פירער.

היטלער: נו...

הימלער: געזען אַן אומענדלעך טיף גרוב איבערפולט מיט יידישע סקעלעטן. איינער אויפן צווייטן מיט קאָפּ, הענט און פיס.

היטלער: נו...

הימלער: כ׳האָב איבער אַ שעה געקוקט, געקוקט און געשוויגן.

היטלער: וואָס האָט איר דען געדאַרפט רעדן? כאַ־כאַ־כאַ! די יידישע מתים האָבן דען אייך עפּעס געפרעגט?

הימלער: יאָ, פירער, זיי האָבן מיך געפרעגט מיט וואָס פאַרא רעכט און וועלכער געטלעכער באַפעל האָט זיי געהייסן אומברענגען?

היטלער: נו, האָט איר זיי כאָטש געזאָגט, אַז דעם באַפעל האָט געגעבן אונדזער אַלמעכטיקער פירער, פאַר וועמען עס בוקט זיך די גאַנצע וועלט? יאָ, יאָ, יאָ! די גאַנצע וועלט וועט בקרוב זיין אין מיין רשות. איך בין אַ גאָט, אַ גאָט, אַ גאָט!!!

דאָ האָט דער מאַריאָנעטן־ציִער אַרויסגענומען זיינע פינגער פון דער היטלער־פיגורקע און אויפן טיש איז געבליבן ליגן אַן אויסגעהוילטער מונדיר.

הימלער: פירער, פירער, פירער! וואָס איז פון דיר געוואָרן?...

אַ שטימע: אַ מונדיר. וואָס ציטערסטו הימלער? ווייסטו דען נישט אַז פון אַלע מיליטערישע געטער, פון אַלעקסאַנדער מוקדון ביז צום איטאַליענישן דור־

טשע און נאַצישן פּירער, איז נישט מער געוואָרן ווי אַ מונדיר וואָס איז פאַר־פוילט געוואָרן, כאַ־כאַ־כאַ! מאַכט־האָבער און געטער! אַזוי לאַנג ווי איך. דער שטן, האַלט מיינע הענט אין אייערע מיליטערישע שמאַטעס, קענט איר זיך באַ־וועגן און אַרויסגעבן באַפעלן, אָבער ווי נאָר מיין שטימע הערט אויף אין אייך אַריינצורעדן און כ׳נעם צו פון אייך מיינע הענט, ווערט איר מונדירן. נאַפּאָלעאָן איז אייך געוואָרן אַ מונדיר. נעראָן און איוואַן דער גרויזאַמער זענען אויך גע־וואָרן מונדירן. און ווער פון די מיליטערישע מאַכט־האָבער דען נישט? כאַ־כאַ־כאַ! און אויב מענטשן אין מונדירן ווילן ווערן געטער, ווערן זיי תכריכים. אַזוי איז עס געווען און אַזוי איז עס פאַרבליבן. לייג ס׳קעפּל, הימלער, און ווער אַ מונדיר! כאַ־כאַ־כאַ!

דער בונקער ווערט כהרף־עין איינגעהילט אין פלאַמען. די געמאָלענע ייִדן פון די קונסט־בילדער לויפן בהלהדיק אַרויס פון די ראַמען. איינער לויפט מיט אַ ספר־תורה אין לינקן אָרעם. זיינע ציצות און באָרד,ביידע צעפלאַשעט אין דער לופט. גיבן פאַר איר אַ שוועב און פאַרשווונדן. אַ צווייטער ייִד לויפט אין די פלאַמען אַרום מיט אַ חופּה. די כלה אין ווייסן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שוואַרץ געשטאַלט. זי רויכערט זיך אויס ווי דינע צויטן פון אַ שוואַרץ מלבוש. אַלץ ווערט אין בונקער פאַרברענט, אָבער עס הערן זיך ייִדישע ניגונים. ס׳שפּילט ווער די „התקוה״. אַ כאָר זינגט די בונדישע שבועה, איינער פאַרציט אַ גערער ניגון, אַ צווייטער אַן אַלעקסאַנדערער ניגון און אַ דריטער גאָר אַ מאַזשיצער ניגון. אַ צווייטער כאָר זינגט „תחזקנה״. אַ דריטער — די פּועלי־ציוניסטישע שבועה. ס׳נעמען אויפסניי פלאַטערן פענער. זיי ווערן אָבער גלייך פאַרברענט.

שטן: געוואַלד, געוואַלד! אַלץ קען איך פאַרברענען, אָבער נישט די ניגו־נים. די ניגונים זענען דיבוקים, וואָס גייען פון איין גוף אַרויס און אין צווייטן — אַריין. כ׳קען די ניגונים נישט טויטן. כ׳האָב זיי אַפילו נישט געקענט פאַר־גאַזעווען. גאָט, גאָט, צוליב די ניגונים האָב איך אויך ביים דריטן חורבן פאַר־שפּילט. נעם צוריק די מאַכט און זאָל זיך מיין פינצטערע ממשלה ענדיקן!

די פלאַמען פאַרלעשן זיך. ס׳ווערט בראשיתדיק שטיל.

***

זי זעט אַ לאַנגע ריי סקעלעטן פון מענער, פרויען און געציילטע קינדער, שטויסן זיך צום איינגאַנג פון אַ רעגירונגס־געביידע. אַ דייטשע פאָן אָן אַ האַקנ־קרייץ פלאַטערט איבער זייערע קעפּ. פּוילישע פּאָליציאַנטן פאַרנעמען זיך מיט דער אָרדענונג. זיי רעדן צו די ייִדן מיט אַן איבערגעטריבענער העפלעכקייט, אָבער אָנשטאָט „פּאַן״ און „פּאַני״ הערט מען נאָכאַנאַנד „אָביוואַטעל״ און „אָבי־וואַטעלקאַ״.

זי לויפט צו און גיט די ערשטע־בעסטע פרוי אַ פרעג:

— וואָס קומט דאָ פאָר?

— דו ווייסט נישט? האָסט נישט געלייענט די אַפישן? זיי וועלן דאָך צאָלן „ווידערגוטמאַכונג". מ׳דאַרף דערווייל מאַכן ביטעס און אָנגעבן דאָס פאַרלוי־רענע פאַרמעגן פון די אומגעקומענע.

— כ׳פאַרשטיי גאָרנישט. ווידערגוטמאַכונג? דאָס וואָרט ווירקט אויף מיר ווי אַ האַמער איבערן קאָפּ. ווי קען מען אַזאַ שווידערלעכן חורבן ווידערגוטמאַכן? איז דען פאַראַן אַזאַ סומע גאָלד אויף דער וועלט וואָס זאָל זיין אימשטאַנד אויס־צוגלייכן אונדזער חשבון? איך ווער משוגע! דער מוח פּלאַצט מיר! דאָס האַרץ פּאַלט מיר פון לייב אַרויס! כ׳קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן אַז ייִדן זאָלן שטיין אין דער ריי און מסכים־זיין. זיי וועלן דאָך אַוודאי וועלן אַז פאַר דער גישטיקער סומע זאָל מען זיך אונטערשרייבן. אונדזער חשבון איז, הייסט עס, אויסגע־גליכן. מיר האָבן צו זיי מער קיין טענות נישט... גאָט מיינער, האָט זיך געלוינט דאָס צו דערלעבן?

זי קניפּט זיך אין חלום אויס אירע באַקן און לאָזט אַרויס אַ מוראַדיקן קוויטש.

מ׳הערן זיך שטימען פון מענער און פרויען:

— קינד מיינס, מיר האָבן אַלע אַזוי געטענהט ווי דו. אָבער אַז מ׳האָט זיך אָפּגעקילט, האָט מען זיך דערטראַכט, אַז אַלצאיינס וועט מען דאָך אונדזערע טויטע מער נישט לעבעדיק מאַכן, טאָ פאַרוואָס און פאַרוועז זאָל מען נאָך ביים שונא לאָזן אונדזער אָנגערויבט פאַרמעגן? ווייניק איז זיי וואָס זיי האָבן אונדז צוגענומען מיליאָנען נשמות, זאָלן זיי נאָך ווערן אונדזערע יורשים אויך? רעד נישט קיין נאַרישקייטן, טאַטערשי, גיי בעסער אַריין אין דער קאַנצעלאַריע און נעם א פראַגע־בויגן צום אויספילן! ביסט פון אַ רייכער היים?

— מיר האָבן געהאַט אַ הויז אויף... אַ פאַרמעגן.

— אַ הויז? וועסטו אָפּנעמען אַ מאַיאַנטעק. אויף מיר געזאָגט אַזאַ פראַשעק! וואָס שטייסטו און גלאָצסט מיט די אויגן? טו וואָס מ׳הייסט דיר! גיב אָן די צאָל קרבנות!

— מיין טאַטעשי מיט די מאַמעשי?

— יאָ, יאָ!

— און וואָס וועט זיין?

— וואָס ס׳וועט זיין מיט אַלע, וועט זיין מיט דער כלה. וויפל מ׳וועט צאָלן פאַר אַ קרבן אַזויפיל וועסטו באַקומען.

— פאַר מיין מאַמעשיס אַש? פאַר מיין פאַטערס פאַרגאַזעוועטן גוף? גאָט

מייגער, ווו בין איך, ווו געפין איך זיך? דער נאָך־חורבן איז דאָך פיל שווידער־לעכער ווי דער חורבן. גענוג, גענוג! ווערגט מיין האַלדז הענט מיינע! שטאַר־קער, שטאַרקער! אָט אַזוי. אָט אַזוי.

איר קאָפּ איז האַסטיק אַראָפּגעזונקען אויף דער ברוסט. זי האָט אַרויסגע־לאָזט אַ כאָרכלדיקן אָפּזיפּץ און באַלד האָט זיך איר גוף אַ טרייסל געטאָן. זי איז געבליבן ליגן מיטן פּנים צו דער וואַנט.

קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

ווּעסטאַ האָט זיך אויסגעלאָשן

ס'איז געווען אַרום פינף אַזייגער פאַרטאָג.

יורעק איז אויפגעשפּרונגען פון דער שלאָף־באַנק, אַריינגעקראָכן אין זיין פּאַטערס שטעקשיך, און מיט אַ ניי־דערוואַכטן אומרו, האָט ער גענומען אַרומשפּאַנען אין מאַרישאַס קעלער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און כמעט נישט דערזען די מעבל־שטיקער וואָס זענען נאָך געווען פאַרזונקען אין שאָטן.

ער האָט זיך צוגעשטעלט צום פענצטערל און אַרויסגעקוקט. אויפן פאַרהענגל איז געפאַלן אַן אָפּשיין פון אַ פרימאָרגן־בלוי, געמישט מיט אַ גאָלדיקן ראָז. אַ בראשיתדיקע שטילקייט און שלווהדיקייט איז איצט נאָך געווען אויסגעשפּרייט איבער הימל און ערד. אַ זיסער פויגל־געסוויטשער האָט געשפּילט אין דער לופט. פון צייט צו צייט האָבן אַ פּאָר פויגלשע פליגעלעך אויף אַ רגע זיך געצייכנט אויפן פאַרהענגל און כהרף־עין פאַרשווונדן. ס'האָבן זיך נאָך פון ערגעץ גישט דערטראָגן קיין מענטשישע טריט. לויטן אָפּשיינענדיקן ליכט־פלעק אויפן פאַרהענגל האָט ער דערפילט דעם ניי־געבוירענעם יונ־טאָג, וואָס וויקלט זיך אַרויס פון גאָלד־ראָזעווע שלייערן און וועקט אַ ווילן צו זיין פריי ווי די אַרומשוועבנדיקע, טשיריקענדיקע פייגעלעך. אָט שפּרינגען זיי אַרום אויף דער צווייג; און אויגנבליקלעך אויף יענער צווייג; אָט — אין אַ בלומען־טאָפּ פון אַ באַלקאָן פון אַ פריער וווינונג; און נאָך אַ פינטל מיטן אויג — אויף אַ פאַרקראַטעוועט פענצטערל פון דער „פּאַוויאַק"־תפיסה. אָט שוועבן זיי אַרום אין זאַקסישן גאָרטן; און באַלד פלאַטערן זיי אויף אַ מאַסן־קבר פון געטאָ.

ער האָט זיך דערפילט ווי אַריינגעוועבט צווישן ליכט און שאָטן; צווישן נאַכט און טאָג; צווישן לעבן און טויט. ס'האָט אים גענומען באַהערשן אַ טיפע בידערגעשלאָגנקייט. דער אויפגייענדיקער פרימאָרגן איז אים פאַרגעקומען ווי אַ געטלעכער סוד, וואָס וועט אפילו אַ רגע פאַרן געשען, גאָרנישט מגלה־זיין. זייבע ליפּן האָבן ווי בעת אַ תפילה גענומען שעפּטשען:

פינצטער אומעטום... טויב אומעטום...

וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?...

ס'האָט זיך אים געוואָלט פאַררויכערן. ער האָט אין דער טונקלקייט גענומען אַרומזוכן זיין פּאַטערס לולקע. ער האָט פאַרזיכטיק אָנגעצונדן אַ שווע־

בעלע. דבורהס פּיזשאַמע פאַרמירט ווי איר שלאַנקער גוף, האָט אים אויף אַן אויגנבליק אַ בלענד געטאָן. ער האָט געמומען די ליידיקע לולקע אין מויל אַריין און אַריינציִענדיק אין זיך דעם ריח פון טאַבאַק, האָט זיין מוח אָנגעהויבן אַרבעטן:

„פאַר דבורהן וואָלט שוין געמעגט זיין גענוג. אַזאַ איידעלע וווּנדערשיינע פלאַנץ! גיי און שלעפּ זי אויפסניי אַרום אין די פאַרטיזאַנען־וועלדער! מ׳ווייסט דען מיט וועמען מ׳וועט זיך טרעפן און פאַר וואָסערע נייע נסיונות מ׳וועט ווי־דער דאַרפן שטיין? און דער וועג אַהינצו? אפשר פאַר דבורהן דאָ אויסזוכן אַ מלינה? אויף מיאַדאָוואַ און סענאַטאָרסקאַ האָב איך, דאַכט זיך, גוטע באַקאַנטע פּאָליאַקן. האָבן זיי אָבער יונגע זין. די אייפערזוכט וועט מיך גריזשען. און די בענקשאַפט? קען איך באמת מער נישט לעבן אָן איר? אפשר בין איך פאַר איר נישט מער ווי אַ ברודער פון אַ פינצטערן גורל? זי האָט זיך דאָך געוואָלט צו־ריקציִען פון קאַנאַל און צוריקגיין צו איר טויטן דוד. איך קען אַמאָל, ביי מיין גאַנצן מסירת־נפש, פאַר איר זיין מער טויט ווי דוד. אָבער הער נאָר, יונגערמאַן, וואָס גיסטו נישט קודם־כל אַ טראַכט וועגן דיינע עלטערן? ווייסטו אַז דיין מאַ־מע האָט פריִער באַוויינט דיין גורל ווי איר אייגענעם. און דער טאַטע דיינער האָט, מיינסטו, אויף איין רגע פאַרגעסן אַז דו ביסט אין געטאָ. האָסטו דען געזען מיט וואָסערע מכשירים מ׳האָט זיי געפּייניקט, בכדי פון זיי אַרויסצופּרעסן ווו דו געפינסט זיך?

דאָ האָט אַן אַלט הילצערן בעט אַ קרעכץ געטאָן און מאַרישאַ האָט זיך מיט אַ ווילדן בליק אויפגעכאַפּט.

— יורעק?! דו שלאָפסט נישט? גוט מאָרגן!

— שריי נישט אַזוי, מאַרישאַ, דו וועסט אויפוועקן דבורהן. אַ שעה ווייני־קער שרעק איז אויך גוט.

— זי האָט געהאַט אַ ביטערע נאַכט. — האָט מאַרישאַ אָפּגעזיפצט. — זי האָט געמאַכט געוואַלדן, גערעדט הויך אויפן קול. זי האָט זיך אָקאָרשט באַרויִקט.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס. כ׳בין אַ היפּש שטיקל צייט געזעסן ביי איר בעט און זיך איינגעהערט אין אירע קאָשמאַרן. און וואָלט זיך כאָטש איצט שוין אַלצדינג געענדיקט! אָבער, מ׳דאַרף אויפסניי אָנהייבן. איבערגיין פון חורבה־קאַמפן צו וואַלד־קאַמפן. איך בין אויך שוין אַ היפּש ביסל מיד, איבערהויפּט — דבורה.

מאַרישאַ האָט אים אין דער האַלב־טונקלקייט אָנגעקוקט.

— וואָס רעכנסטו צו טאָן?

— כ׳ווייס גאָרנישט. צוויי אונטערערדלער דאַרפן דאָ אָנקומען גאַנץ פרי. ס׳איז שוין אַלץ צוגעגרייט. ס׳קען זיין אַז מיר וועלן דאָ בלייבן אין אונטער־גרונט? כ׳בין אָבער שטאַרק מספק. די געשטאַפּאָ זוכט דאָך אַרום דאָס קליינע רעשטל לעבנגעבליבענע קעמפער. מיר וועלן אוודאי מוזן אַוועק אין די וועלדער. מ׳וועט באַלד באַשטימען. דערווייל, מאַרישאַ, ביים איינקויפן, פאַרגעס מיר נישט

פאַר אַלע פּרייזן מיטצוברענגען אַ פּעקל טאַבאַק! כ׳ווער ממש משוגע! כ׳האָב כמעט נישט צוגעטאָן קיין אויג. די שרעק ווערט איצט נאָך פיל שטאַרקער. כ׳פיל און ווייס פאַרוואָס.

מאַרישאַ איז געבליבן זיצן אין בעט אַן אָפּהענטיקע. זי האָט אַ צעטומלטע אָנגעקוקט יורעקן.

— ס׳דאַרפן דאָ קומען פרעמדע מענטשן? דו מיינסט אַז כ׳האָב נישט קיין מורא פאַר די שכנים. אָבער כ׳האָב קיינעמען נישט אויסער דיך. לאָז זיך מיר דאַכטן אַז כ׳האָב אַ זון אין דיין לאַגע. גיי אַוועק פון בעט, יורעק! כ׳גיי זיך שוין אָנטאָן. מ׳מוז אַרומרוימען און עפּעס צוגרייטן פאַר דיינע מענטשן. כ׳בעט דיך — האָט זיך מאַרישאַן עפּעס געמישט אין קאָפּ — וויפל טעג האָבן מיר היינט אין יוני?

— דעם ערשטן. — האָט יורעק געעפנט זיין רוקזאַק און גענומען איבער־פּאַקן זיינע זאַכן. — דו ווייסט מאַרישאַ, פאַר דער פאַננאַ, וועסטו מעגן אויס־זוכן עפּעס אַן עלעגאַנט קלייד. די „שמאַלצאָווניקעס" האָבן דאָך שפּיזיקע אויגן. גראַנאַטענע פּאָליציי, דייטשע שפּיר־הונט און כלערליי שוואַרצע יאָרן.

— כ׳וועל באַלד עפּעס אויסזוכן. כ׳ווייס נישט צי כ׳זאָל מאַכן פייער אין דער קיך, צי כ׳זאָל אָנצינדן אַ פּרימוס־מאַשינקע. אויסער אַביסל געקעכץ, וועל׳ך דאַרפן וואַרעמען דאָס פרעסאייזן. די „דושע" פון גרויסן אייזן איז מיר עפּעס קאַליע. כ׳וועל באַלד זען וואָס פאַראַ וועטער ס׳שטעלט זיך. אפשר וועט מען פאַר דער פאַננאַ גאָר דאַרפן אויספּרעסן אַ קאָסטיום?

— איך וועל דיר צוהעלפן, מאַרישאַ.

— וואָס מענער קענען מיר שוין העלפן. — האָט זי אַרויסגעזיפצט און אָנ־געצונדן דעם נאַפט־לאָמפּ. ביים שיין פון נאַפט־לעמפל — נאָכאַמאָל אָנגעקוקט יורעקן. זי האָט אַ שטאַרקן ציטער געטאָן.

— דו וועסט דיר נישט אַראָפּנעמען ס׳בערדל, זון מיינער?

— כ׳ווייס נישט. אפשר דאַרף איך האָבן דאָס בערדל אויפן וועג צום וואַלד. כ׳וועל הערן וואָס מיינע חברים וועלן זאָגן. גלייב מיר, מאַרישאַ, אַז כ׳ווייס נישט וואָס כ׳פּאַק. כ׳לייג די זאַכן אַהין און אַהער. אַזוי ווי כ׳ווייס דערווייל נישט וואָס צו טאָן מיט מיין אָפּגעראַטעוועט לעבן; ווייס איך נישט... לאָמיך נאָר זען וואָס דבורה האָט דאָ אין איר רוקזאַק!

צוגייענדיק צו דבורהס רוקזאַק, האָט יורעק דערהערט ווי דער הונט איז אַרויסגעשפּרונגען פון קויש מיט אַ ביל. דער הונט האָט זיך איצט, נאָך פיל מער ווי נעכטן, אַ טוליע געטאָן צו יורעקן און אים גענומען אַרומלעקן.

— שווייג, רעקס! — האָט יורעק אַנידערגעקניט און ליבלעך גענומען גלעטן דעם הונט. — דערמאָנסט זיך, רעקס, אַז ווען די פאַננאַ איז געווען אין אונדזער

וווּינונג, ביסטו געזעסן אויף איר שויס און זי האָט דיך געצערטלט ווי אַ קינד. ווען זי וועט אויפשטיין פון שלאָף, וועט זי דיך ווידער צערטלען. און... מיר וועלן זיך מיט דיר באַלד מוזן שיידן. אָרעמער רעקס! צו וואָס ביסטו אַריינגעפאַלן צו געפּלאָגטע מענטשן? ביי אַ קריסטלעכן מסור, אָדער ביי אַ פאַרברעכער, וואָלט דאָך דיר איצט געווען בעסער. וואַרט, וואַרט! מאַרישאַ וועט דיך באַלד מיטנעמען אין גאַס אַריין. דו מעגסט פראַנק און פריי. איך? האָסט געבענקט, רעקס? וועסט באַלד אויפסניי אָנהייבן בענקען. — האָט יורעק זיין קאָפּ צוגעטוליעט צום הונט און האָט זיך מיט אַ הינטיש אויערן־לעפל געגומען רייבן אַ שלייף.

דער הונט איז צוגעשפּרונגען צום פענצטערל און אַרויסגעקוקט. פון די הימלען האָט זיך דערטראָגן אַ שטאַרקער געדרויש וואָס האָט נאָכאַנאַנד געעגבערט די לופט. דער אָפּשלאָגנדיקער געזשום האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע ווײַלע און פאַרטריבט די ערשטע פרימאָרגן־טריט, וואָס האָבן שוין דאָ און דאָרט געגומען אָפּהילכן אויף די טראָטואַרן. אויטאָמאָבילן און דראָזשקעס האָבן אָנגעהויבן פאַרביישוועבן, צייכנענדיק אויף די שייבלעך שאָטנס פון רונדיקע קרייזן, וואָס האָבן זיך געראָלעוועט אין יורעקס אויגן ווי רעדער פון מענטשישע מזלות.

באַלד האָט זיך דער הונט אויסגעצויגן פאַר דבורהס בעט און איז אַזוי אין דער פּאָזע געבליבן ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן.

יורעק האָט אין דער רגע אַ שטאַרקן ציטער געטאָן. מאַרישאַ האָט לאַנגזאַם, פאַרזיכטיק געעפנט די טיר. ער האָט געזען ווי זי טראָגט אַרויס די קאַנאַל־מלבושים. דער איבלדיקער ריח וואָס איז דאָ אַ נאַכט אַ גאַנצע געשטאַנען אין דער קעלער־לופט, האָט איינציקווייז געגומען אויסוועפן.

בעת מאַרישאַ האָט זיך אַן אויסגעבלייכטע צוריק אַריינגעשלייכט, האָט זי מיט אַ לאַנגן שטעקן אַ קאַפּיטשקע אויפגעשפּאַרט דאָס פענצטערל, אויסגעהוסט זיך און זיך אַרומגעקוקט אַ פאַרטראַכטע.

— יורעק, — האָט זי שטיל געזאָגט. — נעם דאָ דאָס שפּאַנישע ווענטל וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אייערע היימישע מעבל־שטיק און שטעל עס אַוועק ביי דער פאַננאַ׳ס בעט! ס׳דאַרפן דאָך קומען מענער. כ׳האָב נישט קיין האַרץ זי אַזוי פריי אויפצוּוועקן. זי איז ערשט מיט אַ שעה צוריק איינגעשלאָפן.

— און ס׳וועט איר נישט זיין צו דושנע?

— ס׳איז דאָך דאָ קיל ממש ווי אין אַן אייז־קעלער. דו ווילסט כ׳זאָל דיר העלפן?

— כ׳וועל מיר שוין אַליין אַן עצה געבן. — האָט ער צוגעשטעלט דאָס ווענטל. — זעסט, מאַרישאַ, רעקס האָט אויך ליב דבורהן. ער וויל זיך דאָך גאָרנישט אָוועקרירן פון בעט.

מאַרישאַ האָט אויף יורעקן אָנגעשטעלט אירע גוטמוטיקע אויגן.

— כ'בעט דיך, יורעק, דו האָסט די פּאַננאַ ערנסט ליב?

— ביז משוגעת, מאַרישאַ.

— אפשר זאָלסטו זי בעסער שוין דאָ ערגעץ איינקוואַרטירן? זי קאָן אָנגיין פאַר אַ פּוילישע דינסט אָדער פאַר אַ קראַנקן־שוועסטער.

— איין מינוט, מאַרישאַ! — האָט יורעק פאַרריסן דעם קאָפּ צום פענצטערל. — דו זעסט, מאַרישאַ, אַ שוד? דו זעסט אַ פּאָר הענט וואָס פאַרבינדן זיך די שנוראָוואַלדעס? דאָס איז אונדזערס אַ מענטש וואָס פרעגט מיך, דורך דעם אָפּגערעדטן צייכן, צי מ'קען אַראָפּקומען.

מאַרישאַ איז געבליבן שטיין מיט פאַרבראָכענע הענט און מיט שרעק אין די אויגן געקוקט צו איר פענצטערל.

יורעק האָט צוגעלייגט דאָס רעכטע אויער צו דער טיר. מ'האָט לייכט אָנגעקלאַפּט. די טיר האָט זיך פּאַוואָלינקע געעפנט.

מאַרישאַן האָט פאַר שרעק ממש גענומען בלענדן פאַר די אויגן. זי האָט ווי דורך אַ נעפּל דערזען ווי צוויי עלעגאַנט־געקליידעטע מענער, אַ יינגערער און אַן עלטערער, זענען מיט אַן אומגעצוימטן התלהבות אַרויפגעפאַלן אויף יורעקן און האָבן אים פלאַמיק גענומען קושן. זי האָט געהערט צוויי באַגייסטערטע שטימעס:

— כ'האָב שוין געציילט די שעהן דיך צו קומען זען, יורעק! ביסט אַ כוואַט וואָס האָסט דיך באַוויזן אַרויסצורייסן פון קאַנאַל. כ'קוק אויף דיר ווי אויף אַ נס. ס'פעלן נישט קיין קרבנות. אָבער מ'האָט געטאָן אַלץ וואָס מ'האָט געקענט. מ'האָט זיך פאַר אייך איינגעשטעלט ס'לעבן.

— אוי, יורעק, יורעק! — האָט זי דערהערט אַ צווייטע שטימע. — כ'קוק אויף דיר און כ'גלויב אַלץ נישט מיינע אייגענע אויגן. מ'האָט אַ היפּש ביסל חברים, מיידלעך און פרויען, אונטערגעכאַפּט. זיי פאַרזיכטיק! זיי זוכן און נישטערן אין אַלע לעכער. אַלע קאַנאַל־עפענונגען וואָס גרענעצן זיך מיט דער „אַרישער זייט" זענען באַוואַכט. אונדזערע פּוילישע חברים האָבן אַרויסגעוויזן גרויס מסירת־נפש. שטעל אַ וואָדקאַ, יורעק, לאָמיר טרינקען אויף אַ פולשטענדיקן נצחון, אויף אַ פריי דעמאָקראַטיש פּוילן!

— יוליוש, אַדאַם! — האָט יורעק אויפסנייי זיך אַ טוליע געטאָן צו זיינע צוויי חברים. — קודם דערלאַנגט צו פאַרויכערן! קומט צו צום טיש! מאַרישאַ, דו וועסט אָוועקשטעלן דעם נאַפט־לאָמפּ און דעם פאַרהאַנג לאָזן אַ קאַפּיטשקע אָפּן.

— אָ, מ'האָט פאַר פרייד פאַרגעסן צו באַגריסן מאַרישאַן, — האָבן די צוויי חברים זיך פאַרנייגט.

די צוויי חברים האָבן זיך אויסגעזעצט ביים טיש. מאַרישאַ האָט גענומען

אַרויפשטעלן די בעסטע זאַכן וואָס זי האָט נאָך פאַרמאָגט. אַ האַלב פלעשל שנאַפּס און דריי גלעזער האָבן אַ קלונג געטאָן אויף אַ טאַץ. מאַרישאַ האָט זיך אַנטשולדיקט, אַ כאַפּ געטאָן איר קוישל, גערופן דעם הונט און צוגעשפּאַנט צו דער טיר. דער הונט האָט דאָס מאָל זיך נישט גערירט פון אָרט. מאַרישאַ האָט זיך אַליין אַרויסגעשלייכט.

— קודם, חברים, דערציילט עפּעס נייעס! — האָט יורעק געזאָגט אַ צע־שמייכלטער. — וואָסערן אָפּקלאַנג האָט אונדזער אויפשטאַנד געהאַט אין דער וועלט? וואָס זאָגט אונדזער ראַדיאָ „שוויט“? מילא, אויפרופן קענען נאָך אויף שונאים ווירקן ווי פּחדנות, אָבער אַן אויפשטאַנד מיט ווייניק מענטשן און ווייניק כלי־זיין? הויבט די גלעזער! דערמוטיקט מיך מיט אַ גוט וואָרט!

יוליוש, אַ בלייכער יונגערמאַנטשיק מיט אַ דין דאַמסקע נעזל באַזעצט מיט אַ פּאָר דיקע קאַנטיקע גלעזער אָן ראַמען, האָט אויף יורעקן אָנגעשטעלט זיינע איבערגעשראָקענע יידישע אויגן און געזאָגט:

— אונדזער אויפשטאַנד האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין דער וועלט. און ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט אויסזען, האָט דער אויפשטאַנד געמאַכט דעם שטאַרקסטן רושם דווקא אויף די נאַצישע מושלים גופא. מיר לייענען דאָס אַרויס צווישן די שורות פון זייער היגער און אויסלענדישער פּרעסע. מיר הערן דאָס אַרויס פון זייערע ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן. מיר דערקענען דאָס אין די דעמי־סיעס וואָס עס האָבן באַקומען דער גובערנאַטאָר פישער און עס־עס־אָנפירער, פאָן זאָמערן. נאָך דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון די קראָקעווער און סטאַ־ניסלאַווער געטאָס, האָבן זיי דאָ, ביי אונדז, צום ערשטן מאָל אָנגעטראָפן אויף אַזאַ האַרטנעקיקן און מסירת־נפשדיקן ווידערשטאַנד. ערשט איצט וועלן זיך אָנרופן אַנדערע געטאָס און קאַצעטן. דער אויסדרוק: „לויטן ביישפּיל פון וואַר־שעווער געטאָ“, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ לייכט־טורעם אין דער שפּיץ פון אונדזער אונטערערדישער פּרעסע. דער מאָסקווער ראַדיאָ האָט אויך, ריידנדיק צו זיינע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, זיך באַנוצט מיטן פּאַראָל: „לויטן ביישפּיל פון וואַרשעווער געטאָ“. אונדזערע פענער אין געטאָ האָבן הויך אויפגעהויבן די פענער אין די הענט פון אַלע פרייהייטס־קעמפער פון אונטערדריקטן אייראָפּע. מיר זענען געוואָרן סימבאָלן פון מוטיקייט און העלדישקייט. אַ יידיש־פּוילישער פּאָעט האָט שוין אין „בייע וועגן“ פאַרעפנטלעכט אַ פּאָעמע: „קידוש השם“, דריקט ער זיך דאָרט אויס, אַז מיר זענען נישט מער קיין קידוש־השם־יידן מיט טליתים איבערן קאָפּ, נאָר קידוש־השם־יידן מיט געווער אין די הענט. אַן אַנדע־רער פּאָעט האָט אין „וואָלקאַ“ געווידמעט אַ פּאָעמע אונדזערע העלדישע מיידלעך. די פּאָעמע הייסט „וועסטאַ“, די געטין פון פייער. אונדזערע מיידלעך זע־נען, הייסט עס, געטינס פון פייער. מיר הייבן אָן ווערן העלדן פון דער נייער

מיטאָלאָגיע. אָבער וויפל עס זענען אונדז פאַרבליבן פון די פינף־און־דרייסיק טויזנט יידן וואָס האָבן נאָך געלעבט פאַרן אויפשטאַנד, ווייסט נאָך דערווייל קיינער נישט. און אונדזער טראַגעדיע איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט.... — איז יוליוש מיטן גלאָז אין האַנט געבליבן זיצן אַן אומבאַוועגלעכער.

— ווער ס׳האָט אַמאָל אייך געוואָלט טשעפּען, פלעגט זאָגן: „דו ביסט אַזוי טרויעריק ווי אַ ייד״, — האָט אַדאַם אַרויסגעלאָכט. — אַז אין אַ מלחמה פאַלן מענטשן, יידן ווי נישט־יידן, איז דאָך קיין נייעס נישט. אָבער מיר קענען דאָך שוין איצט מיט פיל נצחון־פרייד פעסטשטעלן, אַז די נאַציִשע ממשלה גייט צום גרונט. דאָס יאָר וואָס האָט זיך פאַר די דייטשן אָנגעהויבן מיט אַ פול־שטענדיקער מפּלה ביי סטאַלינגראַד, האָט דאָך ראַדיקאַל געענדערט דעם גאַנצן גאַנג פון דער מלחמה. די מעכטיקע כוואַליע פון קאַמפן קעגן פאַשיסטישן אַקס, באַווייזט אַז זייער גורל איז שוין באַשטימט.

אַדאַם האָט אַראָפּגעצויגן דאָס לעצטע ביסל וואָדקאַ און ווייטער גערעדט:

— דאָס פאַשיסטישע איטאַליע האָט אין רוסלאַנד געהאַט ביי דער זייט פון דער דייטשער אַרמיי, אַן איטאַליענישע הילפס־אַרמיי, וואָס האָט געליטן שרעקלעכע פאַרלוסטן. נאָך דער קאַטאַסטראָפאַלער שלאַכט ביים דאָן, איז פון איר פּאַקטיש גאָרנישט געבליבן. באַנאַנד מיטן פאַרשווינדן פון דער לעגענדע, אַז די דייטשע אַרמיי איז אומבאַזיגבאַר, איז געוואַקסן די שנאה צו די דייטשן און צו דער פאַשיסטישער דיקטאַטור. די איטאַליענער האָבן גענומען אייַנזען אויף ווי ווייט דער פאַשיזם האָט פאַרפירט זייער לאַנד. דאָ און דאָרט זענען שוין אין איטאַליע אויסגעבראָכן לאָקאַלע שטרייקן. די אַרבעטערשאַפט האָט אַזוי־אַרום קלאָר דעמאָנסטרירט, אַז זי נעמט אויף דעם קאַמף קעגן פאַשיזם. אין מערץ האָבן די שטרייקן אין מילאַן און טורינאָ דערלאַנגט דעם פאַשיזם די ערשטע טויט־קלעפּ. מ׳שמועסט אין אונדזערע פּאָליטישע קרייזן, אַז גאָר בקרוב וועלן די פאַרבינדעטע לאַנדן אין סיציליע. מוסאָליני און היטלער דאַרפן זיך אין נאָענטסטן חודש צוזאַמענטרעפן. אין די היטלעריסטישע פּאָליטישע קרייזן פילט מען שוין באַצייטנס דעם קומענדיקן איטאַליענישן ווידערשטאַנד. אָט ווו עס ליגט די גרויסע באַדייטונג פון דער איצטיקער פּאָליטישער לאַגע. איך בעט אייך, חברים, מיך נישט חושד זיין, אַז דערמיט וויל איך חלילה אויף אַ האָר אונטערשאַצן דעם יידישן געטאָ־אויפשטאַנד.

יורעק האָט אַ שטאַרקן צי געטאָן ביי זיין פּאַפּיראָס און ווערנדיק איינגע־הילט אין בלוילעכע שלענגלעך רויך, האָט ער באַטראַכט אַדאַמען. אַ גרויסער קאָפּ פון אַ קרעפטיקן פופציק־יאָריקן מאַן, האָט פאַר אים ווי פון אַ נעפּל אַרויס אויפגעטויכט. פון אַדאַמס גאַנץ־קורצע דיקע נאָז איבער אַ זעלטן־ברייטער אויבער־ליפּ, האָבן זיך נאָכאַנאַנד געשלענגלט קרייזעלעך רויך און האָבן ווי מיט

אַ בלוילעכן טיול איבערגעצויגן די הויט פון זיין טונקל פּנים, וואָס האָט דערמאָנט אין דער האַרטער קאָרע פון דעמבאָווע ביימער. אויף זיין לינקער באַק האַרט ביים מויל־ווינקל — אַ גאַנץ טיף גריבעלע, ווי געבוירן אויפצונעמען אַ ריזלדיקע טרער, אָבער אַדאָם האָט געהערט צו די נאַטורן וואָס וויינען נישט און בייגן נישט דעם קאָפּ פאַר אַ שטורעם.

— סטאַלינס פונאַנדערלאָזן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט אויך שטאַרק צעטומלט די פאַשיסטישע דיקטאַטאָרן, — האָט יוליוש געזאָגט קוקנדיק אויפן האַנט־זייגערל. — די אומלעגאַלע פּוילישע פּרעסע ברענגט די דערקלערונג וואָס סטאַלין האָט דאָ לעצטנס געמאַכט פאַרן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט קינג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דאָ ביי אונדז אין לאַנד האָט איצט אַ רעכט צו האַנדלען לויט איר אייגענעם איינזען. זי דאַרף מער נישט וואַרטן אויף די אָנווייזונגען פון מאָסקווע.

— אויב אַזוי, — האָט יורעק געזאָגט, — האָבן מיר דאָך אַ גרונט צו האָפן, אַז דער אויפשטאַנד דאָ אויף דער „אַרישער זייט", זאָל נאָך דאָס יאָר אויסברעכן.

— ביסט נאַיִוו, יורעק! — האָט אַדאָם געלאַכט. — דער פּוילישער אויפשטאַנד וועט נישט אויסברעכן פריִער ווי די רויטע אַרמיי וועט שטיין ביי דער ווייסל.

— וואָ־עס?

— דאָס וואָס דו הערסט. יוליוש, לאָמיר גיין! גיב יורעקן אַוועק די קענקאַרטעס! דו הייסט איצט יוזעף גלינעק. חזר דיר גיט איין דעם נאָמען! און דיין חברטע הייסט זאָשאַ גלוכאָ. נייע מענטשן, נייע נעמען. מיר האָבן שוין אָרגאַנירט. אָבער דערווייל איז נישט נייטיק אַז דו זאָלסט דאָס וויסן. היינט, באַלד נאָכמיטאָג, גייסטו פון דאַנען אַוועק.

די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט, מאַרישאַ איז צוריקגעקומען פון גאַס. די דריי חברים האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ. באַמערקנדיק מאַרישאַן, האָבן זיי באַרויִקטע פאַרגעזעצט זייער שמועס.

מאַרישאַ האָט אייניקע מאָל גערופן דעם הונט וואָס האָט זיך פריִער נישט אַוועקגערירט פון דבורהס בעט, ביז ער האָט דערשמעקט אַ קאָסטקע צוקער אין דער באַלעבאָסטעס האַנט. דער הונט האָט זיך אַוועקגעלייגט ביי מאַרישאָס פיס און גענומען כרופּען דעם צוקער. מאַרישאַ האָט אַרומגעווישט אַן אַנטיקוואַרישן וואַזאָן און אים איילנדיק אַוועקגעשטעלט אויפן טיש הינטער דער פאָרהאַנג. די דריי חברים האָבן זי מיט חידוש אָנגעקוקט.

— אַ וואונדערבאַרער וואַזאָן! — האָט יוליוש גענומען דעם וואַזאָן אין דער האַנט אַריין און אים באַטראַכט. — ווער זענען דאָ די געמאָלענע פיגורן, יורעק?

— וויכטיק איז עס איצט נישט, אָבער דאָס שטאַמט פון מיין היים, — האָט ער אַרויסגעזיפצט. — מיין פאָטער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו אַזעלכע אַנטיקן, די פיגורן? מיין פאָטער האָט מיר דאַכט זיך געזאָגט, אַז די הויפּט־פיגור איז דער אינדישער העלד שראַוואַנאַ. ער איז דאָ פאַרגעשטעלט אין אַ וואַנדערנדיקער פּאָזע. ער טראָגט אויף די אַקסלען זיין פאָטער און מוטער, ביידע בלינדע. ווער האָט איצט אַ קאָפּ צו אַזעלכע זאַכן? אויף דער זייט, — האָט ער פונדעסטוועגן אַנגעוויזן אויף אַ צווייטע פיגור, — איז דער לעגענדאַרער העלד האַרישאַנדראַס.

פלוצלינג איז ד׳ער הונט אויסגעוואַקסן ביי זייער טיש, האַלטנדיק אין מויל אַ קיישל מיט אַ גרויסן בוקעט בלומען.

יורעק האָט זיך אַ לאַכנדיקער אויפגעשטעלט, אַרויסגענומען די בלומען און זיי אַריינגעלייגט אין וואַזאַן.

— וואָס איז דאָס, מאַרישאַ? ס׳פעלט מיר איצט נישט מער ווי אַזאַ קאָסטבאַרער בוקעט?

— דו האָסט פאַרגעסן, יורעק, — איז מאַרישא געבליבן שטיין מיט צוויי קליידער אין די הענט. — איך געדענק אָבער. ס׳איז היינט דיין געבוירן־טאָג.

— מיין געבוירן־טאָג? — האָט ער מיט אַ שמייכל אַנגעקוקט זיינע חברים.

— דיין געבוירן־טאָג? — האָבן ביידע חברים אין איין שטימע איבערגעפרעגט.

— טאָ שטעל אויפסניי אַ פלעשל! וויוואַט, וויוואַט! — האָט אַדאַם אויסגערופן. — מ׳וועט דיר שטילערהייט אָפּזינגען „סטאָ לאַט“.

— דו הערסט וואָס מ׳רעדט, מאַרישאַ?

— איין מינוט! — האָט זיך מאַרישאַ דערנענטערט צו יורעקן. — וועלכעס קלייד געפעלט דיר בעסער פאַר דער פאַננאַ?

—כ׳ווייס נישט. פרעג מיינע חברים! וואָס פאַראַ ראָל דאַרף זי שפּילן? אַ גראַנד־דאַמע, אָדער אַ פּויערטע?

— אין שטאָט — אַ גראַנד־דאַמע, — האָט אַדאַם געשמייכלט. — אויפן וועג צום וואַלד — אַ פּויערטע. אָבער קודם, יורעק, ווו איז ס׳נײַ פלעשל וואָדקאַ? לאָמיר אויסטרינקען און זיך געזעגענען! מיר האָבן מער קיין צייט נישט.

— אויב יאָ שוין פייערן מיין געבוירן־טאָג, גיי איך אויפוועקן דבורהן.

מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן איז יורעק צוגעשפרונגען צו דבורהס בעט. דער הונט, וואָס איז ווידער געלעגן אויסגעצויגן פאַרן בעט, האָט אַ קוויטש געטאָן און געגומען וואַיען.

— דבורה! דבורה! דערשרעק דיך נישט! — האָט ער איר קערפּער צערטלעך גענומען גלעטן און אויסגעדרייט איר פּנים פון דער וואַנט.

דבורה איז געלעגן קאַלט און פינקלענדיק אין דער אַרומיקער טונקלקייט, ווי אַ סטאַטוע. אַ שמייכל האָט גערוט אויף איר מויל־אויסשניט. אירע אויגן זענען געווען אָפן און אויסגעהוילט ווי אויגן־לעכער פון אַ סקולפּטור.

— דבורה איז טויט?! — האָט זיך יורעקס שטימע פאַרקלעמט אין דער קעל, גלייך ווי ס׳וואָלט וועג געשריגן מיט אַן איינגעשניטענעם האַלדז. — דבורה! דבורה! — האָט ער גענומען טרייסלען איר טויטן גוף. ער האָט מיט אַ באַוועגונג פון אַ געריר־טן פון זינגען אומגעשליידערט דאָס שפּאַנישע ווענטל און מיט ביידע פויסטן זיך גענומען שלאָגן אין די שלייפן אַריין. — גאָט מיינער! אַרויס פון פייער און... ס׳איז אַ ליגן! זי לעבט, זי לעבט! זי לעבט!

די צוויי חברים און מאַרישאַ זענען מיט אַ שפּרונג צוגעלאָפן צום בעט, געכאַפּט אַ בליק און געבליבן שטיין פאַרשטיינערט, פאַרשטומט. זיי האָבן געזען ווי יורעק וואַרפט משוגע־ווילד אַרום זיין קאָפּ אין בעטגעוואַנד און קושט מיט אַ שוים אויף די ליפּן דבורהס טויטע הענט.

מאַרישאַ האָט זיך איבערגעצלמט. זי איז אַוועקגעפאַלן אויף אַ שטול אַ וויינענדיקע. דער הונט ביי אירע פיס האָט נאָכאַנאַנד געוואָיעט. יוליוש איז געשטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט. ער האָט זיך געוואָרגן מיט אַ טרער וואָס איז אים געבליבן שטעקן אין דער קעל. ער האָט מיט פינטלדיקע אויגן אַנגעקוקט אַדאַמען. זיינע ליפּן האָבן ציטערנדיק געפּליסטערט:

— אין פאַעמעס קען מען זיין געטינס פון פייער, אין לעבן אָבער... אַ טראַגעדיע! נאָך אַזוי פיל קאַמף פאַרן לעבן, וועסטאַ האָט זיך אויסגעלאָשן...

— ביטער! — האָט אַדאַם טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. — ס׳וואָרט אויף אונדז אַ שווער שטיקל אַרבעט. אַדורכשמוגלען אַ לעבן קומט אָן מיטן טויט, אָבער ווי אַזוי וועלן מיר איצט אַרויסשמוגלען דעם טויט? קום, כ׳קען דאָ לענגער נישט שטיין. מ׳דאַרף גיין מעלדן.

זיי זענען פונדסעטוועגן נאָך אַ היפּשע ווײַלע געבליבן שטיין און זיך איינגעקוקט אין דבורהס טויטן־מאַסקע, בעת יורעק האָט אויף זיי געוואָרפן אַ פינצטערן בליק, האָבן זיי זיך אַ ריר געטאָן, און ווי מיט באַרוועסע פיס זיך צוגעשאַרט צו דער טיר.

און ווי נאָר די צוויי חברים זענען פאַרשוווּנדן, האָט זיך אַריינגעשלייכט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע.

— ה׳ נתן וה׳ לקח, והי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם — — — —

מאַרישאַ איז אַן איבערגעשראָקענע אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— ווער זענט איר?!

יורעק האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ.

— לאָז אים צורו! — האָט זיין שטימע אַן אויסטערלישן קריי געטאָן.
דער ייִד מיט דער לאָמטערנע איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו יורעקן, און באַ־רירנדיק לייכט זיין צוקנדיק־וויינענדיקע אַקסל, האָט ער שטיל געזאָגט:

— יצחק, לאָמיר אָננעמען גאָטס גערעכטן משפט! לאָמיר דבורהן אָפּהייבן! שפּרייט עפּעס אונטער אויף דער פּאָדלאָגע!

דערנאָך האָט דער ייִד מיט דער לאָמטערנע אַרויסגענומען פון זיין טאָרבע אַ גרויס ליכט און האָט עס אָנגעצונדן ביי דבורהס קאָפּ. ער האָט אויסגעלאָשן די נאַפט־לאָמפּ. אין קעלער איז געוואָרן טונקל. שווערע בין־השמשותדיקע שוואַרצע שאָטנס האָבן זיך פון אַלע ווינקלען גענומען אַרויסרוקן. די צוויי פּאַר־ביקע קליידער וואָס דבורה האָט געזאָלט טראָגן, זענען איצט געלעגן צעקנוי־דערטע אויפן באָדן, ווי צוויי העלע פלעקן אויף אַ בילד וואָס שפּילט מיט לוויה־טענער. יורעק איז געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע ווי פאַרשטיינערט און האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון די נשמה־ליכט, וואָס האָבן געוואָרפן אַ בלייכן אָפּ־שיין אויף די טונקעלע קאַלדרעס. זיינע אויגן זענען געווען טרוקן. איצט האָט דאָס האַרץ אין אים געוויינט און זיך געקאַרטשעט. אין מוח זיינעם האָט נישט אויפגעהערט זשומען, גלייך ווי ער וואָלט איצט אויפסניי דערהערט דאָס גע־שריי פון די פלאַמען וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט די געטאָ־ווענט. ער הערט לויפן און שרייען. ער זעט ווי מענטשן פאַלן און קנוילן זיך אַריין אין די פלאַמען, וואָס ווערן איינציקווייז קלענער און קלענער, ביז זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין דעם פלעמל וואָס ברענט איצט ביי דבורהס צוקאָפּנס. בעת ער קוקט זיך איין אין דעם בלישטשיקל, זעט ער אַלע פנימער פון די אומגעקומענע געטאָ־קעמפער. און באַלד פאַרשווינדן אַלע מראות און ס׳בלייבט אין פלעמל שוועבן נאָר דבורהס פנים, וואָס זינקט אַראָפּ אַזוי לאַנגזאַם ווי דער אויבערשיכט פונעם צעטריפטן חלב.

פּלוצלינג דערהערט ער אַ זינגעוודיקן ניגון. ער קוקט זיך אַרום און זעט ווי דער ייִד מיט דער לאָמטערנע זיצט אויף אַ קליין פוסבענקעלע און מורמלט מיט די ליפּן.

— וואָס טוט איר?

— אַ פּרק משניות לכבוד דבורהס נשמה. דו ווייסט אוודאי נישט, יצחק, אַז משנה האָט די זעלבע אותיות וואָס נשמה. דעריבער טאַקע לערנט מען ביי אַ מת משנה.

— אָבער דער זיידע האָט פאַרגעסן, אַז דאָ אויף דער וואַנט הענגט אַ בילד פון דער הייליקער מוטער? און די איקאָנע דאָרט אין ווינקל...

— אָבער וואָס איז דאָס אַלץ אין שיין פון אמת? — האָט דער ייִד מיט

דער לאַמטערנע געוואָרפן אַ בליק אויף מאַרישאַן, וואָס האָט זיך גראָד אויסגע־ווישט די אויגן און זיך מיט אַ פאַרצווייפלטער מינע אַרויסגעשלייכט.

— אַ שטיקל פּאַפּיר באַדעקט מיט גלאָז. די הייליקע מוטער, הערסטו, זי איז דאָך אַמאָל געווען אונדזער שוועסטער מרים, איידער די נישט־יידישע וועלט האָט זי געמאַכט פאַר אַ געטלעכע מוטער... אין איר נאָמען און אין איר זונס יוספס נאָמען האָט מען אונדז במשך פון דורות מאַסנווייז געשאָכטן, געבערנט און פאַרגאַזעוועט. גלויב מיר, יצחק, ווען ישו זאָל קענען אַראָפּגיין פון קרייץ און אַרומקוקן זיך אינעם איצטיקן געטאָ, ווו מאַסן פאַרקוילטע יידן, ווייבער און קינדער ליגן בראַנדיקע אין אַש, וואָלט ער אַליין אונטערגעצונדן אַלע קלויס־טערס און הייליקע און זיך געפרעגט: דאָס איז געוואָרן פון מיין הלל הזקנס ואהבת לרעך כמוך? פינצטערע געצנדינער! קען דען אַ ייד ווערן אייער גאָט, בכדי אין זיין נאָמען זאָלט איר ווערן אויס מענטש? איר קרייצט דאָך מיך יע־דעס מאָל ווען איר ברענגט אום אַן אומשולדיקן יידן. באַזינט אייך וויפל מאָל איר האָט מיך שוין געקרייציקט!

— כ׳קען גאָרנישט אויפנעמען, זיידע! דער מוח ברענט מיר ווי אַ גיהנום. אַלץ אַרום מיר איז אויסגעלאָשן. אַלץ איז אַזוי קליין און פאַרמאַכט ווי דבורהס אויגן.

— לאָמיר זיך טאַקע אָוועקרוקן פון מת! מ׳דאַרף בעסער שווייגן. ווען מ׳פאַרמאַכט אַפילו נאָר אויף אַ רגע די אויגן, ווערט די גאַנצע וועלט אויסגע־לאָשן. ס׳בלייבט נישט מער ווי אַ שוואַרץ פינטעלע. דאָס איז די נקודה פון בריאת־העולם, בעת די גאַנצע וועלט האָט זיך געהאַט איינגעקאָרטשעט און גע־וואָרן אַ פינטעלע. — האָט דער ייד מיט דער לאַמטערנע זיך היפשלעך דער־ווייטערט פון דבורהס טויטן גוף.

יורעק איז אַן אַנטשוויגענער געבליבן זיצן, קוקנדיק מיט צאַנקענדיקע אויגן אויפן ייד, וואָס האָט עפּעס שטיל און שטילער גענומען אויסברומען אַ ניגון. דערנאָך, בעת דער ניגון האָט זיך אויסגעלאָזט, איז ער איבער אַ שעה געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך און שטום.

— יצחק, אויף דבורהס לוויה קען מען דיך נאָך אונטערכאַפּן. טו דיר אָן אַ כוח און מייד זיי אויס! — האָט דער ייד איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— וואָ־עס? — האָט יורעק אַ צאַפּל געטאָן און מיט אַן אויפגעריסענעם בליק אָנגעקוקט דעם ייד מיט דער לאַמטערנע.

— דו ביסט דאָך אַ געבילדעטער, פרעגסטו מיך. כ׳מיין, און וועגן דעם קען גאָר קיין פּלוגתא נישט זיין, אַז אַפילו נאָך דער באַפרייונג, וועלן נאָכקומען טויטן. ערשט דעמאָלט ווען פון מענטש וועט אַרויס די טויט־שרעק פאַר זיין

אייגן לעבן, וועט ער דערזען די גרויל־בילדער פון אַנדערע. ס׳קען געמאָלט זיין, אַז דבורה האָט אין חלום, פאַרגעסנדיק אַז זי גופא איז אויך נאָך אין פייער, שוין באַצייטנס געזען דאָס גאַנצע גרויזאַמע בילד פון אונדזער איצטיקן פאָלקס־חורבן, און מיינענדיק אַז זי איז שוין פונדרויסן, האָט זי זיך מער נישט געקענט זען צווישן די לעבנגעבליבענע. אָבער וואָס נוצן ווערטער? מ׳דאַרף ווידער שווייגן. דאָס שווייגן האָט אַ געטלעכן ניגון. האָרך זיך איין, יצחק!

— אין די גאַסן הענגען אַפֿישן מיט פאָטאָגראַפֿיעס פון אָפּגעראַטעוועטע געטאָ־קעמפער. די מאַמע דיינע האָט אין איר האַנט־בייטל געהאַט פאַרשטעקט דיינס אַ קליין פאָטאָגראַפֿיעלע. אָבער בעת מ׳האָט עס געפונען, האָט זי עס מיט כוח אַרויסגעכאַפּט פון רוצחס האַנט און צעריסן. האָבן זיי געזוכט ביי דער טעכ־צעריק לידאַ קערינסקאַ און געפונען עפּעס אַ קליין בילדל. זיי וועלן דיך מסתמא מיט אַ באָרד — אויך דערקענען.

— זאָלן זיי מיך דערקענען! ס׳איז מיר אַלץ איינס. זאָלן זיי מיך נעמען און פאַרשן, פייניקן ווי מיינע עלטערן. כ׳האָב מער קיין שום מוט נישט און קיין שום ווילן נישט צום לעבן. — האָט ער אויפגעהויבןביידע הענט און זיי אַראָפּגעלאָזט מיט אַן אָפּהילך. — כ׳גלויב נאָך אַלץ נישט, אַז מיין דבורה איז טויט. זיידע, וואָס איז מיט איר געשען? זי איז דאָך אַפילו נישט קראַנק געווען. — האָט ער פאַרריסן דעם קאָפּ צום נשמה־ליכטל און האָט זיך אַ ביס געטאָן אין אַ פינגער.

— זאָג נישט מער „מיין דבורה"! דער טרויער נאָך איר איז נישט קיין יחידישער, נאָר אַ פאָלקישער. אַזוי גוט ווי די קעמפער וואָס זענען געפאַלן טויט מיט די ברענענדיקע ווענט זענען פאָלקס־קרבנות, אַזוי איז דבורה, וואָס איז אומגעקומען פון אַ נאַכטויט...

— נאַכטויט? — האָט יורעק מיט אַן אָפן מויל אָנגעקוקט דעם ייִד מיט דער לאַמטערנע. — וואָס הייסט דאָס אַ נאַכטויט?

דאָ האָט אַן אַלטמאָדישער זייגער אַריינגעשלאָגן אין דער שטילקייט. ביי יעדן קלונג האָט זיך יורעק אַ טרייסל געטאָן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך נאָך שווערער אַראָפּגעלאָזט אויפן באָדן, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך אַליין אַוועק־געוואָרפן און זיך אָפּגעריסן פון חשבון מיט דער צייט.

די טיר האָט זיך געעפנט. מאַרישאַ האָט זיך ווי אַ שאָטן אַריינגעשלייכט. נאָך איר — אַ פעסט־געבויטער פאָליאַק מיט אַ קעסטעלע אַרבעט־מכשירים אויפן רעכטן אַקסל.

— יורעק, דער מענטש איז געשיקט געוואָרן פון דיינע חברים.

דער פאָליאַק האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט זיין שוואַרצן צעקנייטשטן קאַפּעליוש. ער האָט זיך איבערגעצלמט, פּרעפּלענדיק מיט די ליפּן. באַלד האָט ער עפּעס

אַרויסגענומען פון זיין קעסטעלע, צוגעגאַנגען ווי מיט באַרוועסע פיס צו דבורהן, אויסגעמאָסטן מיט אַ שטריק איר גוף און זיך געמאַכט אַ קניפּל... די שטריק האָט אַ צאַפּל געטאָן אין דעם טישלערס האַנט און איז שלאַנגמעסיק אַריינגע־קראָכן אין יורעקס אויגן...

יורעק איז געבליבן זיצן מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן און אָפן מויל... ער האָט אויסגעזען מער משוגע ווי זיניק... די צונג אין זיין אָפן מויל האָט זיך געטרייסלט, אָבער זיין צער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט.

דער הונט האָט זיך אַנידערגעוואָרפן ביי יורעקס פיס און האָט כמעט מיט אַ מענטשיש קול גענומען וויינען...

קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

פאַרוואַנדלונג

אַ קאַלטער פעברואַר פרימאָרגן, 1945.

די שוואַרץ־פאַרקוילטע געטאָ־חורבות, די בערג אַש נאָך אַן אויסגערויכערטער יידישער שטאָט מיט געציילטע פאַרבליבענע ווענט און אויסגעקרימטע הוילע פענצטער־לעכער; די קופּעס פאַרזשאַווערטע קיכן־מכשירים און פאַרפוילטע מלבושים, זענען ביי דעם ערשטן פראָסט איבערגעצויגן געוואָרן מיט אַ זילבער־קאַליריקייט, וואָס האָט ווי אַ טוי איבער אַן אָפּגרונט, פאַרדעקט די טיפע לעכער אין דער ערד; דעם בית־עולם פון טויזנטער אומגעקומענע אין די פאַרגאַזטע תהומות.

אָבער ווי נאָר דער פראָסט האָט געפּלאַצט און פון די געטאָ־חורבות איז אַראָפּ די פינקלדיקע זילבער־קאָליר, האָבן זיך ווידער באַוויזן די שוואַרץ־אימהדיקע מצבות פון אַן אויסגעקוילעטער שטאָט. פון די פאַרבליבענע ווענט און פון די בערג האַלב־צעפאַלענע בעלקעס האָבן נאָכאַנאַנד גענומען רינען קאַלטע טראָפּנס, וואָס האָבן מיט אַ געכליפּעריי אַריינגעקאַפּיעט אין די טיפערע און פלאַכערע געטאָ־גריבער. אַרום איז געווען טויט־שטיל... מ׳האָט נישט געהערט קיין מענטשיש קול און אפילו נישט קיין געקראַקע פון אַ קראָ, וואָס זאָל זיך דאָ וועלן אָפּשטעלן און עפּעס זוכן צווישן די מענטשן־ביינער, וואָס זענען אייב־ציקווייז פון דער טיף אַרויסגעקראָכן אויף דער אויבערפלאַך... דער פריידיקער גערויש אויף יענער זייט געטאָ־מויער, האָט מיט קולי־קולות דערמאָנט, אַז דער מלחמה שגעון האָט שוין דאָ אויף דער ערד — אויפגעהערט.

אויף אַ ברייטן פלאַטשיקן שטיין, אָנגעלענט אין אַ ברוכשטיק פון אַ געשטופּלטער וואַנט, אַדורכגעלעכערטע פון קוילן, איז געזעסן דער ייִד מיט דער לאַמטערנע. געזעסן איז ער אומבאַוועגלעך־שטאַר, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען איינגעמויערט אין דער חורבה־וואַנט. ער האָט געזען ווי דער הימל וואָס שפּרייט זיך אויס איבערן געטאָ פאַרכמורעט זיך, הילט זיך איין אין דיקע רויט־ברוינע טונקל־גראַנאַטענע וואָלקן־פאַנצערס, וואָס נעמען אָן כלערליי פאָרמען און סקאַלעס צופוסנס פון העלע רחבותדיקע טייכן. אַ פייכטקייט האָט זיך געפילט אין דער לופט. פון צייט־צו־צייט האָט אַ שניי־פליטערל, ווי אַ פוכיק פליגעלע פון אַ יונג עופהלע, זיך גענומען דרייען, קרייזלען אין זיינע אויגן. פון דער ווייטנס,

אויף יענער זייט מויער, האָבן סאָלדאַטסקע טריט אָפּגעהילכט. אַן אָפּקלאַנג פון
אַ שורה טאַנקען, האָט טרייסלענדיק אָפּגעשלאָגן אין דער געטאָ־מויער. אַ גע־
פּלאַטער פון פענער, האָט ווי אַ פייער־פּאַסמע אַ שוועב־ געטאָן. אַ פריידיקער
מאַסן־אויסגעשריי האָט הילכיק אויסגעגאָסן אין דער לופט און זיך גלייך איינ־
געשטילט ווי אַן אויסגעלאָשענער ראַקעט. אַן אויפשאַל פון אָרקעסטערס, האָט
נאָך אַזוי פיל מלחמה־כאָאָס, אַריינגעבראַכט נייע האָפערדיקע האַרמאָנישע טע־
נער. פּוילישע און רוסישע נאַציאָנאַלע לידער האָבן, אויף יענער זייט, פאַרקלונ־
גען די גאַסן. אָבער בעת דער ייִד מיט דער לאַמטערנע האָט דערבליקט די
שטעכל־דראָטן אַרום דעם געטאָ־מויער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די פריי־
הייט־טענער פון מוזיק און געזאַנג וואָס שלאָגן זיך אָן אין דער מויער, פאַר־
טשעפּען זיך אין די שטעכל־דראָטן און פאַלן ווי געשאָכטענע טויבן אַראָפּ אויפן
אַשיקן געטאָ־באָדן... ער זעט ממש ווי פרי־קאָכעדיק בלוט טריפט אַראָפּ פון די
דראָטן און פלעקט אויפסניי די געטאָ־ערד... די אייניציקע טענער וואָס טראָגן זיך
דאָ אַרום קומען גאָר ארויס פון טיפענישן.... ער הערט ווי אַ מאַסן־יללה נעמט
זיך טראָגן פון אַלע פאַרשאָטענע בונקערס און קעלערס; פון אַלע בערג האַלב־
צעקריישלטע שוואַרצע ציגל; פון אַלע פאַרבליבענע חורבות אָן דעכער...

און גאָר פלוצלינג האָט אַן אויסטערלישער שטורעם־ווינט אָנגעהויבן וויי־
נען, פייפן, ברומען, הודזשען און אויפהייבן פון באָדן צעקנוידערטע בלעטלעך
פּאַפּיר, וואָס האָבן זיך אַ טראָג־געטאָן אין דער לופט, ווי אַן אומצאָליקע מחנה
וויים־שוואַרצע מעוועס איבער אַ ים. פון אַלע זייטן האָבן די פּאַפּירענע מעוועס
גענומען אָפּפליען און זיך אויפהייבן הויך און העכער איבער דער געטאָ־מויער.
ער האָט געזען ווי עס פליען שטיקער פאַרמעט מיט די עשרת־הדיברות, ס׳פלאַ־
טערן גמרא־בלעטער שוואַרץ ווי קלישעס; ס׳טראָגן זיך אין דער לופטן בלעטער
פון חומשים, בלעטער פון די נביאים ראשונים און אחרונים, בלעטער פון כתו־
בים: תהילים, משלי, איוב, דניאל, עזרה, נחמיה; בלעטער פון מגילות: רות,
איכה, קהלת, אסתר און שיר־השירים; בלעטער פון סידורים און קבלה־ספרים.

און חידוש איבער חידוש! די אַלע בלעטער וואָס האָבן זיך אַ היפּשע ווײַלע
געטראָגן אין דער לופט, פאַלן בהדרגהדיק אַראָפּ צופוסנס פון אַ שוואַרץ־פאַר־
קוילעטער זייל וואָס איז פאַרבליבן פונעם אַלטן בית־המדרש. אַ שניי נעמט פאַ־
וואָליגקע זיך קרייזלען אין דער לופט. דער שניי וואַשט די בלעטער. און אָט
ווערן זיי אין זייַנע אויגן ווידער ריין און ווייס; די שוואַרץ־פאַרקוילעטע בית־
המדרש־זייל ווערט וואָס אַמאָל העלער און העלער, ציט אויף זיך אַרויף אַ נייע
הויט ווי אַ פרילינגס־בוים — אַ נייע קאָרע. באַלד ווערן די שימות פאַרוואַנדלט
אין גרינע בלעטער וואָס נעמען שאָרכן, פליסטערן מיט די ליפּן פון אַלטן נביא.
ער הערט אַ קול:

גאָטס האַנט איז געווען אויף מיר
גאָטס גייסט האָט מיך אַרומגעטראָגן.
ער האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אינדערמיט פון דעם טאָל,
וואָס איז פול מיט ביינער — — —
ער האָט מיך געפירט רונד־אַרום.
דער גאַנצער טאָל איז פול געווען מיט ביינער,
וואָס זענען שוין לאַנג געווען פאַרטריקנט — — —
גאָט האָט צו מיר געזאָגט:
בן אדם! קענען די דאָזיקע ביינער לעבעדיק ווערן?
דו ווייסט דאָך, ה׳ צבאות.
זאָג נביאות צו די דאָזיקע ביינער! זאָג זיי:
זעט, איך ברענג אין אייך אַריין אַן אָטעם,
און איר וועט לעבעדיק ווערן.
יאָ, איך וועל אייך געבן נייע אָדערן,
אַרויפטאָן אויף אייך פליש;
אַרויפציִען אויף אייך אַ הויט;
אַריינגעבן אין אייך אָטעם,
און איר וועט לעבעדיק ווערן — — —
פון די פיר ווינטן קום, דו אָטעם,
און הויך אַריין אין די דאָזיקע הרוגים,
אַז זיי זאָלן לעבעדיק ווערן.
דער אָטעם איז אין זיי אַריין,
זיי זענען לעבעדיק געוואָרן
און האָבן זיך געשטעלט אויף זייערע פיס
אַ זייער זייער גרויסע מחנה.
— בן אדם, די דאָזיקע ביינער זענען
דאָס גאַנצע הויז פון ישראל;
הער, וואָס זיי זאָגן:
— פאַרטריקנט זענען אונדזערע ביינער,
און פאַרלוירן איז אונדזער האָפענונג;
פאַרשניטן זענען מיר.
אַזוי האָט געזאָגט גאָט:
— זעט, איך עפן אייערע קברים;
כ׳וועל אייך, מיין פאָלק, אַרויסנעמען פון אייערע קברים
און איר וועט לעבעדיק ווערן;

כ׳וועל אייך באַזעצן אויף אייער ערד
און איר וועט וויסן, אַז איך, יהוה,
האָב גערעדט און געטאָן,
זאָגט יהוה.

לעבן ייִד מיט דער לאַמטערנע איז אַן איינגעקאָרטשעטער געזעסן דעם היס־טאָריקערס ייִנגל, נתן פרידלאַנד. זיין ייִנגלישער גוף איז אין די מלחמה־יאָרן גרעסער געוואָרן, אָבער זיין פּנים — קלענער און קליינטשיק ווי ביי אַ קינד. בלויז אין זיינע שוואַרצע צעפּינקלטע אויגן איז געלעגן אַ טרויער, עלטער ווי זיינע יאָרן. דאָס גרויסע מויל אויף זיין אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט פּנים האָט דערמאָנט אין אַ דינעם מעסער־שניט — פון אויער צו אויער. געזעסן איז דאָס ייִנגל אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, באַוואַקסן ווי אַן אַלטער נזיר. די שוואַרצע גלאַנציקע האָר זענען אים ממש געקראָכן אין קאַרג אַריין. ער איז נאָך אַלץ גע־ווען ברודיק ווי אַ געטאָ־ייִנגל. שמוציקע וואַסער־ליניעס זענען געווען צעשמירט אויף זיינע אויסגעפּליישטע באַקן. זיין רעכטע האַנט האָט ער נאָכאַנאַנד גע־האַלטן אין בוזעם און זיך געקראַצט. ער האָט אַ מאָל־דריי געעפנט ס׳מויל און געוואָלט עפּעס פרעגן, אָבער דעם ייִדס איינקוקן זיך אין דעם געטאָ־בילד, האָט אים אָפּגעהאַלטן.

ער האָט געהערט ווי דער ווינט פייפט אַרויס פון די אויסגעהוילטע חורבה־לעכער. ער האָט געזען ווי דער שניי־געפליטער ווערט מיט יעדע רגע געדיכטער און שטורמישער. דער שוואַרצער פלעק פון די געטאָ־ערד ווערט וואָס אַמאָל ווייסער און ווייסער. אַ שניידיקע פייכטקייט האָט אַדורכגענומען זיינע יונגע ביינער. ער האָט אַ היפּשע ווײַלע אָנגעקוקט דעם ייִד מיט דער לאַמטערנע און לסוף אַ פרעג־געטאָן:

— זיידעשי, וואָס זיצן מיר דאָ אויף דעם בית־עולם? דאָס געטאָ־טויער איז דאָך שוין אָפן. מ׳קען דאָך שוין גיין ווי מ׳וויל. דער קאָשמאַר איז דאָך שוין פאַרביי. דער זיידעשי הערט נישט ווי באַפרייטע מענטשן זינגען און טאַנצן? אָרקעסטערס שאַלן, די דייטשן האָבן זיך דאָך שוין לאַנג צוריקגעצויגן. מיר זענען דאָך איצט פרייע מענטשן.

— פאַרוואָס מיר זיצן דאָ, מיין קינד? איך וויל דעם ביטערן כוס אויס־טרינקען ביז צום דנאָ. אַריינגעמען אין זיך נישט די געשרייען פון געטאָ, נאָר דאָס שווייגעניש. ערשט איצט, מיין קינד, זינט דער געטאָ איז געוואָרן אויס־געליידיקט און די גיהנום־טויערן האָבן זיך אויפגעפּראַלט, האָט דער געטאָ גע־נומען רעדן וועגן העכערע ענינים. קיינער מאָנט זיך דאָ מער נישט קיין ברויט. אָבער יעדער קרבן פאָדערט אַ חשבון. ער רופט די וועלט און גאָט גופא אַרויס אויף אַ דין־תורה. ממה־נפשך האַלט די וועלט, אַז מיר האָבן די שטראָף פאַרדינט,

טאָ פאַרוואָס קלאַפּן זיך אַלע איצט אין האַרץ אַריין על חטא? פאַרוואָס האָט דער וועלט־געוויסן אַזוי שפּעט דערוואַכט? און דער בורא־עולם ווידער, אויב ער האָט אונדז געוואָלט שטראָפן פאַר אָפּגעטוענע חטאים, בכדי מיר זאָלן תשובה טאָן און זיך אומקערן צום דרך־הישר, טאָ צי וואָס אַזוי פיל מיתה־משונות? ער האָט דאָך איצט נישט קיין פאָלק, נאָר אויסגעטריקנטע ביינער אין פינצטערע טאָלן. אַנשטאָט זינדיקע מענטשן מיט הערצער גרייטע צו תשובה, האָט ער אַ באַרג אַש, צעשפּרייטע אויפן שונאס פעלדער און שאָסייען. די אַש פון אומשולדיקע קינדער הייבט ערשט איצט, בעת די מלחמה־געשפּענסטער זענען אַנטשוויגן געוואָרן, אָן צו שרייען. דו הערסט נישט, נתן, אַ געוויין פון דעם אַש אַרויס?

— יאָ, זיידעשי, איך הער טאַקע. איך הער אָבער אויך דאָס קול פון מיין טאַטעשי. דער זיידעשי זאָגט, אַז מענטשן זענען געווען זינדיק. אָבער ווי קען מיין טאַטעשי געהערן צו די זינדיקע? זיין גאַנץ לעבן איז דאָך געווען אַ מסירת־נפש פאַרן פאָלק. כ׳ווייס אַז מ׳האָט מיך אָפּגענאַרט, מ׳האָט מיר געזאָגט אַז מיין פאָטער געפינט זיך אין „פּאַוויאַק" אַ לעבעדיקער. בעת די אויפשטענדלער האָבן אויפגעריסן די טויערן פון דער „פּאַוויאַק"־תפיסה און אַרויסגעפירט די ־עצטע אַרעסטאַנטן, בין איך געשטאַנען מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ און געוואַרט. די דייטשן האָבן אים אומגעבראַכט. ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם. דאָס געטאָלעבן האָט מיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטיין. כ׳קען נישט וויינען. כ׳וועל אַוודאי אויסוואַקסן אַ בייזער מענטש. כ׳בין איצט נישט מער ווי אַ טרוקענער ביין. וואָ טראָגט אין זיך אַ נקמה־געפיל.

— זיי שטאָלץ, נתן! דיין פאָטערס מסירת־נפש איז איצט אַריין אין דיר... אויב דו וועסט אַמאָל דאַרפן שטיין פאַר אַזאַ נסיון ווי דיין טאַטע איז געשטאַנען, וועסטו אים זיכער קענען בייקומען. דאָ, אויף דער פּוילישער ערד וווּ מיר האָבן אָפּגעלעבט טויזנט גלות־יאָרן, וועט שוין דער סאַמע גרעסטער נקמה־אַקט נישט אויסלייזן אונדזער חורבן. מיר דאַרפן זיך אומקערן צו אונדזער אייגענער ערד, צום לאַנד פון אונדזערע אבות.

— צום לאַנד פון אונדזערע אבות, זיידעשי? די תנ"ך־בלעטער האָבן מיך תמיד באַצויבערט, די געשטאַלטן פון אונדזערע אמתע נביאים האָבן מיך ממש פאַרכישופט. זייערע שטראָף־רייד און זייער פרעדיקן יושר און גערעכטיקייט, האָב איך תמיד געטרונקען ווי דעם סאַמע בעסטן כרמל־ווייַן, ווען מיר פאַרכישופט ווערן דורך די קלאָר־ריינע בלויקייט פון ארץ־ישראל־הימל און די גאָלדיקייט פון דער ארץ־ישראל־זון. איך בין אין דער גימנאַזיע געווען דער בעסטער שילער פון געשיכטע און קאָמפּאָזיציע. דעם זיידעשיס פאַרשלאַג צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, דאַרף מיך אייגנטלעך אָנפילן מיטן גרעסטן

התלהבות. אָבער כ׳קען פריִער נישט פאָרן, ביז כ׳וועל זיך האָבן געזעגן מיט מיין מאַמעשי אין דער שווייץ. ערשט איצט, ווען דער געיעג נאָך אַ ביסן ברויט האָט אויפגעהערט, איז די בענקשאַפט צו זען מיין מוטער, די סאַמע גרעסטע בענקשאַפט. כ׳קען אָבער נאָך נישט פאָרן, אַפילו קיין שווייצאַריע. כ׳בין מיד ווי אַ זקן. מיין מוטער וועט זיך דערשרעקן פאַר מיין אויסזען. נעכטן האָבן איך צום ערשטן מאָל זינט כ׳האָב באַטראָטן די געטאָ־ערד, אַריינגעקוקט אין אַ שפּיגל.

דער ייִד מיט דער לאַמטערנע האָט שווער אָפּגעזיפצט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און נתנען אַ גלעט־געטאָן איבערן פּנים.

נאָך אַ שטיל־שווייגנדיקער פּויזע האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— מיין קינד, דו דאַרפסט נאָך פאַר דער גאולה, פאָרן נס וואָס דאַרף מיט אונדז בקרוב געשען, קענען ביישטיין נאָך אַ נסיון. זיי שטאַרק, נתן! דו דאַרפסט צוויי מאָל רייסן קריעה...

נתן האָט אויפגעשוידערט.

— אויך די מאַמע?! — האָט נתן מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע אויסגערופן און זיין קאָפּ איז האַסטיק צוגעפאַלן צום ייִדס לינקן אַקסל. ער האָט זיך מיט ביידע הענט ווילד געצופּט די האָר פון קאָפּ.

— יאָ, נתן, אויך דיין מאַמע. דיין פאָטערס ווירדיקע האַלטונג ביים געשטאַפּאָ־טיש האָט געגירט אַפילו אַנטיסעמיטן. די אונטערערדישע באַוועגונג האָט באמת געזוכט אַלע תחבולות אים אַרויסצונעמען פון „פּאַוויאַק״. אָבער עס איז איר נישט געלונגען. דיין פאָטערס געזעגענונגס־בריוו צו דיין מאַמען איז פאַר אַ היפּשע סומע אַרויסגעשיקט געוואָרן צו דיין מוטער אין דער שווייץ. ער האָט זי געבעטן צו זוכן אַ וועג ווי אַזוי דיך צו קענען אַרויסנעמען פון געטאָ. דיין מאַמע האָט מער נישט געערוט. זי האָט ממש איינגעריסן וועלטן. נו, האָט דער דער גורל געוואָלט, אַז אין סאַמע ברען פון גרויסן פּוילישן אויפשטאַנד, זאָל זי זיך מיט כוח איינגלידערן אין אַ פריִען־דעלעגאַציע פון שווייצאַרישן רויטן־קרייץ און קומען אַהער. ווען די טראַנספּאָרטן פון דער „אַרישער זייט״ זענען געווען באַלייגט מיט טויטע, איז דיין מאַמע דיך אַרומגעלאָפן זוכן, מסתמא אויף די אַדרעסן וואָס דיין פאָטער האָט איר אָנגעגעבן, מיינענדיק אַז זיי עקזיסטירן נאָך. די ערד האָט געציטערט אונטער די פיס. יעדע רגע אַן אויפרייס. דאָ אין דער ערד; דאָרט אין אַ מענטשישער ברוסט. און...

— מיין מאַמע איז געפאַלן?

— יאָ, נתן! זי איז געפאַלן.

— און איצט מיין קינד, אַז דו ווייסט שוין דעם אמת פון דיין גורל, שטעל דיך מיטן פּנים צו מזרח און זאָג קדיש! האָב נישט בלויז אין זינען דיין אבלות, נאָר באַטראַכט זיך אויך ווי דער יתום פון אַנדערע אומגעקומענע! דו ווייסט

דאָך אַז פּיל, פּיל פון אונדזערע קרבנות האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין יתומים...

נתן האָט זיך גאַנץ לאַנגזאַם אויפגעשטעלט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַקו־ראַט ווי ער וואָלט זיך געפונען אויף אַ בית־עולם און געזוכט דאָס משפחה־קבר. ער האָט אַ שפּאַן־געטאָן אַ טראָט רעכטס, אַ טראָט לינקס, און לסוף צוגעפּאַלן מיטן קאָפּ צו אַ שטיק פון אַ קויל־שוואַרצער וואַנט, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ צעקרישלטער מצבה.

— יתגדל ויתקדש שמה רבא! — האָט ער מיט אַן אויסטערלישער שטימע פון זיך אַרויסגעריסן די ווערטער.

דער ייִד מיט דער לאַמטערנע האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט אָנגעשטעלט די לאַמטערנע אויף נתנס רוקן, באַלויכטן די שוואַרצע וואַנט און געפּליסטערט: „אמן".

נתן איז מיט מידע טריט פון אַ זקן לאַנגזאַם צוריקגעגאַנגען אויף זיין אָרט. אויף זיינע שוואַרצע סאַמעטענע וויִעס האָבן געפינקלט צוויי טרערן. ער האָט זיך אַן איינגעבראָכענער אַראָפּגעזעצט און איבער אַ שעה געבליבן פאַרזונקען אין שווייגן — — —

דער ייִד מיט דער לאַמטערנע האָט זיך אַראָפּגעזעצט און מיט אַ שטילקייט און אומבאַוועגלעכקייט האָט ער נתנען צוגעהאָלפן אויסשווייגן זיין טרויער.

מיטאַמאָל האָט נתן אויפגעהויבן זיין אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ און האָט מיט אַן אַלטן ווייטיק אין זיינע יונגע שטימע געפרעגט:

— זיידעשי, וואָס איז דער זין פון אונדזער לעבן אויף דער ערד? וואָס איז דער זין פון דעם מענטשישן צער און טרויער? צו וואָס ברויכט גאָט אַזוי פיל קרבנות? צו וואָס בויט מען נאָכאַנאַנד בנינים און מ׳מאַכט זיי דערנאָך חרוב? פאַרוואָס ברענגט מען אום קינדער איידער זיי זענען דערוואַקסן? און בכלל צו וואָס ווערט מען געבוירן און מ׳שטאַרבט? דער זיידעשי זאָגט דאָך, אַז גאָט איז אַ יודע כל מעשי בני אדם וכל מחשבותם, האָט ער דאָך ווידער געוווּסט וואָס דער שונא וועט מאַכן מיט אונדזער פאָלק, מיט קינד און קייט, טאָ פאַר־וואָס האָט ער אונדז פאַרלאָזט? ווי קען גאָטס משפט זיין אַ גערעכטער? איז דען נישט די שטראָף גרעסער ווי די זינד? און אויב גאָט וויל ווידער מ׳זאָל זיין אַזוי גוט און פרום, טאָ צו וואָס האָט ער באַשאַפן דעם שטן? אויב מיר טראָגן גאָטס געשטאַלט, טאָ פאַרוואָס פאַרוואַנדלט ער דורכן מענטש זיין אייגענע צורה אין אַ בלוטיקער חיה? און ס׳פּלאָנטערן זיך אין מיין מוח נאָך און נאָך פראַגן, וואָס כ׳געפין נאָך נישט קיין ווערטער זיי אויסצודריקן.

דער ייִד מיט דער לאַמטערנע האָט אַ לענגערע ווײַלע אָנגעקוקט נתנען.

— דו מיינסט — האָט דער אַלטיטשקער טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ — אַז דו ביסט דער ערשטער וואָס שטעלט גאָט אַזעלכע קשיות, — הכל היה,

אַלץ איז שוין געווען. די קשיות זענען שוין אַזוי אַלט ווי דער וועלט־באַשאַף. אָבער קיינער האָט זיי נאָך נישט פאַרענטפערט. נישט דעם חכם און נישט דער נביא. ביי דיינע יאָרן, נתן, ווילסטו שוין אַריין אין פרדס?

— וואָס פאַראַ פרדס, זיידע?

— געוויס האָסטו נאָך דאָס נישט געלערנט. פרדס איז די ראשי־תיבות פון פירוש, רמז, דרוש, סוד. ווילסטו ביי דיינע יאָרן שוין דערגיין דעם סוד פון גאָטס דרכים און מחשבות? דו הערסט דאָך אַז פון די פיר תנאים וואָס זענען אַריין אין „פרדס" איז בלויז ר' עקיבא אַרויס בשלום. אויב דו שטעלסט שוין באַצייטנס אַלע קשיות, איז אַ ראיה אַז דו האָסט קיינמאָל נישט געדאַווענט בכוונה. אויב יאָ, וואָלסט דאָך כאָטש געדענקט איינעם פון די שלשה־עשרה עקרים, למשל: אני מאמין באמונה שלימה שהבורא יתברך שמו גומל טוב לשומרי מצוותיו ומעניש לעוברי מצוותיו. דו וועסט דאַרפן אַ נייע דערציִונג, נתן. אין ארץ־ישראל וועסטו דאַרפן אָנהייבן ביי אלף־בית.

— כ'וויס נישט, זיידעשי, צי כ'וועל זיך לאָזן אין אַזאַ ווייטן וועג אַריין. זאָל דער זיידעשי אַליין פאָרן! איך וועל דאָ בלייבן זיצן ביי דער וואַנט ביז כ'וועל אויסגיין. דער טרויער פאַרצערט מיין לעצטן טראָפּן בלוט. איך גלייב מער אין גאָרנישט. כ'האָב נישט קיין ווילן אויפצושטיין און גיין ווייטער. איך בין אַנ־טוישט סיי אין גאָט סיי אין מענטש. איז דען אין ארץ־ישראל פאַראַן אַן אַנדער גאָט און אַנדערע מענטשן? כ'גלייב מער נישט אין מיין גליק.

— גליק? — האָט דער ייד מיט דער לאַמטערנע אַ שמייכל געטאָן. — גליק, מיין קינד? המ... דו פאַרשטייסט שוין צו זוכן גליק? ביסטו, הייסט עס, ביי אַלע דיינע שווערע נסיונות געבליבן ביי דיין אייגן־ליבע. דו ווילסט גליק פאַר זיך. איך טאָר דיך נישט איבערשרעקן. איך טאָר דיר אַפילו נישט מגלה זיין אַז...

— אַז וואָס, זיידעשי?

— אַז גליק קען דער מענטש נאָך דערפילן דעמאָלט ווען זיין איך ווערט אויפגעלייזט אין די מעשים לטובת הכלל. אָבער דאָס גליק פאַר זיך איז קיין גליק נישט. ווען מיר וואָלטן געקענט איצט אויפוועקן דיין טאַטן און אים פרעגן, צי ער האָט נאָך זיינע שווערע נסיונות, דערפילט דעם אמתן טעם פון מענטשישן גליק, וואָלט ער זיכער געענטפערט, אַז אין זיין לעבן איז ער נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי גליקלעך ווי אין די רגעס בעת ער האָט דערשפירט זיך אויפלייזן לטובת־הכלל, לטובת זיין שווער געפרוווט פאָלק. זעסט, נתן, דער שניי האָט אויפגעהערט פאַלן. די זון שיינט אויף. די פייכטע אַש און ערד וועלן באַלד ווערן טרוקן. דעמאָלט וועלן מיר פאַרלאָזן די געטאָ־חורבות און זיך אומקערן אַ היים פונוואַנען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען באַלד נאָכן ערשטן חורבן. דיינע

אויגן פאַרמאַכן זיך דיר, נתן? אַ שלאָף באַפאַלט דיך, אַדרבא, כאַפּ טאַקע אַ דרימל! כ׳וויל אָבער דיר עפּעס דערציילן. דו הערסט וואָס איך רעד?

— איך הער, זיידעשי!

— בעת ירמיהו איז אַרויס פון ענתות און זיך אַוועקגעלאָזט קיין ירושלים, האָט ער פונדערווייטנס דערזען, ווי אַ רויך גייט אויף פון בית־המקדש. אין האַרצן האָט זיך אים געטראַכט: „אפשר האָבן די ייִדן תשובה געטאָן און ברענגען איצט קרבנות? אפשר איז דאָס דער רויך פון קטורת?”.

ער איז אַרויף אויף דער מויער און דערזען, ווי דער בית־המקדש ליגט אין בערג אַש און פאַרברענטע שטיינער. ער האָט אָנגעהויבן שרייען און קלאָגן: „אָ, גאָט, דו האָסט מיך פאַרפירט און איך האָב זיך געלאָזט פאַרפירן!”.

גייט ער ווייטער ירמיהו און קלאָגט:

מיט וועלכן וועג זענען זיי אַוועק, די זינדיקע,
מיט וועלכן שטעג זענען זיי אַוועק, די עלנטע —
וועל׳ך גיין און אומקומען מיט זיי אינאיינעם.

גייט ער מיטן וועג און זעט, ווי דער שטויב איז נאַס, באַשפּריצט מיט בלוט. ער בייגט זיך איין און זעט טריט פון קליינע קינדער, וואָס מ׳האָט געפירט געפאַנגען. ער פאַלט אויף דער ערד און קושט די טריט זייערע. ער גייט ווייטער און דעריאָגט אַ גרופּע בחורים, געבויגן דעם האַלדז פון אייזערנע שטאַנגען, — טוט ער אַריין זיין קאָפּ אין אַ שטאַנג און העלפט זיי שלעפּן דעם יאָך. קומט נבוזראַדן און נעמט אים פון דאָרט צו.

זעט ער ווי גרויע זקנים זענען געשמידט אין קייטן — פאַלט ער צו זיי צו מיטן קאָפּ, קומט נבוזראַדן און רייסט אים אָפּ פון זיי.

גייען זיי צעשיידטע און וויינען איינער אויפן אַנדערן קוקנדיק.

אַזוי האָט ער זיי באַגלייט ביזן טייך פּרת. דאָרט האָט ער זיך מיט זיי געזעגנט. ער האָט זיך אומגעקערט צו די חורבות פון ירושלים, בכדי צו טרייסטן די וואָס זענען דאָרט פאַרבליבן.

בעת די פאַרטריבענע האָבן געזען, אַז ירמיהו שיידט זיך אָפּ פון זיי, האָבן זיי אָנגעהויבן וויינען:

— ירמיהו, אונדזער פאָטער, אויף וועמען לאָזטו אונדז?

— הימל און ערד זענען מיינע עדות — ענטפערט ירמיהו — אַז ווען איר וואָלט אַזוי כאָטש איין מאָל געוויינט אין ציון וואָלט איר איצט נישט פאַרטריבן געוואָרן.

מיט אַ פאַרוויינט האַרץ גייט ירמיהו צוריק קיין ירושלים. ער זעט ווי איבערן גאַנצן וועג ליגן צעזייט און צעשפּרייט פינגער פון הענט און פיס און

אַנדערע אָפּגעהאַקטע גלידער פון זײַנע ברידער. ער קלײַבט די גלידער צערטלעך אויף און באַהאַלט זיי אין זײַן קלייד. ער וויינט און קלאָגט צו די גלידער: „קינדער מײַנע, פאַרוואָס האָט איר מיך נישט געפאָלגט, איידער דער פינצטערער טאָג איז אָנגעקומען?״. גייט ער ווײַטער און זעט פאַר זיך קעפּ פון די בערג, באַדעקט מיט אַש פון פאַרברענטע דערפער; די שענסטע טאָלן — פאַרוויסט און פאַרפינצטערט. אַ גרויסער קלאָג האָט זיך אַרויסגעריסן פון ירמיהוס האַרץ און לאַנג געלאָזט הערן צווישן די בערג און טאָלן.

— דו געפינסט עפּעס, נתן, אַן ענלעכקייט צום הײַנטיקן חורבן?

— יאָ, זיידעשי, אַ געוואַלדיקע ענלעכקייט.

— טאָ הער ווײַטער, מײַן קינד! איצט הער ירמיהוס קול:

— מיד און צעבראָכן בין איך בײַנאַכט אָנגעקומען צו די בערג אַרום ירושלים און האָב זיך פאַר זיי אַ פאַרצווייפלטער אָפּגעשטעלט. הייב איך אויף די אויגן און דערזע: אויפן שפּיץ באַרג זיצט אַ פרוי מיט צעלאָזענע האָר, געקליידט אין שוואַרצן.

נתן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן.

די פרוי קלאָגט און פרעגט:

— ווער וועט מיך טרייסטן?

קום איך נאָענט צו איר און זאָג:

— ביסטו אַ פרוי — רעד מיט מיר; ביסטו אַ רוח — ווער פאַרשווינדן!

ענטפערט די פרוי:

— דו דערקענסט מיך נישט? איך בין דאָך די מוטער פון די זיבן קינדער. מײַן מאַן איז אַוועק אין ווײַטע לענדער און בשעת איך זיץ אַזוי און וויין נאָך אים, קומט מען מיר אָנזאָגן: „די שטוב איז אײַנגעפאַלן און דערהרגעט דײַנע זיבן זין. איצט ווייס איך נישט אויף וועמען צו קלאָגן און זיך צו רײַסן די האָר פון קאָפּ״.

— דו ביסט נישט בעסער ווי דײַן מוטער ציון. — זאָג איך צו איר. — זע ווי די מוטער ציון ליגט דאָ פאַרוויסט און ווילדע חיות פּיטערן זיך אויף איר פּלאַץ.

ענטפערט זי מיר:

— די מוטער ציון דאָס בין איך דאָך.

— דײַן פּלאָג איז גלײַך צו איובס פּלאָג — זאָג איך איר. — ער האָט פאַרלוירן זײַנע זין און טעכטער, זײַן האָב און גוטס — דו אויך. ער איז געבליבן ליגן אויפן מיסט און געוואַלגערט זיך אין אַש — פון דיר איז אויך געוואָרן אַ באַרג אַש און אַ קופּע מיסט. און היות ווי גאָט האָט איובן געטרייסט — וועט ער דיך אויך טרייסטן.

דער ייִד מיט דער לאַמטערנע איז אַנטשוויגן געוואָרן.

נתן האָט זיך אַן אויפגעטרייסלטער אַרומגעקוקט איבער די געטאָ־בערג. ס'האָט זיך אים געדאַכטן, אַז אַ פּרויען־קול וואָס איז תּחילת קלאָגנדיק און שפּעטער טרייסטנדיק, טראָגט זיך אַרום אין דער העל־געוואָרענער באַזוניקטער לופט.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ גערויש. פאַרן געטאָ־טויער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ גרויסער אויטאָמאָביל. ער האָט געזען ווי אַ היפּשע מחנה עלעגאַנט־געקליידעטע מענער מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן טייל אָנגעהאָנגען אויף די העלדזער טייל אויף די אַקסלען לאָזט זיך רעשיק אַריין אין געטאָ.

אַ דאַמע אין אַ פוטער האַלט אין דער רעכטער האַנט אַ גרויסן בלאָק מיט אַ גאָלד־פעדער. אַ הויכער מאַן אין ברילן מיט אַ פּאָר עכט־ייִדישע טרויעריקע אויגן פירט אַרום די דעלעגאַציע. ער רעדט יעדע רגע אַן אַנדערע שפּראַך און ווייזט־אָן אויף די געטאָ־חורבות. די דעלעגאַציע שפּאַנט מיט איבערגעשראָקענע אויגן און וואַקלדיקע טריט. זיי דערנענטערן זיך צו זייער חורבה־וואַנט.

— אָט איז אַ טיפּישער געטאָ־ייִד! — האָט דער ייִדישער איבערזעצער אויסגעשריגן. און אָט איז אַ מוסטער פון אַ געטאָ־ייִנגל.

די מחנה אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָבן גלייך אָנגעשטעלט זייערע פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן. אָבער דער ייִד מיט דער לאַמטערנע האָט זיך טיף איינגענורעט אין זיינע טראַנטעס און איז געבליבן זיצן מיטן קאָפּ צו דער ברוסט. נתן האָט דעם זיידע נאָכגעטאָן.

— וואָס געשעט דאָ? פאַרוואָס? — האָבן די זשורנאַליסטן אויף כלערליי שפּראַכן פאַרחידושט געפרעגט דעם איבערזעצער.

— פאַרוואָס? — האָט דער ייִד מיט דער לאַמטערנע זיך אויפגעשטעלט און שאַרף אַ זאָג־געטאָן. — ווייל איר האָט זיך אין אונדז צו־שפּעט דערמאָנט. זאָל אייך די אַש דערציילן דאָס וואָס איר ווילט פון מיר וויסן! אייער געוויסן איז געשלאָפן אַזוי לאַנג ווי חוני־המעגל. אים האָט מען אויך נישט מער געוואָלט דערקענען. איך דערקען אין אייך נישט מער גאָטס אָפּבילד. איר זענט מיר דורך דער צייט פרעמד געוואָרן. אייער איצטיק רחמנות טוט מיר מער ווייט ווי אייער פריִערדיקע שנאה און גלייכגילטיקייט. פאַר אייער געוויסנלאָזיקייט וועט איר איצט ביז אייביק דאַרפן טראָגן די געלע לאַטע. אויב די צייט וועט אייך מיט דער צייט מוחל זיין וועל איך אייך קיינמאָל נישט מוחל זיין. ווער איך בין? דאָס וועל איך אייך נישט מגלה־זיין — קום, נתן! — האָט ער גענומען אָנפילן זיין טאָרבע מיט אַש און ערד. און אָננעמענדיק דאָס ייִנגל ביי דער האַנט, האָט ער טראָט ביי טראָט זיך געלאָזט צום טויער.

— פאַרוואָס מיינסטו, נתן, האָט מען נישט געבויט דעם בית־המקדש אויפן

באַרג סיני, אויף וועלכן ייִדן האָבן נאָך יציאת־מצרים מקבל־געווען די תורה, נאָר אויפן באַרג מוריה?

— כ'ווייס נישט, זיידעשי.

— ווייל אויפן באַרג מוריה איז אברהם־אבינו גרייט געווען מקריב צו זיין יצחקן, זיין איינציקן, געליבטן זון. פאַר וועמען? פאַרן בורא־כל־עולמים. הייסט עס, אַז דער באַרג פון קרבן, איז אַפילו הייליקער ווי דער באַרג סיני. בייג דיך אַראָפּ, מיין קינד, און פיל אויך אָן דיין טאָרבע מיט אַש און ערד פון דעם הייליקן געטאָ־באַרג. באַנאַנד מיט אונדזער גייסטיקן אוצר, איז דאָס ביסל ערד — פון די סאַמע גרעסטע הייליקייטן וואָס מיר ברענגען אַ היים פון גלות. דאָס אַש פון אונדזער לעצטן געטאָ... נאָך אַזאַ גרויסן נסיון, קומט מיט גאָטס הילף, אַ גרויסער נס. קום, מיין קינד!

***

זיי האָבןביידע גענומען די אָנגעפילטע טאָרבעס אויף די אַקסלען און צוגעשפּאַנט צום טויער. פון זייער טיף־גראָבנדיקן גאַנג האָט זיך אויפגעהויבן אַ דינער אַשיקער וואָלקן, וואָס האָט זיי איינגעהילט אין אַ גרויען נעפּל, באַגילדעט מיט זוניקייט...

(סוף)

פּאַריז, 23סטער יוני 1958.

אין פאַרלאַג „ייִדבוך" זענען ביז איצט דערשינען

1) י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען

2) ה. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)

3) י. י. טרונק — בעלמער חכמים (אויספאַרקויפט)

4) שלמה סיימאָן — אַמאָליקע ייִדן (אויספאַרקויפט)

5) פּראָפ' ליבמאַן הערש — אויף דער גרעניץ פון צייטן

6) יצחק פערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד (אויספאַרקויפט)

7) י. י. טרונק — דער פרייליכסטער ייִד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)

8) ש. סיימאָן — תוך ייִדישקייט

9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס ייִדישע קריטיקער

(פּרעמירט דורך דעם ל. בימקאָ־פאָנד)

10) אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן

(פּרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)

11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען

12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות (אויספאַרקויפט)

13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע

14) יצחק פערלאָוו — דזשעבעליאַ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)

15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק

16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן (אויספאַרקויפט)

17) יעקב פאַט — די לערערין אסתר (אויספאַרקויפט)

18 שלמה סיימאָן — וואָרצלען (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)

19) משה דלוזשנאָווסקי — דערציילונגען און דראַמען

20) מנחם באָרײשאַ — עפּיען (אויספאַרקויפט)

21) לעאָן בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורך דער ז. גזשיוואַטש־פּרעמיע)

22) משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן (אויספאַרקויפט)

23) פ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — ייִדישער אומקום אין פראַנקרייך

24) דוד איגנאַטאָוו — „אָפּגעריסענע בלעטער"

25) חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער) — פּאַמפּאַדור

26) נח גאָלדבערג — אויף צעוואָרפענע וועגן

27) י. ה. פישמאַן — פריִער און שפּעטער
28) ל. לאַסאָווין — אַ חתונה אויפֿן באַרג לבנון
29) משה דלוזשנאָווסקי — ווי אַ בוים אין פעלד (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
30) ב. שעפנער — אַ בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט
31) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — לאָדזש אין מיין זכרון
32-33) אברהם זאַק — אויף שליאַכן פון הפקר (צוויי טיילן)
(פּרעמירט דורך דעם לואיס־ לאַמעד־פאָנד)
34) סטעפאַן צווייג — די וועלט פון נעכטן
35) וויליאַם נאַטאַנסאָן — קולטור קוואַלן
36) ב. ריווקין — יִדישע דיכטער אין אַמעריקע
37) יצחק פּערלאָוו — פלאָראַ אינגבער
38-39) שמואל איזבאַן — די קעניגין איזבל (2 בענד)
40) שלמה סיימאַן — צווייגן
41) מ. וו. בערנשטיין — און דאָס איז געווען אַשכּנז... (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורך דעם העקמאַן־פאָנד)
42) מ. אַקערמאַן — אויסגעלאָשענע שטערן (אויספאַרקויפט)
43) שלמה ראָזענבערג — די כּוזרים
44) אַנטאָלאָגיע פון דער וועלט־ליטעראַטור
(צונויפגעשטעלט פון יצחק איסאַקסאָן)
45) י. י. טרונק — משיח געוויטער
(אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט דער „ציקאָ")
46) יוסף ראָלניק — דער דיכטער און זיין ליד
(אָפּהאַנדלונגען וועגן זיין שאַפן)
47) אברהם ווייץ — די לעצטע געטאָ

אין גיכן דערשיינט:

קאַצענעלסאָן — קריזיס פון מאָדערנעם העברעיִש
(אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט דער „ציקאָ")

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina

Copyright by:
ABRAHAM WAJC (París)

HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY
Industria Argentina

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Againes Germany.

Este libro se terminó de imprimir en el mes de octubre de 1961, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S.R.L., Avda. Corrientes 1976, Bs. Aires

---

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

EDITORIAL "IDBUJ"

BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 87-9566 — BUENOS AIRES

República Argentina

ABRAHAM WAJC

EL ULTIMO GHETO

(DI LETZTE GHETO)

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
Buenos Aires - 1961